ווייסרוסישע וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע

# די סאָציאַליסטישע ליטעראַטור אויף ייִדיש

אין 1897-1875

מינסק — 1935

ווײַסרוסישע וויסנשאפט-אקאדעמיע

אינסטיטוט פונ נאציאָנאלע מינדערהײַטנ. יידישע סעקציע

פראָלעטאריער פונ אלע לענדער, פאראײניקט זיך!

# די סאָציאליסטישע ליטעראטור אפ יידיש

## אינ 1875—1897

II באנד

געזאמלט אונ צוגעגרייט צום דרוק פונ

ש. (ס.) אגורסקי

פארלאג פונ דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע

מ י נ ס ק — 1 9 3 5

רעדאקטער — ש. דימאנשטיין.

# פון דער יידישער סעקציע פון אינסטיטוט פון נאציאָנאלע מינדערהייטן

די יידישע סעקציע פון אינסטיטוט פון נאציאָנאלע מינדערהייטן בא דער ווייסרוסישער וויסנשאפט-אקאדעמיע האָט זיך געשטעלט פאר אן אופגאבע צו־נויפזאמלען און פובליקירן די ערשטע סאָציאַליסטישע ליטעראטור, וועלכע איז דערשינען אפ יידיש, זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן צו אנטוויקלען די סאָציאַליסטישע באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער, און אויך די דאָקומענטן, וועלכע זיינען דערשינען אפ אנדערע שפראכן און האָבן א דירעקטע שייכעס צו דער אנטשטייונג און אנטוויקלונג פון סאָציאַליסטישן געדאנק צווישן די יידישע ארבעטער.

די ערשטע דריי בענדער האָט צוגעגרייט צום דרוק דער כ׳ ש.(ס.) אגור־סקי. אין דעם ערשטן באנד פון די דאָזיקע ביכער זיינען אריין די בראָשורן, אופרופן און דאָקומענטן, וועלכע זיינען דערשינען פון 1875 ביז 1897 אין רוסלאנד און אויסלאנד. די דאָזיקע סעריע דאָקומענטן און בראָשורן באקענט אונדז מיט די ערשטע טריט פון דער סאָציאַליסטישער באוועגונג צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט פון רוסלאנד און ענגלאנד. זי באקאָנט אונדז מיט די פראָפאגאנדע־ און קאמפ-מעטאָדן, וואָס די פּיאָנערן פון סאָציאַליסטישן גע-דאנק צווישן דער יידישער ארבעטערשאפט האָבן אָנגעווענדעט, כדי צו קע־נען ווירקן אפ די מאסן.

אין דעם צווייטן באנד, וועלכער דערשיינט פריער פונעם ערשטן, גייען אריין בראָשורן און דאָקומענטן, וועלכע באלייכטן די טעטיקייט פון דער סאָציאַליס-טישער און ארבעטער-באוועגונג אין ווייסרוסלאנד פון דער צווייטער העלפט פון די 80־ער יאָרן ביזן סאָף פון די 90־ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. די דאָזיקע דאָקומענטן באקאָנען אונדז מיט דער טעטיקייט פון די ערשטע סאָציאַל-דעמאָקראטישע קרייזלעך פון מינסק, ווילנע, ביאלאָסטאָק, וויטעבסק, האָמעל, סמאָרגאָן, קריניק, גראָדנע און אנדערע שטעט פון ווייסרוסלאנד.

כוץ דעם באקאָנען אונדז די דאָקומענטן פון דאָזיקן באנד מיט די „קאמפ־קאסעס״, מיט דער שטרייק-כוואליע, וועלכע האָט ארומגעכאפט ווייסרוסלאנד אין דער ערשטער העלפט פון די 90־ער יאָרן, מיט די ערשטע מיי-פייערונגען און ביקלאל מיט דעם גאנצן כאראקטער פון דער באוועגונג פון יענער עפּאָכע.

אין דריטן באנד איז אריין דער גרעסטער טייל פון די אונטערערדישע בראָשורן און פּראָקלאמאציעס, וועלכע זיינען ארויס אין ווילנע, מינסק א. אנד.

שטעט פונ וויַיסרוסלאַנד, סיַי העקטאָגראַפירטע אונ סיַי געדרוקטע. כוץ דעמ זיַינען אריַינ אינ 3-טנ באַנד אייניקע בראָשורן, וועלכע זיַינען אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרן פאַרשפּרייט געוואָרן אינ מאַנוסקריפּט.

צוגרייטנ די דאָזיקע דריַי בענדער צומ דרוק איז געווענ פאַרבונדנ מיט גרויסע שוועריקיַיטן. א גרויסער טייל פונ די בראָשורן, וואָס גייען אריַינ אינ די בענדער, שטעלנ מיט זיכ פאָר ביבליאָגראַפישע זעלטנהיַיטנ אונ נאָר נאָכ א לאַנג-דויערנדיקער אַרבעט אינ די אַרכיוונ פונ מאַרקס־ענגעלס-לענינ-אינסטי-טוט, אינ אַרכיוו פונ לענינגראַדער רעוואָליוציע־מוזיי, אינ געוועזענעמ אַרכיוו פונ דער צאַרישער זשאַנדאַרמעריע — איז דעמ כ׳ ש.(ס.) אַגורסקי געלונגענ צו געפינענ די דאָזיקע בראָשורן אונ היסטאָרישע דאָקומענטנ.

די דאָזיקע דריַי בענדער שעפּנ ניט אויס די בראָשורנ אונ דאָקומענטנ, וועלכע די סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישנ די יידישע אַרבעטער האָט גע־שאַפנ אינ יענער עפּאָכע. אָבער דאָכ קענענ מיר מיט זיכערקיַיט דערקלערנ, אַז די דאָזיקע דריַי בענדער, וואָס מיר לאָזנ אַרויס, שטעלנ מיט זיכ פאָר א ווערטפולנ ביַיטראָג אינ דער ליטעראַטור וועגנ דער געשיכטע פונ דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישנ יידישע אַרבעטער.

די אַנדערע צוויי בענדער וועלנ אַרויס פונ דרוק אינ 1936 יאָר.

**יידישע סעקציע פונ אינסטיטוט פונ נאַציאָנאַלע מינדערהיַיטנ באַ דער וויַיסרוסישער וויסנשאַפט-אַקאַדעמיע.**

# די סאָציִאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין סוף פון די 80־ער און 90-ער יאָרן

די געשיכטע פון דער אַנטשטייונג פון דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע איז ניט נאָר ביז איצט פון קיינעם נאָך ניט באַשריבן געוואָרן, נאָר מע האָט נאָך אַפילו ביז איצט קימאַט ניט אָנגעהויבן צו פּובליקירן דעם שלל דאָקומענטן, וועלכע עס געפינען זיך אין די פאַרשיידענע אַרכיוון וועגן דער דאָזיקער עפּאָכע. דאָס, וואָס מע האָט יאָ געשריבן וועגן דער אַנטשטייונג־עפּאָכע פון דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטער, איז פול מיט פעלשונגען און גיט אינגאַנצן אַ פאַלשן בילד פון יענער עפּאָכע. די בונדישע היסטאָריקער באַמיִען זיך צו באַווייַזן, אַז ביז דער אַנטשטייונג פון „בונד" איז ביכלל קיין סאָציִאַליסטישע און אַרבעטער־באַוועגונג ניט געווען צווישן די ייִדישע אַרבעטער. דער „בונד" אין פּוילן האָט אין 1922 צו זייַן 25-יאָריקן יובילײַ אַרויסגעלאָזן אַ ביכל אונטער דעם נאָמען „25 יאָר". דער ערשטער אַרטיקל פון דעם דאָזיקן בונדישן יובילײַ־בוך הייבט זיך אָן מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

> „שטיל, טויט, פינצטער איז געווען אין לאַנד, בײַס מיט 25 יאָר צוריק איז אַרויס אַף דער פּאָליטישער אַרענע די פּאַרטיי פון ייִדישן פּראָלעטאַריִאַט. פאַרקאָוועט אין אײַזערנע קייטן איז געלעגן די אומגעהייערע מעלוכע פון די צאַרן. אַפן קאָלאָסאַלן שעטעך פון וולאַדיוואָסטאָק ביז פּוילן האָט נישט עקזיסטירט קיין איינע סאָציִאַליסטישע אָרגאַניזאַציע. נאָר אין פּוילן האָט געשטעלט אירע ערשטע טריט די פּוילישע סאָציִאַליסטישע פּאַרטיי. דער אַרבעטער-קלאַס איז געווען צעשטויבט, אָנמעכטיק און שטום. פון צײַט צו צײַט פלעגט דאָ און דאָרט אויסברעכן צווישן די אַרבעטער אַ פּראָטעסט קעגן זייער אומדערמעגלעכער לאַגע אין דער פאָרם פון אַ סטיכיישן עקאָנאָמישן שטרײַק. אָבער באַלד איז דאָס פײַערל פאַרלאָשן געוואָרן, און אַ טויטע שטילקײַט האָט ווידער געהערשט איבערן לאַנד.
>
> ... שטיל און פינצטער איז געווען אין לאַנד. אָבער אַ באַזונדערס טויטע שטילקײַט, אַ באַזונדערע פינצטערקײַט האָט געהערשט אַף דער ייִדישער גאַס. די דווירעס־לאַנגע רעדיפעס אַף דער ייִדישער באַפעלקערונג האָבן אָפּגעטויט אינעם ייִדן, נאָכמער ווי אין דער אַרומיקער

באַפּעלקערונג, יעדעס גֿעפיל פונ בירגערלעכער אונ אָפּטמאָל אפילע פונ מענטשלעכער ווירדע. דער ייִדישער באַלעבאָס האָט אפילע ניט געכאָלעמט וועגנ דעם, אז ער קאָנ האָבנ א וועלכע ניט איז דייע אינ פּאָליטישנ לעבנ פונ לאַנד. דער געדאַנק גופע וועגנ אזא מעגלעכקײַט האָט זיכ אימ אויסגעוויזנ מעשונע-ווילד. ער האָט זיכ אינ דרײַענ געבויגנ פאַר יעדנ סראָרע, פאַר יעדנ „מעשענעמ קנאָפּ“. מע האָט אימ אזוי לאַנג געשלאָגנ, ביז וואַנענ ער האָט אַלײנ דאָס אָנגעהויבנ צו באַטראַכטנ פאַר א נאַטירלעכער דערשײַנונג. אינ בעסטנ פאַל, האָט ער געקוויקט זײַנ הארצ מיטנ אומשולדיקנ כאָלעמ וועגנ ציִענ...“

די דאָזיקע דערקלערונג איז א פּאָשעטע פעלשונג פונ דער געשיכטע פונ דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער. עס איז ניט עמעס, אז ביז דעמ „בונד“ איז דערשינענ אפ דער ארענע, איז אינ דער ארבעטער-וועלט ביקלאַל אונ אינ דער ייִדישער ארבעטער-וועלט ביפראַט, געווענ „כוישעכ אונ פינצטער“.

אויסער די אָפיציִעלע בונדישע היסטאָריקער פונ פוילנ, האָבנ די אַפּאָלאָגעטנ פונ בונדיזמ בא אונדז אינ סאָוועטנפאַרבאַנד פאַרשפּרייט פאַרשיידענע פאַלשע מײַסעס וועגנ דער אָנטשטייונג פונ דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער אינ ווײַסרוסלאַנד, ליטע אונ פוילנ. אייניקע האָבנ זיכ באַמיט צו באַווײַזנ, אז ווענ די סאָציִאַליסטישע באַוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער איז געווענ א קרײַזל-באַוועגונג, איז זי דורכויס געווענ דורכגעדרונגענ מיט קאָסמאָפּאָליטישע אידייענ אונ, ווענ זי איז געוואָרנ א מאַסנ־באַוועגונג, ד. ה. ווענ דער „בונד“ איז אַנטשטאַנענ, איז זי אויסגעוואַקסנ א נאַציִאָנאַלע באַוועגונג אונ אלס אזעלכע איז זי פאַרבליבנ ביז דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע, ווענ דער „בונד“ איז צעפאַלנ געוואָרנ.

אינ 1932 יאָר האָט טשערניאַווסקי אינ זײַנ שעדלעכנ בוכ „באַמ באַגינענ פונ דער ייִדישער ארבעטער־באַוועגונג אינ ווײַסרוסלאַנד“ אַנטוויקלט א „טעאָריע“, אז עס איז ניט געווענ אונ ניט געקענט זײַנ קיינ ארבעטער־באַוועגונג, ווײַל „עס זײַנענ ניט געווענ די סאָציִאַל-פּאָליטישע קויכעס, וועלכע קאָנענ שאַפנ א פּאָליטישע אָדער רעוואָליוציִאָנערע באַוועגונג“. לויט טשערניאַווסקיס קאָנצעפּציע איז דער ייִדישער ארבעטער געווענ:

„א טיפּ פּראָווינציִעלער ארבעטער, אָבער ניט נאָר אינ געאָגראַפישנ זינענ פונ וואָרט. דאָ, אינ ווײַסרוסלאַנד, איז געווענ אינ יענע יאָרנ א טויטע שטילקײַט (אינ די 90-ער יאָרנ), אינ פאַרגלײַכ מיט דער פּראָווינצ (וועגנ די רעזידענצנריידנ מיר ניט) פונ אייגנטלעכער רוסלאַנד, ווײַל דאָ זײַנענ דעמאָלט ניט געווענ ניט קיינ „זעמסטוועס“ מיט זייער ליבעראַלער פּראָנדע, ניט קיינ „דריטער עלעמענט“, ניט קיינ סטודענטנשאַפט, — מיט איינ וואָרט, דאָ זײַנענ ניט געווענ יענע געזעלשאַפטלעכע קויכעס, וואָס זײַנענ אינ איבעריקנ רוסלאַנד אינ יענע יאָרנ ארויסגעטראָטנ מיט פּאָליטישע פאָדערונגענ“.

די „טויטע שטילקײַט“ איז לויט דעמ „היסטאָריקער“ טשערניאַווסקי געווענ דער רעזולטאַט הויפּטזאַכלעכ פונ דעמ, וואָס די ייִדישע ארבעטער זײַנענ אי-

װאָלירט פונ די ניט ייִדישע ארבעטער אונ דערפאר איז די באװעגונג פונ די דאָזיקע גרופעס:

„געװענ צו נישטיק, אז זי זאָל קענענ ארויסרופנ בא זײ א געדאנק װעגנ דער מעגלעכקײַט זיכ צו פארמעסטנ מיט דער צארישער הערשאפט, מיט זײַנ ארמײ אונ פאָליצײ. מע דארפ ניט פארגעסנ, אז דאָ, אינ װײַסרוסלאנד, װאָס איז געלעגנ הארט בא דער רוסיש־דײַטשישער גרענעצ, זײַנענ געװענ קאָנצענטרירט זײער גרויסע מיליטערישע קרעפטנ פונ צאריזם, אונ דאָ האָט מענ געקענט אפילע אינ די שטעטלעכ (װעגנ די באדײַטנדיקערע שטעט איז שוינ אָפגערעדט) באגעגענענ גאנצ שטארקע גארניזאָנענ. אלזאָ, אויכ צוליב דעם איז דאָ געװענ באזונדערס געפערלעכ די איזאָלירטקײַט פונ די ייִדישע ארבעטער פונ זײערע ניט־ייִדישע כאװײרים, װײַל דאָס האָט נאָכ געקענט געבנ א שטארקנ אומגלויבנ אינ די אײגענע קויכעס. אָט די דאָזיקע נישטיקײַט פונ די אײגענע קרעפטנ פונ די ייִדישע ארבעטער, אָפגעזונדערט פונ די ניט־ייִדישע, אינ זײער קאמפ פאר פאָליטישער פרײַהײַט, האָט געקענט זײ לײַכט ברענגענ צום אָפזאָגנ זיכ פונ דער דאָזיקער אופגאבע, װי אנ אבסאָליוט ניט אויספילבארע אונ איליוזאָרישע—א דאנקבארער באָדנ פאר „עקאָנאָמיזמ". אזוינע שטימונגענ האָבנ זיכ נאָכ גיכער געקענט פארפעסטיקנ אדאנק דעם, װאָס די ייִדישע ארבעטער האָבנ די ערשטע צײַט (ביזנ מיטנ פונ די 90־ער יאָרנ) אינ זײער עקאָנאָמישנ קאמפ קימאט לאכלוטנ זיכ ניט אָנגעשטויסנ (צוליב א גאנצער רײ סיבעס) אפ א װידערשטאנד מיצאד דער אָרטיקער מאכט".

אזוי האָט, לויט דעמ אפאָלאָגעט פונ בונדיזמ טשערניאװסקי, אויסגעזענ דער באגינענ פונ דער ארבעטער־באװעגונג צװישנ ייִדנ אינ די 90־ער יאָרנ.

קלאָר װי דער טאָג, אז דאָ האָט דער אפאָלאָגעט פונ בונדיזמ אפ אנ אנדער אופנ איבערגעכאזערט די זעלביקע בונדישע אויסגעטראכטע מײַסע, אז אינ די 90־ער יאָרנ איז אינ װײַסרוסלאנד געװענ „א טויטע שטילקײַט", אז נאָר װענ דער „בונד" איז אנטשטאנענ, איז געװאָרנ ליכטיק אונ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א באװעגונג.

אז די בונדישע היסטאָריקער אונ אפאָלאָגעטנ פונ בונדיזמ פעלשנ די געשיכטע, װעלנ מיט דער גאנצער קלאָרקײַט באװײַזנ די דאָקומענטנ, װעלכע װערנ פאָרעפנטלעכט אינ דעמ דאָזיקנ באנד. פאר אונדז װערט קלאָר, אז שוינ אינ די 80־ער יאָרנ זײַנענ צװישנ דער ייִדישער ארבעטערשאפט פונ װײַסרוסלאנד, ליטע אונ פוילנ געװענ סאָציאַליסטישע קרײַזלעכ אונ אינ סאָפ פונ די 80־ער יאָרנ אונ ערשטער העלפט פונ די 90־ער זײַנענ פאָרגעקומענ א גאנצע רײ שטרײַקנ, אינ װעלכע עס האָבנ זיכ באטײליקט ייִדישע אונ ניט־ייִדישע ארבעטער.

שוינ אינ 1892 איז אינ װילנע צום ערשטנ מאָל געפײַערט געװאָרנ דער ערשטער מײַ־יאָנטעװ אונ פונ יאָר צו יאָר איז די פײַערונג פאָרגעקומענ אפ א גרעסערנ מאסשטאב.

אַז די בונדישע שרײַבער פֿון ביכל „25 יאָר" צוזאַמען מיט טשערניאַווסקין פֿעלשן אָפֿן מיעסטן אויפֿן די געשיכטע פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער באַווײַזט אויך דער פֿאַקט, וואָס אין ביכל „מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער-באַוועגונג", וואָס דער „בונד" אַליין האָט מיט 35 יאָר צוריק אַרויסגעלאָזן, געפֿינען מיר אַ ריי פֿאַקטן וועגן דער שטרײַק-באַוועגונג, וועלכע איז פֿאָרגעקומען אין אָנהייב פֿון די נײַנציקער יאָרן אין אַ ריי שטעט און עס ווערט אויך דערציילט, אַז:

„צוזאַמען מיטן קלאַסן-באַוווּסטזײַן פֿון די יידישע אַרבעטער, וואַקסט אויך זייער באַוווּסטזײַן פֿון סאָלידאַריטעט מיט די אַרבעטער פֿון אַלע לענדער. זיי אינטערעסירן זיך לעבעדיק מיט דעם קאַמף פֿון רוסישן און פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, זיי פֿאָלגן נאָך פֿילבאַר די מערעוו-אייראָפּייִשע אַרבעטער-באַוועגונג.

אין צײַט פֿון דעם שטרײַק פֿון די פּעטערבורגער האָפּן־אַרבעטער (1894) האָבן די ווילנער יידישע אַרבעטער אַוועקגעשיקט די שטרײַקער אַ טייל פֿון זייער קאַסע-געלט מיט אַ ווענדונג (אַדרעס) פֿון זייער נאָמען; די אַרבעטער פֿון אייניקע קאַסעס האָבן אַפֿילו פֿאָרגעלייגט צו אַוועקשיקן די פּעטערבורגער אַרבעטער דאָס גאַנצע געלט פֿון זייערע קאַסעס. אין סאָף פֿון 1895 האָבן פֿאָרשטייער פֿון 33 יידישע פּראָפֿעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס טעלעגראַפֿיש באַגריסט דעם ברעסלאַווער סאָציאַל־דעמאָקראַטישן צוזאַמענפֿאָר און אויסגעדריקט זייער טיפֿסטן טרויער וועגן דעם טויט פֿון דעם לערער פֿון דעם אַלוועלטלעכן פּראָלעטאַריאַט — פֿרידריך ענגעלס. אין נאָמען פֿון די דאָזיקע פֿאָרשטייער איז אין אָנהייב פֿון 1896 אַרופֿגעלייגט געוואָרן אַ קראַנץ אויף דעם קייווער פֿון די געפֿאַלענע קאָמונאַרן." [1]

נאָך די דאָזיקע פֿאַקטן קומען די היסטאָריקער פֿון פּוילישן „בונד" אין זייערער אַ יובילײ-אויסגאַבע און דערקלערן, אַז ביז דער אַנטשטייונג פֿון „בונד" איז געווען „כוישעך און פֿינצטער" אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער-וועלט און באַזונדערס אין דער יידישער אַרבעטער-וועלט.

די דאָזיקע פֿעלשונג איז ניט קיין צופֿעליקע דערשײַנונג: דאָס איז איין רינגעלע פֿון דער לאַנגער קייט פֿון פֿעלשונגען, וואָס די בונדישע היסטאָריקער באַגייען, כּדי צו דערווײַזן, אַז נאָר דער „בונד" האָט אָנגעהויבן אָרגאַניזירן דעם יידישן אַרבעטער, אַז ער איז געווען דער „איינציקער פֿאָרשטייער פֿון יידישן פּראָלעטאַריאַט", און אַז ביז אים איז בכלל קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג ניט געווען.

דאָס ווילן באַווײַזן ניט נאָר די בונדישע היסטאָריקער. עס האָבן זיך, ליידער, געפֿונען אַזעלכע מענטשן, וועלכע האָבן אויף די זײַטן פֿון אונדזער סאָוועטישער פּרעסע געשריבן, אַז דער „בונד" איז דער ערשטער דערשינען אויף דער אַרענע פֿון רעוואָלוציאָנערן קאַמף אין רוסלאַנד, אַז ער איז געווען דער

---

1 מאַטעריאַלן צו דער געשיכטע פֿון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, זײַט 55. (רוסיש) אויסגאַבע „טריבונע" 1906.

אוואנגארד ניט נאר פון דעם יידישן פראלעטאריאט, נאר ער איז אויך געשטאנען אין די פאדערשטע רייען פון רוסלענדישן פראלעטאריאט.

קעדיי צו דערוויזן, ווי אומגעלומפערט עס זיינען די דאזיקע פאלשע דערקלערונגען, וועלן מיר באקאנען די לייענער מיט דער סאציאליסטישער באוועגונג צווישן די יידישע ארבעטער פון ווייסרוסלאנד און ליטע ביז דער אנטשטייונג פון „בונד“ און מיט די סאציאל־עקאנאמישע באדינגונגען, אין וועלכע די באוועגונג איז אויסגעוואקסן.

*

די קאלאניאלע פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג, וועלכע האט זיך באזירט אפ פארכאפן און אונטערדריקן פרעמדע לענדער, האט פארוואנדלט די געוועזענע צארישע אימפעריע אין א טורמע פאר די פעלקער, וועלכע האבן זיך געפונען אפ דעם שעטעך פון דעם אמאליקן רוסלאנד.

די דאזיקע פאליטיק פון דער צארישער רעגירונג האט פארוואנדלט דעם אזוי גערופענעם „מיירעוו-געגנט“ פון דער געוועזענער צארישער אימפעריע אין אן אפגעשטאנענעם אגראר־לאנד. ביז די 70־ער יארן פון 19 י. ה. איז אין ווייסרוסלאנד קימאט קיין סימען ניט געווען פון קיין גרויס-אינדוסטריע. די גאנצע פראדוקציע איז געלעגן אין די הענט פון די באלמעלאכעס, וואס האבן אין גרעסטן טייל נאך אליין געארבעט אפ באשטעלונגען פון נעברויכער. אויב דאס געוועזענע צארישע רוסלאנד איז פאר די פעלקער, וועלכע האבן זיך אין איר געפינען, געווען א טורמע, איז פאר דער יידישער ארעמער באפעלקערונג דאס צארישע רוסלאנד געווען א קארצער: די ארעמע יידישע מאסן זיינען געווען צונויפגעשפארט אין די עטלעכע גובערניעס פון דער געוועזענער געטא („טשערטא אסעדלאסטי“) און קיין רעכט ניט געהאט צו וווינען אין די דערפער און זיך פארנעמען מיט ערדארבעט. די שטעט פון דער געטא זיינען דעריבער געווען איבערגעפילט מיט פאראָרעמטע יידישע מאסן, וועלכע האבן זיך באשעפטיקט אדער מיט האנטווערקעריי, אדער מיט קליינהאנדל און סטאם פארשיידענע לופט-פארנאסעס.

די יידישע בורזשואזיע האט אויסגענוצט די רעכטלאזיקייט פון די יידישע מאסן און זיי אפ א מוירעדיקן אויפן עקספלואטירט. וועגן דער לאגע פון דער ארעמער יידישער באפעלקערונג אין די שטעט און שטעטלעך פון מיירעוו-ווייסרוסלאנד ווערט דערציילט אין א קארעספאנדענץ פון ביאלאסטאק, געדרוקט אין „ווּפעריאד“ נומ. 23 פון 1875 י. פאלגנדעס:

„די מישפאכעס פון די נעגידימ האלטן אין פולשטענדיקער פארשקלאפונג קימאט אלע מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, וואס דינען קימאט אלע בא איר פאר לעגענדאר-נידעריקע סכירעס. א געוויינטלעכער לוין באשטייט פון אנדערהאלבן ביז 2 רובל א וואך.

עס פארדינען נאר די עלטסטע פון דער פאמיליע. קינדער פון 14—16 יאר פייניקט מען אין די כאדארימ צו 12 שא א טאג, און פרויען באשעפטיקן זיך מיט הויז־ארבעט. פרויען-ארבעט ווערט געשאצט נאך פיל נידעריקער. זיי נעמט מען אן אפ א געוויסער צייט לויט א קאנ-

טראקט פאר א געהאלט פונ 50 קאָפּ. ביז אָנדערהאלבנ רובל א וואָכ פאר 14 שאָ ארבעט א טאָג. אוועקגייענדיק אפ דער ארבעט נעמענ די מיידלעכ מיט זיכ שפּײַז פאר 3 קאָפּ. זעלטנ וועג פאר 5 קאָפּ. מיט דעמ שפּײַזנ זיי זיכ ביזנ ענדיקנ דעמ טאָג ארבעט. נאָר אפ אָוונט-ברויט עסנ זיי הייסע שפּײַז. איינמאָל א וואָכ, בא די קריסטנ—פּרײַטיק, בא די ייִדנ—דאָנערשטיק, ארבעטנ די מיידלעכ דעמ גרעסטנ טייל די נאכט אָנ אָפּרו, אונ פאר יאָנטויוויִמ ווערט די נאכט־ארבעט פארשטארקט, אונ דאנ ארבעט מענ קעסיידער צו 18 שאָ א מעסלעס. עס פארשטייט זיכ, אז פאר דער דאָזיקער ארבעט קריגנ זיי אָבער ניט קיינ גרויסע געצאָלט.

די מערהײַט פונ די ארבעטער ווױנענ אינ קעלערס, אָדער ענלעכע לעכער מיט נאסע ווענט אונ דילנ, האלב-פינצטערע מיט א פארשטיק־טער אומדערטרעגלעכער אטמאָספערע אונ אינ אויסערגעוויינטלעכער ענגשאפט. די ציילונג, וועלכע איז פאָרגעקומענ דעמ פרילינג (1875) האָט באוויזנ, אז אינ דירעס פונ 3 קלאפטער די לענג אונ די ברייט ווױנענ צו 20 מענטשנ פונ ביידע געשלעכטנ אונ פארשיידענעמ עלטער.

אינ דינסט בא די נעגידימ געפינט זיכ אפילע אויכ דער ראָוו... וואלנ פונ קאָהאָלס־לײַט קענענ ניט זײַנ אונ קיינער וואָלט ניט געהאט קיינ האָזע צו זאָגנ א דייע די נעגידימ, וואָס טײַנענ, אז זיי זײַנענ די שטאָט-באַלעבאטימ... די גאנצע לאסט פונ די הויצאָעס פאלט אפ די אָרעמעלײַט. גראדע די באלטויוועס פונ פארשיידענע שטעטלעכ, האָבנ זיכ געקליגט צו אויסזוכנ נײַע געזעלשאפטלעכע הויצאָעס, ארופלייגנדיק אומדירעקטע שטײַערנ אפ די פּראָדוקטנ פונ דער ערשטער נויטווענ־דיקײַט, ווי, לעמאָשל, זאלצ, קעראָסינ, ליכט, ניט רעכענענדיק די קאָ-ראָבקע... באלמעלאָכעס זײַנענ אינ די שטעטלעכ פאראנ ווייניק. קיינ ייִנגלעכ האלטנ זיי ניט, ווײַל פאר זיי גופע קלעקט קוימ ארבעט״.[1]

אזוי ווערט געמאָלט די לאגע פונ דער ייִדישער אָרעמקײַט אינ די שטעט אונ שטעטלעכ פונ ווײַסרוסלאנד אונ ביקלאל פונעמ געוועזענעמ מײַרעוו-געגנט אינ דער ערשטער העלפט פונ די 70-ער יאָרנ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט. אינ סאָפ פונ די 70-ער יאָרנ ביז די 90-ער קומט פאָר אנ ענדערונג אינ עקאָנאָ-מישנ לעבנ פונ ווײַסרוסלאנד. די אײַזנבאנענ, וואָס זײַנענ אויסגעבויט געוואָרנ אינ די 60-ער, 70-ער אונ 80־ער יאָרנ, האָבנ געשאפנ א באָדנ פאר א גרויס-אינדוסטריע אינ אייניקע גובערניעס פונ ווײַסרוסלאנד. אינ גראָדנער גובערניע (ביאַלאָסטאָק) הייבט זיכ שטארק אָנ צו אנטוויקלענ די טעקסטיל־אינדוסטריע, אינ אנדערע געגנטנ, ווי גראָדנע, ווילנע ווערנ געשאפנ טאבאק-פאבריקנ מיט א גרויסער צאָל ארבעטער. סיהייבנ אויכ אָנ צו אנטשטיינ א גאנצע ריי אנ-דערע אונטערנעמונגענ, ווי לעדער-זאוואָדנ אונ שוועבעלעכ-פאבריקנ, אונטער-נעמונגענ מיט א מאנופאקטור-פּראָלעטאריאט. אָבער באזונדערס שטארק הייבנ אָנ וואקסנ די האנטווערקערישע אונטערנעמונגענ. די לאגע פונ די באלמע-לאָכעס אונ ארבעטער אפ די אונטערנעמונגענ האָט זיכ געביטנ. די באלמע־

---

[1] דער אווטער פונ דער דאָזיקער קאָרעספּאָנדענצ איז געווענ א. ליבערמאנ (ארטור פרימאנ).

לאָכעס פונעם געוועזענעם מײַרעוו-געגנט, וועלכע האָבנ פריִער נאָר געאַרבעט אַפ באַשטעלונגענ פונ געבּרויכער, האָבנ אָנגעהויבנ צו פאַרלירנ זייער באָדנ דורכ דער אנטשטייונג פונ מאגאזינענ פונ פאַרטיקע קליידער, שיכ אונ אנדערע פּראָדוקטנ, וואָס די געבּרויכער פלעגנ פריִער באַשטעלנ נאָר בא די האַנטווערקער. די אײַזנבאַנענ האָבנ אופגעעפנט נײַע מערק פאַר די אופקומענדיקע קליינע אונ גרויסע קאַפּיטאַליסטנ. ס׳האָבנ אָנגעהויבנ צו אנטשטיינ מאגאזינענ מיט פאַרטיקע אויסגעאַרבעטע פּראָדוקטנ, וועלכע האָבנ ניט נאָר געגומענ פאַרקויפנ זייערע סכוירעס אַפנ היגנ מאַרק, נאָר אויכ גענומענ פאַרכאַפנ ווײַטע מערק. די גרעסטע מערהײַט פונ די האַנטווערקער האָט אָנגעהויבנ צו אַרבעטנ פאַר די מאגאזינענ אונ פאַר די קאַפּיטאַליסטישע אונטערנעמער, וועלכע פלעגנ אַרויספירנ זייערע סכוירעס אַפ ווײַטע מערק. דער האַנטווערקער האָט אינגאַנצנ פאַרלאָרנ זײַנ פריִערדיקע זעלבשטענדיקײַט אונ ער איז געוואָרנ אָפּהענגיק פונ די אופקומענדיקע גרויסע אונ קליינע קאַפּיטאַליסטנ. ס׳האָט זיכ אָנגעהויבנ א מוירעדיקע קאָנקורענצ צווישנ די באַלמעלאָכעס, קעדיי צו באַקומענ אַרבעט פונ די מאגאזינענ.

דער פאַקט, וואָס די גרעסטע מערהײַט האַנטוועורקער, זײַנענ געווענ ייִדנ, וואָס זײַנענ צוליב די פאַרפאָלגונגענ פונ דער צאַרישער רעגירונג, געווענ פאַרשפּאַרט אינ טכום אונ זיכ ניט געקענט באַוועגנ אויסער זײַנע גרענעצנ, האָט געשאַפנ באַדינגונגענ פונ מוירעדיקער עקספּלואַטאַציע. די נײַע אופשטײַגנדיקע ייִדישע בורזשואַזיע, וועלכע האָט אָנגעהויבנ קאָנקורירנ אַפ דעמ אַלגעמיינעמ רוסלענדישנ מאַרק, האָט אויסגענוצט די רעכטלאָזיקײַט פונ די ייִדישע מאַסנ, קעדיי זיי מערער צו עקספּלואַטירנ, אונ קעדיי מער זיי צו פאַרשקלאַפנ.

וואָס פאַרא מוירעדיקע פאָרמעס די עקספּלואַטאַציע פונ די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסנ האָט אָנגענומענ אינ די גובערניעס פונעמ געוועזענעמ מײַרעוו-געגנט, ווערט קלאָר פאַר אונדז פונ א גאַנצער ריי באַשרײַבונגענ, וועלכע מיר געפינענ סײַ אינ די באַריכטנ, וועלכע ווערנ געדרוקט אינ דעמ דאָזיקנ באַנד אונ סײַ אינ די אַרטיקלענ פונ די ערשטע סאָציִאַליסטישע אויסגאַבעס, וועלכע זײַנענ דערשינענ אינ סאָפ פונ פאָריקנ יאָרהונדערט אונ אינ אָנהייב פונ 20-טנ י. ה. אינ „מינסקער אַרבעטער" נומ. 2 (1901) ווערט די לאַגע פונ די מינסקער אַרבעטער באַשריבנ אַפ אַזא אויפנ:

„ערשט מיט 4—5 יאָר צוריק פלעגנ מיר, קאָנפעטניצעס, יונגע מיידלעכ אונ קינדער, אַרבעטנ אינ דעמלסט קליינע פאַבריקלעכ מער ווי אַרבעט-פערד, מער ווי די מאַשינענ. מיר פלעגנ דאַנ אַוועקגיינ פונ אונדזערע היימענ 4—5 אַזייגער זונטיק פאַרטאָג (אונ ווינטער מיט א לאַמטערנע) אונ דאָרטנ פלעגנ מיר בלײַבנ זיצנ אינ ענגע, שמוציקע, מיט פאַרשטיקטער לופט צימערנ ביז שאַבעס, אַרבעטנדיק טאָג אונ נאַכט פונ 5 פרי ביז 1 אינ דער נאַכט אונ אינ סעזאָנ-צײַט גאָר אָנ אופהער. אפילע ניט אינ סעזאָנ-צײַט פלעגנ אונדז אויכ אונדזערע פאַרזאָרגער שיקנ 1 אַזייגער אינ דער נאַכט צעטראָגנ די אַרבעט, אונ ווידער פלעגנ אונדזערע מידע, צעבראָכענע קערפּערס די לעצטע קרעפטנ אָנווענדנ אומ די אַרויסגעגעבענע אַרבעט אויספילנ. פאַר די היער (דאָ) געשילדערטע

ארבעט־ארס (באַדינגונגען) פלעגן מיר די ערשטע פאָר יאָר פאַרדינען 2—3 רובל א מאָנאט...״

אין אזעלכע באַדינגונגען האָבן געארבעט און געלעבט ניט נאָר די קאָנפעטניצעס פון מינסק. די זעלבע אומדערטרעגלעכע לאגע, די זעלבע מוירעדיקע עקספלואטאציע האָט געהערשט אין אלע פאכן. אין סאָף פון די 90־ער יאָרן האָבן די שוסטער געארבעט ביז 2 און 3 אזייגער באַנאכט און אין סעזאָן־צייַט די גאנצע נאכט. אייַנבינדער האָבן געארבעט צו 15—16 שאָ א טאָג, קירזשנער—13—15 שאָ א טאָג, שלאָסער—13—18 שאָ א טאָג. וועבער האָבן אין 1895 י. געארבעט צו 14 שאָ א טאָג. און אין פיל פאכן פלעגט מען ארבעטן צו 20 שאָ א טאָג.

אינעם זעלביקן נומער „מינסקער ארבעטער״ (1901) איז אויך דאָ א באַשרייַבונג וועגן דער לאגע פון די מינסקער סטאָליארעס, אין וועלכער עס ווערט דערציילט:

„בא אונדז אין מינסק זייַנען פאראן סטאָליארעס-ארבעטער 100 און „אוטשעניקעס״ אויך 100. די אלע זייַנען פאנאנדערגעוואָרפן אין די 23 „מאסטערסקאיעס״. אונדזער סעזאָן איז אויך ניט קיין גרויסער, ער הייבט זיך אָן נאָך שוועס און ענדיקט זיך נאָך סוקעס. אין דער גוטער צייַט נעמען די בעסטע ארבעטער 6 רובל א וואָך. נאָר אזעלכע זייַנען דאָ וויניק. און מיט דערוף קומט אויס צו לעבן גאנצע געזינדן. די איבעריקע ארבעטער פאַרדינען אסאך וויניקער. עס זייַנען דאָ אסאך ארבעטער, וואָס נעמען צו 2 רובל א וואָך אויך. די סכירעס קומט ניט אויס קיינמאָל צו נעמען אינגאנצן. פון יעדער וואָך לאָזט דער באלעבאָס א העלפט פון די פאַרדינטע געלט. קיין ווארמעס גיט מען ניט, נאָר מע עסט אין „מאסטערסקאיא״. אָנבייַסן עסט מען 10 אזייגער אינדערפרי, קומט אויס פון 6 פרי ביז 10 שטיין ניט קיין געגעסענער. די ארבעט ענדיקט מען 8 אינאָוונט און אָפט שפעטער. ווער רעדט שוין וועגן דער לופט אין די „מאסטערסקאיעס״: קליינע, ענגע מישקאניעס (קעלערן), וווּ דורך די פענצטער קומט קיינמאָל ניט ארייַן קיין פרישע לופט און וווּ עס איז שטענדיק פול נאסקייַט. אז אן ארבעטער ווערט קראנק, זאָגט דער באלעבאָס, אז ער פוילט זיך צו ארבעטן און לאָזט ארויס א קלאנג, אז ער איז א פויליאק...״

אין באזונדערס שרעקלעכע באַדינגונגען האָבן זיך געפונען די קינדער פון דער אָרעמקייַט, וועלכע פלעגן זיך וועלן אויסלערנען א פאך. אין די גרענעצן פון דער געטאָ איז געווען אזא סיסטעם פון אופנעמען לערניינגלעך:

אין מינסק פלעגן די באלעבאטים אָנעמען לערניינגלעך אף 4 יאָר. באַם שליסן דעם אָפמאך פלעגן די עלטערן פון די לערניינגלעך מוזן אייַנצאָלן די באלעבאטים פון 15 ביז 20 רובל פאר לערנען דעם פאך, און דער באלעבאָס פלעגט אין די 4 יאָר נאָר געבן עסן דעם לערניינגל.

אין אנדערע ערטער פלעגן די לערניינגלעך זיך פאַרדינגען אף דרייַ יאָר. די ערשטע צוויי יאָר פלעגט מען ארבעטן אינגאנצן אומזיסט און דעם דריטן

יאָר עסן באַם באַלעבאָס אָדער באַקומען 25 רובל פאַר דעם יאָר עסן. שפּײַזן פלעגט מען די ייִנגלעך אַף אַזאַ אויפן:

„אין מינסק פלעגן די ייִנגלעך באַקומען נאָר צוויי מאָל אַ טאָג עסן: דעם ערשטן מאָל 11 אַזייגער אינדערפרי און דעם צווייטן מאָל פינף אַזייגער אינאָוונט. דעם ערשטן מאָל פלעגט מען די ייִנגלעך געבן אַ שטיקל האַרטן ברויט מיט צוויי קאָפּיקעס געלט און אין אָוונט פלעגט מען זיי געבן אַ ביסל געקעכטס, און אַז מע·פלעגט דערצו געבן אַ שטיקל לונגען, פלעגט שוין זײַן אַ גאַנצער יאָנטעוו...[1]

אין גראָדנער גובערניע איז אין סאָף פון די 90־ער יאָרן געווען אַזאַ סיסטעם פון שפּײַזן די לערנייִנגלעך: אינדערפרי פלעגט מען זיי געבן 3 קאָפּיקעס אַף פרישטיק, און מיטאָק־צײַט אַביסל געקעכטס מיט אַ שטיקל ברויט און אינאָוונט 2 קאָפּיקעס געלט. פאַר דער דאָזיקער סומע געלט פלעגט מען קאָנען קויפן אַ האַלב פונט שוואַרצע ברויט מיט אַ שטיקל הערינג, אָדער אַ שטיקל ווײַסע קעז. די לערנייִנגלעך, וועלכע האָבן ניט געהאַט קיין עלטערן און קיין היים, האָבן קעסיידער געהונגערט.

אין דער צײַט פון דער לערע זײַנען די ייִנגלעך פאַקטיש געווען קנעכט בײַ די באַלעבאַטים און זייערע פאַמיליעס. די שקלאַפן־סיסטעם פון די לערנייִנגלעך איז געווען באַרעכטיקט דורך אָפיציעלע געזעצן און „פּראַווילעס“.

די אַרבעט־באַדינגונגען פון די לערנייִנגלעך זײַנען געווען אומדערטרעגלעכע: קליינע קינדער פון 12 יאָר און אַפילע ייִנגערע פלעגן אַרבעטן אין ענגע שמוציקע וואַרשטאַטן ניט ווייניקער ווי 16—17 שאָ אַ טאָג, און ערעוו שאַבעס און ערעוו די יאָנטויווים פלעגן די קליינע קינדער צוגלײַך מיט עלטערע אַרבעטער אַרבעטן גאַנצע טעג און נעכט.

די ערשטע פּאָר יאָר פלעגן די לערנייִנגלעך זיך זייער ווייניק פאַרנעמען מיט לערנען זיך די אַרבעט. כּמעט אַלע ייִנגלעך פלעגן אויספילן די פונקציעס פון הויז־דינער. זיי פלעגן טראָגן האָלץ און וואַסער און אויספילן פאַרשיידענע שמוציקע הויז־אַרבעט. אין די קליינע שטעטלעך, וווּ די באַלעבאַטים פלעגן האָבן קי און ציגן, פלעגן די לערנייִנגלעך מוזן אופּפּאַסן אַף די בהיימעס און זומער זיי טרײַבן אין פעלד. אויסערדעם פלעגן די לערנייִנגלעך מוזן באַדינען די עלטערע אַרבעטער, זײַן בײַ זיי שיק־ייִנגלעך. פון די עלטערע אַרבעטער זײַנען די לערנייִנגלעך געווען אָפּהענגיק ניט ווייניקער, ווי פון די באַלעבאַטים, ווײַל די עלטערע אַרבעטער האָבן געמוזט לערנען די ייִנגלעך דעם פאַך, און דערפאַר פלעגן זיי זיך איזדעקעווען איבער די קינדער ניט ווייניקער, ווי די באַלעבאַטים. אַף וויפל די לערנייִנגלעך זײַנען געווען אונטערגעוואָרפן די קאַפּריזן פון די עלטערע אַרבעטער, באַווײַזט דער פאַקט, אַז אין די „פּראַווילעס“ פון דער מינסקער „רעמעסלענע אופּראַווע“ איז געווען אַזאַ פּאַראַגראַף:

„יעדער אונטערמײַסטער איז פאַרפליכטעט... צו לערנען דעם לערנייִנגל, וווּ ער אַרבעט, אופּפּאַסן אַף זײַן אופירונג און דערבײַ זיך באַגיין מיט דעם לערנייִנגל פרידלעך און רויִק“.

---

[1] „מינסקער אַרבעטער“, נומ. 2, 1901.

אָבער זעלטנ ווענ אנ עלטערער ארבעטער איז זיכ באַגאַנגענ „פרידלעכ אונ רויִק“ מיט די לערנייִנגלעכ. פאַרקערט, ביז דער סאָציאַליסטישער גערדאַנק האָט אָנגעהויבנ אַריַינדרינגענ צווישנ די ארבעטער פונ די דאָזיקע שטעט אונ שטעטלעכ, פלעגט מענ אפנ ווילדסטנ אויפנ זיכ באַגייִנ מיט די יונגע ארבעטער-קינדער. אינ אפולע ערטער האָט ביזנ סאָפ פונ די 90־ער יאָרנ געהערשט אַזאַ ווילדער מינהעג אינ די ווארשטאַטנ: ווענ א נייַער לערנייִנגל פלעגט אָנקומענ אינ ווארשטאַט, פלעגט מענ אימ גלייַכ שיקנ עפּעס לייַענ אינ צווייטנ ווארשטאַט. די זאַכ, וואָס מע פלעגט דעמ ייִנגל שיקנ לייַענ איז געווענ א „וויטאַרגאַטש“ אָדער א זאַכ מיט אנ ענלעכנ נאָמענ, וואָס דאָס האָט געהייסנ, אַז מע דאַרפ דעמ יונגנ „יאָלד“ געבנ א שנייַדערשנ אָדער א שוסטערשנ קאַבאָלעס־פּאָנעמ. אונ גאָר אָפט פלעגנ די ייִנגלעכ, וואָס פלעגנ גייִנ לייַענ דעמ „וויטאַרגאַטש“, צוריקקומענ צעקייַלטע אונ צעבייַלטע אונ פלעגנ לאַנג געדענקענ די דאָזיקע באַגעגעניש פונ זייערע כאַווײרים־ארבעטער.

ווי שלעכט אונ אומדערטרעגלעכ די באַדינגונגענ פונעמ לערנייִנגל זייַנענ ניט געווענ אינ די יאָרנ פונ דער לערע, אַפּ וועלכע ער האָט זיכ פאַרדונגענ, האָט ער פונ דעמ באַלעבאָס ניט געטאָרט אונ ניט געקענט אוועקגייִנ, ווייַל, ערשטנס, האָט לויט די געזעצנ פונ דער „רעמעסלענע אופּראַווע“ קיינ אנדער באַלעבאָס ניט געטאָרט נעמענ צו דער ארבעט אנ ארבעטער אָנ דער דערלויבעניש פונ דעמ פריִערדיקנ באַלעבאָס אונ, צווייטנס, אויב עס וואָלט זיכ געפונענ אַזאַ באַלעבאָס, וועלכער וואָלט געוואָלט צונעמענ א לערנייִנגל אָדער אנ ארבעטער, האָט די „רעמעסלענע אופּראַווע“ באַשטראָפט אי דעמ ארבעטער, אי דעמ באַלעבאָס פאַר דעמ דאָזיקנ „פאַרברעכנ“. אינ די געזעצנ פונ דער „אופּראַווע“ איז וועגנ די אונטערמייַסטערס, וואָס זייַנענ אוועק פונ זייערע באַלעבאַטימ אָנ זייער האַסקאָמע, געווענ אַזאַ געזעצ:

„ארטיקל 230: אנ אונטערמייַסטער, וועלכער איז פרייַוויליק אוועק פונ זייַנ מייַסטער, אָדער האָט זיכ אָפּגעזאָגט אָנ וועלכער עס איז געזעצלעכער סיבע צו פאַרנעמענ זיכ מיט זייַנ ארבעט, ווערט באַשטראָפט מיט אָפּרעכענענ פונ געהאַלט לעטויוועס דעמ מייַסטער לויט דער אויסרעכענונג פונ יעדנ טאָג, וואָס ער איז ניט געווענ אַפּ דער ארבעט, אָדער האָט זיכ אָפּגעזאָגט פונ ארבעט. אונ כוץ דעמ מוז ער אַזאַ געלטשטראָפ אויכ צאָלנ אינ דער רעמעסלענע אופּראַווע. אויב די דאָזיקע אָפּוועזנהייַט (פונ דער ארבעט) געדויערט מער ווי זיבנ טעג, ווערט דער אונטערמייַסטער, אויסער דעמ אראָפּרעכענענ פונ געהאַלט, באַשטראָפט מיט ארעסט פונ 7 טעג ביז דרייַ וואָכנ“.

די דאָזיקע געזעצנ האָבנ געצוווּנגענ די לערנייִנגלעכ אינ מעשעכ פונ פיר יאָר צייַט צו לייַדנ הונגער אונ נויט, אריבערטראָגנ די שרעקלעכסטע דערנידעריקונגענ אונ זייַנ א קנעכט אינ בוכשטעבלעכנ זינענ פונ וואָרט. ווענ א לערנייִנגל האָט געוואָלט פּאָטער ווערנ פונ זייַנ באַלעבאָס, האָט ער געמוזט אנטלויפנ אינ אנ אנדער שטאָט, ווו דער באַלעבאָס זאָל אימ ניט קענענ געפינענ.[1]

---

[1] מיר אַליינ איז אויסגעקומענ צו זייַנ א לערנייִנגל אינ דעמ קליינ שטעטעלע סייני (סוּוואַלקער גובערניע). מייַנ פאָטער האָט מיכ אָפּגעגעבנ אַפּ דרייַ יאָר לערנענ שנייַדערייַ. די ערשטע צוויי

אָבער ניט נאָר אין דער סאָציִאליסטישער פּרעסע איז אזוי געשילדערט געוואָרן די אומדערטרעגלעכע לאגע פון די יִידישע ארבעטנדיקע מאסן. אפילע דער ווילנער גובערנאטער פאלען האָט אין 1903 י. אין א געהיימען מעמאָראנדום וועגן דער „יִידן-פראגע", וואָס ער האָט צוגעשטעלט אין מיניסטעריום פאר אינערלעכע איניאָנים, געמוזט צוגעבן, אז די לאגע פון די יִידן אין זײַן גובערניע איז אן אומדערטרעגלעכע. אין דעם דאָזיקן דאָקומענט האָט ער געשריבן:

„פון דעם גאנצן קאָנטינגענט פון דער יִידישער באפעלקערונג אין ווילנער גובערניע, וואָס באשטייט פון 204,673 נעפאשעס (אָדער אומגעפער אן אכטל פון דער באפעלקערונג), באשטייט די צאָל יִידן, וועלכע פארנעמען זיך מיט ערדארבעט אף אייגענע ערד-שטאָכים, וועלכע זיי האָבן באקומען נאָך ביז 1865 אין די קאָלאָניעס און גענומען ערד אין ארענדע בא די ערדבאזיצער, פון 3921 נעפאשעס, ד. ה. אומגעפער 2 פראָצ. דער טייל פון די ניט-ערדארבעטער־יִידן שטעלט צוזאמען 98 פראָצ. אָט די דאָזיקע מאסע שטעלט מיט זיך פאָר דעם באָדנלאָזן עלעמענט, וועלכער לעבט הויפּטזאכלעך פון האנדל, מעקלערײַ, באלעמלאָכישער און ארבעטערישער פראצע, אָדער האָט אינגאנצן ניט קיין באשטימטע באשעפטיקונג, און נאָר א נישטיקער פראָצענט באשטייט פון די אזוי-גערופענע ליבעראלע פראָפעסיעס.

דער ארבעטלוין פון די באלמעלאָכעס און ארבעטער-האָרעפאשנקעס איז זייער א מיזערער. מיט דעם אויסנאם פון געוויסע קאטעגאָריעס ספּעציִאליסטן, וועלכע פארדינען פון 240 ביז 720 רובל א יאָר— באשטייט דער ארבעטלוין פון די ארבעטער אף די פאבריקן און זאוואָדן פון 60 ביז 300 רובל א יאָר. דערבײַ קומט אויס, אז דער פראָצענט פון די גוט באצאָלטע ארבעטער (די ספּעציִאליסטן) איז נאָר איינער פון הונדערט. דער ארבעטלוין פון די פרויען און מיידלעך איז נאָך נידעריקער. ווען איך האָב פערזענלעך באזוכט א זאָקן-פאבריק, ווו עס ארבעטן מיידלעך, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער דורכשניטלעכער ארבעטלוין אף דער דאָזיקער פאבריק איז ניט העכער ווי 1 רובל מיט 40 קאָפּ. א וואָך. דער מינימאלער ארבעטלוין אף דער פאבריק איז 70 קאָפּיקעס א וואָך. וואָס איז שײַעך דעם לוין אויסער די פאבריקן, ווי די אונטערמײַסטערס, לערניײנגלעך און טאָג-ארבעטער, שטײַגט זייער ארבעטלוין ניט אריבער מער פון 15 רובל א כוידעש אָדער 180 רובל א יאָר.

בא אזא נידעריקן ארבעטלוין, וועלכער קען ווײַט ניט דעקן דעם סאמע אָרעמסטן ביודזשעט פון א גאנצער פאמיליע, קען קיין רייד ניט זײַן וועגן אָפּשפּאָרן עפּעס אף א שלעכטער צײַט. די קלענסטע ענדערונג, ווי, צום בײַשפּיל, קראנקהײַט, אָדער ווערן אן אינוואליד, אלט-

---

יאָר האָב איך געארבעט אומזיסט און דעם דריטן יאָר האָב איך געדארפט עסן באם באלעבאָס. מײַן לאגע אלס לערניײנגל בא דעם דאָזיקן שנײַדער איז געווען אן אומדערטרעגלעכע. אָבער אוועקגיין פון באלעבאָס האָב איך ניט געטאָרט און ניט געקענט, ווײַל קיין אנדער שנײַדער־באלעבאָס האָט מיך ניט געוואָלט און ניט געטאָרט נעמען. דעריבער איז מיר אויסגעקומען צו אנטלויפן אין אן אנדער שטאָט (אין גראָדנע). (ש. א.).

קײַט פון דעם פאַמיליע-שפּײַזער, אָדער די פאַרקירצונג פון דער אַרבעט אין אַ פאַבריק, אָדער שלעכטע צופאַלן, וואָס קענען פּאַסירן מיטן באַלעבאָס און צום סאָף — אַרבעטלאָזיקײַט אין דער אָדער אַנדער צווײַג פון אַרבעט — שטעלט די פאַמיליע פון דעם אַרבעטער אין אַ שרעקלעכער לאַגע, וועלכע גרענעצט מיט דאַלעס און הונגער. ס'פאַרשטייט זיך, אַז אַנאַלאָגישע דערשײַנונגען קענען אויך טרעפן דעם קריסטלעכן האַנטווערק־פאַשניק, נאָר דער לעצטער קען געפינען אַן אויסוועג אין איבערפאָרן אין דאָרף אָדער אין די גובערניעס אויסער דער „טשערטאַ אָסעדלאָסטי“ און באַקומען דאָרט אַרבעט. דער ייִדישער פּראָלעטאַריער איז אָבער געבונדן אין דער אָדער יענער ספערע דורך די באַגרענעצונגען פון געזעצן“.[1]

אַזוי האָט דער ווילנער גובערנאַטער אין 1903 געמוזט שילדערן די לאַגע פון די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן. ער האָט געמוזט אָנערקענען, אַז די ייִדישע אָרעמקײַט לעבט אין די שרעקלעכסטע באַדינגונגען אַדאַנק די צאַרישע אויסנאַם געזעצן קעגן די ייִדן.

די דאָזיקע רעכטלאָזע לאַגע פון די ייִדישע מאַסן האָט געבראַכט צו אַזאַ צושטאַנד, אַז די פאַראָרעמטקײַט פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין די 90-ער יאָרן פון 19 י. ה. האָט די פּאַופּעריזאַציע פון דער ייִדישער באַפעלקערונג דערגרייכט צו אַזאַ מאַסשטאַב, אַז 19 פּראָצ. פון דער ייִדישער באַפעלקערונג איז באַשטאַנען פון בעטלער.[2]

כוץ דער עקאָנאָמישער אונטערדריקונג, כוץ דער מוירעדיקער עקספּלואַטאַציע, עלנט און נויט, וואָס האָט אַזוי שוידערהאַפט געדריקט די ייִדישע און ניט ייִדישע באַפעלקערונג, האָט זיך באַזונדערס ווי אַ שווערע לאַסט געלייגט אויף די פּלייצעס פון דער ייִדישער און ניט ייִדישער באַפעלקערונג דער יאָך פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג. די צאַרישע רעגירונג האָט דערשטיקט יעדן פּרוּוו פון די אונטערגעדריקטע פעלקער פון דער געוועזענער צאַרישער אימפּעריע צו אַנטוויקלען זייערע נאַציאָנאַלע קולטורן. די פּאָליטישע רעכטלאָזיקײַט האָט זיך באַזונדערס אויסגעדריקט פאַר די ייִדישע מאַסן אין דעם, וואָס די צאַרישע רעגירונג האָט פאַרשטעלט דעם וועג פון דער ייִדישער קליינבירגערלעכער יוגנט צו די העכערע בילדונג-אַנשטאַלטן און ניט דערלאָזן זיי צו פאַרנעמען קיין רעגירונג-אַמטן. אָט די דאָזיקע עקאָנאָמישע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג האָט געשאַפן אַ גוטן באָדן פאַר דער רעוואָליוציאָנערער באַוועגונג צווישן די ייִדישע אַרבעטנדיקע מאַסן און אויך צווישן דער ייִדישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ. און דערפאַר טאַקע זעען מיר, אַז אַ גרויסער פּראָצענט פון דער דאָזיקער אינטעליגענץ איז אַרײַנגעצויגן געוואָרן אין דער באַוועגונג, גלײַך ווי עס האָבן אָנגעהויבן צו אַנטשטיין די ערשטע רעוואָלוציאָנערע און סאָציאַליסטישע קרײַזלעך.

---

1 „געהיימער מעמאָראַנדום פון ווילנער גובערניע וועגן דער לאַגע פון די ייִדן אין רוסלאַנד“. פאַרלאַג פון „בונד“, זשענעווע, 1904 ז. 40 (רוסישע אויסגאַבע).

2 מ. וואָלפסאָן — די סאָציאַל־עקאָנאָמישע וואָרצלען פון „בונד“. גרויסע סאָוועטישע ענציקלאָפּעדיע. 8 באַנד, ז. 103.

דער רעוואָליוציאָנערער געדאנק האָט אָנגעהויבן אריינצודרינגען צווישן די ייִדישע מאסן גלייַך אין אָנהייב פון דער אנטשטייונג פון דער אלגעמיינער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג אין געוועזענעם רוסלאנד.

* * *

שוין אין אָנהייב פון די 70-ער יאָרן אנטשטייען אין ווילנע און אנדערע שטעט פון ווייַסרוסלאנד, ליטע און פוילן א גאנצע ריי קרייַזלעך פון נאראָדניקעס, אין וועלכע עס געפינען זיך א גרויסע צאָל ייִדן רעוואָליוציאָנערן. אינמיטן פון די 70־ער יאָרן איז אין ווילנע אפילע אנטשטאנען א זעלבשטענדיקער ייִדישער נאראָדניקעס-קרייַזל בעראָש מיט ליבערמאנען, זונדעלעוויטשן און אנד.[1]

אינמיטן פון די 80-ער יאָרן זייַנען אין מינסק געווען א גאנצע ריי סאָציאליסטישע קרייַזלעך, אין וועלכע עס האָבן זיך באטייליקט אויך ייִדישע ארבעטער. ייִצכאָק-אייַזיק הורוויטש דערציילט אין זייַנע זיכרוינעס, אז אין דער צווייטער העלפט פון די 80-ער יאָרן זייַנען שוין אין די מינסקער קרייַזלעך געווען אָרגאניזירט אייניקע הונדערט ארבעטער ייִדישע און ניט ייִדישע. ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די גרופע „באפרייַונג פון ארבעט“, האָבן פאָרשטייער פון דער דאָזיקער גרופע, ווי סאָלאָווייטשיק און אנד., אָנגעהויבן פירן א באדייַטנדיקע סאָציאל-דעמאָקראטישע ארבעט אין די שטעט פון ליטע און ווייַסרוסלאנד.

א ברייטע טעטיקייַט האָט אין סאָף פון די 80-ער יאָר אין מינסק און אין אנדערע שטעט אויך געפירט עמיל אבראמאָוויטש. אינמיטן פון די 90-ער יאָרן איז אפילע אין מינסק צונויפגערופן געוואָרן א קאָנפערענץ פון פאָרשטייער פון סאָציאל-דעמאָקראטישע גרופעס פון א ריי שטעט פון ווייַסרוסלאנד און ליטע מיטן צוועק אויסצוארבעטן אן אלגעמיינעם פלאן פון ארבעט. שוין אין דער ערשטער העלפט פון די 90־ער יאָרן איז דער ערשטער מייַ-יאָנטעוו געפייַערט געוואָרן אין א ריי שטעט פון דעם געוועזענעם „צאָפן-מייַרעוו־געגנט“. די דאָזיקע פייַערונגען זייַנען פון יאָר צו יאָר געוואָרן גרעסער. פון די דאָזיקע פייַערונגען איז אונדז פארבליבן דער „ווילנער באריכט“, וועלכער איז פאָרגעלייענט געוואָרן אף דער ווילנער מייַ-פייַערונג פון 1896 י. דער דאָזיקער אויסערגעוויינטלעכער היסטאָרישער דאָקומענט באקאָנט אונדז גענוי מיט דער ווילנער באוועגונג אין דער ערשטער העלפט פון די נייַנציקער יאָרן.

גלייַכצייַטיק מיט די ענגע סאָציאל־דעמאָקראטישע קרייַזלעך האָבן אין סאָף פון די 80-ער יאָרן אָנגעהויבן צו אנטשטיין פראָפעסיאָנעלע אָרגאניזאציעס אונטער דעם נאָמען „קאמפס-קאסעס“. די ערשטע פאכ-קאסע איז אנטשטאנען אין ווילנע אין 1888 יאָר. נאָכ דעם זייַנען אזעלכע קאסעס געשאפן געוואָרן בא די שניידער, שטעפער און אנדערע פאכן. אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון די ווילנער פאכ-קאסעס זייַנען אין אָנהייב פון די 90-ער יאָרן געשאפן געוואָרן אזעלכע פאכ־קאסעס אין א ריי אנדערע שטעט פון ווייַסרוס-

1 אין ערשטן באנד פון די דאָזיקע דרייַ בענדער ווערט זייער גענוי באלויכטן די טעטיקייַט פון דעם ווילנער נאראָדנישן קרייַזל און אויך די טעטיקייַט פון ליבערמאנען, זונדעלעוויטשן און אנדערע.

לאנד, ליטע און פוילן. די דאָזיקע קאסעס האָבן גלײַך אָנגעהויבן אָרגאניזירן שטרײַקן מיט פאָדערונגען צו פארקירצן דעם ארבעט־טאָג און ביקלאל פארבעסערן די לאגע פון די ארבעטער.

אין א גאנצער ריי שטעט, ווי ווילנע, ביאלאָסטאָק, מינסק, סמאָרגאָן, אָשמיאני, קרעסלאווקע, וואָלקאָווישקי האָט זיך אָנגעהויבן א כוואליע פון שטרײַקן. אין אייניקע שטעט האָט מען ארויסגעשטעלט א פאָדערונג פון א 12-שאָיִקן ארבעט־טאָג. דערבײַ האָט מען אין אייניקע שטעט, ווי ווילנע און מינסק, דאָס געוואָלט זיך דערשלאָגן אפ א געזעצלעכן אויפן, ד. ה. אז מע זאָל אָפּהיטן דעם געזעץ פון א 12־שאָיִקן ארבעט־טאָג, וועלכער איז ארויסגעגעבן געוואָרן אין יעקאטערינע דער צווייטערס צײַטן און איז קיינמאָל ניט דורכגעפירט געוואָרן אין לעבן.

דעם דאָזיקן פארגעסענעם געזעץ האָט מען ארויסגעשלעפּט פון ארכיוו און מע האָט אים אויסגענוצט ווי אן אגיטאציע־מיטל אין דער שטרײַק־באוועגונג, וועלכע האָט זיך ווי א כוואליע פארשפרייט איבער די שטעט פון ווײַסרוסלאנד, ליטע און פוילן.

צוליב דער אָפּגעשטאנענקײַט און נאַיִווקײַט פון די ארבעטער האָט די שטרײַק־באוועגונג אין אָנהייב געהאט אן אָפּאָרטוניסטישן כאראקטער. מע האָט זיך געווענדט מיט פעטיציִעס צו די גוּבערנאטערן, אז זיי זאָלן אָפּהיטן דעם געזעץ וועגן 12-שאָיִקן ארבעט־טאָג. מע פלעגט זיך ווענדן צו די ראבאָנים, אז זיי (די ראבאָנים) זאָלן ווירקן אפ די באלעבאטים, אז מע זאָל נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די ארבעטער.

אָבער די שטופּע פון פרידלעכע שטרײַקן דויערט ניט לאנג. די פרידלעכע פארזוכן פון די ארבעטער צו פארבעסערן זייער לאגע ווערן באגעגנט דורך א פארייניקטן ווידערשטאנד פון די באלעבאטים, פאָליציי און קלעריקאלן. די פאָליציי האָט אָנגעהויבן צו ארעסטירן שטרײַקער און די מער ענערגישע און רעוואָליוציִאָנערע עלעמענטן פארשיקט אין סיביר. די באלעבאטים דינגען שלעגער אפ צו טעראָריזירן די ארבעטער. די קלעריקאלן שטעלן זיך אין דינסט פון די באלעבאטים און דער פאָליציי און הייבן אָן א קאָמפּאניע אין די שולן קעגן די שטרײַקער, ווי דאָס האָט געטאָן דער ווילנער שטאָט־מאגיד אין דער צײַט פונעם שטרײַק אפ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק[1], דער קרינקער ראָוו אין דער צײַט פונעם שטרײַק פון די קרינקער גארבער און א ריי אנדערע ראבאָנים.

די רעפּרעסיעס און טעראָר פון דער פאָליציי און באלעבאטים האָט געבראכט דערצו, אז די ארבעטער האָבן אויך אָנגעהויבן אָנווענדן טעראָר קעגן די באלעבאטים און שטרײַקברעכער און אנד., וועלכע זײַנען ארויסגעטראָטן אפ דעם צאר פון די באלעבאטים. דער דאָזיקער טעראָר פון די ארבעטער האָט אָנגענומען פארשיידענע פאָרמעס: מע פלעגט ברעכן שויבן, געצײַג, מאשינעס בא די באלעבאטים, וועלכע פלעגן ניט וועלן נאָכגעבן די פאָדערונגען פון די ארבעטער. מע פלעגט אויך „ברעכן די ביינער" סײַ די באלעבאטים

---

[1] וועגן דעם שטרײַק בא עדלשטיינען זע די בראָשור „דער שטאָט־מאגיד" און אנד. דאָקומענטן, וועלכע ווערן געדרוקט אין דעם באנד.

און סײַ די שטרײַקברעכער. מע פלעגט אויך אָנעמען אזעלכע מיטלען, ווי באגיסן מיט אָלים די שפּיאָנען און אנד., וועלכע פלעגן ארויסגעבן דער פּאָליציי וועגן דער טעטיקײַט פון געוויסע רעוואָליוציאָנערן. אזעלכע פאלן זײַנען פּאָרגעקומען אין מינסק, ווילנע און אנד. ערטער.

אין די דאָקומענטן, וועלכע ווערן פארעפנטלעכט אין דעם דאָזיקן זאמלבוך, ווערט גענוי באשריבן, וויאזוי די ארבעטער פלעגן אָנווענדן דעם דאָזיקן טעראָר. פארשטייט זיך, אז נאָר די אָרגאניזאציאָנעלע שוואכקײַט און ניט גענוגע קלאסנ־באוווּסטזיניקײַט פון די מאסן האָט געקענט ארויסרופן אזעלכע קאמפּ־פאָרמעס. דער דאָזיקער טעראָר האָט פיל קאָרבאָנעס געקאָסט דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג פון יענער עפּאָכע. מאסן ארבעטער זײַנער פארשיקט געוואָרן אין סיביר און פארזעצט געוואָרן אין די טורמעס.

די דאָזיקע שטרײַק-באוועגונג האָט אינגיכן געבראכט רעזולטאטן: אין מינסק האָט מען זיך באלד דערשלאָגן צו פארקירצן דעם ארבעט-טאָג אפּ צוויי־דרײַ שאָ (פון 16-17 ביז 14 שאָ). דאָס האָט, פארשטייט זיך, ניט געקענט באפרידיקן די ארבעטער און דער קאמף אפּ נאָכמער צו פארקירצן דעם ארבעט-טאָג ווערט אלץ ווײַטער פאָרגעזעצט; אין מינסק זײַנען אין די יאָרן 1894—1896 פּאָרגעקומען מער ווי פופציק שטרײַקן. אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיך אזא שטרײַק-כוואליע אויך פארשפרייט אין ווילנע, ווו עס האָבן געשטרײַקט ארבעטער פון 27 פאכן. אין דער דאָזיקער צײַט (1895) איז אויך פּאָרגעקומען דער בארימטער שטרײַק אפּ עדלשטיינס טאבאק־פאבריק, וועלכער האָט געמאכט א טומל אין גאנצן געגנט.

אין ביאלאָסטאָקער ראיאָן, וועלכער איז אין יענער צײַט געוועזן דער איינציקער גרויסער אינדוסטריעלער צענטער, איז אין 1895 פּאָרגעקומען א גרויסער שטרײַק פון די טעקסטיל-ארבעטער, אין וועלכן עס האָבן זיך באטייליקט ארום 13 טויזנט ארבעטער פון פארשיידענע פעלקער. דער דאָזיקער שטרײַק איז ארויסגערופן געוואָרן דורך דעם, וואָס אין אווגוסט 1895 האָט די פאבריק-אינספעקציע פאראָרדנט ארויסצוגעבן די ארבעטער לוינ-ביכלעך (Расчетные книжки), ווי דאָס האָט זיך געפאָדערט לויט דעם געזעץ פון 3-טן יונ 1893, קעדיי צו האָבן א געוויסע אופזיכט פון דער פאבריק-אינספעקציע איבער דער פאבריק.

די ארבעטער האָבן די דאָזיקע ביכלעך באטראכט ווי א נײַעם מיטל פון די פאבריקאנטן צו פארשקלאפן די ארבעטער און דאָס האָט ארויסגערופן א סטיכיייִשן פראָטעסט קעגן אײַנפירן די „ראסטשאָטנע" ביכלעך.

די רעזולטאטן פון דער מאסעווער שטרײַק־באוועגונג פון די 90-ער יאָרן זײַנען געוועזן דאָס, וואָס דער ארבעט-טאָג איז פארקירצט־געוואָרן פון 16—18 ביז 12 שאָ א טאָג, די סכירעס האָבן זיך אין א גאנצער ריי פאכן געהעכערט און די ארבעט־באדינגונגען זײַנען געוואָרן פיל בעסער, ווי זיי זײַנען געוועזן פריִער. די דאָזיקע עקאָנאָמישע דערגרייכונגען פאר די ארבעטער האָבן געבראכט דערצו, אז אייניקע אָנפירער פון דער באוועגונג האָבן גענומען פארשפרייטן א טעאָריע, אז דער עקאָנאָמישער קאמף מוז בא די ארבעטער פארנעמען דעם וויכטיקסטן אָרט. ס'איז געשאפן געוואָרן א „טעאָריע" וועגן דער

נייטיקייט פון פארשיידענע שטופעס פון קאמף. צוערשט מוז מען באנוצן דעם עקאָנאָמישן קאמף און דערנאָך קען זיין א רייד וועגן א פאָליטישן קאמף.

אָט די טעאָריע פון שטופעס (стадия) פון קאמף האָט ארומגעכאפּט די באוועגונג פון די 90-ער יאָרן און האָט דאָמינירט אין די קאמף־קאסעס. די קאמף־קאסעס זיינען פאקטיש געוואָרן טרייד-יוניאָניסטישע אָרגאניזאציעס מיט גאנץ באשרענקטע עקאָנאָמישע צילן. אדאנק דעם האָט די דאָזיקע טעאָריע פון שטופעס פאקטיש געלייגט דעם גרונט פאר דער אנטוויקלונג פון דעם עקאָנאָמיזם, וועלכער האָט גאָר שטארק דערנאָך באהערשט די באוועגונג אין די אזויגערופענע מיירעוו-גובערניעס פון דער צארישער אימפעריע.

די ברייטע מאסן־באוועגונג האָט ניט צופרידנגעשטעלט א טייל פון די רעוואָליוציאָנערע עלעמענטן פון יענער עפּאָכע. עס איז אנטשטאנען אן „אָפּאָזיציע” אונטער דער אָנפירערשאפט פון אבראם רעזטשיק (גאָרדאָן), וועלכער האָט אגיטירט צווישן די ארבעטער, אז איידער זיי הייבן אָן דעם קאמף קעגן דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, איז פריִער נייטיק גייסטיק צו אנטוויקלען דעם ארבעטער. ס'איז נייטיק, אז זיי זאָלן זיך דערהייבן צו אזא שטופע פון באוווסטזיין, אז זיי זאָלן אליין פארשטיין זייערע אינטערעסן און באוווסטזיניק קעמפן פאר דער פארבעסערונג פון זייער לאגע. דעריבער האָט גאָרדאָן געפאָדערט, אז די קאסעס זאָלן פריִער פאר אלץ זיך אָפּגעבן מיט דער גייסטיקער אנטוויקלונג פון די ארבעטער און דערנאָך, אף וויפל ס'וועט זיין מעגלעך, זאָלן די קאסעס פירן אן עקאָנאָמישן קאמף.

גאָרדאָן איז ארויסגעטראָטן ווי א ביטערער קעגנער פון מאסעווער באוועגונג און באזונדערס איז ער ארויסגעטראָטן קעגן דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט, לויט זיין מיינונג, פארכאפּט די באוועגונג אין אירע הענט און געמאכט די ארבעטער פאר א בלינד געצייג און געוואָרן איבער זיי דער הערשער. גאָרדאָן האָט געטיינעט, אז די ארבעטער קענען זיך באגיין אָן דער אינטעליגענץ, אז אין דער זאך פון באפרייען דעם ארבעטער-קלאס פון עקאָנאָמישן יאָך, דארפן די ארבעטער קיינעם ניט צולאָזן. ער האָט געטיינעט, אז די אינטעליגענץ פארפירט די ארבעטער און רויבט אָפּ אינגאנצן זייער איניציאַטיוו.

גאָרדאָנס „אָפּאָזיציע” קעגן דער מאסעווער באוועגונג האָט, פארשטייט זיך, ניט געבראכט קיין נוצן דער אנטשטייענדיקער סאָציאַל־דעמאָקראטישער באוועגונג. זיין דעמאגאָגישע ארויסטרעטונג קעגן דער אינטעליגענץ האָט פאקטיש געהאָלפן צו אָפּשוואכן די באוועגונג און טאקע דערפאר האָט די אָכראנקע זיך געמאכט „ניט זעענדיק” וועגן דער טעטיקייט פון גאָרדאָנס „אָפּאָזיציע”.[1]

אן אָנטיילנעמער פון גאָרדאָנס „אָפּאָזיציע” דערציילט, אז גאָרדאָן פלעגט ארויסטרעטן אף די אומלעגאלע פארזאמלונגען און שרייען, אז די אינטעלי־

1 ס'איז זייער כאראקטעריסטיש, אז אין דער צייט, ווען מע האָט מאסנווייז ארעסטירט און פארשיקט וויניק אָנגעזעענע טוער פון דער באוועגונג, איז גאָרדאָן מיט זיין גרופּע געבליבן אינגאנצן אומבארירט. קיין ספק ניט, אז די אָכראנקע האָט גוט געוווּסט וועגן דער טעטיקייט פון גאָרדאָנס „אָפּאָזיציע”. דערפאר טאקע האָט גאָרדאָן און זיינע אָנהענגער אין משך פון א ריי יאָרן פריי געקאָנט פירן די דעמאָראליזירנדיקע ארבעט אין דער באוועגונג. ערשט אין יאנואר 1899 איז גאָרדאָן צופעליק ארעסטירט געוואָרן.

גענצ האָט פאראטנ די רעוואָליוציעס אינ אנדערע לענדער אונ זי וועט אויכ אזוי האנדלענ אינ רוסלאנד.

די דאָזיקע „אָפּאָזיציע“ האָט לאנג ניט עקזיסטירט. זי איז צעפאלנ געוואָרנ אונטער דעמ דרוק פונ דער אופשטייגנדיקער סאָציִאל־דעמאָקראטישער מא-סעווער באוועגונג. אָבער די סינע צו דער אינטעליגענצ, וואָס גאָרדאָנ האָט זיכ באמיט איינצופלאנצנ צווישנ די ארבעטער-מאסנ, איז שפּעטער אופגעכאַפּט געוואָרנ פונ די זובאטאָווצעס, וועלכע האָבנ אויכ געווענדעט דעמ גאנצנ פייַער אינ זייער אגיטאציע קעגנ דער אינטעליגענצ אונ געשריִענ, אז די רעוואָליר־ציִאָנערע אינטעליגענצ פאראט די אינטערעסנ פונ די ארבעטנדיקע.

די סאָציִאליסטישע באוועגונג הייבט זיכ אָנ אלצ מער אונ מער צו פאר־שפּרייטנ. אינ דער ערשטער העלפט פונ די 90-ער יאָרנ הייבנ אָנ אינ א ריי שטעט פונ ווייַסרוסלאנד, ליטע אונ פּוילנ צו דערשייַנענ העקטאָגראפירטע אונ געדרוקטע פּראָקלאמאציעס, געשריבענע, העקטאָגראפירטע פלוג - בלעטלעכ אונ עס הייבנ אָנ אויכ צו דערשייַנענ געדרוקטע בראָשורנ וועגנ פארשיידענע פּרא־געס פונ קלאסנקאמפּ.

אינ 1895־1896 י. האָט די ווילנער סאָציִאל-דעמאָקראטישע גרופּע אָנגעהויבנ ארויסצולאָזנ א גאנצע ריי בראָשורנ אונ אויכ גענומענ צוגרייטנ דעמ ערשטנ געדרוקטנ זשורנאל „דער ייִדישער ארבעטער“. אינ די אלע אויסגאבעס, וועלכע זייַנענ דערשינענ צו יענער צייַט, שפּיגלענ זיכ אָפּ די פארשיידענע אָפּנייגנ, וועלכע די באוועגונג האָט דורכגעלעבט אינ יענער צייַט. די דאָזיקע ליטערא-טור באווייַזט אונדז, וויִאזוי די סאָציִאליסטישע באוועגונג צווישנ דער ייִדישער ארבעטערשאפט האָט זיכ אנטוויקלט.

* * *

די סאָציִאליסטישע באוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער פונ די 80-ער אונ ערשטער העלפט פונ די 90־ער יאָרנ איז גאנצ שטארק געווענ דורכגע־דרונגענ מיט דער אידייע פונ דער אינטערנאציִאָנאלער פּראָלעטארישער סאָלי-דאריטעט. א ריי דאָקומענטנ פונ יענער עפּאָכע באווייַזנ מיט דער גאנצער קלאָרקייַט, אז א גרויסער טייל פונ די ערשטע סאָציִאליסטישע פּראָפּאגאנדיסטנ האָבנ מיט אלע מיטלענ זיכ באמיט צו איינפלאנצנ צווישנ די ייִדישע ארבע־טער די אידיי פונ אינטערנאציִאָנאלער פּראָלעטארישער סאָלידאריטעט. דער ערשטער געדרוקטער דאָקומענט פונ דער סאָציִאל־דעמאָקראטישער באוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער—די „פיר רעדעס פונ די ייִדישע ארבעטער“ אפּ דער ערשטער מייַ-פייַערונג אינ ווילנע 1892, באווייַזט אונדז, אז די ערשטע פארשפּרייטער פונ סאָציִאליסטישנ געדאנק צווישנ די ייִדישע ארבעטער האָבנ זיכ געשטעלט אפּ דער פּאָזיציע פינ אינטערנאציִאָנאלנ פּראָלעטארישנ קאמפּ. עמעס, אינ די דאָזיקע רעדעס זייַנענ דאָ א ריי ניט קיינ ריכטיקע פאָרמולי-רונגענ. אינ זיי איז ווייניק גערעדט געוואָרנ וועגנ דער נייטיקייַט פונ פּאָלי־טישנ קאמפּ. איינִיקע פונ די רעדנער זייַנענ נאָכ אינגאנצנ ניט באפרייַט גע-וואָרנ פונ ייִדישע נאציִאָנאלע טראדיציעס. אָבער ניט געקוקט אפּ דעמ אלעמ,

האָבנ די ארויסגעגעבער פונ די דאָזיקע „פיר רעדעס“ אינ 1893 דערקלערט, אז די דאָזיקע רעדעס זײַנענ:

„באזונדערס ווערטפול דערמיט, וואָס דאָס זײַנענ רעדעס פונ רוסיש-ייִדישע ארבעטער. צומ ערשטנ מאָל, זינט עס איז אופגעקומענ די רוסישע רעוואָליוציאָנערע באוועגונג, דערקלערנ וועגנ זיכ ייִדנ-ארבעטער מיט אזא רעוואָליוציאָנערער אונ סאָציאַליסטישער זאכ, ווי דאָס פײַערנ דעמ ערשטנ מײַ אונ האלטנ רעדעס, דורכגעדרונגענע מיטנ גײַסט פונ דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאַל-דעמאָקראטיע, צווישנפעלקערלעכנ ארבעטער-סאָציאַליזמ. צומ ערשטנ מאָל צערײַסנ ייִדנ-ארבעטער אינ רוסלאנד באוווּסטזיניק אונ אנטשלאָסנ מיט די ענגע טראַדיציעס אונ אָנשויונגענ פונעמ ייִדישנ פאָלק, קעדיי צו פאראייניקנ זיכ מיט דער גרויסער צווישנפעלקערלעכער ארבעטער-ארמיי, וואָס קעמפט פאר דער באפרײַונג פונעמ ארבעטער-קלאס אונ דעמ לײַדנדיקנ פאָלק ביקלאל“.

אזוי איז אינ 1893 יאָר אָפגעשאצט געוואָרנ דער ארויסטריט פונ די ייִדישע ארבעטער אפ דער ערשטער מײַ-פײַערונג פונ 1892. דער דאָזיקער ארויסטריט האָט א באזונדערע באדײַטונג מיט דעמ, וואָס אינ די דאָזיקע רעדעס זײַנענ די ערשטע ייִדישע ארבעטער ארויסגעטראָטנ קעגנ די אמאָליקע ציִוניסטנ — די פאלעסטינצעס, וועלכע האָבנ דערקלערט, אז די אונטערגעדריקטע ייִדישע מאסנ קענענ באפרײַט ווערנ נאָר דורכ דעמ, וואָס זיי וועלנ אנטלויפנ אינ פאלעסטינע.

איינער פונ די פיר רעדנער האָט מיט 43 יאָר צוריק דערקלערט, אז אינ פאלעסטינע וועלנ די ייִדישע ארבעטער בלײַבנ די זעלביקע שקלאפנ ווי אינ אנדערע לענדער, אז דאָרטנ, אינ דער ייִדישער מעלוכע, וועט דער ייִדישער ארבעטער אונטערגעדריקט אונ בארויבט ווערנ פונ דעמ ייִדישנ קאפיטאליסט, ווי עס ווערנ אונטערגעדריקט די ייִדישע אונ די ניט ייִדישע ארבעטער פונ די ייִדישע אונ ניט ייִדישע קאפיטאליסטנ אינ דער גאנצער וועלט. מיט 43 יאָר צוריק האָבנ די רעדנער אפ דער ווילנער מײַ-פײַערונג דערקלערט, אז נאָר דאנ ווענ די ארבעטער פונ אלע פעלקער וועלנ זיכ פאראייניקנ אינ איינ „אל-וועלטלעכער קעמפנדיקער ארבעטער-פארטיי, וועלכע, ארבעטנדיק סאָלידאריש, וועט זיכ דערשלאָגנ מענטשלעכע רעכט, דאנ וועט פארווירקלעכט ווערנ די עמעסע פרײַהײַט, ברידערלעכקײַט אונ גלײַכהײַט פאר דער גאנצער מענטשהײַט, ניט אויסשליסנדיק אויכ די ייִדנ“.

אינ א צווייטנ דאָקומענט פונ יענער עפאָכע—אינ א קאָנספעקט פונ א לעקציע, וועלכע פלעגט געלייענט ווערנ אינ די ערשטע ארבעטער-קרײַזלעכ, האָט מענ די ארבעטער געלערנט, אז:

„פראנצויזישע, רוסישע, ייִדישע, קריסטלעכע ארבעטער פונ אייראָפע אָדער פונ אמעריקע — אלע לײַדנ גלײַכ פונ דער מאכט פונ קאפיטאל, וועלכער שטרעבט נאָר צו איינ זאכ: צו באקומענ וואָס מערער פארדינסט פונ די ארבעטערס הארעוואניע, גאנצ גלײַכ ווער דער ארבעטער זאָל ניט זײַנ: צי אנ ענגלענדער, אָדער א דײַטש, צי א ייִד, צי א קריסט

צי ער וווינט אינ אמעריקע אָדער אינ אפריקע. אלזאָ: די אינטע-רעסנ פונ אלע ארבעטער פונ אלע נאציִאָנענ, פונ אלע רעליגיעס זײַנענ אלצ איינס״ (אונטערגעשטראָכנ אינ אָריגי-נאל—ש. א.).

אז די סאָציִאליסטישע באוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער האָט זיכ, אינ גרונט גענומענ, אָנגעהויבנ צו אנטוויקלענ אינ דעמ גײַסט פונ עמעסנ פּראָלעטארישנ אינטערנאציִאָנאליזמ, באווײַזנ א גאנצע ריי פאקטנ, וועלכע ווערנ געבראכט אינ די דאָקומענטנ, וואָס ווערנ פארעפנטלעכט אינ די דרײַ בענדער פונ דער דאָזיקער סעריע, אונ אויכ אינ די זיכרוינעס, וועלכע זײַנענ ביז איצט פארעפנטלעכט געוואָרנ, אונ דאָס קענענ ניט פארלייקענענ אפילע די בונדישע היסטאָריקער. קאָפּעלזאָנ דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס, אז אינ סאָפּ פונ די 80-טער יאָרנ האָט ער צוזאמענ מיט די פּוילישע סאָציִאל־דעמאָקראטנ געפירט אנ ארבעט צווישנ די ארבעטער אונ אינטעליגענצ פונ אלע פעלקער. אויכ אינ ליטע זעענ מיר אינ אָנהייב פונ די 90-ער יאָרנ די זעלביקע דערשײַנונג. אויכ דאָרטנ ווערנ געשאפנ סאָציִאל-דעמאָקראטישע קרײַזלעכ, צו וועלכע עס באלאנגענ ייִדישע אונ ניט ייִדישע סאָציִאל-דעמאָקראטנ.

דער בונדאָווער מיכאלעוויטש דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס, אז אינ קאָוונע איז אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ געווענ א סאָציִאל-דעמאָקרא-טישער קרײַזל, צו וועלכנ עס האָבנ באלאנגט פּוילישע, ייִדישע אונ רוסישע סאָציִאל-דעמאָקראטנ [1].

די דאָזיקע אינטערנאציִאָנאלע פארבינדונג געפינענ מיר ניט נאָר אינ די ענגע סאָציִאל־דעמאָקראטישע קרײַזלעכ. ווענ עס האָט זיכ אָנגעהויבנ די שטרײַק-כוואליע, זעענ מיר, ווי אינ ווילנע, ביאלאָסטאָק אונ אנדערע שטעט שטרײַקנ צוזאמענ די ייִדישע אונ ניט ייִדישע ארבעטער. די דאָזיקע געמיינזאמע שטרײַקנ האָבנ געהאט א קאָלאָסאלע באדײַטונג אונ פארזיכערט דעמ זיג פונ די שטרײַקנ אונ זײַנענ אויסגענוצט געוואָרנ ווי אנ אגיטאציע-מיטל פונ אינטערנאציִאָנאלער דערציִונג.

וועגנ אזא געמיינזאמענ שטרײַק פונ די ווילנער שוסטער, וועלכער איז פאָר־געקומענ אינ אָנהייב 1896, איז אינ א קאָרעספּאָנדענצ אינ ערשטנ נומער „דער ייִדישער ארבעטער״ דערקלערט געוואָרנ:

„אזא סטאטשקע, ווי די, וועגנ וועלכער מיר האָבנ פריִער גערעדט, ווײַזט קלאָר אופ די ארבעטער, אז בא אלע ארבעטער סײַ ייִדנ, סײַ ליטווישע, סײַ רוסישע אונ סײַ פּאָלנישע—בא אלעמענ פונ זיי קלאפּט איינ הארצ, איינ גליד—דאָס הארצ פונ פּראָלעטאריִער, אז זיי אלע האָבנ איינע אינטערעסנ, איינע פײַנד אונ דעריבער דארפנ זיי, ווענ עס קומט זיי נאָר אויס, שטרײַטנ צוזאמענ געגענ דעמ געמיינזאמנ פײַנד, אונ טאקע דער שטרײַט פאר די ארבעטער-אינטערעסנ וועט אינגאנצנ צע־שטערנ אלע נאציִאָנאלע פארהאסונגענ אונ פײַנדשאפטנ אונ עס וועט שליסנ איינ פעסטנ בונד צווישנ קריסטלעכע אונ ייִדישע ארבעטער. אלע

[1] מיכאלעוויטש: „ערעוו בונד״. „רויטער פּינקעס״, ערשטער זאמלבוכ, ז. 42.

ווילנער ארבעטער האָבן דעריבער מיט גרויסע פרייד געטראָפן די סטאַטשקע באַ ליאַכינסקין, אין וועלכער די ייִדישע ארבעטער האָבן צוזאַמען מיט זייערע ברידער די קריסטלעכע (געשטריטן) און מענאַ־צייעכ געווען".

אין צײַט פון דער שטרײַק-כוואַליע אין ביאַלאָסטאָק (1896—1897) האָט מען אין די וועלדער ארום ביאַלאָסטאָק געמאַכט פאַרזאַמלונגען, אױף וועלכע מע האָט געזונגען אַזעלכע בילדער: „אַלטע ייִדן האָבן זיך געקושט מיט די קריסט.. און האָבן געזאָגט: מיר זײַנען אַלע ברידער אָן אונטערשייד פון רעליגיע".

אַז די אַנטשטייענדיקע סאָציאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ארבעטער פון ווײַסרוסלאַנד, ליטע און פוילן איז געווען דורכגעדרונגען מיטן גײַסט פון אינטערנאַציאָנאַליזם, האָבן אויך געוווסט די צאַרישע דינער און די אַכ־ראַנקע. אין אַן איבערזיכט וועגן דער אַנטוויקלונג פון דער רעוו. באַוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער אין דער צווייטער העלפט פון די 90־ער יאָרן אין אייניקע גובערניעס פון ווײַסרוסלאַנד און ליטע ווערט דערקלערט:

„צום סאָף פון 1896-טן יאָר האָבן זיך אין ווילנער, מינסקער, גראָד־נער און קאָוונער גובערניעס אָנגעהויבן שטרײַקן. צום אָנהייב האָבן זיי געטראָגן אַ פרידלעכן כאַראַקטער און פלעגן זיך ענדיקן אין אַ קורצן טערמין, נאָר דערנאָך האָבן זיך אין ווילנער גובערניע אָנגע־הויבן פאַרשפרייטן צווישן די ארבעטער געדרוקטע און העקטאָגראַ־פישע אויפרופן, דער „סטאַטוט פון דער ארבעטער־קאַסע" און פאַר־שיידענע רוסישע, פוילישע און ייִדישע בראָשורן און זשורנאַלן מיט אַ רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט.

אין די דאָזיקע אויסגאַבעס, פון וועלכע אייניקע זײַנען ארויסגע־געבן געוואָרן פון „ארבעטער־פאַרבאַנד", זײַנען די ארבעטער גערופן געוואָרן צו פײַערן דעם ערשטן מײַ, אײַנאָרדענען שטרײַקן, פאָדערן אַן אַכטשאָיִקן ארבעט-טאָג, אַ העכערונג פון ארבעט-לוין און פּאָלי־טישע פרײַהײַט, צום קאַמף מיט די באַלעבאַטים-עקספּלואַטאַטערן און מיט דער רעגירונג, צו אייניקײַט צווישן די קריסטלעכע און ייִדישע ארבעטער, צו שאַפן קאַסעס אױף צו אָרגאַניזירן אַן אַלגעמיינעם אר־בעטער־שטרײַק פון אַלע פאַכן, וועגן גרינדן אייגן פאַריין, ווו אַלע וועלן קעמפן איינער פאַר אַלעמען און אַלע פאַר איינעם".

אַזוי איז טאַקע געווען. די פּיאָנערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער האָבן זיך באַמיט צו באַווײַזן, אַז די אינטערעסן פון די ארבעטער פון אַלע פעלקער זײַנען איינע און די זעלביקע און אַז נאָר אין סאָלידאַריטעט פון אַלע ארבעטער, און אַז נאָר אין געמיינזאַמען קאַמף איז געזיכערט דער ניצחון פון פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקע ריכטיקע אינטערנאַציאָנאַליסטישע דערציִונג פון די ייִדישע ארבעטער ווערט אָבער געשטערט דורך דער נאַציאָנאַליסטישער שטרעמונג, וועלכע האָט זיך גלײַכצײַטיק אַנטוויקלט מיט דער אינטערנאַציאָנאַליסטישער ריכטונג: דער פּאַלעסטיניזם, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערבליִען

אינ די 80-ער יאָרנ אונ האָט ארומגעכאפט טײלנ פונ דער ייִדישער קלײנ־בירגערלעכער ראדיקאלער אינטעליגענצ, האָט, פארשטײט זיכ, אויכ געהאט א ווירקונג אפ געוויסע טײלנ פונ דער ייִדישער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. דערפאר איז גאנצ פארשטענדלעכ, וואָס אײנע פונ די פיר רעדעס, וואָס איז געהאלטנ געוואָרנ אפ דער מײַ-פײַערונג אינ 1892 איז געווענ געווענדעט קעגנ פאלעסטיניזמ.

אינ 1895 הײבט זיכ אָנ דער אזויגערופענער „נײַער ווענדפונקט“ אינ דער סאָציִאליסטישער באוועגונג צווישנ דער ייִדישער ארבעטערשאפט. אינ דעמ דאָזיקנ יאָר האָט ל. מארטאָוו, דער שפּעטערדיקער פירער פונ מענשעוויזמ, אפ אנ ערשטער מײַ־פײַערונג פונ א „סאָציִאליסטישנ“ שטאנדפונקט אנטוויקלט א נאציִאָנאליסטישע קאָנצעפּציע, אז די ייִדישע ארבעטער מוזנ האָבנ א זעלבשטענדיקע אָרגאניזאציע אפ פארטײדיקנ זײערע אינטערעסנ.

די דאָזיקע נאציִאָנאליסטישע „טעאָריע“ איז געווענ א ווײַטערדיקע פאָרזעצונג פונ די נאציִאָנאליסטישע טענדענצנ, וועלכע זײַנענ ארײַנגעדרונגענ אינ דער סאָציִאליסטישער באוועגונג גלײַכ פונ אָנהײב פונ איר אנטשטײונג. אָבער פונקט ווי אינ די פריִערדיקע עטאפּנ, האָט אויכ דער נײַער נאציִאָנאליזמ באגעגנט א ווידערשטאנד מיצאד די פאָרגעשריטענע ארבעטער פונ ווילנע, אונ ער (מארטאָוו) איז אונטער דעמ דרוק פונ די דאָזיקע ארבעטער — דערצײלט מארטאָוו אינ זײַנע „זאפּיסקי סאָציִאל־דעמאָקראטא“ — געווענ געצווונגענ צו פאריכטנ דעמ פעלער, וואָס ער האָט געמאכט אינ זײַנ ערשטער מײַ-רעדע, אונ האָט אָנגעשריבנ א בראָשור „די ייִדישע ארבעטער קעגנ די ייִדישע קאפּיטאליסטנ“,[1] אינ וועלכער ער האָט דערקלערט:

„נאָר אינ אנ ענגנ בונד מיט די רוסישע, פוילישע, ליטווישע ארבעטער אונ די ארבעטער פונ אלע אנדערע פעלקער, וועלנ די ייִדישע ארבעטער זיכ קענענ דערשלאָגנ פולשטענדיקע באפרײַונג“. כוצ דעמ ווערט אינ דער בראָשור אָנגעוויזנ: „אז די ייִדישע ארבעטער דארפנ זיכ ניט ערגערנ, וואָס זײ האָבנ צעריסנ מיט די ייִדישע קאפּיטאליסטנ, ווײַל אָנשטאָט דעמ האָבנ מיר דערוואָרבנ די ליבע, וועלכע וועט אונדז פארײניקנ מיט די רוסישע, פוילישע, ליטווישע — מיט אײנ וואָרט — מיט די ארבעטער פונ דער גאנצער וועלט“.

קעגנ מארטאָווס נאציִאָנאליסטישנ „נײַעמ ווענדפונקט“ איז דעמ ערשטנ מײַ 1896 ארויסגעטראָטנ א רעדנער אפ א מײַ-פײַערונג אונ דערקלערט, אז נאָר א פארײניקטער קאמפּ־פראָנט פונ די ארבעטער פונ אלע פעלקער וועט צווינגענ די צארישע רעגירונג צו ענדערנ די געזעצנ קעגנ די ייִדנ. אונ אינ דער דאָזיקער רעדע האָט דער רעדנער ווײַטער דערקלערט, אז „וואָס מער עס וועט זיכ אנטוויקלענ די ארבעטער-באוועגונג, דאָס אלצ וועט שטארקער ווערנ דער בונד צווישנ די ייִדישע אונ רוסישע ארבעטער“.

די דאָזיקע אלע ארויסטרעטונגענ קעגנ מארטאָווס נאציִאָנאליסטישער קאָנצעפּציע האָט אָבער ניט געקענט אינגאנצנ אָפּשוואכנ די ווירקונג, וואָס דער

[1] ווערט איבערגעדרוקט אינ דעמ באנד אונטערנ נאָמענ „דער שטאָט־מאגיר“.

דאָזיקער נאַציָאַליסטישער דאָקומענט האָט געהאַט אַף אַ טייל פון דער יידישער קליינבירגערלעכער אינטעליגענץ און אַף געוויסע טיילן פון די אָפּגעשטאַנענע האַנטווערקערישע עלעמענטן; מאַרטאָווס „נייַער ווענדפּונקט“ איז גלייַך געוואָרן אַ שאַרף געווער אין די הענט פון דער יידישער קליינבורזשואַזער אינטעליגענץ קעגן דער פּראָלעטאַרישער אינטערנאַציָאָנאַלער דערציִונג פון די יידישע אַרבעטער. דער דאָזיקער „נייַער ווענדפּונקט“ איז אינגיכן געוואָרן די קאַמפּ-פאָן פון די נאַציָאָנאַליסטישע עלעמענטן אין דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער, און שפּעטער איז דער „נייַער ווענדפּונקט“ געוואָרן דער „אני מייַמין“ פון בונדיזם. די ווייַטערדיקע פּרוּוון צו באַגרינדן מאַרטאָווס נאַציָאָנאַליסטישן געדאַנק איז טיילווייַז געמאַכט געוואָרן אין ערשטן נומער „יידישער אַרבעטער“, וועלכער איז דערשינען אין דעקאַבער 1896. אָבער מיט דער גאַנצער קלאָרקייַט איז מאַרטאָווס נאַציָאָנאַליסטישע קאָנצעפּציע פאַרטיידיקט געוואָרן אַף די זייַטן פון דער בונדישער „אַרבעטער-שטימע“ גלייַך נאָכדעם, ווי דער „בונד“ איז געגרינדעט געוואָרן. די „אַרבעטער-שטימע“ האָט פּונקט ווי מאַרטאָוו דערקלערט: „אַז די יידישע אַרבעטער מוזן האָבן אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע אַף צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן, ווייַל קיין אַלגעמיינע פּאַרטיי וועט ניט קענען אויספּילן די דאָזיקע אופגאַבע“.

די פאָרגעשריטענע יידישע אַרבעטער זייַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די נאַציָאָנאַליסטישע קאָנצעפּציעס פון די בונדישע פירער. פון דעם האַמלער באַריכט, וועלכער ווערט געדרוקט אין דעם דאָזיקן באַנד, זעען מיר, אַז דער האַמלער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער קאָמיטעט האָט זיך אַנטזאָגט צו אַרייַנגיין אין באַשטאַנד פון „בונד“, מאָטיווירנדיק מיט דעם, אַז עס איז ניט נייטיק קיין באַזונדערע יידישע אָרגאַניזאַציע. די מיטגלידער פון ערשטן האַמלער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישן קאָמיטעט זייַנען געווען ניט די איינציקע, וועלכע זייַנען אַרויסגעטראָטן קעגן די פאַרזוכן צו אָפּזונדערן די יידישע אַרבעטער פון די אַרבעטער פון אַנדערע פעלקער. אומעטום זייַנען די יידישע פאָרגעשריטענע אַרבעטער אַרייַן אין די אַלגעמיינע סאָציִאַל-דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציעס, און שפּעטער, ווען עס האָט זיך אויסגעפורעמט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי האָבן פיל סאָציִאַל-דעמאָקראַטן יידן זיך געשטעלט אין די באָלשעוויסטישע רייען און אונטער דער אָנפירונג פון לענינען און סטאַלינען האָבן זיי צוזאַמען מיט די אַרבעטער פון אַנדערער פעלקער פאַרניכטעט דעם צאַריזם און די הערשאַפט פון די קאַפּיטאַליסטן אין רוסלאַנד און בויען איצט די סאָציִאַליסטישע אָרדענונג אין אונדזער גרויסן סאָציִאַליסטישן פאָטערלאַנד.

ש. (ס.) אגורסקי.

מינסק.

4/10—1935.

פּ. ס. די דאָקומענטן און באַשורן, וואָס גייען אַרייַן אין די דרייַ בענדער: „די סאָציִאַליסטישע ליטעראַטור אַף יידיש“ וועלן, אָן ספק, האָבן אַ גרויסע באַדייַטונג אַף צו דערלערנען די געשיכטע פון דער סאָציִאַליסטישער באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער. אויסער דעם, האָבן די

דאָזיקע דאָקומענטנ אויכ א גרויסע באַדײַטונג אפ צו פאָרשנ די געשיכטע פונ דער יִדישער רעוואָלוציאָנערער ליטעראטור אונ שפראכ, ווײַל מיט דער אנטשטייונג פונ דער סאָציאַליסטישער ליטעראטור אפ יִדיש איז געלייגט געוואָרנ דער פונדאמענט פונ א נײַער יִדישער רעוואָלוציאָנערער שפראכ. די שפראכ פונ יעדנ דאָקומענט איז אנ אייגנארטיקע סײַ לויט דער טערמינאָלאָגיע אונ סײַ לויט דער אָרטאָגראפיע, אונ קעדיי די לינגוויסטנ זאָלנ האָבנ א קלאָר בילד וועגנ דער שפראכ פונ די ערשטע סאָציאַליסטישע אויסגאבעס, ברענגענ מיר אלע דאָקומענטנ מיט דער אָרטאָגראפיע פונ אָריגינאל. אינ די געבראכטע דאָקומענטנ האָבנ מיר ביקלאל קיינע ענדערונגענ ניט געמאכט. מיר האָבנ זיכ נאָר דערלויבט צו פאריכטנ דרוקפעלערנ אונ אייניקע ניט קלאָרע פראזעס. די דאָזיקע אויסבעסערונגענ האָבנ מיר אײַנגעשלאָסנ אינ קוואדראט קלא־מערנ. אויסער דעמ אלגעמיינעמ ארײַנפיר צו דעמ באנד, האָבנ מיר געגעבנ א ריי ארײַנפירנ צו באזונדערע דאָקומענטנ אונ נייטיקע באמערקונגענ צומ סאָפ פונ די דאָקומענטנ. ווענ דער טעקסט פונ די דאָקומענטנ איז שוינ געווענ אָפ-געדרוקט, האָט אונדז דער כ׳ ש. גאָזשאנסקי מיטגעטיילט, אז ער איז דער אוו-טער פונ די צוויי דאָקומענטנ: 1) „פראגעס״ (פארנעמונגענ אינ די ארבעטער-קרײַזנ); 2) „א לעקציע וועגנ עקאָנאָמיק אונ פאָליטיק״.

לויט דער מיטיילונג פונ כ׳ גאָזשאנסקי, זײַנענ די דאָזיקע דאָקומענטנ געװענ ניט נאָר קאָנספעקטנ פאר לעקציעס אינ די ערשטע ווילנער סאָצ. דעמ. קרײַזלעכ, נאָר דאָס זײַנענ אויכ געווענ קאָנספעקטנ פאר א ריי בראָשורנ, וואָס מע האָט אנגעמערקט ארויסצוגעבנ. די ערשטע צוויי בראָשורנ „דער ארבעטס־טאָג״ אונ „סכירעס״ זײַנענ דערשינענ[1], די איבעריקע זײַנענ ניט אָנגעשריבנ געוואָרנ.

דער כ׳ גאָזשאנסקי האָט אונדז אויכ מיטגעטיילט, אז די בראָשור „דער שטאָט-מאגיד״ האָט אָנגעשריבנ מארטאָוו אונ ניט ער, ווי עס ווערט אָנגעוויזנ אינ בונדישנ זאמלבוכ „25 יאָר״. די דאָזיקע בראָשור איז איבערגעזעצט פונ רוסיש אפ יִדיש אונ ניט פונ יִדיש אפ רוסיש, ווי עס ווערט אָנגעוויזנ אינ דעמ רוסישנ טעקסט, וועלכער ווערט געדרוקט אינ דעמ באנד.

אינ זאמלענ די דאָזיקע דאָקומענטנ האָבנ מיר פיל מיטגעהאָלפנ די מיטארבעטער פונ ארכיוו פונ מארקס-ענגעלס-לענינ-אינסטיטוט, וועלכע האָבנ מיר ניט נאָר דערלויבט צו ארבעטנ אינ ארכיוו פונ אינסטיטוט, נאָר האָבנ מיר צוגעשיקט אינ מינסק א ריי דאָקומענטנ אפ אראָפצונעמענ קאָפיעס. פאר דער דאָזיקער כאווערישער הילפ דריק איכ אויס א באזונדערנ דאנק די מיטארבעטער פונ מארקס-ענגעלס-לענינ-אינסטיטוט. איכ דריק אויס א כאווערישנ דאנק אויכ די מיטארבעטער פונ אינסטיטוט פונ דער יִדישער סעקציע פונ נאציאָנאלע מינדערהײַטנ די כ״כ כ. האָלמשטאָק אונ ה. שקליאר, וועלכע האָבנ איבערגעזעצט א ריי דאָקומענטנ.

ש. א.

---

[1] װערנ איבערגעדרוקט אינ דריטנ באנד.

די דאָזיקע דערינערונגען זײַנען געווען געדרוקט אין זשורנאל „בילאָיע" אין 1907 י., נומ. 6/18. דער אויטער פונעם ארטיקל איז דער באקאנטער איסאאק הורוויטש (ייִצכאָק־אײַזיק בען אריע־ צווי האלייווי), אן אקטיווער טוער אין די ערשטע נאראָדניש־סאָציִאליסט־שע קרייזלעך אין מינסק. אין די ערשטע יאָרן פון זײַן פובליציסטישער טעטיקייט האָט ער אָנגעשריבן א ריי וויכטיקע ארבעטן. וועגן זײַנע צוויי ארבעטן: „דער עקאָנאָמישער צושטאנד פון רוסישן דאָרף" און „די איבערוואנדערונגען פון די פויערים אין סיביר" האָט לענין אין זײַן בוך „די אנטוויקלונג פון קאפּיטאליזם אין רוסלאנד" זיך זייער גוט אָפּגערופן. שפּעטער איז הורוויטש געוואָרן אן אָפּאָרטוניסט און א שטארקער פארטיידיקער פון בערנשטיינס אנטימארקסיסטישע קאָנצעפּציעס. נאָך דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז ער געווען איינער פון די, וואָס האָבן פארטיידיקט סאָוועטן־רוסלאנד. אין 1923 איז ער ארויסגעטראָטן מיט ארטיקלען קעגן סאָוועטנפארבאנד און איז אין 1924 יאָר געשטאָרבן ווי אונדזערער א קעגנער.

די דערינערונגען האָט הורוויטש געשריבן אין 1907 י., ד. ה. אין 20 יאָר ארום נאָך זײַן ארבעטן אין די קרײַזלעך. די דאָזיקע דערינערונגען זײַנען סוביעקטיוו געשריבן און די פאסירונגען ווערן באלויכטן פון א ניט ריכטיקן שטאנדפּונקט, אָבער די פאקטן, וועלכע ווערן געבראכט אין די דערינערונגען האָבן א גרויסע חשיבות אָפּ צו דערלערנען די געשיכטע פון דער סאָציִאליסטישער באוועגונג אין ווײַסרוסלאנד און אויך צווישן די ייִדישע ארבעטער.

# די ערשטע ייִדישע ארבעטער־קרײַזלעך

דעם אָנהייב פון דער ייִדישער ארבעטער - באוועגונג אין רוסלאנד רעכנט מען געוויינטלעך פון סאָף 80-ער יאָרן; ווען עס זײַנען אויפגעקומען די ייִדישע ארבעטער - קרײַזלעך אין ווילנע. דאָס איז דורכויס ניט ריכטיק. א ברייטע קרײַזל־פּראָפּאגאנדע צווישן די ייִדישע ארבעטער האָט זיך אָנגעהויבן מיט עטלעכע יאָר פריִער אין מינסק. דאָרט גראָד האָט זיך עס אויסגעבילדעט דער „שאבלאָנישער" מעטאָד, וועגן וואָסערן עס רעדט ליאדאָוו אין זײַן „געשיכטע פון דער רוסלענדישער סאָציִאל - דעמאָקראטישער ארבעטער - פארטיי" (ז. 132).

איינצעלנע פּרווון פון פּראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער אין מינסק פאלן צונויף אין צײַט מיטן אָנהייב פון דער סאָציִאליסטישער באוועגונג אין רוסלאנד. אין 1875 יאָר איז אין מינסק געקומען צופאָרן דער סטודענט פון טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט שווארץ, וואָס האָט דאָרט געוווינט אונטערן נאָמען ראבינאָוויטש, און האָט, מיט פּראָפּאגאנדע - צילן, אָנגעהויבן ארבעטן אין א קוזניע. אינגיכן איז ער ארעסטירט און ארויסגעשיקט געוואָרן אין וויאטקער גובערניע [1].

זײַן פּראָפּאגאנדע האָט ניט איבערגעלאָזן קיין שפּורן.

שווארצס פאַרזעצער איז געווען דער סטודענט פון קיִעווער אוניווערסיטעט מאַיִסיי וועלער, וואָס האָט באוויזן פאנאנדערצופּראָפּאגאנדירן עטלעכע סטאָ-

---

1 שפּעטער האָט ער עמיגרירט קיין אמעריקע.

ליערס. וועלער איז אינגיכנ געווענ געצווּנגענ צו אנטלויפנ; ער האָט געוווינט א יאָר צוויי אינ זשענעווע, האָט זיכ צוריקגעקערט פאַר לאָריס-מעליקאָווּנ אונ אינ אָנהייב 80-ער יאָרנ האָט ער געענדיקט מיט זעלבסטמאָרד. פונ די ארבעטער, וואָס ער האָט פאַנאַנדערגעפּראָפּאַגאַנדירט אינ מינסק, איז אפ וויפל מיר איז באַוווּסט, קיינ איינער ניט געבליבנ: זיי אלע האָבנ מיטנ אָנהייב פונ דער מאַסנדיקער יידישער עמיגראַציע אויסגעוואַנדערט ווער אינ פאַריזש, ווער אינ אמעריקע.

א סיסטעמאַטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישנ יידישע ארבעטער אינ מינסק איז אָנגעהויבנ געוואָרנ אינ 1883 אָדער אינ 1884 יאָר דורכ יעפים (מאָיסיי) כורגינ, אינגיכנ נאָכ זיינ ארויסגיינ פונ טורמע, ווו ער איז געזעסנ איבער עפּעס א פּראָצעס פונ נאַראָדאָוואָלצעס[1]. זומער 1884 י. איז אינ מינסק געקומענ צופאָרנ עמיל אבראַמאָוויטש, וואָס האָט נאָכנ ענדיקנ די גראָדנער גימנאַזיע פאַרבראַכט א יאָר צייט אינ פאַריזש; ער האָט געפּרוּווט פאַרבינדנ זיכ מיט כורגינענ, מיטנ ציל צו ארבעטנ צוזאַמענ אינ דעמ לעצטנס קרייזלעכ, בא כורגינענ אָבער איז די קאָנספּיראַציע געווענ דערפירט ביז צו א קולט. אנ אָנגעפאָרנ באָכערל, וואָס איז אינ ערגעצ ניט געזעסנ, דאַכט זיכ, אפילע אָנ רעקאָמענדאַציעס, האָט ער בא אימ געטראָפנ א זייער קאַלטנ אופנעמ. אבראַמאָוויטש האָט באַשלאָסנ צו ארבעטנ זעלבשטענדיק. ער האָט געשלאָסנ באַקאַנטשאַפט מיט דרוק־ארבעטער, ווי מיט די אמערסטנ אינטעליגענטע, האָט געשאַפנ א קרייזל, האָט אָנגעהויבנ צו פאַרנעמענ זיכ מיט זיי, אפריער מיט נאַטורוויסנשאַפט, אונ ווענ ער איז זיכ נעענטער צונויפגעקומענ, איז ער אריבערגעגאַנגענ צו דער פּראָפּאַגאַנדע פונ סאָציאַליזמ.

אבראַמאָוויטש האָט געהאַט אנ אויסערגעוויינטלעכנ איינפלוס אפ די ארבעטער, ניט נאָר ווי א טאַלאַנטפולער לעקטער, נאָר אויכ ווי א מענטש פונ זעלטענע נעשאָמע-אייגנשאַפנ, וואָס איז מיט לייב אונ לעבנ, ביזנ פולנ פאַרגעסנ אפ זיכ אליינ, איבערגעגעבנ דער זאַכ. דאָס איז געווענ א דעמאָקראַט ניט נאָר אפנ וואָרט, נאָר אויכ לויט זיינ נאַטור; ער האָט אינ זיכ ניט געהאַט קיינ טראָפּנ גענעראַלנ-מאַגיע, מיט די ארבעטער פלעגט ער זיכ האַלטנ פּראָסט, ווי א כאַווער, אָנ קיינ שומ שפּור פונ א פּאַטראָנירנדיקנ טאָנ; ער פלעגט קיינעמ ניט דריקנ מיט זיינ אווטאָריטעט, אונ די ארבעטער האָבנ אימ אופריכטיק ליב געהאַט אונ האָבנ זיכ באַצויגנ צו אימ מיט טיפער אכטונג. ער פלעגט יעדער זומער פאַרברענגענ אינ מינסק אונ אָפּגעבנ זיינ גאַנצע צייט די ארבעטער, ביזוואַנענ ער האָט געקראָגנ דעמ טיטל דאָקטער אינ 1888 יאָר. דאַנ האָט ער זיכ באַזעצט אינ קיעוו, ווו ער האָט אויכ געמאַכט דעמ אָנהייב פונ אנ ארבעטער-באַוועגונג. זומער 1889 יאָר איז ער ארעסטירט אונ פאַרשיקט געוואָרנ אינ יאַקוטער געגנט, פונוואַנענ ער האָט זיכ אומגעקערט אינ 1896 אָדער 1897 יאָר, צומ אָנהייב פונ דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער באַוועגונג אינ רוסלאַנד.

זומער 1885 י. האָב איכ זיכ אומגעקערט פונ סיביר אונ זיכ באַזעצט אינ מינסק. געקומענ צופאָרנ, בינ איכ, לויט דער אלטער באַקאַנטשאַפט, אריינגעגאַנגענ צו כורגינענ, וואָס איז אינ יענער צייט געווענ א „גענעראַל" אינעמ

1 איצט [1907 י.] דער לידער פונ דעמ קאָנסערוואַטיווּנ פליגל פונ די ציוניסטנ אינ מינסק אונ א טעטיקער מיטגליד פונ צדאָקע-געזעלשאַפטנ, שול־כעווורעס א. ד. גל.

מינסקער קרײַז. ער איז געווען אַ נאַראָדאָוואָלעצ. איך אָבער בין פאַר דער פאַרשיקונג געווען אָנגעשלאָסן אָן די טשאָרנאָפּערעדעלצעס און אין פאַרשי־קונג בין איך געוואָרן אַ מאַרקסיסט, כאָטש, איך מוז מודה זײַן, מײַן מאַרק־סיזם האָט נאָך געהאַט אַ שטאַרקן רייעך פון דעם אַלטן פאָלקיזם. נאָר אָט די טעאָרעטישע מיינונג-פאַרשיידנהײַטן האָבן יענע צײַט באַ אונדז אין מינסק ניט געשטערט די רעוואָליוציאָנערן אײַנצולעבן זיך אין דעם זעלביקן קרײַזל. איך האָב זיך פאַרינטערעסירט מיט דעם צושטאַנד פון דער באַוועגונג אין מינסק. כורגין האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אין די קרײַזלעך פון זײַן „אָרגאַ־ניזאַציע" פאַרנעמען זיך 160 מענטשן. פאַר יענער צײַט איז דאָס געווען אַן אויסערגעוויינטלעכע, פראָסט אַן אומגלויבלעכע צאָל. איך האָב אים געבעטן צו באַקענען מיך מיט די אַרבעטער.—„איך וועל אײַך פאָרלייגן דער אָרגאַני־זאַציע,—האָט ער געענטפערט,—אויב זי וועט באַשליסן אײַך צו דערלאָזן, איז רעכט".

פון אַ הײַנטיקן פאַרטייִשן שטאַנדפּונקט איז ער, מיסטאָמע, געווען גערעכט. מיר אָבער האָבן דאַן געקוקט אַנדערש אויף דער זאַך. פּירג אַ סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן אַרבעטער איז די פּליכט פון יעדן ערלעכן אינטעלי־גענט; דערמיט צאָלן מיר אָפּ „דעם היסטאָרישן כויוו" דעם פאָלק. וויבאַלד אויף מיר ליגט די פּליכט צו פאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע, איז פונדאַנען געדרונגען באַשײַמפּערלעך, אַז איך האָב דאָס רעכט צו פאָדערן, עס זאָל מיר געגעבן ווערן די מעגלעכקײַט אויסצופילן די דאָזיקע פּליכט. ענדלעך, אַרויס־גייענדיק פון דעם פּרינציפּ פון פרײַהײַט צו אונטעריכטן, האָב איך אַבסאָליוט ניט אָנערקענט פאַר קיין קרײַזל דאָס רעכט צו דערלויבן מיר פאַרנעמען זיך מיט פּראָפּאַגאַנדע: אויב איך וויל פּראָפּאַגאַנדירן סאָציאַליזם, בין איך באַ קיינעם ניט מעכוייעוו אָנצופרעגן זיך.

גופא דאָס פאָרלייגן מיך און די פּרוי מײַנע צום באַלאָטירן אין קרײַזל, וווּ, אַכוץ כורגינען, האָט אונדז קיינער פּערזענלעך ניט געקענט, האָט אין מײַנע אויגן ניט געהאַט קיין שום זינען. עס איז געווען קלאָר, אַז דער קרײַזל קען באַשליסן די זאַך נאָר אויפן גרונט פון דער רעקאָמענדאַציע פון כורגינען אַליין. אָבער פאַר אונדז איז דאָ געווען קלאָר אויך די הינטערקוליסן-זײַט: כורגין האָט ליב געהאַט צו זײַן אַ גענעראַל, און דעריבער פּלעגט ער זיך שטענדיק אַרומרינגלען מיט זייער יונגע כעווריע, וואָס פּלעגן זיך בוקן פאַר זײַן אויטאָריטעט, און אין איין בינשטאָק איז פאַר צוויי בין-קעניגנס קיין אָרט ניטאָ.

איבער אָט די אַלע מאָטיוון האָב איך און מײַן פּרוי אים דערקלערט, אַז, ניט קלײַבנדיק זיך אַרײַנצוטרעטן אין זײַן אָרגאַניזאַציע, בעטן מיר אים טאַקע ניט פאָרצושלאָגן אונדז צום באַלאָטירן.

אין דער צאָל פון מײַנע אַלטע כאַווײרים איז געווען אויך לעוו אָסיפּאָוויטש ראָגאַלער פון ראַבינאָוויטשעס קרײַזל, וואָס איז צוויי יאָר אָפּגעזעסן אין דער ווילנער טורמע אין פאַרבינדונג מיט ווועלערס פּראָצעס און איז געווען אין מינסק אונטער אויפזיכט. ער האָט מיך באַקענט מיט אַבראַמאָוויטשן און מיט דעם זעצער יויסעף רעזניק. רעזניק איז געווען דער סאַמע אָנגעלייענטער פון די מינסקער אַרבעטער און איז אין זייער סוויווע געווען זייער געאַכט. די קאַניקול-צײַט האָט זיך געדאַרפט פאַרענדיקן, אַבראַמאָוויטש האָט זיך געקליבן

אינ דערפּטער אוניווערסיטעט אונ האָט מיר פאַרגעלייגט צו נעמענ אפ זיכ די אָנפירונג מיט זײַנ קרײַזל, צו וואָסערנ עס האָט געהערט אויכ רעזניק. איכ האָב אײַנגעשטימט.

מײַנ שליסנ באקאנטשאפט מיט זײַנ קרײַזל איז פאָרגעקומענ בא א גאנצ ראָמאנטישער אומגעבונג. די רעוואָליוציאָנערנ אינ מינסק זײַנענ דאנ געווענ אלע אפ די פינגער איבּערצוציילנ, נאָכשפּירנ זיי איז געווענ זייער גרינג; דערצו האָבנ מיר נאָכ פאָרגעשטעלט זיכ די טעטיקײַט פונ נאטשאלסטווע אזוי, ווי זי וואָלט געדארפט זײַנ לויט דעם זשאנדארמסקנ אידעאל; די ווירקלעכקײַט, דארפ מענ רעכענענ, איז אויכ דאָ געווענ ווײַט פונ אידעאל. ווי עס זאָל ניט זײַנ, מיר פלעגנ שטענדיק זוכנ די סאמע פארבאָרגענע ערטער, אונ דעריבער זײַנענ מיר זיכ צונויפגעקומענ אינ א פינצטערער נאכט הינטערנ שטאָט אפנ זעלנערישנ בייסאלמענ. פונ די, וואָס זײַנענ דאָרטנ געווענ, אכוצ די אויבנדערמאָנטע, האָב איכ גוט פארגעדענקט דעם שוסטער כייפעצ, וואָס איז דערנאָכ א צײַט געווענ אויכ אינ אמעריקע, אונ דעם 18-טנ אָקטיאבער 1905 יאָר איז ער צוזאמענ מיט דרײַ קינדער אומגעקומענ פונ די פּאָגראָמשטשיקעס אינ אדעס.

אפ דער דאָזיקער סכאָדקע האָב איכ זיכ באקענט מיט דעם פלאנ פונ די פארנעמונגענ, וואָס אבראמאָוויטש האָט אויסגעארבעט אונ וואָס האָט זיכ געהאלטנ אינ די קרײַזנ פונ צאָפנ-מײַרעוודיקנ קאנט אינ מעשעכ פונ דעם העכערצעניאָריקנ פראָפּאגאנדיסטישנ פּ ע ר י אָ ד, וואָס איז פאָרגעגאנגענ פאר דער אָרגאניזירונג פונ דעם „בונד“.

אלע קרײַזלעכ האָבנ זיכ געטיילט אפ דרײַ שטופּעס: 1. קרײַזלעכ פונ גראמאָטע, ווו מע האָט די ארבּעטער געלערנט לייענענ אונ שרײַבנ רוסיש, 2. קרײַזלעכ פונ נאטורוויסנשאפט, 3. קרײַזלעכ סאָציאַליסטישע. נײַע מענטשנ פלעגנ אָנגענומענ ווערנ נאָר אינ די קרײַזלעכ פונ דער ערשטער אונ צווייטער שטופּע, אינ די קרײַזלעכ פונ דער דריטער שטופּע פלעגט מענ אויסקלײַבנ נאָר אזעלכע יונגעלײַט אונ מיידלעכ, וואָס זײַנענ דורכגעגאנגענ דורכ א קרײַזל פונ דער צווייטער שטופּע.

פאר דער איצטיקער צײַט וועט אזא סכעמע פונ אנ ארבעטער-אָרגאניזאציע אויסזענ נאַיִוו, אָבער מיט 20 יאָר צוריק האָט זי פולשטענדיק אנטשפּראָכנ דעמ ציל, וואָס מיר האָבנ זיכ געשטעלט. קיינ ארבעטער-ב א ו ו ע ג ו נ ג איז דאנ נאָכ ניט געווענ. דער איינ שטרײַק אפ מאָראָזאָווס פאבּריק אינ אָרעכאָוואָ-זויעוואָ סאָפ 1884 יאָר האָט, פארשטייט זיכ, נאָכ ניט פאָרגעשטעלט קיינ באוועגונג. מיט איר אָרגאניזאטער פּיאָטר אניסימאָוויטש מאָיִסייענקאָ האָב איכ פיל יאָרנ פּערזענלעכ קאָרעספּאָנדירט; אינ זײַנע בּריוו פונ אָרעכאָוואָ-זויעוואָ פלעגט ער זיכ קלאָגנ אפ דער אָפּוועזנהײַט פונ אינטעליגענטישע קויכעס. מיר אינ מינסק האָבנ זיכ געשטעלט אנ אופגאבע צו באשאפנ א יאָדער אינטעליגענטע ארבעטער, וואָס וואָלטנ נאָכדעם געקענט פירנ א פּראָפּאגאנדע מיט אייגענע קרעפטנ. דעריבּער איז גאנצ נאטירלעכ, וואָס מיר האָבנ געהאלטנ פאר נייטיק אָנצוהויבנ די ארבּעט פונ לערנענ די רוסישע שפּראכ. די זאכ איז דאָ געווענ גאָרניט אינ אנ „אסימיליאטארישער“ אָדער א רוסיפיקאטארישער טענדענצ, ווי מע פלעגט עס נאָכדעם דערקלערנ, נאָר אינ דער נייטיקײַט צו עפענענ פאר די קומענדיקע פּראָפּאגאנדיסטנ-ארבעטער א צוטריט צו

דער סאָציאַליסטישער ליטעראַטור. אין מיטן די 80־ער יאָרן האָט נאָך קיין ייִדישע סאָציאַליסטישע ליטעראַטור ניט עקזיסטירט, אויב מע זאָל ניט רעכענען א 3-2 בראָשורן און בלעטלעך, וואָס זײַנען אומגעפער אין יענער צײַט ארויסגעגעבן געוואָרן אין לאָנדאָן; אָבער מיר האָבן אויך וועגן דער עקזיסטענץ פון אָט די ערשטע פרווון ניט כלשהו געוווּסט. מיר פלעגן יענע צײַט א טראַכט טאָן ווען-ניט-ווען וועגן איבערזעצן נאַטורוויסנשאַפטלעכע ביכלעך אף ייִדיש. איין איבערזעצונג איז אפילע געמאַכט געוואָרן דורך דעם אַלטן לערער וואָלמאַן, עס האָט זיך אָבער ניט געפונען קיין פאַרלעגער.

אַכוצדעם, אָרגאַניזירנדיק קרײַזלעך פאַר רוסישער גראַמאַטע, זײַנען מיר געגאַנגען אנטקעגן דער באַדערפעניש, וואָס האָט זיך דאַן לעבעדיק געפילט אין דער ייִדישער מאַסע. אָנהויבנדיק פון די 60־ער יאָרן ווײַזט זיך ארויס צווישן דעם אונטערוואַקסנדיקן דאָר א לײַדנשאַפטלעכע שטרעבונג צו אייראָפּייִשער בילדונג. קינדער פון אָרעמע באַלמעלאָכעס פלעגן זיך קלײַגן בא די סאַמע קאַפּצאָנישע אומגעבונגען אָנצוקומען אין גימנאַזיע און פלעגן זי ענדיקן. צווישן ייִדן זײַנען געווען ניט זעלטן איבערגעוואַקסענע יונגעלײַט, וואָס פלעגן זיך נעמען פאַר דער רוסישער אַזבוקע. געוויינטלעך, פלעגן זיי געפינען אומזיסטע לערער צווישן די גימנאַזיסטן פון די מער פאַרמעגלעכע. אונדזערע פראָפּאַגאַנדיסטן האָבן אף זיך גענומען די ראָליע פון אַזעלכע לערער און פלעגן פאָרלייגן זייערע דינסטן, ניט וואַרטנדיק מע זאָל זיי בעטן (א לאַנגע צײַט האָבן די פראָפּאַגאַנדיסטן צווישן די מינסקער אַרבעטער געהאַט דעם נאָמען „לערער”).

פון דער אַנדער זײַט, האָט די יוגנט, וואָס האָט געשטרעבט צו לערנען זיך, פאַרגעשטעלט מיט זיך דעם אַמערסטן פּאַסיקן עלעמענט אף צו פאָרמירן קאַדרען פאַר דער צוקונפטיקער אַרבעטער-אינטעליגענץ. דאָס אַלץ האָט מען דאַן, מיסטאַמע, ניט גאָר קלאָר פאַר זיך פאָרמולירט, אָבער דאָס איז געווען אַלץ זעלבסטפאַרשטענדלעך.

די דאָזיקע סכעמע האָט געהאַט א מײַלע אויך אין פּראַט פון קאָנספּיראַציע. דער נײַסטער דאָר רעוואָליוציאָנערן, אף וויפל איך האָב באַוויזן צו אים צוקוקן זיך, האָט ניט אויסגעאַרבעט אין זיך קיין געוווינהײַט צו קאָנספּיראַציע. דאָס איז אויך פאַרשטענדלעך: איצט ווערט געפירט א קאַמף א מאַסנדיקער, בא וואָסערן די קאָנספּיראַציע וואָלט נאָר געווען א שטערונג און וואָלט אויך ניט דערגרייכט דעם ציל.

פאַרשטייט זיך, אַדאַנק דעם, וואָס עס איז ניטאָ קיין קאָנספּיראַציע, פאַלן ארײַן א מאַסע מענטשן דער פּאָליציי אין די לאַפּעס, נאָר איצטער איז דאָ אַזויפיל רעוואָליוציאָנערן, אַז די פאַרלוסטן לוינט, קאָנטיק, ניט צו ציילן,— אַז מע האַקט וואַלד, פליִען שפּענדלעך! אונדז איז אויסגעקומען צו שאַפן זיך מיט די קויכעס שפּאָרעוודיקער. דערצו האָט זיך אויך דער קרײַזל-כאַראַקטער פון אונדזער טעטיקײַט דערלויבט צוציִען פרישע אַרבעטער איבערקלײַבנדיק זיי. אין די קרײַזלעך פאַר גראַמאָטע און נאַטורוויסנשאַפט פלעגן זיך די לערער צוקוקן צו די אַרבעטער און פלעגן צוקלײַבן די פּאַסיקסטע פאַר די סאָציאַליסטישע קרײַזלעך. און,ווירקלעך, אין דער צײַט פון די ערשטע דרײַ יאָר פּראָפּאַגאַנדע איז בא אונדז אין מינסק ניט געווען קיין איין אַרעסט,

ניט געקוקט דערופ, וואָס דורכ אונדזערע קרײַזלעכ זײַנען דורכגעגאנגענע הונדערטער ארבעטער.

דאָכ האָט זיכ דאָס קאָנספיראטיווע לערנען מענטשן אָנפאנג־גראמאָטע מיר פאָרגעשטעלט ווי א העכסט-אומזיניקע זאכ. ווען די זשאנדארמען וואָלטן אונדז עמעצן געפאקט אינ אזא קרײַזל, וואָלטן זיי קיינמאָל ניט געגלויבט, אז די פארנעמונגען אונדזערע זײַנען פונ אזא אומשולדיקן כאראקטער, אונ זיי וואָלטן אלעמען פארזעצט אונ אנדערע אפילע ארויסגעשיקט, ווי פאר דער סאמע ווירקלעכער צעטרייסלונג פונ די יעסוידעס. דעריבער האָב איכ פאָרגעלייט צו אָרגאניזירן א לעגאלע שאבעס-שול, וואָס זאָל פארבײַטן אונדזערע קאָנספיראטיווע קרײַזלעכ פונ ערשטער אונ צווייטער שטופע; פונ אָט דער שול וואָלט מען שוינ געקענט ווערבירן מיטגלידער פאר די סאָציאליסטישע קרײַזלעכ. פיל פונ די, מיט וועמען מיר איז אויסגעקומען צו ריידן וועגן דעם, האָבן זיכ באצויגן סקעפטיש צו דער מעגלעכקײַט צו פארווירקלעכן מײַן פלאן. קריגן א דערלויבעניש אפ א שול פונ גראמאָטע איז בא אונדז געווען זייער שווער. אָבער צווישן אונדזער רעוואָליוציאָנערן אוילעם איז געווען אן אויסלענדישער מעדיצינ־דאָקטער מארק וואָלמאן[1], וואָס זײַן שווער לעדער האָט געהאלטן אן אָנפאנג-שול פאר יידישע יינגלעכ. איז אָט האָב איכ פאָרגעלייגט, אז לעדער זאָל אויסשטאדלענען א דערלויבעניש אפ צו עפענען בא זײַן שול א שאבעס-אָפטיילונג פאר דערוואקסענע אונ אז וואָלמאן זאָל דאָרט זײַן א לערער. דאָס איז געווען אינגאנצן א נאטירלעכע זאכ, וואָרעמ וואָלמאנען, וואָס האָט ניט געהאט קיין „אטעסטאט זרעלאָסטי", האָט מען ניט צוגעלאָזן צו קיין מעלוכע-עקזאמען אפן טיטל דאָקטער, אונ דעריבער האָט ער זיכ באשעפטיקט מיט פריוואטע לעקציעס. פאָליטיש איז ער ניט געווען קאָמפראָמעטירט. לעדער האָט אײַנגעשטימט אונ איז אוועק נאָכ א דערלויבעניש צום דירעקטער פונ די פאָלק־שולן, בא וועמען ער איז געווען אן אָנגענומענער מענטש. פונדעסטוועגן, האָט ער אים קיין שריפטלעכע דערלויבעניש ניט געגעבן, אונ האָט נאָר געזאָגט מונדלעכ: „לערנט זיכ אײַך"!

די יעדיע, אז עס עפנט זיכ א לעגאלע שול, איז אינ אונדזערע קרײַזלעכ געווען א גאנצע געשעעניש. אינ א מעשעכ פונ 2-3 וואָכן, האָט די צאָל שילער דערגרייכט ביז הונדערט. מע האָט געמוזט צעטיילן זיי אפ צוויי קלאסן; וואָלמאנען צוהילפ האָבן מיר געגעבן דעם רעאליסט שלונד, אויכ גאָר א לעגאלן מענטשן. דאָכ האָט מען וועגן דער שול אָנגעהויבן אונטערריידן „אינ שטאָט", ד. ה. צווישן דער אָרטיקער בורזשואזיע, וואָס האָט זיכ צו די סאָציאליסטן באצויגן גאָרניט גינסטיק. דעם דירעקטער פונ די פאָלקשולן האָט מען געקאָנט פארריידן די ציינ, אָבער ניט דער יידישער בורזשואזיע, וואָס האָט פארשטאנען וווהינ די זאכ צילט. עס האָט אָנגעהויבן שמעקן מיט א מעסירע. געענדיקט האָט זיכ דערמיט, וואָס אינ א וואָכן 4 ארום נאָכן עפענען די שול האָט דער דירעקטער פונ די פאָלק-שולן אײַנגעלאדן צו זיכ לעדערן אונ האָט אים „אן אייצע געגעבן" צו פארמאכן די שול. איכ האָב אן איבעריקן מאָל געהאט די געלעגנהײַט צו איבערצײַגן זיכ, אז אינ רוסלאנד איז די לעגאלסטע לאגע—אן אומלעגאלע.

---

[1] געשטאָרבן אינ שטאט ניו־דזשערזי אינ 1895 יאָר.

נאָכ א כוידעשדיקנ עקספערימענט מיט לעגאלקייט האָבנ מיר זיכ ווידער אומגעקערט צו דעמ קאָנספּיראטיוונ אופנ פונ לערנענ די אָנפאנג־גראמאָטע פונ רוסיש. פונדעסטוועגנ, איז דער דאָזיקער עקספערימענט אומזיסט ניט פארלוירנ געגאנגענ. ערשטנס, האָט זיכ אינ דער שול גלייכ געשאפנ א רע־וואָליוציאָנערע אטמאָספער: די שילער האָבנ פארשטאנענ, אז די דאָזיקע שול איז נאָר א פאָדערצימער צו עפּעס העכערס, וואָס האָט זיי געלאָקט מיטנ צויבער פונ א פארבאָטענעמ פרוכט. צווייטנס, האָט דאָס פארמאכנ די שול געהאט א רעוואָליוציאָניזירנדיקע ווירקונג אפ די שילער, וואָס האָבנ אפ זיכ דערפילט די האנט פונ דער זעלבסטהערשונג. דריטנס, די שילער זיינענ אריינ־געטראָטנ אינ אונדזערע קאָנספּיראטיווע קרייזלעכ.

כורגינ אונ זיינ קרייזל האָבנ זיכ באצויגנ צו אונדזער אופּטו מיט כויזעק. אָבער ווענ די שול איז פארמאכט געוואָרנ, זיינענ צוויי ארבעטער פונ זיינע קרייזלעכ אוועק צו דעמ ראבינער כאנעלעס אונ האָבנ אימ געדראָט מיט קלעפּ, וואָרעמ דער קלאנג אינ שטאָט איז געווענ, אז ער איז אויכ אינ דער צאָל שולדיקע פארנ פארמאכנ די שול. אונדז איז אָט דאָס ניט געבעטענע איינשטעלנ זיכ געווענ העכסט ניט אָנגענעמ. ערשטנס, האָבנ מיר ניט געהאט קיינע פאקטנ אפ צו באשולדיקנ כאנעלעסנ, וואָס האָט אינ די 70-ער יאָרנ אליינ מיט מיטגעפיל באצויגנ זיכ צו ראבינאָוויטשעס פּראָפּאגאנדיסטישער טעטיקייט, כאָטש נאָכ ראבינאָוויטשעס ארעסט, האָט ער זיכ באזייטיקט פונ צו האָבנ צו טאָנ מיט די רעוואָליוציאָנערנ, אָבער דערפונ ביז א מעסירע איז נאָכ גאנצ ווייט*. צווייטנס, אזא מינ „טעראָר" האָט געקענט צוציענ אפ אונדז די אופמערקזאמקייט פונ דער מאכט אונ ברענגענ שאָדנ אונדזער טעטי־קייט. דאָכ איז דעמ מאָל די זאכ דורכגעגאנגענ בעשאָלעמ.

דאָס קאָנספּיראטיווע לערנענ גראמאָטע האָט געפאָדערט א גרויסע צאָל מענטשנ, וואָרעמ אינ איינ קרייזל האָט מענ ניט געקענט פארייניקנ מער פונ 10 שילער. כאָטש בא אונדז איז קיינ פאָרמעלע אָרגאניזאציע ניט געווענ, מיר פלעגנ קיינעמ ניט „אופנעמענ אינ קרייזל", אָבער אפ א נאטירלעכנ וועג האָט זיכ אויסגעבילדעט א גרופּע מענטשנ, וואָס האָבנ געארבעט געמיינזאמ. אכוצ מיר, מיינ פרוי, מיינ שוועסטער אונ אבראמאָוויטשעס קרייזל, זיינענ אינ אונדזער גרופּע אריינ אלע, וואָס האָבנ זיכ אָפּגעשפּאָלטנ, וואָס האָבנ ניט געפונענ פאר זיכ קיינ אָרט אינ כורגינס „אָרגאניזאציע". אפ דעמ היגנ זשארגאָנ האָט אונדזער גרופּע געקראָגנ א צונעמעניש „איסאקאָוויצעס" (אינ די קרייזלעכ יענע יאָרנ האָט מענ מיכ גערופנ פּראָסט—איסאק), צומ אונטערשייד פונ די „יעפימאָוויצעס", די שילער פונ יעפימ כורגינ[1]. איגנאָרירנדיק די

---

* באמערקונג פונ רעדאקציע: לויט דאָקומענטנ, וועלכע געפינענ זיכ אינ אונ־דזער רעשוס, ווערט פעסטגעשטעלט, אז דער דאָזיקער ראבינער כאנעלעס איז געווענ איינער פונ די יידישע קלעריקאלנ, וואָס זיינענ פייניק אפ גרעסערע זאכנ, ווי מעסירעס. דער דאָזיקער כאנע־לעס פלעגט פאר גרויסע סומעס געלט העלפנ באפרייענ פונ פריזיוו די זינ פונ די רייכע אונ אפ זייער אָרט האָבנ געמוזט גיינ דינענ די זינ פונ דער אָרעמער ארבעטנדיקער באפעלקערונג. ניט אומזיסט האָבנ די ארבעטער באטראכט כאנעלעסנ פאר איינעמ פונ די שולדיקע אינ פארמאכנ די שול אונ דערפאר זיכ מיט אימ געוואָלט אָפּרעכענענ.

1 סאָיז 90-ער יאָרנ איז אינ מינסק אופגעקומענ א נייע פאָרמאציע יעפימאָוויצעס—אָנהענגער פונ יעפימ האלפּערינ, וואָס איז אומגעקומענ אינ יענער צייט פארשיקט געוואָרנ אינ מיזרעכ־סיביר.

אָרגאניזאציע פונ די לעצטע, פלעג איכ דאָכ ארײַנטרעטנ אינ פארבינדונגענ מיט אײנצלנע מיטגלידער זײערע, װי מיט אינדיװידוומענ, װענ עס פלעגט זײַנ נײטיק.

די פּראָפּאגאנדע אינ די ארבעטער-קרײַזלעכ פונ יענער צײַט פלעגט זיכ באגרענעצנ מיט אנ אנאליז פונ די עקאָנאָמישע יעסוידעס פונ דער קאפּיטאליסטישער אָרדענונג אונ מיטנ אָנצײכענענ דעם סאָציאליסטישנ אידעאל. פּאָליטישע פראגעס פלעגט מענ װײניק װאָס בארירנ. אדאנק דעם האָבנ די פּאָליטישע באגריפנ פונ די ארבעטער, אונ ניט נאָר פונ די ארבעטער אלײנ, פארגעשטעלט אנ אײגנארטיקנ געמיש פונ באקונינישנ אנארכיזמ מיט יאקאָבינישנ ביוראָקראטיזמ. צומ בײַשפּיל, קײנ אמט פונ א פאָרזיצער האָט מענ ניט אָנערקענט, די פארזאמלונגענ זײַנענ לויט דער אומאָרדענונג זײערער געװענ ענלעכ אפ א „סכאָד" פונ א דאָרפישער געמײנדע; דער רעזולטאט איז געװענ, אז װער עס האָט געהאט א שטארקערע געמבע, פלעגט מאָנאָפּאָליזירנ דעם גאנצנ אָװנט, אונ די איבעריקע זײַנענ געצװוּנגענ צו שװײַגנ. איכ האָב אײַנגעפירט דעם מינהעג אויסצוקלײַבנ א פאָרזיצער אפ יעדער פארזאמלונג אונ פארשרײַבנ די אָראטערנ. נאָכדעם האָב איכ אָנגעהויבנ אפ זײער אנ אײנפאכנ אונ פארשטענדלעכנ פּראקטישנ איניענ צו באקענענ די ארבעטער מיט די פּרינציפּנ פונ זעלבסטפארװאלטונג אונ פּארלאמענטאריזמ. די ארבעטער האָבנ באשטימט צו שאפנ אנ אײגענע ביבליאָטעק. מיר האָבנ אָנגעהויבנ אויסצוארבעטנ ארטיקל נאָכ ארטיקל דעם סטאטוט פונ דער דאָזיקער ביבליאָטעק. דאָס האָט ארויסגערופנ זײער א לעבעדיקנ אינטערעס בא די גרינדער אירע, אנ אָנדערהאלבנ צענדליק מענטשנ. די פראגעס זײַנענ געװענ אזוי קאָנקרעט, אז יעדערער איז געװענ בעקויעכ ארײַנצוטראָגנ א װאָסער ניט איז פאָרשלאָג. אזא פאָרשלאָג פלעגט פּרינציפּיעל באהאנדלט װערנ פונעם שטאנדפּונקט צי ער שטימט מיט די פּרינציפּנ פונ דעמאָקראטיע אונ פרײַהײַט. געװײנטלעכ פלעג איכ זײַנ פאָרזיצער אפ די דאָזיקע פארזאמלונגענ אונ אינ מײַנ רעזומע פלעג איכ באלײַכטנ די פּרינציפּיעלע זײַט פונ דער פראגע, אויב די דיסקוסיע צװישנ די ארבעטער אלײנ פלעג עס ניט גענוג קלאָר מאכנ. אויב מײַנ רעזומע פלעגט ארויסרופנ נײַע פראגעס, אָדער דערװידערונגענ, פלעגנ זיכ די דעבאטנ אָנהויבנ פונדאָסנײַ. אײַלנ זיכ איז ניט געװענ צו װאָס אונ װוּהינ. אײנ קלאל האָב איכ אײַנגעפירט אפ צו באגרענעצנ די אומענדלעכע אמפּערנישנ: עס פלעגט ניט דערלויבט זײַנ איבערצוכאזערנ דאָס, װאָס אנדערע האָבנ שוינ ארויסגעזאָגט. װענ עמעצער פלעגט זיכ דערלויבנ אָפּװײַכנ פונ אָט דעם קלאל, פלעגט מענ אימ גלײַכ אָפּשטעלנ מיט געשרײענ: „שוינ ארויסגעזאָגט"; אינ אזעלכע פאלנ פלעג איכ אויכ אויסנוצנ מײַנ פאָרזיצער-מאכט אונ פלעג, בא אלעמענס בײַפאל, אָפּשטעלנ דעם רעדנער. אזא קלאל איז ניטאָ אונ קענ, פארשטײט זיכ, ניט זײַנ אינ קײנ פּארלאמענטישנ רעגלאמענט, אָבער בא אונדז האָט ער געארבעט אויסגעצײכנט.

איכ האָב נאָכ געמאכט א פּרוּװ צו אָרגאנינירנ א געברויכ-געזעלשאפט, װידער טאקע מיטנ ציל, הויפּטזאכלעכ, צו דערציִענ בא די ארבעטער די געװוינהײַט צו פירנ א געזעלשאפטלעכנ איניענ. דער באָדנ פאר אזא אונטערנעמונג האָט זיכ אָבער ארויסגעװיזנ פאר ניט גינסטיק: אכוצ אײנעם אָדער צװײ ארבעטער איז בא אונדז געװענ אלצ א יונגער אוילעם, ניט קײנ פא־

מיליע-מענטשן, וואָס האָבן געלעבט אַפּ קעסט בא די עלטערן און דעריבער אַליין גאָרנישט ניט געקויפט.

שוין די ערשטע צײַט האָט זיך אונדז געמאַכט א געלעגנהײַט צו באהאַנד־לען אפ דער פּראַקטיק די פראגעס וועגן צענטראַליזאַציע און פעדעראַליזם. בא די יעפּימאָווצעס איז געווען א קליינע אַרבעטער-ביבליאָטעקל; דערהערנדיק וועגן אונדזער ביבליאָטעקל, האָבן זיי אונדז פאָרגעלייגט צו פאַראייניקן זיי. אָבער דאָ האָט זיך געשטעלט די פראגע וועגן דאָס פאַרוואַלטן מיט דער פאַ-רייניקטער ביבליאָטעק. איצט קען זיך אזא פראגע אַרויסווײַזן ווי קאָמיש;ביידע ביבליאָטעקלעך האָבן פאַרמאָגט אַזוי ווייניק ביכער, אַז פון א פּראַק-טישן שטאַנדפּונקט האָט זיך ניט געלוינט אפילע צו ריידן. וועגן דעם, ווער און ווי עס וועט פאַרוואַלטן. דעמלט אָבער האָט זיך די זאַך אונדז פאָרגע־שטעלט אַנדערש. די יעפּימאָווצעס זײַנען געווען נאַראָדאָוואָלצעס און פלעגן אַרופלייגן א צענזור אפ דער אומלעגאַלער ליטעראַטור, וואָס זיי האָבן געהאַט. צ. בש., בא זיי אין ביבליאָטעק איז פאַר דער אינטעליגענץ געווען איין עקזעמפּליאַר פלעכאַנאָווס „אונדזערע מיינונג-פאַרשיידנהײַטן”; דעם דאָ-זיקן עקזעמפּליאַר פלעגט מען אָבער אַרויסגעבן נאָר אויסערלעכע מענטשן, וואָס זײַנען, אַזוי צו זאָגן, „פּאָליטיש קאָשער”, וואָס דאָס לייענען דעם דאָזיקן ווערק וועט אפ זיי ניט האָבן, ווי מע האָט גערעכנט, קיין שעדלעכע ווירקונג. איך פלעג אויסלאַכן אָט דאָס „אויסשליסן ביכער פון געזעלשאַפטלעכע ביב-ליאָטעקן” און געבן זיי צום לייענען, אַזוי צו זאָגן, „פּערזאָנען פון די העכ-ערע 4 קלאַסן”. ווײַטער פלעגן די יעפּימאָווצעס אונדז באשולדיקן אין ניט געניגנדיקער קאָנספּיראַטיווקײַט באַם אויסקלײַבן מיטגלידער פאַר אונדזערע קרײַזלעך; מיר אָבער פלעגן שטרעבן אַרומצונעמען מיט אונדזער פּראָפּאַגאַנדע וואָס ברייטער די אויבערשטע שיכטן אַרבעטער. אפ דעם אָט באָדן וואָלטן קאָנפליקטן געווען אומפאַרמײַדלעך. אפילע מענטשן, וואָס זײַנען פולשטענדיק צוגעוווינט צו די מעטאָדן פון קאָנספּיראַציע, ווערט אָפט ניט גוט, ווען זי ווײַזט זיך אַרויס צו שאַרף; און מע דאַרף זאָגן, אַז אונדזערע רעוואָליוציאָ-נערן ווײַזן צײַטנווײַז אַרויס אין אַזעלכע פאַלן א מערקווירדיקע פייִקײַט צו קאָפּירן די מאַניערן פון „אָקאָלאָדאָטשניקעס”. הײַנט שטעלט זיך פאָר, אַז א ווייניק צעפּראָפּאַגאַנדירטער אַרבעטער קומט צו אַזא מין קאָנספּיראַטיווע אמט־האָבער נאָך א לעגאַלן ביכל אָן א געהעריקער „אודאָסטאָווערעניע ליטש־נאָסטי” און טרעפט, אָדער א ניהיליסטישן, אָדער א מימרעצאָווישן אופנעם. אונדז האָט עס אויסגעזען, אַז אַזוינס דאַרף נאָר אָפּשטויסן די אַרבעטער פון אונדז.

אפ אָט דעם באָדן זײַנען עס בא אונדז אופגעקומען די דעבאַטן אין ביבליאָטעק-קרײַזל וועגן צענטראַליזאַציע און פעדעראַליזם. מיר האָבן אויס-געאַרבעט א פּלאַן פון פעדעראַטיווער פאַרבינדונג צווישן ביידע ביבליאָטעק-לעך, די יעפּימאָווצעס זײַנען באַשטאַנען אפ צענטראַליזאַציע; מיט וואָס דאָס האָט זיך געענדיקט, געדענק איך שוין ניט איצט אַקוראַט, דאַכט זיך, אַז מע איז זיך ניט צונויפגעגאַנגען.

אָט דעם ריין פּראַקטישן קורס פון קאָנסטיטוציאָנעלן רעכט האָב איך גע-זען צו דערגאַנצן מיט טעאָרעטישע פאַרנעמונגען. מיר האָבן אויסגעקליבן די סאַמע אַנטוויקלטע אַרבעטער, צווישן זיי 3 יעפּימאָווצעס, און האָבן צו-

זאמען געלייענט מילס „וועגן רעפּרעזענטאטיווער רעגירונג", באגלייטנדיק אָט דאָס לייענען מיט קאָמענטארן און דעבאטן וועגן די רעכט פון דער מינדער-הייַט אין די גרענעצן פון דער מאכט פון דער מערהייַט.

ווינטער 1885-1886 האָב איך אויך אופגעהויבן א געדאנק וועגן א דע-מאָנסטראציע בא עפּעס א געלעגנהייַט, וואָס זאָל זייַן פארשטענדלעך פאר אלעמען. צוליב דעם האָט זיך, פארשטייט זיך, געפאָדערט א צוזאמענדיקע אק-ציע פון ביידע „פראקציעס", אויב עס איז דערלויבט אזוי אויסצודריקן זיך,— די איסאקאָווצעס און יעפימאָווצעס. מיר האָבן אייַנגעלאדן אפ א באראטונג פאָר-שטייער פון די יעפימאָווצעס. וועגן דעם דאָזיקן איניען זייַנען בא יויסעפ רעזניק אין דירע פאָרגעקומען, דאכט זיך, צוויי פארזאמלונגען. פון די יעפימאָווצעס זייַנען געווען צוויי ארבעטער, איינער א בויער און איינער א סטאָליער (ביידע זייַנען איצט אין אמעריקע), און עטלעכע אינטעליגענטן. דער הויפּט-אָראטער זייערער איז געווען סאָלאָמאָן מערלינסקי[1]. ער איז דאן געווען א גימנאזיסט פון א יאָר 16, ער האָט אָבער גלייַך צוגעצויגן מייַן אופמערקזאמקייַט, אדאנק זייַן קלאָרן סייכל און דער באדייַטנדיקער פאר זייַן עלטער אנטוויקלונג. די יעפימאָווצעס זייַנען געווען קעגן „אָפּענע ארויסטרעטונגען",—אָנווענדנדיק א הייַנטצייַטיקן טערמין צו די באדינגונגען פון יענער ווייַטער פארגאנגענהייַט, און דער געדאנק וועגן א דעמאָנסטראציע איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן.

פאר מיר פּערזענלעך זייַנען די דאָזיקע פארזאמלונגען געווען אן אָנהייב צו דער באקאנטשאפט מיט מערלינסקין, וואָס האָט זיך שפּעטער פארוואנדלט אין א פּערזענלעכער פריינטשאפט. וואָס איז שייַעך אונדזערע ארבעטער-קרייַז-לעך, האָבן זיך צווישן זיי אויך, נאטירלעך, אָנגעהויבן צווישנבאציִונגען: אונ-דזערע פלעגן גיין אפ ׳פארנעמונגען אין די יעפימישע קרייַזלעך און פלעגן צוציִען צו אונדז יעפימישע ארבעטער. ווי איך האָב שוין געזאָגט, איז אָט די פראקציִאָנעלע צעטיילונג געווען „אן אָרגאניזאציִאָנעלע", ווי מע וואָלט זיך איצטער אויסגעדריקט. אין רוסלאנד איז דאָ עפּעס א קעגנשטעלונג פון „אָר-גאניזאציִאָנעלער" טיילונג און „פּרינציפּיִעלער". אין אמעריקע איז מען שוין געקומען צום באוווּסטזייַן, אז די פראגע וועגן דער פאָרמע פון אָרגאניזאציע איז שוין גופא א וויכטיקע פּרינציפּיִעלע פראגע. אין דער הייַנטיקער אמע-ריקאנער פּאָליטיק וואָלט מען דעם קאמף צווישן די „איסאקאָווצעס" און „יעפימאָווצעס" כאראקטעריזירט ווי א קאמף פון „אומאָפּהענגיקע דעמאָקראטן" קעגן פארטייִשן „באָסיזם"[2].

וועגן קלאָסנקאמף פלעגט מען דאן בא אונדז פירן נאָר טעאָרעטישע שמועסן; קיין פראקטישע באדייַטונג האָבן אָט די שמועסן ניט געהאט, צוליב דער קליינצאָליקייַט פון אונדזערע קרעפטן בא דער צעבּרעקלטקייַט פון די ייִדישע ארבעטער איבער די קליינע האנטווערקער-ווארשטאטן. די גרעסטע אונטערנעמונגען בא אונדז זייַנען געווען די טיפּאָגראפיעס; דאָרט איז גע-מאכט געוואָרן דער אָנהייב פון א פּראָפעסיִאָנעלן פאריין פון דרוקער-ארבע-

---

[1] געווען פארשיקט אין וואָלאָגדער גובערניע אין די יאָרן 1890-1892.] איצט [אין 1907] וווינט ער אין ווארשע און שטייט אויסער יעדער פּאָליטיק.

[2] „באָס"—פארטייִשער „באלעבאָס", ווען עס פּאָלגט די פארטייִשע „מאשין". זע וועגן דעם מייַן ארטיקל אין דעם דריטן באנד פון דעם זאמלבוך „Государственный строй З. Европы и С. Американских соед. штатов", изд. Глаголева

טער. די באַלעבאַטים האָבן גלײַך ארויסגעוויזן א קלאַסן־אינסטינקט, און האָבן זיך גענומען טשעפּען זיך צו די ארבעטער, וואָס האָבן געהערט צו די סאָציאַליסטישע קרײַזלעך. צו קיין אָפענעם קאָנפליקט איז עס אָבער ניט דערגאַנגען.

זומער 1886 י. האָט אומאָפּהענגיק פון אונדז אויסגעבראָכן א סטיכישער שטרײַק פון די טאַפּעצירער. מיר האָבן זיך גלײַך געלאָזט העלפן די שטרײַקער. בא רעזניקן אף דער קוואַרטיר איז פאָרגעקומען איינע אָדער צוויי פאַרזאַמלונגען; נאָך איינע פאַרזאַמלונג איז פאָרגעקומען אין שטאָטישן סקווער.

עס האָבן געשטרײַקט סאַכאַקל אָנדערהאַלבן צענדליק ארבעטער פון איין וואַרשטאַט. דער באַלעבאָס האָט זיך געקליבן אויסשרײַבן ארבעטער פון ווילנע, נאָר אין עטלעכע טעג ארום האָט זיך דער שטרײַק געענדיקט מיט א פאַרשטענדיקונג. עס איז געווען נאָך א שטרײַק בא די שילער פון דער ייִדישער דאַנטוועקער־שול, וואָס זײַנען געווען אונטערן אײַנפלוס פון די „יעפּיוואָוצעס"; דער שטרײַק האָט אויסגעבראָכן אפן באָדן פון דער אומצופרידנקײַט פון די שילער מיטן אופזעער, דאַכט זיך, מע האָט אים אפילע געסטראַשעט מיט קלעפּ. אין שטאָט האָט עס אָנגעמאַכט א גרויסן טומל, וואָרעם די שול ווערט אויסגעהאַלטן אף די פילאַנטראָפּישע מיטלען און אינדערשפּיץ שטייען די היגע פּניי. דאָס, וואָס מײַן פרוי איז בײַגעווען אף א סכאָדקע פון די שטרײַקער, האָט צוגעגעבן דער זאַך א געפערלעכן פּאָליטישן כאַראַקטער אין די אויגן פון די דאָזיקע פּאַטראָנען. מיט וואָס די זאַך האָט זיך געענדיקט, געדענק איך שוין ניט איצטער.

דער וווּקס פון אונדזערע קרײַזלעך האָט פאַר אונדז ארויסגערוקט די קוואַרטיר־פראַגע. זומער פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן הינטערן שטאָט, אין וואַלד; ווינטער איז אויסגעקומען צו זוכן קוואַרטירן. פון אָנהייב פלעגט מען זיך צונויפקלײַבן בא רעזניקן; ער איז געווען א פאַמיליע-מענטש, זײַן פרוי האָט געהאַט א וואַרשטאַט פון פרויען־קליידער; ער פלעגט פאַרדינגען צוויי צימערן אַן ארבעטער און אַן ארבעטערן, אויך מיטגלידער פון אונדזערע קרײַזלעך. אָבער אלעמען דאָרט צונויפקלײַבן זיך איז געווען ניט באַקוועם איבער פּאָליציייִשע באַדינגונגען. מע פלעגט זיך אויך צונויפקלײַבן בא ארבעטער און ארבעטערנס ניט קיין פאַמיליע-מענטשן; אָבער, ערשטנס, זײַנען די עלטערן געווען א שטערונג, און, צווייטנס, אין א פּיצל צימערל, ווו עס פלעגט זײַן אָרט נאָר פאַר א טיש מיט א בעטל, פלעגט זיך אמאָל אָנפּאַקן העכער א צענדליק מענטשן.

מיר האָבן באַשלאָסן דינגען א דירע פאַר פאַרזאַמלונגען. מע האָט געפונען א דירע פון דרײַ צימערן אפן אלטן מאַרק, ווו עס דרייט זיך שטענדיק ארום א גרויסער עולם. די הויז איז געווען מיט א דורכגאַנג-הויף און מיט טויערן אף 3 גאַסן. אין פּאָליציייִשער הינזיכט זײַנען אלע פאָרזיכטיקײַטן געווען אויסגעהאַלטן. עס איז אונדז אָבער אויסגעקומען צו לאָזן די דאָזיקע דירע נאָך איידער ס'האָט זיך געענדיקט דער כוידעש. אין דער דירע האָבן זיך באַזעצט צוויי יונגעלײַט, דאָס ביסעלע מעבל איז געווען זייער אָרעם, אָרעמער אפילע איידער בא די געוויינטלעכע ייִדישע קאַפּצאָנים,— אונדזערע פּאָנדן האָבן אונדז מער ניט דערלויבט. און אָט די דאָזיקע דירע האָט אָנגעהויבן באַזוכן, דערהויפּט אין די אָוונטן, יונגוואַרג פון ביידע געשלעכטן. די

שכײנים זײַנען געװען סקאנדאליזירט און זײַנען געקומען צום געדאנק, אַז אין דער דירע מוז זײַן אַ געהײמע נעסט פון פּראָסטיטוציע. עס איז געװען אַ געפאַר פון מיספאַרשטײעניש מיט דער פּאָליציי, װאָס עס װאָלט זיך געענדיקט מיט אַן אָבלאַװע און מיטן דורכפאַל פון עטלעכע צענדליק אַרבעטער. מע האָט געמוזט די פאַרזאַמלונגען אָפּשטעלן. דאַן האָבן מיר געדונגען אַ דירע אין עק שטאָט (אויף קאָמאַראָװקע). דאָרט האָט זיך באַזעצט אַ יונגער מענטש, װאָס איז געקומען פון אַמעריקע, הירשפעלד [1], קלוימערשט, װי אַ לערער פון ענגליש. די עמיגראַציע-באַװעגונג, װאָס האָט זיך דאַן שױן אָנגעהױבן, האָט געגעבן די שכײנים אַ גלױבװערטיקע דערקלערונג פאַרװאָס זײַן דירע באַזוכן פיל שילערנס, װאָס קלײַבן זיך צונויף גרופּעסװײַז, קעדײ צו לערנען זיך אינײנעם. אָבער, אין אַ קורצער צײַט אַרום האָבן די דירע אויסגעשפּירט שפּיאָנעס; אין מינסק פלעגט עס געמאַכט װערן פּאַטריאַרכאַל. די שפּיאָנעס האָט גאַנץ שטאָט געקענט.

װיפל זײַנען אין אונדזערע קרײַזלעך געװען אַרבעטער, איז געװען שװער צו דיסקאָנטירן. זומער, 1886 י. האָבן מיר אײנמאָל געמאַכט אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע „לערער", קעדײ אונטערצופירן סאַכאַקלען: עס האָט זיך אַרויסגעװיזן, אַז אין די „איסאַקישע" קרײַזלעך פון אַלע שטופעס, איז געװען 130 אַרבעטער; װיפל איז געװען בײַ די „יעפימאָװצעס" האָבן מיר ניט געװוסט. װען מע זאָל אָנעמען דעם פריער־דערמאָנטן ציפער כורגינס און אַראָפּרעכענען די, װאָס האָבן באַזוכט אי די אי יענע קרײַזלעך, װעט מיסטאַמע אַלע צוזאַמען זײַן ניט װײניקער פון 250 מאַן. מיט צװײ יאָר שפּעטער, האָב איך געמאַכט אַ רײַזע איבער די װיכטיקסטע צענטערס פון צאָפן-מײַרעװ-קאַנט; אין ביאַלעסטאָק און גראָדנע איז גאָרניט געװען קײן אַרבעטער-קרײַזלעך. און אין װילנע האָט מיר לעװ יאָגיכעס [2] („ליאָװקע") דערצײלט, אַז זײ האָבן אַ קרײַזל פון 4 אַרבעטער. װעגן די גרויסרוסישע גובערניעס איז, פאַרשטײט זיך, ניטאָ װאָס צו רײדן. יענע צײַט האָט װעגן פּראָפּאַגאַנדע און אַגיטאַציע צװישן די אַרבעטער קײנער ניט געטראַכט.

דער ערשטער. אַרעסט בײַ אונדז אין מינסק איז פאָרגעקומען אין פעװראַל 1887 יאָר. מע האָט גענומען יוסעף רעזניקן אין דרוקערײַ איבער אַ מעסירע פון אַ פּראָװאָקאַטער, אַן אַרבעטער פון דער זעלביקער דרוקערײַ, זאַרכין. װי אַ באַלוינונג האָט זאַרכין באַקומען אַ דערלױבעניש צו עפענען אַ טיפּאָגראַפיע אין אײנער פון די אויעזד־שטעט. רעזניק איז פאַרשיקט געװאָרן אין יאַקוטער געגנט, פונװאַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין 1892 יאָר אָן דעם רעכט צו אַרבעטן אין דרוקערײַען. דעם קומענדיקן יאָר האָט ער אויסגעװאַנדערט אין אַמעריקע.

רעזניקס אַרעסט האָט אויפגערודערט די זשאַנדאַרמעריע, װאָס האָט ביז דאַן געדרעמלט. עס האָט זיך אָנגעהױבן אַ רײ הויז־זוכונגען בײַ די אַרבעטער; מע האָט אָנגעהױבן שלעפּן זײ אויף אויספאָרשונגען. דאָך איז אין משך פון העכער צװײ יאָר די זשאַנדאַרמען ניט געלונגען עפּעס װאָס צו דערגײן. ערשט צום סאָף 1889 י. האָט דער אַרעסט פון אַן אַרבעטער, װאָס איז בײַ אונדז

---

1 דערנאָך אַ דאָקטער אין מינעאַפּאָליס, אין די פאַראײניקטע שטאַטן און אַן אָנגעזעענער טוער פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטײ אין שטאַט מינעסאָטאַ.

2 שפּעטער אַ לאַנגע צײַט געװען אין עמיגראַציע.

געווען באַקאַנט אונטער דעם צונעמעניש לאַפלאַס (זיין פאַמיליע געדענק איך ניט), געגעבן זיי אין די הענט אַ שוואַכן באַכערל, פון וועמען זיי האָבן זיך עפּעס וואָס דערוווּסט וועגן אונדזערע קרייזלעך.

פיל מער איידער די פּאָליציישע פאַרפאָלגונגען האָט טאָרמאָזירט אונדזער אַרבעט די עמיגראַציע אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך דאַן אָנגעהויבן. פאַקטיש האָבן מיר געגרייט סאָציאַליסטישע אַרבעטער פאַר אַמעריקע. ווען איך בין געקומען צופאָרן אין ניו־יאָרק סאָף 1890-טן יאָר, האָב איך דאָרט דערוווּסט „די רוסישע אַרבעטער־געזעלשאַפט פאַר זעלבסט-אַנטוויקלונג״, וואָס דער אויפֿלעם פלעגט רופן „מינסקער אַרבעטער-געזעלשאַפט״. ווירקלעך, פון 35 מיטגלידער פון דער דאָזיקער געזעלשאַפט זיינען 32 געווען מינסקער אַרבעטער 1. דעם זעלביקן יאָר האָבן מיר אין ניו-יאָרק איינגעאָרדנט ערעוו דעם רוסישן ניי-יאָר „אַ באַל פון די מינסקער סאָציאַליסטן״, אַף וואָסערן עס זיינען איינגעלאַדן געוואָרן, אַכוץ ערן-געסט פון אַנדערע שטעט, אַלע, וואָס האָבן זיך ווען עס איז באַטייליקט אין די מינסקער קרייזלעך: אַזעלכע האָט זיך אָנגעקליבן אַ גאַנצע מייע.

דאָך האָט די פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט זיך אין מינסק; איינע פלעגן אַוועקפאָרן, אַף זייער אָרט פלעגן קומען אַנדערע; אַזוי האָט זיך עס געצויגן סאַמע ביזן אָנהייב פון אַ מאַסן-באַוועגונג צווישן די יידישע אַרבעטער. פון מינסק פלעגן אונדזערע קרייזל-אַרבעטער אַריבערפאָרן אין אַנדערע שטעט זוכן אַרבעט. איינער פון די סאַמע טעטיקע מיטגלידער פון אַבראַמאָוויטשעס ערשטן קרייזל, יאַקאָוו זווירין, איז אָנגעקומען פאַר אַ זעצער אין דער דרוקעריי פון „סמאָלענסקי וועסטניק״. דאָרט איז ער זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך גרופּירט אַרום דער צייטונג און, בא איר מיטהילף, האָט ער זיך פאַרנומען מיט פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער. אין 1889 י. איז זייער קרייזל אַרעסטירט געוואָרן. זווירין איז אָפּגעזעסן אַ יאָר אין קרעסטי, און ווען ער איז באַפרייט געוואָרן, האָט ער שוין, פאַרשטייט זיך, פאַרלאָרן דאָס רעכט צו אַרבעטן אין דרוקערייען. ער האָט אויסגעוואַנדערט אין אַמעריקע און איצט וווינט ער אין ניו-יאָרק. אַף וויפל אונדזערע מינסקער אַרבעטער האָבן מיטגעהאָלפן דער אויפוואַכונג פון דעם זעלבסטבאַוווּסטזיין בא זייערע כאַווײרים אין אַנדערע שטעט, איז מיר ניט באַוווּסט, וואָרעם אין 1890 יאָר האָב איך אַליין פאַרלאָזן רוסלאַנד.

אָנרופן אונדזערע ערשטע אַרבעטער-קרייזלעך פון די יאָרן 1884—1886 סאָציאַל-דעמאָקראַטישע, צום אונטערשייד פון די נאַראָדאָוואָלישע, וואָלט, מיסטאַמע, געווען ניט ריכטיק. אַקימאָוו רופט אָן אין זיין „אָטשערק ראַזוויטיאַ סאָציאַל-דעמאָקראַטיי וו ראָסיי״ אַבראַמאָוויטשן סאָציאַל־ז׳עמאָקראַט. דאָס איז גאַנץ ריכטיק בענעגייע דער צייט פון זיין אַרעסט אין 1889 י. איך וואָלט אָבער ניט אַנטשלאָסן זיך צו באַהויפּטן דאָס זעלביקע וועגן יענעם פּעריאָד, צו וואָסערן עס איז שייך די ערשטע אַרבעטער-קרייזלעך אין מינסק, וואָס ער האָט געשאַפן. די גרופּע „באַפרייונג פון אַרבעט״ האָט זיך דאַן ערשט אויסגעבילדעט.

---

1 דעם קומענדיקן יאָר איז די דאָזיקע געזעלשאַפט, לויט דער איניציאַטיוו פון ד״ר אינגערמאַן, רעאָרגאַניזירט געוואָרן אין דער „רוסישער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט״. די דאָזיקע געזעלשאַפט פלעגט געבן אַן ערנסטע מאַטעריעלע שטיצע דעם „פאַרבאַנד צו באַפרייען די אַרבעט״ און דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי אין די ערשטע יאָרן פון איר עקזיסטענץ.

קיין פערזענלעכע פאַרבינדונגען מיט איר האָט זיך בא אבראַמאָוויטשן, אין דער צײַט, וואָס ער איז געווען אין פּאַריזש, אין 1883—1884 יאָר, אַפ ווי ווײַט מיר איז באַוווּסט, ניט אײַנגעשטעלט. אבראַמאָוויטש איז געווען אַ מערקווירדיק־פייִקער און געבילדעטער יונגערמאַן פון אַ יאָר 19-20, אָבער צי האָט ער שוין באַוויזן דאַן זעלבשטענדיק אויסצואַרבעטן זיך אַ קלאָרע סאָציאַל־דעמאָקראַטישע וועלטאַנשויונג, איז בא מיר אַ ספק. וועגן זיך האָב איך שוין גערעדט. פון דער ליטעראַטור פון דער גרופּע „באַפרײַונג פון אַרבעט" איז בא אונדז אין מינסק ביז סאַמע 1890 יאָר געווען נאָר איין עקזעמפּליאַר פון „אונדזערע מיינונג-פאַרשיידנהײַטן". אַ געוויסע גײַסטיקע פאַרבינדונג מיט זייער גרופּע האָט זיך בא אונדז אײַנגעשטעלט ערשט אין 1887 יאָר, ווען צו אונדז איז געקומען צופאָרן שמוליעוויטש („קיוול"), אַ פריִערדיקער „יעפימאָוועצ", וואָס איז אַביסל צײַט געווען אין דער שווייץ און איז דאָרט געוואָרן אַ סאָציאַל-דעמאָקראַט [1]. אָבער שמוליעוויטש האָט ניט פאַרמאָגט קיין פייִקייטן פון אַ מיסיאָנער און דעריבער איז זײַן פערזענלעכער אײַנפלוס געווען שוואַך.

אין האַרבסט פונעם זעלביקן יאָר איז צו אונדז דערגאַנגען פון דער שווייץ די בראָשור „אַ פּראָגראַם צו באַהאַנדלען פּראָגראַם-פראַגעס". דאָס איז געווען אַ זייער זאַכלעך אַלזײַטיק און אָביעקטיוו-צונויפגעשטעלטע רעזומע פון אַלע פראַגעס, וועגן וואָסערע עס איז דאַן צווישן דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט געווען מיינונג-פאַרשיידנהײַטן. די אויטאָרן פון דער פּראָגראַם האָבן רעקאָמענדירט צו שאַפן קרײַזלעך אַפ צו באַהאַנדלען און קלאָר מאַכן אַלע שטרײַט-פראַגעס. בא אונדז איז דער דאָזיקער געדאַנק באַגעגנט געוואָרן מיט אַן אַלגעמיינעם מיטגעפיל. עס איז אײַנגעאָרדנט געוואָרן אַ פאַרזאַמלונג, וווּהין עס זײַנען געקומען אַ מאַן 20—30. די דעבאַטן האָבן זיך געפירט אַפ אַ שרעקלעך-אַנאַרכישן אופן. מײַן פאָרשלאָג אויסצוקלײַבן אַ פאָרזיצער און אײַנשטעלן אַ צעטל פון די רעדנער האָט ניט געקראָגן קיין שטיצע, ווי אַן עכטע „איסאַקישע" אַפּיקאָרסעס. אַ האַלבער אָוונט איז אַוועקגעגאַנגען אין אַ ווערטער-טורניר צווישן כורגינען און לעוו מאַרקאָוויטש זאַק [2]. כורגין איז געשטאַנען פאַר „פאַרכאַפּן די מאַכט", און זאַק האָט דערווידערט, אַז „צוליב אַזאַ זאַך דאַרפן מיר זיך ווענדן צום גענעראַל בעלאַווו" (דער היגער וואָיִנסקי נאַטשאַלניק). מיר איז דער דאָזיקער מישמאַש דערעסן געוואָרן און איך בין אַוועקגעגאַנגען, ניט דערוואַרטנדיק זיך דעם סאָף. דעם זעלביקן אָוונט איז באַשלאָסן געוואָרן, צוליב פּאָליציייִשע מאָטיוון, צו צעקלאַפּן זיך אַפ קלענערע גרופּעס. אַזעלכע גרופּעס האָבן זיך אויסגעבילדעט דרײַ. איינע האָט גאָר גיך

1 אין 1889 י. איז ער געווען געצוווּנגען צו אַנטלויפן פון רוסלאַנד און ביז 1896 האָט ער געוווינט אין דער שווייץ, וווּ ער איז געווען אַן אַקטיווער מיטגליד פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס. אין 1896 יאָר האָט ער אויסגעוואַנדערט אין אַמעריקע און איצט וווינט ער אין טשיקאַגאָ.

2 ל. מ. זאַק איז אַרעסטירט געוואָרן אין 1879 יאָר פאַר אָנטיילנעמען אין איינעם פון די קרײַזלעך פון „זעמליאַ אי וואָליאַ", וואָס האָבן געאַרבעט אַפ דער וואָלגע און דאָרטן־אוראַל, און איז אַדמיניסטראַטיוו אַרויסגעשיקט געוואָרן אין יעניסייסק. פונוואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין 1886 י. פרילינג 1888 יאָר איז ער ווידער אַרעסטירט געוואָרן אין מינסק און פאַרשיקט געוואָרן אין יאַקוטער געגנט, פונוואַנען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין 1896 יאָר. אומקערנדיק זיך פון דער צווייטער פאַרשיקונג, איז ער צוזאַמען מיט מײַן שוועסטער צוגעטראָטן איבערזעצן דעם ערשטן באַנד פון ק. מאַרקס „קאַפּיטאַל", ער איז אָבער געשטאָרבן אין 1897 איידער די אַרבעט איז געענדיקט געוואָרן. די איבערזעצונג איז אַרויס אין 1899 י. אונטער דער רעדאַקציע פון פּ. ב. סטרווע.

אופגעהערט צונויפצוקלײַבן זיך. די אנדערע, וואָס איז באשטאנען פון סעמינא־ריסטן און לערער, פלעגט זיך א געוויסע צײַט צונויפקלײַבן, נאָר אינגיכן האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די דעבאטן צעטרייסלען די יעסוידעס פון דעם פאָלקיס־טישן גלויבן און ברענגען צו ניט פריילעכע אויספירן. דעריבער איז, ווי עס האָט איבערגעגעבן „יעגאָריטש"1, באשטימט געוואָרן גאָר אופהערן די בא־האנדלונג פון די פראָגראם־פראגעס און בלײַבן בא דער פריִערדיקער וועלט־אָנשויונג. די דריטע גרופע, וואָס פלעגט זיך צונויפקלײַבן אין מײַן קווארטיר, האָט דערפירט די באהאנדלונג ביזן סאָף. אין איר האָבן זיך באטייליקט אכוץ מיר, מײַן פרוי און שוועסטער, מערלינסקי, שמוליעוויטש, יעפים האלפערין, פון פרילינג 1888 יאָר אָן—אבראמאָוויטש און אנד. מיר פלעגן זיך צונויפקלײַבן איינמאָל אין וואָך אין מעשעכ פון א האלב יאָר. און אין רעזולטאט האָט די מערהײַט אונדזערע, אײַנשליסנדיק אבראמאָוויטשן, מײַן שוועסטער און מיך, אָנגענומען איבער אלע פראָגראם־פראגעס סאָציאל־דעמאָקראטישע פאָרמולעס.

א י. ה ו ר ו ו י ט ש.

---

1 איינער פון די ווייניקע, וואָס האָבן זיך ארויסגעגליטשט פונעם וואכנדיקן אויג פון נאטשאלסטווע; געפינט זיך אפ א מעלוכע־שטעלע, און דעריבער קען זײַן עמעסער נאָמען ניט פארעפנטלעכט ווערן.

דעם באריכט פונ רער טעטיקײַט פונ דער מינסקער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָרגאַניזאַציע האָבנ מיר געפונענ אינ די מאַטע־ריאַלנ פונ געוועזענעם אַרכיוו פונ „בונד“, וואָס געפינט זיך איצט אינ מאַרקס־ענגעלס־לענינ־אינסטיטוט. דער באריכט איז געשריבנ אָפּ רוסיש. א קורצער אויסצוג פונ דעם דאָזיקנ באריכט איז געווענ געדרוקט אינ „ראַבאָטניק“, נומ. 3־4, 1897 י., זז. 61—63. מיר דרוקנ דעם דאָזיקנ באריכט אינ ייִדיש אונ רוסיש לויטנ אָריגינאַל, וואָס געפינט זיך אינ מאַרקס־ענגעלס־לענינ־אינסטיטוט.

# דער אָנהייב פונ דער ארבעטער-באַוועגונג אינ מינסק 97/1894

באריכט וועגנ דער טעטיקײַט פונ דער ייִדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער מינסקער אָרגאַניזאַציע.

אַלגעמיינער באריכט ביז דעם 1-טנ יול 1897. מינסק.

1) אַלגעמיינע באַשרײַבונג.
2) דער פּראָגרעסיווער וווּקס פונ אונדזערע קייכעס.
3) פּראָצענט אָרגאַניזירטע.
4) די צאָל שטרײַקנ אונ זייער דויער.
5) די האַכנאָסע פונ די קאַסעס.
6) אָפּ וואָס האָבנ די קאַסעס אויסגעגעבנ געלט.
7) צאָל מענטשנ, וואָס האָבנ זיך באַטייליקט אינ די שטרײַקנ.
8) וואָס פאַר א סומע געלט האָבנ די שטרײַקער פאַרלאָרנ אינ דער פאָרמע פונ ארבעטלויג.
9) די מער אויסגעצייכנטע שטרײַקנ.
10) צוליב וואָסערע מאָטיוונ די שטרײַקנ האָבנ אויסגעבראָכנ.
11) רעזולטאַטנ פונ די שטרײַקנ.
12) די צאָל, וואָס האָבנ באַזוכט די פאָרלעזונגענ.
13) די צאָל, וואָס באַקומענ ביכער אונ דער נאָכפרעג אָפּ די לעצטע.

1. אַלגעמיינע באַשרײַבונג. די ארבעטער־באַוועגונג בא אונדז אינ שטאָט איז אופגעקומענ אינ 1894-טנ יאָר, ווענ עס האָט זיך אָנגעהויבנ אַנ אַגיטאַציע פאַר א 12־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג. פאַר אָט די צוויי יאָר האָט אונדזער יונגע באַוועגונג באַוויזנ ארומצוכאַפּנ, מיט קליינע אויסנאַמענ, אַלע אָרטיקע

צווײַגנ פונ דער אינדוסטריע. דער אומופּהערלעכער וווּקס פונ די שטרײַקנ, וואָס איז פאָרגעקומענ די דאָזיקע צוויי יאָר אונ וואָס דויערט נאָכ ביז איצט, באַווײַזט די לעבנ־פײַקײַט פונ דער דאָזיקער באַוועגונג—דער קאמפּ האָט זיכ אָנגעהויבנ פאר אײַנפירנ א 12־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג אונ איז ביסלעכווײַז אריבערגעגאנגענ אפ דער פארטיידיקונג פונ אנדערע זײַטנ אינעם לעבנ פונ די ארבעטער, ווי העכערנ דעם לוינ, אָפּשאפנ שטיקארבעט, אונ ד. גל.

ניט געקוקט אפ דעם, וואָס עס איז דאָ א געזעצ וועגנ א 12־שאָעדיקנ ארבעטסטאָג, איז די לענג פונ דער ארבעט געווענ איבער יעדער מאָס. א 16-18-שאָעדיקער ארבעטסטאָג איז געווענ א געוויינטלעכע דערשײַנונג. די אגיטאציע פאר פארקירצנ דעם ארבעטסטאָג האָט אָנגעטראָפנ א מאסנ-מיטגעפיל, האָט ארויסגערופנ א שטארקע מאסנ־באַוועגונג, וואָס האָט אינ גאָר א קורצער צײַט ארומגעכאפּט א באַדײַטנדיקנ טייל פונ די אינדוסטריע-צווײַגנ.

דעם זעלביקנ יאָר האָבנ די ארבעטער דערלאנגט דעם היגנ גובערנאטער עטלעכע קאָלעקטיווע ביטעס, מיט הונדערטער אונטערשריפטנ, ווו זיי האָבנ געפאָדערט אײַנצושטעלנ דורכ א ספּעציעלער פאראָרדענונג א 12-שאָעדיקנ ארבעטסטאָג אונ אז די פּאָליציי זאָל אכטונג געבנ, ווי דאָס ווערט אויסגעפילט. אָבער נאָכ איידער עס איז באקומענ געוואָרנ אנ ענטפער פונ דעם גובערנאטער, האָט זיכ די אומצופרידנקײַט פונ די ארבעטער שוינ ארויסגעוויזנ אינ עטלעכע שטרײַקנ. אזוי אָבער ווי די שטרײַקער זײַנענ געווענ אָנמעכטיק צו פירנ א זעלבשטענדיקנ קאמפּ, אונ פונ דער זײַט פונ די עקספּלואטאטערנ האָבנ זיי געטראָפנ א באַדײַטנדיקנ ווידערשטאנד, האָט זיכ זיי אײַנגעגעבנ נאָר צו פארקירצנ די לענג פונעם ארבעטסטאָג פונ 16־18 שאָ ביז 14 שאָ. די פאראָרדענונג, וואָס איז ארויסגעגעבנ געוואָרנ דעם זעלביקנ יאָר וועגנ אויספילנ דעם געזעצ וועגנ א 12-שאָעדיקנ ארבעטסטאָג אונ וואָס האָט ארופגעלייגט אפ דער פּאָליציי די פליכט אכטונג צו געבנ, ווי דער געזעצ ווערט אויסגעפילט, האָבנ די באלעבאטימ געזוענ מיט אלע מיטלענ צו ארומגיינ. די פּאָליציי, אונטערגעקויפט פונ די באלעבאטימ, איז געווענ פאסיוו אונ האָט אפילע פארפאָלגט יענע ארבעטער, וואָס פלעגנ זיכ ווענדנ צו זיי נאָכ הילפ. אָט די אינדיפערענטע אונ אפילע פײַנטלעכע באַציִונג פונ דער רעגירונג-מאכט צו די אינטערעסנ פונ די ארבעטער אונ די איבערמאָסיקע אונטערדריקונגענ מיצאד די באלעבאטימ, דערהויפּט קעגנ יענע פונ די ארבעטער, וואָס האָבנ זיכ אמערסטנ אינטערעסירט מיט דעם נײַ-אופגעקומענעם קאמפּ, האָבנ מיטגעהאָלפנ צו גרינדנ שטענדיקע אָרגאניזאציעס אפ צו פארטיידיקנ די אינטערעסנ פונ זייערע מיטגלידער. די קאסעס פונ אָט די פאריינענ מיט שטענדיקע מיטגליד־אָפּצאָלנ גיבנ א מאטעריעלע הילפ די מיטגלידער זייערע, הויפּטזאכלעכ אינדערצײַט פונ שטרײַקנ: — די פאריינענ, וואָס זײַנענ אפ אזא אופנ אופגעקומענ, האָבנ בא די ארבעטער אינ די אויגנ געטראָגנ א לעגאלנ כאראקטער אונ ניט זעלטנ פלעגנ די פארזאמלונגענ פונ אָט די פאריינענ פאָרקומענ אינ באָטעמעדראָשימ אָדער אונטערנ פרײַענ הימל גופע אינ שטאָט. די פאריינענ האָבנ אָנגעהויבנ א רעגלמעסיקנ אונ אײַנגעשפּארטנ קאמפּ פאר דער פארבעסערונג פונ דער מאטעריעלער לאגע פונ זייערע מיטגלידער, פאר דעם, אז זיי זאָלנ קריגנ א פרײַע צײַט א. ד. גל.

דאָס אלצ האָט ארויסגערופנ א פארייניקונג פונ די באלעבאטימ, קעדיי

קעגנצווירקן קעגן די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס. די סטאַטוטן פון די באַלעבאַטישע פאַריינען הענגען איבער די ארבעטער, ווי א כאַלעפּ, וואָס איז גרייט צו דערשטיקן זיי אין דעם מאָמענט, ווי נאָר זייער אָרגאַניזאַציע ווערט אָפּגעשוואַכט. די דאָזיקע פּונקטן האָבן געפאָדערט פון די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס א שטאַרקע אָנשטרענגונג פון די קרעפטן, קעדיי איינצוהאַלטן זיך אין אָט דעם קימאַט איבער די קיכעס שווערן קאַמפּ. דאָרט שטייט אַזוי: 1) א באַלעבאָס, בא וועמען עס קומט פאָר א שטרייק באַקומט פון זיין פאַריין א געלט־הילף, 2) קיינער פון די מיטגלידער פון פאַריין האָט ניט קיין רעכט צוצונעמען צו זיך אין ווארשטאַט אַן ארבעטער, וואָס האָט זיך באַטייליקט אין א שטרייק. איבער דער דאָזיקער סיטואַציע האָט דער־קאַמפּ שוין פון אָנהייב אָן באַקומען א שאַרפן קלאַסן־כאַראַקטער, וואָס די אָנטיילנעמער זיינע האָבן עס לייכט באַמערקט; ניט זעלטן האָט א שטרייק אין איין ווארשטאַט, קעדיי צו זיגן, געפאָדערט, אַז די ארבעט זאָל אָפּגעשטעלט ווערן אויך אין א צווייטן ווארשטאַט. אין דער זעלביקער צייט איז די רעגירונגמאַכט אינדערשפּיץ מיטן פאַבריק־אינספּעקטער, פון דער פּאַסיווער לאַגע, וואָס זי האָט געהאַט פאַרנומען בענעגייע די ארבעטער, ניט קענענדיק אָפּן שטערן (וויטעס צירקוליאַר האָט עס געמאַכט פאַר מעגלעך) די געזעצלעכע פאָדערונגען פון די ארבעטער, — אַריבערגעגאַנגען אין אָנגריף און אָנגעהויבן פאַרפאָלגן די ארבעטער־פאַרזאַמלונגען, פאַריינען, קאַסעס און יענע ארבעטער, וואָס, לויט דער אָנווייזונג פון די באַלעבאַטים, האָבן זיי אַקטיוו באַטייליקט זיך אינעם קאַמפּ. די לעצטע אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען האָבן באַוויזן פאַר די ארבעטער דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון זייער קאַמפּ און די באַציִונג פון דער מאַכט צו זייערע אינטערעסן. פון דעם מאָמענט אָן קריגן די פאַריינען אַן אומלעגאַלן כאַראַקטער: די ארבעטער־פאַרזאַמלונגען ווערן איינגעאָרדנט געהיים אונטערן שטאָט, אָדער מע באַהאַלט זיך אויס ערגעץ אין א פאַרוואָרפענעם טייל שטאָט. די אָרגאַניזאַציע גופא קריגט, אונטער דעם דרוק פונעם לעבן, א מער קאָנספּיראַטיוון כאַראַקטער. דער דויערדיקער און איינגעשפּאַרטער קאַמפּ פון באַזונדערע פאַריינען האָט, נאַטירלעך, געפאָדערט הילף פון אַנדערע פאַריינען. די דאָזיקע נויטווענדיקייט אין קעגנזייטיקער אונטערשטיצונג האָט אַרויסגערופן צום לעבן די „צענטראַלע קאַסע״, וואָס שטעלט זיך א ציל צו פאַרייניקן אין איין גרויסן אָרטיקן פאַריין די עקזיסטירנדיקע אָרגאַניזאַציעס, קעדיי מיט מער דערפאָלג צו פירן דעם קאַמפּ מיט די עקספּלואַטאַטערן. די פאַריינען, וואָס גייען אַריין אין באַשטאַנד פון דער צענטראַלער קאַסע, גיבן אָפּ פאַר איר 10 פּראָצ. פון זייערע הַכנסות און האָבן דאָרט זייערן א פאָרשטייער, וואָס ווערט אויסגעוויילט קאָנספּיראַטיוו. די ארבעטער־אָוונטן, וואָס ווערן איינגעאָרדנט דורך דער צענטראַלער קאַסע מיט אַגיטאַציע־צוועקן און קעדיי צו פאַרגרעסערן אירע מיטלען, האָבן א קאָלאָסאַלן דערפאָלג צווישן די ארבעטער און ווערן גערן באַזוכט פון זיי. אויף די דאָזיקע אָוונטן קומען צו עטלעכע הונדערט מענטשן (אויסשליסלעך ארבעטער). רעדעס וועגן טאָג־פּראַגעס אָדער אויף א באַשטימטער טעמע, בייטן זיך מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער, וואָס עס זינגט א כאָר פון די ארבעטער. הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן באַגלייטן דעם אָראַטער, ווען ער ענדיקט די רעדע; טאָסטן פון א רעוואָליוציאָנערן כאַראַקטער גייען אָן א סאָף. פון די רעדעס, וואָס זיינען גע-

האלטנ געוואָרנ אפ די דאָזיקע פארזאמלונגענ, דארפ מענ פארצייכענענ די פאָלגנדיקע אינ דעמ סיידער, ווי זיי זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ פאר די דאָזיקע צוויי יאָר: „וועגנ דעמ נוצנ פונ פארקירצנ דעמ ארבעטסטאָג", „וועגנ דער שעדלעכקײַט פונ שטיקארבעט", „וועגנ דער נייטיקײַט פאר די ארבעטער צו פאריייניקנ זיכ אינ פאריינענ", „וועגנ דער באציִונג פונ דער פּאָליציי צו דעמ געזעצ וועגנ א 12-שאָעדיקנ ארבעטסטאָג", „וועגנ די לעצטע פארפאָלגונגענ קעגנ די ארבעטער מיצאד די באלעבאטימ אונ דער פּאָליציי", „וועגנ דער סאָלידארקײַט צווישנ די יידישע אונ קריסטלעכע ארבעטער", „וועגנ דער ארבעטער-באוועגונג אונ די לעצטע שטרײַקנ אינ רוסלאנד", „וועגנ דעמ מיניסטער וויטעס צירקוליאר צו די פאבריק-אינספעקטערנ", „וועגנ דער קרוינונג פונ ניקאָלײַ דעמ 2-טנ".

אינ 1895-טנ יאָר האָט דעמ 1-טנ מײַ געפײַערט א קרײַז ארבעטער פונ 40 מענטשנ, הײַנטיקנ יאָר האָבנ זיכ אינ דעמ באטייליקט 300 מענטשנ. אפ דער פײַערונג זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ רעדעס: 1) וועגנ דער באדײַטונג פונ 1־טנ מײַ אונ 2) וועגנ דער נייטיקײַט פונ פּאָליטישער פרײַהײַט. די פײַערונג איז דורכגעגאנגענ זייער לעבהאפטיק אונ האָט געלאָזנ א טיפנ שפור אפ אלע אָנוועזנדיקע. די אָנטיילנעמער האָבנ אויסגערופנ פיל רעוואָליוציאָנערע טאָסטנ אונ האָבנ ארויסגעזאָגט אסאכ ווונטשנ. דאָס, וואָס נאָענט צומ שטאָט זײַנענ ניטאָ קיינ באקוועמע וועלדער, האָט געשטערט צו פארגרעסערנ קימאט אינצווייענ די צאָל אָנטיילנעמער[1].

2. דער פראָגרעסיווער וווּקס פונ אונדזערע קויכעס. דער קאמפ, וואָס איז זומער 1894 אופגעקומענ צווישנ די ארבעטער אונ זייערע עקספלואטאטערנ, האָט געבראכט צומ לעבנ 4 פאריינענ: פונ שנײַדער, שליאָסער, אײַנבינדער אונ בערשטער, צומ סאָפ פונעמ זעלביקנ (1894) יאָר האָבנ זיי געציילט 220 מיטגלידער. צומ אָנהייב פונעמ ווײַטערדיקנ יאָר האָבנ די דאָזיקע פאריינענ שוינ פאָרגעשטעלט פעסטע אָרגאניזאציעס, וואָס האָבנ מיט דערפאָלג אויסגעהאלטנ עטלעכע שטרײַקנ.

דאָס יאָר 1895 איז א יאָר פונ אָנגעשטרענגסטנ קאמפ. אינ אָט דעמ יאָר איז אופגעקומענ די גרעסטע צאָל ארבעטער־פאריינענ: פונ רימער, שטעפער, טאפעצירער, בלעכער, שנײַדער, סטאָליער, מוליערס, קאצאָוויִמ, וועש-נייטערקעס, היטלמאכער אונ שוסטער, וואָס צוזאמענ מיט די אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנענ אופגעקומענ פריִער, האָבנ זיי פארייניקט 870 מאנ)[2].

---

[1] וועגנ דער פײַערונג פונ דעמ 1־טנ מײַ בא אונדז אינ שטאָט איז געווענ געדרוקט אינ „פאָרווערטס"·

[2] בא די מוליערס איז דער פאריינ צומ סאָפ יאָר פאנאנדערגעפאלנ זיכ איבער דעמ, וואָס די ארבעט איז בא זיי אויסשליסלעכ א סעזאָניקע.—אינ דעמ פאריינ פונ די סטאָליערס זײַנענ דערלאָזנ געוואָרנ מענטשנ, וואָס לויט זייער לאגע נאָכ זײַנענ זיי האלבע באלעבאטימ, אונ דאָס האָט געשטערט דעמ פאריינ צו פירנ מיט דערפאָלג דעמ קאמפ. פונ אָט דעמ פאריינ האָט זיכ אויסגעטיילט דער ריינ־ארבעטערשער עלעמענט, וואָס האָט געגרינדעט אנ אייגענע אָרגאניזאציע אינ 1896־טנ יאָר. צוליב די ספּעציִעלע באדינגונגענ פונ דעמ שנײַדער־פאכ, האָט דער שנײַדער־פאריינ קיינ דערפאָלג ניט געהאט, איז ביסלעכווײַז אויסגעגאנגענ, נאָכדעמ ווי ער האָט געלאָזנ נאָכ זיכ אנ אָנהייב פונ א נײַער אָרגאניזאציע אינ 1896 יאָר.—פונ די פריִער־אָנגערופענע פאריינענ דארפ מענ אויסטיילנ דעמ פאריינ פונ די קאצאָווים, וועלכער האָט ניט אפ זיכ דעמ קלאסנ־שטעמפל, וואָס איז אייגנטימלעכ אלע איבעריקע אָרגאניזאציעס.

דאָס יאָר 1896 האָט געגעבן נײַע אָרגאַניזאַציעס: דערהויפּט צווישן די פאַבריק-אַרבעטער. אין אָנהייב פון אָט דעם יאָר האָבן זיך געשאַפן 3 פאַריינען אַף די טאַבאַק-פאַבריקן, וואָס האָבן זיך איינגיכן צונויפגעגאָסן און געבילדעט אַן אײנהײַטלעכע אָרגאַניזאַציע. נאָכדעם זײַנען אופגעקומען פאַריינען צווישן די אַרבעטער אַף דער קאָנפעקטן־פאַבריק, בא די בעקערס, טאַנדעטניקעס, אָנגעשטעלטע און בא די שטריק-אַרבעטער. אין דעם באַשטאַנד פון אָט די אָרגאַניזאַציעס גייען אַרײַן 253 מענטשן, וואָס צוזאַמען מיט די פריערדיקע מאַכט עס אויס 24 פאַריינען מיט 1188 מיטגלידער. פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס זײַנען אופגעקומען פאַרן יאָר 1896, דאַרף מען אויסטיילן די אָנגעשטעלטע. דער פאַריין פון די אָנגעשטעלטע ווײַזט אַרויס אַ טענדענץ צו צעפאַלן ווערן; די זאַך איז, וואָס די מיטגלידער, וואָס גייען אַרײַן אין אָט דעם פאַריין, זײַנען זייער פאַרשיידן לויט דער מאַטעריעלער לאַגע זייערער: אין דער צײַט, ווען איינע פון זיי אַרבעטן אויס ניט מער פון פּראָסטע טאָג-אַרבעטער, האָבן די אַנדערע אַ גאַנץ דערטרעגלעכע לאַגע. די ערשטע,—נאַטירלעך, נייטיקן זיך אין פאַרטיידיקונג און פאָ״ערן עס פון זייער פאַריין, די לעצטע אָבער—די פּריווילעגירטע—פילן ניט אין דעם קימאַט קיין נויטווענדיקײַט און קענען ניט גיין אין קאַמף צוזאַמען מיט די ערשטע.—אָפּוואַרפנדיק אָנאַזײַט די אָרגאַניזאַציע פון די מולירס, קאַצאָווים, אָנגעשטעלטע, וואָס טראָגן ניט קיין שטרענגן כאַראַקטער פון (קלאַסן?) קאַמף, באַקומען מיר 21 אַרבעטער-פאַריינען מיט 912 מיטגלידער.

3. דער פּראָצענט-אָרגאַניזירטע. די מערהײַט אָרגאַניזאַציעס כאַפּן אַרום קימאַט אַלע אַרבעטער, וואָס זײַנען דאָ אין דער באַטרעפנדיקער צווײַג. איבער די אָפּטע צופלוסן און אָפּפלוסן פון מענטשן איז אומעגלעך צו באַשטימען די צאָל אַרבעטער—שנײַדער, שנײַדערקעס (דאַמישע שנײַדערקעס), סטאָליער, בלעכער, וועש-נייטערנס. אין די איבעריקע פאַכן וואַקלט זיך דער פּראָצענט אָרגאַניזירטע צווישן 75—100 פּראָצענט, און באַטרעפט אין דורכשניט 86,5 פּראָצ. פאַר יעדער אָרגאַניזאַציע.

4. די צאָל שטרײַקן און זייער דויער. די ערשטע צײַט פון זייער עקזיסטענץ פלעגן די אָרגאַניזאַציעס ניט פאַרצייכענען די פאָרקומענדיקע שטרײַקן. גענויע יעדיִעס זײַנען פאַראַן נאָר וועגן 54 שטרײַקן. די צאָל שטרײַקן, וואָס עס האָבן אָרגאַניזירט באַזונדערע פאַריינען, וואַקלט זיך צווישן 1 און 7. דעם דאָזיקן ציפער זעצן אַראָפּ די ניט לאַנג אופגעקומענע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָבן פאַר זייער ניט לאַנגער עקזיסטענץ באַוויזן אײַנצואָרדענען נאָר 1 אָדער 2 שטרײַקן.

דער דויער פון באַזונדערע שטרײַקן וואַקלט זיך צווישן 1 און 70 טעג און איז פאַרשיידן פאַר באַזונדערע גרופּעס אָרגאַניזאַציעס. אין די גרופּעס פון דער אָרגאַניזאַציע פון די בערשטער, שוסטער, שליאָסער, רימער זײַנען די שטרײַקן געווען אַמערסטן דויערדיקע. פון 15 שטרײַקן, וואָס זײַנען פאָרגעקומען צווישן די דאָזיקע אָרגאַניזאַציעס, האָבן 4 זיך געצויגן 279 (?) 224 (?) טעג (פון 40 ביז 70), וואָס עס מאַכט אויס 56 טעג דורכשניטלעכן דויער. אַמווייניקסטן דויערדיק זײַנען געווען די שטרײַקן אַף די טאַבאַק־פאַבריקן, בא די בלעכער, שנײַדער (פון 1 ביז 9 טעג). אַלע 54 שטרײַקן האָבן זיך געצויגן 674 טעג,

וואָס עס מאכט אויס אַפּ יעדער שטרײַק 12,5 (12 און 27/13) טאָג דורכשניט-לעכער דויעריקײַט.

5. די האכנאָסע־פון די קאסעס. די קאסעס האָבן געשעפּט זייערע מיטלען דערהויפּט פון מיטגליד־אָפּצאָלנ, סײַ שטענדיקע, סײַ איינצײַטיקע, וואָס א מיטגליד טראָגט ארײַן בײַס זײַן ארײַנטרעטן אין דער אָרגאַניזאַציע. אכוצדעם, פלעגן די אָרגאַניזאַציעס, קעדיי אונטערצוהאלטן די שטרײַקער, גאַנץ אָפט ארופלייגן א שטײַער אַפּ די מיטגלידער פון פאריינ, וואָס האָבן זיך ניט באטייליקט אינעם שטרײַק. פאר 2 יאָר האָבן די קאסעס געהאט 890 רובל האכנאָסע.

6. אַפּ וואָס האָבן די קאסעס אויסגעגעבן געלט. די קאסעס האָבן אויסגעגעבן זייערע געלט אַפּ אונטערצושטיצן שטרײַקער, דינגען דירעס אַפּ פארזאמלונגען, אונטערשטיצן ארבעטלאָזיקע, העלפן שטרײַקער פון אנדערע שטעט און אַפּ אנדערע באדערפעניש פון פאריינ. אין סאכאקל איז אויסגע־געבן געוואָרן 565 רובל 30 קאָפּיקעס: 1) אַפּ שטרײַקער—300 רובל 65 קאָפּי־קעס, 2) אַפּ ארבעטלאָזיקע און אַפּ אָפּשיקן ארבעטער, וואָס זײַנען געקומען פון אנדערע שטעט אינדערצײַט פון' א שטרײַק—135 רובל 45 קאָפּיקעס, 3) אַפּ קווארטירן—65 רובל 50 קאָפּיקעס, 4) אַפּ די איבעריקע באדער־פעניש פון דער אָרגאַניזאַציע און אַפּ שיקן מענטשן אין אנדערע שטעט מיט אגיטאציע־צילן—64 רובל 30 קאָפּיקעס. ווען מע נעמט אין כעזשבן די סומע, וואָס די צענטראַלע קאסע האָט אויסגעגעבן אַפּ שטיצן שטרײַקער, געמלעכ, 315 רובל 38 קאָפּיקעס, באקומען מיר א סומע פון 615 רובל 43 קאָ־פּיקעס, וואָס איז אויסגעגעבן געוואָרן אַפּ צו פירן שטרײַקן אין מעשעכ פון אָט דער צײַט. אזוי ווי דער דורכשניטלעכער דויער פון א שטרײַק איז גלײַך 12 און 27/13 טאָג און די צאָל אָנטיילנעמער אין א שטרײַק באטרעפט אין דורכ־שניט 8 און 27/24, איז אַפּ יעדער שטרײַקער אויסגעפאלן 10 קאָפּיקעס א טאָג שטיצע, ד. ה. א סומע, וואָס איז קלענער פון $^1/_3$ פונעם דורשניטלעכן ארבעט-לוינ. אָט דער באשיידענער ציפער באווײַזט בעסער פון יעדן בילד, וואָס פאר א נויט די ארבעטער האָבן געליטן בײַס זייער קאמפּ מיט די עקספּלואטא-טערן.

7. די צאָל מענטשן, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין די שטרײַקן. די צאָל אָנטיילנעמער אין די שטרײַקן וואקלט זיך צווישן 2 און 45 און איז פארשיידן פאר פארשיידענע גרופּעס אָרגאַניזאַציעס. פאר די גרו-פּעס בערשטער, שליאָסער, ארבעטער אַפּ די טאבאק-פאבריקן, שוסטער, שטריק-מאכער וואקלט זיך די צאָל שטרײַקער צווישן 10 און 45. דאָס, וואָס בא די שוסטער און שליאָסער באטייליקט זיך איינצײַטיק א גרעסערע צאָל מענטשן, דערקלערט זיך דערמיט, וואָס בא זייערע עקספּלואטאטערן איז דאָ א פאריינ, און די ארבעטער־אָרגאַניזאַציעס איז אויסגעקומען צו פירן א פארטיידיקונג-קאמפּ. דער פאבריק-כאראקטער פון די איבעריקע 4 פאכן האָט באדינגט דעם אָנטייל פון אלע מיטגלידער פון דער אָרגאַניזאַציע. פאר די איבעריקע אָרגאַני־זאַציעס וואקלט זיך די צאָל אָנטיילנעמער צווישן 2—12. די אלגעמיינע צאָל שטרײַ-קער פאר די 2 יאָר איז 480 מענטשן, וואָס עס מאכט אויס אין דורכשניט אַפּ יעדער שטרײַק 9 מענטשן (8 און 27/24). עס איז קיין סאָפעק ניט, אז איי-ניקע האָבן אָנטיילגענומען אין עטלעכע שטרײַקן.

8. וואָס פאַרא סומע געלט האָבן די שטרײַקער פאַרלאָרן אין דער פאָרמע פון אַרבעטלוין. רעכענענדיק דעם אַרבעטלוינס אומגעפער 30 קאָפּיקעס א טאָג, געפינען מיר, אז די שטרײַקער האָבן פאַרלאָרן 1797 רובל 33 $^1/_3$ קאָפּיקע, וואָס עס באַטרעפט אומגעפער דעם אַרבעטלוינס פון 1 אַרבעטער פאַר 20 יאָר.

9. די מער אויסגעצייכנטע שטרײַקן, סײַ לויט דער אויפפירונג פון די שטרײַקער, סײַ פון דער אָרטיקער רעגירונגס-מאַכט. צווישן די שטרײַקן דאַרף מען אָפּצייכענען יענע, וואָס האָבן געטראָגן א פאַרטיידיקונג-כאַראַקטער און וואָס זײַנען געווען די סאַמע דויערדיקע. די פאַריינען פון די באַלעבאַטים האָבן אָפּט אונטערגענומען אַן אָנגריפּ-קאַמף מיטן ציל צו צעשטערן די אַרבעטער-אָרגאַניזאַציעס. אויסניצנדיק די שטילע צײַט אין דער אַרבעט, פלעגן די באַלעבאַטים אָפּזאָגן די אַרבעטער, כדי צו צווינגען זיי אַרויסצוטרעטן פון דער אַרבעטער אָרגאַניזאַציע. אַזוי זײַנען אַרויסגערופן געוואָרן די שטרײַקן פון די שוסטער, שליאָסער, שטעפּער און אייניקע אַנדערע, ווו עס האָבן זיך באַטייליקט א גרויסע צאָל מיטגלידער פון פאַריין. מירן פאַרצייכענען דעם שטרײַק פון די שוסטער. לויט אַן אַלגעמיינעם באַשלוס פון די באַלעבאַטים, האָט מען אָפּגעזאָגט די עלטערע געזעלן פון דער אַרבעט, פאָדערנדיק זיי זאָלן אַרויסטרעטן פון דער אַרבעטער־אָרגאַניזאַציע [1]. אַזוי ווי פון דעם אויסגאַנג פון אָט דעם שטרײַק איז געווען אָפּהענגיק די ווײַטערדיקע עקזיסטענץ פון אָט דעם פאַריין, האָט דער פאַריין אָנגעשטרענגט אַלע זײַנע קרעפטן, כדי אַרויסצוגיין מיט א זיג פון אָט דעם קאַמף. ווען די שאַנסן אַף א זיג האָבן זיך אָנגעהויבן ווענדן צו דער זײַט פון די אַרבעטער, האָבן די אַרבעטער אַרויסגעשטעלט נאָך 2 פאָדערונגען: אָפּשאַפן שטיקאַרבעט און אײַנפירן א 12-שאָעדיקן אַרבעטסטאָג, וואָס האָט היפּש פאַרצויגן דעם שטרײַק. דער קאַמף האָט געדויערט 40 טעג, און, ניט געקוקט אַף דער אַרײַנמישונג פון דער אָרטיקער מאַכט לטובֿת די באַלעבאַטים, האָט ער זיך געענדיקט מיט א פולשטענדיקן זיג פון דעם אַרבעטער-פאַריין, און אַלע פאָדערונגען פון די אַרבעטער זײַנען באַפרידיקט געוואָרן. אין דעם אויסגאַנג פון אָט דעם שטרײַק זײַנען געווען פאַראינטערעסירט אַלע אָרטיקע פאַריינען, וואָס האָבן די שטרײַקער געגעבן די מעגלעכסטע שטיצע, און דאָס האָט מעגלעך געמאַכט דעם פאַריין אַזוי לאַנג אויסהאַלטן אַזא אײַנגעשפּאַרטן קאַמף. דער שטרײַק פון די רימער, וואָס האָט זיך געצויגן 70 טעג, צייכנט זיך אויס מיט דער ווונדערלעכער שטאַנדהאַפטיקײַט, וואָס די אַרבעטער האָבן אַרויסגעוויזן אין דעם קאַמף מיט די באַלעבאַטים. די נויט פון די אַרבעטער איז דערגאַנגען אַזוי ווײַט, אַז די יאָנטעוודיקע קליידער און די זאַכן, וואָס האָבן עפּעס א ווערט,

[1] צו פאַרטיידיקן די באַלעבאַטים איז אַרויסגעטראָטן די העברעיִשע פּרעסע און דער קאַזיאָנער ראָוו. אין איין העברעיִשער צײַטונג (די צײַטונג „המליץ”) האָט זיך באַוויזן אַן אַרטיקל וועגן דעם פאַריין פון די שטעפּער, ווו ער איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן אין זייער א פאַלשער באַלויכטונג; דער אַרטיקל פאָדערט צו פאַרניכטן אַזא „מיִעסקײַט”, וואָס מאַכט צו שאַנד די יִידישע נאַציע. דער יִידישער קאַזיאָנער ראָוו האָט איינמאָל, לויט דער ביטע פון די באַלעבאַטים, און א צווייטן — לויט א באַפעל פון דער רעגירונג-מאַכט, צעקלעפּט מעלדונגען, ווו ער רופט די אַרבעטער צו אָרדענונג, אָנווײַזנדיק אַף דעם, אַז אַזא קאַמף ווערט פאַרפאָלגט דורך דער רעגירונג, קען דערפירן זײַנע אָנטיילנעמער צו סיביר און פאַרערגערן די לאַגע פון דעם גאַנצן יִידישן פאָלק אין רוסלאַנד. דער צײַטונג־אַרטיקל און דעם ראָווס מעלדונגען זײַנען פון די אַרבעטער אָפּגעשאַצט געוואָרן לויט זייער ווערט נאָך.

זײַנען פֿאַרקויפֿט אָדער פֿאַרלייגט געוואָרן. פֿיל שטרײַקער האָבן געהונגערט און האָבן געטראָגן אַ שוכוואַרג, פֿונוואַנען עס האָט זיך אַרויסגעזען די באָרוועסע פֿוס. דעם שטרײַק האָבן זיי געווונען. די אָרטיקע מאַכט אינדערשפּיץ מיטן פֿאַבריק־אינספּעקטער האָבן באַזונדערס אַרויסגעוויזן זייער אַדמיניסטראַטיווע טעטיקייט בײַס די שטרײַקן אויף דעם זייף־זאַוואָד און אויף די טאַבאַק־פֿאַבריקן. אין ביידע פֿאַלן האָט דער פֿאַבריק־אינספּעקטער פֿאַרופֿן די אַרבעטער, צווישן וואָסערע עס זײַנען געווען די מערהײַט פֿרויען, אין פּאָליציי־צירקל. ניט פֿאַנאַנדערפֿרעגנדיק אַפֿילע וועגן דער סיבע, וואָס האָט אַרויסגערופֿן דעם שטרײַק, האָט דער פֿאַבריק־אינספּעקטער (וואָס איז אַליין אַן אייגנטימער פֿון אַ זאַוואָד) מיטן פּאָליצמײַסטער אַרופֿגעוואָרפֿן זיך (אין בוכשטעבלעכן זינען) אויף די אַרבעטער מיט זידלערײַען און דראָונגען, אַשטייגער, ווי פֿאַרשיקן אין סיביר און אויף קאַטאָרגע, האָבן אָנגעהויבן אויספֿרעגן ווער פֿון זיי איז פֿאַרן פֿאַריין, ווער זאַמלט געלט, ווו קומען פֿאָר פֿאַרזאַמלונגען און ד. גל. די אַרבעטער, דערהויפּט די אַרבעטערקעס, האָבן זיך געהאַלטן אויסגעצייכנט און האָבן מיט קיין איין וואָרט ניט אַרויסגעגעבן זייער אָרגאַניזאַציע. אין דער צײַט פֿונעם שטרײַק האָט דער פֿאַבריק־אינספּעקטער זיך באַקענט מיט אַזעלכע דעפֿעקטן אויף דער פֿאַבריק, פֿאַר וואָסערע עס קומט צוציִען דעם אייגנטימער צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקײַט, אָבער דאָס אַלץ האָט אים ניט אינטערעסירט. און דאָס איז גאַנץ פֿאַרשטענדלעך. ווי די באַלעבאַטים אַליין זאָגן, ווערט דער פֿאַבריק־אינספּעקטער ערלעך „באַלווינט" פֿון זיי. די באַציִונגען פֿון דעם פֿאַבריק־אינספּעקטער צו די אַרבעטער זײַנען אַזעלכע, אַז ווען דער באַלעבאָס איז דורך די פֿאָדערונגען פֿון די אַרבעטער געווען געצוווּנגען צו העכערן דעם לוין, האָט ער זיך אויסגערעדט אַ באַדינג, אַז וועגן דעם דאָזיקן אָפּמאַך זאָל מען ביז אַ צײַט ניט געבן צו וויסן דעם פֿאַבריק־אינספּעקטער. פֿאַר אָנטיילנעמען אין די פֿאַריינען און שטרײַקן זײַנען פֿיל מענטשן צוגעצויגן געוואָרן צום פֿאַרהער, אָבער קיינער פֿון זיי איז, אַדאַנק זייערע פֿלינקע ענטפֿערן, ניט אַרעסטירט געוואָרן.

10. **צוליב וואָסערע מאָטיוון די שטרײַקן האָבן אויסגעבראָכן.** 1) פֿאַר פֿאַרקירצן דעם אַרבעטסטאָג—26, 2) פֿאַר העכערן דעם אַרבעטלוין—13, 3) פֿאַר אָפּזאָגן אַרבעטער דערפֿאַר, וואָס זיי געהערן צו פֿאַריינען—3 (אָנמערקונג: בײַ איינעם פֿון די דאָזיקע שטרײַקן זײַנען אַרויסגעשטעלט געוואָרן פֿאָדערונגען אָפּצושאַפֿן שטיקאַרבעט און אײַנשטעלן אַ 12־שאָעדיקן אַרבעטסטאָג), 4) אָפּשאַפֿן שטיקאַרבעט—3, 5) פֿאַר אָפּשאַפֿן פֿאַרגעבן (אָוראָקן)—2, 6) פֿאַר דער פֿאָדערונג פֿון בעסערע באַציִונגען—3, 7) קעדיי אונטערצושטיצן אַ כאַווער, 8) צו פֿאַרניכטן דעם פֿאַריין פֿון די באַלעבאַטים—1. פֿון אָט די אַלע שטרײַקן האָט מען 4 פֿאַרשפּילט, ווײַל עס זײַנען אָנגעקומען אַרבעטער פֿון אַנדערע שטעט. איז, הייסט עס, פֿון 100 שטרײַקן האָט מען געווונען 93 (?).

11. **די רעזולטאַטן פֿון די שטרײַקן.** אַדאַנק דעם 2־יאָריקן קאַמף, האָבן די אַרבעטער דערגרייכט אַ באַדײַטנדיקע פֿאַרבעסערונג פֿון די מאַטעריִעלע באַדינגונגען פֿון זייער לעבן. קימאַט אין אַלע פֿאַכן (מיטן אויסנאַם פֿון שנײַדערשן) איז פֿאָרגעקומען אַ קירצונג פֿונעם אַרבעטסטאָג פֿון 16—18 שאָ ביז 12—13 שאָ. דער אַרבעטלוין האָט געשטיגן: אַ) בײַ די שטע־

פער, אײַנבינדער, ארבעטער פון די טאבאק-פאבריקן, ארבעטער פון די זײפ־זאוואָדן, שטריק-ארבעטער, שליאָסער, בעקער, טאפעצירער — פון 25 ביז 40 פּראָצ. ב) אין איינצלנע ווארשטאטן בא די שנײַדער און שוסטער פון 20 ביז 25 פּראָצענט.

12. די צאָל באזוכער פון פּאָרלעזונגען. די לעזונגען פלעגן באזוכן 155 מאן, וואָס עס מאכט אויס 17 פּראָצ. פון דער גאנצער צאָל אָר-גאניזירטע. די דאָזיקע צאָל איז גרעסער פאר די אלטע אָרגאניזאציעס, ווו זי דערגרייכט ביז 40 און 46 פּראָצענט, און איז קלענער, פאלנדיק ביז נול, פאר די אָרגאניזאציעס, וואָס זײַנען ניט לאנג אופגעקומען. פאר די שנײַדער, אײַנ-בינדער און בערשטער וואקלט זיך דער דאָזיקער פּראָצענט צווישן 39 און 46; פאר די אָרגאניזאציעס פון די שנײַדער, בלעכער און שוסטער וואָקלט זיך דער פּראָצענט צווישן 5 און 12; פאר די שטריק־ארבעטער, טאנדעט-שנײַדער, בעקער, קאָנפעקטן-מאכערנס איז דער פּראָצ. —0; פאר די איבעריקע אָרגאָניזאציעס וואקלט זיך דער פּראָצענט צווישן 19 און 27. איצטער ווערן די לעזונגען בא-זוכט פון 120 ארבעטער.

13. די צאָל, וואָס באקומען ביכער און דער נאָכפרעג אפּ די לעצטע. פאר די צוויי יאָר זײַנען באדײַטנדיק אויסגעוואקסן די גײַסטיקע באדערפעניש֗ן פון די ארבעטער. דער נאָכפרעג אפּ ביכער וואקסט אין אזא מאָס, אז די פאראנענע 2 ארבעטער־ביבליאָטעקן (א רוסישע און א יידישע) זײַ-נען ניט אימשטאנד צוזושטעלן די נייטיקע צאָל ביכער. עס איז פעסט בא־וווסט, אז פיל ארבעטער האָבן אָפּגעגעבן די פרײַע צײַט, וואָס זיי האָבן אויס-געקעמפט, אפּ צו לערנען זיך גראמאָטע און האָבן אפּ זייערע אָרעמע מיטלען געדונגען לערער. לויט דער געזאמלטער אינפאָרמאציע וואקסט אָט די צאָל פון טאָג צו טאָג. די, וואָס ווילן באזוכן די פאָרלעזונגען, זײַנען אזוי פיל, אז עס קומט אויס, צוליב דעם מאנגל אין אינטעליגענטע קרעפטן און די וווינונג-באדינגונגען, מיט אלע מיטלען צו קירצן די צאָל לייענער. בא איצטיקן מאָ-מענט באקומען נביכער 136 מענטשן, אָבער א פאָדערונג אפּ ביכער איז דאָ פון 307 מענטשן.

עס בלײַבט נאָך צוצוגעבן, אז דער אומופהערלעכער קאמף האָט אויסגע-ארבעט בא די ארבעטער א שטאנדהאפטיקײַט און א באוווסטזײַן פון דער אייגענער ווערדע. די פאקטן דערווײַזן, אז עס איז גענוג א גראָב וואָרט פון דעם באלעבאָס קעגן אן ארבעטער, אז דער ארבעטער זאָל ווארפן די ארבעט, זאָל זיך ווענדן אין געריכט, אָדער צו זײַן אָרגאניזאציע. אָפטער אָבער ווענדן זיך די ארבעטער צו זייער אָרגאניזאציע, וואָרעם צום געריכט באציִען זיי זיך מיט אומצוטרוי.

* * *

דער בײַגעלייגטער באריכט וועגן דער 2-יאָריקער טעטיקײַט פון די אָרטיקע אָרגאניזאציעס איז צונויפגעשטעלט געוואָרן פארן לאָנדאָנער סאָציאליסטישן קאָנגרעס (1896 י.), נאָר איבער געוויסע סיבעס איז ער דאן ניט אָפּגעשיקט געוואָרן. די ידיִע וועגן דעם פאָרשטייענדיקן ארבעטער-שוצ-קאָנגרעס אין ציוריך איז צו אונדז דערגאנגען צו שפּעט, אז מיר זאָל קענען צונויפשטעלן אזא אויספירלעכן באריכט פאר דעם לעצטן יאָר. דעריבער זײַנען

מיר געצווונגען באם איצטיקן מאָמענט באנוגענען זיך נאָר מיט אייניקע אלגעמיינע באמערקונגען. דעם לעצטן יאָר איז די מערהייַט אָרגאניזאציעס צעפאלן זיך, שטרייַקן זייַנען א זעלטענע דערשייַנונג; דער אינטערעס פון די ארבעטער צו זייערע פאר'יינען איז אָפּגעשוואכט געוואָרן[1]. די סיבעס, וואָס באדינגען די דאָזיקע רעגרעסיווע דערשייַנונג, קען מען אייַנטיילן אפ צוויי קאטעגאָריעס: 1) צייַט־ווייַליקע, וואָס לאָזן זיך באזייַטיקן און 2) שטענדיקע. צו די צייַטווייַליקע רעכענען מיר צו דעם מער ענערגישן ווידערשטאנד פון די באלעבאטים און די העצע קעגן די ארבעטער מיצאד דער זשאנדארמעריע. פאר די לעצטע עטלעכע כאדאָשים זייַנען פאָרגעקומען מאסן-אונטערזוכונגען; איצטער זיצן אין טורמע אונטער אויספאָרשונג 10 ארבעטער; אין צוזאמענהאנג מיט זייער פּראָצעס זייַנען גענומען געוואָרן צום פארהער ארום 200 ארבעטער; פיל זייַנען אנטלאָפן פון די פארפאָלגונגען אין אויסלאנד. דאָס אלץ איז געווען מער ווי גענוג, קעדיי ארויסצורופן צווישן דער ארבעטער-מאסע א פּאניק. אכוצדעם, זוכט די ארבעטער-מאסע, וואָס האָט פארלאָרן די מעגלעכקייַט צו פירן אן אקטיוון, דירעקטן קאמף מיט די באלעבאטים, מיט גרויס אקשאָנעס צו באפרידיקן זייערע נייַ-אויפגעוואכטע גייַסטיקע באדערפענישן. עס ווערן ארויסגעשטעלט מאסנדיקע פאָדערונגען אָפּ לערנען זיך, פאָרלעזונגען, וואָס די אָרטיקע גרופּע איז נים בעקויעך צו באפרידיקן. און אדאנק דעם באווייַזט זיך אן אומצופרידענער עלעמענט, אינערלעכע מיינונג-פארשיידנהייַטן און רייַסערייַען, עס בילדן זיך באזונדערע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּעס, וואָס עס שוואכט אָפּ די אלגעמיינע אָרגאניזאציע[2]. די סיבעס, וואָס האלטן אָפּ שטענדיק דעם אָנגרייַפנדיקן גאנג פון דער באוועגונג און וואָס מאכט ניט שטאנדהאפטיק דאָס שוין דער־גרייכטע, באשטייען אין דער לאגע פון דער האנטווערק-ארבעט און ביקלאל אין די באזונדערע באדינגונגען, אין וואָסערע זי געפינט זיך אין די גובערניעס, וואָס גייען ארייַן אין סכום. צום באדויערן, זייַנען מיר אויך דאָ ניט בעקויעך איצט פאנאנדערצוארבעטן מער אָדער ווייניקער אויסשעפּנדיק די דאָזיקע פראגע. די צעשפּליטערטקייַט פון דער ארבעט; די אומבאדייַטנדיקייַט פון די ווארשטאטן לויט דער צאָל ארבעטער, וואָס זייַנען אין זיי באשעפטיקט; די אונטערשיידן אין דער לאגע פון די ארבעטער אין פארשיידענע פאכן און אפילע אין פארשיידענע ווארשטאטן; די אָרעמקייַט פון דער מערהייַט באלעבאטים און די לייַכטקייַט פון דעם איבערגאנג פון דער לאגע פון אן אונטערגעדריקטן ארבעטער אין דער לאגע פון א באלעבאָס; דער סעזאָנ-כאראקטער פון דער פּראָדוקציע (אין דער צווישנסעזאָנ־צייַט איז דאָ א שטענדיקע ארבעטלאָזיקייַט); אן אומגע־הייערע קאָנקורענץ, וואָס נעמט אָן אלץ מער גראנדיעזע פאָרמעס צוזאמען מיטן וווּקס פון דער ארבעטערשער איבערבאפעלקערונג אין סכום און וואָס זעצט פאָרויס שוין apriori א באדייַטנדיקע רעזערוו-ארמיי,—אָט מיט וואָס עס קומט אויס צו רעכענען זיך, ווען מע פרווט אָרגאניזירן די ארבעטער-האנט־ווערקער און פארבעסערן זייער לאגע. ווען מע זאָל דערצו צוגעבן, אז מיטן גאנג פון דער צייַט קומט אויס די באלעבאטים-האנטווערקער אויסצושטייַן אן

1 צוזאמען דערמיט זייַנען ווידער פארלאָרן געגאנגען פיל פון די שוין דערוואָרבענע אויסבע־סערונגען.

2 מע מוז דאָ אויך דערמאָנען דעם אויסערסט־שטארקן מאנגל אין געלט־מיטלען, וואָס עס לאָזט זיך שטארק פילן.

אַלץ מער און מער פאַרביסענעם קאַמף מיט דער שטײַגנדיקער פאַבריק-פּראָדוקציע, דאַן ווערט פאַרשטענדלעך ווי שטאַרק זיי מוזן זיך קלאַמערן אָן זייער לעצטן שטיצפּונקט — דעם לאַנגן אַרבעטטאָג און נידעריקן אַרבעטלוין, און מיט וואָס פאַר אַ שווערקײַטן עס דאַרף זײַן פאַרבונדן דאָס אײַנהאַלטן די שוין דערגרייכטע אויסבעסערונגען אין דער לאַגע פון דעם אַרבעטער. וואָלטן מיר מער צײַט געהאַט, וואָלטן מיר געקענט באַגרינדן דאָס אַלץ מיט ציפערן און פילצאָליקע בײַשפּילן, איצט אָבער זײַנען מיר געצוווּנגען צו באַנוגענען זיך מיטן געזאָגטן. מיר ווילן נאָר ווענדן די אויפמערקזאַמקײַט פון דעם דעלעגאַט אויף דער לאַגע אין דעם קליינעם האַנטווערק. דער אַרבעטער ווערט בײַ אָט פאָרמע פון פּראָדוקציע עקספּלואַטירט אין אַ פיל גרעסערער מאָס, איידער אויף דער פאַבריק, און וועגן און מעגלעכקײַטן צו פאַרבעסערן זײַן לאַגע האָט ער פיל ווייניקער. די דאָזיקע פראַגע האָט פאַר גאַנץ רוסלאַנד אַ וויכטיקע באַדײַטונג, און פאַר די צאָפן-מײַרעוודיקע גובערניעס אַפילו אַ באַזונדערע באַדײַטונג. אַ באַזונדערע דערפאַר, ערשטנס, וואָס דאָ איז די דאָזיקע פאָרמע פון פּראָדוקציע די הערשנדיקע, און, צווייטנס, דערפאַר, וואָס דאָ איז צווישן די אַרבעטער צוגעגרייט אַן אויפנעמבאַרער באָדן פאַר דער ברייטסטער אַגיטאַציע צו דורכפירן אַ געוויסע פאַרבעסערונג, ווען עס זאָל נאָר זײַן אָנגעוויזן ריכטיקע וועגן אויף דורכצופירן עס. אָט פאַרוואָס מיר האַלטן, אַז אונדזער דעלעגאַט שטייט פאָר אַן אויפגאַבע אויפצוּוועקן אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקײַט פון דעם קאָנגרעס צו דער פאַקטישער לאַגע פון דער קליין-פּראָדוקציע אין רוסלאַנד[1].

---

1 צום באַדויערן, איז אין דעם באַריכט וועגן דעם עקאָנאָמישן קאַמף ניטאָ קיינע ידיעות וועגן עקאָנאָמישן טעראָר (שלאָגן באַלעבאַטים און אַ. וו.), וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר מינסק פון יענער צײַט.

в состоянии теперь более или менее исчерпывающим образом разработать этот вопрос.

Разобщенность труда; незначительность мастерских по количеству занятых в них рабочих; различия в положении рабочих в разных ремеслах и даже в различных мастерских; бедность большинства хозяев и легкость перехода от угнетенного положения рабочего в хозяина; сезонный характер производства (в междусезонный промежуток—постоянная безработица); неимоверная конкуренция, которая принимает все более грандиозные размеры вместе с ростом рабочего перенаселения в черте еврейской оседлости и которая уже apriori предпологает значительную резервную армию,—вот с чем приходится считаться при попытке организовать рабочих ремесленников и улучшить их положение. Если к этому прибавить, что с течением времени хозяевам ремеслeникам приходится выдерживать все более и более жестокую борьбу с возрастающим фабричным производством, то становится понятным, как цепко они должны держаться своего последнего оплота—длинного рабочего дня и низкой заработной платы и с какими трудностями должно быть сопряжено сохранение раз достигнутых улучшений в положении рабочего.

Располагая временем, мы могли-бы обосновать приведенное цифрами и многочисленными примерами, но теперь принуждены ограничиться сказанным. Мы хотим только обратить внимание делегата на положение вещей в мелком ремесле. Рабочий при этой форме производства эксплоатируется в гораздо большей степени, чем на фабрике, а путей и возможностей для улучшения его положения у него гораздо меньше. Этот вопрос имеет для всей России важное значение, а для северо-западных губерний даже особенное значение. Особенное потому, во первых, что здесь эта форма производства господствует, а во-вторых, потому, что здесь среди рабочих подготовлена восприимчивая почва для самой широкой агитации в пользу проведения известного улучшения, лишь бы пути для его проведения были-бы указаны вернее. Вот почему, по нашему мнению, нашему делегату предстоит задача возбудить особенное внимание конгресса к фактическому положению в мелком производстве России [1].

---

[1] К сожалению, в отчете об эконом. борьбе нет никаких данных об эконом. терроре (избиение хозяев и т. д.), характерном для Минска того времени.

вследствие недостатка в интеллигентных силах и квартирных условий, приходится число читающих всячески урезывать. В настоящее время получают книги 136 человек. Спрос же на них пред'является со стороны 307 человек.

Остается еще добавить, что беспрерывная борьба выработала у рабочих стойкость и сознание своего достоинства. Факты показывают, что достаточно грубого слова, обращенного со стороны хозяина к рабочему, чтобы последний бросил работу, обратился к суду или своей организации. Чаще-же рабочие обращаются к своей организации, так как недоверчиво относятся к суду.

* * *

Прилагаемый отчет двухлетней деятельности местных организаций был составлен для Лондонского Социалистич. Конгресса (1896 г.), но по некоторым причинам не мог быть тогда отослан. Известие о предстоящем в Цюрихе Арбейтершутцконгрессе дошло до нас слишком поздно для того, чтобы мы могли составить столь же обстоятельный отчет за последний год. Поэтому мы вынуждены в настоящий момент ограничиться только некоторыми общими замечаниями. За последний год большинство организаций распалось, стачки представляют собой редкое явление; интерес рабочих к их союзам ослабел [1]. Причины, обуславливающие это регрессивное явление, могут быть разделены на 2 категории: 1) временные, устранимые и 2) постоянные. К временным мы причисляем более энергичное противодействие хозяев и травля рабочих со стороны жандармерии. За последние несколько месяцев происходили массовые обыски; теперь 10 рабочих сидят в тюрьме под следствием; по их делу было допрошено около 200 рабочих; многие бежали от преследования за-границу. Всего этого было более чем достаточно, чтобы вызвать панику среди рабочей массы. Кроме того, рабочая масса, лишенная возможности вести активную, прямую борьбу с хозяевами, ищет с большой настойчивостью удовлетворения своим, вновь пробудившимся умственным требованиям. Пред'являются массовые требования занятий, чтений, чего местная группа удовлетворить не в силах. А это влечет за собой появление недовольного элемента, внутренних разногласий и раздоров, образование отдельных оппозиционных групп, что ослабляет общую организацию [2]. Причины, постоянно задерживающие наступательный ход движения и обуславливающие неустойчивость раз достигнутого, заключается в положении ремесленного труда и вообще в особенных условиях, в которые он поставлен в губерниях, входящих в черту еврейской оседлости. К сожалению, мы и тут не

---

[1] Вместе с тем многие уже завоеванные улучшения опять потеряны.

[2] Нельзя не упомянуть тут о крайнем недостатке в денежных средствах, что дает себя сильно чувствовать.

и стачках было привлечено к допросу много лиц, но ни одно из них, благодаря умелым ответам, не было арестовано.

### X. По каким поводам возникли стачки

1) За сокращение рабочего времени—26, 2) за повышение платы—13, 3) из-за отказа рабочим за принадлежность к союзам—3 (Примеч. В одной из этих стачек были выставлены требования уничтожения поштучной платы и установления 12-ти часового рабочего дня), 4) унижтожение поштучной платы—3, 5) из-за унитчожения уроков—2, 6) из-за требования лучших отношений—3, 7) чтобы поддержать товарища, 8) с целью уничтожить союз хозяев—1. Из этих стачек были проиграны 4, по причине приезда иногородних рабочих. Итак, из 100 стачек были выиграны—93 (?).

### XI. Результаты стачек

Благодаря двухлетней борьбе, рабочие достигли значительного улучшения в материальных условиях своей жизни. Почти во всех ремеслах (за исключением портняжного) произошло сокращение рабочего дня с 16-18 часов до 12-13 часов. Заработная плата повысилась: а) у заготовщиков, переплетчиков, рабочих на табачных фабриках, рабочих на мыловаренных заводах, веревочников, слесарей, пекарей, обойщиков, от 25 до 40%, б) в отдельных мастерских у портных и сапожников от 20 до 25%.

### XII. Число посетителей чтений

Чтения посещало 155 человек, что составляет 17% всего числа организованых. Число это больше для старых организаций, достигая 40 и 46% и менее, спускаясь до нуля для организаций, недавно возникших. Для портных, переплетчиков и щетинщиков % этот колеблется между 39 и 46; для организаций портных, жестянников и сапожников % колеблется между 5 и 12; для веревочников, тандетных портных, пекарей, конфектниц %—0; для остальных организаций % колеблется между 19 и 27. В настоящее время чтения посещаются 120 рабочими.

### XIII. Число получающих книги и спрос на последние

В течение двух лет значительно возросли умственные потребности рабочих. Спрос на книги растет в такой степени, что существующие 2 рабочие библиотеки (русская и еврейская) не в состоянии доставлять требуемое число книг. Достоверно известно, что многие из рабочих посвятили завоеванный досуг занятиям по грамоте и наняли на свои скудные средства учителей. По наведенным справкам число это растет с каждым днем. Желающих посещать чтения так много, что

рабочей организации[1]. Так как от исхода этой стачки зависело дальнейшее существование союза, то последний напрягал все свои силы, чтобы выйти из этой борьбы победителем. Когда шансы на победу стали склоняться на сторону рабочих, то последние выставили еще два требования: уничтожение поштучной платы и введение 12-часового рабочего дня, что значительно увеличило продолжительность стачки. Борьба длилась 40 дней и, несмотря на вмешательтво местных властей в пользу хозяев, кончилась полным торжеством рабочего союза, и все требования рабочих были удовлетворены. В исходе этой стачки были заинтересованы все местные союзы, которые оказывали им посильную помощь, что и дало возможность этому союзу долго выдержать столь упорную борьбу. Стачка шорников,. длившаяся 70 дней, выделяется по той удивительной стойкости, которую рабочие проявили в борьбе с хозяевами.

Нужда рабочих доходила до того, что праздничная одежда и вещи, имевшие кой-какую ценность, были проданы или заложены. Многие из стачечников голодали н носили обувь, сквозь которую выглядывала босая нога. Стачка была ими выиграна. Местные власти во главе с фабр. инспектором особенно проявили свою административную деятельность в стачках на мыловаренном заводе и на табачных фабриках. В обоих случаях фабричный инспектор пригласил рабочих, среди которых преобладают женщины, в участок. Не распросивши даже про причину, вызвавшую стачку, фабричный инспектор (который является сам владельцем завода) с полицеймейстером накинулись (в буквальном смысле) на рабочих с ругательствами и угрозами, вроде высылки в Сибирь и на каторжные работы, стали выпытывать, кто из них за союз, кто собирает деньги, где происходят собрания и т. п. Рабочие, особенно работницы, прекрасно себя держали и ни единым словом не выдали своей организации. За время стачки фабричный инспектор познакомился с такими упущениями на фабрике, которые влекут за собой привлечение владельца к ответственности, но все это его не интересовало. Оно и понятно. Со слов самих хозяев фабричный инспектор „вознаграждается“ ими по заслугам. Отношения фабричного инспектора к рабочим таковы, что когда хозяин был вынужден требованиями рабочих повысить плату, он выговорил себе условие, чтобы об этом договоре до времени не было доложено фабричному инспектору. За участие в союзах

---

[1] На защиту хозяев выступила древне-еврейская пресса и общественный раввин. В одной еврейской газете („Гамелиц“) появилась статья о союзе заготовщиков, в которой она выставила его в самом ложном свете, требовала уничтожения такой „гадости“, позорящей евр. нацию. Еврейский общественный раввин в 1-й раз по просьбе хозяев, а во второй—по приказанию властей, расклеивал об‘явления, в которых прызывал рабочих к порядку, указывая на то, что подобная борьба преследуется правительством, может довести участников до Сибири и ухудшить положение всего еврейского народа в России. Газетная статья и об‘явления раввина были оценены рабочими по достоинству.

чек в течении этого времени. Так как средняя продолжительность стачки равняется 12 и 13/27 дня и число участников в стачке составляет в среднем 8 и 24/27, то на каждого стачечника в день выпадала помощь в 10 коп., т. е. сумма меньшая $^{1}/_{3}$ средней заработной платы. Эта скромная цифра свидетельствует лучше любой картины о тех лишениях, которые терпели рабочие в борьбе с эксплоататорами.

## VII. Число людей, участвовавших в стачках

Число участников в стачках колеблется между 2 и 45 и различно для разных групп организаций. Для групп щетинщиков, слесарей, рабочих на табачных фабриках, сапожников, веревочников, число стачечников колеблется между 10-ю и 45-ю. Единовременное участие большего числа лиц у сапожников и слесарей об'ясняется тем, что у их эксплоататоров существует союз, и рабочим организациям пришлось вести оборонительную борьбу. Фабричный характер остальных 4-х производств обуславливал участие всех членов организации. Для остальных организаций число участников колеблется между 2—12. Общее число забастовщиков за 2 года составляет 480 человек, что в среднем дает на каждую стачку 9 человек (8 и 24/27). Несомненно, что некоторые участвовали в нескольких стачках.

## VIII. Какую сумму денег потеряли забастовщики в виде заработной платы

Считая рабочую плату приблизительно от 30 коп. в день, мы находим, что забастовщики потеряли 1.797 руб. $33^{1}/_{3}$ коп., что составляет приблизительно 20-ти летний заработок одного рабочего.

## IX. Более выдающиеся стачки как по поведению стачечников, так и местных властей

Среди стачек следует отметить те, которые носили характер оборонительной борьбы и которые были наиболее продолжительными. Союзы хозяев, с целью разрушить рабочие организации, часто предпринимали наступательную борьбу. Воспользовавшись затишьем в работе, хозяева отказывали своим рабочим с тем, чтобы заставить их выйти из рабочей организации. Так были вызваны стачки сапожников, слесарей, заготовщиков и некоторые другие, в которых принимали участие большинство членов союза. Отметим стачку сапожников. По общему решению хозяев отказали старшим подмастерьям в работе, требуя от них выхода из

приливов и отливов людей невозможно определить число рабочих-портных, портних (дамские портнихи), столяров, десятников, белошвеек. В остальных ремеслах процент организованных колеблется между 75—100, давая в среднем 86,5% для каждой организации.

## IV. Число стачек и их продолжительность

В первое время своего существования организации не отмечали происходивших стачек. Точные сведения имеются лишь о 54-х стачках. Число стачек, устроенных отдельными союзами, колеблется между 1 и 7.

Цифру понижают недавнно возникшие организации, успевшие за свое недолгое существование устроить лишъ 1 или 2 стачки.

Продолжительность отдельных стачек колеблется между 1 и 70 днями и различна для отдельных групп организаций. В группах организации щетинщиков, сапожников, слесарей, шорников, стачки были наиболее продолжительны. Из 15 стачек, имеющих место среди этих организаций, 4 продолжались 279 (?) 224 (?) дней от 40 до 70, что составляет 56 дней средней продолжительности. Наименее продолжительными были стачки на табачных фабриках, жестяников, портных (от 1 дня до 9-ти). Все 54 стачки продолжались 674 дня, что дает на каждую стачку 12,5 (12 и 13/27) дня средней продолжительности.

## V. Доходы касс

Кассы черпали свои средства, главным образом, из членских взносов, как постоянных, так и единовременных, вносимых членом при его вступлении в организацию. Кроме того, для поддержания стачечников, организации часто налагали налоги на членов союза, не принимавших участие в стачке. За 2 года кассы имели 890 р. дохода.

## VI. На что кассы тратили деньги

Кассы тратили свои деньги на поддержание стачечников, наем квартиры под собрания, поддержание безработных, помощь стачечникам других городов и на другие нужды союза. В обшей сложности израсходовали 565 руб. 30 к.

1. На стачечников—300 р. 65 к.

2. На безработных и на отправку рабочих, приехавших из других городов во время стачки—135 р. 45 к.

3. На квартиры—65 р. 50 к.

4. На остальные нужды организации и на отправку людей в другие города с агитационной целью—64 р. 30 к. Принимая в соображение сумму денег, потраченную центральной кассой на поддержание стачечников, именно 315 р. 38 к., получаем сумму 615 р. 43 к., потраченную на ведение ста-

лесов по близости города помешало увеличить почти вдвое число участников[1].

## II. Прогрессивный рост наших сил

Возникшая летом 1894 г. борьба между рабочими и их эксплоататорами, вызвала к жизни 4 союза: портных, слесарей, переплетчиков и щетинщиков, насчитывавших к концу этого года (1894 г.)—220 человек. К началу следующего года эти союзы представляли уже прочные организации, успешно выдержавшие несколько стачек.

1895-й год—год самой напряженной борьбы. В этом году возникло самое большое число рабочих союзов: шорников, заготовщиков, обойщиков, жестянников, портных, столяров, каменщиков, мясников, белошвеек, шапочников и сапожников, которые вместе с возникшими раньше организациями об'единили 870 человек[2].

1896 г. дал новые организации: главным образом среди фабричных. В начале этого года возникли три союза на табачных фабриках, которые вскоре слились и образовали единую организацию. Далее возникли союзы среди рабочих на конфектной фабрике, среди пекарей, тандетников, приказчиков и среди рабочих, выделывающих веревки. В состав этих организаций входит 253 человека, что вместе с предыдущими составляет 24 союза с 1.188 членами. Из организаций, возникших за 1896 г., следует выделить приказчиков. Союз приказчиков обнаруживает тенденцию к распадению; дело в том, что входящие в него члены весьма различны по материальному положению: между тем, как один из них вырабатывает не более простых поденщиков, другие пользуются весьма сносным положением. Первые, естественно, нуждаются в защите и требуют ее от своего союза; последние же—привилегированные—в этом не чувствуют почти необходимости и не могут итти в борьбе рядом с первыми. Отбросив организацию каменщиков, мясников, приказчиков, не имеющих строгого характера (классовой?) борьбы, мы получаем 21 рабочий союз с 912-ю членами.

## III. Процент организованных

Большинство организаций охватывает почти всех имеющихся налицо в данной отрасли рабочих. Вследствие частых

---

[1] О праздновании 1-го мая в нашем городе было напечатано в „Форвертсе".

[2] У каменщиков союз к концу года распался по той причине, что работа у них исключительно сезонная. В союз столяров были допущены люди, которые по своему положению являются полухозяевами, что мешало союзу успешно вести борьбу. Из этого союза выделился чисто рабочий элемент, который основал свою организацию в 1896 г. Вследствие особых условий портняжного ремесла, союз портных не имел успеха, постепенно угасал, дав начало новой организации в 1895 г. Из вышеназванных союзов следует выделить союз мясников, в котором нет классового отпечатка, присущего всем остальным организациям.

ным требованиям рабочих—перешли в наступательное положение и стали преследовать рабочие собрания, союзы, кассы и тех рабочих, которые по указанию хозяев принимали деятельное участие в борьбе. Последние притеснения и преследования показали рабочим классовый характер их борьбы и отношение властей к их интересам. С этого момента союзы принимают нелегальный характер: рабочие собрания устраиваются тайно за городом или скрываются где-нибудь в заброшенной части города. Сама организация под давлением жизни принимает более конспиративный характер. Продолжительная и упорная борьба отдельных союзов естественно требовала помощи от других союзов. Эта необходимость во взаимной поддержке вызвала к жизни „центральную кассу", которая ставит себе целью для ведения более успешной борьбы с эксплоататорами об'единить в один большой местный союз существующие организации. Союзы, входящие в состав центральной кассы, отдают в ее пользу 10% своих доходов и имеют там своего представителя, выбираемого конспиративно. Рабочие вечера, устраиваемые центральной кассой с агитационной целью и для пополнения своих средств, пользуются громадным успехом среди рабочих и охотно ими посещаются. На этих вечерах бывает по несколько сот человек (исключительно рабочих). Речи на злобу дня или на определенную тему сменяются пением революционных песен хором из рабочих. Громкие рукоплескания провожают оратора по окончании речи; тостам революционного характера нет конца.

Из речей, произнесенных на этих собраниях, следует отметить следующие в том порядке, как они производились за эти два года: „о пользе сокращения рабочего дня", „о вреде поштучной работы", „о необходимости для рабочих соединиться в союзы", „об отношении полиции к закону о 12-тичасовом дне", „о последних преследованиях рабочих со стороны хозяев и полиции", „о солидарности еврейских и христианских рабочих", „о рабочем движении и последних стачках в России", „о послании министра Витте к фабричным инспекторам", „по поводу коронования Николая II-го".

В 1895 г. 1-мая праздновал кружок рабочих из 40 человек, а в настоящем году в нем приняло участие 300 человек. На празднике были произнесены речи:

1. о значенни 1-го мая и

2. о необходимости политической свободы.

Праздник прошел весьма оживленно и оставил глубокий след на всех присутствовавших.

Участниками было провозглашено много революционных тостов и высказано много пожеланий. Отсутствие удобных

тация в пользу сокращения рабочего дня нашла себе массовое сочувствие, вызвала сильное массовое движение, охватившее в самое короткое время значительную часть отраслей промышленности. В том-же году было подано местному губернатору несколько коллективных прошений, покрытых сотнями подписей, в которых требовали установления 12-тичасового рабочего дня особым распоряжением и наблюдения полиции за его исполнением. Еще до получения ответа от губернатора недовольство рабочих проявилось в нескольких стачках. Но так как стачечники были бессильны, для ведения самостоятельной борьбы, а со стороны эксплоататоров они встретили значительное сопротивление, то им удалось лишь сократить продолжительность рабочего дня с 16-18-ти часов до 14 часов. Изданное в том-же году распоряжение об исполнении закона о 12-тичасовом рабочем дне, возлагавшее на полицию обязанность следить за исполнением этого закона, хозяева всеми мерами старались обходить. Власти, подкупленные хозяевами, бездействовали и даже преследовали тех из рабочих, которые обращались к ним за помощью. Индифферентное и даже враждебное отношение властей к интересам рабочих и чрезмерные притеснения хозяев, особенно тех из рабочих, кто найболее интересовался возникшей борьбой, способствовали учреждению постоянных организаций для защиты интересов своих членов. Кассы этих союзов с постоянными членскими взносами оказывают материальную помощь своим членам, главным образом, во время забостовок. Возникшие, таким образом, союзы в глазах рабочих носили легальный характер и нередко собрания этих союзов происходили в молельнях или под открытым небом в самом городе. Союзы начали правильную и упорную борьбу за улучшение материального положения своих членов, за доставление им досуга и т. п.

Все это вызвало об'единение со стороны хозяев для противодействия рабочим организациям. Уставы хозяйских союзов висят над рабочими как Дамоклов меч, готовый раздавить их в минуту ослабления их организации. Эти пункты потребовали от рабочих организаций сильного напряжения сил, чтобы устоять в этой трудной и почти непосильной борьбе. Они гласят:

1. Хозяин, у которого происходит забастовка, получает от своего союза денежную помощь.

2. Никто из членов союза не имеет права брать к себе в мастерскую рабочего, участвовавшего в стачке.

Вследствие такого положения вещей борьба приняла с самого начала резко классовый характер, легко подмеченный ее участниками; нередко забастовка в одной мастерской требовала для победы остановки работы в другой мастерской. В то-же время власти во главе с фабричным инспектором из пассивного положения, которое они заняли по отношению к рабочим, вследствие невозможности открыто препятствовать (послание Витте сделало это возможным) закон-

# Начало рабочего движения в Минске 1894/97 г.

## Отчет о деятельности еврейск. соц. демократ[ической] Минской организации

Общий отчет до 1.VII. 1897 г. Минск

I. Общий очерк.
II. Прогрессивный рост наших сил.
III. Процент организованных.
IV. Число стачек и их продолжительность.
V. Доходы касс.
VI. На что кассы тратили деньги.
VII. Число людей, участвовавших в стачках.
VIII. Какую сумму денег потеряли стачечники в виде заработной платы.
IX. Более выдающиеся стачки.
X. По каким поводам возникали стачки.
XI. Результаты стачек.
XII. Число посетивших чтения.
XIII. Число получающих книги и спрос на последние.

### I. Общий очерк

Рабочее движение в нашем городе возникло летом 1894 г., когда началась агитация в пользу 12-тичасового рабочего дня. В течение этих двух лет наше молодое движение успело охватить, за малым исключением, все местные отрасли промышленности. Беспрерывный рост стачек, имевший место в эти два года и продолжающийся по настоящее время, показывает жизненность этого движения. Борьба началась за введение 12-тичасового рабочего дня и перешла постепенно на защиту других сторон жизни рабочих, как повышение платы, уничтожение поштучной работы и т. п.

Несмотря на существование закона о 12-тичасовом рабочем дне, продолжительность работы была чрезмерная. 16-18-тичасовый рабочий день был обычным явлением. Аги-

דעם ווילנער באריכט האָבן מיר געפונען אין די ייִדישע פאָנדן פון ארכיוו פון מארקס-ענגעלס-לענין-אינסטיטוט. דער ערשטער קאפּיטל פון דעם דאָזיקן דאָקומענט איז געווען אָפּגעדרוקט אָפּ ייִדיש אין אַן אויסלענדישער אויסגאַבע. אָבער די איבעריקע טיילן פון באריכט וואָס גיבן אַ גענוי בילד וועגן דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער אין ווילנע און אנדערע שטעט פאַר די יאָרן 1890—1895, זײַנען נאָך ביז איצט ניט געווען געדרוקט. די איבערזעצונג פון דעם דאָזיקן וויכטיקן היסטאָרישן דאָקומענט איז געמאַכט געוואָרן פון רוסישן טעקסט, וואָס מיר פאַרעפנטלעכן גלײַכצײַטיק אין דעם דאָזיקן באַנד.

# מאַטעריאַלן פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דער ארבעטער-באַוועגונג בײַ אונדז אין שטאָט (ווילנע) פאַר די לעצטע 4—5 יאָר

(צונויפגעזאַמלט אין 1896-טן יאָר)

## קאַפּיטל 1

באריכט, געלייענט אָפּ דער מײַ-פײַערונג אין 1896-טן יאָר אין ווילנע.

1. אונדזערע קרעפטן און מיטלען דעם פאַראַיאָריקן און הײַנטיקן יאָר.

דעם פאַראַיאָריקן יאָר איז די אַלגעמיינע צאָל ארבעטער, וואָס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג, דערגאַנגען ביז 500 מאַן פון ביידע געשלעכטן; הײַנטיקן יאָר האָט זיך די צאָל פאַרגרעסערט ביז 1962 מענטשן; אין דעם — 262 ארבעטערנס. פאַראַיאָרן האָבן די 500 מענטשן, וואָס זײַנען געווען אַרײַנגעצויגן אין דער באַוועגונג, זיך געטיילט צווישן 16 פּראָפעסיעס; הײַאָר זײַנען 962 קאַסע-מיטגלידער פאַרטיילט צווישן 27 פּראָפעסיעס. אין די ארבעטער קאַסעס, וואָס האָבן עקזיסטירט פאַראַיאָרן, איז געווען 77 רובל; אין די איצטיקע ארבעטער-קאַסעס פון די 27 פּראָפעסיעס איז פאַראַן בײַ אַ 1000 רובל מעזומען. אין די ערשטע דערמאָנטע 27 פּראָפעסיעס איז פאַראַנען אינגאַנצן העכער 3300 (1202 ארבעטערנס) ארבעטער פון ביידע געשלעכטן, ד. ה., אַז פּראָפעסיאָנעל זײַנען אָרגאַניזירט אומגעפער 30 מענטשן פון יעדער 100.

2. וואָסערע פּראָפעסיעס האָבן זיך באַטייליקט פריִער אין דער באַוועגונג און דער פאַרנעם פון דער באַוועגונג דעם לעצטן יאָר.

מיט 2 יאָר צוריק האָבן אין דער באַוועגונג אָנטיילגענומען די פאָלגנדיקע 11 פּראָפעסיעס: 1) שטעפּער, 2) פּאַפּיראָסן-מאַכער, 3) קאָנווערטן-מאַכערנס,

4) אײַנבינדער, 5) הענטשקע־מאכער, 6) סטאָליער, 7) שליאָסער, 8) באַשטעַ־לונגען-שנײַדער, 9) בעקערנס, 10) בערשטער, 11) שנײַדערנס (קלײדער-שנײַדערנס) מיט א יאָר צוריק זײַנען צו דער באַוועגונג צוגעשטאַנען נאָך 6 פּראָפעסיעס: 1) גראַוויאָרנ, 2) מעבל-אַרבעטער, 3) שוסטער, 4) מיליטער-שנײַדער, 5) יוועל-לירנ, 6) ליטאָגראַפן (די—מיט אַנדערהאַלבן יאָר צוריק). אין אָט די 6 פּראָ-פעסיעס זײַנען איצט פאַראַן 153 קאַסע-מיטגלידער פון 550 מענטשן, וואָס זײַנען באַשעפטיקט מיט די דאָזיקע פּראָפעסיעס, ד. ה. 30 מענטשן פון יעדע 100 געהערן צו די קאַסעס. די לעצטע 8 כאַדאָשים זײַנען אין דער באַוועגונג אַרײַנגעצויגן געוואָרן אַרבעטער און אַרבעטערנס פון די דאָזיקע פאַכן: 1) הענטשקע-מאַכערנס, 2) פודעלע-מאַכערנס, 3) מעסאָנדזשניקעס, 4) שמוק-לער, 5) שנײַדער פון פאַרטיקע קלײדער, 6) טאָקער, 7) הײמישע שנײַדער און שנײַדערס (פון אויבערשטע קלײדער), 8) קוימענקערער, 9) טיפּאָגראַפן, 10) בלעכער. אין אָט די 10 פאַכן זײַנען באַשעפטיקט איבער 800 מענטשן, פון זײ זײַנען אָרגאַניזירט 197 מאַן, ד. ה. אַף יעדע 100 אַרבעטער קומט אויס צו 24 קאַסע-מיטגלידער. פון דעם איז צו זען, אַז פאַר דעם לעצטן יאָר האָבן זיך אַנגעשלאָסן אָן דער באַוועגונג 11 פאַכן (ווען מע זאָל ניט רעכע-נען די בײגער), מיט 350 מיטגלידער, און די 16 קאַסעס, וואָס האָבן עקזיס-טירט מיט א יאָר צוריק, האָבן זיך פאַרגרעסערט אַף 150 מיטגלידער. איר דאַרפט נעמען אין אַכט, אַז די 500 מענטשן, וואָס האָבן זיך געצײלט דעם פאָריקן יאָר אין די קאַסעס, דאָס איז די פּרוכט פון לאַנגיאָריקע אָנשטרענ-גונגען. דער אײנ איצטיקער יאָר האָט צוגעגעבן צו די פאַראיאָריקע נײַע 500 קאַסע־מיטגלידער.

3. דער כאַראַקטער פון די עקזיסטירנדיקע קאַסעס.

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָבן אײניקע פון די דערמאָנטע קאַסעס, צ. ב., די קאַסעס פון די קאָנווערטן-מאַכערנס, זאָקן־מאַכערס, סטאָליער, קלײדער-שנײַדער און אַנד. געהאַט א כאַראַקטער פון לײַ־קאַסעס. איצטער זײַנען אַלע 32 קאַ.עס, צו וואָסערע עס געהערן די אַרבעטער פון די דערמאָנטע 27 פּראָ-פעסיעס, קאַסעס פון קאַמף מיט די עקספּלואַטאַטערן. דאָס באַווײַזט דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער אַרבעטער־באַוועגונג בא אונדז אין שטאָט.

4. סטאַטיסטיק פונעם קאַמף מיט די עקספּלואַטאַטערן דעם לעצטן יאָר.

פאַר דעם לעצטן יאָר איז אין 21 פון די דערמאָנטע פּראָפעסיעס (אַרײַנ-רעכענענדיק אויך די בײגער) פאָרגעקומען 56 שטרײַקן, פון זײ האָבן 43 געענ־דיקט זיך מיט א זיג, 13 זײַנען דורכגעפאַלן, ד. ה. אַף 10 געלונגענע שטרײַקן, קומט אויס 3 דורכגעפאַלענע, אָדער, אַנדערש געזאָגט, אויב די ווײַטערדיקע יאָרן וועלן די שטרײַקן פירן זיך מיט פונקט אַזא דערפאָלג, דאַן קען מען זאָגן, אַז פון 100 שטרײַקן געווינען די אַרבעטער בא אונדז אין שטאָט 70.

5. אין וואָסערע פּראָפעסיעס, וואָס זײַנען אַרײַנגעצויגן אין דער באַוועגונג, איז אין דעם יאָר ניט געווען קײן שטרײַקן.

דעם פאַרגאַנגענעם יאָר (פון מײַ פאַראיאָרן ביז איצטיקן מײַ) איז קײן שטרײַקן ניט געווען אין אָט די 7 פאַכן: 1) בא די קאָנווערטן-מאַכערנס,

2) קלייזער-שנייַדערנס—אויב ניט רעכענען איין קליינעם שטרייַק, 3) יוועלירן, 4) הענטשקע-מאכערנס, 5) פודעלע-מאכערנס, 6) בלעכער, 7) קוימענקערער.—אכוץ די קאסעס פון די קאָנווערטן-מאכערנס, שנייַדער און יוועלירן, זייַנען די איבעריקע 4 קאסעס גאָר ניט לאנג געגרינדעט געוואָרן.

### 6. די וויכטיקסטע שטרייַקן פון דעם לעצטן יאָר.

דער גרעסטער שטרייַק איז פאָרגעקומען אפ דער באוווסטער עדלשטיינס פאבריק.[1] וועגן דעם דאָזיקן שטרייַק איז געווען אָפגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ אין דער זייער פארשפרייטער רוסישער צייַטונג: „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי“. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ איז איבערגעדרוקט געוואָרן אויך אין דער ברייט-פארשפרייטער צייַטונג „רוסקיִע וועדאָמאָסטי“ און אנד. הייסט עס, דער שטרייַק האָט ארויסגערופן אינטערעס אויך אויסער די גרענעצן פון אונדזער שטאָט. א פרייד געפיל האָט איבערגעלעבט יעדערער, וואָס פילט מיט דער ארבעטער-זאך, פון דעם, ווי די ארבעטער האָבן זיך פעסט געהאלטן, ווי זיי האָבן מיט א שווייַגנדיקער פאראכטונג באצויגן זיך צו די ניט איינמאָליקע אייַנלאדונגען פון דעם אינספעקטער און דער פּאָליציי צו קומען אפן פאבריק-הויף אפ אונטערהאנדלונגען. מיט אָט דער פאראכטונג האָבן די ארבעטער דערוויזן זייער קלאסן-רייַפקייַט, האלטנדיק מיט רעכט דעם אינספעקטער, די פּאָליציי און ענלעכע מאכט-אָרגאנען פאר מיטהעלפער פון די עקספּלואטא-טערן, און די פּאָליצייִשע אונטערהאנדלונגען פאר א מיטל אפ ארויסצופאנגען פון דער ארבעטער-סוויווע די אזויגערופענע אונטערהעצער.

### 7. די צאָל אָנטיילנעמער אין די שטרייַקן, דער דויער און קאָסט פון די שטרייַקן, וואָס זייַנען געווען אין דעם יאָר.

א) אין די 56 שטרייַקן, וואָס זייַנען פאָרגעקומען אין 21 פון די דער-מאָנטע פאכן, האָבן זיך באטייליקט 535 מענטשן (אין אָט דער צאָל גייען ארייַן אויך די ארבעטער, וואָס האָבן זיך באטייליקט צו עטלעכע מאָל אין די שטרייַקן), פון זיי געהערן איבער 400 צו די קאסע-מיטגלידער און 132 זייַנען ניט קיין קאסע-מיטגלידער, ד. ה., צווישן יעדע 100 שטרייַקער זייַנען געווען 75 פון די קאסעס, אָדער, אז יעדערע 75 קאסע-מיטגלידער, וואָס זייַ-נען ארייַנגעטראָטן אין א שטרייַק, האָבן ארייַנגעצויגן 25 ניט קאסע-מיטגלידער.

ב) **דער דורשניטלעכער דויער פון א שטרייַק.** די שטרייַקן האָבן זיך געצויגן פון 1 טאָג און ווייניקער, ביז 14 טעג: 2 קליינע שטרייַקן האָבן געדויערט, איינער 6—וואָכן, דער צווייטער—12 וואָכן; ווען מע זאָל ניט רע-כענען די לעצטע 2, איז דער דורשניטלעכער דויער פון א שטרייַק—5 טעג.

ג) **דורכשניטלעכע צאָל אָנטיילנעמער אין יעדער שטרייַק.** די צאָל אָנטיילנעמער פון יעדער שטרייַק האָט זיך געוואקלט צווישן 1 און 38. אין איין שטרייַק האָבן זיך באטייליקט 200 מאן. ווען מע זאָל ניט רעכענען דעם לעצטן, קומט אויס אין דורכשניט, אז אין יעדער שטרייַק האָבן זיך בא-טייליקט 8-9 מענטשן.

---

1 אין דעם דאָזיקן בוך פארעפנטלעכן מיר א ריי דאָקומענטן, וועלכע גיבן א גענוי בילד וועגן דעם שטרייַק אפ עדלשטיינס פאבריק.

ד) וויפל באַטייליקן זיך אין יעדער שטרײַק קאַסע־מיט־גלידער און ניט־קאַסע־מיטגלידער? אַזוי ווי בא אונדז אין שטאָט איז אפ יעדערע 100 שטרײַקער אויסגעקומען 25 ניט־קאַסע־מיטגלידער, קומט אויס, אז אין דורכשניט איז אפ 8 שטרײַקער (און אָט דאָס איז די דורכשניטלעכע צאָל אָנטיילנעמער פון א שטרײַק בא אונדז אין א שטאָט) פאַראַנען 2 ניט־קאַסע־מיטגלידער.

ה) דער קאָסט פון די שטרײַקן. די שטרײַקן פון דעם יאָר האָבן געדויערט אין סאַכאַקל, בא א 3600 אַרבעט־טעג (ווען מיר זאָלן די צאָל טעג, וואָס עס האָט געדויערט יעדער שטרײַק, קייפלען אפ דער צאָל אַרבעטער, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין יעדער שטרײַק, וועלן מיר יבאַקומען וויפל אַרבעט־טעג עס האָט געדויערט יעדער שטרײַק); רעכענדיק דעם דורכשניטלעכן אַרבעטלוין פון אַן אַרבעטער 30 קאָפּ., וועלן מיר באַקומען, אז די אַרבעטער האָבן פאַרלאָרן בא 1100 רובל אַרבעטלוין. די קאַסעס האָבן די שטרײַקן אָפּגעקאָסט 500 רובל. פון אָט דער סומע איז א העלפט אַוועקגעגאַנגען אפ שטרײַקן אין דעם אייגענעם פאַך, א העלפט אפ שטרײַקן ניט אין דעם אייגענעם פאַך: אַלע פאַכן גלײַך האָבן געהאָלפן איינער דעם אַנדערן אין דעם קאַמפּ מיט דער עקספּלואַטאַציע. אָט די לעצטע ציפערן (די אויסגאַבעס אפ שטרײַקן) דריקן אויס פּאַקטיש די סאָלידאַרקײַט פון די אינטערעסן פון די אַרבעטער אין אונדזער שטאָט און אין אַנדערע שטעט.

8. צוליב וואָסערע סיבעס זײַנען אויסגעבראָכן די שטרײַקן פון דעם יאָר.

1) איבער סיבעס, וואָס רײַסן אונטער דעם פאַריין פון די אַרבעטער (צוליב דער פאָדערונג פון די אַרבעטער צו דערווײַטערן פון וואַרשטאַט א שעדלעכן אַרבעטער; צוליב דעם פאַרלאַנג פון דעם באַלעבאָס דורך פאַרקאָנטראַקטירונג שטערן די פּרוווּנ פון די אַרבעטער צו א שטרײַק): סאַכאַקל 5—3 געוווּנען, צוויי פאַרשפּילט. 2) צוליב דער פאָדערונג פון בעסערע באַציִונגען (און א קריג מיטן באַלעבאָס) 3 — אַלע געוווּנען. 3) צוליב אונטערשטיצן א כאַווער אָרער לערניינגלעכ — סאַכאַקל 10—7 געוווּנען און 3 פאַרשפּילט. 4) צוליב דער פאָדערונג צו פאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג. אָדער צוליב א פּרוּווּ פון באַלעבאָס צו פאַרלענגערן דעם אַרבעט־טאָג — סאַכאַקל 16—12 געוווּנען, 4 פאַרשפּילט. 5) צוליב דער פאָדערונג צו העכערן דעם אַרבעטלוין און אײַנפירן געצאָלט פון וואָכ, אַנשטאָט שטיקאַרבעט, ניט פּינקטלעכן אויסצאָל דעם אַרבעטלוין און ענלעכע סיבעס. 6) צוליב דעם, וואָס דער באַלעבאָס האָט געשטערט דעם געשלאָסענעם קאָנטראַקט — אינגאַנצן 1 און פאַרשפּילט. 7) קעגן פאַרבײַטן מענער־אַרבעטער מיט מיידלעך, וואָס עס פירט, סאָפּקאָלסאָפּ, צו אַראָפּדריקן דעם אַרבעטלוין פון די באַשעפטיקטע מענער — 1 און געוווּנען.

9. די וויכטיקסטע סיבעס פונעם דורכפאַל פון שטרײַקן.

4 שטרײַקן זײַנען דורכגעפאַלן, ווײַל די אַרבעטער האָבן ניט גענוג איבערגעלייגטערהייט באַטראַכט די באַדינגונגען און האָבן אָנגעהויבן א שטרײַק ניט אין סעזאָן, 5 — דערפאַר, וואָס עס האָט זיך אײַנגעגעבן צו פאַרבײַטן די שטרײַקער מיט אַנדערע, 1 — ווײַל עס האָט זיך אַרײַנגעמישט דער אינספּעק-

טער און האָט זיך אײַנגעשטעלט פאר א מיידל, וואָס מע האָט צוליב דער פּאָדערונג פון די ארבעטער אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט, 1 — צוליב דער ניט געגוגנדיקער אויסגעהאלטנקײַט פון די ארבעטער פון דעם דאָזיקן ווארשטאט.

10. די רעזולטאטן פון די שטרײַקן.

א קענטיקע פארבעסערונג פון די מאטעריעלע עקזיסטענץ-באדינגונגען, אדאנק דער פּראָפעסיאָנאלער אָרגאניזאציע און די שטרײַקן, איז פּאָרגעקומען אין די דאָזיקע פאכן: 1) בא די שטעפּער, 2) זעמשער, 3) שמוקלער, 4) שוס-טער, 5) טאָקער, 6) בערשטער, און אייניקע אנדערע. אין אָט די פאכן האָט זיך דער ארבעטלוין געהויבן פון 25 קאָפּיקעס ביז 50 קאָפּיקעס א וואָך, אָדער אף 13 — 26 רובל א יאָר. 1. אין די פּאָלגנדיקע פאכן האָט זיך דער ארבעט-טאָג פארקירצט אף א שאָ נאָכדעם, ווי עס זײַנען געגרינדעט געוואָרן די קאמפּ־קאסעס: 1) בא די גראווירער, 2) זעמשער, 3) טאָקער א. אנד. 2. אף $1\frac{1}{2}$—2 שאָ: 1) בא די שוסטער, 2) טאנדעטניקעס, (שנײַדער, וואָס ארבעטן אף די מאגאזינען), 3) באשטעלונגען-שנײַדער, 4) זעמשערקעס א. אנד 3. אף 2־3 שאָ: 1) בא די שמוקלער (א קליינער פאך, אינגאנצן זײַנען אין דעם פאך פאראן 9 מענטשן), 2) בערשטער א. אנד. אייניקע האָבן זיך דער-שלאָגן דעם געזעצלעכן 12־שאָיקן ארבעט-טאָג, צ. ב. די שליאָסער. די קאסעס האָבן, הייסט עס, פארבעסערט דאָס מאטעריעלע לעבן פון אסאך און אסאך ארבעטער. די קאסעס קומען אויך אנטקעגן דער פּאָדערונג אף ביכער אין דער ארבעטער־סוויווע. אין אלע קאסעס האָט מען קאָנסטאטירט בא 300 מענטשן, וואָס באקומען ביכער צום לייענען לויט אָנווײַזונגען פון די מער אנטוויקלטע ארבעטער. עס איז קיין ספּאָק ניט, אז אויך די ניט־קאסע-מיטגלידער לייענען, עס איז אָבער אויך ניט קיין ספּאָק, אז זיי לייענען אלע שמאטעס מערסטנ-טיילס, און א גוט בוך פאלט צו זיי ארײַן צופעליק. דער קאמפּ פון די ארבע-טער מיט די באלעבאטים אנטוויקלט בא זיי דאָס רעכטבאוווסטזײַן, זיי לאָזן זיך ניט קריוודען, און אויב דאָס געזעץ קאָן זיי פארטיידיקן פון א וואָסער ניט איז אוולע, ווענדן זיי זיך אין געריכט. פאר דעם לעצטן יאָר איז געווען 14 פּראָצעסן, און קימאט אלע האָבן זיך געענדיקט לטובת די ארבעטער. עס איז ניט באוווּסט, צי טוען אזוי אויך די ניט קאסע־מיטגלידער, מע קען אָבער זאָגן, ניט ארײַנפאלנדיק אין א טאָעס, אז ניט-קאסע-מיטגלידער ווענדן זיך זעלטן אין געריכט, איבער דער גרעסערער דערשלאָגנקײַט, אומוויסנהײַט איידער בא די קאסע-מיטגלידער, און דעם פעלן פון געניטע באקאנטע, וואָס זאָלן זיי קענען אָנווײַזן אין וואָס פאר א פאל עס איז קעדײַ צו ווענדן זיך צום געריכט. די קאסע־מיטגלידער האָבן אין דאָס אלץ א פּאָרצוג אנטקעגן די ניט-קאסע-מיטגלידער. בא אונדזערע באדינגונגען איז די פּראָפעסיאָנעלע קאסע אלץ פאר דעם ארבעטער; אויסער איר—איז ער גאָרנישט. פאר א באשטעטיקונג פון דעם דאָזיקן געדאנק קען דינען דער באריכט, וואָס איז אײַך דורכגעלייענט געוואָרן.

די דרינגענדיקע אופגאבע, וואָס עס שטייט אונדז פאָר—איז צו אָרגאני־זירן די ווײַסע בעקער, אָנגעשטעלטע מענער און פרויען—פּראָפעסיעס, וואָס ציילן טויזנטער ארבעטער פוןביידע געשלעכטן. אכוץ זיי זײַנען ניט אָנגע-רירט פון דער באוועגונג די מולערס, פארבער, ציגל־מאכער, קאצאָווים, מיל-ארבעטער, זייפ-קאָכער, פורמאנעס און פיל אנדערע.

שוין ניט רייִדנדיק וועגן די ארבעטער פון פארשיידענע פאבריקן, וואָס
זייַנען דאָ אין שטאָט, איז די ארבעט, וואָס שטייט אונדז פאָר, גרויס. זי וועט
אָבער אָנגעהויבן ווערן אין אָט דעם יאָר. א גאראנטיע דערפאר איז די ענערגיע
פון די ארבעטער, וועגן וואָס עס זאָגט איידעס ווידער טאקע דער דאָזיקער באריכט.

# קאפיטל 2

דער דאָזיקער באריכט איז איבערגעלייענט געוואָרן אפ דער ארבעטער-[מייַ־]
פייַערונג (אין אפרעל 1896-טן יאָר). די מערהייַט אָנוועזנדיקע ארבעטער זייַנען גע-
וועזן נאָר מיטגלידער פון די קאמפ-קאסעס, אָבער ניט פון אנדערע אָרגאניזא־
ציעס. צוליב קאָנספיראטיווע טעמים איז אויסגעקומען אין דעם באריכט וועגן
אסאך זאכן צו פארשווייַגן. ווייַטער גיבן מיר איניקע ידיעות, וואָס זייַנען
אין דעם באריכט דורכגעלאָזן געוואָרן. דאָ וועלן מיר דערווייַל דערגאנצן די
מיטגעטיילטע ידיעות מיט נאָך איניקע אָנגאבעס וועגן דער ארבעטער־באווע-
גונג פון יענע יאָרן פון דעם יאָר 1893-1892 ביז איצט. דערבייַ דארף מען גע־
דענקען, אז די איבערוועגנדיקע פראָדוקציע בא אונדז אין שטאָט איז א קליינ-
פראָדוקציע, און די צאָל שטרייַקער ווערט דעריבער, אין בעסטן פאל, געציילט
אין צענדליקער. פרילינג 1893־טן יאָר איז בא די באשטעלונג-שנייַדער געגרינ-
דעט געוואָרן א קאמפ־קאסע, די אָרגאניזירטע ארבעטער האָבן אָנגעהויבן זייער
טעטיקייַט פון דעם, וואָס יעדערער האָט איינציקווייַז אָנגעהויבן דערלאנגען
ביטעס וועגן אייַנפירן א 12-שאָיִקן ארבעט-טאָג, ווי דאָס פאָדערט דער
געזעץ. 1) זיי פלעגן אויך גאנצע גרופעסווייַז אוועקגיין מיט אזעלכע הישטאדלעסן
צום פאבריק-אינספעקטער. דער אינספעקטער פלעגט זיי ענטפערן, אז זיי האָב-
דאָס פולע רעכט נאָך א 12-שאָיִקער ארבעט אוועקגיין פון ווארשטאט. די ארנ
בעטער האָבן געפאָלגט די דאָזיקע אייצע און אין איניקע ווארשטאטן האָבן
זיי געמאכט א פרווו צו ארבעטן נאָר 12 שאָ. די צעצאָרנטע מייַסטערס האָבן
אָנגעהויבן זוכן די „בונטאָווטשטשיקעס”, קעדיי צו אָפרעכענען זיך מיט זיי ווי
געהעריק. זיי האָבן אייַנגעאָרדנט אין שול א פארזאמלונג, ווו זיי האָבן באַ־
שלאָסן ארויסצוטרייַבן 14 מענטשן, וואָס זיי האָבן אָנערקענט פאר „בונטאָוו־
שטשיקעס”. אינגיכן האָבן זיי אָנגעהויבן צו פארווירקלעכן זייער באשלוס. פון
אָנהייב האָבן זיי אָפגעזאָגט צווייען, דערנאָך נאָך דרייַען. דאָס און די קלאנ־
גען וועגן די פאָרשטייענדיקע אָפזאָגונגען פון דער ארבעט האָבן ארויסגערופן
א שטארקע אופרעגונג צווישן די שנייַדער, און זיי האָבן באשלאָסן צו־
נויפקלייַבן זיך, קעדיי צו באהאנדלען וואָס צו טאָן. די ארבעטער, וואָס האָבן
אין דער צאָל פון 100 מאן זיך צונויפגעקליבן הינטער דער שטאָט, האָבן באַ־
שלאָסן אין דרייַ טעג ארום ווארפן די ארבעט, און די דרייַ טעג אָפגעבן
אפ אגיטירן צווישן אלע באשטעלונגען-שנייַדער פון שטאָט, קעדיי צוצוגרייטן
אן אלגעמיינעם שטרייַק. אין דרייַ טעג ארום 9 אזייגער (אין יענער צייַט
פלעגט זיך די ארבעט אָנהייבן 7 אזייגער אינדערפרי און פלעגט געדויערן ביז
11־12 אזייגער באנאכט), האָבן די שנייַדער פון דער מערהייַט ווארשטאטן
געוואָרפן די ארבעט. דעם צווייטן טאָג האָט מען צוגעציילט די צאָל, וואָס האָבן
פארשטרייַקט, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז צום שטרייַק זייַנען צוגעשטאנען בא
150 מאן (אינגאנצן זייַנען אין דעם פאך באשעפטיקט בא 200 מאן). די פאָ-
דערונגען זייערע זייַנען געווען: א 12-שאָיִקער ארבעט־טאָג און העכערן

דאָס געצאָלט פונ שטיק אפ א רובל. שפּעטער האָבנ זיי פאַרקלענערט דעמ דאָזיקנ געצאָלט אפ א האלבנ רובל. די ווייַטערדיקע טעג איז די צאָל שטרייַקער דערגאנגענ ביז 200 מאנ. די מייַסטערס האָבנ זיכ גלייַכ פארבונדנ מיט דער פּאָליציי, אונ די פּאָליציי האָט אָנגעהויבנ אלע טאָג צו ארעסטירנ 5‑8 מענטשנ, אָבער דעמ צווייטנ טאָג פלעגט מענ זיי ארויסלאָזנ. צו די דאָזיקע ארעסטנ, וואָס האָבנ זיכ איבערגעכאזערט אלע טאָג, האָבנ די ארבעטער זיכ גיכ צוגע־ווױנט, אונ אפ דעמ רעזולטאט פונ דעמ שטרייַק האָט די דאָזיקע ארייַנמישונג פונ דער פּאָליציי ניט געווירקט. אינ א וואָכ ארומ, נאָכ דעמ אָנהייב פונ דעמ שטרייַק האָבנ די מייַסטערס פאַרגעלייגט די ארבעטער אויסקלייַבנ דעלעגאטנ צו פירנ אונטערהאנדלונגענ. די אויסגעוויילטע דעלעגאטנ, מערסטנס יונגע באָכערימלעכ פונ 18—19 יאָר, האָבנ א רייד געטאָנ מיט די מייַסטערס אזעלכע שארפע רייד, אז די מייַסטערס האָבנ זיכ שיר ניט געשוואָרנ, אז זיי וועלנ שוינ בעסער גיכער „שטארבנ פונ הונגער”, איידער צו „האָבנ א געשעפט מיט אזעלכע מערזאווצעס”. די אונטערהאנדלונגענ האָבנ זיכ אָפּגעשטעלט. אינ א פּאָר טעג ארומ האָבנ זיי ווידער אויסגעדריקט א פארלאנג אָנצוהייבנ פונ־דאָסנייַ אונטערהאנדלונגענ, אָבער נאָר מיט באוויַבטע ארבעטער. די באלעבאטימ האָבנ פּאָרגעלייגט די ארבעטער אייניקע האנאָכעס: זיי האָבנ מאסקימ געווענ אפ א 12‑שאָיִקנ ארבעט־טאָג פונ 8 ביז 8 אזייגער (אונ ניט פונ 6 ביז 6, ווי דאָס האָבנ געפּאָדערט די ארבעטער) אונ העכערנ דעמ גע־צאָלט פונ שטיק אינ דורכשניט אפ 25 קאָפּיקעס. די ארבעטער זייַנענ באשטא־נענ אפ זייערע ערשטע פאָדערונגענ. אייניקע ארבעטער האָט מענ אָנגעהויבנ צונעמענ אפ ארבעט. די מייַסטערס האָבנ אינ אייניקע ערטער גענומענ אָפּגעבנ ארבעט קליינע מייַסטערלעכ אהיימ. אינ דער צייַט פונ דעמ שטרייַק איז דער וועטער געווענ גראָד א שלעכטער אונ דער סעזאָנ איז געווענ א שלעכטער. צומ סאָפ, נאָכ א 7־וואָכיקנ שטרייַק האָבנ די באלעבאטימ זיכ אונטערגע־געבנ, אָבער דער שטרייַק האָט ניט געבראכט די ארבעטער דעמ נוצנ, וואָס מע האָט דערוואַרט, וואָרעמ ווענ די באלעבעטימ האָבנ זיכ אונטערגעגעבנ, איז דער אזוי אויכ שלעכטער סעזאָנ שוינ געווענ באמ ענדע אונ ניט אלע ארבע־טער איז געלונגענ צו קריגנ ארבעט. אינ א וואָכ ארומ נאָכ דעמ אָנהייב פונ דעמ שטרייַק האָבנ די שנייַדער, וואָס ארבעטנ אפ די מאגאזינענ אונ וואָס געפינענ זיכ אינ ערגערע באדינגונגענ איידער די באשטעלונגענ‑שנייַדער, דער־קלערט, אז זיי וועלנ זיכ שטעלנ ארבעטנ, אויב מע וועט זיי ניט געבנ קיינ שטיצע, וואָרעמ זיי ווילנ אויכ פארבעסערנ זייער לאגע, אז שטיצע מוז מענ זיי געבנ שוינ דערפאר, וואָס די שטעלעס פונ די באשטעלונגענ‑שנייַדער, וואָס ווערנ פיל בעסער באצאָלט איידער זייערע שטעלעס, קענענ זיי פארנעמענ. די ארבעטער איז אויסגעקומענ אונטערצושטיצנ זיי. זיי האָבנ זיכ געהאלטנ א וואָכ צייַט (עס האָבנ געשטרייַקט 60 מענטשנ פונ 100), אונ אפ העלפט זייַנענ זייערע פאָדע־רונגענ באפרידיקט געוואָרנ (מע האָט געהעכערט דעמ ארבעטלוינ). אומגעפער אינ דער זעלביקער צייַט האָבנ פארשטרייַקט די מיליטערישע שנייַדער (אינ דער צאָל 22 פונ העכער 40 מענטשנ) אונ האָבנ ארויסגעשטעלט אויכ אזעלכע פאָדערונגענ, ווי די באשטעלונגענ‑שנייַדער, ד. ה. העכערנ דעמ ארבעטלוינ אונ קירצנ דעמ ארבעט‑טאָג. זיי האָבנ זיכ געהאלטנ איינ טאָג אונ דעמ שטרייַק פארשפּילט. דער דאָזיקער שטרייַק, וואָס האָט אינ סאכאקל אָפּגעקאָסט

1100—1200 רובל, האָט דאנ ארויסגערופנ אינ שטאָט א גרויסע אופרעגונג, אונ האגאמ די ארבעטער זײַנענ אינ איינ טייל פונ זייערע פאָדערונגענ באפרידיקט געוואָרנ, איז אָבער אויסניצנ אָט דעמ טײלווײַזנ זיג זייערנ האָבנ זיי ניט געקענט איבער אזא סיבע: די לעצטע צײַט פונ שטרײַק האָבנ זיך ארײַנגעמישט אינ אימ ארבעטער, וואָס האָבנ זיך פײַנטלעך באצויגנ צו דער אגיטאציע אינ דער ארבעטער-סוויווע אונ וואָס האָבנ זיך געהאלטנ בא דער מיינונג, אז אינ איצטיקער צײַט דארפ מענ אינ דער דאָזיקער סוויווע פארנעמענ זיך נאָר מיט פראָפאגאנדע. 2) זיי האָבנ זיך געמיט צו דערווײַזנ די אָנפירער פונ דעמ שטרײַק אונ די איבעריקע אָנטיילנעמער אינ אימ, אז דער שטרײַק איז קינסטלעך ארויסגערופנ, האָבנ אָנגעוויזנ אפ דעמ שאָדנ, וואָס דער שטרײַק וועט ברענגענ די ארבעטער, אפ די ארעסטנ, אפ דעמ, וואָס עס פעלט די ארבעטער באוווסטזײַנ, מיט איינ וואָרט — זיי האָבנ מיט אלע מיטלענ געזוענ צו שטערנ דעמ שטרײַק. ארויסגייענדיק פונ אָט דעמ שטאנדפונקט, האָבנ זיי געלייקנט אינ דער באדײַטונג פונ די קאמפ־קאסעס, האלטנדיק זיי פאר א דורכויס אומפרוכטבארער אינסטיטוציע. די דאָזיקע מיינונגענ האָבנ געפונענ א פאסיקנ באָדנ. די קאמפ-קאסע איז נאָכנ שטרײַק גיך זיך צעפאלנ. די ארבעטער האָבנ ניט געקענט אויסנוצנ דעמ טײלווײַזנ זיג, וואָס זיי האָבנ אָפגעהאלטנ איבער די באלעבאטימ; אפילע אינ אָט דעמ פראט איז דער שטרײַק פאר זיי דורכגעגאנגענ אָנ קיינ שומ שפורנ; די סיבע דערפונ זעט מענ איינ אינ דער ארײַנמישונג פונ די פראָפאגאנדיסטנ. בא איצטיקנ מאָמענט איז בא די דרײַ פונ די דערמאָנטע קאטעגאָריעס שנײַדער פאראנ קאמפ־קאסעס, אונ אינ 1895-טנ יאָר האָבנ זיי געהאט 10 שטרײַקנ (אינ אלע 10 זײַנענ בעסאכאקל געווענ 40 (?)[1] אָנטיילנעמער), פונ זיי 8 מיט א גינסטיקנ רעזולטאט. די שטרײַקנ פלעגנ אויסברעכנ איבער פארשיידענע סיבעס: צוליב דעמ אָפזאָג פונ די באלעבאטימ צו העכערנ דעמ געצאָלט, צוליב דעמ ניט וועלנ פונ דעמ באלעבאָס צו דערווײַטערנ א שעדלעכנ ארבעטער לויט דער פאָדערונג פונ די ארבעטער אונ אנד. איצט ארבעטנ די אָרגאניזירטע שנײַדער אינ דורכשניט 14 שאָ, די ניט-אָרגאניזירטע 16 שאָ, די מיליטער-שנײַדער 14 שאָ, די, וואָס ארבעטנ אפ די מאגאזינענ — 14 1/2 שאָ.

אינ 1894-טנ יאָר האָט בא די שליאָסער אויסגעבראָכנ א שטרײַק (15 מענטשנ אינ איינ ווארשטאט). די ארבעטער האָבנ זיך געוואָלט דערשלאָגנ א העכערונג פונ דעמ ארבעטלוינ. אזוי ווי אָבער מע האָט אימ אָנגעהויבנ ניט אינ סעזאָנ-צײַט, האָט ער ניט געהאט קיינ דערפאָלג. ער האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט, אונ צומ אָנהייב פונ דער דריטער וואָך נאָכנ דערקלערנ דעמ שטרײַק, איז א טייל ארבעטער זיך צעפאָרנ. אונ דער אנדער טייל האָט זיך אײַנגעאָרדנט איבער פארשיידענע ווארשטאטנ. ווענ עס איז אָבער אָנגעקומענ דער נאָענטסטער סעזאָנ, האָט דער באלעבאָס, מוירע האָבנדיק פאר א שטרײַק, אליינ געהעכערט די ארבעטער דעמ לוינ (צווישנ זיי זײַנענ אויך געווענ אָנטיילנעמער פונ דעמ ערשט דערמאָנטנ שטרײַק). א צווייטער שטרײַק האָט זיך אָנגעהויבנ אזוי: די אגיטאטערנ האָבנ צונויפגעקליבנ די שליאָסערס פונ איינ ווארשטאט אונ האָבנ זיי פאָרגעלייגט ארײַנצוטרעטנ אינ דער קאמפ־קאסע. אפ דער פארזאמלונג איז אָנגענומענ געוואָרנ א באשלוס ביזנ גרינדנ די קאסע אײַנצואָרדע-

---

1 אָט דער „?“ שטייט אזוי אינ אָריגינאל...

נען א שטרײַק און פאָדערן אײַנצופירן א 12-שאָ‏ִקן ארבעט־טאָג, אָנשטאָט א 15-שאָ‏ִקן (ניט דײַטלעך, עס קען · זײַן, א 13-שאָ‏ִקן) און העכערן דעם ארבעטלוין. דער דאָזיקער ווארשטאט, צוזאמען מיט נאָך איינעם, ווו עס האָבן געארבעט 6 מענטשן, האָבן אין יענער צײַט (אין 1895-טן יאָר) געהאט אויס-צופילן איין באשטעלונג. די ארבעטער פון דעם צווייטן ווארשטאט האָבן זיך פאראייניקט צו די שטרײַקער, ניט ארויסשטעלנדיק קיינע פאָדערונגען ספּעציעל פאר זיך — בא זיי אין ווארשטאט האָט מען געארבעט 12 שאָ. דער שטרײַק האָט געדויערט 7 שאָ און זיך געענדיקט מיט א זיג. עס איז אויך אײַנגעפירט געוואָרן א 12-שאָ‏ִקער ארבעט-טאָג און אף יעדער שטיק, וואָס עס געדויערט אויסצוארבעטן א מעסלעס, איז דער ארבעטלוין געהעכערט געוואָרן אף 25 קאָ-פּיקעס. אין א וואָך ארום האָט דער באלעבאָס אײַנגעזען, אז די שטיק-ארבעט לוינט זיך ניט בא די נײַע באדינגונגען און האָט זי פארביטן אף וואָך-ארבעט. דאָס האָט געדינט פאר א סיוזשעט פאר א דראמאטישן ווערק, וואָס עס האָט אָנגעשריבן אן ארבעטער און וואָס איז געשפּילט געוואָרן אף דער סצענע מיט אגיטאציע־צילן. פאר די לעצטע דרײַ יאָר האָבן די שלאָסער ביסלעכווײַז זיך דערשלאָגן זייערס, ד. ה. עס איז אײַנגעפירט געוואָרן א 12־שאָ‏ִקער אר-בעט-טאָג אין 7 ווארשטאטן (פון 12, וואָס זײַנען פאראנען אין שטאָט מיט 55 ארבעטער), א העכערונג פון דעם ארבעטלוין אף 6—8 רובל א כוידעש. אין פארגלײַך מיט דעם לוין אין שטאָט אין די יאָרן 1892—1893, און בעסערע באציִונגען. ביז דעם גרינדן די קאסעס פלעגט מען בא די מײַסטערס ארבעטן 14 שאָ א מעסלעס.

בא די שטעפער—200 מענטשן אין דעם פאך—איז אין פרילינג 1894 יאָר געווען א שטרײַק פון 32 ארבעטער פארן ניט-פּינקטלעכן צעצאָלן זיך. די בא-לעבאטים פון דעם דאָזיקן ווארשטאט פלעגן קיינמאָל ניט אויסצאָלן די ארבע-טער די גאנצע סכירעס, וואָס עס האָט זיי געקומט. איינמאל, בא דער וועכנט-לעכער צעצאָלונג, ווען צוויי ארבעטער האָבן אויסגעדריקט דעם באלעבאָס זייער אומצופרידנהײַט, האָט זיי דער באלעבאָס אויסגעזידלט און אָפּגעזאָגט פון דער ארבעט. אין א 2-3 טעג ארום האָבן אויך די איבעריקע ארבעטער אָנגעהויבן קלאָגן זיך אף אזא פאנאנדערצאָלן זיך. דער באלעבאָס האָט דער-קלערט, אז ווער עס איז ניט צופרידן מיט אזא פאנאנדערצאָלונג, קען זיך גיין. די ארבעטער האָבן פארשטרײַקט. דער אינספּעקטער, צו וועמען די ארבעטער האָבן זיך געווענדט, האָט זיך געשטעלט אף זייער זײַט. אין צוויי טעג ארום האָט דער באלעבאָס נאָכגעגעבן, האָט זיך פארפליכט פאנאנדערצוצאָלן זיך פּינקטלעכער, און האָט צוגענומען צוריק אלעמען אף דער ארבעט. אזוי האָבן זיך אויך דערשלאָגן אייניקע אויסבעסערונגען די הענטשקע-מאכער, וואָס האָבן פריִער געארבעט 13-14 שאָ, איצטער—12, 12 א האלבע שאָ; דער פריִערדיקער וועכנטלעכער לוין פון 5־6 רובל האָט זיך איצט געהעכערט ביז 7־8 רובל. בא די שנײַדער האָט מען פריער געארבעט 14 שאָ, איצטער אָבער ארבעט מען אין אייניקע ווארשטאטן 12 שאָ, מיט א מיטעק־איבערײַס פון $^1/_2$ — 1 שאָ, נאָר די מערהײַט האָט ניט קיין איבערײַס אויך איצט. די מעבל־ארבעטער האָבן ביז דער גרינדונג פון דעם פאריין געארבעט פון 6 אזייגער פרי ביז 9 אזייגער אוונט, איצט אָבער פון 7 ביז 9 אזייגער.

אין די אַלע אָנגערופענע און אויך אַנדערע האַנטווערקערייַען עקזיסטירן נאָר אַרטיקע סעזאָנען און ביז דער איצטיקער צייַט זיינען ניט באַמערקט געוואָרן קיין פּרוּוון צו אַ צווישנשטאָטישער אָרגאַניזירונג; נאָר אין איין פּראָדוקציע ווערן אַזעלכע פּרוּוון שוין געמאַכט. דאָס איז אין דער בערשטער-פּראָדוקציע. אין שטאָט זיינען דאָ 4—5 וואַרשטאַטן. די צאָל אַרבעטער אין יעדער וואַרשטאַט ווערט פאַרגרעסערט אָדער פאַרקלענערט אָפּהענגיק פון דער סעזאָן-צייַט. די ניט־סעזאָן־צייַט געדויערט 1 כוידעש (אַ זומערדיקער), נאָר אָפט אויך מער.

דער קאַמף פאַר אַ 12-שאָיִקן אַרבעט-טאָג און פאַר העכערן דעם לוין האָט זיך אָנגעהויבן פון [18]91 י. און ביסלעכווייַז איז דערגרייכט געוואָרן פאָלגנדיקעס. ביז דער אַנטשטייוּנג פון פאַריין האָט זיך די אַרבעט אין דער מערהייַט וואַרשטאַטן אָנגעהויבן פון 8 אַזייגער אינדערפרי און זיך געענדיקט 12 אַזייגער באַנאַכט, דער וועכנטלעכער לוין האָט זיך געוואַקלט פון 1 ר. 50 ק. ביז 2 ר. 50 ק., איצט אָבער אַרבעט מען אין דער מערהייַט וואַרשטאַטן פון 7 אַזייגער אינדערפרי ביז האַלב 8 אַזייגער אָוונט, דער אַרבעטלוין האָט זיך געהעכערט ביז 3 ר. 50 ק. פריער האָבן די אַרבעטער געדאַרפט בעטן דעם אַרבעטלוין, פּונקט ווי אַ נדאָווע, איצט קומט פאַר דער גרויסצאָל אַקוראַט, און די פריערדיקע באַציוּנגען האָבן זיך געענדערט צום בעסערן.

## קאַפּיטל 3

אינגאַנצן איז דאָ אין דער שטאָט ווילנע 90 מאַן בערשטער. צווישן דעם באַלעבאָס און דעם אַרבעטער שטייט אַ פאַרמיטלער, אויך אַן אַרבעטער, וואָס דער באַלעבאָס גיט אים די רויע כאַזער-האָר און צאָלט אים פון פּוד באַאַר־בעטע האָר. די אַרבעטער צאָלט אויס דער פאַרמיטלער אַליין. די אַרבעט איז לויט אַן אורעק, ד. ה., פאַר דער וואָך איז דער אַרבעטער מעכוּיעוו אויסצו־פילן אַ געוויסן אורעק. פון דעם פאַרמיטלערס גוטן ווילן זייַנען אָפּהענגיק אָראָפּ־רעכענונגען פון דעם לוין פון די אַרבעטער פאַר ניט אויספילן די פאַרגעבענע אַרבעט. די וואַרשטאַטן זייַנען קליינע צימערן. לענגויס די ווענט שטייען טישן מיט אייַזערנע קאַמען — צו איינעם פאַר יעדער בערשטער. אַף די קאַמען ווערט גערייניקט די רויע כאַזער-האָר. מע אַרבעט בײַ אַ שלעכטער באַלייַכטונג. די ערשטע דרייַ טעג פון וואָך ווערט די כאַזער-האָר סאָרטירט, און די צווייטע העלפט וואָך ווערט זי גערייניקט אַף די קאַמען. ווען כאַזער-האָר ווערט גע־רייניקט, ווערט דער וואַרשטאַט פול מיט געדיכטן שטויב, וואָס פאַרשיט די אויגן און לאָזט ניט עטעמען. ווען מע זאָל נעמען אין באַטראַכט, אַז די אַלטע כאַזער-האָר שטינקט שוין אַליין, אַז קעדיי עס זאָל זייַן גרינגער צו רייניקן זי, שמירט מען די קאַמען מיט קעראָסין, אַז די באַלייַכטונג איז אַ שלעכטע, אַז די ווענטילאַציע איז נידעריקער פון יעדער קריטיק, קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, אין וואָס פאַר אַ גענעם עס אַרבעטן די בערשטער. ביז דעם יאָר 1891—1892, פלעגן די בערשטער אַרבעטן 14—15 שאָ, לערנייִנגלעך האָט מען געצאָלט 1 רובל, די עלטערע 4—$4\frac{1}{2}$ רובל אַ וואָך. דאָס פאַנאַנדערצאָלן זיך און די באַציִונגען זייַנען געווען די ערגסטע. נאָכן פאַנאַנדערצאָלן זיך פלעגן די אַרבעטער אַוועקגיין מיט טרערן אין די אויגן. נאָכדעם, וואָס מיר האָבן דאָ געזאָגט, איז קיין ווּנדער ניט, וואָס די בערשטער זייַנען אַן אוילעם מיט שוואַכע ברוסטן, עס איז דאָ צווישן זיי אַסאַך טובערקוליאָזע, אַף די פיס

ווערנ בא זיי אָפּט ווונדנ אונ געשווילעכצ. דער פאריינ פונ די גארבער איז אופגעקומענ אינ 1891 יאָר, אונ דער ערשטער שטרייק איז פאָרגעקומענ אינ 1893 יאָר, זומער. אינ דעמ ווארשטאט, ווו עס איז פאָרגעקומענ דער שטרייק, האָבנ דאנ געארבעט 25—30 מאנ. דער שטרייק האָט אויסגעבראָכנ איבער אזעלכע סיבעס: באמ אָפּרייניקנ די כאזער-האָר באקומט זיכ אפ די קאמענ אנ אָפּפאל, דער דאָזיקער אָפּפאל גיט ווידער א נייעמ אָפּפאל, וואָס גייט נאָכדעמ, ווי מע רייניקט אימ דורכ, אפ פּראָסטע בערשטלעכ. אָט די אָפּפאלנ פונ נידעריקער קוואליטעט ווערנ באארבעט דאנ, ווענ אינ די ווארשטאטנ איז ניטאָ קיינ רויע כאזער-האָר.

דאָס פאנאנדערצאָלנ זיכ איז פונ פונט. דער פארמיטלער באקומט 12 קאָפּיקעס פונ פונט, אונ צאָלט די עלטערע צו 11 קאָפּיקעס, אונ די יינגערע צו 10—10½ קאָפּ. די ארבעטער האָבנ געפאָדערט צו פארגרעסערנ דאָס געצאָלט פונ פונט אונ אָפּזאָגנ איינעמ פונ די 4 געוועזענע פארמיטלער. דער שטרייק האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ א שלעכטער צייט אונ דער באלעבאָס האָט געקענט ווארטנ. דערפארונג האָבנ די, וואָס האָבנ אָנגעהויבנ דעמ קאמפּ, געהאט ווייניק, אונ אינ 8—9 טעג ארומ האָבנ זיכ די ארבעטער אונטערגעגעבנ. דער באלעבאָס האָט איבערגעלאָזנ דעמ פריערדיקנ ארבעטלוינ אונ האָט געוואָלט אָפּזאָגנ דריי בונטאָווטשיקעס. דאנ האָבנ די ארבעטער ווידער פארשטרייקט. אינ א טאָג ארומ האָט דער באלעבאָס אלעמענ צוגענומענ אפ די פריערדיקע באדינגונגענ. ווינטער 1892 יאָר איז פאָרגעקומענ א שטרייק אינ אנ אנדער ווארשטאט, ווו עס האָבנ געארבעט 20—25 מענטשנ. די ארבעט-באדינגונגענ אינ אָט דעמ ווארשטאט זיינענ געווענ באזונדערס שוידערלעכע. די ארבעט פלעגט דאָ געדויערנ פונ 8 אינדערפרי ביז 11 באנאכט, אונ איינ מאָל אינ וואָכ אויכ ביז 12 באנאכט. אינ דעמ דאָזיקנ ווארשטאט האָט זיכ פּראקטיקירט א באזונדער מיטל פונ באארבעטנ די כאזער־האָר. די זאכ איז, וואָס די רוסישע כאזער־האָר ווערט אופגעקויפט דורכ די אויסלענדישע פאבריקאנטנ אינ לייפּציג, דאָרט ווערט עס פונדאָסניי באארבעט, אונ ערשט דאנ גייט עס אוועק אינ דער ארבעט; אָבער דער באלעבאָס פונעמ ווארשטאט, וועגנ וואָסערנ עס גייט די רייד, פלעגט אזוי באארבעטנ די כאזער-האָר, אז עס פלעגט זיכ באקומענ סכוירע, וואָס קענ גיינ קימאט גלייכ אינ דער ארבעט; דאָס פלעגט דערגרייכט ווערנ דורכדעמ, וואָס ער פלעגט טריקענענ די כאזער-האָר אינ אויוונס. אדאנק דעמ פלעגט די כאזער־האָר ווערנ פעסטער אונ גלייכער. דאָס טריקענענ פלעגט פאָרקומענ גופע אינ ווארשטאט, אונ דעריבער איז דאָרט דער געשטאנק געווענ נאָכמער אומדערטרעגלעכ, איידער אינ אנ אנדער ווארשטאט. צו באלייכטנ דעמ ווארשטאט זיינענ געווענ קליינינקע לעמפּלעכ, וואָס זיינענ געהאנגענ אפ די ווענט צו איינס אנטקעגנ יעדנ ארבעטער אונ באדערנאכט פלעגנ זיי רויכערנ אונ טשאדענ. קיינ שומ ווענטיליאציע איז ניט געווענ. איינמאָל איז אינ דעמ דאָזיקנ ווארשטאט עפּעס ארייַנגעגאנגענ אנ אָקאָלאָדאָטשנער. ער איז אזש פארציטערט געוואָרנ. אונ עפּשער דערפאר, וואָס דער באלעבאָס האָט אימ ניט בארויקט גלייכ מיט א ווזיאטקע, האָט ער עס דערלאנגט דעמ פּריסטאוו אונ דעם פאבריק-אינספּעקטער. יענע זיינענ געקומענ, האָבנ געמאכט א פּראָטאָקאָל אונ דערלאנגט אינ געריכט. נאָכדעמ איז די אָרדענונג אינ דעמ ווארשטאט געוואָרנ אביסל אנדערש. מע האָט אָנגעהויבנ ארבעטנ מיט

שאָ ווייניקער, די ווענטיליאַציע און באַלײַכטונג האָט זיך אַביסל פאַרבע-סערט. דער געריכט האָט צוגעמישפּעט דעם באַלעבאָס צו 50 רובל שטראָף, און ער האָט אַ העלפט פון דעם דאָזיקן שטראָף אַריבערגעלייגט אויף די אַרבעטער, מאַכנדיק באַ זיי אָראָפּרעכענונגען פון געהאַלט. די אַרבעטער האָבן אָנגע־הויבן טומלען, האָבן אָבער פאַרשוויגן, אויף אַזויפיל זײַנען זיי געווען דער־שלאָגן; אָט די דאָזיקע פאַבריק פלעגט וואַרפן אַ שרעק אויף אַלע בערשטער פון גאַנץ שטאָט. די בערשטער פון אַנדערע וואַרשטאַטן פלעגן זיך שעצן גליקלעך שוין דערפאַר אַליין, וואָס די אַרבעט-באַדינגונגען באַ זיי זײַנען גע-ווען ניט אַזוי שוידערלעך, ווי אין יענעם וואַרשטאַט. אָבער נאָכדעם, ווי אין דעם דאָזיקן וואַרשטאַט זײַנען אײַנגעפירט געוואָרן נײַע אָרדענונגען, האָבן די בערשטער פון די אַנדערע וואַרשטאַטן גענומען זיך צום קאַמף און האָבן גע-פאָדערט צו פאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג אויף אַ שאָ און ביסלעכווײַז האָבן זיי זיך דערשלאָגן בעסערע באַדינגונגען. אין 1893—1894 י. האָט דער פריִער-דערמאָנטער באַלעבאָס, וואָס האָט פּראַקטיקירט דאָס טריקענען די כאַזער-האָר, אויסגעשריבן עטלעכע אַרבעטער פון מינסק, ווו עס איז נאָך ניט געווען קיין שום אָרגאַניזאַציע צווישן די אַרבעטער (בערשטער). דאָס האָט ער געטאָן צוליב דעם, קעדיי ער זאָל זיך ניט דאַרפן ווענדן צו די דאָזיקע „מערזאַוו-צעס”. מיט די אַרבעטער, וואָס זײַנען אָנגעקומען פון מינסק, זײַנען די היגע בערשטער צונויפגעקומען זיך און גאָר גיך האָבן די מינסקער זיך אָנגעשטעקט מיט דעם גײַסט פון די „בונטאָווש טשיקעס”. אין אַ וואָכן צוויי אַרום נאָכן אָנקומען פון די מינסקער בערשטער האָט אויסגעבראָכן אַ שטרײַק און די אַרבעטער האָבן פאַרקירצט דעם אַרבעט-טאָג פון $12^1/_2$ ביז 12 שאָ און האָבן זיך אויך דערשלאָגן אַ העכערונג פונעם לוין. אונטער דער ווירקונג פון דעם דאָזיקן שטרײַק און אויך פון דעם, וואָס עס איז דערקלערט געוואָרן אַ 12-שאָ-יִקער אַרבעט-טאָג, האָבן די בערשטער פון אַנדערע שטעט דערקלערט אַ קאַמף, און אַדאַנק זייער אָרגאַניזאַציע האָבן זיי זיך ביסלעכווײַז דערשלאָגן צו אַ 12־שאָיִקן אַרבעט-טאָג און אַ העכערונג פונעם לוין. איצטער באַקומען די אַרבעטער אין דער מערהײַט פאַלן 4—5 רובל, אין דער מינדערהײַט — 6 רובל (לערניִנגלעך באַקומען אַזוי ווי פריִער 1 רובל); קיין 2-רובלדיקער וועכנטלעכער לוין איז דאָ גאָר ניטאָ. און אַ דרײַ-רובלדיקער טרעפט זיך ווי אַ זעלטענער אויסנאַם.

אין 1894 יאָר איז דער באַלעבאָס פון דעם וואַרשטאַט, וועגן וואָסערן מיר האָבן דאָ שוין ניט איינמאָל גערעדט, געווען געצווונגען אינגאַנצן צו שליסן זײַן וואַרשטאַט און אַריבערטראָגן אים אין אַנדער אָרט, ווו די מענטשן לאָזן זיך גרינגער איבעררײַדן. האָבנדיק אַ נויט אין אַרבעטער, האָט ער, ווי דאָס פירט זיך, געקעגט אָנדינגען אַרבעטער דורך פאַרמיטלער, אָנדינגען איבער די באַזונדערע וואַרשטאַטן; אַזוי אָבער ווי די באַציִונגען פון זײַנע פאַרמיטלער צו די אַרבעטער זײַנען געווען ערגערע, איידער אין אַנדערע וואַרשטאַטן, און ער האָט ניט געוואָלט אָפּשאַפן די אַרבעט לויט אויראָקן (אין אַנדערע וואַרשטאַטן האָט זיך עס טיילווײַז יאָ אײַנגעפירט), האָבן די אָרגאַ-ניזירטע אַרבעטער באַשטימט לאָזן אים אינגאַנצן אָן אַרבעטער, אויב ער וועט ניט אײַנגיין צו ענדערן די אָרדענונג באַ זיך אין וואַרשטאַט. דער באַלעבאָס האָט פאַרגעלייגט די אַרבעטער אויסקלײַבן דעלעגאַטן צו פירן אונטערהאַנדלונ-

גענ. ער האָט פאַרגעלייגט 6 רובל א וואָך און איבערלאָזן די אוראָקן-ארבעט. די ארבעטער האָבן אָבער געפאָדערט, אכוץ 6 רובל לוין, אָפּשאפן די אוראָקן און באזײַטיקן די פארמיטלער. נאָכדעם האָבן די ארבעטער נאָכגעגעבן און האָבן פאַרגעלייגט צאָלן וועכנטלעך אפילע 5 רובל, אָבער מיטן באדינג צו האלטן דעם גאנצן יאָר, וואַרעם דער באלעבאָס פלעגט געבן ארבעט נאָר ביז פייסעך. דער באלאבאָס האָט זיך געווענדט אין מינסק, אָבער די היגע בערשטער האָבן זיך צונויפגעשריבן מיט די דאָרטיקע, און זײַנע פרווו צו באקומען פון דאָרטן ארבעטער האָט זיך ניט אײַנגעגעבן. דאן האָט דער באלעבאָס געשלאָסן זײַן ווארשטאט און האָט די אונטערנעמונג זײַנע אריבערגעפירט אין א שטעטל. אונטער דער ווירקונג פון די היגע ארבעטער האָט זיך געגרינדעט אין דער דערמאָנטער גובערניע-שטאָט א פאריין פון די בערשטער און עס זײַנען פארבונדן געוואָרן שטענדיקע באציונגען צווישן זיי מיט די היגע בערשטער.

דער ווײַטערדיקער קאמף איז פארשווערט געוואָרן צוליב אזעלכע אומשטאנדן. די באלעבאטים פלעגן קעסיידער אָנווײַזן די ארבעטער, אז עס איז זיי שווער צו פירן די פראָדוקציע בא אזא קורצן ארבעט-טאָג (12 שאָ), וואָרעם אין דער אויעזד-שטאָט ווילקאָווישקי, וואָס איז ניט ווײַט פון אונדז, זײַנען די פאבריקאנטן אין אומפארגלײַכלעך בעסערע באדינגונגען. זיי האָבן אָנגעהויבן דראָען, אז זיי וועלן אויסשרײַבן ארבעטער פון די ארומיקע שטעטלעך און אנדערע ערטער, ווו די ארבעט-באדינגונגען זײַנען ערגערע, ענדלעך, פון דער דערמאָנטער אויעזד־שטאָט, דורך וואנען עס גייט דורך אלע יאָר ביז דעם אָנהייב סעזאָן ניט איינ הונדערט בערשטער. און אָט די דראָונג האָט שטארק באומרויִקט די ארבעטער, וואָרעם די ארבעט-באדינגונגען אין ווילקאָווישקי זײַנען שרעקלעכע. א געוויסע פאָרשטעלונג וועגן דעם קען מען באקומען פון אזוינס: איינער א בערשטער פון ווילקאָווישקי, וואָס מע האָט אים אָפּגעגעבן אין סאָלדאטן, איז אין דרײַ טעג ארום געשטאָרבן. די דאָקטוירים האָבן אים געפּאלמעסט און האָבן אויסגעפונען, אז זײַנע לונגען זײַנען געווען צעגעסן. די כאזער-האָר שטויב איז, לויט זייער מיינונג, געווען די סיבע פון זײַן טויט. אפילע די אדמיניסטראציע האָט נאָך דערופ געווענדט איר אופמערקזאמקײַט אף די לעבנ-באדיננונגען פון די בערשטער אין ווילקאָווישקי. דער איניען האָט זיך זיי אָבער ארויסגעוויזן פאר לאנגווײַליק און פאר אזא, וואָס פארדינט ניט קיין אופמערקזאמקײַט.

די ארבעטער האָבן שוין אליין פון לאנג געווענדט זייער אופמערקזאמקייט אף ווילקאָווישקי, ווו מע ארבעט ביז די לעצטע קויכעס—15 שאָ אין מעסלעס, ווו עס ארבעטן יונגווארג צו 14-12 שאָ, אזויפיל, וויפל די דערוואקסענע, לייזנדיק דערצו נאָך קלעפּ פון די פארמיטלער. אהינצו זײַנען אוועקגעפאָרן לויט א באשלוס פון די ארבעטער עטלעכע מענטשן, און די אגיטאציע פאר א 12־שאָיִקן ארבעט-טאָג און העכערן דעם ארבעטלוין האָט זיך אָנגעהויבן. זומער 1895 יאָר איז דאָס גאנצע שטעטל (דאָרט ארבעטן 300 מאן בערשטער) געווען אין איינ אופרעגונג. עס פלעגן אײַנגעאָרדנט ווערן פארזאמלונגען, מע האָט געהאלטן הייסע רעדעס—דאָס שטעטל איז געוואָרן ניט צו דערקענען. עס איז פאָרגעקומען א שטרײַק,* אין אים האָט זיך בא-

* וועגן דעם שטרײַק אין ווילקאָווישקי ווערט ווײַטער געבראכט א גענויע באשרײַבונג.

באטײליקט די גאנצע מאסע. די פּאָליציי און דער אינספּעקטער זײַנען די ערשטע צײַט געווען אפ דער זײַט פון די ארבעטער. די בערשטער האָבן זיך דערשלאָגן א 12-שאָיִקן ארבעט-טאָג. די פרייד פון דער באפעלקערונג איז געווען ניט צו באשרײַבן. די בריוו פון די היגע אגיטאטערן פון ווילקאָווישקי צו די בערשטער פון אונדזער שטאָט זײַנען געווען פול מיט גלויבן און מיט באגײַסטערונג. די פּאָליציי איז אופגערודערט געוואָרן און האָט אָנגעשפּיצט די אויערן. אינגיכן האָט דער פאָרשטייער פון דער מאכט ארויסגעשיקט דרײַ ארבעטער, וואָס זײַנען אהין געקומען צופאָרן פון אונדזער שטאָט. ניט לאנג האָבן די דאָרטיקע בערשטער גענאָסן די פרוכט פון זייער זיג. נאָכן אײַנפירן דעם 12-שאָיִקן ארבעט-טאָג, האָט זיך ארויסגעוויזן, אז דער לוין פון די פּאר-מיטלערס איז שטוינענדיק געפאלן: פון 25 ביז 10 רובל, דעריבער האָבן זיי מיט אלע קויכעס געזען אומצוקערן די אלטע אָרדענונג. און אינ-גיכן איז דאָס זיי געלונגען. די זאך איז, וואָס צו דער צײַט, ווען מע נעמט אָן ארבעטער (די ארבעטער דינגט מען אפ א האלב יאָר אָנהייב סעזאָן, אין א האלב יאָר ארום צעלאָזט מען זיי גאנץ אָפט, און אביסל שפּעטער מאכט מען א נײַעם אופנעם), פלעגן אהערצו אָנפאָרן פון די ארומיקע ערטער פיל בערשטער. אויסנוצנדיק דעם צופלוס פון ארבעטער, האָבן די באלעבאטים און פארמיטלער אײַנגעפירט די פריִערדיקע אָרדענונגען. די אר-בעטער האָבן ווידער אָנגעהויבן ארבעטן 15 שאָ. ניט ווײַט פון ווילקאָווישקי איז דאָ א שטעטל אוסטינעצ. ווי נאָר די דאָרטיקע ארבעטער האָבן זיך דער-ווּסט, אז אין ווילקאָווישקי איז אײַנגעפירט געוואָרן א 12-שאָיִקער ארבעט-טאָג, האָבן זיי אויך אָנגעהויבן טומלען. זיי האָבן זיך אפילע געבעטן בא די ווילקאָווישקער, מע זאָל זיי צושיקן אן אגיטאטער. עס האָט זיך זיי אײַנ-געגעבן אפ עטלעכע וואָכן דערשלאָגן זיך א 12־שאָיִקן ארבעט-טאָג, אָבער ווען אין ווילקאָווישקי האָט מען ווידער אָנגעהויבן ארבעטן 15 שאָ, איז בא זיי אויך אלץ איבערגעגאנגען ווי אמאָל. זיי האָבן פאָרגעלייגט די פאַרמיטלער פארקלענערן זיי דעם ארבעטלוין, אָבער איבערלאָזן דעם 12־שאָיִקן אר-בעט-טאָג. די באלעבאטים האָבן מסכּים געווען. דאָס האָט אָבער געדויערט אינגאנצן איין סעזאָן, און איצט ארבעטן זיי דאָרטן ווידער אפ די אלטע בא-דינגונגען. די אָרגאניזיר-ארבעט סײַ דאָרט, סײַ אין אנדערע שטעטלעך גייט דאָרט איצט אָן שנעל פאָרויס. אזוי, צום בײַשפּיל, איז מיט א האלב יאָר צוריק, אונטער דער ווירקונג פון די מינסקער ארבעטער, אָרגאניזירט געוואָרן א פאריין פון זעלבסטשוץ צווישן די בערשטער פונעם שטעטל קרעסלאווקע (וויטעבסקער גובערניע).

די אגיטאטערן, וואָס שטייען אינדערשפּיץ פונעם פאריין, האָבן געפונען פאר נייטיק, קעדיי צו אָרגאניזירן די דאָרטיקע ארבעטער, גרינדן די ערשטע צײַט א פאריין פאר קעגנזײַטיקער הילף. דער פאריין האָט 100 מענטשן. די דאָרטיקע באדינגונגען זײַנען, דאכט זיך, נאָך ערגער איידער ווו ניט איז אנדערש אין אונדזער געגנט. מע ארבעט דאָרט 15-17 שאָ א מעסלעס: זומער פון 5 אינדערפרי ביז 9—$9^1/_2$ אינאָוונט, ווינטער פון 8 אינדערפרי ביז 12 בא-נאכט מיט א שאָיִקן איבערײַס. די כאזער-האָר טריקנט מען אויך אין אויוונס. די בערשטער דאָרט זײַנען לעבעדיקע מייסים. מיט א יאָר צווי צוריק איז דאָרט אין שטעטל געווען איין מאָל א טשינאָווניק פון דער פאבריק-אינספּעק-

ציע, אָבער אזוי ווי ער איז געווענ זייער פרײַנטלעכ אופגענומענ פונ די באלעבאטימ (דאָרט איז פאראנ אינגאנצנ 450 בערשטער אינ דרײַ פאבריקנ) אונ האָט באַקומענ א פּאָר מייעס, האָט ער געפונענ, אז די דאָרטיקע אָרדענונגענ זײַנענ גאנצ געזעצלעכע, כאָטש, צומ בײַשפּיל, דאָרט ארבעטנ קינדער פונ 8־10 יאָר, אונ אזויפיל, וויפל די דערוואקסענע. ווענ אינ ווילקאָווישקי האָט זיכ אָנגעהויבנ די באוועגונג פאר א 12-שאָיקנ ארבעט-טאָג, האָבנ די אגיטאטערנ־בערשטער צונויפגעקליבנ זיכ אפ צו באטראכטנ די פראגע וועגנ דער באדײַטונג פונ דעמ דאָזיקנ קאמפ אונ דעמ קאמפ פונ די בערשטער אינ אנדערע שטעטלעכ פאר אונדזער געגנט (אינגאנצנ זײַנענ דאָרט פאראנ עטלעכע טויזנט מענטשנ) אונ פאר די אָרטיקע ארבעטער, וואָס זײַנענ באשעפטיקט אינ דער בערשטער־פּראָדוקציע. אפ דער פארזאמלונג, נאָכדעמ ווי מע האָט גוט באטראכט, זײַנענ אויסגעארבעט געוואָרנ עטלעכע טעזיסנ, וואָס זײַנענ געלייגט געוואָרנ אינ גרונט פונ דער בראָשור, וואָס מע האָט אָנגעשריבנ אפ דער דערמאָנטער טעמע לויטנ פאָרשלאג פונ די אגיטאטערנ־בערשטער, וואָס האָבנ זיכ פארזאמלט. די גרונט-האנאָכעס פונ דער דאָזיקער בראָשור וועלנ מיר דאָ איבערגעבנ.

1. די ווילקאָווישקער ארבעטער ווילנ זיכ דערשלאָגנ א 12־שאָיקנ ארבעט-טאָג: אָנשטאָט א 15־16־שאָיקנ. אויב זיי וועלנ זיכ דאָס דערשלאָגנ אונ דער ארבעטלוינ וועט אפילע בלײַבנ דער זעלביקער, וועלנ די פארמיטלער דאנ אָפּגעבנ די באלעבאטימ א קלענערע צאָל פודנ אָפּגערייניקטע אונ צעסאָרטעוועטע כאַזער-האָר, אונ זייער פארדינסט* וועט זיכ פארקלענערנ; די פארמיטלער וועלנ פאָדערנ א העכערונג פונ דעמ ארבעטלוינ אונ די באלעבאטימ וועלנ מוזנ באפרידיקנ זיי. דאָס וועט ברענגענ דערצו, אז די קאָנקורענצ־באדינגונגענ פונ די היגע פאבריקאנטנ מיט....* אפנ לײַפּציקער יאריד וועלנ זיכ אויסגלײַכנ, אונ דאנ וועט אונדז זײַנ ניט אזוי שווער צו דערשלאָגנ זיכ פארבעסערונגענ.

2. אזוי ווי אינ [ווילקאָווישקי] ארבעט מענ לענגער אונ ביליקער, קענענ די באלעבאטימ ביליקער פארקויפנ די סכוירע; די היגע באלעבאטימ קענענ זייער אָפט ניט פארקויפנ די כאזער־האָר לויט אזעלכע נידעריקע פרײַזנ, ווי אינ [ווילקאָווישקי] אונ עס קומט זיי אויס צו ווארטנ אפ א מער גינסטיקער צײַט, אָפט ביז א צווייטנ יאריד אינ לײַפּציג. א קאָרבנ ווערנ דערווײַל די ארבעטער אונ איבער די ניט-פארקויפטע כאזער-האָר גייענ זיי ארומ....* אונ מער אָנ ארבעט. די פארקלענערונג פונעמ ארבעט-טאָג אינ [ווילקאָווישקי], וואָס דארפ ארויסרופנ אמינדסטנס א העכערונג פונעמ לוינ פאר די פארמיטלער, וועט אוועקשטעלנ די פארקויפער פונ די היגע כאזער-האָר אונ.....* אינ גלײַכע באדינגונגענ אונ די היגע וועלנ קענענ צו דער צײַט פארקויפנ די גאנצע כאזער-האָר, וואָס זיי פירנ ארויס אפנ יאריד. די ארבעטלאָזיקײַט וועט דערפונ· היפּש פארקירצט ווערנ.

די פארקויפער פונ רויע כאזער-האָר פאָרנ אהער ניט ארײַנ, נאָר אינ...** אונ אינ אנדערע שטעט, וואָרעמ דאָרט צאָלט מענ זיי טײַערער.

---

* אינ אָריגינאל איז א בלויז.

** אינ אָריגינאל איז די שטאָט ניט אָנגעוויזנ.

אָבער פאַרוואָס צאָלט מען דאָרט טײַערער? אַזוי ווי יעדער שאָ אַרבעט פון דעם בערשטער קאָסט די דאָרטיקע עקספּלואַטאַטערן בילִיקער, איז פאַר זיי לוינבאַר, אַז די גאַנצע כאַזער־האָר זאָל אָנקומען זיי, און זיי צאָלן איבער אַביסל. און טאָן דאָס קענען זיי נאָר אַ דאַנק דער אויסערסט־שטאַרקער עקספּלואַ-טאַציע פון די דאָרטיקע בערשטער. דעריבער טרעפט אָפט, אַז בײַ די היגע פאַבריקאַנטן פילט זיך אַ מאַנגל אין כאַזער-האָר, און די אַרבעטער גייען אַרום אַ געוויסע צײַט אָן אַרבעט. אויב דאָרט וועט פאַרקירצט ווערן דער אַרבעט-טאָג, וועלן די פאַבריקאַנטן ניט קענען צאָלן אַזוי טײַער פאַר די כאַ־זער-האָר, און די פאַרקויפער פון רויע כאַזער-האָר וועלן דאַן אָנהייבן פאָרן אויך אַהער. קיין דויכעק אין כאַזער-האָר וועט מער ניט זײַן און די צײַט פון אַרבעטלאָזיקײַט וועט פאַרקירצט ווערן.

3. איצט מוז אונדז דער קאַמף שרעקן, מיר ריזיקירן צו פאַרלירן די שטע־לעס. האָבנדיק פאַרלאָרן די שטעלע, וועט אונדז אויסקומען זוכן אַרבעט אין אַנדערע שטעט, און דאָרטן אומעטום, אַחוץ דער שטאָט מינסק, אַרבעט מען 16 שאָ. ווײַטער האָבן מיר מוירע געהאַט, עס זאָלן צו אונדז ניט קומען פון פאַרשיידענע ערטער מענטשן, וואָס קענען בייגן דעם רוקן. אָבער אויב דאָרט וועט אײַנגעפירט ווערן אַ 12־שאָיקער אַרבעט־טאָג, וועט דער קאַמף בײַ אונדז אופלעבן, עס וועט אונדז מער ניט שרעקן די פּערספּעקטיוו אַרײַנצופאַלן אין אַן אַנדער שטאָט. ווײַטער, יעדער מאָל, ווען מיר געפינען פאַר נייטיק אָנצוהייבן אַ קאַמף, שרעקט אונדז דער געדאַנק, אַז מע קען אונדז פאַרבײַטן מיט אַר-בעטער... * אָדער מיט בערשטער, וואָס פאָרן זיך צונויף פון אַלע אַרומיקע שטעט, פאַר וועמען אונדזערע אַרבעט-באַדינגונגען זעען אויס צו זײַן אומדערהערט גוט. אויב אָבער דאָרט וועלן זײַן אויך אַזעלכע אָרדענונגען, ווי בײַ אונדז, דאַן וועלן די באַלעבאַטים פאַרלירן דעם כיישעק אײַנצולאַדן זיי און אויך זיי אַליין וועלן זיך ניט אָפּרופן אויף זייערע אײַנלאַדונגען.

4. אַזוי ווי אַ כוידעש־צווייי גייען מיר אַרום אָן אַרבעט איבער דער קאָנ-קורענץ פון די... * באַלעבאַטים, פאַרנעמען זיך אונדזערע באַלעבאַטים מיט פיל זײַטיקע געשעפטן, וואָס נעמען בײַ זיי אָפּ פיל צײַט,—דאָס צווינגט זיי נאָך פעסטער צו האַלטן זיך אָן דער פאַרמיטלערײַ, דאָס לעצטע איז פאַר זיי אומבאַדינגט נייטיק. ווען אָבער אין דער שטאָט [ווילקאָווישקי] וועלן זײַן בע-סערע באַדינגונגען פון אַרבעט, וועט די צײַט פון אַרבעטלאָזיקײַט דאָ פאַרקירצט ווערן, דער באַלעבאָס וועט זײַן מער צוגעבונדן צום וואַרשטאַט, און אונדז וועט גרינגער זײַן צו קעמפן פאַר דער פאַרניכטונג פון דער פאַרמיטלערײַ, וואָס האָט פאַרשווערט אונדזער קאַמף; דאָס פאַרניכטן די פאַרמיטלערײַ וועט צווינ־גען די באַלעבאַטים צו זײַן נאָכגיביקער אויף אונדזערע פאָדערונגען.

5. דאָס, וואָס דער באַלעבאָס פירט אַריבער זײַן אונטערנעמונג אין אַן אַנדער שטאָט מיט אַ מער דערשלאָגענעם אַרבעטמאַן, ברענגט אונדז אַ גרויסן שאָדן, כאָטש דאָס שמייכלט אונדזער פּראָלעטאַרישער אייגנליבע. אויב די בערשטער וועלן אויך דאָרט זיך אָרגאַניזירן, וועלן מיר ניט לײַדן פון אַזעלכע פאַלן.

---

* אין אָריגינאַל איז אַ בלויז.

6. און נאָך איז וויכטיק, אז אין דער שטאָט [ווילקאָווישקי] זאָל מען ארבעטן 12 שאָ און אָט פארוואָס: דאָס שטעטל [ווילקאָווישקי] שטעלט צו אין לייפּציג דעם גרעסטן סכום כאזער-האָר. די דאָזיקע כאזער־האָר איז פון א נידעריקער קוואליטעט צוליב דעם לאנגן ארבעט־טאָג (אין דער בראָשור ווערט דערקלערט, פארוואָס בא א לאנגן ארבעט-טאָג גייט די ארבעט ארויס ערגער; עס איז אויך אָנגעוויזן, אז דער פארמיטלער, וואָס קריגט געצאָלט פון פוד, איז פארינטערעסירט, אז די ארבעטער זאָלן פּראָדוצירן מער, אָבער ניט בעסער). היינטיקס יאָר (1895) האָט זיך געוויזן אין די צייטונגען א מעלדונג, אז די אויסלענדישע סאָכרים קויפן שוין ניט גערן די רוסישע כאזער-האָר צוליב איר נידעריקער קוואליטעט. דאָס דראָט אונדז מיט אן אונטערגאנג. פאר די באלעבאטים איז עס אלצייינס זיי וועלן ארייַנלייגן די קאפּיטאלן, וואָס זיי האָבן אָנגעלעבט פון אונדזער שווערער האָרעוואניע, אין אנדערע אונטערנעמונגען, מיר אָבער, וואָס ווייסן נאָר איין פאך, וועלן אונטערגיין. בא א צוועלפשאָיִקן ארבעט-טאָג וועט די כאזער-האָר בעסער געריייניקט ווערן, די אויסלענדישע סאָכרים וועלן זיי אָנהייבן מער גערן קויפן און אונדזער פּראָדוקציע וועט ניט אונטערגיין. כאָטש די פארמיטלערייַ וועט נאָך שטערן דערצו, אז די כאזער-האָר זאָל זייַן פון א געהעריקער קוואליטעט, אָבער דער צוועלפשאָיִקער ארבעט־טאָג וועט בא-דייַטנדיק אָפּשוואכן די ווירקונג פון דער דאָזיקער אורזאך אפּ דער קוואליטעט פון דער פּראָדוקציע. די גאנצע אופמערקזאמקייַט, שטייט ווייַטער אין דער בראָשור, איז געווען געווענדט אפּ דער שטאָט [ווילקאָווישקי], וואָרעם דאָרט איז דער צענטער פון דער כאזער־האָר פּראָדוקציע, און דעריבער פאָרן זיך אהין צונויפ די מערסטע ארבעטער; די ארבעט-באדינגונגען אין דער שטאָט [ווילקאָווישקי] דינען פאר א מוסטער פאר אלע אנדערע שטעטלעך מיט א כאזער-האָר-פּראָדוקציע. און אויב עס וועלן אָפּגעשאפט ווערן די אלטע אָרדענונגען אין [ווילקאָווישקי], וועלן זיי אויך אין די אנדערע שטעטלעך גאָר גיך פארשווינדן. פון דעם איז געדרונגען: דאָס לעבן דערווייַזט, אז די אינטערעסן פון די ארבעטער פון דער גאנצער כאזער־האָר־פּראָדוקציע זייַנען סאָלידאריש, אז א פארבאנד פון זיי אלעמען איז אן עכטע באדערפעניש פונעם לעבן.

*
*   *

אזוי ווי די פארמיטלערייַ פארשווערט שטארק דעם קאמפּ פון די ארבעטער פאר א בעסערן לעבן, איז די דאָזיקע פראגע אפּ דער פארזאמלונג פון די אגיטאטערן-בערשטער דעטאל באהאנדלט געוואָרן, לויט זייער אופטראָג איז אָנגעשריבן געוואָרן א קליינע בראָשור, וואָס איז דורכגעלייענט געוואָרן אפּ דער פארזאמלונג פון די בערשטער: וועגן דער ווירקונג פון פארמיטלערייַ אפּ דער לאגע פון די ארבעטער. די בראָשור איז צונויפגעשטעלט געוואָרן לויט אזא פּלאן: דער אונטערשייד צווישן דער האנטווערקערישער און פאבריק־פּראָדוקציע.—פארוואָס נייטיקן זיך די פאבריקאנטן אין פארמיטלער?—פאר־וואָס עקזיסטירט אין דער בערשטער-פּראָדוקציע פארמיטלערייַ?—די עקספּלואַטאציע פון די ארבעטער דורך די פארמיטלער אין דער דאָזיקער פּראָדוקציע.—א דעטאלע באטראכטונג פונעם שאָדן פון דער פארמיטלערייַ: 1) וואָס פארקירצט די צייַט פונעם [סעזאָן], 2) פארטונקלט אין דעם באוווסטזייַן פון די ארבעטער דאָס פארשטיין די עמעסע סיבעס פון זייער שווערן לעבן, 3) דער

אַרבעטער שטרעבט אָפּט צו ווערן אַליין אַ פאַרמיטלער; דאָס צעשפּאַלט די אַרבעטער אין דעם קאַמף. דער אויספיר: די נייטיקייט פון קאַמף צו פאַרניכטן די פאַרמיטלערײַ. אַז אַ צווישנשטאַטישער פאַרבאַנד פון די בערשטער איז נאָענט צו פאַרווירקלעכט ווערן, איז קענטיק פון דעם, וואָס אין אַלע ערנסטע פאַלן פאָרן זיך צונויף זייערע פאָרשטייער פון עטלעכע שטעט אָפּ צו באַהאַנדלען די פראַגע. אַזוי, צום בײַשפּיל, איז ניט לאַנג אָפּ. זייערן אַ קליינעם צוזאַמענפאָר באַהאַנדלט געוואָרן די פראַגע וועגן אָרגאַניזירן אין דער שטאָט [ווילקאָווישקי] אַ גרויסן שטרײַק פאַר אַ צוועלפשאָ͏ַיקן אַרבעט-טאָג, צו וואָס די מאַסע וועט מיט פרייד זיך אָנשליסן, און וועגן דעם, ווי אַזוי צו אײַנקערן זיך מיט אַלע שוועריקײַטן, וואָס מע קען פּאָרויסזען.

# קאַפּיטל 4

ווי אַ צוגאָב צו די יעדיִעס וועגן דעם קאַמף פון די אַרבעטער פאַר אַ בעסערן לעבן, וואָס ווערט געפירט בײַ אונדז אין שטאָט, דאַרף מען באַמערקן, אַז די לעצטע צײַט האָט זיך אָרגאַניזירט אַ קראַנקן-קאַסע. אַ מיטגליד פון דער קראַנקן-קאַסע — לויטן סטאַטוט נאָך — קען זײַן נאָר אַ מיטגליד פונעם קאַמף-פאַריין. דער כוידעשלעכער מיטגליד־אָפּצאָל איז 10—25 קאָפּ. אַ מיטגליד פון דער קראַנקן־קאַסע איז מעכויעוו צו פאָלגן די אויסגעוויילטע פאַראָרדענער אין פאַל, אויב זיי באַשטימען אים דעזשורען בײַ וואָסער ניט איז כאַווער. יעדער מיטגליד פון דער קראַנקן־קאַסע איז מעכויעוו באַצײַטנס געבן צו וויסן די פאָרשטייער וועגן קראַנק-געוואָרענע כאַוויירים אינעם קאַמף פאַריין. אַ קראַנק-געוואָרענער מיטגליד פון דער קראַנקן-קאַסע ווערט געגעבן הילף מיט אַלץ — מיט געלט, רעפּועס און אַנד. אַן אַרבעטער אָבער, וואָס איז נאָר אַ מיטגליד פון דעם קאַמף-פאַריין, ווערט געגעבן אויך אַ מעגלעכע הילף, אָבער ניט מיט געלט. די קראַנקן-קאַסע פאַרמאָגט איצטער אַ קליינע אַפּטייקל און אַ ניטגרויסע צאָל שפּיטאָל-אינסטרומענטן.

* * *

דער קאַמף פון די היגע אַרבעטער פאַר בעסערע לעבן־באַדינגונגען בלײַבט ניט אָן ווירקונג אויך אויף די אַנדערע שטעטלעך, וואָס געפינען זיך ניט ווײַט פון אונדזער שטאָט. אַזוי איז אונטער דער דירעקטער ווירקונג פון דער היגער אָרגאַניזאַציע אויפגעקומען די באַוועגונג אין סמאָרגאָן. דאָ אַרבעטן [300] מאַן* גאַרבער, וואָס זײַנען צעוואָרפן אין 10—12 פאַבריקן. איצט איז דאָרט פאַראַן אַ פאַריין פון גאַרבער אַנערעך פון 200 מאַן ייִדן און קריסטן. דאָרט זײַנען פאָרגעקומען עטלעכע געלונגענע שטרײַקן. אין סמאָרגאָן ווערן געפירט אין אַרבעטער־קרײַזלעך פאָרלעזונגען און פאַרנעמונגען, אַזוי ווי בײַ אונדז אין שטאָט (וועגן דעם אונטערשייד צווישן די פאָרלעזונגען און פאַרנעמונגען — שפּעטער). עס ווערט פאַרשפּרייט אומלעגאַלע ליטעראַטור. דאָרט איז האַיאָר אָרגעקומען אַ שטרײַק אויך פון זאָקן-מאַכערנס, אין וואָסערן עס האָבן אָנטיילגענומען 70 מענטשן. די זאָקן־פּראָדוקציע איז דאָרט פון אַ קוסטאַרישן כאַראַקטער. דעם רוי-מאַטעריאַל קריגן די דאָרטיקע באַלעבאָסטעס פונדאַנען,

* וועגן דער באַוועגונג אין סמאָרגאָן ווערט ווײַטער געבראַכט אַ גענויער באַריכט.

און צוזאמענ מיט א צוויי-דרײַ זאָקנ-מאכערנס, וואָס יעדער באַלעבאָסטע דינגט צו, ארבעטנ זיי אפ די היגע זאָקנ־פאבריקנ, וואָס עקספּלואטירנ שטארק אי די, אי ׳ענע. אינ דעמ שטרײַק האָבנ זיך באטייליקט אי די באלעבאָסטעס, אי די זאָקנ־מאכערנס. זיי האָבנ געפאָדערט א העכערונג פונעמ געצאָלט אפ 10 קאָפּ. פונ טוץ. מע האָט זיי געהעכערט אפ 5 קאָפּיקעס, און מיט דער דאָזיקער הויסאָפּע טיילנ זיך די באלעבאָסטעס מיט די זאָקנ-מאכערנס אפ דער העלפט. כאָטש זיי געהערנ ניט צו דער דאָרטיקער אָרגאניזאציע, איז אָבער נאָך אנ אייצע וועגדנ זיי זיך צו אירע מיטגלידער.

די באוועגונג אינ דער דאָזיקער שטאָט האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אפ דער באָענטער שטאָט...* [סוויענציאנ (?) אָשמענע (?)]. דאָרט ארבעטנ 500 גארבער אפ 6־5 פאבריקנ. דער פאריינ, וואָס איז דאָרט ניט לאנג אָרגאניזירט געוואָרנ ציילט דאָרט איצטער העכער 100 מאנ ייִדנ און קריסטנ. פאר דעמ לעצטנ יאָר זײַנענ דאָרט געווענ דרײַ שטרײַקנ. די פאָדערונגענ, וואָס די שטרײַקער האָבנ ארויסגעשטעלט, זײַנענ אזעלכע: פארקלענערנ די אוראָקנ, באגרענעצנ דעמ ארבעט-טאָג מיט 12 שאָ, באזײַטיקנ א מײַסטער און עטלעכע ארבעטער, צונעמענ צוריק אלע ארבעטער, וואָס דער באלעבאָס האָט אָפּגעזאָגט. אינ אלע דרײַ שטרײַקנ צוזאמענ גענומענ האָבנ זיך באטייליקט בא 150 מאנ. אינעמ צווייטנ שטרײַק האָבנ די ארבעטער געפאָדערט (אכוץ אייניקע פונ די דערמאָנטע פאָדערונגענ) מע זאָל אויך באצאָלנ פאר דער שטרײַק־וואָך. דער עוישטער האָט זיך געענדיקט אפ דער העלפט געלונגענ, אינ דעמ צווייטנ האָט דער באלעבאָס מאסקימ געווענ אפ אלע פאָדערונגענ פונ די ארבעטער, נאָר פאר דער שטרײַק־וואָך האָט ער ניט באצאָלט, כאָטש פריִער האָט ער צוגעזאָגט יאָ צו באצאָלנ. דער דריטער שטרײַק האָט זיך געענדיקט געלונגענ. און ניט נאָר אינ דעמ ווײַזט זיך ארויס די ווירקונג פונ דער היגער באוועגונג. אינ וואָס פאר א שטאָט עס זאָל ניט ארײַנפאלנ אנ ארבעטער, וואָס איז דורכגעגאנגענ די היגע אָדער די מינסקער (?) שול, הייבט זיך דאָרט גאָר גיך אָנ א באוועגונג. אזוי איז אופגעקומענ א באוועגונג צווישנ די ייִדישע ארבעטער אינ... *, און אנד. אפ אזא אופנ איז די דאָזיקע שטאָט געווענ א נעסט, פונוואנענ עס פארשפּרייטנ זיך די אידייעס פונ ארבעטער-באוועגונג, פונ קאמפּ פאר א בעסערער צוקונפט.

* *

דער קאמפּ פונ די ארבעטער פונ דעמ איבעריקנ רוסלאנד אינטערעסירט שטארק די היגע ארבעטער. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלנ, מיט וואָס פאר א פרייד זיי האָבנ זיך באצויגנ צומ קאמפּ פונ די פּעטערבורגער פאָרט־ארבעטער מיט אָנדערהאלבנ יאָר צוריק. אלע קאסעס צוזאמענ גענומענ האָבנ טייקעפּ געשענקט פאר די קעמפנדיקע פאָרט-ארבעטער 100 רובל, וואָס זײַנענ אָפּגעשיקט געוואָרנ אהינ מיט אנ אדרעס אינעמ נאָמענ פונ די היגע ארבעטער. די באגײַסטערונג אינ אייניקע קאסעס איז געווענ אזוי גרויס, אז די ארבעטער פונ די דאָזיקע קאסעס האָבנ פאָרגעלייגט אָפּצושיקנ דאָס גאנצע געלט פונ דער קאסע די פאָרט-ארבעטער. אזוי האָבנ אונדזערע ארבעטער

* אינ אָריגינאל איז א בלויז.

אויכ געהאָלפנ...* -ער פאפיראָסנ-מאכער אינ דער צײַט פונ זײער שטרײַק אונ האָבנ זײ ארויסגעשיקט 30 רובל, אויכ אינ...* אונ אנד. דערהויפט שמידט צו צו זיכ די אופמערקזאמקײַט פונ די היגע ארבעטער, — אָנ צווייפל, ווי אויכ פונ גאנצ רוסלאנד, — דער קאמפ פונ די פעטערבורגער ארבעטער. יעדער פעטערבורגער פראָקלאמאציע רײַסט מענ דאָ פונ די הענט, אונ זי העלפט מיט זײער פיל צו הייבנ די שטימונג פונ דעמ היגנ קעמפנדיקנ פראָלעטאריאט.

## קאפיטל 5

פונ דעמ געזאָגטנ וואָלט, פונדעסטוועגנ, געווענ א טאָעס צו מיינענ, אז דער קאמפ פונ די היגע ארבעטער גיט זיכ זײ לעפּיִערעכ גרינג. ניינ, קימאט בא יעדער שטרײַק, אינ וואָסערנ עס באטייליקנ זיכ אפילע נאָר א פּאָר צענדליק מענטשנ, אָפט נאָכ ווייניקער, קומט אויס די ארבעטער צו באקענענ זיכ מיט פּאָליציי-לײַט, צו ווענדנ זיכ טייקעפ נאָכ הילפ. מארקזידלערײַענ, דראָונגענ אונ אמאָל אויכ קלעפ — דאָס זײַנענ די מיטלענ, וואָס עס ווענדט אָנ די אָרטיקע פּאָליציי, קעדיי צו צווינגענ די ארבעטער שטעלנ זיכ צו דער ארבעט. איבעריקנס, דעמ עמעס זאָגנדיק, איז די ענערגיע פונ דער פּאָליציי יעדער מאָל אָפּהענגיק פונ דער גרייס פונעמ כאבאר, וואָס זי קריגט פונ דעמ באליידיקטנ באלעבאָס, קעדיי אופצושטעלנ די אָרדענונג אינעמ ווארשטאט. כאבאר העלפט ארויס ניט זעלטנ אויכ די ארבעטער, ווענ אינ די הענט פונ דער פּאָליציי פאלנ ארײַנ וואָסערע ניט איז פאפירנ, וואָס קענענ קאָמפּראָמעטירנ די ארבעטער, אונ אויכ אינ אנדערע פאלנ. אכוצ צו דער פּאָליציי ווענדנ זיכ די באַלעבאטימ אינ א צײַט פונ א שטרײַק ניט זעלטנ אויכ צו שלעגער. א געוויסע צײַט זײַנענ די ארבעטער אפילע געווענ גאנצ שטארק צעטראָגנ פונ די מײַסימ פונ אָט דער אונטערגעקויפטער באנדע. די געדונגענע שלעגער היטנ אונטער די אגיטאטערנ אינ פינצטערע געסלעכ אונ האָבנ אזוי געמיימעסט ניט איינ ארבעטער. די דאָזיקע שלעגער האָבנ זיכ ניט איינ מאָל געמישפּעט פאר פארשיידענע פארברעכנס, עס איז אָבער אפ זײ קיינ שומ געריכט ניטאָ, וואָרעמ פאר א דרײַ־רובלדיקע ווערנ בא אונדז אזעלכע פארברעכער באפרײַט פונ פּאָליציייִשנ ארעסט. א קאָרעספּאָנדענצ וועגנ דער דאָזיקער באנדע מענוואָלימ, געשיקט אינ „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי״, האָט מענ ניט אָפּגעדרוקט. ווי זשע פירט זיכ די פאבריק-אינספּעקציע בא די צוזאמענשטויסנ צווישנ די ארבעטער מיט די באלעבאטימ? עטלעכע יאָר צוריק, ווענ דער קאמפ האָט זיכ נאָכ ערשט אָנגעהויבנ, איז די אינספּעקציע, בא איר גאנצער פּאסיווקײַט, דאָכ געווענ גענייגט אפנ צאד פונ די ארבעטער, ווענ יענע פלעגנ זיכ ווענדנ צו איר נאָכ הילפ. אָבער ביסלעכווײַז האָט זיכ די סענטימענטאלע באציִונג פונ דער אינספּעקציע צו די ארבעטער פארביטנ אפ אנ אָפּנ-פײַנטלעכער. פּונקט אזוי ווי פריִער, אזוי איז אויכ איצט, וועט דער פאבריק־אינספּעקטער לויט דער אייגענער איניציִאטיוו קיינמאָל ניט באזוכנ א פאבריק אונ וועט ניט אופשטעלנ דעמ געזעצ, וואָס דער באלעבאָס ברעכט. אונ דאָ זײַנענ פאראנ ניט ווייניק ווארשטאטנ, וואָס לויט דער צאָל ארבעטער דארפנ זײ לויטנ געזעצ רעכענענ זיכ פאר פאבריקנ אונ אונטערווארפנ זיכ די פאבריק־

---

* אינ אָריגינאל איז דאָ א בלויז.

אָרדענונגען. אויב ער ווײַזט ווען עס איז יאָ אָן די באַלעבאַטים אַפּ וואָסערע עס איז געזעץ-ברעכונגען, גיט ער אָבער קיינמאָל ניט אַכטונג, צי די אומגעזעצלעכקײַט, וואָס ער האָט אָנגעוויזן, איז טאַקע באַזײַטיקט געוואָרן. אָבער אין דעם גרעסטן טייל פאַלן ווירקט ער צוזאַמען מיט דער פּאָליציי אַפּ די אַרבעטער דורך דראָונגען, זידלערײַען, קעדיי צו צווינגען זיי שאַלעמ מאַכן מיטן באַלעבאָס. א טיפּישער ענטפער פון אן אַרבעטער אַפּ דער פראַגע: „צי האָט דער אינספעקטער באַזוכט דעם וואַרשטאַט, ווו ער אַרבעט, און אויב ער האָט באַזוכט, איז לויט וועמענס איניציאַטיוו און וואָס זײַנען די רעזולטאַטן פונעמ' באַזוך“? — איז אַזאַ: „די איניציאַטיוו איז אונדזערע, דער רעזולטאַט איז ווי געוויינטלעך“. דאָס כאַראַקטעריזירט אינגאַנצן די פולשטענדיקע אומטעטיקײַט פון דער היגער אינספּעקציע. אין דער היגער אַרבעטער-סוויווע גלויבט מען שטאַרק, אַז זי באַקומט כאַבאַר באַ די באַלעבאַטים. די לעצטע רעשטלעך צוטרוי האָט די פאַבריק-אינספּעקציע פאַרלאָרן באַ דער היגער אַרבעטער-סוויווע אין דער צײַט פון דעם צוזאַמענשטויס צווישן די פּאַפּיראָסן-מאַכער מיט זייער פאַבריקאַנט. וועגן דעם דאָזיקן שטרײַק האָבן מיר דאָ ניט וואָס צו ריידן. ער איז דאַן אין אַלגעמיינ ריכטיק געווען איבערגעגעבן אין „בירזשעוויִע וועדאָמאָסטי“ (איבערגעדרוקט אין „רוסקי ראַבאָטשי“).[3] מיר ווילן נאָר באַמערקן, אַז מיט זײַן פאַרהאַלטן זיך צו דעם שווערן קאַמף פון די פּאַפּיראָסן-מאַכער, האָט דער פאַבריק־אינספּעקטער דערוועקט א גערעכטן צאָרן אין דער גאַנצער אַרבעטער-סוויווע. אין דער ערשטער מעלדונג האָט ער דערקלערט די אַרבעטער, אַז מע האָט אוועקגעזעצט מיידלעך אַפּ דער אַרבעט פון מאַנדצביל, קעדיי צו פאַרברייטערן די פּראָדוקציע און גאָר ניט קעדיי אַרויסצושטויסן די מענער־אַרבעט, און ניט געקוקט אַפּ דעם, וואָס אין דעם בריוו, וואָס ער האָט באַקומען, איז געווען דערקלערט דער עמעסער ציל פונעם פאַבריקאַנט, וואָס שטרעבט ביסלעכווײַז אַרויסצושטויסן די מענער-אַרבעט און פאַרבײַטן זי אַפּ דער מער ביליקער פרויען-אַרבעט, — ניט געקוקט אַפּ דעם, וואָס עס איז געווען אָנגעוויזן אַפּ פונקט אַזאַ אַנאַלאָגישן פאַל — אַפּן שטרײַק פון די פּאַפּיראָסן־מאַכער מיט א יאָר צוריק אין אן אַנדער היגער טאַבאַק-פאַבריק, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן דורך די זעלביקע סיבעס, און ווו עס איז נאָכדעמ ביסלעכווײַז אַרויסגעשטויסן געוואָרן א העלפט מענער־אַרבעט, — ניט געקוקט אַפּ דעם אַלץ, האָט דער אינספּעקטער אין זײַן באַשולדיקונג-רעדע קעגן די אַרבעטער (אין געריכט) אַלץ טאַקע געטײַנעט זײַנס. עס וועט דאָ זײַן ניט איבעריק צו מאַכן א קליינע אָפּווענדונג אָן א זײַט. די אַגיטאַטערן, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט דעם שטרײַק, און אויך פיל פון דער מאַסע האָבן פאַרשטאַנען, אַז, סאָפּ-קאָלסאָפּ, וועט די מענער-אַרבעט מוזן אַרויסגעשטויסן ווערן דורך דער פרויען-אַרבעט. דאָך האָט מען באַשטימט צו קעמפן, קעדיי „אויב שוין אומקומען, איז כאָטש אומקומען, ווי זיי האָבן זיך אויסגעדריקט, מיט א וויו דיקן טויט — באַווײַזן אַנדערע א בײַשפּיל“. די מער באַוווּסטזיניקע אַרבעטער ווײַנען אַרויסגעגאַנגען פון אַזעלכע מאָטיוון, אַז ניט נאָר א זיג, אַפילע א צײַטווײַליקער, נאָר אויך א מאַפּאָלע קען שפּילן א גאָר וויכטיקע ראָליע אַפּ צו פאַרייניקן די פּאַפּיראָסן־מאַכער און די פּאַפּיראָסן־מאַכערנס און אַנטוויקלען באַ זיי דעם קלאַסן-באַוווּסטזײַן. און זיי האָבן קיין טאָעס ניט געהאַט: גלײַך נאָך דעם שטרײַק האָט זיך אָנגעשלאָסן צו זייער פאַריין באַ א 50 מאַן פּאַפּיראָסן־מאַכער

אונ פאפּיראָסנ־מאכערנס. נאָר א פאבריק-אינספּעקטער פונ דעמ זעלבסטהערשערישנ רוסלאנד קענ פארמאָגנ אזויפיל אומפארשעמטקײַט, אפ צו אופהייבנ א פּראָצעס קעגנ אזעלכע אָרעמעלײַט, ווי די היגע פאפּיראָסנ־מאכער, דערפאר וואָס זיי האָבנ ניט געוואָלט בלײַבנ אָנ א שטיקל ברויט. ער האָט צוגעצויגנ צו קרימינעלער פאראנטוואָרטלעכקײַט 70 פאפּיראָסנ־מאכער. דער פּראָצעס איז פאָרגעקומענ גופע אפנ פאבריק, אונ עס האָט זיכ צונויפגעקליבנ אנ אוילעמ פונ א 200 מאנ, ארבעטער פונ דער פאבריק גופע אונ פונ אנדערע פאכנ, נאָר דער דאָזיקער ציפער גיט ניט קיינ ריכטיקע פאָרשטעלונג וועגנ דעמ אינטערעס, וואָס דער פּראָצעס האָט ארויסגערופנ אינ שטאָט. די גאנצע ארבעטער־באפעלקערונג פונ שטאָט האָט אינ אופרעגונג געווארט אפ דער רעזאָליוציע פונעמ געריכט. אינ זײַנ רעדע קעגנ די ארבעטער, האָט דער אינספּעקטער געכויזעקט פונ זיי דערפאר, וואָס זיי באָרענ זיכ, קלוימערשט, פאר דער עמאנסיפּאציע פונ די מיידלעכ אונ אינדערעמעסנ האָבנ זיי מוירע פאר זייערע קאָנקורענטקעס (אנ אָנצוהערעניש אפ א שטעל פונ דעמ בריוו, וואָס ער האָט באקומענ, ווו עס שטייט, אז די מיידלעכ, וואָס ארבעטנ אפנ פאבריק, זײַנענ אויכ פארינטערעסירט אינ דעמ, אז די מענער-ארבעט זאָל ניט ארויסגעשטויסנ ווערנ דורכ דער פרויענ-ארבעט). וואָרעמ די דערפארונג באווײַזט, אז נאָכנ אײַנפירנ פרויענ-ארבעט ווערט דער דורכשניטלעכער געצאָלט פונ די פאפּיראָסנ-מאכער אראָפּגעזעצט. ער האָט גערעדט וועגנ דעמ העזעק, וואָס דער באלעבאָס האָט געהאט, ער האָט געפאָדערט פאר די דערוואקסענע די העכסטע שטראָף „ארײַנזעצנ אינ טורמע אפ א כוידעש, אונ די 16־17 יאָריקע, וואָס זײַנענ ארײַנגעצויגנ געוואָרנ אינעמ שטרײַק „דורכ די אינטריגעס פונ די אופהעצער" האָט ער אָנערקענט, אז זיי פארדינענ א פארווייכערונג. דער פרידנ־ריכטער האָט 34 יוגנטלעכע פרײַגעשפּראָכנ, אונ די איבעריקע האָט ער צוגעמישפּעט אפ צוויי וואָכנ טורמע. וועגנ דעמ צאָרנ פונ די ארבעטער קעגנ אזא אורטייל איז איבעריק צו ריידנ. דאָס האָט, אגעוו, געפונענ אנ אויסדריק אינ איינער פונ די פּאָליטישע רעדעס, וואָס איז געהאלטנ געוואָרנ פאר די ארבעטער אפ דער פײַערונג פונ 1-טנ מײַ הײַנטיקנ יאָר, ווו עס איז, צווישנ אנדערנ, געווענ געזאָגט וועגנ די בארבארישע פאבריק־געזעצנ, וואָס פארבאָטנ די ארבעטער אונטער דער מוירע פונ שטראָף צו פארטיידיקנ זייער עקזיסטענצ, וועגנ דער טיפער דערנידעריקונג, וואָס יעדערער פונ די ארבעטער, וואָס זײַנענ געווענ אינ געריכט, האָט דערפילט, ווענ דער ריכטער האָט געמאָלדנ, אז לויטנ באפעל פונ זײַנ אימפּעראטערישער מאיעסטעט ווערנ די ארבעטער, וואָס האָבנ פארשטרײַקט, וואָס האָבנ פארטיידיקט זייער **עקזיסטענצ**, אָנערקענט פאר פארברעכער אונ ווערנ באשטראָפט מיט טורמע.

## קאפּיטל 6

אויב אזוי שווער גיט זיכ אײַנ די היגע ארבעטער צו דערשלאָגנ זיכ כאָטש ברעקלעכ אויסבעסערונגענ פונ זייער מאטעריעלנ לעבנ, איז מיט ניט ווייניקער שוועריקײַטנ פארבונדנ דאָס פארשפּרייטנ וויסנ אינ דער מאסע. בא אונדז זײַנענ ניטאָ קיינ זונטיק־שולנ, ניט קיינ פאָלק-ביבליאָטעקנ. עס איז ניטאָ אפילע יענע קליינע מיטלענ, מיט וואָסערע מע קעמפט כאָטש וויפל ניט איז קעגנ דער אנאלפאבעטישקײַט פונ די מאסנ אינעמ איבעריקנ רוסלאנד. די געזעלשאפט

טוט גאָרניט און, עפּשער, קען זי טאַקע גאָרניט ניט אויפטאָן אין אונדזער
דערשלאָגענעם קאַנט פאַר דער אויפקלערונג פון דער מאַסע. די ייִדישע אַרבע-
טער-מאַסע, אין אַ באַדייטנדיקן טייל אירן, קען ניט נאָר ניט לייענען קיין רו-
סיש, נאָר קוים-קוים וואָס זי רעדט אויף דער דאָזיקער שפּראַך.

אונדזער אַרבעטער־מאַסע קומט אויס צו באַנוגענען זיך מיט דער זשאַר-
גאָנישער ליטעראַטור, און אויב די רוסישע פאָלק־ליטעראַטור, ווי עס באַטיי-
ליקן זיך אַזוי פיל שרייבער, איז גענוג אָרעם, איז קען מען זיך שוין פאָר-
שטעלן, וואָס איז אַזוינס די זשאַרגאָנישע ליטעראַטור. נאָר מיט אַנדערהאַלבן יאָר
צוריק, טיילווייז אונטערן דרוק פון דער היגער אַרבעטער-באַוועגונג און אַדאַנק
דער ווירקונג פון דער אָרטיקער סאָציִאַל־דעמאָקראַטישער אינטעליגענץ, איז
אויפגעקומען אַ דעמאָקראַטישע זשאַרגאָנישע געזעלשאַפט [4] (פאַרשטייט זיך, אַ גע-
היימע), וואָס האָט זיך געשטעלט אַ ציל אַרויסצוגעבן זשאַרגאָנישע ביכלעך פון
אַ נאַטורוויסנשאַפטלעכן, בעלעטריסטישן און אַנד. אינהאַלט. צוליב דעם
צוועק טרעט זי אַריין אין פאַרבינדונגען מיט פאַרשיידענע לעגאַלע פאַרלעגער,
שאַפט זיי מאַטעריאַל צום אַרויסגעבן אַ. אַז. וו. עס זיינען שוין אַרויס עט-
לעכע נוצלעכע ביכלעך, וואָס די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט צוגעשטעלט אייניקע
פאַרלעגער, די דאָזיקע ביכלעך זיינען פּאָפּולער צווישן די אַרבעטער. זיי האָבן
אויפגערודערט די ייִדישע קלייקוידעש און די ייִדישע בורזשואַזיע. זיי האָבן
געהערט, אַז עס איז דאָ עפּעס אַ זשאַרגאָנישע געזעלשאַפט, וואָס האָט אַ שייַ-
כעס צו די דאָזיקע ביכלעך, און אַז די דאָזיקע געזעלשאַפט האָט פאַרבינדונגען
מיט די היגע סאָציִאַליסטן. דעריבער האָבן די קלייקוידעש אויסגענוצט די
ערשטע געלעגנהייט, קעדיי צו פאַרשווארצן אָט די ביכלעך אין דער עפנטלעכ-
קייט. דער מאַגיד האָט אין זיין דראָשע אין שול אין דער צייט פון דעם שטרייק
פון די פּאַפּיראָסן-מאַכער (וועגן דער דאָזיקער דראָשע איז עס אָנגעשריבן געוואָרן
די בראָשור, וואָס איז אָפּגעדרוקט אין דעם נומער 1-2 „ראַבאָטניק״ [5]) אונטערן
טיטל „די ייִדישע אַרבעטער קעגן די ייִדישע קאַפּיטאַליסטן״ [6]) באַמערקט, אַז די
גאַנצע מאַגייפע קומט פון אָט די אפּיקאָרסישע ביכלעך, וואָס מאַכן צעלאָזן
דאָס פאָלק. אין די „סאַלאָנען״ איז מען אויך גוט אין כּעס אויף דער זשאַרגאָ-
נישער פאַרלאַג-טעטיקייט פון אייניקע פּערזאָנען.

אַ האַלב-לעגאַלער מיטל צו באַפרידיקן די גייסטיקע באַדערפענישן פון די
אַרבעטער, וואָס זיינען אַריינגעצויגן אין דער באַוועגונג, זיינען די ביבליאָטעקן:
איינע—אַ רוסישע מיט 600 ביכלעך, די אַנדערע—אַ זשאַרגאָנישע מיט העכער
250 ביכלעך (געגרינדעט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק). די ביבליאָטעקן זיינען אָר-
גאַניזירט געוואָרן און ווערן אויסגעהאַלטן אויסשליסלעך אויף כעזשבן פון די אַר-
בעטערס בייטראָגן. בעסאַכאַקל, ווי עס איז צו זען פון דעם פריִער-געבראַכטן באַ-
ריכט (זע קאַפּ. 1), נעמען אין ביידע ביבליאָטעקן ביכער—300 אַרבעטער, נאָר
דעם דאָזיקן ציפער וואָלט מען געקענט פאַרדרייפאַכן, ווען די אַרבעטער וואָלטן גע-
האַט מער מיטלען אויף צו פאַרגרעסערן די ביבליאָטעקן. אַכוצדעם איז פאַר די אַר-
בעטער, וואָס קענען רוסיש (אַזאַ איז די מינדערהייט), פאַראַן די אינטעליגענ-
טישע ביבליאָטעק מיט אַ 700 ביכער פון אַ סאַמע פאַרשיידענעם אינהאַלט.
מיט אָט דעם רעכט, וואָס מע האָט געגעבן די אַרבעטער, האָט די אינטעליגענ-
טישע ביבליאָטעק געוואָלט, אַגעוו, באַפרייען זיך פון דער פליכט צו קויפן פאַר

דעם אומבאדייַטנדיקן טייל ערנסטע לייענער פון דער ארבעטער־סוויווע בעסערע ביכער, וואָס קאָסטן געוויינטלעכ טייַער. *

פארשטייט זיכ, דעם קלאַסנ-באוווסטזייַן גיבנ אָט די האלב-לעגאלע מיטלענ וויניק וואָס. פאר מיטלענ פונ אגיטאציע אינ דער מאסע ארבעטער, פונ פראַ־פאגאנדע פונ פאָליטישע אונ סאָציאַל־דעמאָקראטישע אידייעס דינענ קאסע-פאַר־לעזונגענ, קרייַזל-פארנעמונגענ, פארשיידענע פארזאמלונגענ אונ די מיי-פייערונגענ.

אינ דעם „בריוו צו אגיטאטערנ״ ווערט דערקלערט דער צוועק פונ די קאסע-פאַרלעזונגענ אזוי: „ווי זאָל מענ אגיטירנ צווישנ די מאסנ? דאָס מיטל, וואָס (דער בריוו איז אָנגעשריבנ דורכ דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער אינטעלי-גענצ; ⁷) מע דארפ באמערקנ, אז דער ציל פונעם בריוו איז „קלאָר מאכנ דעם שטאנדפונקט פונ דער אגיטאציע-טאקטיק אונ קאמפ קעגנ דער פראָפּאגאנדיס-טישער טאקטיק, וואָס האָט דאָ געהערשט מיט עטלעכע יאָר צוריק, אונ וואָס

* 1. די זשארגאָנישע ביכער, אפּ וואָסערע ס'איז דאָ דער גרעסטער נאָכפרעג בא אונדזער אָרגאניזירטער מאסע, זייַנענ: 1) „קאמפּ פארנ לעבנ״ (איבערגעזעצט פונ רוסיש—זע די דערציילונג אינ ביכל (?) „וואָסכאָד״ אונטערנ טיטל „История одного семейства“ („די געשיכטע פונ א געזינד״), ⁸) 2) אבראמאָוויטש—„די קליאטשע״, „דאָס קליינ מענטשעלע״, „פישקע דער קרומער״, 3) „גאָלדיצקע די מאלוועטע״ [טויבע סעגאל, ווארשע, 1883] (פונעמ לעבנ פונ איינ...* פונ יידישע ארבעטער), 4) דינעזאָנ—„א שטיינ אינ וועג״, 5) „דער יידישער ערעוופייסעכ״ (געווענדט קעגנ דער רעליגיע), [שאצקעס (חמרמז)], 6) פלאמאריאָנ „Конец мира“—(„א סאָפּ פונ דער וועלט״) [מיכאל וועבער, ווארשע, 1883], 7) דיק—די „שקלאפעריי״, 8) „די אומגליקלעכע מיריאָמ״ (פונ די צייטנ פונ דער אינקוויזיציע) [יוינע טרובניק, ווילנע, 1888], 9) „דער יידישער דאלעס״, 10) „רעב טרייטל״ [מ. ספעקטאָר] (אנ אנטירעליגיעזע), 11) די זינד פונ קאָהאָל״, „דער אויבערשטער שיכט פונ דער יידישער געזעלשאפט), 12) „דער שווארצער יונגערמאנטשיק״ [י. דינעזאָנ]. 13) „ליטעראטור אונ לעבנ״—אויסגאבע פונ פערעצנ (זאמלבוכ), 14) פערעצעס ווארשעווער אויסגאבעס פונ די לעצטע יאָרנ, ⁹) 15) „ווער קויפט זיכ אנ אָרט אינ גאנ־עדנ״, 16) „דריי פארשוינענ״ (פונ דער צייט פונ די פּאגראָמענ), 17) „פאָלק-ביבליאָטעק״ אויסגאבע פונ שאָלעמ-אליי־כעמענ, 18) „הויז-פריינד״ (אויסגאבע פונ ספעקטאָרנ), 19) „בעטלער״ אונ פיל אנדערע.

2. רוסישע ביכער, וואָס ווערנ אמאָפטסטנ געפאָדערט פונ די היגע אָרגאניזירטע ארבעטער: 1) זאָליא—„Рудокопы“ („קוילנגרעבער״), „Деньги“ („געלט״), „Чрево Парижа“ („דער מאָגנ פונ פאריזש״), 2) שפילהאגענ—„Один в поле не воин“ („איינער אינ פעלד איז קיינ קעמפער ניט״), 3) טשערנישעווסקי—„Что делать“ („וואָס טוט מענ״) (באזונדערס אָפּט), 4) ספארטאק (פולע אויסגאבע), 5) „קאָלאָ די ריענצי״ (?), 6) סטאניוקאָוויטש—„Два брата“ („צוויי ברידער״), „Без исхода“ („אָנ אנ אויסוועג״), 7) דאָסטאָיעווסקי—„Преступление и наказание“ („פארברעכנ אונ שטראָפ״), „Записки из мертвого дома“ („שריפטנ פונ טויטנהויז״). 8) טורגעניעוו—„Отцы и дети“ („פאָטערס אונ זינ״), 9) רעשאָטניקאָוו—„Свой хлеб“ („אייגנ ברויט״), „Подлиповцы“ („פּאָדליפאָווצעס״), 10) די ווערק פונ קאָראָלענקאָ, מאטשטעט, גארשינ, דיקענס, 11) ערקמאנ שאטריאנ—„די געשיכטע פונ א פויער״, 12) שטשעדרינ—מייסעלעכ, „Господа Головлевы“ („די הערנ גאָלאָוויאָווס״), 13) פראנצאָז—„Борьба за право“ („קאמפ פאר רעכט״), 14) אָרזשעשקאָ—„שימשנ האגיבער״, 15) די ווערק פונ פיסארעוו, דאָבראָליובאָוו אונ שעלגונאָוו, 16) קאוטסקי—סקיצנ אונ עטיודנ אונ אנד.

פונ דער אינטעליגענטישער ביבליאָטעק נעמענ די ארבעטער אזעלכע ביכער: 1) מיניע—„די געשיכטע, פונ דער פראנצויזישער רעוואָליוציע״ 2) וואָלגינ (3 מאָל), 3) ארטיקלענ פונ „אָטעטשעסטווענע זאפיסקי״ אונ רוסקאָיע באָגאטסטוואָ״—וועגנ דער ווירטשאפטלעכער אנטוויקלונג פונ רוסלאנד פונ דעמ ערשטנ זשורנאל, וועגנ די מארקסיסטנ—פונ דעמ צווייטנ, 4) סקאביטשעווסקיס ערשטער באנד (צוליב דעמ ארטיקל וועגנ לאסאל), 5) דער קריזיס פונ דער שלעסער־פראָדוקציע אינ פאווולאָווסקער ראיאָנ (פונ דעמ נייעמ פארבאָטענעמ זאמלבוכ פונ די מארקסיסטנ), 6) טשופראָוו—געשיכטע פונ פאָליטישער עקאָנאָמיע, 7) שפילהאגענ—„פאָרווערטס״, 8) זורערמאנ—„די זאָרג״), 9) סעראָשעווסקי—יאקוטער דערציילונגענ אונ אנד.

* אינ אָריגינאל איז דאָ א בלויז.

האָט אָפּגעלייקנט דעמ קאמפּ פונ די מאסנ") מיר קאָנענ אייַכ דערווייַל פאָר-
לייגנ — דאָס איז קאסע-פאָרלעזונגענ. אפ די קאסע-פאָרלעזונגענ דארפנ די אגי-
טאטערנ אָנווערבירנ מעגלעכסט מער ארבעטער, אונ די טעמע זייערע דארפנ
זייַנ פראגעס וועגנ פארבעסערנ דאָס לעבנ פונ די ארבעטער. די אגיטאטערנ
דארפנ שטענדיק גענוי אונ קלאָר אופקלערנ פאר די ארבעטער, וואָס באזוכנ
די קאסע-פאָרלעזונגענ (אזעלכע פאָרלעזונגענ ווערנ באזוכט נאָר דורכ ארבע-
טער פונ איינ פאכ אונ ניט פונ פארשיידענע), אז נ אָ ר מיט די אייגענע קויכעס
וועלנ זיי זיכ גאָרניט דערשלאָגנ, קאָלזמאנ אלע ארבעטער פונ זייער פאכ
וועלנ ניט אָנהייבנ וועלנ דאָס זעלביקע אונ שטרעבנ צו דעמ זעלביקנ, וואָס
זיי ווילנ. אפ אָט די קאסע-פאָרלעזונגענ דארפ מענ געבנ צו פארשטיינ די
אָנטיילנעמער, אז פארבעסערונגענ וועלנ זיכ די ארבעטער דערשלאָגנ, אויב
זיי, די אָנטיילנעמער פונ די קאסע-פאָרלעזונגענ. וועלנ ריידנ וועגנ די געווינ-
טשענע פארבעסערונגענ מיט אלע ארבעטער אונ וועלנ שמועסנ וועגנ די מיט-
לענ צו דערגרייכנ עס. די אָנפירער דארפנ זיכ ניט באנוגענענ מיט די קאסע-פאָר-
לעזונגענ, זיי דארפנ צוזאמענ מיט די לייענענדיקע ארבעטער פירנ אנ אגיטא-
ציע. זיי דארפנ זייַנ זייער פילבאר צו דער מאסע, דארפנ שנעל אופכאפנ די
שטימונגענ פונ דער מאסע, קעדיי צו פארשטיינ, צי טרעפט זייער אגיטאציע
פונקט אינ פינטל, צי ווערט אגיטירט פאר אזא זאכ, וואָס די ארבעטער האלטנ
אינ דעמ געגעבענעמ מאָמענט פאר נייטיק אונ נוצלעכ. ווענ דער אָנפירער
אליינ וועט אגיטירנ אינ דער מאסע, וועט אימ דאָס לעבנ גופע געבנ מאטע-
ריאל פאר אגיטאציע אונ פאר די קאסע-פאָרלעזונגענ, נאָר דאנ וועלנ די
קאסע-פאָרלעזונגענ אנטשפרעכנ דעמ לעבנ אונ ניט דרייענ זיכ אויסער די לעבנ-
אינטערעסנ פונ די ארבעטער. מע דארפ ניט מיינענ, אז דער אינהאלט פונ די
קאסע-פאָרלעזונגענ דארפנ זייַנ נאָר די טעמעס: דער ארבעטער, ארבעטלוינ, די
ארבעט פונ לערנייִנגלעכ — אונ גאָר. נייַנ. אפ די קאסע-פאָרלעזונגענ דארפ
מענ דערקלערנ די גרונט-געזעצנ פונ (פּאָליטישער) עקאָנאָמיע אונ נאטור-גע-
שיכטע, מיט די ארבעטער דארפ מענ לייענענ די בעסטע בעלעטריסטישע בי-
כער, מע דארפ זיי באקענענ מיט דער הייַנטיקער רוסישער פּאָליטיק, אָבער די
וויכטיקסטע טעמע פונ די קאסע-פאָרלעזונגענ דארפנ זייַנ איניאַנימ פונ אגי-
טאציע.

„איז, הייסט עס, דער ארבעטער, וואָס וויל מיט לייַב אונ לעבנ אָפּגעבנ
זיכ פאר דער פארבעסערונג פונעמ לעבנ פונ דער מאסע ארבעטער אינ א פאכ,
דארפ סטארענ זיכ צו קריגנ וואָס מער באקאנטע צווישנ דעמ דאָזיקנ פאכ.
ער דארפ גוט קענענ די באדינגונגענ פונ זייער לעבנ, קעדיי דאָס לעבנ
אליינ זאָל אימ אָנווייַזנ, צוליב וואָסערע פארבעסערונגענ פונעמ לעבנ מע
קענ אגיטירנ אונ פונ וואָס מע דארפ אָנהייבנ; צוזאמענ מיט די אנדערע אגי-
טאטערנ דארפ ער דערנאָכ באשטימענ, וואָס פאר א פארבעסערונגענ מע דארפ
זיכ דערשלאָגנ בא דער געגעבענער עקאָנאָמישער לאגע פונ דעמ פאכ (פאר-
שטייט זיכ, צוליב דעמ דארפ מענ האָבנ א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגנ דער עקאָנאָ-
מישער לאגע פונעמ פאכ), אונ אויב די אגיטאטערנ געפינענ דעמ מאָמענט פאר
פּאסיק, דארפ יעדערער פונ זיי אפ די קאסע-פאָרלעזונגענ אָנהייבנ אנ אגיטא-
ציע פאר דער געפּלאנטער פארבעסערונג, קעדיי די אָנטיילנעמער פונ די קאסע-
פאָרלעזונגענ זאָלנ דערנאָכ אריבערטראָגנ די דאָזיקע אגיטאציע אינ דער מאסע"...

אף אזא אויפן, אדאנק די קאַסע-פאָרלעזונגען, וועט זיך איַינגעבן צו פארשפרייטן אין דער מאסע פון די היגע האנטווערקער דעם באגריף וועגן עקספּלואטאציע (מערווערט), דעם באוווּסטזייַן וועגן דער קעגנזעצלעכקייַט פון זייערע אינטערעסן צו די אינטערעסן פון די באלעבאטים, פון דער סאָלידארישקייַט פון די אינטערעסן פון אלע ארבעטער פון יעדער פאך, א באגריף וועגן דעם ארבעט-טאָג, וועגן לוין און קאָנקורענץ... דאָס איז איין ציל פון די קאסע-פּאָרלעזונגען. א צווייטער ציל איז—אנטוויקלען בא דער מאסע מיט דער הילף פון די קאסע-פאָרלעזונגען א באדערפעניש אין בילדונג. ווען עס דערשייַנט פון דרוק א נייַ ביכל פון נאטורוויסנשאפט, בעלעטריסטיק, אָדער פון געזעלשאפטלעכע וויסנשאפטן א. ד. גל., דארפן די אגיטאטערן באקענען דערמיט די ארבעטער, וואָס באזוכן די קאסע-פאָרלעזונגען, אויפקלערן, וואס פאר א פראגעס דאָס ביכל רירט אָן, און דערנאָכדעם דארף דער אגיטאטער אליין, אָדער דורך די אגיטאטערן-ארבעטער פארשפרייטן דאָס ביכל אין דער מאסע, צווישן וואָסערע זיי אגיטירן. מיט אלץ, וואָס די אָנטיילנעמער באנעמען אף די קאסע-פאָרלעזונגען אין געביט פון נאטורוויסנשאפט, עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, דארפן זיי זיך טיילן בא יעדער פאסיקער געלעגנהייַט מיט זייערע באקאנטע—ארבעטער. אן אזא אויפן וועלן די ארבעטער, וואָס באזוכן די קאסע-פאָרלעזונגען ווערן דורכפירער פון אויפקלערונג אין דער מאסע און וועלן ביסלעכווייַז אנטוויקלען בא איר א באדערפעניש אין בילדונג". ווייַטער ווערט אין דעם דאָזיקן בריוו אָנגעוויזן אף איין וויכטיקן ציל פון די קאסע-פאָרלעזונגען, ווי א מיטל פון פּאָליטישער פראָפּאגאנדע אין דער מאסע. „איצט איז נאָך פרי, באמערקט דער אווטער, צו אגיטירן פאר פּאָליטישער פרייַהייַט אין דער מאסע. דער עקאָנאָמישער קאמף דארף ברענגען די ארבעטער צום באוווּסטזייַן וועגן דער נייטיקייַט פון פּאָליטישער פרייַהייַט. וואָס מער ארבעטער עס וועלן ארייַנגעצויגן ווערן אין עקאָנאָמישן קאמף, אלץ גיכער וועלן זיי זיך איבערצייַגן אין דער שווערקייַט וואָס ניט איז צו דערשלאָגן זיך, ווען עס איז ניט מעגלעך צו מאכן פארזאמלונגען, ווען עס איז ניטאָ קיין פרייַהייַט פון פרעסע און וואָרט און בא דעם פולשטענדיקן ווילקיר פון דער פּאָליציי—אלץ קלאָרער (ווי דער טאָג) וועט ווערן די נייטיקייַט פון פּאָליטישער פרייַהייַט און פון קאמף פאר איר. אף אזא אויפן וועט דער עקאָנאָמישער קאמף אליין אָנווייַזן די אגיטאטערן, ווען ארויסצושטעלן אין דער ערשטער ריי די אגיטאציע פאר פּאָליטישער פרייַהייַט. עס שטעלט זיך א פראגע, צי וועלן יידן ווען עס איז דערפילן זיך גענוג שטארק צו אָנטיילנעמען אין דעם קאמף פאר פּאָליטישע רעכט? דער עקאָנאָמישער קאמף אנטוויקלט בא די ארבעטער זייער קראפט; זיי וועלן זי אָנהייבן פילן אלץ מער און מער, אף וויפל אין די איבעריקע שטעט וועט זיך אנטוויקלען די ארבעטער-באוועגונג. אָבער ניט געפינענדיק פאר מעגלעך באם איצטיקן מאָמענט צו שטעלן די פּאָליטישע אגיטאציע, זאָגן מיר זיך דערמיט ניט אָפּ פון פּאָליטישער אגיטאציע איצט. ניין, פונקט פארקערט, די פּאָליטיק פון דער רוסישער זעלבסטהערשערישער רעגירונג רירט אָן זייער פילבאר יעדער יידן; עס גייט ניט דורך קיין וואָך, קיין כוידעש אָן נייַע פארפאָלגונגען און זאַויסנאם-געזעצן קעגן יידן (דאָס איז געשריבן אין 1894 י.). אזוי ווי די אגיטאציע צווישן די היגע האנטווערקער-יידן דארף דורכויס ארויסדריגגען פון זייער לעבן און פון דאנען שעפן איר אינהאלט,

און אזוי ווי די פּאָליטיק פון דער רוסישער רעגירונג שפּילט אזא וויכטיקע ראָליע אין דעם לעבן פון די ייִדן, דארף די פּאָליטיק פון רוסלאנד זייַן איינער פון די קעגנשטאנדן פון דער אגיטאציע. דער טכום, וואָס איז די סיבע פון א נידעריקן ארבעטלוין, דער ווילקיר פון דער אדמיניסטראציע, די אַלע באַ־גרענעצונג-געזעצן קעגן ייִדן, וואָס לייגן זיך מיט זייער גאנצער שווערקייַט אפ די פּלייצעס פונעם ייִדישן פּראָלעטאריאט—דאָס אלץ און דאָסגלייַכן דארף זייַן א קעגנשטאנד פון דער פּאָליטישער אגיטאציע אין דער מאסע. מיר ווייסן, אז יעדער ייִד קריטיקירט די האנדלונגען פון דער רעגירונג. אָבער דער אר־בעטער־אגיטאטער דארף אנטוויקלען א קלאסן־שטאנדפּונקט אפ די דאָזיקע האנד-לונגען בא די ייִדן-האנטווערקער. דער דאָזיקער געביט דארף זייַן א קעגנשטאנד פון די קאסע-פאָרלעזונגען, קעדיי די אגיטאטערן זאָלן האָבן א מעגלעכקייַט צו פארשפּרייטן פּאָליטישע אידייעס אין דער מאסע". די קרייַזלעך צום לייענען מיט א באשטאנד ניט מער פון 10 מענטשן האָבן דעם זעלביקן ציל, וואָס די קאסע־פאָרלעזונגען, נאָר די אָנטיילנעמער פון די לעצטע ווערן אויסגעקליבן דורך די אגיטאטערן.* זיי צייכענען זיך אויס מיט א פיל קלענערן באשטאנד, דערבייַ ווערן אזעלכע קרייַזלעך אָפּט צונויפגעשטעלט פון ארבעטער פון פאר-שיידענע פאכן. די קרייַזל־לעזונגען טראָגן א מער ערנסטן און סיסטעמאטישן כאראקטער איידער די קאסע־פאָרלעזונגען. אפ די לעזונגען אין די קרייַזלעך און קאסעס האָט מען דאָ געלייענט און מע לייענט אזעלכע ביכער:

זשארגאָנישע: „דער ארבעט-טאָג" (פריִער איז עס געגאנגען אין האנטשריפט, איצט—ארויסגעגעבן אונטער טיטל „לאנג און מאָגער"),[10] „דער ארבעטלוין" (אין מאנוסקריפּט, דרוקט זיך),[11] „א ווי־קועך וועגן מאזל"[12])—א דיִאלאָג—אן אגיטאציע-בראָשור, וואָס האָט דעם ציל צו צעשטערן באם לייענער דעם גלויבן אין פּאָרויס-באשטימטקייַט און דערווייַזן, אז דער גורל פון די אַרבעטער איז אין זייערע אייגענע הענט... (אין מאנוסקריפּט), „א העספּעד אפ אלעקסאנדער דעם 3־טן"[13] (אָפּגעדרוקט), „א קריטישער איבערזיכט איבער דער פּאָליטיק פונעם שטאנדפּונקט, הויפּטזאכלעך, פון דעם ייִדישן פּראָלעטאריאט", „דער 19-טער פעווראל",[14]) אָנ-געשריבן צום יאָרטאָג פון דער רעפּאָרמע; א גרויסע אגיטאציע-בראָשור, צו-נויפגעשטעלט לויט אזא פּלאן: דאָס אופקומען פון לייַבקנעכטשאפט, די סיבע פונעם פאלן פון לייַבקנעכטשאפט אין רוסלאנד, די באדייַטונג פונעם פאלן פון דער לייַבקנעכטשאפט אין רוסלאנד פאר דעם ייִדישן פּראָלעטאריאט, די אופ-גאבעס פון דעם ייִדישן פּראָלעטאריאט. וועגן דער דראָשע פון דעם מאגיד (די דאָזיקע בראָשור איז אָפּגעדרוקט און „ראבאָטניק" נום. 1-2 אונטערן טיטל „דער ייִדישער ארבעטער קעגן די ייִדישע קאפּיטאליסטן"). די מייַסים פון דעם געוועזענעם מיניסטער קריוואָשעין און די אינטערעסן פון די ארבעטער,[15]) „א רעדע אפ פורים"[16] (דער אינהאלט: דער אמאָליקער קייסער האָמאָן און די הייַנטיקע האָמענס. וועגן קאָנקורענץ; וועגן פּראָפעסיאָנעלע ארבעטער-פאַ-ריינען און וועגן דעם פּאָליטישן קאמף פון פּראָלעטאריאט; „וועגן שטייַערן"; „פערדלעך" (א מייַסע וועגן א שטרייַק פון פערד)[17]) און אנד. די אַלע ווערק

* אפ די שאבעסדיקע קאסע־פאָרלעזונגען קען קומען יעדער קאסע-מיטגליד; זיי זייַנען פאר דער קאסע ניט קאָנספּיראטיוו.

זײַנענ היגע. א טײל פונ זײ, ווי געזאָגט, איז אָפּגעדרוקט, די איבעריקע וועלנ אויכ מיט דער צײַט אָפּגעדרוקט ווערנ. דער „ארבעט־טאָג“ איז ארויסגעגעבנ אפ צוויי שפראכנ (ייִדישנ זשארגאָנ אונ רוסיש). דערמיט, פארשטײט זיכ, ווערט ניט אויסגעשעפּט די אָרטיקע ליטעראטור, וואָס ווערט געלײענט אינ די דער־מאָנטע קרײַזלעכ, ווי דאָס איז צו זענ פונעמ ווײַטערדיקנ.

אכוצדעמ, באקענט מענ אינ די קרײַזלעכ צומ לײענענ אונ טײלווײַז אפ די קאסע-פאָרלעזונגענ, געוויינטלעכ, מיט די פאָלגנדיקע ביכלעכ: 1) „יעהי אויר!“[18] אויסגאבע פונ דער אמעריקאנער ייִדישער סאָציִאל-דעמאָקראטיע. 2) וועגנ שטרײַקנ, 3) וועגנ קריזיסנ, 4) האגאָדע (א פאראָדיע אפ דער פּײסעכדיקער האגאָדע, וואָס מע זאָגט פאר דער וועטשערע די ערשטע צוויי אָווגטנ פונ דעמ ייִדישנ פּײסעכ),[19] א פּראָפּאגאנדיסטישע אונ אגיטאציאָנעלע בראָשור, אויסג. פונ דער אמעריקאנער סאָציִאל-דעמאָקראטיע, 5) „די ייִדישע הילפ“...[20] 6) ווי קומט א ייִד צומ סאָציִאליזמוס“[21] (אויסג. פונ דער אמעריקאנער ייִדישער סאָציִאל-דעמאָקראטיע), 7) „וואָס יעדער ארבעטער דארפ וויסנ אונ געדענקענ“[22] איבערגעזעצט פונ פּויליש), 8) „פונ וואָס אײנער לעבט“ דיקשטײנס,[23] 9) „אנ ארטיקל פונ „צוקונפט“, „פרײַע וועלט“ (אויסגאבע פונ דער ייִדישער סאָציִאל-דעמאָקראטיע), 10) „די שטאממענ-געזעלשאפט“ אונ פיל אנדערע.

אפ די זעלביקע פאָרלעזונגענ לײענענ די אגיטאטערנ אָדער זײ גיבנ איבער דעמ אינהאלט פונ פארשײדענע פּראָקלאמאציעס פונ די פּעטערבורגער ארבע־טער, וואָס אינפאָרמירנ וועגנ די וויכטיקסטע שטרײַקנ אינ איבעריקנ רוסלאנד אונ מײַרעוו-אײראָפּע, מיט וואָס זײ וועקנ אופ בא די ארבעטער אנ אינטערעס צו דעמ גורל פונ דעמ אלוועלטלעכנ פּראָלעטאריאט.

אינ די דערמאָנטע קרײַזנ פונ ארבעטער, וואָס פארשטײענ רוסיש, לײענט מענ נאָכ: 1) שעלגונאָווס ארטיקלענ („דער פּראָלעטאריאט אינ פראנקרײַכ“ (אינ ענגלאנד?), 2) „Уличная торговка“ („די גאסנ-הענדלערנ“) (אויסגאבע פונ דער רוסישער סאָציִאל-דעמאָקראטיע), 3) „דער שטרײַק אפ דער פאב־ריק...,* וואָס איז פאָרגעקומענ מיט דרײַ יאָר צוריק אונ איז דערשטיקט געוואָרנ דורכ דער ארײַנמישונג פונ דער פּאָליציי. די בראָשור איז אנ אָרטיקע. אויסנוצנדיק דאָס, וואָס די ארבעטער האָבנ איבערגעלעבט אינ דער צײַט פונ דעמ שטרײַק, באלײַכט דער אווטער, הויפּטזעכלעכ, דעמ כאראקטער פונ אײניקע פאבריק-געזעצנ, 4) „א כאָלעמ אינ דער נאכט אפ נײַ־יאָר“ (נאָכגע-מאכט לאמענע, זע לאמענע „וואָרטע דעס גלאובענס“, ז. 49 אונ אנד. אויסגאבע „רעקלאמא“). זי איז אָנגעשריבנ געוואָרנ אפ צו לײענענ אינ דער נאכט אפנ ערשטנ יאנוואר 1896 יאָר אפ אנ אָוונט פונ די אגיטאטערנ. אינ דעמ דאָזיקנ ווערק גיבנ די רעדעס פונ די 7 געקרוינטע „בראָדיאגעס“ מיט געלע לאטעס אפ די אײַנגע-בויגענע פּלײצעס, וואָס האָבנ זיכ צונויפגעזאמלט אינ פּאלעצ, א קלאָרע פאָרשטעלונג וועגנ דער פּאָליטיק פונ דער רוסישער רעגירונג, אכוצ דאָס אלצ

* אינ אָריגינאל איז דאָ א בלויז. אונדז האָט זיכ ניט אײַנגעגעבנ צו דערגײנ וועגנ וואָס פאר א שטרײַק עס גײט דאָ א רײד.

לייענט מען אויך די בעסערע...* אומלעגאלע ביכער. דער דורכגעלייענטער מאטעריאל ווערט צעטיילט דורך די אָנפירער פון די לעזונגען אָפּ פראגעס, בא · וואָסערע די אָנטיילנעמער פון די לעזונגען ענטפערן, און אָפּ אזא אויפן ווערט דורכגעקאָנטראָלירט, צי האָבן זיי באנומען דאָס דורכגע-לייענטע. אָנטיילנעמער אין די קרייַזל־לעזונגען איז אין אפרעל כוידעש פון הייַנטיקן יאָר געווען 200 מענטשן.

פון די אמערסטן ענערגישע, פייִקע, קלוגע און איבערגעגעבענע דער זאך פון די ארבעטער ווערט צונויפגעשטעלט א קרייַזל צו פארנעמען זיך (מיט א באשטאנד פון 3—8). דער ציל פון די פארנעמונגען איז אויסצוארבעטן בא די בעסערע ארבעטער א סאָציִאַל-דעמאָקראטישע וועלטאָנשויונג, לויט די קוי־כעס און מענלעכקייַטן באשאפן אן ארבעטער־אינטעליגענץ, וואָס זאָל, צווישן אנדערן, קענען אָנפירן מיט די פאָרלעזונגען אין די קרייַזן און קאסעס. די אָנפירער פון די פארנעמונגען סטארען זיך, אָפּ וויפל דאָס דערלויבן זייערע קרעפטן, ניט דורכצולאָזן קיין איין וויכטיקע היסטאָרישע געשעעניש, קעדיי צו באלייַכטן עס אין דעם באוווּסטזייַן פון די, וואָס לערנען זיך, פונעם שטאנדפונקט פון וויסנשאפטלעכן סאָציִאַליזם. אזוי, צ. ב., איז צום יאָרטאָג פון 1־טן מארט 1894 י. אָנגעשריבן געוואָרן א ריי בראָשורן וועגן דער דאָ-זיקער געשעעניש—איינע, צוגעפאסט צום ניוואָ פון די ארבעטער, וואָס גייען אָפּ די קאסע-פאָרלעזונגען, אָדער וואָס באטייליקן זיך איז די קרייַזל-לעזונגען, אָבער אויך איינע א מער סאָלידע, צוגעפאסט צום ניוואָ פון די ארבעטער, וואָס באזוכן די ק ר ײַ ז ל ־ פ א ר נ ע מ ו נ ג ע ן. צום 25 יאָרטאָג פון דער קאָמונע פון 1871 איז אויך אָנגעשריבן געוואָרן א בראָשור (אָפּן גרונט פון דעם בוך ליסא-גאָרע, מענדעלסאָן, און ענגעלס—וועגן דער קאָמונע) אונטערן טיטל „25 יאָר צוריק".

אָפּ די פארנעמונגען גייען דורך מיט מער אָדער ווייניקער באדייַטנדיקע צוגאָבן די דאָזיקע ביכלעך: 1) ארבעטלוין, 2) דער ארבעט-טאָג, 3) מערווערט, דערבייַ באנוצט מען זיך מיט די היגע אויסגאבעס, 4) ארבעט און קאפיטאל—סווידערסקי, 5) לוינארבעט און קאפיטאל, 6) אייניקע קאפיטלעך פון „ערפור-טער פראָגראמ"—דערהויפּט 1, 3, און 4 מיט זיי געהעריקע צוגאָבן, 7) אייניקע ארטיקלען קאוטסקיס — דערהויפּט: „דער יאָרהונדערט פון קאָמוניזם און רע־פאָרמאציע", „די קעגנזאצן פון די קלאסן־אינטערעסן אין פראנקרייַך אין 1789 יאָר", 8) ארטיקלען פון לאסאל, 9) מאניפעסט פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, 10) די שטאמען-געזעלשאפט (דערבייַ סטארעט מען זיך דורכפירן דעם גרונט-געדאנק, אז די אנטוויקלונג פון די פראָדוציר־קרעפטן האָט צעשטערט די שטאמען־אָרדענונג און האָט צוגעגרייט דאָס פארבייַטן זי מיט א מעלוכע), 11) דעם ארטיקל „וועגן אגיטאציע", 12) „א בריוו צו די אגיטאטערן", 13) וועגן די טעאָרעטישע און פראקטישע דערפאָלגן פון דער היגער באוועגונג פאר די לעצטע 1894—1895 י.י.(24 (די דאָזיקע רעדע איז געלייענט געוואָרן אין 1895 יאָר אָפּ דער פארזאמלונג פון די אגיטאטערן נאָך דער געלונגען־דורכגעפירטער מייַ-פייַערונג) און פיל אנדערע ארטיקלען. אונטער די נומערן 10, 11, 12 זייַ־נען פארצייכנט היגע אויסגאבעס, וואָס זייַנען זייער פּאָפּולער צווישן די אנט-וויקלטע ארבעטער. די אָנפירער פון די פארנעמונגען שטעלן מערסטנטייל צונויפ

---

* אין ריגינאל איז דאָ א בלויז.

שריפטלעכע פראגעס פאר די ארבעטער און אפ אזא אויפן קאָנטראָלירן זיי דאָס דורכגעגאנגענע.

אכוצדעם, גייט מען דורך מיט די, וואָס לערנען זיך, נאטורוויסנשאפט (קאָסמאָגראפיע, פיזיק, באָטאניק, זאָאָלאָגיע, די טעאָריע פון דארוויניזם א. אז. וו.). די פארנעמונגען נעמען אָפּ בא די ארבעטער מערסטנטייל צוויי אָוונטן אין וואָך. באזוכער פון די פארנעמונגען זײַנען אין אפרעל 1896 יאָר געווען בא 60 מענטשן.

אזוי ווי בא אונדז איז ניטאָ קיין שול פאר גראמאָטע, לערנט די דעמאָקראטישע אינטעליגענץ, לויטן פאָרשלאָג פון דער אָרטיקער גרופּע, גראמאָטע אסאך ארבעטער, וואָס קענען ניט קיין רוסיש און וואָס זײַנען ארײַנגעצויגן געוואָרן דורך אונדז אין דער באוועגונג און גייען אפ די פארנעמונגען אָדער קרײַזל־לעזונגען. צו דעם אלעם דארף מען צוגעבן, אז דאָס לייענען—דערהויפּט אומלעגאלע ביכער—אינדערהיים איז זייער פארשפּרייט.

* * *

פריִער האָבן מיר באמערקט, אז מיט די אויסגערעכנטע בראָשורן ווערט ניט אויסגעשעפּט די היגע ליטעראטור. צוליב אגיטאציע־צילן, מיטן ציל אופצוהייבן דעם ניוואָ פון קלאסן-באוווסטזײַן, צוליב די צילן פון פּאָליטישער פּראָפּאגאנדע שרײַבט די אָרטיקע אינטעליגענץ, לויטן אופטראָג פון די ארבעטער און לויט דער אייגענער איניציִאטיוו, ארטיקלען פון א פארשיידנארטיקן אינהאלט. פאר א טעמע דינט א וואָסער ניט איז וויכטיקע געשעעניש, וואָס רירט אָן די אינטערעסן פון די פּראָלעטאריער, מיט איין וואָרט—פראגעס פון דעם אָרטיקן, אלרוסישן און מײַרעוו־אייראָפּייִשן לעבן. אָט די דאָזיקע בראָשורן לייענט מען אפ די קאסע-פאָרלעזונגען, אין די קרײַזלעך צום לייענען, אפ די קרײַזל־פארנעמונגען, אָפּהענגיק פון דעם, צו וואָס פאר א ניוואָ פון פארשטיין זיי זײַנען צוגעפּאסט. איין ארבעטער האָט צוליב אגיטאציע־צוועקן און קעדיי צו פארגרעסערן די מיטלען פון דער קאסע, אָנגעשריבן סאָפּ פאָריקן יאָר א דראמאטיש ווערק, וואָס דער סיוזשעט זײַנער איז געווען איינער א היגער שטרײַק.

געשטעלט האָבן עס ארבעטער. אפ דער פאָרשטעלונג זײַנען בײַגעווען 200 מאן ארבעטער, און זי האָט געהאט א גרויסן דערפאָלג. עס וועט זײַן ניט איבעריק צו געבן דאָ דעם פּלאן, לויט וואָסערן עס איז אָנגעשריבן געוואָרן: דער ערשטער אקט קומט פאָר אין ווארשטאט, אגיטאטערן מונטערן אופ די ארבעטער צום קאמפ מיטן באלעבאָס; דער צווייטער אקט באקענט מיט די ארבעט-באדינגונגען אין ווארשטאט;' דער דריטער אקט—דער שטרײַק; פערטער אקט—א פארזאמלונג פון די פארשטרײַקטע ארבעטער, וואָס ענדיקט זיך מיט לידער און טאָסטן פאר סאָלידארישקײַט. די ארבעטער צעגייען זיך מונטערע, באגײַסטערטע, מיט א שווּע ניט אונטערצוגעבן זיך; דער פינפטער אקט — זיג איבערן באלעבאָס; זעקסטער אקט — א פארזאמלונג פון די ארבעטער נאָכן זיג — די אגיטאטערן קלערן אופ די באדײַטונג פון דעם זיג פאר די ארבעטער פון דעם דאָזיקן פאך. עס פארענדיקט זיך מיט לידער. דער אווטער, דערמוטיקט פון דעם דאָ־

זיקן דערפאלג, האט איבערגעמאכט פאר דער סצענע „קאמפ פארן לעבנ״ (א דערציילונג, אנגעשריבנ אינ „וואסכאד״ אונטערנ טיטל „די געשיכטע פונ א געזינד״) אונ האט צוגעפאסט זייג ווערק צו אגיטאציע-צילנ. מע האט גע- רעכנט אייגלאדנ 260 ארבעטער. אלצ איז שוינ געווענ גרייט פאר דער סצענע- נאר צופעליק, אדער ניט, האט אינ דער דירע אריינגעשמעקט פאליציי—צומ גליק, מיט א שא צוויי פאר דער פארשטעלונג,—אונ די אקטיארנ, וואס זיינענ דארט געווענ, האט מענ פארנומענ אינ' פאליציי-צירקל; אינ א טאג ארומ האט מענ זיי ארויסגעלאזנ, אבער די פארשטעלונג האט מענ געמוזט אפשאפנ, דערווייל זיינענ מער קיינ פרווונ פונ דעמ ארט ניט געווענ.

דעמ פאריקנ יאר איז דא ארויסגעגאנגענ פעריאדיש—איינ מאל אינ וואכ— א זשארגאנישע צייטונג (זי איז געגאנגענ אינ האנטשריפט) אונטערנ קעפל „נייס אויס רוסלאנד״, [25] צוגעפאסט צומ באנעמ אפילע פונ זייער ווייניק-אנט- וויקלטע ארבעטער. די דאזיקע קליינע צייטונג האט געהאט א גרויסנ דער- פאלג, עס איז ארויס העכער 20 נומערנ- איצטער וועט ארויסגיינ אויכ אזא צייטונג מיט א מער ערנסטנ אינהאלט. זי וועט בארירנ אויכ געשעענישנ פונ מיירעוו-אייראפיישנ לעבנ, זי רופט זיכ „כראניק פונ לויפיקנ לעבנ״.* דער אינהאלט פונ די ערשטע דריי נומערנ: 1) אביסל וועגנ די צארישע כסאדימ, 2) די באנ-קאטאסטראפע אפ ווארשע-טיראספאלער אייזנבאנ, געוועזענע פאסא- זשירנ פונ 4-טנ קלאס, 3) צארעס פונ איבערוואנדערער. מיט דעמ צונויפגע- זאמלטנ מאטעריאל צילט דער אווטער צו אונטערשטרייכנ דעמ קלאסנ-כאראק- טער פונ דער רוסישער מעלוכע.

## קאפיטל 7

קעדייי צו אורטיילנ וועגנ דעמ, וואס פאר א דערפאלגנ עס מאכנ דא די באוועגונג אונ די אנטוויקלונג פונ דעמ פאליטישנ באוווסטזיינ פונ די מאסנ, וועלנ מיר איבערגעבנ אייניקע יעדיעס וועגנ דער פייערונג פונ ערשטנ מיי אינ די פריערדיקע יארנ אונ איצטער.

דעמ ערשטנ מאל (1892 י.) זיינענ אפ דעמ יאנטעוו געקומענ ארומ 100 מענטשנ לויט דער איינלאדונג פונ די אנפירער פונ דער באוועגונג. אינ דעמ דאזיקנ יאנטעוו האבנ זיכ באטייליקט די אמערסטנ באוווסטזיניקע ארבעטער. דא זיינענ צווישנ אנדערע רעדעס געהאלטנ געווארנ די 4 רעדעס פונ יידישע ארבעטער, וואס זיינענ ארויסגעגעבנ געווארנ אינ אויסלאנד.** אינ 1893 יאר האבנ זיכ אינ דעמ יאנטעוו באטייליקט 100 איינגעלאדענע ארבעטער—אויכ די אמערסטנ באוווסטזיניקע ארבעטער—פונ אנערעכ 300, וואס געהערנ צו 13 פראפעסיא- נעלע פאריינענ. דא האט מענ גערעדט וועגנ דער באדייטונג פונ ערשטנ מיי, וועגנ דער יידנ-פראגע, וועגנ דער פראפאגאנדיסטישער אונ אגיטאציאנעלער טאקטיק אונ אגד. די צוויי פייערונגענ קענ מענ ניט האלטנ פאר קיינ מאסנדיקע. עס זיינענ איינגעלאדנ געווארנ מענטשנ, וואס זיינענ דורכגעגאנגענ א לאנגע שול, ווענענ דער דאזיקער יאנטעוו האט באזונדערס פיל ניט געקענט געבנ. אפנ כאראקטער פונ דער פייערונג איז געלעגנ דער שטעמפל פונ יענער צייט,

---

* ביז איצט איז נאכ אונדז ניט געלונגענ צו געפינענ די דאזיקע צייטונג.

** די רעדעס ווערנ איבערגעדרוקט אינ דעמ דאזיקנ באנד.

וועגן דער פּראָפּאַגאַנדע פלעגט אָפּגעגעבן ווערן אין פאַרגלײַך מיט אגיטאַציע די איבערוועגנדיקע אופמערקזאמקײַט. קיין פאַנען זײַנען ניט געווען. אפ דער פײַערונג אין 1893 יאָר האָט זיך שוין טיילווײַז ארויסגעוויזן, אז אין דער ארבעטער-סוויווע זײַנען דאָ מייגונג-פאַרשיידנהײַטן איבער דער פראגע וועגן פּראָפּאַגאַנדע און אגיטאַציע. נאָך שאַרפער האָט זיך עס ארויסגעוויזן אין דער צײַט פון דעם גרויסן שטרײַק פון די שנײַדער, וועגן וואָס מיר האָבן פריִער גערעדט—גלײַך נאָך דעם מײַ-באַריכט—און וואָס איז פאָרגעקומען אין דער צווייטער העלפט 1893 יאָר. די ארבעטער האָבן זיך צעשפּאָלטן אפ צוויי לאַגערן, וואָס איינער פון זיי איז געשטאַנען פאַר א פּראָפּאַגאַנדיסטישער פּראַקטיק און דער אנדערער—פאַר אן אגיטאַציִאָנעלער, אפן באָדן פון די טאָגטעגלעכע אינטערעסן. די ערשטע האָבן געהאַט אפ זייער צאַד די מערהײַט ארבעטער. די שטרײַקן און מיינונג־פאַרשיידנהײַטן האָבן זיך געצויגן לאַנג. ענדלעך, סאָף 1894 יאָר, האָבן די ארבעטער מאַסקים געווען מיט די פּרינציפּן פון דער אגיטאַציע-טאַקטיק, וואָס זײַנען איבערגעגעבן אין די 2 בראָשורן, וואָס זײַנען אָנגעשריבן געוואָרן וועגן דעם דאָזיקן איניען: „וועגן אגיטאַציע" און א„בריוו צו די אגיטאַטערן".

דער ערשטער מײַ 1895 יאָר האָט געדאַרפט דינען, ווי א פּרוּוושטיין, פאַר דער נײַער טאַקטיק. פון 500 אָרגאַניזירטע ארבעטער איז אײַנגעלאַדן געוואָרן 250 מאַן. די פײַערונג איז פאָרגעקומען אין צוויי ערטער צו 125 מענטשן אין יעדערן. אפ דער רויטער פאָן, אונטער וואָסערער די ארבעטער האָבן זיך צונויפגעקליבן אין בײדע ערטער, איז, פון איין זײַט, געווען א זשאַרגאָנישע אויפשריפט: „פּראָלעטאַריער פון אלע לענדער, פאַרייניקט זיך", פון דער אנדערער: „מיר קעמפן פאַר א צוועלפשאָיִקן ארבעט-טאָג, פאַר העכערן דעם ארבעטלוין, פאַר בעסערע באַציִונגען". עס זײַנען געהאַלטן געוואָרן דרײַ רעדעס: 1) באַריכט וועגן דער טעטיקײַט פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר און די באַדײַטונג פון די קאָרבאָנעס פונעם עקאָנאָמישן קאַמף פאַר דער מאַסע, 2) וועגן דער באַדײַטונג פון דעם ארבעטער־יאָנטעוו ערשטער מײַ, 3) א פּאָליטישע רעדע. פון דער אויפשריפט אפן פאָן איז צו זען, ווי פאָרזיכטיק די אָנפירער האָבן זיך באַצויגן צו אָט דער ערשטער פּאָליטישער מאַסן־מאַניפעסטאַציע פון די ארבעטער. עס האָט זיך אָבער ארויסגעוויזן, אז זייער שרעקעוודיקײַט איז געווען אינגאַנצן אומבאַגרינדעט. די דאָזיקע פײַערונג האָט געהאַט א קאָלאָסאַלע ווירקונג אפ די ארבעטער. מע האָט וועגן איר לאַנג גערעדט. זי האָט באַוויזן, אז די ארבעטער זײַנען ארופ אפ א נײַעם וועג. די פּאָליטישע רעדע איז מיט באַגײַסטערונג באַגריסט געוואָרן.

אפ דער פאַרזאַמלונג פון די אגיטאַטערן פון 40 מענטשן איז דורכגעלייענט געוואָרן אפ מאָרגן א רעדע, וואָס איז ספּעציִעל אָנגעשריבן געוואָרן צוליב דעם דאָזיקן פאַל: „וועגן די טעאָרעטישע און פּראַקטישע דערפאָלגן פון דער באַוועגונג פאַרן פאַרגאַנגענעם יאָר". די דאָזיקע רעדע ווערט געלייענט אויך איצטער אפ די פאַרנעמונגען. וועגן דער דאָזיקער קליינער פאַרזאַמלונג רופן זיך אָפּ די ארבעטער מיט באַגײַסטערונג נאָך איצטער,—אפ אזויפיל שטאַרק איז געווען דער אײַנדרוק, וואָס דער דאָזיקער אָוונט, ווי עס איז געגעבן געוואָרן א באַריכט וועגן דעם דורכגעמאַכטן וועג, האָט געמאַכט אפ די ארבעטער.

דער לעצטער יאָר (פונ מײַ [1895] ביז מײַ [1896]) אינ דער אנטוויקלונג פונ דעמ פּאָליטישנ באוווסטזײַנ פונ די ארבעטער דארפ פארעכנט ווערנ צו די סאמע אויס-געצייכנטע. אינ דעמ יאָר (סאָפ 1895) האָבנ פאָרשטייער פונ 32 ייִדישע אר-בעטער-פארייִנענ באגריסט מיט א טעלעגראמע דעמ ברעסלער סאָציִאַל-דעמאָ-קראטישנ צוזאמענפאָר אונ האָבנ אויסגעדריקט זייער טיפנ באדויערנ איבערנ טויט פונ זייער לערער ענגעלס. די באגריסונג האָט זיכ געענדיקט מיט די ווערטער: „נידער מיט דער רוסישער זעלבסטהערשונג! זאָל לעבנ די סאָציִאַלע רעוואָליוציִע!” אינעמ נאָמענ פונ די זעלביקע פאָרשטייער איז דעמ זעלביקנ יאָר ארופגעלייגט געוואָרנ אפנ קייווער פונ די קאָמונארנ א קראנצ מיט אנ אופ-שריפט: „די געפאלענע קאָמונארנ פונ די סאָציִאַל-דעמאָקראטישע פאָרשטייער פונ 32 ייִדישע ארבעטער-פארייִנענ. נידער מיט דער רוסישער זעלבסטהערשונג! זאָל לעבנ די סאָציִאַלע רעוואָליוציִע!”

אפ דער מײַ-פײַערונג איז געווענ 550 מאנ, ארבעטער אונ ארבעטערנס, וואָס זײַנענ אײַנגעלאדנ געוואָרנ דורכ די אָנפירער פונ דער באוועגונג פונ 1000 ארבעטער, אָרגאניזירטע אינ 32 פראָפעסיִאָנעלע פארייִנענ. אינ יעדער אָרט האָט מענ אופגעהויבנ א רויטע פאָנ מיט אופשריפטנ אפ ייִדישנ זשאר-גאָנ פונ איינ זײַט: „מיר קעמפנ פאר דער פרײַהײַט פונ שטרײַקנ, פארזאמ-לונגענ, וואָרט אונ פרעסע”, פונ דער אנדערער: „פראָלעטאריער פונ אלע לענ-דער, פארייִניקט זיכ!” אינ אלע דרײַ ערטער זײַנענ דורכגעלייענט געוואָרנ די זעלביקע פיר רעדעס:

1. די באדײַטונג פונ דעמ ארבעטער-יאָנטעוו ערשטער מײַ.
2. באריכט וועגנ דער טעטיקײַט פארנ פארגאנגענעמ יאָר.
3 אונ 4. פּאָליטישע רעדעס.

אינ איינער פונ די רעדעס ווערנ פאנאנדערגעקליבנ אייניקע פאבריק-געזעצנ אונ אונדזערע געזעצנ וועגנ פרעסע, אונ עס ווערט אָנגעוויזנ אפ דעמ קלאסנ-כאראקטער פונ די דאָזיקע געזעצנ. די פײַערונג איז דורכגעגאנגענ מיט פולער באגײַסטערונג. די אָנפירער האָבנ זייער באדויערט, וואָס זיי האָבנ ניט אײַנגעלאדנ, לעכאָלאפּאָכעס, אָנדערהאלבנ מאָל מער מענטשנ—אפ אזויפיל בא-דײַטנדיק זײַנענ געווענ די דערפאָלגנ פונ דער פּאָליטישער פּראָפּאגאנדע אינ דער מאסע, ווי דאָס האָט באוויזנ די דאָזיקע פײַערונג. וועגנ דערופ אונ אויכ וועגנ דעמ, וויִאזוי מע האָט געפײַערט דעמ ערשטנ מײַ אינ נאָכ דרײַ שטעט פונ אונדזער קאנט, איז געווענ א קאָרעספּאָנדענצ אינ „פאָרווערטס”,[26] ווו זי איז געווענ אָפּגעדרוקט לויטנ אופטראָג פונ דער היגער אָרגאניזאציִע. אינ א וואָכ ארומ נאָכ דער דאָזיקער פײַערונג האָבנ זיכ צונויפגעקליבנ בא אנ 80 מענטשנ אגיטאטערנ אפ א מער ענגנ אָוונט. אפ דעמ אָוונט איז דורכגע-לייענט געוואָרנ א רעדע פונ א פּאָליטישנ כאראקטער, וואָס איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ לויט אזא פּלאנ: דער טאָכ פונ דער רוסישער צענטראליזאציִע; פּראָ-פעסיִאָנעלע פארייִנענ אונ דער פּאָליטישער קאמפ פונ פּראָלעטאריאט; די דאָ-זיקע פײַערונג האָט איבערגעלאָזנ א טיפנ רושעמ בא די אָנטיילנעמער. זי האָט זיכ אויסגעצייכנט מיט א שטארקער הארציקײַט.

נאָכ דער פײַערונג האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אפ וויפל עס איז אויסגעוואקסנ די לעצטע צײַט די באדערפעניש אינ בילדונג בא דער מאסע. מיט א באזונ-דער קראפט ווײַזט זיכ עס ארויס גראָד איצטער, וואָרעמ פיל קליינע האנטווער-

קער-פאַכן פון אונדזער שטאָט דערלעבן קעגטיק, זייערע לעצטע יאָרן. דער
עקאָנאָמישער קאמפּ איז צוליב דעם די לעצטע צײַט אביסל אָפּגעשוואכט גע-
וואָרן; אלץ מער ווײַזט זיך ארויס דעריבער בא דער מאסע א ניט באַפרידיק-
טער דאָרשט נאָך וויסן. די פריִערדיקע מיטלען פון פּראָפּאגאנדע און אגיטא-
טאציע, וואָס האָבן אנטשפּראָכן דער לעפּיערעכ-נישטיקער באַוועגונג לויט איר
גרייס נאָך, באַפרידיקט שוין ניט די אויסגעוואַקסענע באַדערפעניש אין ביל-
דונג בא דער מאסע. זשארגאָנישע צײַטונגען (אפּ זשארגאָן איז בא אונדז
ניטאָ אפילע קיין איין לעגאַלע צײַטונג), ביכער, בראָשורן, בלעטלעך,—אָט
וואָס עס איז איצט נייטיק דעם היגן פּראָלעטאריאט. דערמיט וואָלט מען
כאָטש וויפל ניט איז געקענט באַפרידיקן זײַנע גײַסטיקע פאָדערונגען.

---

# באַמערקונגען צום באַריכט פֿון ווילנע

1) אין 1893 זײַנען אין ווילנע פֿאָרגעקומען א ריי שטרײַקן פֿאַר א 10־שאָיִקן אַרבעט־טאָג. די אָנפֿירער פֿון די שטרײַקן איז אײַנגעפֿאַלן א געדאַנק צו אויסנוצן, אַלס הייבער פֿאַר דער ערשטער אויפֿוואַכונג פֿון דעם קלאַסעוון זעלבסטבאַוווסטזײַן פֿון די מאַסן, יעקאַטערינע דער 2־ערס ניט־אָפּגעשאַפֿענעם געזעץ, וועלכער שטעלט אײַן פֿאַר האַנטווערקערײַ, אַז „די אַרבעט-שאָען אין מעסלעס זײַנען פֿון 6 פֿרי ביז 6 אָוונט מיט א 2־שאָיִקן איבעררײַס אָפּ מיטעק“.

אין א קורצער צײַט איז געלונגען צו אַרויסרופֿן אין דער האַנטווערקערישער סוויווע א מאַסן־באַוועגונג פֿאַר אויפֿשטעלן ווידער דעם פֿאַרגעסענעם געזעץ (אַלס א קלאַל האָט דער אַרבעט־טאָג געדויערט 13—14 שאָ, נאָר ניט זעלטן אויך 16 שאָ, איבערהויפּט אין ברען פֿון סעזאָן). קאָלעקטיווע ביטעס מיט אונטערשריפֿטן זײַנען דערלאַנגט געוואָרן אין דער האַנטווערקערישער אופּראַווע, אין דער שטאָטישער אופּראַווע, דעם פּאָליצמייסטער, גובערנאַטאָר און דעם פֿאַבריק־אינספּעקטאָר אָפּט האָט די אַקשאָנעס פֿון די דאָזיקע שטאַדלאָנעסן געבראַכט צו פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, דורכ־האַקנדיק די טשינאָווניִשע גלײַכגילטיקײַט און די שוץ, וועלכע די מײַסטערס האָבן באַקומען מיצאַד דער אונטערגעקויפֿטער פּאָליציי: די מאַכט פֿלעגט נאַשטימען צו פֿאַרקירצן די אַרבעט־צײַט, און כאָטש די באַשטימונג פֿלעגט מערסטנטייל בלײַבן אָפּן פּאַפּיר, ־האָט זי דאָך געגעבן א נײַעם שטויס דעם קאַמף פֿון די אַרבעטער, וועלכע האָבן, סאָפּקאָלסאָפּ, אײַנגעפֿירט א 12־שאָיִקן אַרבעט־טאָג.

2) אין 1893—1894 האָט א באַדײַטנדיקער טייל פֿון די ווילנער פֿאָרגעשריטענע אַרבעטער געשאַפֿן די אַזוי גערופֿענע „אַרבעטער־אָפּאָזיציע“, וועלכע האָט געפֿירט א פֿאַראַקשנטן קאַמף קעגן דער טאַקטיק פֿון א מאַסעוווער אַגיטאַציע און קעגן דער אָרגאַניזירונג פֿון די פּראָפֿעסיִאָנעלע קאַסעס. די דאָזיקע אַרבעטער־אָפּאָזיציע האָט געטײַנעט, אַז די אײנציקע נוצלעכע פֿאָרמע פֿון סאָציִאַליסטיש דערציִען דעם פּראָלעטאַריִאַט איז דער מעטאָד פֿון קרײַזל־פּראָפּאַגאַנדע, דער אָנפֿירער פֿון דער ווילנער אַרבעטער־אָפּאָזיציע איז געוועזן אַבראַם גאָרדאָן (רעזשטשיק), וועלכער האָט זיך דערצויגן אין די נאַראָדנישע קרײַזלעך אין סאָף פֿון די 80־ער יאָרן. ־די דאָזיקע אָפּאָזיציע האָט מיט זיך פֿאָרגעשטעלט א האַלב נאַראָדנישע און האַלב מאַרקסיסטישע שטרעמונג אין דער אַנטשטייענדיקער סאָציִאַל דעמאָקראַטישער באַוועגונג פֿון ווילנע. בעראָש פֿון דער דאָזיקער אָפּאָזיציע זײַנען געשטאַנען: 1) אויסער גאָרדאָנען, 2) א. שקאַראַווסקי, יווילער; 3) דרעזעל (א שנײַדערן); 4) כ. פֿרירמאַן—פּאַפּיראָסן־מאַכער, מיכאיִל לוריע, מוישע לוריע; געשטאָרבן אין דער שווייץ אין 1912.

3) „רוסקי ראַבאָטשי“—אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין 1894 י. אַלס אַן אויסגאַבע פֿון פֿאַרבאַנד פֿון סאָציִאַל-רעוואָליוציִאָנערן ־(אַלטע נאַראָדאָוואָלצעס), דערשינען פֿון צײַט צו צײַט ביז פֿעוורואַל 1899־טן יאָר. אין דער דאָזיקער אויסגאַבע האָבן מיטגעאַרבעט א. טעפּלאָוו, כ. ראַפּאָפּאָרט, כ. זשיטלאָווסקי, ראָזענבוים און אַנדערע.

4) דאָ ווערט געמיינט דער „זשאַרגאָנישער קאָמיטעט“, וועלכער איז געגרינדעט געוואָרן אין 1895 און האָט עקזיסטירט ביז 1898. דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט איז געשאַפֿן געוואָרן מיט דעם צוועק צו אַרויסגעבן פּאָפּולערע נאַטורוויסנשאַפֿטלעכע ביכלעך און אויך אַרויסגעבן ליטעראַטור. דער זשאַרגאָנישער קאָמיטעט האָט געהאַט אָפּטיילונגען אין מינסק און אין ביאַלאָסטאָק. אין 1898 איז די גאַנצע אַרבעט אַריבער צו קאַלמען קראַפּיווניקאָוון. ער האָט געעפֿנט א בוכהאַנדלונג אָפּן נאָמען פֿון אווראָם גאָסעלניק. אין 1901 איז קראַפּיווניקאָוו אַרעסטירט געוואָרן און פֿאַרשיקט געוואָרן אין אַרכאַנגעלסקער גובערניע, און דאָרטן איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

5) „ראבאָטניק“ ניט קיין פּעריאָדישע אויסגאבע פון די רוסישע סאָציאַלדעמאָקראטן אונטער דער רעדאקציע פון פּלעכאַנאָוו. אָנגעהויבן צו דערשײַנען אין זשענעווע אין 1896. דערשינען 6 זאמלביכער אונטערן נאָמען „ראבאָטניק“ און 10 פלוג-בלעטער אונטער דעם נאָמען „ראבאָטשי ליסטאָק“.

6) די בראָשור „דער ייִדישער ארבעטער קעגן די ייִדישע קאפּיטאליסטן“ איז דערשינען אין ייִדיש אונטער דעם נאָמען „דער שטאָט-מאגיד“. די בראשור ווערט איבערגעדרוקט אין דעם דאָזיקן באנד.

7) דער אווטער פון דעם דאָזיקן בריוו צו די אגיטאטערן איז געווען ס. נ. גאָזשאנסקי, (לאָנוי).

8) „מילכאָמע פארן לעבן“ איבערגעזעצט [פון א. ליטוואק—כ. י. העלפאנד] אונטער דער רעדאקציע פון בן-אריה, ווילנע 1895 [איבערגעזעצט פון פּסעוודאָנימס [ש. אנ-סקיס] דערציילונג „История одного семейства“ אין „וואָסכאָד“ 1884 IX—XII].

9) אין די נײַנציקער יאָרן האָט י. ל. פּערעץ, ווי פיל אנדערע קלײנבירגערלעכע אינטעליגענטן, געמאכט א צײַטווײַליקן קער אפ לינקס. גענומען סימפּאטיזירן דעם ארבעטער-קלאַס, אָנגעהויבן שרײַבן אזעלכע דערציילונגען, לידער, וועלכע האָבן באריר‌ט די ארבעט-פראגן און געערדט מיט א רעוואָליוציאָנערער פראזעאָלאָגיע וועגן סאָציאַלע פּראָבלעמען. פּערעץ האָט אין 1891 אָנגעהויבן ארויסצוגעבן א זשורנאל „די ייִדישע ביבליאָטעק“. אין 1894 האָט ער ארויסגעלאָזן א זאמלבוך אונטערן נאָמען „ליטעראטור און לעבן“, און אין די יאָרן 1894—1896 האָט ער ארויסגעלאָזן 10 „בלעטלעך“ אונטערן נאָמען „די יאָנטעוו-בלעטלעך“. די „בלעטלעך“ זײַנען דערשינען אונטער די דאָזיקע פארשיידענע נעמען: „לעקאָווער פייסעך“, „דער פײַל און בויגן“, „גרינס אפ שוועס“, „דער טאָנעס“, „די טרייסט“, „דער שויפער“, „הוישײַנע“, „דאָס ליכטל“, „שאבעס-אויבס“, „האָמענטאש“; אינעם יאָר 1895—1896 די „בלעטלעך“: „קאָל כאמירא“, „דער אוימער“, „ביקורים“, „טאמוז“, „לעשאָנעטויווע“, „כאמישאָסער-אוינעג שאבעס“. אין די „יאָנטעוו-בלעטלעך“, ווי אויך אין אנדערע זײַנע אויסגאבעס פון יענער צײַט („ליטעראטור און לעבן“, „די ייִדישע ביבליאָטעק“), איז פּערעץ בא דער מיטארבעט פון א גרופּע יונגע קלײנבירגערלעכע ראדיקאלע שרײַבער (ווי דאַוויד פּינסקי און אנד.) ארויס אין קאמפּ קעגן דער שווארצער רעאקציע, וואָס האָט געהערשט אין דער ייִדישער סוויווע אין די 90-ער יאָרן און פארשפרייט איר ווירקונג אויך צווישן די ארבעטנדיקע מאסן, קעגן דעם קלעריקאליזם און כיבעס-ציען, קעגן דעם ליבעראליזם, קעגן דער דעמלטיקער אומגעהייערער עקספּלואטאציע פון די האָרעפּאַשנע מאסן מיצאַד דעם מיטלאלטערלעכן גוויר און מאָדערנעם קאפּיטאליזם. און האָט געפירט דעם דאָזיקן קאמפּ אי דורכן פּובליציסטישן, אי דורכן קינסטלערישן וואָרט. אין פּערעצעס אויסגאבע פון יענער צײַט זײַנען פארעפנטלעכט געוואָרן די בעסטע ווערק פּערעצעס און פּינסקיס אפ סאָציאַלע טעמעס, ווי „באָנציע שווײַג“, „שטרײַמל“, „כאסענע געהאט“, „באם פרעמדן כופּע קלייד“, „גוט-יאָנטעוו ביטן“, „אויסגעפירט“, „כאַים מעשאָרעס“, און אנד. די „יאָנטעוו-בלעטלעך“ האָבן אופגערודערט דעם ייִדישן-באלעבאטישן געמויזעכץ און ארויסגערופן א קאָנטער-אָנגריף קעגן זייער ארויסגעבער מיצאַד דער באלעבאטישער געזעלשאפטלעכקײַט און אירע וואָרט-פירער.

די „יאָנטעוו-בלעטלעך“ האָבן אָבער ניט געהאט קיין אײנהײַטלעכן אידעאָלאָגישן פּארצעף. צוזאמען מיט דער קריטיק פונעם קאפּיטאליזם האָבן זיי פארשפרייט אין די מאסן אויך נאצדעמישע און רעאקציאָנער-ראָמאנטישע אידייעס און דערמיט געדינט דער בורזשואזער וועלט, וועלכע זיי האָבן קריטיקירט. אין דער פּאָזיטיווער פּראָגראם פון די „יאָנטעוו-בלעטלעך“ האָט זיך ארויסגעוויזן די גאנצע אידעאָלאָגישע באגרענעצטקײַט פון דעם שיכט, וועלכן זיי האָבן אויסגעדריקט, זײַן אָפּגעשטאנענקײַט, סטירעדיקײַט, דאָס האָט געהאט א באשטימטע ווירקונג אויך אפ דעם כאראקטער פון דער קריטיק פונעם קאפּיטאליזם“.

די „יאָנטעוו-בלעטלעך“ האָבן געהאט א גרויסן דערפאָלג צווישן די דעמאָקראטישע לייענער-שיכטן און אויך אפ די ארבעטער-לייענער. גענויער וועגן פּערעצעס שאפן אין יענער עפּאָכע זע א. ראָזענצווײַגס בוך „דער ראדיקאלער פּעריאָד פון פּערעצעס שאפן“, אויסגאבע פון אוקראַיִנישן אינסטיטוט פאר ייִדישער פּראָלעטארישער קולטור. די באמערקונג איז צוזאמענגעשטעלט לויט דעם דאָזיקן אָנגעוויזענעם בוך.

10) די בראָשור „לאנג און מאָגער“ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

11) דערשינען אונטערן טיטל „די גליקן“ פון רוון דעם בערדיטשעווער. אַן ערציילונג פון ייִדישן לעבן. ווילנע, 1896. ווערט געדרוקט אין דריטן באנד.

12) די בראשור „א וויקועכ וועגן מאזל“ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

13) דער „העספּעד אפ אלעקסאנדער דעם דריטן“ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

14) די בראשור „דער 19־טער פעווראל״ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

15) די בראָשור „די מייסים, פון דעמ' געוועזענעם מיניסטער קריוואָשעין״ איז דערשינען א העקטאָגראפירטע אונטערן נאָמען „ווי דער מיניסטער באזאָרגט זיך וועגן די ארבעטער״. די בראָשור ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

16) „א רעדע אפ פורים״ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

17) דער נאָמען פון דער בראָשור איז געווען „אן אסיפע פון פערדלעך״. די בראָשור האָט זיך אונדז דערווײַל ניט אײַנגעגעבן צו געפינען. דער אווטער פון דער „אסיפע פון פערדלעך״ איז הורוויטש, וועלכער וווינט איצט אין מאָסקווע.

18) די בראָשור „יהי אור״ איז צום ערשטן דערשינען אין לאָנדאָן אין 1884. דער מעכאבער פון דער בראָשור איז מאָריס ווינטשעווסקי. די בראָשור דרוקן מיר איבער אין ערשטן באנד פון דער דאָזיקער ארבעט.

19) די האגאָדע דרוקן מיר אין ערשטן באנד פון דער דאָזיקער ארבעט.

20) דאָ ווערט געמיינט די בראשור, וועלכע איז דערשינען אין ענגלאנד אונטער דעם טיטל „די אידישע הילף אָדער: וואָס איז דיא מכה און וואָס איז דיא רפואה? א לעהרביכעל פיר אידלעך פון דיא אלטע וועלט. פערפאסט פון ב. פייגענבוים; ארויסגעגעבען פון פריינדע און גענאָססען פון פארפאססער״.

21) דער אווטער פון דעם ביכל איז געווען ב. פייגנבוים. דעם דאָזיקן ביכל האָט דערנאָך די פוילישע סאָציאַליסטישע פארטיי (פּ. פּ. ס.) איבערגעדרוקט און אין מעשעך פון א ריי יאָרן פאר-שפרייט צווישן די יידישע ארבעטער.

22) די בראָשור „וואָס יעדער ארבעטער דארף וויסן און געדענקען״ ווערט איבערגעדרוקט אין דריטן באנד.

23) ש. דיקשטיינס בראשור „פון וואָס איינער לעבט״ איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין יידיש אין לאָנדאָן אין 1887, זי ווערט איבערגעדרוקט אין ערשטן באנד.

24) די רעדע „וועגן די טעאָרעטישע און פראקטישע דערפאָלגן פון דער היגער באוועגונג״ האָט געהאלטן ל. מארטאָוו. אין דער דאָזיקער רעדע האָט מארטאָוו אנטוויקלט דעם נאציאָנאליס-טישן געדאנק, אז די יידישע ארבעטער מוזן שאפן א ספּעציעלע יידישע אָרגאניזאציע אפ צו פאר-טיידיקן זייערע ספּעציעלע יידישע אינטערעסן. ער האָט דערקלערט:

„אין די ערשטע יאָרן פון אונדזער באוועגונג האָבן מיר אונדזער גאנצע רעטונג געווארט פון דעם רוסישן ארבעטער־קלאס; אפ זיך אַליין האָבן מיר דעמלט געקוקט, ווי אפ א צוגאָב צו דער רוסישער ארבעטער־באוועגונג. דאָס האָבן מיר געיאַרשנט פון דער יידישער בורזשואזיע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס זי קימערט זיך ווייניק וועגן דער יידישער נאציע, און מיט דעם, וואָס זי גלויבט ניט אין די יידישע מאסן. נאָר אונדזער באוועגונג האָט זיך געמוזט אָפּזאָגן פון דער ירושע פון דער בורזשואזיע.

דורך דעם, וואָס מיר האָבן אין צענטער פון אונדזער פראָגראם אוועקגעשטעלט די מאסן־ארבעט, האָבן מיר געמוזט זען, אז אונדזער אגיטאציע און פראָפּאגאנדע זאָלן זײַן צוגעפּאסט צו די מאסן, ד. ה. מאכן זיי מער יידיש...

... דערבײַ אָבער ווייסן מיר אויך, אז מיר קענען ניט דערווארטן אַלץ, ווי פריער, פון דער באוועגונג פון דעם רוסישן פּראָלעטאריאט, ווי אונדזער בורזשואזיע דערווארט קאָלטוור און כעסער פון דער רוסישער רעגירונג און פון באאמטלעכן ליבעראליזם. מיר דארפן פארשטיין, אז דער רוסי־שער ארבעטער־קלאס וועט אפּן וועג פון קלאסן־אנטוויקלונג אָנטרעפן אזעלכע שטערונגען, אז יעדער קלענסטער זיג וועט אים קאָסטן שרעקלעכע אָנשטרענגונגען. דעריבער וועט ער נאָר דורך א שטענדיקן פעסטן קאמף זיך קענען דערשלאָגן איינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע פארבעסערונג נאָך דער אנדערער; און אויב אזוי, איז קלאָר, אז וועג דעם רוסישן פּראָלעטאריאט וועט אויסקומען מאקריוו צו זײַן וועלכע עס איז פון זײַנע פאָדערונגען, קעדיי צו דערגרייכן כאָטש וועלכע עס איז פארבעסערונגען, וועט ער אין אזא פאל, געוויינטלעך בעסער מאקריוו זײַן די פאָדערונגען, וועלכע זײַנען נעגייע נאָר ספּעציעל דעם יידן, ווי צ. ב. פרײַהײַט פון רעליגיע אָדער גלײַכע רעכט פאר יידני־

אָט פארוואָס מיר דארפן אָפּ און דײַטלעך זאָגן, אז אונדזער ציל, דער ציל פון יידישע טעטיקע סאָציאַל־דעמאָקראטן. באשטייט אין דעם, וואָס מיר דארפן שאפן א ספּעציעלע יידישע ארבעטער־אָרגאניזאציע, וועלכע זאָל זײַן אן אָנפירערן און דערציערן פון יידישן פּראָלעטאריאט אין זײַן קאמף פאר עקאָנאָמישער בירגערלעכער און פּאָליטישער באפרײַונג״.

מיט מארטאָווס רעדע הייבט זיך אָן דער אזויגערופענער „סאָציִאַליסטישער“ נאציִאָנאַליזם אין דער ארבעטער־באוועגונג. אבער מארטאָווס לאָזונג צו שאפן א באזונדער יִדישע ארבעטער־פארטיי איז פון די יִדישע ארבעטער באקעמפט געוואָרן. די יִדישע ארבעטער פון ווילנע האָבן אופגעוואָרפן מארטאָוון, אז מיט זײַנע ארגומענטן פלאנצט ער אײַן בא די יִדישע ארבעטער אומצוטרוי צו זייערע ברידער פון אנדערע פעלקער, און אז זײַנע געדאנקען זײַנען שעדלעך פאר דער ארבעטער־באוועגונג.

דעם דאָזיקן שעדלעכן נאציִאָנאַליסטישן געדאנק האָבן שפּעטער די גרינדער פון „בונד“ גע־לייגט אלס יעסאָד פון בונדיזם, און מיט פיל יאָר שפּעטער האָט דער „בונד“ איבערגעדרוקט מאר־טאָווס רעדע אונטער דעם נאָמען „די נײַע עפּאָכע“ און דורך דעם פארשפּרייט צווישן די יִדישע מאסן דעם נאציִאָנאַליזם און בונדיזם.

25) „נײַעס אויס רוסלאנד“ דערשינען אין 1894. רעדאקטערן שווייץ, א. קרעמער און מ. טאָביאש. ביז איצט איז נאָך אונדז די דאָזיקע צײַטונג נִיט געלונגען צו געפינען.

26) דעם 8 מײַ 1896 איז אין בערלינער „פאָרווערטס“, אָפּגעדרוקט א קורצער באריכט וועגן א מײַ־פײַערונג אין א שטאָט פון מײַרעװ־געגנט. אין דעם באריכט ווערט מיטגעטיילט:

„אין אונדזער שטאָט האָבן אין דעם טאָג די יִדישע ארבעטער דעם מײַ־יאָנטעוו געפײַערט. אין דער מײַ־פייערונג האָבן זיך באטייליקט ארום 550 מענטשן פון די 3000 יִדישע ארבעטער, וועלכע זײַנען אָרגאניזירט אין די קאַסעס (יִדישע געווערקשאפטן). די פײַערונג איז פאָרגעקומען אין דרײַ פארשיידענע ערטער אונטערן שטאָט, אונטערן פרײַען הימל.

אין די דרײַ פארשיידענע ערטער האָבן די פארזאמלטע געהאט רויטע פאָנען. אף איין זײַט פון דער פאָן איז אף יִדיש געווען געשריבן: „ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט אײַך!“; אף דעם צווייטן איז געווען געשריבן „מיר קעמפן פאר פרײַהײַט פון פארזאמלונגען, שטרײַקן, רעדעס און פרעסע“.

אף איינע פון די פארזאמלונגען זײַנען געהאלטן געוואָרן דרײַ רעדעס אין יִדיש. אייג רעדע וועגן דער באדײַטונג פונעם ערשטן מײַ, א צווייטער האָט געלייענט א באריכט וועגן דער באוועגונג אין אונדזער שטאָט (ווילנע) און אויסער דעם זײַנען געהאלטן געוואָרן צוויי רעדעס פון פאָליטישן כאראקטער. איין ארבעטער האָט פאָרגעלייענט א רעוואָלוציִאָנערן געדיכט, וואָס איז געווען געווידמעט די כאוויירים, וועלכע לײַדן פון די פאָליטישע פארפאָלגונגען. עס זײַנען אויך געזונגען געוואָרן רעוואָלוציִאָנערע לידער, און עס זײַנען געמאכט געוואָרן טאָסטן. אין וועלכע מע האָט געווונטשן, אז דער אבסאָליוטיזם זאָל פאלן, און אנדערע רעוואָלוציִאָנערע טאָסטן“.

די אויטערס פון דעם ווילנער באריכט מיינען געוויס דעם דאָזיקן קורצן באריכט פון בער־לינער „פאָרווערטס“.

---

# פיר רעדעס

## פון ייִדישע ארבעטער

אפ דער ערשטער מײַ־פײַערונג אינ 1892 י.

# די ערשטע מײַ־פײַערונג אין ווילנע אין 1892

אין 1889 י. האָט דער קאָנגרעס פון II אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז פאָרנעקומען אין פּאַריזש, אָנגענומען א באשלוס אײַנצואָרדענען צו יעדן ערשטן מײַ דעמאָנסטראַציעס אין אַלע לענדער מיט פאָדערונגען פאַר אַן אַכטשאָיִקן ארבעט־טאָג. מיט 2 יאָר שפּעטער, אין 1891, האָבן די פּעטערבורגער ארבעטער צום ערשטן מאָל געפײַערט דעם ערשטן מײַ און אין 1892 האָבן די יידישע ארבעטער פון ווילנע זיך באַטייליקט אין פײַערן דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַלן פּראָ־לעטאַרישן יאָנטעוו. אין דער דאָזיקער מײַ־פײַערונג האָבן זיך באַטייליקט 100 ארבעטער, וועל־כע האָבן זיך צונויפגעקליבן אַף אַן אונטערערדישער פאַר־זאַמלונג, אַף וועלכער צוויי אַר־בעטערנס און צוויי ארבעטער* זײַנען ארויסגעטראָטן מיט רע־דעס, אין וועלכע זיי האָבן גע־רעדט וועגן דער באַדײַטונג פון ערשטן מײַ און וועגן אַנדערע פראַגעס.



ПЕРВОЕ МАЯ 1892 ГОДА.

ЧЕТЫРЕ РѢЧИ
ЕВРЕЙСКИХЪ РАБОЧИХЪ
съ предисловіемъ.

ЖЕНЕВА.
Типографія „Соціальдемократической Библіотеки“.
1893.

Половина сбора назначается въ пользу ссыльныхъ и заключенныхъ.

די ערשטע רעדנערן האָט אָנגעוויזן אַף דער באַדײַטונג פון ערשטן מײַ, געשילדערט די לאַגע פון די ארבעטער און גערופן צום קאַמף מיט די באַ־לעבאַטים און צום קאַמף פאַר פרײַהײַט.

די צווייטע רעדע האָט אויך געהאַלטן אַן ארבעטערן. די דאָזיקע רעדע איז אינגאַנצן געווידמעט דער פרויען־פראַגע. אין דער רעדע איז די לאַגע פון דער פרוי כאַראַקטעריזירט אַף אַזאַ אויפן:

„פריער פון אַלץ — האָט די צווייטע רעדנערן געזאָגט — דאַרפן מיר ניט פאַרגעסן, אַז די פרויען־פראַגע איז ניט קיין באַזונדער פראַגע, נאָר, אַז זי איז אַ טייל פון דער אַלגעמיינער סאָציִאַלער פראַגע, און אַז די הויפּט־סיבע פון דער פאַרשקלאַפונג פון דער פרוי איז די איצטיקע עקאָנאָמישע אָרדענונג. דעריבער קענען מיר, פרויען, ניט אָפּטיילן אונדזער פראַגע פון דער אַלגעמיינער סאָציִאַלער; דעריבער זײַנען מיר אינגאַנצן סאָלידאַר מיט דער זאַך פון אַלע פּראָלעטאַריִער; מיר האָבן אַלע איין סוינע, מיט וועלכן מיר דאַרפן

* די רעדעס האָבן געהאַלטן: פאַניע רעזניק—אַ שנײַדערן (געשטאָרבן אין 1896); מאָטל מײַזל—אַ יובילער; געשקאָוויץ—דאַן געווען אַ קאַמאַשן־שטעפּער און דערנאָך געוואָרן אַ צײַנ־דאָקטער. העלענע העלפאַנד—אַ שנײַדערן, וווינט איצט אין לענינגראַד.

צוזאמענקעמפן. מיר וועלן אלע באקומען אונדזער פולשטענדיקע באפרײַונג נאָר אין א סאָציאַ־ליסטישער געזעלשאפט, דעריבער דארפן מיר זיך באמיִען צו דערנעענטערן איר אָנקומען״.

אַט וויאזוי עס האָט צום ערשטן מאָל געקלונגען א יידישע ארבעטער־פראגע.

די דריטע רעדע האָט געהאלטן אן ארבעטער. אין אָנהייב פון דער רעדע האָט דער רעדנער זיך באַשעפטיקט מיט דער באַדײַטונג פון דעם ערשטן מײַ־יאָנטעוו און האָט דערקלערט:

„מיר, יידן, „רוסישע אונטערטאנער״, זאָגן זיך אָפּ פון אונדזערע אייגענע יאָנטויווים. מיר שליסן זיך אָן אין די רייען פון די סאָציאַליסטן און זײַנען פאר זייער יאָנטעוו, וואָס זיי האָבן זיך דערשלאָגן. אונדזערע (יידישע) יאָנטויווים, וואָס מיר האָבן געיארשנט פון אונדזערע זיידעס, וועלן, סאָפּקאָלסאָפּ, מוזן פארשווינדן צוזאמען מיט דער אלטער אָרדענונג.

זאָלן מיר אופהייבן הויך די רויטע ארבעטער־פאָן, אָפּ וועלכער עס איז אופגעשריבן די ווערטער, וועלכע האָבן מעכטיק געקלונגען איבער דער גאנצער וועלט — די ווערטער פון אונדזער געניאלן לערער קארל מארקס: „ארבעטער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך״!

די פערטע רעדע האָט אויך געהאלטן אן ארבעטער. אין דער לעצטע רעדע האָט דער רעדנער זיך באשעפטיקט מיט דער פראגע, צי דארפן די יידישע ארבעטער זיך באטייליקן אין דער סאָציאַליסטישער באוועגונג, אָדער פאָלגן די, וואָס זאָגן, אז יידן דארפן גיין אין פאלעסטינע און דאָרט זוכן צו לייזן די יידן־ און ארבעטער־פראגע. דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אז די לײַדן פון די יידן זײַנען א פועל־יוצא פון דער קאפיטאליסטישער אָרדענונג, און אז די אונטערדריקטע יידישע מאסן קענען ניט באפרײַט ווערן דורך אנטלויפן אין פאלעסטינע, אָדער דורך רעם, וואָס מע וועט זיצן מיט פארלייגטע הענט און ווארטן אָפּ הילף פון אויבן, דער רעדנער האָט אָנגעוויזן, אז:

נאָר פון אונדז אליין הענגט אָפּ אונדזער דערלייזונג און רעטונג, אָפּ וויפל עס איז מעגלעך דארף יעדער זיך לערנען און לערנען אנדערע און אָפּ אזא אויפן העלפן אין די ערשטע צײַטן גרינדן קליינע קרײַזלעך, און די דאָזיקע קרײַזלעך וועלן אין דער צוקונפט אונדז געבן די פולע מעגלעכקײַט זיך פאראייניקן און ווערן מיטגלידער פון דער גרויסער אלוועלט־לעכער קעמפנדיקער פארטיי פון ארבעטער, וועלכע וועלן, האנדלענדיק צוזאמען, זיך דער־שלאָגן זייער מענטשלעכע רעכט. דאן וועט פארווירקלעכט ווערן די עמעסע פרײַהײַט, ברידערלעכקײַט און גליק פאר דער גאנצער מענטשהײַט און אויך ניט אויסגעשלאָסן די יידן״...

די דאָזיקע רעדע איז, ווי די לייענער וועלן זען, ניט אינגאנצן פרײַ פון יידישע נאציאָנא-ליסטישע טראדיציעס. אין דער זעלביקער צײַט, ווען דער רעדנער טרעט מיט דער גאנצער שארפ-קײַט ארויס קעגן די, וואָס רופן די אונטערגעדריקטע יידישע מאסן אין פאלעסטינע, און ווײַזט אָן, אז די באפרײַונג פון די יידן קען קומען נאָר דאן, ווען מען וועט זיך דערשלאָגן פרײַהײַט, ען-דיקט דער רעדנער זײַן רעדע מיט אזעלכע ווערטער:

„מיר, יידן, דארפן ניט אראָפּפאלן און שעמען זיך. וואָס מיר געהערן צו דער „שענדלע־כער״ יידישער ראסע. די געשיכטע פון די יידן גיט אונדז די רעכט אָפּ דעם. זי האָט אויך אירע גלענצנדיקע זײַטלעך. ס׳איז נאָך ניט געווען אָפּ דער וועלט אזא נאציע, וואָס זאָל קענען אזוי העלדיש שטארבן פאר איר גלויבן, ווי די יידישע. לאָמיר זשע אויך, דער יונגער דאָר, נעמען א בײַשפּיל פון אונדזערע זיידעס און ווײַזן אונדזער העלדן-מוט אין קאמף פאר דער באפרײַונג פון דער מענטשהײַט״.

אין די דאָזיקע רעדעס איז זייער ווייניק בארירט געוואָרן די פראגע וועגן דער נייטיקײַט פון פאָליטישן קאמף און וועגן קאמף קעגן צאריזם. דער טראָפּ ווערט אין די דרעס געשטעלט נאָר אָפּ דעם עקאָנאָמישן קאמף.

אין 1893 יאָר האָט די „סאָציאַל־דעמאָקראטישע ביבליאָטעק״ פון זשענעווע ארויסגעגעבן די דאָזיקע פיר רעדעס אין א ביכעלע אָפּ רוסיש מיט א גרויסן פאָרוואָרט, אין וועלכן עס ווערט אָפּגעשאצט די באַדײַטונג פון דעם, וואָס די רוסיש־יידישע ארבעטער זײַנען דערשינען אָפּ דער ארענע פון קלאסנקאמף, אין דעם קאמף־יאָנטעוו פון אלוועלטלעכן פראָלעטאריאַט. אין דעם דאָזיקן פאָרוואָרט איז קריטיקירט געוואָרן דאָס, וואָס אין די רעדעס איז אזוי ווייניק געזאָגט געוואָרן וועגן פאָליטישן קאמף.

אין יידיש ווערט צום ערשטן מאָל פארעפנטלעכט די גאנצע בראָשור, ד. ה., די פיר רע-דעס מיטן גאנצן פאָרוואָרט.

די איבערזעצונג איז געמאכט געוואָרן פון דער רוסישער בראָשור, וועלכע איז דערשינען אין 1893. דעם רוסישן טעקסט פון דער בראָשור דרוקן מיר אויך איבער אין דעם באנד.

---

# פאָרוואָרט

די פאָרשטייער פונ די מײַרעוו־אײראָפּײִשע אונ אמעריקאנער ארבעטער, וואָס האָבנ אפּנ פאריזשער קאָנגרעס אינ 1889 י. אָנגענומענ דעמ באשלוס אײַנאָרדענענ אלע יאָר א מײַ-דעמאָנסטראציע פאר אנ אכטשאָ‏ִקנ ארבעט־טאָג, האָבנ מיסטאמע גאָר ניט גערעכנט, אז בעסאכאקל אינ צוויי יאָר ארומ וועלנ אינ אָט דער צווישנפעלקערלעכער דעמאָנסטראציע זיכ באטייליקנ אויכ רוסישע ארבעטער, אז בעסאכאקל אינ 3 יאָר ארומ וועלנ זיכ צו דער דאָזיקער דעמאָנסטראציע אָנשליסנ אויכ רוסיש-ייִדישע ארבעטער.

די דאָזיקע געשעעניש, וואָס איז, אָנ שומ צווייפל, א באווײַז, אז עס איז אופגעקומענ א זעלבשטענדיקע ארבעטער-באוועגונג אינ רוסלאנד, איז נאָכמער דערפרייענדיק, וואָרעמ זי קומט פאָר אינ א מאָמענט פונ אלגעמיינעמ שטיל-שטאנד, פונ אלגעמיינער געפאלנקײַט צווישנ די רוסישע רעוואָליוציאָנערנ. מיר זאָגנ: נאָכמער דערפרייענדיק, ווײַל דער דאָזיקער אומשטאנד שטרײַכט אונטער באזונדערס שארפ די זעלבשטענדיקײַט אונ, הייסט עס, אויכ די לעבנפייִקײַט פונ דער ארבעטער־באוועגונג, וואָס ווערט בא אונדז געבאָרנ. אכוצדעמ, איז די מײַ-רעדעס פונ אונדזערע ארבעטער, סײַ די רעדעס, וואָס עס האָבנ גע-האלטנ די פעטערבורגער ארבעטער דעמ 1־טנ מײַ 1891 יאָר, סײַ די רעדעס, וואָס מיר ברענגענ דאָ אונ וואָס עס האָבנ געהאלטנ רוסיש-ייִדישע ארבעטער דעמ 1־טנ מײַ 1892 יאָר—באווײַזנ קלאָר שוינ גופע מיט זייער אינהאלט, אז די פּיאָנערנ פונ דער רוסישער ארבעטער-באוועגונג שטייענ גאָרניט אָפּ סײַ מיט זייערע אינטעלעקטועלע, סײַ מיט זייערע מאָראלישע אייגנשאפטנ פונ די בעסטע פאָרנעשריטענע ארבעטער פונ מײַרעוו-אײראָפּע. דער זעלביקער קלאָרער קלאסנ-באוווסטזײַנ, די זעלביקע זעלבשטענדיק־דורכגעטראכטע געדאנקענ אונ האנאָכעס פונעמ צווישנפעלקערלעכנ ארבעטער־סאָציאליזמ, דאָס זעלביקע טי-פע פארשטיינ די סאָלידארישקײַט (די זעלביקײַט, פרײַנטשאפט) פונ די אינ-טערעסנ, כאווערישנ בונד פונ אלע ארבעטער אָנ אונטערשייד פונ גלויבנ, פאָלק אונ געשלעכט, די זעלביקע לײַדנשאפטלעכע שטרעבונג צו וויסנ, צו זעלבסט-בילדונג, דער זעלביקער לײַדנשאפטלעכער דראנג צומ קאמפ, די זעלביקע גרייטקײַט פאר אלע קאָרבאָנעס פאר מאקרעוו צו זײַנ זיכ זעלבסט אינ נאָמענ פונ די אייגענע איבערצײַגונגענ, דער זעלביקער שטאָלצער באוווסטזײַנ פונ דער היסטאָרישער ראָליע, דעמ היסטאָרישנ בארופ פונעמ פראָלעטאריאט (אר־בעטער-קלאס). ענדלעכ, די זעלביקע אומוואקלדיקע זיכערקײַט אינעמ זיג—

מיט איינ וואָרט, אלע ווערטפולע שטריכנ פונעם אינטעלעקטועלנ אונ מאָראלישנ
פּארצעפּ פונ די פאָרגעשריטענע אייראָפּייִשע ארבעטער צייכענענ אויס אויכ
אונדזערע אָראטערנ.

די רעדעס, וועלכע ווערנ דאָ פאָרגעלייגט, זייַנענ באַזונדערס ווערטפול
דערמיט, וואָס דאָס זייַנענ רעדעס פונ רוסיש-יִדישע ארבעטער. צום ערשטנ
מאָל, זינט עס איז אופגעקומענ די רוסישע רעוואָליוציאָנערע באַוועגונג, דע-
קלארירנ וועגנ זיכ יִדנ־ארבעטער מיט אזא רעוואָליוציאָנערער אונ סאָ-
ציאליסטישער זאכ, ווי דאָס פייַערנ דעמ 1-טנ, מייַ אונ האלטנ רעדעס, דורכגע־
דרונגענע מיטנ גייַסט פונ דער צווישנפעלקערלעכער סאָציאל-דעמאָקראטיע,
צווישנפעלקערלעכנ ארבעטער-סאָציאליזמ. צום ערשטנ מאָל צערייַסנ יִדנ־אר-
בעטער אינ רוסלאנד באַוווּסטזיניק אונ אנטשלאָסנ מיט די ענגע טראדיציעס
אונ אָנשויונגענ פונעמ יִדישנ פאָלק, קעדיי צו פארייניקנ זיכ מיט דער גרויסער
צווישנפעלקערלעכער ארבעטער-ארמיי, וואָס קעמפט פאר דער באַפרייַונג
פונעם ארבעטער-קלאס אונ דעמ לייַדנדיקנ פאָלק ביקלאל. אונ אינ וואָס פאר
א צייַט קומט פאָר אָט די געשעעניש? אינ דער זעלביקער צייַט, ווענ די צא-
רישע רעגירונג פארפאָלגט די יִדנ מיט א באַזונדער אכזאָריעס, אלע יִדנ,
די יִדישע נאציאָנאליטעט, אָנ אונטערשייד פונ גראד, שטאנד אונ
באשעפטיקונגנ. *

לאָמיר דאָ זאָגנ א פּאָר ווערטער וועגנ די דאָזיקע פארפאָלגונגענ קעגנ
יִדנ. די רעגירונג, וואָס האָט מיט אירע שטייַערנ צערויִנירט דאָס גאנצע רו־
סישע פאָלק, וויל פונדעסטוועגנ אייַנשמועסנ די נארישע „פרייַע אונטערטאנער“,
אז אלעמאָל אונ שטענדיק דייַגעט זי נאָר וועגנ גליק פונ פאָלק. איז אָט האָט
זי אָנגעהויבנ פארפאָלגנ יִדנ, קעדיי צו באַווייַזנ, אז זי שענקט ניט די סאָנימ
פונ פאָלק. מאָלט אייַכ, אז יעדער מענטש מיט א געזונטנ פארשטאנד ווייס אויס-
געצייכנט, אז אינ יענעמ גוואלטיקנ גרויסנ טייל רוסלאנד—אינ טיפ רוסלאנד, אינ
גרויס-רוסלאנד, וואָלגע־קאנט אונ אנד.—ווו קיינ יִדנ הערט מענ ניט אונ. מע זעט
ניט קימאט, לייַדט דאָס רוסישע פאָלק ניט ווייניקער צאָרעס, איידער אינ דאָרעמ־
מייַרעוו־רוסלאנד, ווו עס וווינט די גאנצע מאסע פונ רוסישנ יִדנטומ. פארקערט,
דער שרעקלעכער הונגער, וואָס האָט געמאכט א טעל פונ גאנצע מיליאָנענ אומ־
גליקלעכע פויערימ, האָט געוויל דעוועט אונ ווילדעוועט נאָכ טיילווייַז ביז
איצט אינ בייַוואָלגע-קאנט אונ אינ טיפ רוסלאנד, דאָס הייסט, דאָרטנ, ווו קיינ
יִדנ, ווי ס'איז געזאָגט, זייַנענ קימאט ווי גאָר ניסאָ. אכוצדעמ, ווייס ווידער
יעדער פארשטענדיקער מענטש אויסגעצייכנט, אז די קולאקעס, די הויטשינדער,
די מענטשנ־פרעסער פונ די קריסטנ רויבנ פונקט אזוי געוויסנלאָז דאָס ארבע-
טער-פאָלק, ווי די ארענדאטערס, די שענקערס, די וואָכערניקעס (פּראָצענטני-
קעס) פונ יִדנ. עס ווייס, צומ סאָפ, יעדער פארשטענדיקער מענטש אויכ, אז
די גרעסטע מערהייַט יִדנ לעבט אינ דער זעלביקער אָרעמקייַט, ווי דער פּרא־
וואָסלאווגער אָרעמער אוילעמ, אז די אָרעמע יִדנ, ארבעטער אונ באלמעלאָ-

* די „פאָלקליבנדיקע“ רעגירונג, מאכט, אגעוו, א גענעדיקנ אויסנאמ לעטוויועס די רייַכע
יִדנ. די יִדישע גווירימ קענענ אי לויטנ געזעצ, אי מיט דער הילפ פונ אונטערקויפנ די
העכערע אונ נידעריקע טשינאָווניקעס פונקט אזוי פרייַ אָנשטאָפּנ זייערע קעשענעס אונ זייער בויכ
אפנ כעזשבנ פונ ארבעטער־אוילעמ, ווי די גווירימ־קריסטנ. אָט אזוי באשיצט עס דער צאר דאָס
רוסישע פאָלק פונ די רייַכע רויבער פונ אלע פעלקער!

כעס, לײַדן פונקט אזוי פון דער רויבערײַ פון די באלעבאטים און פאבריקאנטן, ווי די קריסטלעכע ארבעטער און באלמעלאָכעס. דאָס אלץ ווייס גוט יעדער פארשטענדיקער און קלוגער מענטש. נאָכמער, דאָס אלץ ווייס אויסגעצייכנט די אומגעלומפּערטע צארישע רעגירונג. נאָר פונדעסטוועגן, האָט די דאָזיקע רעגירונג אָנגעהויבן פארפאָלגן יידן, ווײַל יידן זײַנען, קלוימערשט, די איינציקע און געפערלעכסטע סאָנים פון רוסישן פאָלק! פארוואָס-זשע? דערפאר, וואָס זי האָט געוואָלט פארבלענדן דעם פאָלק די אויגן, צווינגען דאָס פאָלק פארגעסן, אז זי אליין, די רעגירונג, איז די הויפּט־סיבע פון אלע פאָלק-לײַדן. ווײַל זי האָט געוואָלט א בארים טאָן זיך מיט איר סטארען זיך פארן פאָלק־נוצן. די רעגירונג האנדלט אויך אין דעם דאָזיקן פאל מיטן פאָלק, ווי א געשיקטער גאנעוו האנדלט מיט א זינלאָזן הונט: דער גאנעוו, וואָס שארט זיך צום פרעמדן פארמעגן, ווארפט אונטער דעם וואַך-הונט א וועלכע ניט איז ביין, קעדיי דער הונט זאָל זיך פארנעמען מיט דער אונטערגעוואָרפענער ביין און זאָל אים ניט שטערן גאנווענען. די יידן—דאָס איז יענע ביין, וואָס די גנייווישע רעגירונג ווארפט אונטער דעם פאָלק, קעדיי פארבלענדן אים די אויגן.

יאָ, דער צאר און זײַנע מעשאָרסים האָבן געלײַגט און אָפּגענארט דאָס רוסישע פאָלק, באהויפּטנדיק, אז זיי פארפאָלגן די יידן, קעדיי באשיצן דאָס פאָלק פון יידישער רויבערײַ.

דאָס זעט מען באזונדערס קלאָר פונעם פאָלגנדיקן:

וואָס פאר א דײַגע איז דעם רוסישן פאָלק, צי אין רוסלאנד וועט זײַן מער יידישע דאָקטוירים, אדוואָקאטן, צי ווייניקער? זאָלן כאָטש אלע רוסישע יידן ווערן דורכויס דאָקטוירים און אדוואָקאטן—דעם פאָלק איז פון דעם ניט קאלט, ניט ווארעם. אָדער, ריכטיקער געזאָגט, דעם פאָלק וואָלט בעסער געלוינט, אז אין רוסלאנד זאָל זײַן מער דאָקטוירים; ס'איז אלעמען באוווּסט, אז דאָס פאָלק, דאָס דאָרפישע פאָלק, לײַדט פונעם מאנגל אין דאָקטוירים. אזוי, צום בײַשפּיל, איז קעדיי צו ראטעווען דאָס פאָלק אין דער צײַט פון פאראיאָריקער כאָליערע, אויסגעקומען אײַנלאדן סטודענטן־מעדיקער, דאָס הייסט נאָך ניט פארענדיקטע דאָקטוירים, ווײַל עמעסע דאָקטוירים איז נאָך אין רוסלאנד זייער ווייניק. נאָר ניט געקוקט אף דעם אלעמען־האָט די רעגירונג באגרענעצט פאר יידן דעם ארײַנטריט אין אלע לערן־אנשטאלטן און באזונדערס אין אוניווערסיטעטן. מיט וואָס דערקלערט זיך דאָס? נאָר דערמיט, וואָס די רעגירונג, ווי שטענדיק, איז טעטיק נאָר צוליב איר אייגענעם נוצן, און זאָרגט ניט וועגן דעם, וואָס איז נוצלעך, אָדער שעדלעך פארן פאָלק. ערשטנס, איז דער רעגירונג נוצלעך, אז אין רוסלאנד זאָל זײַן וואָס ווייניקער געבילדעטע מענטשן. וואָס ווייניקער דאָס פאָלק וועט זײַן געבילדעט, וואָס ווייניקער עס זײַנען אין רוסלאנד געבילדעטע מענטשן, אלץ גרינגער און באקוועמער איז דער רעגירונג רויבן, דריקן און אָפּנארן דאָס פאָלק.

די רעגירונג פון אלעקסאנדער דעם III סטארעט זיך, ווי ס'איז באוווּסט, מיט אלע קרעפטן האלטן דאָס פאָלק אין אומוויסנהײַט. באזונדערס גערן שנײַדט זי אָפּ, אף וויפל ס'איז מעגלעך, די וועגן צו בילדונג און וויסן פאר יידן, ווײַל זי קען אין דעם דאָזיקן פאל צוציען אף איר זײַט יענע קריסטלעכע דאָקטוירים און אדוואָקאטן, וועלכע ס'איז פונקט, ווי די קרעמער און

שענקער, טײַערער פון אלץ גאָר ניט דעם פאָלקס גליק, נאָר זייער אייגענע נוצן, וועלכע ווערן אדאנק דער רעגירונג פאָטער פון דער קאָנקורענץ פון די יִדישע דאָקטוירים און אדוואָקאטן. צווייטנס, סטארעט זיך באזונדערס די צאַרישע רעגירונג אָפּשלאָגן בא די יִדן דעם כיישעק צום לערנען, ווײַל די יִדישע שטודירנדיקע יוגנט האָט אויסגעטיילט פון איר סוויווע אסאך סאָציִאליסטן-רעוואָליוציִאָנערן, דאָס הייסט קעמפער פאר דעם פאָלקס גליק און קעגן דעם פאָלק-סוינע, קעגן דער צארישער רעגירונג. פאר דעם אָט איז דער קייסער-זעלבסטהערשער זיך נויקעם מיט די יִדן ביקלאל און מיט די יִדן, וואָס שטרעבן צו בילדונג, ביפראט.

צום אומגליק, האָט די רעגירונג פאָרט דערגרייכט איר ציל. איר האָט זיך אײַנגעגעבן צעבלאָזן דעם פײַער פון ראסן-האס צווישן אירע קריסטלעכע און יִדישע אונטערטאנער. איר האָט זיך אײַנגעגעבן אײַנגלויבן זייער און זייער אסאך רוסישע מענטשן, אז יִדן—דאָס איז דער איינציקער הויפט-סוינע פון רוסישן פאָלק, אז זי, די רעגירונג, פארפאָלגט די יִדן אויס ליבע צום פאָלק; איר האָט זיך אײַנגעגעבן אָנהעצען אף יִדן דעם גרעסטן טייל פון רוסישן פאָלק און אפילע זייער אסאך געבילדעטע מענטשן.

די רעזולטאטן פון די דאָזיקע אכזאָריִעסדיקע פארפאָלגונגען פאר די יִדן אליין זײַנען אלעמען באוווסט. די האָרעפּאשנע און אָרעמע יידישע מאסע, וואָס די רעגירונג האָט צונויפגעקוועטשט אין די שטעט און שטעטלעך פון דאָרעם-מײַרעווודיקן רוסלאנד (אין דעם אזויגערופענעם „טכום"), עמיגרירן יעדער יאָר צענדליקער טויזנטער אף שטענדיק פון רוסלאנד. קיין אנדער אויסוועג עקזיסטירט פאר די אָרעמע יִדן ניט: זיי קענען ניט, ווי די רײַכע יִדן ווייך מאַכן די שטרענגע מאכט מיט געלט און כאבאר, זיי ווילן טאקע אויך ניט, ווי די רײַכע יִדן, אָננעמען צוויִעסדיק דעם קריסטנטום, קעדיי אויסגלײַכן זיך אין די „רעכטן" מיט די רעכטלאָזע קריסטלעכע אונטערטאנער פון קייסער—און די מער פארמעגלעכע יִדן, די געבילדעטע און געלערנטע יִדן ווערן טיילווײַז פּאָטער פון די פארפאָלגונגען דורכן טייפן זיך, טיילווײַז אָבער ווערן זיי פארכאפּט פון די טרוימען וועגן אײַנאָרדענען א זעלבשטענדיקע יידישע מעלוכע, באטייליקן זיך אין יענער „פאלעסטינישער" באוועגונג, וועגן וועלכער עס רעדט זיך אויספירלעך אין איינער פון די רעדעס, וואָס מיר דרוקן. אָט פארוואָס די געבילדעטע יִדן, די יִדישע לערן־יוגנט גיט אין די לעצטע יאָרן אסאך וויניקער סאָציאליסטן-רעוואָליוציִאָנערן, ווי פריִער. דאָס איז אויך צוליב די רעגירונג-פארפאָלגונגען אף יִדן.

און אָט אין דער דאָזיקער צײַט פון אכזאָריִעסדיקע פארפאָלגונגען אפן יִדישן פאָלק מעלדן יִדן-ארבעטער הויך און אנטשלאָסן וועגן זייער ברידערלעכער סאָלידארישקײַט מיט די ארבעטער פון אלע ראסן און גלויבנס. זיי מעלדן, אז די זאך פון אלע ארבעטער—איז זייער זאך, אז זיי זײַנען גרייט צו קעמפן פאר דער אלגעמיינער זאך האנט בא האנט מיט זייערע כאוויירים אין לײַדן און אין צילן, מעלדן, אז פאר זיי עקזיסטירט ניט קיין צעטיילונג אף ראסן און פעלקער, נאָר ס'עקזיסטירט א צעטיילונג אף אונטערדריקער און אונטערגעדריקטע, מיט איין וואָרט, אז בא זיי איז ניטאָ קיין באזונדערע יִדישע אופגאבעס און צילן, נאָר ס'זײַנען פאראן אופגאבעס

אונ צילנ, געמיינזאמע פאַר די אַרבעטער פונ אַלע לענדער אונ פעלקער. אינ דעמ באַשטייט די באַזונדערע באַדײַטונג פונ די געדרוקטע רעדעס.

דאָס מאָל האָבנ די אַלרוסישע אונטערדריקער, דער קייסער אונ זײַנע מע-שאָרסימ, זיכ אָפּגענאַרט אינ כעזשבנ. צו פרי האָבנ זיי געפײַערט דעמ זיג איבער דער „קראַמאָלע" *. אַנשטאָט דער אופגעהאַנגענער, פאַרמאַטערטער אינ די צאַרישע טורמעס, אינ קאַטאָרגע אונ אינ סיביר אַלטער קראַמאָלע,—אַנשטאָט דער קראַמאָלע, אינ וועלכער ס'האָט זיכ באַטייליקט, הויפּטזאַכלעכ, די לערנ־יוגנט, הייבט זיכ איצט אופ א פיל מער מעכטיקע, א פיל מער שרעקלעכע אונ דראָענדיקע קראַמאָלע פונ אַרבעטער. די אַרבעטער, די זינ פונ פאָלק, זײַנענ געקומענ פאַרבײַטנ, פאַרזעצנ די זאַכ, די זאַכ פונ גאַנצנ פאָלק—דאָס באַפרײַענ רוסלאַנד, וואָס איז געווענ ניט לויט די קויכעס פונ די פריִערדיקע קעמפער... אונ די דאָזיקע דערשײַנונג כאַזערט זיכ איבער אפ דעמ זעלבנ אויפנ אי צווישנ די קריסטנ, אי צווישנ די ייִדנ: סײַ דאָ, סײַ דאָרט קומענ אַנשטאָט די צענדליקער סטודענטנ הונ-דערטער אַרבעטער. ווי אינ מײַרעוו־אייראָפּע, אַזוי אויכ אינ רוסלאַנד האָבנ זיכ די אַרבעטער אַרויסגעוויזנ פאַר דעמ סאַמע פאָרגעשריטענעמ, סאַמע דרייסטנ טייל פונ דער באַפעלקערונג אינ קאַמפ פאַרנ גליק פונ פאָלק. אונ די רוסיש־ייִדישע אַרבעטער, וואָס האָבנ געקענט אינ דער שווערער צײַט פונ פאַרפאָלגונגענ אפנ ייִדישנ פאָלק ענדגילטיק אָפּזאָגנ זיכ פונ ראַסנ-פאָרורטיילנ, האָבנ זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר ווירדיקע כאַווײרימ פונ די אַרבעטער-קעמפער פונ דער גאַנצער וועלט.

אונדזער ברידערלעכנ גרוס די נײַע קעמפער פאַר דער הייליקער זאַכ פונ באַפרײַענ דאָס רוסישע פאָלק, פאַר דער הייליקער זאַכ פונ אַלמענטשלע-כער פרײַהײַט, גלײַכהײַט אונ ברידערלעכקײַט.

* * *

אינ די רעדעס, וואָס מיר גיבנ אַרויס, זײַנענ אָפּולע פאָדערונגענ פונ די אַרבעטער קלאָר טראַקטירט אונ אויספירלעכ באַגרינדעט. נאָר וועגנ איינ פאָ-דערונג ריידנ די אַרבעטער צו ווייניק,—וועגנ דער פאָדערונג פונ פאָליטי-שער פרײַהײַט, וועגנ דער נייטווענדיקײַט פונ א פאָליטישנ קאַמפ מיט דער זעלבסטהערשונג. אונ גראָד איז דער גאַנצער ווײַטערדיקער גוירל פונ דער רוסישער אַרבעטער-באַוועגונג אָפּהענגיק, איבער-הויפּט, פונעמ דערפאָלג פונ דעמ דאָזיקנ קאַמפ מיט דער זעלבסטהערשונג. קעמפנ אָבער מיט דער זעלבסטהערשונג אינ רוסלאַנד זײַנענ באַרופנ, פריִער פונ אַלצ, די אַרבעטער. „די באַפרײַונג פונ די אַרבעטער דאַרפ זײַנ די זאַכ פונ די אַרבעטער זעלבסט". דער דאָזיקער הויפּט־געדאַנק פונ דער אַלוועלטלע-כער אַרבעטער-באַוועגונג גייט דורכ, ווי א רויטער פאָדעמ, דורכ אַלע רעדעס. אָבער די אַרבעטער-רעדנער האָבנ ניט געלייגט גענוג אַכט אפ דעמ, אַז דער דאָזיקער געדאַנק דאַרפ אינ דער צאַרישער רוסלאַנד אָנגעווענדט ווערנ אויכ אינ קאַמפ פונ די אַרבעטער פאַר זייער באַפרײַונג פונ דער צאַרי-

---

* קראַמאָלע האָט מענ גערופנ אינ מאָסקווער מעלוכע יעדנ פּרווו צו באַפרײַענ זיכ פונ דרוק פונ די מאָסקווער קייסאָרימ.

*שער מאכט*. די פולע ענדגילטיקע באפרײַונג פון די ארבעטער אין רוסלאנד איז ניט געדאכט און ניט מעגלעך אָן דעם, אז די ארבעטער זאָלן זיך פריער באפרײַען פון *צארישן דעספּאָטיזם*. און די דאָזיקע פּאָליטישע באפרײַונג פון די ארבעטער דארף ווידער טאקע זײַן די זאך פון די ארבעטער זעלבסט.

די ארבעטער-באַוועגונג, דער קלאסנקאמף צווישן די ארבעטער און זייערע אונטערדריקער, די פאבריקאנטן און באלעבאטים, נייטיקט זיך פונקט אזוי אין פּאָליטישער פרײַהײַט, ווי א מענטש אין לופט און שפּײַז. דאָס איז אן אומבאַשטרײַטבארער עמעס, וואָס עס ווערט באשטעטיקט דורכן פּאָשעטן געזונטן פארשטאנד און דורך דער דערפארונג פון דער מײַרעוו־אײראָפּײַשער ארבעטער-באַוועגונג.

לאָמיר זען, וואָס איז אזוינס פּאָליטישע פרײַהײַט. *פארן גאנצן פאָלק* *אינגאנצן גענומען* איז די פּאָליטישע פרײַהײַט נוציק דערמיט, וואָס די מעלוכע-געזעצן און מאָסמיטלען ווערן אויסגעארבעט, באהאנדלט און באשטימט ניט פון די רעגירונג-מעשאָרסים, די טשינאָווניקעס,—ווי דאָס טוט זיך איצט אין צארישן רוסלאנד—נאָר פון *דעפּוטאטן*, דאָס הייסט, *מענטשן*, *וואָס דאָס פאָלק אליין קלײַבט אויס*. ס׳איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אויב דאָס פאָלק ווײלט זיך אויס פאר דעפּוטאטן נאָר זײַנע פרײַנט, מענטשן, וואָס טראכטן וועגן פאָלקס טויווע, וועלן אלע געזעצן זײַן נוציק פארן פאָלק. לאָמיר נעמען א בײַשפּיל. איצט, ווען דער קייסער און זײַנע מעשאָרסים קענען טאָן אלץ, וואָס זיי ווילט זיך, קומט אויס דעם אָרעמען פאָלק צאָלן קימאט אלע שטײַערן און צאָלונגען, און די רײַכע, פּריצים, סאָכרים, פאבריקאנטן און אנד. צאָלן דער קאזנא א קלייניקײַט. אן אנדער זאך איז, אויב די פאָרשטייער פון פאָלק, די דעפּוטאטן, וואָלטן געקענט פרײַ, לויט זייער ווילן, אײַנשטעלן די מאָס פון די שטײַערן און זייער פארטיילונג צווישן רײַכע און אָרעמע: דאן וואָלט אפּ זיכער דעם אָרעמען פויער ניט אויסקומען פארקויפן די לעצטע בעהיימע, קעדיי אָנפילן דעם קייסערס קאזנא; דאן וואָלטן די רײַכע געצאָלט אסאך און די אָרעמע ווייניק. און אזוי אויך אין איבעריקן. *דער זעמסקער סאָבאָר* (אפּ אויסלענדיש—פארלאמענט), וואָס זייער מערהײַט וואָלט באשטאַנען פון ווירקלעכע פאָלק-דעפּוטאטן, וואָלט אפּ זיכער באדײַטנדיק פארגרינגערן די איצטיקע קאטאָרזשנע לאגע פון רוסישן פאָלק. לאָמיר גיין ווײַטער. די וואלן פון די דעפּוטאטן אין *זעמסקן סאָבאָר* וואָלטן נאָר דאן געקענט ברענגען נוצן דעם פאָלק, אויב דאָס פאָלק קלײַבט ווירקלעך פרײַ אויס וועמען ער וויל, וועמען ער רעכנט פאר זײַנע אָרנטלעכע פרײַנט, און אויב דאָס פאָלק האָט רעכט מונדלעך און אין דער פרעסע אויסדריקן זײַנע מיינונגען און ווונטשן. אינעם פארקערטן פאל איז דאָס רעכט צו ווײלן דעפּוטאטן קיין גראָשן ניט ווערט. אָן דער פרײַהײַט פון וואלן, וועלן אין זעמסקי סאָבאָר ארײַנפאלן נאָר סאָנים פון פאָלק, דעם קייסערס דינער, הארן און רײַכע, פאבריקאנטן און קולאקעס. און אָן פרײַהײַט פון וואָרט און פרעסע וועט דעם פאָלק אומעגלעך זײַן צונויפריידן זיך צווישן זיך וועמען פאָרט דארף מען אויסקלײַבן. און כוץ דעם וועלן אפילע די פאָרשטייער פון פאָלק ניט שטענדיק וויסן, וואָס דארף דאָס פאָלק, וועלכע זײַנען דאָס פאָלקס נויטן און באדערפענישן. די פרײַהײַט פון וואָרט און פרעסע איז נוציק און נייטיק נאָר ווי א צוים, וואָס שטערט דער רעגירונג און די פאָלק-סאָנים ביקלאל ברעכן די געזעצן,

וואָס דער זעמסקי סאָבאָר האָט ארויסגעגעבנ, אונ האנדלענ ווילקירלעכ. בא דער פרײַהײַט פונ וואָרט אונ פרעסע ווערט יעדע אומגעזעצלעכקײַט טייקעפ באוווסט אונ די געזעצברעכער ווערנ באשטראָפט. ווידער, אנשהאלט שוינ אינ זיכ די פרײַהײַט פונ וואָרט אויכ די פרײַהײַט פונ געזעלשאפטלעכע פארזאמ-לונגענ אונ סכאָדקעס, ווײַל ס'איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די פרײַהײַט פונ וואָרט בא זיכ אינ די פיר ווענט, די פרײַהײַט פונ וואָרט בא א גלעזל טיי אינ אָנוועזנהײַט פונ א פאָר נאָענטע פרײַנט עקזיסטירט אפילע אינ צארישנ רוסלאנד,—לויטנ רוסישנ ווערטל: „אונטער די אויגנ מעג מענ אויכ דעמ קייסער זידלענ". אזא „פרײַהײַט פונ וואָרט" איז פאָשעט לעכערלעכ אונ קענ קיינ באדײַטונג ניט האָבנ. די פרײַהײַט פונ וואָרט עקזיס-טירט נאָר דאנ, ווענ יעדערער האָט דאָס רעכט עפנטלעכ, פארנ גאנצנ פאָלק אויסדריקנ זײַנע מיינונגענ אונ ווונטשנ.

מיר ווייסנ איצט, וואָס איז אזוינס פאָליטישע פרײַהײַט, אונ מיט וואָס זי איז נוציק דעמ גאנצנ פ אָ ל ק ב י ק ל א ל. לאָמיר זענ, פארוואָס איז די פאָלי-טישע פרײַהײַט נייטיק די ר ו ס י ש ע א ר ב ע ט ע ר, ווי א באזונדער קלאס, א באזונדער טייל פונ פאָלק. דער רוסישער ארבעטער-קלאס האָט שוינ אינ געשטאלט פונ זײַנע בעסטע אונ אנטוויקלסטע פאָרשטייער פארשטאנענ, אז ז י ַי נ ע נ ד ג י ל ט י ק ע ע ק א ָ נ א ָ מ י ש ע ב א פ ר ײַ ו נ ג, זײַנ באפרײַונג פונ רויבערײַ אונ דרוק פונ די פאבריקאנטנ אונ באלעבאטימ, וועט אָנקומענ נאָר צוזאמענ מיטנ טריומפ פונ סאָציאליזמ, ד. ה. אז זי וועט אָנקומענ נאָר דאנ, ווענ אלע פראָדוציר-מיטלענ: די פאבריקנ אונ זאוואָדנ, מאשינעס, געצײַג אונ, ענדלעכ, אויכ די ערד וועלנ געהערנ דער גאנצער געזעלשאפט, דעמ גאנצנ פאָלק, וועלנ ווערנ א ג ע ז ע ל ש א פ ט ל ע כ ע ר פ א ָ ל ק-א י י ג נ ט ו מ. אָבער ס'איז קלאָר, אז וועגנ אײַנפירנ דעמ סאָציאליזמ אינ רוסלאנד קענ קיינ רייד ניט זײַנ, ביז וואנענ ס'וועט ניט פארניכטעט ווערנ די צארישע מאכט.

די צארישע מאכט איז ניט נאָר זי שטערט א ײַ נ פ י ר נ דעמ סאָציאליזמ, נאָר זי שטערט אויכ דעמ ארבעטער-קלאס ווערנ אפ א ז ו י פ י ל ש ט א ר ק, אפ וויפל דאָס איז אימ נייטיק, קעדיי אײַנפירנ דעמ סאָציאליזמ. אנדערש גע-רעדט, די צארישע מאכט שטערט די ארבעטער ניט נאָר פ א ר ו ו י ר ק ל ע כ נ זייער ענדגילטיקנ ציל, זי שטערט זיי אויכ ר ו ק נ ז י כ א י נ ד ע ר ר י כ ט ו נ ג צו דעמ דאָזיקנ ציל, זי פארצוימט ז י י ד ע מ ו ו ע ג צומ סאָציאליזמ. אינ וואָס באשטייט די קראפט פונ ארבעטער-קלאס? ערשטנס, אינ דעמ, וואָס ער פ א ר-ש ט י י ט ק ל א ָ ר זײַנע אינטערעסנ, פאָדערונגענ אונ אופגאבעס, אונ, צווייטנס, איז זײַנ אָרגאניזאציע, דאָס הייסט, אינ דער מעגלעכקײַט סאָלידאר אונ גע-מיינזאמ ארבעטנ אינ זייערע אינטערעסנ, ענלעכ צו דעמ, ווי עס ארבעט אנ אייניהײַטלעכע אוסגעמושטירטע ארמיי סאָלדאטנ. אָנ א קלאָרנ באוווסטזײַנ וועט דער ארבעטער־קלאס ניט וויסנ, וואָס ער דארפ טאָנ פאר זײַנ אייגענער פארטיידיקונג: ער וועט זײַנ אינ דער לאגע פונ א מענטשנ, וואָס איז אינ א פינצטערער נאכט פונ אלע זײַטנ ארומגערינגלט מיט סאָנימ אונ וואָס זעט ניט, פונוואנענ אפ אימ שיטנ זיכ די קלעפ אונ וווהינ צו ראטעווענ זיכ פונ אָנפאל. אָנ א פעסטער אָרגאניזאציע וועט דער ארבעטער-קלאס אומזיסט פאר-לירנ אפולע קרעפטנ אונ זײַנע סאָנימ וועט זײַנ גרינג אימ בײַקומענ, דער ניט-אָרגאניזירטער ארבעטער־קלאס איז פונקט אינ אזא שלעכטער לאגע, ווי

אן ארמיי, וואס איז צעזייט אפ קליינע אטריאדן און איז פלוצלונג אטאקירט פון די פאראייניקטע קויכעס פון סוינע: אומזיסט וועט יעדער באזונדער אטריאד, יעדער באזונדער סאלדאט ארויסווייזן וווּנדער פון העלדישקייט—סאפקאלסאפ וועט דער סוינע, וואס האנדלט סאלידאריש, ווי איין מענטש, בייקומען ד' אפגעזונדערטע העלדן. הייסט עס, דער קלארער פארשטיין פון זיינע נויטני פאדערונגען און אופגאבעס און א פעסטע ארגאניזאציע—אט אין וואס ס'ליגט די קראפט פון ארבעטער-קלאס. אן דער דאזיקער קראפט וועט דער ארבעטער־קלאס קיינמאל ניט אימשטאנד זיין אייַנפירן דעם סאציאליזם, ענדגילטיק באפרייען זיך פון דעם יאך פון די פאבריקאנטן און באלעבאטים. נאר ווער ווייס דען ניט, אז די צארישע רעגירונג שטערט מיט אלע מיטלען דער בילדונג פון פאלק ביקלאל און פון די ארבעטער ביפראט, אז די צארישע רעגירונג האט מוירע, ווי פאר פייער פאר קאלערליי פאראייניקונגען צווישן זיינע אונטערטאנער.

מיר ווייסן שוין, אין וואס ט'באשטייט די פאליטישע פרייהייט. קלאר, אז די אלע נוצן, וואס די פרייהייט ברענגט דעם גאנצן פאלק ביקלאל, פאלן אויס אויך אפן גורל פונעם ארבעטער-קלאס, ווי אפ א באזונדער טייל פון פאלק צוזאמען ד'רמיט איז די פאליטישע פרייהייט נוציק דעם ארבעטער־קלאס באזונדערס דערפאר, וואס נאר בא דער פאליטישער פרייהייט באקומט דער ארבעטער-קלאס די פולע ראכוועס פאר זיין ארגאניזאציע, אפ באהעפטן אלע זיינע קויכעס אין איין סאלידארער ארמיי. און א פעסטע ארגאניזאציע—דאס איז, ווי מיר ווייסן, די נייטווענדיקע באדינגונג פארן ענדגילטיקן זיג פון ארבעטער-קלאס. די זעלבסטהערשונג, אבער, מאכט די דאזיקע געמיינזאמע ארגאניזאציע פון גאנצן ארבעטער־קלאס פאר אומעגלעך. בא א דערפארנקייט און פארזיכטיקייט, קען מען, אפצולאכעס די צארישע שפיאנען, פאליצייער און זשאנדארמען, בילדן די ארבעטער, פארשפרייטן צווישן זיי די אידייעס פון סאציאליזם און פרייהייט, — דערקלערן זיי, פארוואס זיי לייַדן, ווער איז דער שולדיקער אין זייערע לייַדן און ווי זיי קענען אויסגעלייזט ווערן פון זייערע לייַדן. אפצולאכעס די צארישע שפיאנען, קען מען אויך אייַנארדענען ניט קיין גרויסע ארבעטער-קרייַזלעך און פאריינען. דאס הייסט, פאראייניקן צוליב קעגנזייַטיקער שטיצע און קעגנזייַטיקן לערנען אייניקע ארבעטער, וואס קענען איינער דעם צווייטן, וואס ארבעטן אפ איין פאבריק, אדער אין איין ארט. נאר ס'איז אבסאליוט אומדענקבאר געהיימ פון די שפיאנען פאראייניקן די ארבעטער פון גאנץ רוסלאנד אין איין פארבאנד,—צוליב די אלע סיבעס איז די צארישע רעגירונג, די זעלבסטהערשונג, א שטערונג, וועלכע דער ארבעטער-קלאס מוז וואס גיכער באזייַטיקן, קעדיי אפרייניקן זיך דעם וועג צום סאציאליזם. דער וועג צום סאציאליזם פירט איבער ד' רויִנען פון זעלבסטהערשונג. און וואס גיכער די זעלבסטהערשונג וועט אראפגעזעצט ווערן, אלץ גיכער וועט שלאגן די שא פון ענדגילטיקער באפרייונג פון די ארבעטער, די שא פון טריומפ פון סאציאליזם.

דאס זעלבע לערנט אונדז די דערפארונג פון דער מייַרעוו־אייראפייִשער ארבעטער־באוועגונג. אין אייניקע אייראפייִשע לענדער איז אנטשטאנען די ארבעטער־באוועגונג, ווי איצט אין רוסלאנד, נאך דעמלט, ווען די ארבעטער האבן קיין שום פאליטישע רעכט ניט געהאט, ווען אין א גרעסערער אדער קלע-

נערער מאָס האָט געוועלטיקט איבערן פאָלק די אומבאַגרענעצטע, זעלבסטהערשערישע מאַכט פון קעניג און פירשטן. דעמאָלט איז די מיִרעוו־אייראָפּייִשע ארבעטער אויסגעקומענ אויך, אַזוי ווי איצט די רוסישע ארבעטער, ארבעטנ געהיימ פון די רעגירונג־שפּיאָנען, אינ שטענדיקנ שרעק פאַר אַרעסטנ און שטראָפנ. די מיִרעוו־אייראָפּייִשע ארבעטער האָבנ מוטיק, דרייסט געטאָנ זייער זאַך, פאַרשפּרייט די אידייעס פון סאָציאַליזמ און פרייַהייַט צווישנ זייערע ברידער, צייַטנווייַז פלעגט זיך זיי אויך איינגעבנ פאַרייניקנ אינ איינ פאַרבאַנד הונדערטער כאַווייִרים. נאָר דער ווירקלעכער וווּקס, די עמעסע קראַפט פון דער ארבעטער־באַוועגונג האָט זיך אינ מיִרעוו־אייראָפּע אָנגעהויבנ נאָר פון דעמ טאָג ווענ ס׳זייַנען צעבראָכנ געוואָרן די קייטן פון זעלבסטהערשערישער מאַכט, וואָס האָבנ געשמידט די ארבעטער די הענט און פיס.

אַכוצדעמ, זעענ מיר אויך ביז איצט, אַז אינ די לענדער פון מיִרעוו־אייראָפּע, ווו ס׳האָבנ זיך פאַרהיט די רעשטלעך פון אַלטנ זעלבסטהערשערישנ דרוק, קעמפנ די ארבעטער קעגנ זיי פּונקט אַזוי אַקשאָנעסדיק, ווי קעגנ זייערע אומיטלבאַרע באַרויבער, קעגנ די פאַבריקאַנטנ און באַלעבאַטימ. אַזוי, קעמפּט אומדערמידלעך די עסטרייַכישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע (סאָציאַליסטישע ארבעטער־פּאַרטיי) פאַרנ איינפירנ אַלגעמיינע וואַל־רעכט, פאַר פאַרברייטערנ די פרייַהייַט פון פּרעסע, וואָרט, פאַרזאַמלונג און ארבעטער־פאַרייַנען. אַזוי לאָזט איצט אינ גאַנג די בעלגישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, וואָס באַנוצט זיך שוינ מיט זייער אַ ברייטער פרייַהייַט פון פּרעסע, וואָרט, פאַרזאַמלונגען און ארבעטער־פאַרייַנען, אַלע אירע קרעפטנ און שוינ אויסגעקעמפטע רעכטנ אָפ דערגרייכנ דאָס זעלבע וואַלרעכט * און אַזוי, צומ סאָפ, שטעלט אויך אָפ קיינ איינ מינוט ניט אָפּ איר קאַמפ קעגנ די רעשטלעך פון דער זעלבסטהערשונג אינ דייַטשלאַנד די סאַמע שטאַרקסטע ארבעטער־פּאַרטיי פון דער וועלט, די דייַטשישע סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. מיט איינ וואָרט, אומעטומ דערשלאָגט זיך דער ארבעטער־קלאַס די מעגלעכ־פולע פּאָליטישע באַפרייַונג, ווייַל די פּאָליטישע פרייַהייַט איז די נייטיקע פאָרבאַדינגונג פאַר דער ענדגילטיקער עקאָנאָמישער באַפרייַונג פון ארבעטער־קלאַס. גאָכמער, הייסט עס, דאַרפנ די רוסישע ארבעטער, וואָס זייַנען נאָך ביז איצט מיט די הענט און פיס געבונדנ אינ די קייטנ פון דער זעלבסטהערשונג, גלייַך פון אָנהייב אָנ אָנהייבנ קעמפנ פאַר פּאָליטישער באַפרייַונג.

* * *

די פּאָליטישע באַפרייַונג איז נייטיק די ארבעטער ניט נאָר צוליב זייער ענדגילטיקער עקאָנאָמישער באַפרייַונג. זי איז זיי ניט ווייניקער נייטיק אויך פאַר זייער טאָג־טעגלעכנ קאַמפ קעגנ דרוק און ווילקיר פון די פאַבריקאַנטנ און באַלעבאַטימ. די פּאָליטישע פרייַהייַט פאַרגרינגערט די ארבעטער דעמ טעגלעכנ קאַמפ פאַר זייערע נאָענטסטע פאָדערונגענ: פאַר פאַרקירצנ דעמ ארבעט־טאָג, פאַר העכערנ דעמ ארבעטלוינ, פאַר באַזייַטיקנ די ווילקירלעכע שטראָפנ און באַשטראָפונגענ א. א. וו.

* די בעלגישע ארבעטער האָבנ זיך שוינ דערשלאָגנ דאָס דאָזיקע רעכט. כאָטש מיט איניקע באַגרענעצונגענ, אינ אַפּרעל פון דעמ יאָר.

„ביז די זונ וועט אופגייג, וועט דער טוי די אויגנ אויסעסנ", זאָגט דאָס קלייג-רוסישע פאָלק. ביזנ סאָציאַליזמ, ביזנ ענדגילטיקנ זיג פונ ארבעטער־קלאס איז, ביפראס נאָכ אינ רוסלאנד, נאָכ ניט נאָענט. ביזוואנענ די דאָזיקע צייַט וועט אָנקומענ, קענענ נאָכ די רויבערייַ אונ דרוק פונ די פאבריקאנטנ אונ באַלעבאטימ, איינגאנצנ אָפּשוואכנ, דערשטיקנ די ארבעטער, אויב נאָר די ארבעטער זאָלנ זיכ באצייַטנס ניט נעמענ פארטיידיקנ. אָבער אינ וואָס איז די פארטיידיקונג פונ די ארבעטער? ערשטנס, אינ כאוועריש נ בונד, אינ סאָלידאריש נ ווידערשטאנד דעמ ווילקיר פונ די רויבער; צווייטנס, אינ די מעלוכע־געזעצנ, וואָס פארקירצנ ווי ווייַט ס'איז מעגלעכ דעמ ארבעט־טאָג, וואָס צוימענ איינ דעמ ווילקיר פונ די פאבריקאנטנ ביקלאל, אינ די געזעצנ, וואָס פארהיטנ דעמ געזונט, די אינטערעסנ, דאָס רעכט, די מענטשנ-ווירדע פונ די ארבעטער. נאָר, קענטיק, אז אי דער ערשטער, אי דער צווייטער מיטל ייַגענ פולקאָמ צוטריטלעכ פאר ארבעטער נאָר דאנ, ווענ די ארבעטער האָבנ דאָס געזעצלעכע רעכט פארייניקנ זיכ אינ פאריינענ, אָרגאניזירנ שטרייַקנ; נאָר דאנ, ווענ די ארבעטער קענענ צווינגענ די רעגירונג ארויסגעבנ געזעצנ, וואָס זייַנענ פאר זיי נוצלעכ. אנדערש גערעדט, די ארבעטער האָבנ נאָר אינ פרייַע לענדער א שטארקנ געווער פאר זייער זעלבסטשוץ. אינ צארישנ רוסלאַנד, ווו די ארבעטער האָבנ ניט קיינ שומ בירגער־רעכט, זייַנענ זיי אבסאָליוט אומ-באוואָפנט אונ זייַנענ אינגאנצנ אָפּהענגיק פונ ווילקיר פונ די פאבריקאנטנ אונ באלעבאטימ. דאָס איז נאָכ ווייניק. בא יעדנ צוזאמענשטויס פונ די ארבע-טער מיט די פאבריקאנטנ העלפט די צארישע רעגירונג זייער פלייַסיק די פאבריקאנטנ, וואָס זייַנענ אָנ דעמ אויכ שטארק,—זי באשיצט די וועלפ פונ די שאָפ!

די צארישע רעגירונג האנדלט אזוי ניט נאָר דערפאר, ווייַל, ווי מע זאָגט, „א ראָב וועט א ראָב אנ אויג ניט אויספּיקנ", נאָר אויכ דעריבער, ווייַל זי שרעקט זיכ, ווי יעדער קנעכט-אייגנטימער, ביזנ טויט פאר יעדנ זעלבשטענדיקנ טראָט מיצאד אירע אונטערטאנער, אונ נאָכמער שרעקט זי זיכ פאר יעדנ פרווו פונ די ארבעטער אָפּשטיינ זייערע רעכט מיט די אייגענע קויכעס, אנ דער דערלויבעניש פונ דער נאטשאלסטווע. יעדער ארבעטער ווייס, לויט זייַנ אייגענער ביטערער דערפארונג, ווי די שטענדיק טרייַע דינער פונ „קיי-סער-פאָטערל" נעמענ אָנ אינ דער צייַט פונ די שטרייַקנ די זייַט פונ די פא-בריקאנטנ, ווי אכזאריעסדיק די צארישע מיליטער אונ צארישע פּאָליציי רעכנט זיכ אָפּ מיט די ווידערשפעניקע שטרייַקער. לאָמיר דאָ ברענגענ דעמ טאמע פרישנ בייַשפּיל, וואָס ווייַזט אָנשוילעכ, אז די צארישע רעגירונג קוקט אפּ יעדנ שטרייַק, ווי אפּ א „מעלוכע־פארברעכ", ווי אפּ „א בונט" קעגנ זייַנ עקסעלענצ. מיר ריידנ וועגנ דעמ לאָדזער שטרייַק, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ גלייַכ נאָכנ מייַ-יאָנטעוו 1892 יאָר. אינעמ דאָזיקנ פאל האָט דער צארישער מעשאָרעס, דער פּעטריקאָווער גובערנאטער, איבערגעשטעגאָליאיעט די פאבריקאנטנ, ניט געקוקט אפּ דעמ, וואָס די לאָדזער פאבריקאנטנ האָבנ שוינ איינגעשטימט מיט די פאָדערונגענ פונ די שטרייַקנדיקע ארבעטער,—האָט דער פּעטריקאָווער זעלבסטהערשער פאָרמעל פארבאָטנ די פאבריקאנטנ נאָכגעבנ די שטרייַקער! וואָס האָט אָנגעפירט מיט דעמ דאָזיקנ קייסערס מעשאָרעס?—ווייַזט אויס, נאָר דער געדאנק, אז ס'איז געפער-לעכ „נאָכצוגעבנ די בונטאָווטשטשיקעס".

צי זײַנען גערעכט אָדער אומגערעכט די לאָדזער ארבעטער אין זייערע פאָדערונגען -- דאָס איז ניט זײַן זאַך. ער ווייס נאָר איינס: די ארבעטער האָבן „זעלבסטוויליק געוואָרפן די ארבעט, האָבן געהאַט די חאָזע מיט די אייגענע קיכעס דעראָבערן בא זייערע בלוטזויגער אייניקע פארגרינגערונגען, הייסט עס, אז זיי זײַנען בונטאָווטשיקעס“ און „בונטאָווטשיקעס“, טאָר מען ניט נאָכגעבן... אזוי דענקט די צארישע רעגירונג, אזוי האנדלען אירע מעשאָרסים... אנדערש קען די צארישע רעגירונג, וואָס איר גאנצער קיעך איז אין דער שטומער קנעכטישער אונטערגעגעבנקייט פון די אונטערטאנער, ניט דענקען, אנדערש קענען אירע מעשאָרסים ניט האנדלען. אָט פארוואָס די זעלבסטהערשונג — איז דער סאמע פארביסענער, דער סאמע אומבעשאָלעמדיקער סוינע פון דער ארבעטער-באוועגונג, דאָס הייסט, פונעם אויסדרוק פון זעלבשטענדיקן געדאנק און ווילן אין דער ארבעטער־סוויווע. אָט פארוואָס די זעלבסטהערשונג שטערט און מוז שטערן די ארבעטער, אפילע דאן, ווען זיי פרוּוון כאָטש אביסל פארגרינגערן זייער ביטערן גוירל.

„אָבער אָט, — וועט דאָ זאָגן וואָסער עס איז פארטיידיקער פון „טראָן און פאָטערלאנד“, — האָט דאָך די צארישע רעגירונג אײַנגעפירט א ריי שוץ-געזעצן פאר די פאבריק־ארבעטער, האָט אליין, לויט איר אייגענער איניציאַטיוו, באַגליקט די ארבעטער!..“ לויט דער אייגענער איניציאַטיוו? באגליקט? — דאָס איז נאָך א פראגע? לאָמיר באטראכטן די זאך נעענטער — עפשער וועט זיך ארויסווײַזן, אז דער פארטיידיקער פון דער זעלבסטהערשונג האָט דאָ, ווי שטענדיק, פאָשעט געלײַגט.

ס'איז אלעמען באוווּסט, אז די רוסישע ארבעטער פלעגן, ניט קוקנדיק אף קיינע פאָליטישע אונטערדריקונגען, זייער אָפט און זייער גרויזאם אופשטיין קעגן דרוק און רויבערײַ פון די פאבריקאנטן. שטרײַקן — און זייער גרויסע שטרײַקן — זײַנען א גאנץ אָפטע דערשײַנונג אין די אינדוסטריעלע קאנטן פון רוסלאנד נאָך אין די 70-ער יאָרן. די דאָזיקע שטרײַקן — דאָס הייסט „בונטן“, „אומאָרדענונגען“, אף דער שפּראך פון דעם קייסערס מעשאָרסים, — פלעגן אין יענער צײַט, דורך דעם קייסערס פאָליציי און מיליטער, פארשטייט זיך, אונטערגעדריקט ווערן. נאָר די רעגירונג האָט פאָרט די דאָזיקע „בונטן“ פארשריבן זיך אפן שטערן: די דאָזיקע „בונטן“ זײַנען איר, וועלכע איז פון לאנג אָן געוווינט צו אבסאָליוטער האכנאָעדיקייט מיצאד אלע אירע טרײַע אונטערטאנער, שטארק ניט צום הארצן. דערצו נאָך, דער בײַשפּיל פון דער מוירעדיקער מײַרעוו־אייראָפּייִשער באוועגונג, וואָס וואקסט פון טאָג צו טאָג, — דער דאָזיקער, ווי געזאָגט, אומופהערלעכער בונט קעגן מאכטהאלטער, האָט, מיסטאמע, ניט איינמאָל געצוווּנגען די מער פארשפּיצטע צארישע אייצע־געבערס שטארק פארטראכטן זיך איבער דער געפאר, וואָס דראָט דעם קייסערס טראָן מיצאד די אומרויִקע אינדוסטריעלע ארבעטער. „דאָס זײַנען ערשט בלימעלעך, די יאגאָדעס זײַנען נאָך פאָרויס“ — האָבן, מיסטאמע, ניט איינמאָל אויסגעשריִען די פארשטענדיקערע אייצע-געבערס בא יעדער נײַער יעדיִע וועגן „פאבריק-אומרוען“. די רעגירונג האָט געהאט נאָכמער דעם גרונט זײַן אף דער וואך, ווײַל די רוסישע ארבעטער האָבן זיך נאָך אין די 70-קער יאָרן ארויסגעוויזן פאר גאנץ צווייפלהאפטע „טרײַע אונטערטאנער“. די סאָציאליסטן-רעוואָליוציאָנערן פון דער ארבעטער-

סוויווע האָבן גענומען אָן אָנגעזעענעם אָנטייל אין דער „קראַמאָלע" פון די זיבעציקער יאָרן: לאָמיר זיך נאָר דערמאָנען די געהיימע אָרגאַניזאַציעס פון צאָפן-רוסישן און דאָרעם-רוסישן ארבעטער־פארבאנד, לאָמיר זיך דערמאָנען די נעמען פון די העלדן-מארטירער, דעם פאבריק-ארבעטער אלעקסייעוו און דעם סטאָליער כאלטורינ.* די רוסישע „קראַמאָלע" האָט דער רעגירונג קלאָר געוויזן, אז די רוסישע ארבעטער, וואָס איז פלייש פון פלייש און ביין פון ביין פון דעם מיירעוו־אייראָפּייִשן ארבעטער, אז אויך דער רוסישער ארבעטער איז זייער פילבאר צו די אידייען פון סאָציאַליזם און פרייהייט און איז זייער פייִק צו זעלבסטאָפּפערדיקן קאמף פאר דער אלגעמיינער זאך, פאר זיינע איבערציַיגונגען... דאָס אלץ האָט געדארפט געבן צו פארשטיין אפילע דעם קייסערס אייצע־געבערס, אז בלויז מיט פאָליציי, בלויז מיט דער ארמיי וועט מען, ווייַזט אויס, קעגן די ארבעטער גאָרניט נישט אופטאָן, אז מע דארף, הייסט עס, פרוּוון באַצייַטנס פארפעסטיקן די ארבעטער אין „טריַי אונטערטאַניקע" געפילן דורך א וועלכער ניט איז ביליקער „טויווע".

אָט פונוואנען ס'איז אוועקגעגאנגען אונדזער, אזוי געזאָגט, נעבעכדיקע געזעצגעבונג! אָט צו וואָס ס'איז דערפירט דער קלוימערשט פרייוויליקער „אייגענער אופטו" פון דער צארישער רעגירונג אין דער זאך פון פארגרינגערן די לאגע פון די ארבעטער! ניט צוליב מיטלייד צו די לייַדן פון די ארבעטער, נאָר צוליבן שרעק פאר די דאָזיקע אומבארוּיִקדיקע „בונטארישע" שיכטן פון דער באפעלקערונג, וואָס קענען זיך ניט בארויִקן, האָט די פאָטערלעכע רעגירונג „באגליקט" די ארבעטער.

מערקווירדיק, אז די „טויווע" האָט געשענקט די ארבעטער דער באוווסטער הארצלאָזיקער און טעמפּקעפּיקער אלעקסאנדער דער III, — דער קייסער, וואָס פאר דער גאנצער צייַט פון זייַן רעגירן, טוט ער נאָר דאָס, וואָס ער פארניכטעט די מער־ווייניקער נוצלעכע פארן פאָלק נייַע אייַנפירונגען פון זייַן פאָטער, — דער קייסער, וועלכער, ווען ער וואָלט נאָר ניט מוירע געהאט פאר אן אלגעמיינעם פאָלק־אופשטאנד, וואָלט מיט פארגעניגן אייַנגעפירט צוריק לייַבייגנטום און וואָלט, ביכלאל, אייַנגעשטעלט אלע אָרדענונגען פון זייַן ווירדיקן זיידן ניקאָלייַ דעם I. מיט וואָס, פרעגט זיך, זאָל מען דערקלערן די „גנעדיקע" אופמערזאמקייַט צו די ארבעטער מיצאד אזא אויסגעשפּראָכענעם רעאקציאָנער (דעם ליבהאָבער פון פארעלטערטע, שעדלעכע פארן פאָלק אָרדענונגען), אויב ניט מיטן בלויזן שרעק פאר דער אופקומענדיקער קראפט פונעם ארבעטער־קלאס? צי קען מען נאָך דעם קוקן אף די פאבריק־געזעצגעבונגען פון אלעקסאנדער דעם III אנדערש, ווי אף פאָשעטע פאָליצייִשע באוואָרענונג־מיטלען"?

פון דעם אליין דארפן די ארבעטער מאכן דעם פאָלגנדיקן אויספיר. אפן

---

* פיאָטר אלעקסייעוו איז אין 1877 י. פארורטיילט געוואָרן צו קאטאָרגע פארן אָנטייל אין א געהיימער געזעלשאפט און פאר פארשפרייטן די אידייען פון סאָציאַליזם צווישן די כאווייירים ארבעטער. נאָכדעם, ווי ס'האָט זיך פארענדיקט דער טערמין פון קאטאָרגע, האָט ער געלעבט אלס פארשיקטער אין יאקוטער געגנט. דאָ האָבן אים אין 1891 יאָר געהארגעט רויבער יאקוטן. כאלטורינ האָט אופגעריסן דעם קייסערלעכן פאלאץ אין 1882 יאָר. ער זשע האָט צוזאמען מיט זשעלוואקאָוו דערמאָרדעט דעם פּראָקוראָר סטרעלניקאָוו. אין 24 שאָ ארום נאָכן לעצטן הערלדנטאט האָט כאלטורין געענדיקט זייַן לעבן אף דער טליע.

גוטן ווילן פון דער צארישער רעגירונג האָבן זיי ניט וואָס צו אויסרעכענען— מיט גוטן ווען זיך די ארבעטער גאָרנישט ניט דערשלאָגן. פאר יעדער, אפילע סאמע נישטיקער פארגרינגערונג פון זייער ביטערן גוירל, קומט זיי אויספירן אן אקשאָנעסריקן קאמף. די זעלבסטהערשערישע רעגירונג פארשטייט נאָר די *שפראך פון דראָונג.* און וואָס מער אונדזער באוועגונג וועט ווערן א *פּאָליטישע,* דאָס הייסט, אז זי וועט זײַן געווענדט דירעקט קעגן צארישן דרוק, אלץ מער וועט די רעגירונג זײַן געצוווּנגען פארבעסערן די פאבריק־געזעצן לעטויוועס די ארבעטער. נאָר וועגן א ווירקלעך ווילטעטיקער פאבריק־געזעצגעבונג קען אין *צארישן* רוסלאנד קיין רייד ניט זײַן. אזא געזעצגעבונג איז אין *צארישן* רוסלאנד אומעגלעך, ווײַל זי איז צופיל ניט לוינבאר פאר דער קעשענע פון די הערן *פאבריקאנטן און באלעבאטים.* און דער קייסער זאָרגט אסאך מער וועגן דער קעשענע פון די דאָזיקע הערן, איידער וועגן דעם נוצן, געזונט און לעבן פון די ארבעטער. דאָס זעט מען שוין אין דעם, ווי די רעגירונג פאטערט מיליאָנען רובל אף דער אזוי גערופענער „אונטערהאלטונג פון דער פאָטערלענדישער אינדוסטריע", ד. ה. פראָסט גערעדט — אף אָנפילן די קעשענעס פון די רײַכע אינדוסטריעלער, די פאבריקאנטן — מיליאָניקע סובסידיעס (האלוואָעס, וואָס מע דארף ניט אומקערן, געשאנקען) און ארויספיר־פרעמיעס (באלוינונגען פאר ארויספירן סכוירע אין אויסלאנד, ווי, צום בײַשפּיל, די צוקער־פאבריקאנטן), און די ארבעטער — פּאָליציייִשע שווערדן, סאָלדאטישע באגנעטן, קאזאקישע נאהײַקעס, אָדער — אין בעסטן פאל — א פּאָר נעבעכדיקע פאבריק־געזעצן — אזא איז די פאבריק־געזעצגעבונג פון דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג!

און וואָס איז צו ריידן וועגן געזעצן? די בעסטע געזעצן זײַנען קיין גראָשן ניט ווערט, אויב זיי ווערן ניט אויסגעפילט. און ס'איז באוווּסט, אז די געזעצן פאר *די ארבעטער* הערן נאָר אף אזויפיל אוף צו זײַן א פאפיר-מיטל, ווערן נאָר אף אזויפיל אָנגעווענדט אין דער ווירקלעכקײַט, אף וויפל די ארבעטער אליין גיבן אכטונג אף דער אויספירונג פון דעם ארויסגעגעבענעם געזעץ, אף וויפל זיי באשטייען אליין אף *זײַן אָנווענדונג.* דאָס איז שוין לאנג דערוויזן אף דער דערפארונג פון דער מײַרעוו־אייראָפּייִשער ארבעטער־באוועגונג. דאָס איז אויך גוט באוווּסט אונדזערע ארבעטער־רעדנער. אָבער ס'איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז די ארבעטער זײַנען מער אײַנגעשפארט, קענען מיט א גרעסערן דערפאָלג אָפּשטיין זייערע רעכטן, וואָס זײַנען אפילע פארזיכערט פון געזעץ, ווען זיי זײַנען פרײַער אין זייערע טאטן, ווען זיי זײַנען שטארקער אָרגאניזירט. נו, און פרײַהײַט פון טאטן, א שטארקע אָרגאניזאציע פון די ארבעטער — דאָס זײַנען זאכן אומבעשאָלעמדיקע מיט דער צארישע זעלבסטהערשונג. די זעלבסטהערשערישע רעגירונג וועט קיינמאָל ניט געבן די ארבעטער דאָס רעכט פארייניקן זיך אין פאריינען, דאָס רעכט אײַנאָרדענען שטרײַקן. אין דער צײַט, ווען אין אלע, בוכשטעבלעך אין אלע, פרײַע אייראָפּייִשע לענדער, איז דאָס רעכט פון ארבעטער־פאריינען און דאָס רעכט פון שטרײַקן שטעלן פאָר די גײטיקע דערגאנצונג צו דער שוץ־געזעצגעבונג פאר די ארבעטער! אָט פארוואָס אין צארישן רוסלאנד, ווו די ארבעטער האָבן ניט יענע רעכט און ווען ניט האָבן, איז די אליין פאר זיך נישטיקע שוץ־מיטלען פאר די ארבעטער פארבלײַבן און ווען פארבלײַבן ווי א טויטער בוכשטאב.

דאָס הייסט, אז די צארישע רעגירונג — ווען זי זאָל זײַן אפילו אזוי הייס פארזאָרגט מיט די ארבעטערס וווילשטאנד, ווי זי איז צו אים גלײַכגילטיק — איז ניט אימשטאנד ערנסט פארגרינגערן די ארבעטערס לאגע, ביז וואנען זי פארבלײַבט דאָס, וואָס זי איז — א פולמעכטיקער קנעכט-אייגנטימער, וואָס קען ניט פארלײַדן קיין זעלבשטענדיקן טראָט מיצאד זײַנע קנעכט, ד. ה. „טרײַע אונטערטאנער". און זי הערט אוף צו זײַן אזא, פארשטייט זיך, פאר קיין פאל ניט פרײַוויליק. א הויקער קען נאָר דער קייווער אויסגלײַכן! אין נאָמען פון זייערע בלוטיקע טאָגטעגלעכע אינטערעסן דארפן די רוסישע ארבעטער זיך סטארען גיכער ארײַנלייגן אין קייווער דעם דאָזיקן הויקער.

* * *

ווי מע זאָל ניט צוגיין צו דער זאך, ווײַזט זיך שטענדיק ארויס, אז די רוסישע ארבעטער קומט אויס אומפארמײַדלעך קעמפן מיט דער זעלבסט־הערשונג. ניט נאָר דער ענדגילטיקער ציל פון די ארבעטער, דאָס אײַנפירן דעם סאָציאַליזם, נאָר אויך זייער נאָענטע אופגאבע, פארבעסערן זייער מאטעריעלע לאגע אפן גרונט פון דער איצטיקער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג איז ניט מעגלעך און נים דענקבאר ביז וואנען אין רוסלאנד איז דער ווילן פון קייסער און זײַנע מעשאָרסים דער אייגציקער און העכסטער געזעץ, ביז וואנען די ארבעטער פארבלײַבן דעם קייסערס אונטערטאנער, דאָס הייסט, רעכטלאָזע און שטומע קנעכט. דער קאמף מיט דער זעלבסטהערשונג איז אָבליגאטאָריש פאר די ארבעטער ניט נאָר אין נאָמען פון זייערע גײַסטיקע שטרעבונגען, אין נאָמען פון זייער מענטשן־ווירדע, שטרעבונג צו פרײַהײַט און צו בילדונג, נאָר אויך אין נאָמען פון זייערע סאמע אומיטלבארע מאטעריעלע אינטערעסן. מע קען ניט זאָגן: מיר וועלן דערווײַל קעמפן מיט אונדזערע אומיטלבארע סאָנים, מיט די באַלעבאטים, און ווען דערנאָך, ווען אונדזערע קרעפטן וועלן שטארקער ווערן, וועלן מיר אָנהייבן א קאמף מיטן אלגעמיינעם פאָלק-סוינע, מיט דער צארישער רעגירונג... ניינן! די זעלבסטהערשונג איז אויך אזא אומיטלבארער סוינע, אזא הארטנעקיקער סוינע פון דער ארבעטער־באוועגונג, ווי דער סאמע געשוואָרענער רויבער — דער באַלעבאָס. די ארבעטער דארפן געדענקען, אז דער קייסער — דאָס איז דער אלרוסישער רויבער-באַלעבאָס, און די באזונדערע באלעבאטים — דאָס זײַנען קליינע קייסאָרימלעך. דערפאר טאקע פארטיידיקט דער קייסער שטענדיק די באַלעבאטים, העלפט זיי שטענדיק האלטן די ארבעטער אין דערנידעריקונג, אין דער לאגע פון א קנעכט. אפ דעם בונד פון קייסער מיט די קייסאָרימלעך דארפן די ארבעטער ענטפערן מיט א גלײַכצײַטיקן עקאָנאָמישן און פּאָליטישן קאמף, מיט א גלײַכצײַטיקן קאמף קעגן די באַלעבאטים און קעגן קייסער! ביידע ארטן קאמף, ווי מיר האָבן שוין געזען, זײַנען ענג פארבונדן צווישן זיך, ביידע ארטן קאמף ברענגען די ארבעטער דעם גרעסטן נוץ, ווען זיי קומען פאָר גלײַכצײַטיק, ווען זיי דערגאנצן איינער דעם צווייטן. דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער קאמף שפּילן אין דער ארבעטער-באוועגונג די זעלביקע ראָליע, ווי ביידע פיס אין מענטשלעכן קערפּער; א געזונטן און פארשטאנדיקן מענטשן קען אין קאָפּ ניט אײַנפאלן דער פארלאנג גיין אפ איין פוס: די ארבעטער־באוועגונג הינקט,

רוקט זיכ לאנגזאמ צו איר ציל, אויב זי לאָזט אינ גאנג נאָר איינ מיטל פונ קאמפ, — זאָל דאָס זײַנ דער מיטל פונ איינ עקאָנאָמישנ, אָדער איינ פאָליטישנ קאמפ.

אונ אינ דעמ געגעבענעמ פאל דארפנ די ארבעטער נאָכטאָנ דעמ בײַשפיל פונ דער מײַרעוו-אייראָפּײשער ארבעטער־באוועגונג. די דערפארונג פונ דערדאָזיקער באוועגונג האָט אומבאשטרײַטבאר באוויזנ, אז די קראפט פונ די ארבעטער וואקסט אלצ גיכער, וואָס ענגער זיי פארבינדנ דעמ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ קאמפ.

דער וווּקס פונ דער דײַטשישער ארבעטער־באוועגונג, וואָס האָט צו זיכ ניט קיינ בײַשפיל, דערקלערט זיכ אינ א באדײַטנדיקער מאָס נאָר דערמיט, וואָס די דײַטשישע ארבעטער האָבנ פונ סאמע אָנהייב פארשטאנענ די נוצלעכקײַט פונ א גלײַכצײַטיקנ קאמפ אינ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ געביטנ. אונ איצט גייענ אפ דעמ זעלבנ וועג די ארבעטער פונ אלע אָנ אויסנאמ אייראָפּײשע לענדער.

עמעס, רוסלאנד איז ניט מײַרעוו־אייראָפּע. אינ רוסלאנד זײַנענ ניטאָ קיינ וואלנ אינ פארלאמענט, ניטאָ קיינ פרײַהײַט פונ וואָרט, פרעסע אונ אנד. מיט איינ וואָרט, ניטאָ קיינ פאָליטישע פרײַהײַט. נאָר וואָס איז פונ דעמ געדרונגענ? נאָר דאָס, אז אינ רוסלאנד דארפ דער פאָליטישער קאמפ ביז א באשטימטער צײַט טראָגנ אנ אנדער כאראקטער, ווי אינ מײַרעוו-אייראָפּע; נאָר דאָס, אז אינ רוסלאנד איז דער ציל פונ פאָליטישנ קאמפ דערווײַל נאָכ אנ אנדערער, ווי דער ציל פונ דעמ קאמפ אינ מײַרעוו-אייראָפּע: אינ מײַרעוו־אייראָפּע שטרעבנ שוינ די ארבעטער צו *פארכאפנ די פאָליטישע מאכט*, אינ רוסלאנד קענענ דערווײַל די ארבעטער שטרעבנ נאָר *צו דער נידערנלייגונג פונ דער זעלבסטהערשונג, צו דעראָבערנ פאָליטישע פרײַהײַט*. דער אונטערשייד צווישנ די פאָליטישע באדינגונגענ אינ רוסלאנד אונ אינ מײַרעוו־אייראָפּע פירט, אפ אזא אויפנ, נאָר צומ אונטערשייד אינ די צילנ אונ אינעמ כאראקטער פונעמ פאָליטישנ קאמפ דאָרט אונ דאָ. ס'איז ריכטיק אויכ דאָס, אז די פאָליטישע באדינגונגענ פונ רוסלאנד פארשוועריקנ שטארק דאָס פירנ פונ פאָליטישנ קאמפ, נאָר ניט ווייניקער שווער איז אויכ פירנ אינ רוסלאנד אנ עקאָנאָמישנ קאמפ אונ פארשפרייטנ סאָציאליסטישע אידייעס. מיט די קאָלערליי שוועריקײַטנ דארפ זיכ אונדזער ארבעטער-באוועגונג פאָרויס רעכענענ, אונ מע דארפ האָפנ, אז זי וועט קענענ בײַקומענ די אלערלייִקע שוועריקײַטנ. די זאכ גייט נאָר אינ דעמ, אז די אָנשטרענגונגענ אונ די אומפארמײַדלעכע קאָרבאָנעס פונ די רוסישע ארבעטער זאָלנ ברענגענ די גרעסטע נוצנ, אונ דאָס קענ מענ דערגרייכנ נאָר אינ דעמ פאל, אויב אונדזערע ארבעטער וועלנ פונאָנהייב אָנ, מיטאמאָל, גלײַכצײַטיק אונ צוזאמענ פירנ אנ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ קאמפ, ניט פארגעסנדיק אפ קיינ איינ מאָמענט, אז ביידע ארטנ קאמפ זײַנענ גלײַכנייטיקע מיטלענ פארנ ענדגילטיקנ ציל פונ ארבעטער-קלאס, פארנ אויפבויענ די סאָציאליסטישע געזעלשאפט.

יע, גלײַכצײַטיק אונ צוזאמענ! ניט ארײַנלאָזנדיק זיכ אינ אזעלכע איינצלהײַטנ, וואָס ניט דאָ איז דער אָרט וועגנ זיי צו ריידנ, וועגנ פארשיידענע מיטלענ, מעטאָדנ אונ פאָרמעס פונ פאָליטישנ קאמפ, וועלנ מיר נאָכאמאָל

אָנגעוויזן, ווי ענג דער קאַמף קעגן דער זעלבסטהערשונג קען זײַן פאַרבונדן אין דער ווירקלעכקייט מיט דער פּראָפּאַגאַנדע (פּריידיקן) פון סאָציאַליזם און מיטן עקאָנאָמישן קאַמף קעגן באַלעבאַטים און פאַבריקאַנטן. אין צאַרישן רוסלאַנד טאָר מען ניט פאַרשפּרייטן די אידייע פון סאָציאַליזם, ניט דערקלערנדיק צוזאַמען מיט דעם, אַז דער טריומף פון סאָציאַליזם איז ניט מעגלעך אָן דעם פאַרויסיקן זיג איבער דער זעלבסטהערשונג, אַז די פּאָליטישע איבערקערעניש, וואָס איר ציל איז פאַרבײַטן די זעלבסטהערשונג פון קייסער אַף דער זעלבסטהערשונג פון פאָלק, — דאָס איז דער נאָענטסטער און אומפאַרמײַדלעכער עטאַפּ אַפן וועג צום ענדגילטיקן ציל, צום סאָציאַליזם. אין צאַרישן רוסלאַנד איז יעדער שטרײַק, יעדער צוזאַמענשטויס פון די אַרבעטער מיט די באַלעבאַטים, שטעלט מיט זיך פאָר אַ צופאַל אַף באַווײַזן בעשײַמפּערלעך דער אַרבעטער־מאַסע, אַז אַפילע אירע נאָענטסטע, טאָג־טעגלעכע אינטערעסן ווערן אַזוי כוצפּעדיק און אַכזאָריעסדיק צעטראָטן פון אירע אומיטלבאַרע האַרן, ווײַל דער האַר פון גאַנץ רוסלאַנד, דער קייסער, מיט זײַן פּאָליציי און אַרמיי פאַרטיידיקט שטענדיק די אינטערעסן און די קעשענע פון די קליינינקע קייסאָרימלעך, באַלעבאַטים און פאַבריקאַנטן, ווײַל די אַרבעטער, ווי אונטערטאַנער פונעם קייסער, האָבן קיינע בירגערלעכע רעכט ניט.

אַף אַזאַ אויפן איז די פּראָפּאַגאַנדע פון סאָציאַליזם אומאָפּרײַסבאַר פאַרבונדן מיט דער פּראָפּאַגאַנדע פון די אידייען פון דער פּאָליטישער פרײַהײַט און יעדע אַנטפּלעקונג פון עקאָנאָמישן קאַמף, באַזונדערס פון אַ ש ט ר ײַ ק, גיט די מעגלעכקײַט צו אַגיטירן (וועקן די גרויסע מאַסע) פאַר אַ פּאָליטישער פרײַהײַט.

וואָס ס'איז שײַעך די רוסיש־ייִדישע אַרבעטער, דאַרף אין זייער סוויווע די פּראָפּאַגאַנדע פון דער אידייע פון פּאָליטישער פרײַהײַט, אָן שום צווייפל, זײַן זייער פרוכטבאַר. די אונטערדריקונגען און פאַרפאָלגונגען, וואָס זיי לײַדן אין צאַרישן רוסלאַנד, ווי י ִי ד ן, מאַכן זיי באַזונדער אופנעמפייִק צו די אידייען פון פּאָליטישער פרײַהײַט. פאַר די רוסיש־ייִדישע אַרבעטער באַטײַט פרײַהײַט אויך ב י ר ג ע ר ל ע כ ע ג ל ײַ כ ב א ר ע כ ט י ק ו נ ג מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג פון רוסלאַנד. דאָס ווערט אומבאַשטרײַטבאַר דערוויזן פון דער געשיכטע פון מײַרעוו־אייראָפּע. אויך דאָ זײַנען ייִדן געוואָרן גלײַכבארעכטיקטע בירגער נאָר נאָכן פאַלן פון די זעלבסטהערשערישע אָרדענונגען. איצט, פאַר דער זעלבסטהערשונג, זײַנען נאָך די אַרבעטער פון ייִדן נאָך מער רעכטלאָז, איידער זייערע מיטברידער פון די קריסטן, זיי זײַנען די צאַרישע אונטערטאַנער פון צווייטן ראַנג; אין דעם פרײַען רוסלאַנד, וווּ ס'וועלן ניט זײַן קיין „אונטערטאַנען", און ס'וועלן זײַן נאָר פרײַע בירגער, וועלן די אַרבעטער־ייִדן באַקומען די ברייטע מעגלעכקײַט, צוגלײַך און האַנט בײַ האַנט מיט די אַרבעטער־קריסטן, קעמפן פאַר דער ענדגילטיקער באַפרײַונג פון אַרבעטער־קלאַס.

* * *

אויבן האָבן מיר אָנגעוויזן אַף דעם, אַז די ש ט ר ײַ ק ן שטעלן מיט זיך פאָר אַן אויסגעצייכנטן צופאַל אַף וועקן און אויפהייבן די גלײַכגילטיקע, געוויינטלעך האַכנאָעדיקע „טרײַ־אונטערטאַניקע" מ א ס ע א ר ב ע ט ע ר פאַר דער פּאָליטישער פרײַהײַט.

נאָך א מער גינסטיקער מאָמענט פאר פאָליטישער אגיטאציע קען און דארף ווערן אין רוסלאנד דער יערלעכער ארבעטער־יאָנטעוו, דער 1-טער מײַ.

די רוסישע ארבעטער קענען און דארפן פולקאָם צוגעבן דעם מײַ-יאָנטעוו אויך א כאראקטער פון א ריין רוסישער פאָליטישער מאניפעסטאציע קעגן דער זעלבסטהערשונג. די פעטערבורגער ארבעטער האָבן עס טיילווײַז געטאָן דעם 1-טן מײַ 1891, אָבער אויך נאָר טיילווײַז: זיי האָבן זיך באגרענעצט מיט אן אנטשפרעכנדיקער רעדע, וואָס מע האָט געהאלטן אין קרײַז פון די, וואָס האָבן זיך באטייליקט אין יאָנטעוו, ד. ה. אין קרײַז אויסדערוויילטע, שוין מער-ווייניקער אנטוויקלטע, איבערצײַגטע מיינונגס-כאווירים. אָבער דאָס איז ווייניק. מע דארף אויסנוצן דעם יאָנטעוו 1-טן מיי אף אופווירקן אף דער גרויסער גלײַכגילטיקער מאסע ארבעטער. און דאָס קען מען דערגרייכן מיט דער מאסנארטיקער פארשפרייטונג פון אופרופן, אין וועלכע עס דארף זײַן דערקלערט די צווישנפעלקערלעכע באדײַטונג פון מײַ־יאָנטעוו, ס׳דארפן זײַן אופגעקלערט די נאָענטסטע פאָדערונגען און דער ענדגילטיקער ציל פון דער צווישנפעלקערלעכער ארבעטער-באוועגונג. און, צום סאָף, דארף מען אָנווײַזן אף דער אויסנאם-לאגע פון רוסלאנד און פון די רוסישע ארבעטער און אף דער נייטווענדיקײַט, וואָס דרינגט פונדאנען ארויס, וואָס גיכער פארענדיקן מיט דער זעלבסטהערשונג.

די הויפט פאָדערונג, וואָס ווערט ארויסגערוקט אין טאָג פון 1־טן מײַ פון די ארבעטער פון דער גאנצער וועלט, — פארקירצן די ארבעט־צײַט דורך דער געזעצגעבונג ביז אכט שאָ אין טאָג, — די דאָזיקע פאָדערונג איז אין רוסלאנד אומאָפרײַסבאר פארבונדן מיט דער פאָדערונג פון פּאָליטישער פרײַהײַט. די צארישע רעגירונג וועט זיך קיינמאָל ניט באשליסן אף אײַנפירן ניט נאָר אן אכטשאָיִקן, נאָר אפילע אויך א צענשאָיִקן ארבעט־טאָג; וועט זיך ניט באשליסן, ווײַל דאָס פארקירצן פונעם ארבעט-טאָג — באזונדערס אף דער ערשטער צײַט — פארקלענערט דעם רעוועך פון די פאבריקאנטן און באלעבאטים; וועט זיך ניט באשליסן אויך דערפאר, ווײַל די פארקירצונג פון ארבעט-טאָג דראָט מיט א געפאר דער צארישער זעלבסטהערשונג זעלבסט. וואָס דער ארבעט־טאָג איז קירצער, אלץ מער איז בא די ארבעטער פרײַע צײַט אף זעלבסטבילדונג און אנטוויקלונג, און אנטוויקלטע און געבילדעטע ארבעטער זײַנען מער געפערלעכע סאָנים פאר דער זעלבסטהערשונג, ווי דינאמיט־באָמבעס.

די ווירקלעכע און באדײַטנדיקע פארקירצונג פון ארבעט-טאָג איז, ווי יעדע אנדערע ווירקלעכע פארגרינגערונג פון ארבעטערס גוירל, מעגלעך נאָר אין א פרײַען רוסלאנד, אויב מע זאָל אפילע דערלאָזן אף א מינוט, אז די צארישע רעגירונג וועט אײַנשטימען אײַנפירן אף א געזעצגעבערישן אויפן — לאָמיר זאָגן — א צענשאָיִקן ארבעט-טאָג, וועט אויך דאן אין דער ווירקלעכקײַט די ארבעטער פון דעם געזעץ ווערן ניט קאלט, ניט ווארעם. אין דער ווירקלעכקײַט וועלן די פאבריקאנטן רויִקערהייט ברעכן דעם געזעץ, פונקט אזוי ווי זיי ברעכן די געזעצן פאר די ארבעטער, וואָס זײַנען ארויסגעגאנגען ביז איצט. אזעלכע געזעצן ווערן אָפגעהיט אין דער ווירקלעכקײַט, ווי מיר האָבן שוין אָנגעוויזן, נאָר אף אזויפיל, אף וויפל די ארבעטער אליין זײַנען

אימשטאנד מיט זייער אָרגאניזאציע (פאריינ) צווינגענ די פאבריקאנטנ אָפהיטנ דעמ געזעצ. באַ די רוסישע ארבעטער האָט די זעלבסטהערשונג אָפגענומענ די דאָזיקע קראפט.

וואָס פאר א נוצנ האָבנ די רוסישע ארבעטער פונעמ שוצ־געווער פונ די פאבריק־געזעצנ, אויב דער צוויִעסדיקער צושטעלער פונעמ דאָזיקנ געווער, די צארישע זעלבסטהערשונג, פארבינדט זיי די הענט, נעמט באַ זיי אָפּ די מעגלעכקייט באנוצנ זיכ מיט דעמ דאָזיקנ געווער!

הייסט עס, אז די פאָדערונג פונ אנ אכטשאָיִקנ ארבעט־טאָג אינ צארישנ רוסלאנד פירט שוינ אליינ פאר זיכ צו דער פאָדערונג פונ פאָליטישער פרײַהײַט.

די רוסישע ארבעטער דארפנ נאָכ מער צוגעבנ דער מײַ-דעמאָנסטראציע אויכ א פאָליטישנ כאראקטער, ווײַל די רוסישע רעגירונג סטארעט זיכ מיט אלע מיטלענ שטערנ דער דאָזיקער דעמאָנסטראציע. — זי באגרענעצט זיכ ניט מיט דער שפּיִאָנישער נאָכשפּירונג אונ מיטנ באשטראָפנ די אויסגעשפּירטע אָנטײלנעמער פונ ארבעטער-יאָנטעוו, — זי קומט אָנ אויכ צו „באוואָרענונג־מיטלענ“, וואָס זייער ציל איז — פארקריפּלענ דעמ כאראקטער אונ מיט דעמ אונטערײַסנ די באדײַטונג פונ דער ארבעטער-מאניפעסטאציע. ניט איבערקלײַבנדיק זיכ אינ קיינע מיטלענ אפּ דערגרייכנ אירע צילנ, האָט זי שוינ ניט איינ מאָל געפּרוּווט פארוואנדלענ דעמ יאָנטעוו פונ 1-טנ מײַ, דעמ יאָנטעוו פונ ברידערלעכנ בונד פונ אלע ארבעטער, אָנ אונטערשייד פונ גלויבנ, ראסע אונ געשלעכט, אינ א טאָג פונ אָנהעצענ אפּ ייִדנ. דער ערשטער פּרוּוו איז געמאכט געוואָרנ דעמ 1־טנ מײַ 1890 יאָר אינ ווארשע, דער צווייטער — דעמ 1־טנ מײַ 1892 אינ לאָדז. דער ציל פונ די שפּיצלעכ איז קלאָר. דער צארישער רעגירונג איז דער יאָנטעוו פונ 1־טנ מײַ נאָכ ווייניקער געפעלנ, ווי די אויסלענדישע רעגירונגענ. איז אָט וויל זי פאַרשעמ שטערנ די באוווסטזיניקע ארבעטער באנוצנ זיכ מיט דעמ דאָזיקנ יאָנטעוו אפּ אופווירקנ אפּ דער אָפּגעשטאנענער ארבעטער-מאסע, אָנהעצענדיק די דאָזיקע מאסע אפּ די ייִדנ, צעפלאקערנדיק אינ זיי דעמ געפיל פונ ראסנ-האס אונ די נידעריקע אינסטינקטנ פונ רויבערײַ. די רויבערײַ, זאָל עס זײַנ אפילע פונ ייִדישנ גוטס, דער גוואלדטאט, זאָל ער זײַנ אפילע אפּ ייִדנ, זײַנענ קרימינעלע פארברעכנ, וואָס ווערנ באשטראָפט אפילע לויט די צארישע געזעצנ. אָבער די צארישע רעגירונג איז נאָכ פונ אמאָל אָנ געוווינט טרעטנ מיט די פיס אירע אייגענע געזעצנ, ווענ איר לוינט דאָס. זאָלנ די אָפּגענארטע ארבעטער ראבירנ, גוואלטיקנ, טויטנ ייִדנ — אבי זיי זאָלנ אינ ברענ פונ רויב אונ גוואלדטאטנ פארלירנ יעדנ ווילנ צו הערנ געפערלעכע פאר דער רעגירונג רעדעס וועגנ סאָציִאליזמ, וועגנ באפרײַונג-קאמפ פונ די ארבעטער, וועגנ פאָליטישער פרײַהײַט.

אפּ אזא אויפנ, דארפ דער יאָנטעוו פונ 1-טנ מײַ אינ רוסלאנד, אנטשפּרעכנדיק די אויסשליסלעכע רוסישע באדינגונגענ, טראָגנ עטוואָס אנ אנדער כאראקטער, ווי אינ מײַרעוו־אייראָפּע. באגלײַכ מיט דער אלגעמיינער צווישנפעלקערלעכער פאָדערונג פונ אנ אכטשאָיִקנ ארבעט-טאָג, דארפנ די רוסישע ארבעטער אופהייבנ די פאָדערונג פונ פאָליטישער פרײַהײַט.

און אינ דעמ דאָזיקנ פאל דארפנ די רוסישע ארבעטער אויסנוצנ דעמ בײַשפיל פונ זייערע מײַרעוו-אייראָפּייִשע כאווײרימ. די ארבעטער פונ פארשיידענע לענדער פונ מײַרעוו־אייראָפּע אינ די מײַ מאַניפעסטאציִעס גיבנ צו צו די אלגעמיינע צווישנפעלקערלעכע פאָדערונגענ באזונדערע פאָדערונגענ, אָפּהענגיק פונ די באדינגונגענ פונ דעמ געגעבענעמ לאנד. די עסטרײַכישע ארבעטער הייבנ אופ אינ טאָג פונ 1-טנ מײַ די פאָדערונג פונ אלגעמיינער וואלרעכט, די פראנצוישע ארבעטער פאָדערנ אלגעמיינע אנטוואָפענונג פונ די מעלוכעס, דאָס פארביכטנ די מאָדערנע מיליִאָניקע ארמייענ אינ די אינטערעסנ פונ אלגעמיינעמ שאָלעמ צווישנ די פעלקער, די שווייצארישע ארבעטער פאָדערנ די פארניכטונג פונ דער ניט לאנג אײַנגעפירטער אינ שווייצאריע פאָליטישער פאָליציי.

זאָלנ אויכ די רוסישע ארבעטער, וואָס קרעכצנ אונטער דעמ סאמע שווערסטנ צווייענדיקנ יאָכ פונ עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער קנעכטשאפט, מאכנ זייער מײַ־יאָנטעוו פאר אנ ע ק אָ נ אָ מ י ש ע ר א ו נ פּ אָ ל י ט י ש ע ר מ א נ י פ ע ס ט א צ י ע! זאָל דער אלרוסישער באלעבאָס, דער קייסער, ציטערנ אינ טאָג פונ 1־טנ מײַ ניט נאָר פארנ גוירל פונ די קליינינקע קייסאָרימלעכ, — נאָר אויכ פאר זײַנ אייגענעמ גוירל, פארנ גוירל פונ זײַנ טראָנ! זאָל דער טאָג פונ 1־טנ מײַ ווערנ א גרויזאמע, דראָענדיקע וואָרענונג ניט נאָר פאר דער סאמע רויבערישער, סאמע געוויסנלאָזער בורזשואזיע (דעמ קלאס אונטערנעמער), נאָר אויכ פאר דער סאמע רויִנירנדיקער, טיראַנישער רעגירונג פונ דער וועלט, — דער צארישער זעלבסטהערשונג!

אופהייבנדיק אינ דעמ טאָג פונ 1־טנ מײַ די פאָנ פונ פּאָליטישנ פּראָטעסט קעגנ דער זעלבסטהערשונג, וועלנ די רוסישע ארבעטער ברענגענ א גרויסנ נוצנ סײַ זייער פאָטערלאנד, סײַ דער זאכ פונ סאָציִאליזמ אינ דער גאנצער אופגעקלערטער וועלט. די צארישע זעלבסטהערשונג — דאָס איז א צערבער (וואכהונט), וואָס היט ניט נאָר דעמ אלרוסישנ, נאָר אויכ דעמ אלאייראָפּייִשנ געגנעמ. די רעאקציאָנערנ פונ אלע לענדער זעענ אינ דער צארישער מאכט דעמ זיכערסטנ אָנשפאר פונ אלע עקזיסטירנדיקע שלעכטס, די סאָציִאליסטנ פונ אלע לענדער זעענ אינ דער דאָזיקער מאכט דעמ סאמע געפערלעכסטנ סוינע פונ אלוועלטלעכנ סאָציִאליזמ.

דער טאָג, ווענ ס'וועט פאלנ די זעלבסטהערשונג, וועט זײַנ א יאָנטעוו ניט נאָר פארנ רוסישנ פאָלק, נאָר אויכ א יאָנטעוו פאר די אופגעקלערטע פעלקער פונ דער גאנצער וועלט. דערנענטערנ דעמ טאָג, פארגיכערנ דאָס פאלנ פונ דער זעלבסטהערשונג — דאָס וועט זײַנ דער גרעסטער היסטאָרישער פארדינסט פונ די רוסישע ארבעטער פאר דער גאנצער מענטשהייט!

---

I

## א רעדע פונ אנ ארבעטערנ

מײַנע הערנ, מיר פײַערנ הײַנט דעמ 1-טנ מײַ. דער טאָג איז פאר אונדז ניט דאָס, וואָס די געוויינטלעכע אײַנגעשטעלטע יאָנטויווימ. יענע זײַנענ נאָר יאָנטויווימ פאר די רײַכע, וועלכע אינטערעסירנ זיכ ניט, אויב אינ דער דאָזיקער צײַט פײַערנ זייערע אָרעמע ברידער. דער דאָזיקער טאָג האָט פאר

אונדז גאָר אַנ אַנדער באַדײַטונג. אינ דעם דאָזיקנ טאָג, האנאמ ער איז ניט קיינ יאָנטעוודיקער, ווארפנ די ארבעטער פונ פארשיידענע לענדער אונ פאַרשיידענע פּראָפעסיעס זייער ארבעט אונ פארייניקנ זיכ פאר דער אלגעמיינער פײַערונג. אינ 90־טנ יאָר האָבנ זיכ פארייניקט צו דער דאָזיקער פײַערונג אונדזערע ארבעטער אינ ווארשע. דער פאָלק-כאראקטער פונ ארבעטער-יאָנטעוו באַווײַזט אונדז, אז די מערהײַט ארבעטער האָבנ שוינ אָנערקענט זייערע אינטערעסנ, אז זיי אָרגאניזירנ זיכ אונ פארייניקנ זיכ צוליב דעם אלגעמיינעמ ציל, ניט קוקנדיק אפ דעמ אונטערשייד פונ די פּראָפעסיעס אונ נאציעס. אָבער צומ באַדויערנ, האָבנ נאָכ די ארבעטער פונ אונדזער שטאָט, אונ אויכ פונ פיל אַנדערע שטעט אינ רוסלאנד, ביז איצט ניט גענומענ קיינ אָנטייל אינ דעמ העכסט פײַערלעכנ יאָנטעוו. לאָמיר זשע זיכ א סטארע טאָנ, פרײַנט, דורכפירנ דעמ דאָזיקנ טאָג וואָס בעסער אונ מיט וואָס מער נוצנ.

הײַנט האָבנ מיר זיכ צונויפגעזאמלט צוזאמענ, קעדיי דורכצושמועסנ זיכ וועגנ אונדזער טרויעריקער לאגע אונ א טראכט טאָנ וועגנ דעמ, וואָס אונטערצונעמענ, קעדיי פארבעסערנ זי ווי ווײַט ס׳איז מעגלעכ. אינ קיינ איינ לאנד איז די לאגע פונ די ארבעטער ניט אזוי שוידערלעכ, ווי בא אונדז אינ רוסלאנד. אונדזערע באַלעבאטימ צווינגענ אונדז ארבעטנ טאָג אונ נאכט. זיי האלטנ אונדז ניט פאר מענטשנ, נאָר פאר כײַעס. אונדז אונטערדריקט מענ אונ מע פארפאָלגט אפ טריט אונ שריט... דאָס הארצ ווערט צעריסנ, זעענדיק, ווי דער ארבעטער בעט באמ באַלעבאָס די סכירעס, ווי ער ציטערט עס פאר אימ, פונקט ווי ער וואָלט בעטנ א נעדאָווע אונ ניט זײַנע מיט בלוט פארדינטע געלט... ניט שוינ זשע האָבנ מיר ניט קיינ רעכט לעבנ אונ גענינסנ ווי אונדזערע באַלעבאטימ?! פארוואָס קומט עס אונדז אלצ?! ניט שוינ זשע דערפאר, וואָס מיר קאָרמענענ זיי מיט אונדזער מי, ניט שוינ זשע דערפאר, וואָס זיי לעבנ פונ אונדזער שווייס אונ בלוט?

נאָר דאָס איז נאָכ ניט אלצ. אונדזערע הארנ דארפ מענ דאָכ נאָכ אָפּהיטנ פונ די אינערלעכע אונ אויסערלעכע סאָנימ, אונ אָט, ברידער, ווארט נאָכ אפ אײַכ די קאזארמע. דאָרטנ וועט מענ זיכ סטארענ ארויסיאָגנ אלצ דאָס מענטשלעכע, מע וועט אײַכ פארוואנדלענ אינ אווטאָמאטנ, וועלכע דארפנ בלינד אויספילנ אלע זינלאָזע באפעלנ פונ די קאָמאנדירנ. די קאזארמע נעמט בא אײַכ צו די בעסטע יאָרנ פונ אײַער לעבנ, זי נעמט בא אײַכ צו אלע קויכעס, די גאנצע ענערגיע, אונ דערנאָכ אויסגעמאטערטע, מיט אנ אפאטיע צומ אייגענעמ לעבנ אונ צומ גאנצנ ארומ, ווארפט זי אײַכ ארויס אפ העפקער. נאָר דאָס איז נאָכ ווייניק. מיטאמאָל וועלנ אײַערע ברידער־ארבעטער ארויסשטעלנ זייערע גערעכטע פאָדערונגענ אונ אײַכ צווינגט מענ אונטערדריקנ, אונ אפילע הארגענענ די אייגענע ברידער. אזא לאגע איז, דאכט זיכ, גענוג טרויעריק. יע, דער קאָס איז איבערפולט, ווײַטער דויערנ אזוי קאָנ עס שוינ ניט. אײַער געהאָרכזאמקײַט אונ געדולדיקײַט וועלנ צו גאָרנישט ניט ברענגענ, — אפ א פרידלעכנ אויפנ וועלנ מיר גאָרניט ניט אופטאָנ. מיר דארפנ קעמפנ מיט אונדזער פײַנט. אָבער ס׳פארשטייט זיכ, אז יעדער מענטש דארפ אויסמעסטנ זײַנע קויכעס, ער טאָר זיכ ניט נעמענ פאר א זאכ, וואָס ער קאָנ ניט אופטאָנ. מיר ווייסנ גוט, אז דאָס אלצ מיטאמאָל וועלנ מיר ניט קאָנענ איבערמאכנ; אונ דערפאר דארפנ מיר איצט קעמפנ מיט אונדזערע נאָענטסטע

סאָנים, מיט וועלכע אונדז קומט אויס טרעפן זיך יעדן טאָג — מיט אונדזערע באַלעבאַטים.

דער ערשטער באַדינג פאַרן דערפאָלג פון קאַמף איז אַ פּולקאָמע סאָלידאַ-רישקײַט צווישן אַלע אַרבעטער.

די אינטערעסן פון איינעם דאַרפן זײַן די אינטערעסן פון אַלעמען און פאַרקערט. קעדיי עס זאָל ניט זײַן צווישן אונדז אַזאַ צעשפּליטערטקײַט, קעדיי פאַרייניקן זיך, דאַרפן מיר אײַנאָרדענען אָפּטע סכאָדקעס, פאַרזאַמלונגען פון אַרבעטער. אַלע דאַרפן זיך סטאַרען גרינדן קאַסעס און זאָרגן וועגן זייער פאַרברייטערונג. מיר דאַרפן אָרגאַניזירן שטרײַקן. צוליב אָט די שטרײַקן דאַרפן מיר האָבן קאַסעס, וועלכע זײַנען אין דער דאָזיקער צײַט אונדזער איינציקע שטיצע.

אָבער אָרגאַניזירן אַ שטרײַק! אונדז שרעקט שוין דאָס וואָרט אַליין. מיר קאָנען צוליב דעם גאָר פאַרלירן די אַרבעט.

יאָ, פרײַנט, איך פיל און פאַרשטיי עס פולקאָם. איך ווייס וואָס עס באַ-טײַט פאַר אונדזערן אַ ברודער-אַן אַרבעטער פאַרלירן די אַרבעט. ער קאָן דאָך פון זײַן פאַרדינסט ניט אָפּשפּאָרן אַף מאָרגנדיקן טאָג. נאָר צי איז דען איצט ניטאָ קיין איבעריקע אַרבעטער? צי איז דען איצט ניט פאַראַן קיין מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין אַרבעט און שטאַרבן פון הונגער מיט זייערע פאַמיליִעס? פאַרוואָס זשע איז עס איצטער אַזוי, איצטער, ווען מיר טראָגן איבער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ געדולדיק אַלע קלעפּ און דערנידעריקונגען פון אונדזער סוינע? און אָט פאַרוואָס:

דער אַרבעטער, אָנשטאָט צו אַרבעטן 12 שאָ אַ טאָג, וואָס איז שוין אײַנ-געשטעלט פון געזעץ, אַרבעט 15—17 שאָ אַ טאָג. אַף אַזאַ אויפן אַרבעט ער קימאַט פאַר צווייען. און ווירקלעך, דער באַלעבאָס אָנשטאָט צו האַלטן 10 אַרבע־טער, באַנוגנט זיך נאָר מיט זעקס. וואָס זשע זאָלן טאָן די איבעריקע פיר אַרבעטער און וואָס שפּילן מיר סאָפּקאָלסאָפּ דאָ אויס?

מײַנע הערן! וואָלט דען ניט געווען בעסער די קויכעס, וואָס מיר פּאַטערן אַף צו פאַרגרעסערן די קאַפּיטאַלן פון אונדזער בלוטזויגער, אָנווענדן אַף דעם, קעדיי צו אויסבעסערן אונדזער אייגענע לאַגע? וואָלט דען ניט בעסער געווען די איבעריקע צײַט, וואָס מיר פּאַטערן באַ דער אַרבעט, אויסנוצן פאַר אונדזער גײַסטיקער אַנטוויקלונג, קעדיי צו פאַרטרײַבן אַביסל די פינצטערנישן וואָס הערשט אין אונדזער סוויווע? איך רעכן, אַז אַלע אַרבעטער פאַרשטייען שוין, אַז מיר האָבן זיך ניט אַף וועמען צו פאַרלאָזן, ווי נאָר אַף זיך אַליין. די אַרבעטער און נאָר די אַרבעטער קאָנען פאַרבעסערן די לאַגע פון אַרבע-טער-קלאַס. דאָס האָבן אונדז באַוויזן אונדזערע אַרבעטער-ברידער אין אויס-לאַנד. מיר זעען, אַז אַלע מענטשן האָבן זיך צעטיילט אַף צוויי פײַנטלעכע קלאַסן: דער קלאַס פון די רײַכע, פון די מענטשן-פרעסער, און דער קלאַס פון די אומגליקלעכע אַרבעטער, און אַז די ערשטע זיינען אונדזערע בלוטיקע סאָנים. אָבער דאָס דאָזיקע קליינינקע הײַפל רײַכע איז אָבער גאָרנישט קעגן דער גרויסער מאַסע פון דער אָרעמקײַט. מיר קאָנען זיי גרינג באַזיגן, אויב נאָר אַלע אַרבעטער וועלן באַזיניקן זייערע אינטערעסן און וועלן זיך באַטיי־ליקן אין קאַמף. מיר דאַרפן ניט אַראָפּלאָזן די הענט באַם ערשטן דורכפאַל. מיר דאַרפן שטרעבן צו אונדזער ציל ביזן סאָף פון אונדזער לעבן. מיר

דארפן זיך ניט פילן איינזאם, ווײַל מיר האָבן אפילו אין אויסלאנד אסאך כאווײרים, וועלכע זײַנען אין יעדער צײַט גרייט קומען אונדז צו הילפֿ. הייסט עס, מיר קענען זײַן זיכער, אז מיר וועלן זײַן די זיגער, ווײַל אפ אונדזער זײַט איז דער קויעך.

לאָמיר זשע זיך פאראייניקן, ברידער און שוועסטער, און מיט געמיינזאמע קויכעס קעמפן קעגן אונדזערע סאָנים, פאר אונדזער פרײַהײַט.

זאָלן לעבן די ארבעטער! זאָל לעבן די פרײַהײַט!

II

# א רעדע פון אן ארבעטערן

מײַנע הערן! מיר האָבן זיך הײַנט צונויפגעזאמלט פײַערן דעם טאָג ערשטן מײַ. אין מײַרעוו-אייראָפּע ווערט שוין דער דאָזיקער טאָג לאנג געפײַערט פון די ארבעטער און ווערט יעדן מאָל באגלייט מיט גרויסע מאניפעסטאַציעס. מיר דארפן אָבער ניט אראָפּפאלן בא זיך, וואָס די דאָזיקע באוועגונג איז בא אונדז ניט אזוי שטארק, ווי אין מײַרעוו. בא אונדז איז עס א נײַע זאך. די ארבעטער-באוועגונג, איבער זי האָט זיך שוין אָנגעהויבן, גייט מיט גיכע טריט פאָרויס. אזוי איז געווען אפן מײַרעוו, אזוי איז אויך בא אונדז. לאָמיר נעמען פאר א בײַשפּיל כאָטש אונדזער שטאָט* [ווילנע]

אָט זײַנען אונדזערע וויכטיקסטע אופגאבעס (אגיטאציע און פראָפּאגאנדע צווישן די ארבעטער) און מיר דארפן אָנווענדן געמיינזאם אלע אונדזערע קויכעס, קעדיי צו דערגרייכן אונדזער הייליקסטן ציל — די פולשטענדיקע באַפרײַונג פון דער ארבעט.

מײַנע הערן! איך וועל אביסל ריידן וועגן דער פרויען-פראגע.

פריער פון אלץ דארפן מיר ניט פארגעסן, אז די פרויען-פראגע איז ניט קיין באזונדער פראגע, נאָר איז א טייל פון דער גרויסער סאָציאַלער פראגע. לאָמיר זען, אפ וויפל דאָס איז ריכטיק. מיר האלטן, אז פאר דער באפרײַונג פון דער פרוי איז גענוג, אז זי זאָל אין מאטעריעלן הינזיכט זײַן אומאָפּהענגיק פונעם מאן. צי איז ריכטיק, אז דאָס איז גענוג?

ווען די פראָדוקציע איז נאָך געווען שוואך אנטוויקלט, האָט די פרוי זיך פארנומען מיט שטוב-ארבעט. ווען ס'איז אנטשטאנען די מאשין-פראָדוקציע, איז בא איר געוואָרן ווייניקער ארבעט אינדערהיים, ווײַל די פאבריק ארבעט אויס די זעלבע זאכן, וואָס זי, אסאך ביליקער. גלײַכצײַטיק איז זי געצוווּנגען פארלאָזן די היים, ווײַל איר מאן האָט מיט דער אנטוויקלונג פון דער פראָדוקציע אָנגעהויבן באקומען א קלענערן ארבעטלוין. דער דאָזיקער אומשטאנד האָט זי געצווּנגען אוועק אין פאבריק, קעדיי אונטערהאלטן די עקזיסטענץ פון איר פאמיליע. זי איז געוואָרן מער זעלבשטענדיק, אומאָפּהענגיק פון מאן, נאָר דערפאר איז זי אונטערגעפאלן אונטער דער מאכט פון בלוט-זויגער, דעם קאפיטאליסט.

---

* די פאָדערונג פון קאָנספּיראציע צווינגט אונדז איבערלאָזן דעם דאָזיקן טייל פון דער רעדע ניט געדרוקט.

אפ אזא אופנ זעענ מיר, אז אדאנק דער פארברייטערונג פונ דער פראָדוקציע, האָט די פרוי אינ דער פאמיליע באקומענ מער זעלבשטענדיקײַט אונ פרײַהײַט. נאָר צי דענ פאר אזא פרײַהײַט קעמפנ מיר?

קעדיי צו ענטפערנ אפ דער דאָזיקער פראגע, לאָמיר א קוק טאָנ וואָס פאר א שאָדנ אזא אָרדענונג האָט אונדז געבראכט.

ארבעטנדיק אליינ, האָט דער מאנ געקאָנט אויסהאלטנ די גאנצע פאמיליע. ווענ ס'איז אנטשטאנענ די גרויסע פראָדוקציע, האָט די פרוי אָנגעהויבנ קאָנקורירנ מיטנ מאנ, צוליב וואָס ס'איז דער ארבעטלוינ פונ די מענער געוואָר קלענער אונ אסאכ זײַנענ גאָר געבליבנ אָנ ארבעט. פונ דעמ דרינגט, פארשטייט זיכ, ניט ארויס, אז מיר דארפנ שטרעבנ צו באזײַטיקנ די פרויענ-ארבעט. דאָס וואָלט אפ קיינ פאל ניט געמאכט גרינגער די לאגע פונ די ארבעטער. דער ארבעטלוינ וואָלט זיכ ניט געהעכערט. ווײַל דער קאפיטאליסט וואָלט אָנגעהויבנ ארבעטנ מיט מער פארפולקאָמטע מאשינעס, אונ די לאגע פונ די ארבעטער וואָלט זיכ ניט פארבעסערט. מיר זעענ אָבער פונדאנענ, אז ניט די ערשטע לאגע פונ דער פרוי, אלס הויז-ווירטנ, ניט די צווייטע, אלס פאבריק־ארבעטערנ, שטימט ניט אבסאָליוט מיט אונדזערע פאָרשטעלונגענ וועגנ דער ווירקלעכער באפרײַונג פונ די פרויענ. ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די פרוי איז פונ א הויז־ווירטנ געוואָרנ א פאבריק-ארבעטערנ, האָט זיכ איר לאגע ווײניק פארבעסערט אינדערהיימ אונ אינ פאמיליע-לעבנ. פונ דער צווייטער זײַט, ווי א פאבריק-ארבעטערנ, לײַדט די פרוי אונטערנ יאָכ פונ קאפיטאל נאָכ מער איידער דער מאנ. די סיבע פונ דעמ איז דאָס, וואָס די פרוי פילט אויס אפ דער פאבריק די מער גרינגערע ארבעט, צוליב וואָס ס'איז דער ארבעטלוינ אירער זייער קליינ, כאָטש די פרוי שטייט ניט אָפ פונ מאנ אינ איר פייִקײַט צו ארבעט אונ גײַסטלעכער אנטוויקלונג. פונ דעמ אלצ איז קלאָר, אז די הויפט-סיבע פונ דער פרויענ-קנעכטשאפט איז די איצטיקע עקאָנאָמישע אָרדענונג. דעריבער קאָנענ מיר, פרויענ, ניט אויסטיילנ אונדזער פראגע פונ דער אלגעמיינער סאָציאלער פראגע. דעריבער איז אונדזער זאכ סאָלידאריש מיט דער זאכ פונ אלע פראָלעטאריער. מיר אלע האָבנ איינ סוינע, מיט וועלכנ מיר דארפנ געמיינזאמ קעמפנ. מיר אלע וועלנ באקומענ פולקאָמע פרײַהײַט נאָר אינ דער סאָציאליסטישער געזעלשאפט אונ דעריבער דארפנ מיר זיכ סטאַרענ דערנעענטערנ איר אָנקומ.

III

## א רעדע פונ אנ ארבעטער *

טײַערע שוועסטער אונ טײַערע ברידער.

מיר אלע האָבנ זיכ היינט צונויפגעקליבנ, קעדיי צו פײַערנ דעמ אלוועלטלעכנ ארבעטער-יאָנטעוו, לויט דער באשטימונג, וואָס איז מיט דרײַ יאָר צוריק אָנגענומענ געוואָרנ דורכ די ארבעטער-פאָרשטייער פונ אלע אופגעקלערטע לענדער. דאָרטנ איז א פולשטענדיקע פרײַהײַט אינ טאָג פונ 1־טנ מײַ. אלצ

* די רעדע איז געהאלטנ געוואָרנ אינ יידישנ זשארגאָנ, מיר דרוקנ זי אינ א פינקטלעכער רוסישער איבערזעצונג.

קאָכט דאָרטנ אונ ברויזט, אלע אונדזערע ברידער אונ שוועסטער, פרויענ אונ קינדער, יוגנט אונ אלט, מארשירנ שטאָלצ מיט אייגענער מוזיק, לידער אונ פאָנענ איבער די גאסנ מיט פריידיקע הערצער, פול מיט טרייסט פאר די פארגאנגענע שווערע יאָרנ אונ האָפענונג אפ דער קינפטיקער גליקלעכער צײַט. אינ דעמ טאָג ציטערנ אונ פלאטערנ די בורזשוא. זיי פארשטייענ, אז אָט־אָט, שוינ גאָר אינגיכנ, וועט מענ זיי פארמאכנ אפ אייביק די אויגנ, די טײַוועדיקע אונ זשעדנע אויגנ.

דער דאָזיקער יאָנטעוו גיט די ארבעטער נײַע קויכעס צומ קאמפ, הייבט אופ זייער שטימונג אונ מונטערט זיי אופ אינ זייער שטרעבונג צומ מענטשלעכנ פראָגרעס. זיי געניסנ איצט די פרוכט, וואָס זיי האָבנ יאָרנלאנג געזייט מיט ביטערע טרערנ, זיי געניסנ איצט פונ דער וויסנשאפט, וואָס האָט באלויכטנ דעמ 19-טנ יאָרהונדערט, קעדיי צו באפרײַענ די אונטערדריקטע מאסנ לוינארבעטער אונ ווערנ זעלבשטענדיקע מענטשנ. זיי גייענ איצט פונקט ווי מיט אנ אויסגעמאָסטענעמ שליאכ צומ גליק פונ דער גאנצער מענטשלעכער געזעלשאפט, ד. ה., צומ אָפשאפנ פריוואט־אייגנטומ אונ קלאסנ־צעטיילונג, צומ פארניכטנ די סינע צווישנ די פעלקער — צו דער קעניגרײַכ פונ „פ ר ײַ ה ײַ ט, ג ל ײַ כ ה ײַ ט אונ ב ר י ד ע ר ל ע כ ק ײַ ט“!

זיי זײַנענ אָרגאניזירט אונ קעמפנ פאר פאָליטישע רעכט. דאָס דערציט די מענטשהײַט אונ גרייט צו דעמ כאראקטער צו דער קינפטיקער אָרדענונג. זיי ווירקנ ביסלעכווײַז, ניט פארלויפנדיק פאָרויס, ווײַל די דערפארונג האָט געקאָסט טײַכנ בלוט אונ דוירעס ארבעט.

זיי פאָדערנ איצט אנ אכטשאָ̈יקנ ארבעט־טאָג. דער נוצנ פונ דעמ באשטייט, ערשטנס, אינ דערינ, וואָס אינ מעשעכ פונ אכט שאָ ווערנ אויסגעארבעט וויניקער פראָדוקטנ אונ דער געברויכ פונ די פראָדוקטנ בא אנ אכטשאָיקנ ארבעט־טאָג פארגרעסערט זיכ; דעריבער וועט די רעזערוו-ארמיי פונ פראָלעטאריאט, וועמעס לעבנ איז פונקט אזוי צעבראָכנ, ווי דאָס לעבנ פונ יידנ, וואָס זײַנענ ארויסגעשיקט געוואָרנ פונ מאָסקווע אונ וועלכע זעצנ דערפאר אראָפ דעמ פרײַז פונ ארבעט פונ די איבעריקע ארבעטער — די דאָזיקע רעזערוו-ארמיי וועט אויכ באקומענ ארבעט. די גאנצע וועלט שטעלט מיט זיכ איצטער פאָר א בילד פונ רוימישנ צירק. די בורזשואזיע זיצט אינ די שטולנ אונ קוקט, ווי די גלאדיאטאָרנ קעמפנ אפ דער ארענע, ביז וואנענ איינער פאלט ניט צו די פיס פונ צווייטנ... דאָס וויל די רעזערוו-ארמיי פארנעמענ דעמ פלאצ פונ די באשעפטיקטע ארבעטער!

צווייטנס, בא אנ אכטשאָיקנ ארבעט־טאָג וועלנ די ארבעטער, האָבנדיק מער פרײַע צײַט, אויסנוצנ די דאָזיקע צײַט פאר זעלבסטבילדונג אונ וועלנ פארשטיינ, אז אלע מענטשנ זײַנענ גלײַכבארעכטיקט. די זעלביקע ערד טראָגט אלעמענ אפ זיכ, איינ זונ שײַנט פאר אלעמענ, מיט איינ לופט אָטעמענ אלע — אונ דעריבער טאָר אינ דעמ מענטשלעכנ געזעצבוכ, אינ ג ע ו ו י ס נ קיינ אָרט ניט זײַנ פאר אנ אונטערשייד צווישנ אָרעמ אונ רײַכ.

דאנ וועלנ זיכ די ארבעטער בעסער אָרגאניזירנ, זיי וועלנ שאפנ ארמייענ אונ וועלנ זיכ אויסלערנענ באנוצנ מיטנ שווערד פונ וויסנשאפט, וועלכער וועט פארניכטנ ביזנ גרונט די אלטע וועלט פונ גרענעצנ, געווינ, אָרעמקײַט, קראנקײַט, פינצטערניש אונ אָבערגלויבענישנ. דאנ וועט אראָפגעשווענקט ווערנ

דער פלעק פונ קנעכטשאפט אונ ס'וועמ געשאפנ ווערנ א וועלט פונ גליק אונ מענטשלעכער ליבע, ווו יעדער וועט זיכ פילנ פאר א מיטגליד פונ דער מענטש-לעכער געזעלשאפט. די פינצטערניש פונ דער אלטער וועלט האָט געשטערט די מענטשנ צו אנטוויקלענ זיכ, נאָר איצט איז די אלטע וועלט מיט איר ווילד־קײַט געוואָרפנ צו דער ערד. אונ ווײ איז צו די יעניקע, וועלכע וועלנ מײַ־נענ, אז די ארבעטער־מאסע דארפ דולדנ, פלאָגנ זיכ, לײַדנ אונ צושטעלנ פאר א הײַפל מענטשנ אלע פארגעניגנס.

אויכ מיר, יידנ, „רוסישע אונטערטאנער”, זאָגנ זיכ אָפּ פונ אונדזערע יאָנטויוויִמ אונ פונ די אומנוציקע פאר דער מענטשלעכער געזעלשאפט פאנטאזיִעס. מיר שליסנ זיכ אָנ צו די רייענ פונ די סאָציִאליסטנ אונ שטייענ פאר זייער יאָנטעוו, וועלכנ זיי האָבנ זיכ דערשלאָגנ מיט דער וויסנשאפט אונ מיט די אייגענע קויכעס אונ וועלכער וועט עקזיסטירנ ביזנ סאָפּ פונ אלע דוירעס, ווײַל דעמ ציל פונ אָט דעמ יאָנטעוו איז—אונטערהאלטנ ביזנ גרונט די זײַלנ פונ דער אלטער וועלט, ווו עס ווערנ אזוי ווי מיט פּאָמפּעס ארויסגעצויגנ דאָס לעצטע בלוט פונ אָרעמענ קלאס, אונ אָפּ אירע רויִנעס גרינדנ א וועלט פונ אייביקנ פרידנ. אונדזערע יאָנטויוויִמ, וואָס מיר האָבנ געיארשנט פונ די זיידעס, דארפנ פארשווינדנ סאָפּקאָלסאָפּ צוזאמענ מיט דער אלטער אָרדענונג. מיר האלטנ, אז קיינ איינ גאָט, קיינ איינ טײַוול קאָנ ניט באפרײַענ די אונטערדריקטע מאסע פונ יאָכ, וואָס דריקט איר צו דער ערד. נאָר די וויסנשאפט אונ די אייגענע ענערגיע קאָנ ארויספירנ איר פונ דער פינצטערניש צומ ליכט פונעמ לעבנ.

כאָטש אינ רוסלאנד ווערט יעדער שריט פונ פאָלק צו באפרײַענ זיכ פונ דער שווערער לאגע פארפאָלגט, פארשטייט דאָכ די רעגירונג, אז די עקזיס־טירנדיקע אָרדענונג וועט אינגיכנ מוזנ פאלנ, אונ אלע דארמאָיעדניקעס וועלנ זיכ דארפנ אָפּזאָגנ פונ פארגעניגנ צאפנ דאָס בלוט פונ ארבעטער-קלאס. זיס איז צו זויגנ, ווי א פּיאווקע, פרעמדע בלוט, ווענ דער קאָרבנ גיט ניט קיינ ווידערשטאנד. ווענ אָבער, פארקערט, די אָרעמע ארבעטער אונ די גאנצע אונטערדריקטע מאסע זאָגט: „גיינ, איכ וויל ניט” — דעמלט ווערט ביטער אונ פינצטער די דארמאָיעדניקעס. ניט אומזיסט סטארענ זיי זיכ האלטנ דאָס פאָלק אינ דער לאגע פונ א טעמפּנ געווער, ניט אומזיסט סטארענ זיי זיכ מיט אלע קרעפטנ אינ די לערנ-אנשטאלטנ אויסוואָרצלענ אלע גוטע נאטירלעכע אייגנ-שאפטנ פונ שילער, אָנשטאָפּנדיק אימ דעמ קאָפּ מיט רעליגיע, מילכאָמעס, עפּאָ־לעטנ, אײַנשמועסנדיק דאָס פאָלק, אז אלצ דארפ זיכ בוקנ פארנ גאָלדענעמ קאלב, פארדארבנדיק דעמ מענטשלעכנ סייכל. ווי מיט א קוקלע שפּילנ זיי זיכ מיט דער גאנצער אונטערדריקטער מאסע, אונ ווי נאָר עמעצער טרעט ארויס אונ זאָגט דעמ פאָלק דעמ עמעס, שטרענגענ זיי אָנ אלע קויכעס, קעדיי צו פארלעשנ דעמ פונק. אָפּ דער פראגע, פארוואָס זיי באגייענ זיכ אזוי ברו־טאל אונ אכזאָריעסדיק, האָבנ זיי איינ ענטפער: אפנ שיפ מוז מענ פאָלגנ דעמ קאפּיטאנ.

די ליכט פונ דער וויסנשאפט פונ 14־טנ יאָרהונדערט ווײַזט אונדז דעמ וועג. די וויסנשאפט פירט אָנ מיט אונדזער שיפ, ווי א געניטער, קלוגער אונ ווײַטזיכטיקער קאפּיטאנ.

ווי א געטרײַע מוטער וועט אונדז די וויסנשאפט דורכטראָגן בעשאָלעם
איבערן יאַם פון טרערן און פּײַן אין לאַנד פון לעבן.
ווײַל איז דעם, ווער עס פארלירט ניט דעם מוט, ווען עס האַרץ עס ציט-
טערט ניט פאר די דונערן פון האַרמאַטן, פארן בלאַנקען פון דעם פּײַנטס
שווערדן און אויך דעמלט, ווען דער שטורעם דראָט צורײַסן די זעגלען
פון אָרעמען שיף! אזא מענטש טרעט שטענדיק אָפּן און זאָגט פרײַ דעם עמעס,
ניט שרעקנדיק זיך פאר טפיסעס, פאר פעסטונגען, פאר סיביר, פאר די אַרצ-
גרובן, פאר די אָנגעלאָדענע ביקסן און אפילע ניט פארן טויט אַליין. ווײַבאַלד
מיר האָבן אָנגעטאָן דעם פאנציר פון מענטשלעכקײַט און געוויסן, קאָנען
זיי דונערן פון אַלע האַרמאַטן וויפל זיי ווילן, באַשיסן אונדז מיט א האָגל
קוילן,—מיר וועלן שטיין, ווי אַן אײַזערנע וואַנט, אָן וועלכער ס'וועלן זיך צע-
קלאַפּן אַלע גראַנאַטן, צעברעכן זיך אַלע שווערדן, און די דינער פון גענעם
וועלן זיך אײַנמאַטערן סאָפקאָלסאָף צו פּײַניקן אונדז און שמידן אין קייטן.
אסאך בײַשפּילן פון דעם געפינען מיר אין אויסלאַנד. אגעוו, איז שוין
אויך פארן גליק פון רוסלאַנד געפאַלן געגן קאַרבאָנעס. די ערד אונטער
אונדזערע פיס איז פײַכט פון בלוט און טרערן פון אסאך טויזנטער ברידער
און זעגן אונדזערע שוועסטער, וואָס קיינע שטרונגען, ניט בערג און גיט אָפּגרונטן,
ניט די ווײַטסטע שטרעקעס, ניט די שווערסטע אַרבעט און שרעקלעכסטע סאָ-
נים האָבן זיי ניט אָפּגעהאַלטן פון קאַמף, וועלכע האָבן געקעמפט ביזן
קייווער, ביזן לעצטן אָטעם-צוג פאר דער אונטערגעדריקטער מאַסע. מיר דאַרפן
דערמאָנען זיך וועגן אַזעלכע ליכטיקע שטערנס, ווי זשעליאַבאָוו, וועלכע האָבן
אָפּגעגעבן זייער לײַב דעם סוינע צו פארצוקן, אראָפּרײַסנדיק די פאַלשע מאַסקע
פון דעם צאַר, דעם פּאָטערל. נאָר זייערע נעשאָמעס לעבן צווישן אונדז, זייער
גײַסט וועט לעבן און ווירקן ביז ס'וועט זיך ניט פארפעסטיקן די נײַע אָרדע-
נונג. ניט שוין זשע פארשטייען ניט די דאָזיקע מענטשן-פרעסער, אז וואָס
מער זיי באַמיִען זיך צו פארלעשן דעם פונק, אַלץ מער ברענט עס פאַנאַנדער
אין א פלאַקער, אז אָפּן אָרט פון איין פארפּײַניקטן דורך זיי קעמפער קומען
צענדליקער נײַע קעמפער?
די געשיכטע און דער פּראָגרעס גייען פאָרויס. דאָס איז ניט קיין פּוסטע
פאַנטאַזיע און ניט קיין אָפּלאַכערישע האָפענונג. די געשיכטע באַווײַזט, אז
איין אָרדענונג שאַפט די צווייטע, ניט געקוקט אָפּ דעם, וואָס די גרעסטע מענטשן
פון דער אַלטער וועלט האָבן באַהויפּטעט, צ. ב., אז די מענטשן קאָנען ניט
אָפּשאַפן די קנעכטשאַפט. ווײַל די קנעכטשאַפט איז, קלוימערשט, אײַנגעשטעלט
געוואָרן פון דער נאַטור אַליין — דאָך האָט דער פּראָגרעס געטאָן זײַן זאַך —
די קנעכטשאַפט איז פארשוווּנדן, ניט געקוקט אַף דער מיינונג פון יענע געני-
אַלע מענטשן. און וואָס איז שײַעך דער איצטיקער קאַפּיטאַליסטישער אָרדע-
נונג, האָט אונדז אונדזער לערער מאַרקס דערקלערט, אז דער קאַפּיטאַל האָט
זיך געפונען ווי אַן עמבריאָן אין דער צײַט פון פעאָדאַליזם און איצט, ווי עס
דריקט זיך אויס מאַרקס, ווען עס וועט פּלאַצן די הײַטל פון דער איצטיקער
קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, וועט זיך באַווײַזן אַף דרויסן א קערנדל פון סאָ-
ציִאַליזם, וואָס וועט וואַקסן אַלץ מער און מער. און מיר זעען, אז ס'איז
ווירקלעך אזוי. די אידייען פון סאָציִאַליזם זײַנען שוין פארשפּרייט איבערן
גאַנצן ערדקויל און אין אסאך לענדער האַלטן זיי אין פולן בליִען, אין

יעדער לאַנד, אָפּהענגיק פונ איר געשיכטע: דאָ לאָזט דער סאָציִאַליזם זײַנע וואָרצלענ, דאָרטנ וואַקסט ער אונ אינ א דריטנ אָרט האַלט ער שוינ אינ פולער בליִונג.

צי דענ זײַנענ די נידערטרעכטיקע בורזשויענ אימשטאַנד אָפּשטעלנ מיט זייערע גאַשמיִעסדיקע אויגנ דעמ גאַנג פונ די שטערנ? ניינ! אונ זיי טרוימענ צו טויטנ די נעשאָמעס. לעכערלעכע גיבוירימ! דעמ גײַסט ווילנ זיי שמידנ אינ קייטנ! איינ שטראַל פונ ליכט וועט צעטרײַבנ די סאַמע געדיכטע פינצטערניש!... אזעלכע מענטשנ, ווי זשעליאַבאָוו, וועלנ פאַרבלײַבנ ביזנ סאָפּ, ווי די ערשטע העלדנ, אָפּ די זײַטנ פונ דער רוסישער געשיכטע — דאָס איז אָנגעשריבנ ניט מיט טינט, נאָר מיט בלוט פונ זייער האַרצנ. די זאַכ פונ ערשטנ מאַרט האָט אופּגעוועקט צענדליקער טויזנטער מענטשנ פונ לעטאַרגישנ שלאָף. די דאָזיקע זאַכ האָט באַוויזנ, אז דער צאַר איז ניט גאָטס געזאַלבטער, זײַנ שוץ-מאַלעכ האָט אימ גאָרניט ניט געהאָלפנ.

כאָטש מיר טרעטנ איצט איבער די טויטע קערפּערס פונ די קאָרבאָנעס, וואָס זײַנענ געפאַלנ פאַר דער באַפרײַונג פונ רוסלאַנד, כאָטש אויכ איצטער קומט אויס פונ טאָג צו טאָג טײַער באַצאָלנ פאַר דער דאָזיקער זאַכ — נאָר דאָס דאַרפ אונדז, רוסישע אַרבעטער, ניט אָפּשטעלנ. דאַרפ אונדז ניט אָפּשרעקנ! אָנ מוירע אינ האַרצנ, ניט לייגנדיק קיינ אכט אָפּ דער געפאַר, ניט ציילנדיק די סאָנימ. פאַרגעסנדיק אָנ זיכ, אזוי דאַרפנ מיר קעמפנ! די געשיכטע וועט, סאָפּקאָלסאָפּ, אלצ לייזנ אונ די נעמענ פונ די אינקוויזיטאָרנ, וועלכע שטייענ אָפּ אונדזער וועג, וועלנ אָפּ שטענדיק בלײַבנ צו שאַנד אונ צו שפּאָט. אויב איצט געפינענ מיר זיכ אינ א מענאַזשעריע, אונ בלאָנדזשענדיק, ווי אינ א פינצטערער נאַכט, הערנ מיר פונ ווײַטנ דאָס בילנ פונ הינט, ווייסנ מיר דאָכ, אז אביסל ווײַטער איז פאַראַנ א וווינונג-אָרט פונ סאָציִאַליסטנ, אנ אָרט, ווו די מענטשנ קאָנענ לעבנ אינ פולנ גליק. מיר דאַרפנ נאָר געפינענ אנ אַרויסגאַנג פונעמ מענאַזשעריע, קעדיי קומענ אַהינ, אונ מיר האָבנ מער ניט וואָס צו מוירע האָבנ פאַר די הינט. זיי וואָלטנ געוויס ניט געבילט, ווענ זיי וואָלטנ ניט מוירע געהאַט פאַרנ שטעקנ.

לאָמיר זשע זײַנ ענערגיש! יעדער טראָט אונדזערער פאָרויס דערנענטערט אונדז צומ ציל. כאָטש די מערהײַט פונ אונדז איז זיכער, אז דער סאָציִאַליזם וועט אומבאַדינגט קומענ, אָדער מיר וועלנ אומבאַדינגט קומענ צומ סאָציִאַליזם, נאָר ענערגיע איז פונ אונדזער זײַט דאָכ נייטיק, ווײַל מיר ווייסנ, אז דער סאָציִאַליזם וועט ניט קומענ דורכ עפּעס אנ אומנאַטירלעכנ נעס, ס'וועט ניט אַראָפּפאַלנ פונ הימל אָפּנ באַרג סיני מיט דונערנ אונ בליצנ די פײַערדיקע טוירע פונ סאָציִאַליזם, אינ א שיינעמ פרימאָרגנ וועט מאָשיִעכ ניט קומענ צו רײַטנ אָפּ א ווײַסנ אייזל,* קעדיי אײַנפירנ סאָציִאַליזמ אינ דער גאַנצער וועלט. דער סאָציִאַליזמ קומט אונ וועט קומענ ביסלעכווײַז. ס'וואָלט ניט געסטײַעט קיינ טויזנט אונ איינ נאַכט, קעדיי פאָרשטעלנ זיכ, ווי דער סאָציִאַליזמ גייט אַרויס אונ וועט אַרויס אינ זײַנ גאַנצער פּראַכט פונ די טיפענישנ פונ דער איצטיקער עקלהאַפטער אָרדענונג.

---

* לויט דער יִדישער פאָלקגלויבעניש דאַרפ מאָשיִעכ קומענ צו פאָרנ אָפּ א ווײַסנ אייזל.

אלזאָ, צו דער ארבעט. די גאנצע געבילדעטע וועלט גייט פאָרויס אונ
דערנעענטערט זיך צו דער קינפטיקער אָרדענונג. נאָר אונדזער טײַער רוס-
לאַנד איז נאָך גאנצ ווײַט פונ דעמ. די ארבעט פונ דער אינטעליגענצ פאר
די אידייען פונ סאָציִאליזמ האָט ניט געהאט קיינ גלענצנדיקע דערפאָלגנ
דערפאר, וואָס אירע אינטערעסנ זײַנענ ניט געוועזנ אײַנגעוואָרצלט טיפ אינ
מאטעריִעלנ לעבנ. איצט אָבער, ווענ די ארבעטער הייבנ זיך אָנ צו רירנ,
וועלנ די ווערטער פונ דער אינטעליגענצ געוויס ניט פאלנ אפ א ניט פרוכט-
בארנ באָדנ. אזוי דארפנ מיר מיט אונדזערע יונגע קויכעס אָפּרייניקנ דעמ
וועג. פריִער פונ אלצ דארפנ מיר דערציִענ אלע אונדזערע שוועסטער אונ
ברידער, דערקלערנ זיי, אז די באפרײַונג פונ יעדנ איינציקנ אר-
בעטער וועט פאָרקומענ דאנ, ווענ די גאנצע מאסע וועט זיך
באפרײַענ. בא אונדז אינ רוסלאַנד אָבער שטערט אונדז
פריִער פונ אלצ דאָס, וואָס בא אונדז איז ניטאָ קיינ פרײַהייט
פונ פרעסע, פארזאמלונגענ אונ אָרגאניזאציע. דעריבער
דארפ אונדזער ערשטער שריט זײַנ אויסצוקעמפנ א קאָנסטי-
טוציע. אונ אזוי ווי מיר שטעלנ מיט זיך פאָר א באזונדער קלאס מיט
באזונדערע אינטערעסנ, דארפנ אינ פארלאמענט זיצנ אונדזערע פאָר-
שטייער, ד. ה. מיר דארפנ ניט זײַנ קיינ בלינדע שאָפ, מיט וועלכע מע קאָנ
טאָנ וואָס מע וויל. מיר האָבנ ניט אפ וועמענ זיך צו פארלאָזנ אויסער אפ
זיך אליינ. צי זאָלנ מיר זיך עפשער פארלאָזנ אפ די קויהאנימ פונ דער פאָלי-
טישער עקאָנאָמיע, וועלכע באהויפּטנ, אז די איצטיקע אָרדענונג, וועלכע רויבט בא
אונדז אוועק די גאנצע פרוכט פונ אונדזער שווערער מי, איז די סאמע בעסטע
פונ אלע אָרדענונגענ? אָדער אפ די קלייקוידעש, וואָס זאָגנ אונדז צו קאָל-
טוּוו אפ יענער וועלט אונ זיי אליינ שטאָפּנ זיך אָנ דערווײַלע אפ דער וועלט די
גראָבע בײַכער אפ אונדזער רעכענונג? אָדער גאָר עפשער פארלאָזנ זיך אפ די
דארמאָיעדניקעס, וואָס ציִענ בא אונדז די אָדערנ אונ צאפּנ אונדזער בלוט,
פונ אזעלכע מענטשנ דערווארטנ הילפ? — ניינ! מיר קאָנענ זיך ניט פארלאָזנ
אפ אזא באנדע רויבער אונ מערדער!...

מיר אליינ זײַנענ דער מאטעריִאל, פונ וועלכנ ס'וועט אויסגעבויט ווערנ
דער הייליקער טעמפל פונ דער צוקונפט; פונ אונדז אליינ וועט ארויס דאָס
ליכט פאר אלע אונדזערע שוועסטער אונ ברידער, וואָס ווערנ געבוירנ אונ
קומענ אומ, ווי ווערימ אינ דער ערד, וואָס ווייסנ ניט קיינ פרייד פונ דער
ליכטיקער וועלט. לאָמיר אָנצינדנ דעמ פאקעל אונ באלויכטנ די אונטערדריקטע
מאסע, וואָס שטארבט, איידער זי האָט נאָך געלעבט. לאָמיר אויסברענענ מיטנ
דאָזיקנ פאקעל די אויגנ פונ די מענטשנ־פרעסער אונ זאָל דער רייעך פונ
סמאלינעס ארײַנדרינגענ טיפ אינ דער ערד אונ טרייסטנ די אומשולדיקע קאָר־
באָנעס, פאר וועלכע מיר נעמענ נעקאָמע פונ די מענטשנ-פרעסער, וואָס האָבנ
פארגאָסנ זייער בלוט ווי וואסער דערפאר, וואָס זיי האָבנ געקעמפט פאר פרײַ־
הײַט, גלײַכהײַט אונ ברידערלעכקײַט.

לאָמיר עפענענ די אויגנ אונ אָפּוואשנ דעמ פלעק פונ קנעכטשאפט, לאָמיר
קעמפנ ווי העלדנ פאר אונדזער נאציע אונ פאר דער מענטשהײַט ביכלאל. לאָ-
מיר הויכ אופהייבנ די רויטע ארבעטער-פאָנ, אפ וועלכער ס'זײַנענ פארשריבנ

די גרויסע ווערטער פון אונדזער געניאַלן לערער קאַרל מאַרקס, וועלכע האָבן געקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט, געבענטשט זאָל זײַן זײַן אָנדענק.

**פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט זיך!**

## IV

## אַ רעדע פון אַן אַרבעטער

מײַנע הערן! האָגאַם איך צווייפל קיין איין מינוט ניט, אַז די מערהײַט פון די אַנוועזנדיקע ווייסן וועגן גרויסן אַלוועלטלעכן אַרבעטער־יאָנטעוו, וועגן „ערשטן מײַ״, פונדעסטוועגן, האַלט איך פאַר ניט איבעריק צו דערמאָנען וועגן אים: מעגלעך, אַז צווישן אונדז זײַנען פאַראַן אַזעלכע, וועמען דער געדאַנק פון פײַערן דעם ערשטן מײַ איז גאָר נײַ. דעריבער וועל איך זיך צום אָנהייב פון דער אַנטשטייונג פונעם דאָזיקן יאָנטעוו.

אין 1889־טן יאָר, אין דער צײַט פון דער פּאַריזשער אויסשטעלונג, איז אין פּאַריז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענפאָר פון אַרבעטער־פאָרשטייער פון אַלע לענדער — אַנדערש געזאָגט, פון די „סאָציאַל־דעמאָקראַטן״. דאָרטן האָבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטן באַשלאָסן, אַז די אַרבעטער זאָלן אומעטום (ס׳פאַרשטייט זיך, ניט אויסשליסנדיק אויך די רוסישע ייִדן) פײַערן דעם ערשטן מײַ. דער ציל פון דאָזיקן אַרבעטער־יאָנטעוו איז באַשטאַנען דעריקער אין דעם, אַז מע זאָל פאָדערן בײַ די קאַפּיטאַליסטן אַן אַכט־שעהיקן אַרבעט־טאָג, און אויך ווײַזן פאַר דער גאַנצער בורזשואַזער וועלט, וואָס פאַר אַ קויעך עס האָט פון זיך געשאַפן דער אַרבעטער־קלאַס.

איך וועל זיך ניט פאַרנעמען מיט געניִעם אויפקלערן די קאָלאָסאַלע באַדײַטונג, וואָס עס האָט פאַר די אַרבעטער די פאַרקירצונג פון אַרבעט־טאָג. איך רעכן, אַז יעדער פון אײַך ווייס גאַנץ גוט, אויף וויפל ס׳איז בעסער פאַרן אַרבעטער וואָס גיכער באַפרײַען זיך פון דער שטיקנדיקער אַטמאָספער אין די וואַרשטאַטן און פון דער אויסערגעוויינלעך־שווערער אַרבעט, פריִער קומען אַהיים אָפּרוען, איבערלייענען אַ גוטן ביכל און פאַרנעמען זיך מיט אַ נוציקער פאַר זיך זאַך, איידער אַרבעטן ביז די לעצטע קויכעס פאַר אַ וואָסערן עס איז ליידיקגייער אַ בורזשוי אָדער מײַסטער, וואָס ווי אַ באַלוינונג פאַר דעם באַקומט דער אַרבעטער פון די דאָזיקע באַלטעוואָס, אויסער דעם סאַמע מיזערן אַרבעט־לוין, נאָר זידלערײַען. אונדז אַלעמען איז אויך באַוווּסט, אַז אויב עס וועט זיך פאַרקלענערן אין אַ געוויסן פּראָדוקציע־צווײַג דער אַרבעט־טאָג, וועט זיך פאַר דער אויסאַרבעטונג פון דעם זעלביקן סכום סכוירעס פאָדערן אַ גרעסערע צאָל אַרבעטער, ווי פריִער, אַ דאַנק וואָס ס׳וועלן די מענטשן, וועלכע זײַנען ביז דעמלט געזעסן אָן אַרבעט, איצט באַקומען אַרבעט.

איך וועל זיך דערהויפּט אָפּשטעלן אויף צוויי פראַגעס: ערשטנס, פאַרוואָס איז פאַרן אַרבעטער־יאָנטעוו אויסגעקליבן געוואָרן דאַפקע דער ערשטער מײַ און ניט קיין אַנדער צײַט; צווייטנס, וואָס פאַר אַ ציל און אַלגעמיינע אינטערעסן זײַנען פאַראַן בײַ די אַרבעטער פון אַלע גלויבנס, נאַציעס און טעריטאָריעס, און וואָס, נעמלעך, דינט, אַזוי צו זאָגן, פאַרן הויפּט־סטימול פון דעם, וואָס די אַרבעטער וואַרפן אומעטום אין איין טאָג די אַרבעט.

לאָמיר פריִער לייזן די ערשטע פראַגע.

אפ וויפל איך פארשטיי, איז די דאָזיקע צײַט פארן יאָנטעוו פון ארבעטער-פאָלק, אויסגעקליבן געוואָרן פון מענטשן מיט א פּאָעטישן געשמאַק. די דאָזיקע פײַערונג האָט אין אסאך הינזיכטן א גרויסע ענלעכקײַט צו דער פּרעכטיקער מײַ-צײַט. דער טאָג פון „ערשטן מײַ" רעכנט זיך פאר איינעם פון די ערשטע טעג, ווען די גאנצע נאטור לעבט אופ; אלע געוויקסן און ביימער, וואָס זײַנען געשלאָפן אין מעשעך פון א גאנצן האלב יאָר אין א טיפן, אומופּוואכנדיקן שלאָפ און האָבן געהאט אזא נעבעכדיקן און טרויעריקן אויסזען—טוען זיך איצט, אין די מײַ-טעג, אָן, אדאנק די צערטלעכע און ווארעמע זון-שטראלן, אין נײַע פאנטאסטישע קליידער, וועלכע זאָגן אונדז צו אין דער צוקונפט אסאך פרוכט; אלע גרעזעלעך, וועלכע זײַנען ערשט ניט לאנג געווען אין בלאָטע און פײַכטקײַט, וועלכע זײַנען געטראָטן געוואָרן מיט די פיס פון די דורכגייער, ווײַל קיינער האָט זיי ניט געהאלטן פאר נוצלעכע, לעבן איצט אופ, אדאנק די זעלבע זון-שטראלן, און באקומען א פײַערלעכן אויסזען.

עטוואָס ענלעכעס באגעגענען מיר אויך בא די ארבעטער. ווען דער דאָזיקער קלאס פון דער געזעלשאפט, וואָס טראָגט נאָך אפ זײַנע צוקאַליעטשעטע פלייצעס די שפורן פון לאנגדויערנדיקן פײַניקן, וואָס איז די גאנצע צײַט געווען א קאָרבן פון ברוטאלער אָפּנארערײַ פון דער בורזשואזיע און האָט מאקרעוו געווען זײַנע לעצטע קויכעס אפ רײַך מאכן זי, ווען דער דאָזיקער קלאס, וואָס איז געווען פארורטיילט ניט זעלטן אפ א הונגער-טויט און איז געזונקען אין פינצטערניש, קנעכטשאפט און אויסגעלאסנקײַט, האָט ענדלעך געוואגט, ווי איין מענטש, צו פאָדערן בא זײַנע אונטערדריקער ברויט, האָבן, די לעצטע אזוי זיך אָפּגערעכנט מיט אים, אז זײַן בלוט האָט זיך שטראָמענווײַז געגאָסן אין מעשעך פון א גאנצער וואָך. דער זעלבער קלאס, וועמען די גאנצע בורזשואזע געזעלשאפט נאָכן בלוט-באָד איבער אים האָט שוין געהאלטן פאר לאנג טויט, רעכענענדיק, אז זי האָט שוין מיט אים פארענדיקט אלע כעזשבוינעס און האָט דערשטיקט אין אים אלע געפילן און שטרעבונגען צו באפרײַונג — דער זעלבער קלאס, הייבט אָן מיטאמאָל, אדאנק די ליכט, וואָס דערגייט צו אים, ביסלעכווײַז צו אופלעבן. אלץ שטארקער און שטארקער הויבט אָן קלאפן אין אים דער לעבן-פולס, און ווען אין טאָג פון „ערשטן מײַ" גלײַכט ער אויס זײַן לײַדנדיקן אויסגעבויגענעם רוקן און שטעלט זיך אונטער איין אלגעמיינער פאָן פאר דער „באפרײַונג פון אלע אונטערדריקטע און פארן פארווירקלעכן די בעסערע צוקונפט", באווײַזט ער דערמיט דער בורזשואזער וועלט, וואָס פאר א ביטערן טאָעס זי האָט געמאכט, האלטנדיק, אז דער ארבעטער איז פארניכטעט. ניין, דער ארבעטער איז נאָך ניט געשטאָרבן. ער גלויבט און איז זיכער, אז ס'איז שוין ניט ווײַט דער טאָג, ווען אין פאָלק וועלן זיך אופקלײַבן געגוג קויכעס פארן קלאסנקאמפּ, און ווען ער וועט דערפילן אין זיך די דאָזיקע קראפט, וועט אליין נעקאָמע נעמען פון זײַנע אונטערדריקער, ער וועט אליין צעשמעטערן אלע קייטן, וועלכע האָבן אים געשמידט און שמידן אים נאָך ביז איצט, אין אזא נידערטרעכטיקע פאר אים לאגע. דאן וועלן אָנקומען פארן ארבעטער די פרילינגדיקע מײַ-טעג, ווען ער וועט שוין מער ניט זײַן קיין קנעכט באם קאפּיטאל, יענע טעג, אפ וועלכע דער ארבעטערווארט מיט אזא אומגעדולד.

אונדזער ערשטע פראגע איז שוין געלייזט. לאָמיר זיך איצט דורכשמועסן וועגן דער צווייטער פראגע, ד. ה. וועגן דער סאָלידארישקײַט פון די אינ-

טערעסן פון אלע ארבעטער. קעדיי ריכטיק לייזן די דאָזיקע פראגע, דארפן מיר זיך דערמאָנענ און שטענדיק האלטן אין זינען איין זאך, אז נאָר אָפּ-העגגיק פון דעם פראָדוציר-אויפן ווערן באשאפן די אָדער יענע באַציִונגען פון די מענטשן צווישן זיך, די אָדער יענע פּאָרשטעלונגען אין דער געזעלשאפט.

אויב מיר וועלן זיך אומקערן צו דער צײַט, ווען אומעטום האָט עקזיס-טירט די קליינע פּראָדוקציע, ווען די ארבעטער זײַנען געווען צעשפּליטערט און צעוואָרפן, ווען צווישן די ארבעטער און זייער באַלעבאָס איז נאָך ניט געווען אזא טיפער אונטערשייד ווי איצט, ווען דער הײַנטיקער ארבעטער האָט מאָרגן גריגג געקענט ווערן אליין א באַלעבאָס, דאן, פארשטייט זיך, האָט קיין רייד ניט געקענט זײַן וועגן דער סאָלידארישקײַט פון די אינטערעסן פון אלע ארבעטער; יעדער ארבעטער האָט געדארפט אליין קעמפן מיט זײַן באַלעבאָס.

ווען די קליין־פּראָדוקציע איז פארביטן געוואָרן מיט דער מאנופאקטור דאן זײַנען די באַציִונגען צווישן די ארבעטער און באַלעבאטים געוואָרן אסאך בוילעטער, האגאמ קיין פולקאָמע סאָלידארישקײַט צווישן די ארבעטער האָט נאָך אלץ ניט געקענט זײַן, ווײַל בא דער מאנופאקטור-פּראָדוקציע פילן זיי זיך פונדעסטוועגן גאנצ זעלבשטענדיק, ווײַל דער באַלעבאָס האָט זיך נאָך גע-נייטיקט אין זייער ספּעציִאליטעט. ווען נאָך דער מאנופאקטור אָבער איז אנט-שטאנען די מאשינ-פּראָדוקציע, ד. ה. די קאפּיטאליסטישע פּראָדוקציע, האָט זיך די לאגע פון די ארבעטער גענומען ענדערן. וואָס מער די מאשינ־פּראָ-דוקציע האָט זיך אנטוויקלט, האָבן די אלע קליינע באַלעבאטים, וועלכע האָבן ניט געקאָנט אויסהאלטן איר קאָנקורענצ, געמוזט ווארפן זייער זעלבשטענ־דיקע פּראָדוקציע און גרופּירן זיך צוזאמענ מיט זייערע פריִערדיקע ארבעטער אונטער איין דאך פון די פאבריקן און זאוואָדן, ווו זיי זײַנען אלע גע-שטעלט געוואָרן פּאָנעם על פּאָנעם מיט דער טויטער מאשין, וועלכע פאר-וואנדלט די לעבעדיקע קויכעס פון מענטשן אין שטיקער גאָלד און זילבער, און פרעסט אופ, ווי א הונגעריקע רויב-כאיע, דעמ מענטשנס פלייש און בלוט, אָן אונטערשייד פון געשלעכט און עלטער.

צוליב דער קאָנקורענצ עקזיסטירט שוין דער דאָזיקער פּראָדוציר-אויפן אומעטום, ניט אויסשליסנדיק אויך רוסלאנד. אפ אזא אויפן ווערן די ארבע-טער פון אלע לענדער ביסלעכווײַז געשטעלט אין איינ לאגע. וואָס מער עס אנטוויקלט זיך דער דאָזיקער פּראָדוציר-אויפן, אלץ שארפער און בוילעטער ווערט די פײַנטשאפט צווישן די אינטערעסן פון באַלעבאטימ און ארבעטער, אלץ מער איבערצײַגן זיך די ארבעטער אין דער אומפּרוכטבארקײַט פון אינ-דיווידועלן קאמפּ. דעריבער, קעדיי עס זאָל גרינגער זײַן צו פירן העם קאמפּ קעגן קאפּיטאל, פאריייניקן זיך די ארבעטער פון אלע לענדער צוזאמענ אין גרויסע מאסן. דאָס פארשטיין די גרויסע נוצן פון אזא פאריייניקונג האָט שטענדיק ארויסגערוקט די אידיי וועגן סאָלידארישקײַט פון די אינטערעסן פון אלע ארבעטער.

און אָט אפ דעמ עקאָנאָמישן באָדן האָט דער גרויסער געניִאלער דענ-קער, וועמעס נאָמען עס וועט אייביק בלײַבן לעבן אין זיקאָרן פון די ארבע-טער, אנטוויקלט די אידיי, וואָס ווארפט אָן אזא פּאניִשע שרעק אפ דער גאנ־צער בורזשואזער געזעלשאפט; די אידיי, קעגן וועלכער די בורזשואזיע, בא די

סאַמע פרידלעכע אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס, באַוואָפנט זיכ מיט אַלץ, וואָס זי קאָנ, גרייטנדיק זיכ אינ יעדער מאָמענט צו לאָזנ קעגנ אָט דער אידיי אַלע אירע קויכעס; די אידיי, וועלכע, ניט געקוקט אָפ אַלע באַשרענקונגענ, טפּיסעס, טליִעס אונ אַנדערע שטראָפנ, אָפּצעלאָכעס דער בורזשואַזיע, אַנטוויקלט זיכ אונ וועט זיכ אַנטוויקלענ, ביז וואַנענ אָפ דער וועלט וועט ניט פאַרווירקלעכט ווערנ די אַלגעמיינע „גלייַכהייַט, ברידערלעכקייַט אונ פרייַהייַט".

אַלזאָ, מיר זעענ, אַז דער **סאָציאַליזם איז א דירעקטער רעזולטאַט פונ קאַפּיטאַליסטישנ פּראָדוציר־אויפנ, אָדער א פאַשטעטער קלאַסנקאַמפּ**; ס'איז פולשטענדיק ניט אָפּנ אָרט די באַהויפּטונג פונ אַסאַכ מענטשנ, אַז פאַר די רוסישע ייִדנ איז א זינד אונ א פאַרברעכנ צו נעמענ אַנ אָנטייל אינ דעמ דאָזיקנ רעוואָליוציאָנערנ קלאַסנקאַמפּ. מע וואָלט געקענט אייַנשטימענ מיט אַזא מיינונג נאָר דאַנ, ווענ דאָס גאַנצע ייִדנטומ וואָלט געווענ א מינ אָפּגעזונדערטע נאַציע, וואָס שטייט אויסער די קאַפּיטאַליסטישע באַדינגונגענ, אָדער ווענ דאָס גאַנצע ייִדנטומ וואָלט באַשטאַנענ דורכויס פונ בורזשויענ.

צי איז אָבער ריכטיק אַזא מיינונג? פילט דענ ניט דער פיל לייַדנדיקער קערפּער פונ ייִדישנ פּראָלעטאַריער דעמ גאַנצנ לאַסט פונ קאַפּיטאַל? זויגט דענ ניט דער קאַפּיטאַל אַלע לעבנזאַפטנ פונ אָרעמענ ייִדישנ אַרבעטער, פּונקט ווי בא אַלע אַרבעטער? צי קלייַבט דענ איבער דער קאַפּיטאַל אונ סאָרטעוועט מענטשלעכע בלוט? לייַדט דענ ניט דער ייִדישער אַרבעטער די זעלביקע דאַכקעס אונ נויט, ווי די אַלע איבעריקע אַרבעטער? זשאַלעוועט זשע דענ אונ עקספּלואַטירנ ניט דעמ ייִדנ די פאַבריקאַנטנ אונ מייַסטערס? — אָפ די אַלע פראַגנ איז פאַראַנ נאָר איינ ענטפער—אונ יעדער ווילדענקענדיקער אונ ערלעכער מענטש, צו וועלכנ גלויבנ, צו וועלכער נאַציע ער זאָל ניט געהערנ, וועט ענטפערנ, אַז דער ייִדישער אַרבעטער שיידט זיכ מיט גאָרניט ניט אונטער פונ זייַנע איבעריקע ברידער לויט דער לאַגע.

לאָמיר אָננעמענ, אַז צווישנ די ייִדנ איז בעעמעס פאַראַנ אַנ אומבאַדייַטנדיקער פּראָצענט וואָכערניקעס, פאַבריקאַנטנ, סאָכרימ, מייַסטערס אונ נאָכ אַזוינע עקספּלואַטאַטערס, דערפאַר אָבער וואָס פאַר א קאָלאָסאַלע צאָל איז פאַראַנ צווישנ זיי פּראָלעטאַריער. די סטאַטיסטישע ציפערנ ווייַזנ גענוג קלאָר, אַז ס'איז ניטאָ קימאַט קיינ איינ פאַכ, ווו די ייִדנ זאָלנ ניט זייַנ באַשעפטיקט. אַלזאָ, אויב מיר זעענ פונ די אַלע פאַקטנ, אַז דער ייִדישער אַרבעטער איז דער זעלביקער קנעכט פונ קאַפּיטאַל, ווי די אַרבעטער פונ יעדנ אַנדערנ גלויבנ, פרעגט זיכ: צי איז ריכטיק די אויבנגעבראַכטע באַהויפּטונג פונ אייניקע מענטשנ.

ס'איז, דאַכט זיכ, קיינ שומ סאָפעק ניט, אַז אַזא מיינונג איז פּונקט אַזוי נאַריש אונ אומגעלומפּערט, ווי מע וואָלט זאָגנ, אַז פאַר א מענטשנ איז א פאַרברעכנ צו פאַרטיידיקנ זיכ פונ אַנ אָנפאַל אונ פונ א געפאַר. אויב דער ייִדישער אַרבעטער מוז פירנ דעמ זעלביקנ קאַמפּ, וואָס אַלע אַנדערע, ווער זאָל פאַר אימ קעמפנ, אויב ניט ער אַליינ?

ס'פאַרבלייַבט אונדז לייזנ פאָלגנדיקע פראַגע. צי פאַרדינט די ייִדישע אינטעליגענץ א פאָרוואורפ דערפאַר, וואָס זי פאַרנעמט זיכ מיט אומלעגאַלער טעטיקייַט?

זאָגט, מײַנע הערן, וואָס וואָלט איר, אשטייגער, געטאָן, ווען איר וואָלט באגעגנט א מענטשן, וואָס לײַדט פון א סאמע שווערער קראנקײַט, וועמעס אויסהיילן זיך איז אָפּהענגיק פון אײַך? איך רעכן, אז איר וואָלט זיך אָפּ קיין איין מינוט ניט פארטראכט און אָנגענומען אלע מיטלען, קעדיי ווי עס איז צו ראטעווען דעם דאָזיקן מענטשן. נו, און אויב מיט יעדן טאָג הערן זיך אלץ שטארקער און שטארקער די קרעכצן פון ארבעטער-קלאס, וועלכער רופט צו הילף, ווען דער יאָך פון קאפיטאל ווערט מיט יעדן טאָג אלץ שווערער און שווערער פאר די ארבעטער-מאסן, און אויב אונדזער בעסטער פאָרויסגייענדיקער טייל פון דער יידישער אינטעליגענץ, וועלכער בוקט זיך ניט פארן גאָלדענעם קאלב, הערט פילבאר די דאָזיקע קרעכצן און שטרעקט אויס זײַן האנט צו הילף דער ארבעטער־מאסע און איז שטענדיק גרייט ברענגען זיך פאר א קאָרבן, קעדיי צו באפרײַען די אונטערדריקטע, קאָן מען דען נאָך דעם אלעמען באשולדיקן די יידישע אינטעליגענץ?

און איצט, אויב אונדזער סטאטיסטיק זאָגט ריכטיק, אז עס איז ניטאָ קימאט קיין איין פאך, וווּ די יידן זאָלן ניט זײַן באשעפטיקט, איז לאָמיר א פרווו טאָן אופדעקן, פארוואָס די רוסישע רעגירונג צוזאמען מיט דער בורזשואזיע רופט אָן די יידן מיט אזעלכע ווײַט ניט ווירדיקע נעמען, ווי „זשיד, עקספלואטאטער, שווינדלער" א. א. וו. א. וו.? פארוואָס פאראכטעט מען און מע פארפאָלגט די יידן אין רוסלאנד? צי דען דערפאר, ווי עס זאָגן די פרומע יידן, וואָס זיי זײַנען ארויס פון די גאציאָנאלע ראמען, וואָס זיי האָבן זיך צופיל איבערגעמישט מיט די קריסטן, אָנגעהויבן ריידן אף רוסיש, עסן כאזער א. ד. גל.? אָבער צי דען פאר די דאָזיקע נארישע סיבעס רוידעפט מען די יידן? קלעקט עפשער ניט קיין כאזער פאר די קריסטן? אָדער עפשער ווערט פארדאָרבן די רוסישע שפראך דערפאר, וואָס אף איר ריידן אויך די יידן?

לאָמיר א קוק טאָן, צי זײַנען דאָ ניט פאראן אנדערע טיפערע סיבעס, כאָטש מע קאָן ניט ניט מאסקים זײַן, אז דאָ איז פאראן אויך א געוויסער נאציאָנאלער אונטערשלאק. מע קאָן אויך ניט אָפּלייקענען, אז די יידן פאר זייער פיליאָריקן אומוואנדערג איבערן גאנצן ערדקויל, האָבן באוויזן צו באקומען אויך געוויסע ניט-סימפאטישע זײַטן. נאָר דאָס איז נאָך ניט די הויפּט־סיבע.

די הויפּט-סיבע פון די יידישע לײַדן, ווי אומעטום, אזוי אויך אין רוסלאנד, ליגט אין די עקאָנאָמישע באדינגונגען. דער דאָזיקער פאקט איז אומבאשטרײַטבאר דערוויזן פון דער געשיכטע. אין אלע מעלוכעס און אין אלע צײַטן, וווהין דער ייד איז ניט געקומען, האָט מען אים געדולדעט אף אזויפיל, אף וויפל ער האָט געבראכט אן אָנצווייפלדיקן נוצן דער מעלוכע. נאָר ווען דער ייד האָט נאָר אָנגעהויבן שטערן דער אײַנגעבירטיקער באפעלקערונג, האָט מען קעגן אים גלײַך אָנגעהויבן פירן א מילכאָמע: מע האָט אים געדריקט, געשטיקט, גערויבט און ארויסגעשיקט א. א. וו. א. א. וו. דאָס זעלבע איז אויך אין רוסלאנד. קאָלזמאן די יידן האָבן מיטגעהאָלפן פארשפרייטן דעם קאפיטאליזם, האָט מען זיי געדולדעט, נאָר ווי באלד זיי זײַנען געוואָרן קאָנקורענטן, הייבט מען זיי אָן פארפאָלגן, ווי די סאמע געפערלעכסטע מענטשן פאר דער מעלוכע. די רוסישע רעגירונג פארשטייט זייער גוט, אף וויפל די יידן זײַנען פייִקער אין אינדוסטריעלן הינזיכט, פון דער איבעריקער

באפעלקערונג. דעריבער, קעדיי אויסצומײַדן א שטארקע קאָנקורענץ מיצאד זיי בא דער רוסישער קליינבורזשואזיע, הייבט אָן די רוסישע רעגירונג צו אונטערדריקן די ייִדן, ארויסטרײַבנדיק זיי פון די גרויסע שטעט, פארווערנדיק האלטן שענקן, פארנעמען זיך מיט וואָכער א. אז. וו.

די רוסישע רעגירונג טוט עס דערפאר, ווי עס זאָגן אירע געזעצן, ווײַל די ייִדן עקספּלואטירן צופיל דאָס פאָלק. נאָר צי איז דען דער רוסישער קולאק אָדער שענקער בעסער? זויגן זיי דען ניט דאָס בלוט פון זייער פאָלק?

א סימען, אז די ייִדן טרײַבט מען ארויס פון די גרויסע שטעט צוליב דער קאָנקורענץ מיט דער רוסישער קליינבורזשואזיע, איז דער פאקט, וואָס די פאבריקאנטן און גרויסע סאָכרים האָבן רעכט צו ווינען אפילע אין פעטערבורג אליין, ווו ס'ווינט דער ערדישער גאָט אליין.

אלס מיטל צו ראטעווען זיך פון אזא אומאָנגענעמער לאגע, האָט מען פאר די ייִדן געפונען א מאָקעם־מיקלעט אין דער „הייליקער פאלעסטינע", ווו, ווי די ייִדן האלטן, זיי האָבן דאָרט רעכט צו ווינען, ווײַל דאָרטן זײַנען באגראָבן זייערע אָװעס, וואָס האָבן דאָרט אמאָל פארבראכט עטלעכע גליקלעכע יאָר. ס'איז פארשטענדלעך און קיין וואונדער ניט, אז דאָס אָרעמע ייִדישע פאָלק לאָזט זיך פאנגען אין דער דאָזיקער נעץ: אין אים לעבט דער ווילן כאָטש איינמאָל זיך באפרײַען פון די טויזנטיאָריקע צאָרעס; עס גלויבט, אז ס'וועט ווען עס איז קומען „מאָשיעך" און וועט אוועקפירן אלע ייִדן אין פאלעסטינע, אז ערשט דעמלט וועט עס אָנהייבן לעבן מיט א מענטשלעכן לעבן. און אָט האָבן זיך פאר אים גראָד געפונען די פאסיקע פירער—די „פאלעסטינצעס".

נאָר אויב דאָס אָרעמע ייִדישע פאָלק וואָלט זיך געקענט צוקוקן צום שרעקלעכן לעבן, וואָס ווערט פאר אים דאָרט געגרייט, וואָלט עס געוויס ניט טרוימען וועגן דעם.

מע וואָלט געקענט מיטפילן דער דאָזיקער באוועגונג אין דעם פאל, ווען די טויזנטיאָריקע דערפארונג וואָלט ניט דערוויזן, אז עס איז ניטאָ קיין אָרט אפ דער וועלט, ווו דאָס אָנקומען פון ייִדן זאָל ניט געבן קיין שטויס פאָרויס די קולטור און ווו פונדעסטוועגן האָט מען ניט אָנערקענט זייערע געזעצלעכע רעכט צו פארבלײַבן אפ דעם אָרט אלס גלײַכבארעכטיקטע בירגער. ווער קען זאָגן, אז אין פאלעסטינע וועט זיך ניט איבערכאזערן די אייגענע געשיכטע. מע וואָלט געקענט אײַנשטימען מיט דער אידיי פון די „פאלעסטינצעס", ווען מע וואָלט געקענט איבערפירן אין פאלעסטינע אלע ייִדן און אײַנפירן דאָרטן אלגעמיינע גלײַכהײַט, ברידערלעכקײַט און פרײַהײַט אין בוכשטעבלעכן זין פון דאָזיקן וואָרט. דאן וואָלטן מיר געקענט זאָגן, אז ס'וועלן מער ניט זײַן קיין אָרעמעלײַט, אז אלע וועלן לעבן גלײַך גליקלעך. פרעגט זיך אָבער, וואָלטן עס די „פאלעסטינצעס" געקאָנט פארווירקלעכן, ווען זיי וואָלטן עס אפילע געוואָלט? נאָך אן ענטפער לאָמיר זיך ווענדן צו דער געשיכטע פון דער מענטשהײַט. מיר זעען פון דער גאנצער געשיכטע, אז דער קאמף צווישן די מענטשן קומט פאָר צוליב דעם פריוואט-אייגנטום, ד. ה. די סיבע פון קאמף איז די עקאָנאָמישע אומגלײַכהײַט. פרעגט זיך דערפאר, וואָס פאר א גלײַכהײַט קאָן דערוואַרט ווערן אין פאלעסטינע, אויב דאָרטן, פונקט ווי דאָ, קויפן די מענטשן זייער לאגע אין דער געזעלשאפט פאר געלט. ווער עס איז רײַ-

כער אין געלט, יענער איז רייַכער אויך מיט ערד, וועלכע שפּילט דאָרט, דאַרף מען זאָגן, די הויפּט-ראָליע. א מענטש מיט גרויסע קאַפּיטאַלן, קאָן דאָרטן דעראָבערן גרויסע ערד-שטאָכים. א מענטש מיט א קליינעם קאַפּיטאַל, אָדער גאָר אָן קאַפּיטאַל וועט דאָרטן הונגערן און לייַדן עפּשער נאָך מער ווי אין רוסלאַנד. יאָ, מייַנע הערן, אויב די „פּאַלעסטינצעס" זייַנען מוידע, אז דאָרטן וועט זייַן די זעלביקע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג, די זעלביקע פאַבריקן, די זעלביקע אינדוסטריעלע סיסטעם, דאָס אַלץ, וואָס מיר זעען דאָ, איז פרעגט זיך, ווו און אין וואָס וועט באַשטיין די רעטונג פאַרן אָרעמען יידן?

קעדיי, מיר זאָלן עס בעסער פאַרשטיין, דאַרפן מיר זיך פאָרשטעלן די באַציונגען צווישן לוינאַרבעט און קאַפּיטאַל. אויב אין א לאַנד באַווייַזט זיך א פּראָדוציר-קאַפּיטאַל, ד. ה. פאַבריק-פּראָדוקציע, דאַרף ער האָבן לוינאַרבעטער, קעדיי ער זאָל קענען עקספּלואַטירן. פאַרן קאַפּיטאַל לוינט בעסער, אז דער אַרבעטער איז אָרעם און פינצטער. דאַן גייען די אַרבעטער אייַן גיכער אַפ אַלע באַדינגונגען פון קאַפּיטאַל—פון דאַנען שטאַמט אָרעמקייַט און פלאָגן פון איין זייַט און אויסערגעוויינלעכע אָנזאַמלונג פון קאַפּיטאַל—פון דער צווייטער.

קלאָר, אז דער ייִד, קומענדיק אָין פּאַלעסטינע (אין זייַן אייגענער מעלוכע, ווי ער טרוימט פאַר זיך), וועט דאָרטן טרעפן די זעלביקע שרעקלעכע רויב-כייַע, וועלכע דאַרף, צוליב איר עקזיסטענץ, אויפעסן הונדערטער טויזנטער מענטשלעכע לעבנס. אויב אין פּאַלעסטינע וועלן די ייִדישע טעכטער זייַן די זעלביקע געפאַלענע פרויען, ווי אין רוסלאַנד, אויב דאָרטן וועט דער ייִד אומקומען אין פינצטערניש, פונקט ווי דאָ, פרעגט זיך, צי איז פאַראַן און צי וועט זייַן א וואָסער עס איז אונטערשייד צווישן דער ייִדישער לאַגע דאָ און דאָרט. קלאָר, אז קיין שום אונטערשייד איז דאָ ניטאָ, אויסער דעם, וואָס אין פּאַלעסטינע וועלן אַפ די ייִדן רייַטן זייערע ברידער לויטן גלויבן, אין דער צייַט, ווען אַפ דער גאַנצער וועלט באַנוצט זיך מיט די ייִדן יעדערער ווער עס וויל. נאָר צי איז דען א ייִד אַפ די פּלייצעס פון א יידן ניט די זעלביקע מאַסע, ווי יעטווידער אַנדערער אַפ די זעלביקע פּלייצעס?

אויב דאָס אָרעמע אַרבעטער-פאָלק דאָרטן וועט וואַגן פאָדערן באַם ייִדישן קאַפּיטאַליסט זייַנע מענטשלעכע רעכט, מיינט איר דען, אז מע וועט אים ניט אופשטעלן דאָרטן פונקט די זעלביקע טליִע ווי בא אונדז אין רוסלאַנד? צי דען וועט דער ייִדישער קאַפּיטאַליסט ניט באַמיִען זיך פאָטער צו ווערן פון די אייַנגעשפּאַרטע אַרבעטער, פונקט ווי אומעטום?

און אויב דאָס איז עמעס, איז מיט וואָס צייכנט זיך אויס פּאַלעסטינע פון אַן אַנדער לאַנד? מיט איין וואָרט, מיט גאָרניט. א בייַשפּיל קאָנען מיר נעמען פון דער אָרטיקער ייִדישער בורזשואַזיע, פון די אָרטיקע ייִדישע מייַסטערס. ווער פון אונדז ווייס ניט, ווי אַזוי זיי באַגייען זיך מיט זייערע פאַרקנעכטעטע מענטשן? צי דען וועלן זיי אין פּאַלעסטינע איבערבויען זיך און בעסער ווערן? ווו זשע איז עס די גליקלעכע צוקונפט, וואָס מע זאָגט צו די ייִדן אין פּאַלעסטינע? זי איז ניטאָ און וועט ניט זייַן.

איצט בלייַבט צו לייזן נאָך איין פראַגע. אויב אין פּאַלעסטינע איז שלעכט, אין רוסלאַנד איז אויך ניט בעסער, וואָס זאָל טאָן דאָס ייִדישע אָרעמע פאָלק, ווי זאָל עס זיך באַפרייַען פון דער דאָזיקער אומדערטרעגלעכער לאַגע?

דער ענטפער איז א פּאָשעטער: אויב בא אונדז ייִדנ עקזיסטירט דער זעלביקער קאפּיטאליזמ, ווי אינ אנדערע מעלוכעס, דער זעלביקער פּראָלעטאריאט ווי אומעטומ, דארפ דער קאמפּ צווישנ דעמ פּראָלעטאריִאט אונ דער בורזשואזיע צווישנ ייִדנ זײַנ דער זעלביקער.

פאר א בײַשפּיל קאָנ אונדז דינענ מײַרעוו־אייראָפּע. דאָרטנ האָבנ די ארבעטער פריִער, ווי אינ רוסלאנד, אָנגעהויבנ פאראייניקנ זיכ אונ שאפנ קרײַזלעכ, צומ אָנהייב קליינע אונ דערנאָכ, מיטנ וווּקס פונ דער אינדוסטריע אונ פונ דער פּראָפּאגאנדע צווישנ די ארבעטער, אלצ־גרעסערע. צולעצט האָבנ זיכ פונ די דאָזיקע קרײַזלעכ געשאפנ גאנצע פאראיינענ, וועלכע האָבנ שוינ איצט אייגענע פאָרשטייער אינ פּארלאמענט.

מיט די זעלביקע מיטלענ דארפנ קעמפנ אויכ די ייִדנ. אינ צוזאמענהאנג מיטנ קאמפּ, וואָס אונדז שטייט פאָר מיטנ קאפּיטאל, דארפ, פריִער פונ אלצ, פאר יעדנ פונ אונדז זײַנ קלאָר די הייליקע לעבנ-אופגאבע פונ יעדנ באוווּסטזיניקנ ארבעטער, וועלכע באשטייט ניט אינ דעמ, ווי אזוי פולער אָנשטאָפּנ דעמ מאָגנ, נאָר אינ דעמ, אז יעדער פונ אונדז דארפ לויט די קויכעס עפּעס טאָנ פארנ גליק פונ דער מענטשהײַט, אונ וואָס מיר זאָלנ ניט טאָנ אינ דעמ זינ, וועלנ מיר ברענגענ א גרויסנ נוצנ די צוקונפטיקע דוירעס.

מיר קאָנענ ניט זיצנ פארלייגט די הענט אונ ווארטנ אפ הילפ פונ אויבנ. נאָר פונ אונדז אליינ הענגט אָפּ אונדזער באפרײַונג אונ העטונג. יעדערער דארפ ווי ווײַט מעגלעכ באמיִענ זיכ צו לערנענ זיכ אליינ אונ אנדערע אונ אפ אזא אויפנ העלפנ צו שאפנ די ערשטע צײַט כאָטש קליינע קרײַזלעכ. די דאָזיקע קרײַזלעכ וועלנ אונדז מיט דער צײַט געבנ א פולשטענדיקע מעגלעכקײַט זיכ פאראייניקנ אונ ווערנ מיטגלידער פונ דער גרויסער אלוועלטלעכער קעמפנדיקער ארבעטער־פּארטיי, וועלכע, ארבעטנדיק סאָלידאריש, וועט זיכ דערשלאָגנ מענטשלעכע רעכט. דאנ וועט פארווירקלעכט ווערנ די עמעסע פרײַהײַט, ברידערלעכקײַט אונ גלײַכהײַט פאר דער גאנצער מענטשהײַט, ניט אויסשליסנדיק אויכ די ייִדנ.

ס'איז מער קיינ צווייפל אינ קינפטיקנ ניצאָכנ פונ די ארבעטער. די געשיכטע באווײַזט, ווי ניט פעסט איז די אָרדענונג, ווו מענטשנ קאָנענ שטארבנ פונ הונגער בא די שוועלנ פונ לוקסוס. מיר, ייִדנ, דארפנ ניט ארויפּפאלנ אונ שעמענ זיכ, וואָס מיר געהערנ צו דער „שענדלעכער" ייִדישער ראסע. די געשיכטע פונ די ייִדנ גיט אונדז דאָס רעכט אפ דעמ. זי האָט אויכ אירע גלענצנדיקע זײַטלעכ. ס'איז נאָכ ניט געווענ אפ דער וועלט אזא נאציע, וואָס זאָל קענענ אזוי העלדיש שטארבנ פאר איר גלויבנ, ווי די ייִדישע. לאָמיר זשע אויכ, דער יונגער דאָר, נעמענ א בײַשפּיל פונ אונדזערע זיידעס אונ ווײַזנ אונדזערע העלדנמוט אינ קאמפּ פאר דער באפרײַונג פונ דער מענטשהײַט.

# צוויי קאָנספעקטנ פונ לעקציעס, וואָס מע פלעגט לייענענ אינ די ערשטע סאָצ.־דעמ. קרײַזלעכ אינ ווילנע אינ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ

אינ יידישנ פאָנד פונ ארכיוו פונ מארקס-ענגעלס־לענינ-אינסטיטוט האָבנ מיר געפונענ צוויי דאָקומענטנ, וועלכע באקאָנענ אונדז מיט די מעטאָדנ אונ כאראקטער פונ דער פראָפאגאנדע, וואָס איז געפירט געוואָרנ אינ אָנהייב פונ די נײַנציקער יאָרנ אינ די סאָציאַל־דעמאָקראטישע קרײַזלעכ פונ ווילנע אונ אנדערע שטעט. דער ערשטער דאָקומענט שטעלט מיט זיכ פאָר טעזיסנ („פראגעס״) פונ א לעקציע אפ צו פארנעמענ זיכ אינ די ארבעטער־קרײַזנ. די ערשטע לעקציע איז צעטיילט אפ די פאָלגנדיקע טיילנ: 1) ארבעט-טאָג, 2) ארבעטלוינ; 3) מערווערט; 4) אָרגאניזאציע פונ ארבעט; 5) וועגנ קאָנקורענצ; 6) פריוואט־אייגנטומ; 7) אָרגאניזאציע פונ ארבעט בא דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

אינ דעמ געפונענעמ דאָקומענט פעלנ אָבער די לעצטע 4 טיילנ פונ דער „לעקציע״. פונ די פארבליבענע 3 טיילנ איז צו זענ, אז כאָטש אינ דער „לעקציע״ איז געמאכט געוואָרנ א פרווו צו פארענטפערנ די „פראגעס״ פונ מארקסיסטישנ שטאנדפונקט, איז דאָכ בא דעמ אווטער פונ די „פראגעס״ ניט געווענ קיינ קלאָרע מארקסיסטישע קאָנצעפציע וועגנ די בארירטע פראגעס. אונ אינ געוויסע פראגנ האָט דער אווטער פונ די „פראגעס״ זיכ געשטעלט אפ א ניט מארקסיסטישנ שטאנדפונקט. צומ בײַשפיל: אינ דעמ ערשטנ פונקט וועגנ ארבעט-טאָג, אינ וועלכנ עס ווערט אָנגעוויזנ די נייטיקייט אונ נוצלעכקײַט פונ א פארקירצטנ ארבעט־טאָג ווערט דערקלערט, אז א קירצערנ ארבעט־טאָג קענ מענ זיכ דערשלאָגנ:

„א) אפנ געזעצגעבערישנ וועג; ב) דורכ זעלבסטעטיקײַט אונ ג) דורכ אויסבילדנ א זעלבשטענדיקנ פאָליטישע פארטיי, אונ אויב דאָס איז ניט מעגלעכ, דאנ אונטערשטיצנ בײַס די וואלנ קאנדידאטנ, וואָס שטעלנ ארײַנ אינ זייער פראָגראמ די ארבעטער־געזעצגעבונג (צווישנ אנדערע אויכ פארקירצנ דעמ ארבעט־טאָג); ד) שטרײַקנ, ארביטראזש־געריכט״.

ווי מיר זעענ, האָט דער אווטער פונ די „פראגעס״ ניט אויסגעבראקירט קיינ שומ מיטל אפ צו דערגרייכנ א פארקירצטנ ארבעט־טאָג, אונ האָט אפילע ניט געהאלטנ פאר אומבאדינגט נייטיק צו אויסבילדנ א זעלבשטענדיקע פאָליִטישע פארטיי אפ צו דערגרייכנ א קירצערנ ארבעט־טאָג.

די ראָזיקע שטעלונג צו דער פראגע באווײַזט גאנצ בולעט, אז אינ די ערשטע ארבעטער-קרײַזלעכ איז ניט געשטעלט געוואָרנ די פראגע וועגנ דער אבסאָליוטער נויטווענדיקײַט פונ א זעלבשטענדיקער פאָליטישער פארטיי פונ פראָלעטאריִאט אפ צו דערשלאָגנ זיכ עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע באפרײַונג.

אינ דעמ צווייטנ דאָקומענט—אינ דער „לעקציע וועגנ עקאָנאָמיק אונ פאָליטיק״ איז שוינ יאָ געשטעלט געוואָרנ די פראגע וועגנ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ קאמפ אונ וועגנ דער נייטיקײַט צו שאפנ עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע אָרגאניזאציעס. אָבער אינ דער „לעקציע וועגנ עקאָנאָמיק אונ פאָליטיק״ איז ארויסגערוקט געוואָרנ די „טעאָריע״ וועגנ די סטאדיעס פונ עקאָנאָמישנ אונ פאָליטישנ קאמפ. דער אווטער פונ דער דאָזיקער „לעקציע״ דערקלערט, אז פריִער מוז געשאפנ ווערנ די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע אונ פריִער דארפ געפירט ווערנ אנ עקאָנאָמישער קאמפ, ווײַל:

> „דער שטרײַט פון די ארבעטער מיט די קאפּיטאַליסטן ברענגט דערצו, דאָס די אר־בעטער זאָלן האָבן שטיצקעס מיט פּאָליציע, מיט די פאבריצנע אינספּעקציע, מיט סודעבנע און נאָך פיל הערשאפטן. וואָס מערער עס ווערן די שטיצקעס מיט די פאָרשטייער פון הערשאפט אלץ מערער הייבן אָן די אנטוויקלטערע ארבעטער צו פארשטיין די נייטיקײַט פון פּאָליטישער פרײַהײַט און ווי נייטיק ס'איז זיך צוצוגרייטן צו א קאמף מיט די עקזיס־טירנדע פראוויטעלסטוואָ צוליב די פּאָליטישע רעכטן. זיי (די אנטוויקלטערע ארבעטער) הייבן אָפּט אָן זיך צוזאמענצוקלײַבן צו באטראכטן זייערע פּאָליטישע פראגעס און דורכ־צופירן זייערע באשטימונגען דורך דער מאסע. עס שפּראָצן ארויס פּאָליטישע ארבעטער־אָרגאניזאציעס. אלקיין, זעען מיר, אז די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע איז דער שטארקער פונדאמענט, אפ וועלכן עס וואקסט, סאָפּקאָלסאָפּ, ארויס א פּאָליטישע ארבעטער־אָרגאני־זאציע".

כוץ דעם ווערט אין דער „לעקציע" דערקלערט, אז די „עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע דארף זײַן אינגאנצן אָפּגעטיילט פון די פּאָליטישע" און צוליב א ריי סיבעס (וועלכע ווערן אָנגעוויזן א־ן דער „לעקציע") און באזונדערס צוליב דער פּאָליציי איז „דער צוזאמענמישן די עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע אָרגאניזאציעס אפילו געפערלעך און שעדלעך". די דאָזיקע „טעאָריע" פון צעטיילן די אר־בעטער־באוועגונג אין באזונדערע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאניזאציעס און אײַנפירן א סטאדיע פון קאמף—צוערשט עקאָנאָמישן און דערנאָך פּאָליטישן, איז דערנאָך אפּ א מער ברייטערן מאס־שטאב באגרינדעט געוואָרן פון אלעקסאנדער קרעמער אין זײַן באקאנטער בראָשור „וועגן אגיטא־ציע". און דער דאָזיקער געדאנק האָט באהערשט די ארבעטער-באוועגונג פון ווילנע, מינסק און א ריי אנדערע שטעט פון ווײַסרוסלאנד, ליטע און פוילן, און געבראכט צו דער פאנאנדערוויקלונג פון די עקאָנאָמישע פּאכ-קאסעס אין יענער צײַט. מע מוז אבער קאָנסטאטירן, אז אין דער „לעקציע" זײַנען ניט ארויסגעשטעלט געוואָרן קיינע נאציאָנאליסטישע לאָזונגען. פארקערט, פונקט ווי אין פיל אנדערע דאָקומענטן פון יענער עפּאָכע, ווערט אין דער דאָזיקער „לעקציע" דערקלערט:

> „פראנצויזישע, רוסישע, יידישע, קריסטלעכע, ארבעטער פון יעווראפּע אָדער פון אמעריקע—אלע לײַדן גלײַך פון דער מאכט פון קאפּיטאל, וועלכער שטרעבט נאָר צו איין זאך: צו באקומען וואָס מערער פארדינסט פון די ארבעטערס האָרעוועניע, גאנץ גלײַך ווער דער ארבעטער זאָל ניט זײַן: צי אַן ענגלענדער, אָדער א דײַטש, צי א ייד, צי א קריסט, צי ער וווינט אין אמעריקע אָדער אין אפריקע. אלזאָ: די אינטערעסן פון אלע ארבעטער פון אלע נאציאָנען פון אלע רעליגיעס זײַנען אלץ איינס" (אונטערגעשטראָכן אין אָריגינאל—ס. א.).

אזוי איז אין דער „לעקציע" געשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן די אלגעמיינע אינטערעסן פון פּראָלעטאריאט. ווער עס זײַנען געווען די אוטערס פון די קאָנספּעקטן, איז אונדז ניט גע־לונגען פעסטצושטעלן, מיר דרוקן איבער דעם דאָקומענט אָן וועלכע עס איז ענדערונגען.

———

# „פראגעס״ *

(פארנעמונגענ אינ די ארבעטער־קרייזנ)

קאָפּיע פונ מאנוסקריפּט פונ די ערשטע ווילנער ס.־ד.־קרייזנ.

אינהאלט: 1. דער ארבעט-טאָג. 2. ארבעטלוינ. 3. מערווערט. 4. אָרגאַניזאציע פונ ארבעט. 5. וועגנ קאָנקורענצ. 6. פּריוואט-אייגנטומ. 7. אָרגאַניזאציע פונ דער ארבעט בא דער קאָמוניסטישער אָרדענונג.

## 1. ארבעט־טאָג

די באדייטונג פונ א קורצנ ארבעט־טאָג פארנ געזונט. זיינ ווירקונג אפ דער אינטעלעקטועלער אונ גייסטיקער אנטוויקלונג, אפ דער צאָל אומגליקפאלנ, אפ דער צאָל ארבעטלאָזיקע, אפנ ארבעטלוינ, אפ דער פּראָדוקטיווקייט פונ דער ארבעט אונ אפ דער פארייניקונג פונ די ארבעטער. די ווירקונג פונ א נאָרמאלנ-ארבעט־טאָג אפ דער איבערפּראָדוקציע אונ ארבעטלאָזיקייט. די ווירקונג אפ די אומדירעקטע שטייערנ. מיטלענ צו דערשלאָגנ זיכ א קירצערנ ארבעט-טאָג: א) אפנ געזעצגעבערישנ וועג; ב) דורכ זעלבסטעטיקייט אונ ג) דורכנ אויסבילדנ א זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּארטיי, אונ אויב דאָס איז ניט מעגלעכ, דאנ אונטערשטיצנ בייס די וואלנ קאנדידאטנ, וואָס שטעלנ ארייג אינ זייער פּראָגראמ די ארבעטער־געזעצגעבונג (צווישנ אנדערנ אויכ פארקירצנ דעמ ארבעט־טאָג), ד) שטרייקנ, ארביטראזש־געריכט (третейский суд).

די רעזולטאטנ, וואָס זיינענ דערגרייכט געוואָרנ דורכנ קאמפ פאר פארקירצנ דעמ ארבעט־טאָג. די געזעצגעבונג וועגנ ארבעט-טאָג אינ רוסלאנד אונ אינ אויסלאנד אונ דער צושטאנד פונ דער פאבריק-אינספּעקציע. מאכינאציעס, וואָס עס טוט אָפּ דער פאבריקאנט, קעדיי אויסצומיידנ דעמ געזעצ וועגנ ארבעט-טאָג: איבערוואַרפנ פונ איינ פאבריק אפ דער אנדערער, אומביטנ, איבערדרייענ דעמ זייגער, רייניקנ די מאשינעס, ווינענ באמ מייסטער. מאכינאציעס [צו אויסנוצנ קינדער-ארבעט] בייס די קינדער באזוכנ א שול. מיטלענ פונ קאמפ קעגנ די דאָזיקע מאכינאציעס. די צווישנפעלקערלעכע באוועגונג פאר באגרענעצנ דעמ ארבעט-טאָג.

## 2. ארבעטלוינ

די גרייס פונ דעמ ארבעטלוינ. ווירקונג פונ נאָכפרעג אונ אָנבאָט אונ פונ דער רעזערוו-ארמיי. באדינגונגענ, וואָס ווירקנ אפ דער גרייס פונ דעמ ארבעטלוינ: קלימאט, שטופע פונ קולטור, אנטוויקלונג פונ קאפּיטאליזמ (פונ דער פארגרעסערונג אונ פארקלענערונג). ווירקונג פונ

* די דאָזיקע „פראגעס״ זיינענ איבערגעזעצט פונ רוסישנ אָריגינאל, וועלכער ווערט אויכ איבערגעדרוקט אינ דעמ באנד.

עמיגראציע און אימיגראציע, איבערוואנדערונג פונ די ארבעטער פונ די דערפער אינ די שטעט, אומדירעקטע שטײַערנ (די פאָרמע פונ רעגירנ און קאפיטאליזמ). ווירקונג פונ פרויענ-און קינדער-ארבעט אפנ ארבעטלוינ. סינדיקאטנ פונ די באלעבאטימ, ארבעטער-אָרגאניזאציעס; נאטור-געצאָלט (קראָמענ, קופּאָנעס), טערמינעס פונ אויסצאָלנ, שטראָפנ, בראקירונג פונ פראָדוקט, דינגענ ארבעטער אינ דער צײַט פונ גרעסטער נויט. פארקאָנטראקטירונג פונ ארבעטער, סיסטעמ פונ לערנ-ייִנגלעכ, געזעצגעבונג אינ רוסלאנד וועגנ לערנ-ייִנגלעכ. רעאלער, נאָמינאלער, אבסאָליוטער און רעליאטיווער ארבעטלוינ. ווירקונג פונ ווינונגענ, וואָס מע אָרדנט אײַנ פאר די ארבעטער, אפנ ארבעטלוינ. *געצאָלמ פונ שטיק*: די גרייס פונעמ געצאָלט פאר א שטיק, די שעדלעכקײַט פאר די ארבעטער, פאָדערונגענ, וואָס די שטיק-ארבעטער קענענ ארויסשטעלנ די באלעבאטימ, דער נוצנ פונ אריבערגייג אפ געצאָלט פונ וואָכ. ווירקונג פונעמ געצאָלט פונ שטיק אפנ צעטיילנ די ארבעטער צווישנאנאנד. אָנטייל פונ די ארבעטער אינעמ רעוועכ פונ דער פראָדוקציע און די ווירקונג אפנ ארבעטלוינ. איבערשטונדנ-ארבעט. ווירקונג פונ ארבעטלוינ אפ דעמ פיזישנ, אינטעלעקטועלנ און גײַסטיקנ צושטאנד פונ די ארבעטער: פארברעכערישקײַט, דעגענערירונג, שטערבלעכקײַט, צאָל כאסענעס, פראָסטיטוציע.

ווירקונג פונ צוציִענ קינדער-און פרויענ-ארבעט: *נעגאטיווע זײַטנ* (צעשטערונג פונ דער פאמיליע, דעמאָראליזירונג, פיזישע אָפשוואכונג, פארגרעסערונג פונ דער צאָל טויט-געבאָרענע און קינדער-שטערבלעכקײַט). *פּאָזיטיווע זײַטנ* (עמאנסיפאציע, קאפיטאליזירונג פונ הויז-ווירטשאפט, באדײַטונג פארנ קלאסנקאמפ). מיטלענ פונ קאמפ.

## 3. מערווערט

ווערט, טוישווערט, מערווערט, נויטווענדיקע און מערארבעט.

מערווערט איז ניט קיינ געצאָלט פאר דער ארבעט (דערווײַזנ: קוואל פונ לעבנ-מיטל פאר די ניט-ארבעטנדיקע קלאסנ: אקציִאָנערנ, גרויסע קאפיטאליסטנ, פאבריקאנטנ און אז. וו.).

ארבעטלוינ איז ניט קיינ באלוינונג. ארבעטלוינ געפינט זיכ ניט אינ קיינ שומ אנטשפּרעכונג מיטנ ווערט פונ דעמ געשאפענעמ פראָדוקט און מיט דעמ דויער פונעמ ארבעט-טאָג און אז. וו., נאָר ער שטעלט פאָר מיט זיכ דעמ קאָסט פונ דעמ מינימומ עקזיסטענצ-מיטלענ פונעמ ארבעטער. די סיבע פארוואָס דער ארבעטלוינ איז ניט קיינ באלוינונג פאר דער ארבעט (דאָס ניט האָבנ קיינ פראָדוציר-מיטלענ). די פראָדוציר-מיטלענ גופע זײַנענ פראָדוקטנ פונ דעמ ארבעטער. די עקספּלואטאציע פונ ארבעט באמ שקלאפנטומ, פעאָדאליזמ, ווי א באווײַז, אז דער אורקוואל פונ קאפיטאל איז געווענ עקספּלואטאציע.

וועגנ דעמ באטײַט פונ וווכערישנ, פראָדוציר- און האנדל-קאפיטאל. די יידנ-פראגע. שטײַערנ דירעקטע און אומדירעקטע. זייער אָפשאצונג פונעמ שטאנדפונקט פונ די אינטערעסנ פונעמ ארבעטער-קלאס. די באדײַטונג פונ דער רעגירונג-פאָרמע אפ דער פאָרמע פונ שטײַער. אָנווײַזנ, אז ארבעט איז דער איינציקער קוואל פונ שטײַערנ. ארבעטער-געזעצגעבונג, ווי א מיטל צו פארקירצנ דעמ מערווערט. אויספיר פונ די קעגנזאצנ אינ די אינטערעסנ פונ די קאפיטאליסטנ און ארבעטער.

# א לעקציע

## וועגן

# עקאָנאָמיק און פּאָליטיק

.1

.1 אללע אוצרעשודעניעס צו זאממען, וועלכע זיינען נייטהיג צום שטרייט צווישען די ארבייטער און קאפיטאליסטען, הייסען די עקאָנאָמישע ארגאניזאציע פון ארבייטער קלאסס. אללע אוצרעשודעניעס, וועלכע ערציהען די ארבייטער צו א שטרייט מיט פראוויטעלסטוואָ, צו זאממען הייסען די פּאָליטישע אָרגאניזאציע.

.2 דער שטרייט פון די ארבייטער מיט די קאפיטאליסטען בריינגט דערצו, דאָס די ארבייטער זאָלען האָבען שטיצקעס מיט פּאָליציע, מיט די פאבריצנע אינספעקציע מיט סודעבנע און נאָך פיל הערשאפטען. וואָס מעהרער עס ווערען די שטיצקעס מיט די פאָרשטייער פון הערשאפט אלץ מעהרער הייבן אָן די ענטוויקעלטערע ארבייטער צו פערשטיין די נייטהיגקייט פון פּאָליטישע פרייהייט און ווי נייטהיג ס־איז זיך צו צוגרייטען צו א קאמפף מיט די עקסעסטירענדע פראוויטעלסטוואָ צוליעב די פּאָליטישע רעכטען. זיי (די ענטוויקעלטערע ארבייטער) הייבען אָפּט אָהן זיך צוזאממענצוקלייבען צו בעטראכטען זייערע פּאָליטישע פראגען און דורך צו פיהרען זייערע בעשטימונגען דורך דער מאססע. עס שפּראָצן ארויס פּאָליטישע ארבייטער אָרגאניזאציעס על כן, זעהען מיר, אז די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע איז דער שטארקער פונדאמענט אויף וועלכען עס וואקסט סוף כל סוף ארויס א פּאָליטישע ארבייטער-אָרגאניזאציע. דערפון קען מען זעהן, אז די פּאָליטישע אוצרעשודעניע קען נאָר דאנן האָבען א זין, ווען די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע ארבייט פלייסיג. ווען אָבער, אין די עקאָנאָמישע אָרגאניזאציע הערשט אנ-אונאָרדנונג איז די גאנצע פּאָליטישע אָרגאניזאציע נור א קינדער-שפיל און די ארבייטער וועלכע פערנעמען זיך דער מיט זיינען גלייך צו יענע העלדען, וועלכע מאכען רעוואָליוציעס ביי זיך אויפען ביידעם. אריין בריינגען אנ־אָרדנונג אין די קאססעס הייסט שוין פאראיינס צוגעבען א לעבענס־קראפט די פּאָליטישע ארבייטער אָרגאניזאציע.

3. די עקאָנאָמישע אָרגאַניזאַציע דאַרף זיין אין גאַנ־צען אָפּגעטהיילט פון די פּאָליטישע. איבער די וויטערדיגע אור־זאַכען: א) א קאַססע קען נאָר דאַן זיין נוטציג פאַר די ארבייטער, ווען זי קען האָפען אויף א גרויסע מאַססע, על כן דאַרף מען זעהן דאָס אין די קאַססען זאָלען קענען אריינטרעטען אפילו אזוינע ארבייטער, וועלכע שטייען אין אָרענטליכ־קייט און אין פערשטאַנד ניט העכער פון א געוויינטליכען ארבייטער. אריינ־טרעטען אָבער אין א פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע קענען נאָר אזיינע, וועלכע שטייען אויף א העכערען שטאַפּיל פון ענטוויקלונג, אזיינע וועלכע פערשטייען קלאָהר, אז יעדער קלאַססען־קאַמפּף איז א פּאָליטישער קאַמפּף, צוליעב דעם, וואָס מען מישט צו זאַממען אָט דיביידע סאָרטען אָרגאַניזאַציעס איז זייער שווער אריין צונעמען נייע צלענעס, און דאָס ברייגגט נאָך דערצו, אז די ארבייטער בעוועגונג, ווערט א בעוועגונג פון א קליינע גרופּפּע פערשטענדיגע, פאַר וועלכע דיא קאַססע אליין האָט קיין ווערדע ניט, ווייל זי וועט קיין מאָהל ניט קענען אויסבעססערען זייער מאַטעריאלישע לאַגע. זי ווערט אנ-אריס־טאָקראַטישע בעוועגונג ווייל די גאַנצע מאַססע נעמט קיין אָנטהייל ניט אין די קאַססעס. ב) דער צוזאַמענמישען די עקאָנאָמישע און פּאָליטישע אָרגאַניזא־ציע איז נאָך אויך גיפערהליך אין פּאָליצייסקען הינזיכט, ווייל דאַן ווערט יע־דער מיטגליעד פון קאַססע, זיך פערלאָזענדיג אויפען אוסטאַוו און אויף די פּראַקטיקע, זיין פעראַנטוואָרטליך פאַר-ן געהערען צו א פּאָליטישע געזעללשאַפט.

.2

1. די ארבייטער, וועלכע האָבען ניט קיין אייגענטהום און וועלכע לעבען דערפון וואָס זיי פערקויפען זייער ארבייטס-קראַפט, הייסען דער קלאַסס פּראָלעטאַריער.

2. פראַנצייזישע, רוססישע ארבייטער, אידישע, קריסטליכע, ארבייטער פון יעווראָפּע אָדער פון אמעריקע—אללע ליידען גלייך פון די מאַכט פון קאַפּיטאל, וועלכע שטרעבט נאָר צו איין זאַך: צו באַקומען וואָס מעהרער פּערדיענסט פון די ארבייטערס האָרעוואַניע, גאַנץ גלייך ווער דער ארבייטער זאָל ניט זיין: צי איין איינגלאַנדער, אָדער א דייטש, צי א איד, צי א קריסט, צי ער וויינט אין אמעריקע אָדער אין אפריקע. אלזאָ: די אינטערעססען פון אללע ארבייטער פון אללע נאַציאָנען פון אללע רעליגיעס זיינען אלץ איינס.

3. אינטערעססען פון די פּראָלעטאַריער און די קאַפּי־טאַליסטען זיינען געגען זעטצליך: וואָס קורצער עס איז דער ארבייט-טאָג דאָס וויניגער איז די פּראַצע, וואָס דער קאַפּיטאַליסט בעקומט אומזיסט, וואָס גרעססער ס'איז די ארבייטס-לויהן דאָס קלענער איז דער פּער־דינסט פון די קאַפּיטאַליסטען; פאַר די ארבייטער איז גוט, דאָס זיי זאָלען שטיין איינע פאַר די אנדערע, זיך פערבינדענדיג אין א פעסטע אָרגאַניזאַציע, די קאַפּיטאַליסטען פערקעהרט, איז בעססער צו האָבען עסק מיט איינצלנע אָבגיזונדערטע ארבייטער א. ד. גל.

4. די קאַפּיטאַליסטען פערמעגען אללע מיטלען צו בעשאַפען אללע נייטהיגע פּראָדוקטען (למשל, געביידע, מאַשינעס, רייהע מאַטעריאלען א. ד. גל.). דער

ארבייטער פערמעגט גאַר נישט אויסער צוויי הענד. וועלכע דינען איהם אלס איינציגער לעבענס מיטעל. דעריבער, אום ניט צו שטארבען פון הונגער, מוז דער ארבייטער זיין צופריעדען אויף אללע בעדינגונגען, וועלכע דער קאפיטאליסט שטעלט איהם ארויס. דער קאפיטאליסט הערשט, דער ארבייטער גיט זיך אונטער. פון דעסטוועגען קענען אלץ די ארבייטער מאכען א סך קלענער די עקספלואטאציע פון זייער פראצע. איין ארבייטער איז שוואך אנטקעגען קאפיטאליסט; א פעראיין פון ארבייטער קען צו דריקען דעם קאפיטאליסט אָבצוטרעטען. צוליעב א פאָרשריטטליכע שטרייט מיט די קאפיטאליסטען מוזען די ארבייטער זיך פערבינדען אין פעראיינען.

5. די ציעלען פון די ארבייטער:

א) די נאָהענסטע, וועלכע מען קאָן צוטהיילען אויף אלגעמיינע און ספעציאלע וועלכע ווענדען זיך פון יעדער מלאכה בעזונדער.

אלגעמיינע: איין קורצען ארבייטס-טאָג, גרעססערע שכירות, ליכטיגע ברייטע מאסטערקאיעס און מענשליכע בעהאנדלונגען פון קאפיטאליסט מיט די ארבייטער;

ספעציאלנע: צום ביישפיל דער טערמין, די צייט פון צאָהלען די ארבייטס-לויהן, דער אָנהייב און סוף ארבייט, מיטאָג״ס צייט א. ד. גל.

ב) שפעטערדיגע: פאָלימישע פרייהייט, וועלכע זאָגט צו: 1) צו מאכען פריי סטאצקעס, פעראיינען, פריי ריידען, שרייבען, פרייע פערזאמלונגען; 2) צו לאָזען נעהמען א־נ־איינטהייל אין דער פיהרונג פון דער מלוכה כדי ארויס צוגעבען זאקאָנעס, וועלכע מאכען קלענער די עקספלואטאציע פון די קאפיטאליסטען (פאבריצנע זאקאָנעס).

ג) די לעצטע פערניכטען די קאפיטאליסטישע געזעללשאפט און בעשאפען א סאָציאליסטישען וועלט-אָרדנונג, אין וועלכען אללע געווערבס-מיטטלען (פאבריקען, זאוואָדען, ערד), וועלכע געהערען צו אלעמען און צו קיינעם ניט באזונדער, און אללע פערברויך־פראָדוקטען וועלען אויסגעארבייט ווערען צוזאממען.

כדי צו עררייכען די שפעטערדיגע און לעצטע ציעלען גרינדען די ארבייטער א פאָליטישען פעראיין. אין פאָליטישען פעראיין טרעטען אריין ארבייטער פון פערשידענע מלאכה׳ס, וועלכע פארשטייען די פאָלגענדע: 1) אז אין דער איצטיגער געזעללשאפט בעשיטצט פראוויטעלסטוואָ נאָר די אינטערעססען פון די קאפיטאליסטען, 2) כדי רעכט צו פארבעססערען זייער לאגע איצטער און כדי שפעטער אין גאנצען מנצח צו זיין דעם קלאסס קאפיטאליסטען דארפען די ארבייטער האָבען אין די הענד די פאָליטישע מאכט, ד״ה, זיי דארפען נעהמען א־נ-איינטהייל אין דעם פיהרונג פון מלוכה. דערפון קען מען זעהן, אז מיטגלידער פון פאָליטישען פעראיין קען זיין נאָר דיא ענטוויקעלטערע טהייל ארבייטער. דער פאָליטישער פעראיין האָט זיך זיינע אייגענע אוצרעשזדעניעס, וואו מען בעטראכט פערשידענע פאָליטישע פראגען און מען שטעלט אוועק געוויססע בעשטימונגען, וועלכע מען לייגט עס נאכהער פאַר פאר דער מאססע.

אזיי ווי אונזער סאמאָדערזשאווגע פראוויטעלסטוואָ איז רודף און בעשטראָפט שטריינג יעדען ארבייטער, וועלכער נעהמט א־נ־איינטייהל אין א פאָליטישען געזעללשאפט און זיי אויפצוזוכען האלט זיא גאנצע פולקעס שפיאָנען,

איז דעריבער נייטהיג, דאָס פון די פּאָליטישע אוצרעשזדעניעס זאָלען וויסען וואָס ווייניגער מענשען, אז וועגען זיי זאָלען וויססען נאָר אזייבע מענשען, וועלכע פערדיגען פאָלקאָם א צוטרויא און וועלכע האָבען ארויס געוויזען א־נ־איבּערגעגעבענהייט צו דער ארבייטער־זאך. על כן אין ס א מ אָ ד ע ר ז ש א ו ו־נ ע מ ל ו כ ה א י ז ג ײ ט ה י ג, ד אָ ס פּ אָ ל י ט י ש ע א ר ב ײ ט ע ר פ ע ר-א ײ נ ע ן ז אָ ל ע ן ז ײ ן א ג ע ה י י ם פ א ר ד ע ר מ א ס ס ע.

כדי צו עררייכען די נעהענסטע ציעלען מאכען די ארבייטער ע ק אָ נ אָ מ י ש ע פּ ר אָ פ ע ס י אָ נ א ל נ ע פ ע ר א ײ נ ע ן א ו ן ע פ ע נ ע ן ק א ס ס ע ס צ ו ם ש ט ר ײ ט. דערפון זעהס מען, אז די קאססעס דארפען נאָר שטיצען די אר־בייטער אין זייער שטרייט מיט די קאפּיטאליסטען, זיך ניט שטעלענדיק קיין זייטיגע ציעלען; צו עררייכען אָט די זייטיגע ציעלען עקסעסטירען אָדער דאר-פען עקסעסטירען אנדערע אוצרעשזדעניעס. דעריבער זאָגען מיר:

1) די קאססע דארף ניט ד י ר ע ק ט זיך בעזאָרגען מיט די ענטוויקלונג פון ארבייטער. אויב די קאססע וועט זיך אָנהייבען צו בעזאָרגען מיטען צו-שטעלען איהרע מיטגליעדער צטעניעס מיט זאניאטיעס, הערט זי אויף צו עקסעס־טירען אלס קאססע פון שטרייט און ווערט א קאָנטאָר צו זוכען לעהרער—דאָס איז ערסטענס. צווייטענס, די ציעל פון צטעניעס מיט זאניאטיעס איז איבער-הויפּט צו ענטוויקלען ביין ארבייטער א פּאָליטישען פערשטאנד, דעריבער דארפען זיך דערמיט בעזאָרגען די פּאָליטישע אוצרעשזדעניעס און אויף קיין פאלל ניט די קאססעס און שטרייט. דער ארבייטער קען אפילו זיין זייער ניט צופריעדען דערפון, וואָס צוליעב די אָדער יענע פריצינעס האָט ער ניט קיין צטעניע און זאניאטיעס, נאָר עס וואָלט געווען זייער משוגה״דיג פון זיין זייט זיך צו ווענ-דען מיט דעם פאָדערונג פון ענטוויקלונג צו די קאססעס. זי קען איהם געבען נאָר דאָס, אויף וואָס זיא איז געשטעלט, זיא קען איהם נאָר געבען א גייסט-ליכע און מאטעריאלישע מאכט צו שטרייטען מיט די בעלי בתים ניט מעהר.

2) די קאססע דארף ניט דירעקט פערפערטיגען די ארבייטער צו א קאמפף מיט פּראוויטעלסטוואָ, ד״ה זי ד א ר ף נ י ט איהם געבען מיטלען מיט אזא אָדער א־ב־אנדער ארט צו נעהמען א־נ־איינטייהל אין די בעשטימּמונגען פּאָ-ליטישע פראגען. דאָס דארף ניט זיין איבער די ווייטערדיגע אורזאכען: 1) דאָס וואָלט ניט געשטיממט מיט דעם ציעל פון קאססע, וועלכע בעשטייט נאָר אין דעם צו שטיצען דעם ארבייטער אין זיין שטרייט מיט די קאפּיטאליסטען. 2) כדי צו מאכען גוטע פאָרשריטע אין דער שטרייט מיט די בעל־בתים, איז נייטהיג דאָס אין שטרייט זאָלען נעהמען איינטהייל די גרעסטע טהייל ארביי-טער פון דער מלאכה. אלזאָ, קענען די קאססעס זיין נוטצליך נור דאן, ווען אין איהר קען אריין טרעטען יעדער אָרענטליכער ארבייטער, אָבער מיטגליעדער אין א פּאָליטישע אָרגאניזאציע קענען נאָר זיין מעהר ענטוויקעלטע ארבייטער וועלכע פערשטייען די שפּעטערדיגע און לעצטע ציעלען פון ארבייטער־בעווע-גונג. דעריבער: אויב די קאססע וועט טראָגען א פּאָליטישען חאראקטער, ווע-לען אין איהר קענען אריין טרעטען נאָר די קלענסטע טהייל ארבייטער, כדי אריין צוטרעטען אין אזא קאססע, וועט מען מוזען זוכען ביין ארבייטער אזעלכע מעלות, וועלכע די גרעסטע טהייל האָט ניט, די ארבייטער־באוועגונג וועט ווערען א-נ-אריסטאָקראטישע בעוועגונג פון א קליינע גרופּפּע מענשען; פאר די מענשען פערליערט די קאססע אלס פּעראיין פון שטרייט די גאנצע

ווערדע, ווייל זי וועט ניט זיין אים שטאנדע אויסצובעססערען זייערע מא-טעריאלישע לאגע, ווייל די גאנצע מאססע וועט ניט קענען אריין קומען אין קיין קאסע. 3) אויב די קאססע וועט זיך שטעלען פאליטישע ציעלען, וועט דאס זיין זייער גיפערליך אין פאליטישען הינזיכט, ווארום אויב עס וועט זיך מאכען א פראוואל אין וואסער עס איז פאר א קאססע, וועט יעדער מיטגליעד זיך פערלאזענדיג אויפען אוסטאוו אוב פראקטיקע, זיין פעראנטווארטליך פאר־ן גיהערען צו א פאליטישע ארגאניזאציע, ד״ה ער וועט זיין פעראנטווארטליך פאר אזא פערברעך, וועלכע פראוויטעלסטווא בעשטראפט אהן רחמנות, דערום [וועט יעדער] פראקטישער ארבייטער וועלכער האט נאך קיין זאך ניט געטאן, שוין פערעכענט ווערען פון ערסטער טאג פון זיין אריין טרעטען אין קאססע, פאר א פערברעכער, וועלכען עס קומט א שטריינגער שטראף. עס וואלט גיוועז זייער נארעש און אפשר אונארענטליך אריין צוווארפען אין אזא גיפאר אזא איין ארבעטער, וועלכער האט זיך אין קיין זאך ניט ארויס גיוויזען אונארענטליך דערפאר, ווייל ער האט נאך גארניט גיטהאן און איהר פיהרט איהם שוין אריין אין א שווערע אוגאלאוונע דיעלא, נארעש דערפאר, ווייל ער האט באך ניט ארויסגעוויזען, אז מען קען זיך אויף איהם פערלאזען און איהר פערטרויט איהם געפעהרליכע פאליטישע זאכען. און דאס, וואס איז שייך צו די מיטגליעדער פון קאססע, וועלכע זיינען שוין גענוג ענטוויקעלט צו פערשטיין פאליטישע פראגען פון ארבייטער, האבען יענע אלע מאל די מעגליכקייט צו צושטיין צו די פאליטישע אוצרעזשדעניעס. וועלכע עקסעסטי-רען אין געהיים פון דער מאססע.

3) די קאססע דארף זיך נאר שטעלען עקאנאמישע ציעלען און ניט אברעטען פון איהרע דירעקטע ציעלען. די דירעקטע ציעלען פון דער קאססע איז נאר צו שטיצען דעם ארבייטער אין דער צייט פון זייער שטרייט מיט די קאפיטאליסטען און ניט זיי צו לערנען אדער צו ענטוויקלען פאליטיש.

4) פון די נעהנסטע ציעלען פון ארבייטער איז די וויכ-טיגסטע פערקירצען דעם ארבייטס־טאג. די ארבייטער, וועלכע זיינען מיט לייב און לעבען אריינגיטאהן אין שטרייט פארען לעבען, קענען ניט לעזען, ניט ענטוויקלען זיך, ניט צוזאממענקוממען צו באטראכטען זייערע אל-געמיינע אינטערעססען; זיי קענען אפילו ניט קלערען וועגען זייער לאגע. אהן רוהיגע צייט קענען די ארבייטער ניט פערשטיין זייער לאגע, ניט געפינען קיין מיטלען ווי פון איהר פטור צו ווערען. פארקירצען דעם ארבייטס-טאג איז דער ערסטער און נייטהיגסטער בעדינג פון דעם בעפרייען פון ארבייטער־קלאסס. דעריבער, אויב די ארבייטער קע-נען אויסקלייבען איינס פון די ביידע, אדער פערקירצען דעם ארבייטס־טאג, אדער למשל פערגרעסערען די שכירות, דארפען זיי בעססער אויסקלייבען די ערסטע. דאס פאדערט זייער אייגענער קלאססען־אינטערעסס.

ענדע

דער סטאטוט פון דער ווילנער „קאמפ-קאסע״ (פון בנייִדער־פאכ) גיט א קלאָרן באגריף, וויאזוי די אגיטאציע וועגן אָפּזונדערן דעם עקאָנאָמישן קאמף פון פּאָליטישן איז פארווירקלעכט געוואָרן אין לעבן. פון דעם דאָזיקן דאָקומענט זעען מיר, אז די פאכ־קאסעס (קאמף־קאסעס) האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט פּראָפּעסיאָנעלע פאריינען, וועלכע האָבן זיך געשטעלט די זעלביקע צילן און אויפגאבעס, וואָס די טרעד־יוניאָנס אין ענגלאנד, אמעריקע און אנדערע לענדער, און האָבן זיך געשטעלט די איינציקע אויפגאבע צו פארקלענערן דעם ארבעט־טאָג און פארגרעסערן די סכירעס.

דעם „סטאטוט״ האָבן מיר געפונען אין מארקס־ענגעלס־לעניג אינסטיטוט. ווער עס איז דער אויטער פון דעם דאָזיקן סטאטוט — איז אונדז ניט געלונגען פעסטצושטעלן.

דער סטאטוט איז איבערגעזעצט פון רוסישן אָריגינאל. וועלכער וואָרט אויך איבערגעדרוקט אין דעם באנד.

# סטאטוט פון דער ווילנער קאמפ-קאסע

## פּראָלעטאריער פון אלע לענדער, פאראייניקט זיך!

## I. וועגן די צילן פון דער קאסע

1. קיינער פון די ארבעטער איז ניט אימשטאנד צו פירן אליין א קאמף קעגן זיין באלעבאָס, קעדיי צו פארבעסערן כאָטש וויפל עס איז זיין ביטערן לעבן. קיינער פון אונדז קאָן ניט דערשלאָגן זיך מיט זיינע אייגענע פּערזענלעכע אָנשטרענגונגען א פארקירצונג פון ארבעט־טאָג און א העכערונג פון געצאָלט פאר זיין שווערער ארבעט. דערפאר פאראייניקן מיר זיך אלע, קעדיי צו שטיין איינע פאר די אנדערע און שטיצן איינער דעם צווייטן. נאָר דעמאָלט, ווען יעדערער פון אונדז וועט זיך זאָרגן וועגן אלע זיינע איבעריקע ברידער און שוועסטער — די ארבעטער און ארבעטערקעס, ווען מיר אלע וועלן זיך זאָרגן און איינשטעלן זיך פאר יעדערן, נאָר דעמאָלט וועלן מיר קאָנען זיכער זיין, אז אונדז וועט זיך איינגעבן צו דערגרייכן א פארבעסערונג פון אונדזער לאַגע: א פארקלענערונג פון ארבעט־טאָג, א פארגרעסערונג פון ארבעטלוין, א פארלענגערונג פון סעזאָן (באמערקונג: ווען דער ארבעט־טאָג וועט זיין קלענער, וועלן די באלעבאטים ניט זיין אימשטאנד אויסצופילן באציַיטנס אלע באשטעלונגען. אדאנק דעם וועלן די באשטעלער זיין געצוווּנגען צו געבן די באשטעלונגען פריִער, איידער איצטער, און דער סעזאָן זעלבסט

וועט זיך דערפאַר אָנהייבן סריִער, ד. ה. ער וועט לענגער ווערן), א פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צווישן די אַרבעטער און די אַרבעטערקעס (באַמערקונג: צווישן די אַרבעטער און אַרבעטערקעס פון אונדזער פאַך איז דאָ א מין אייגנאַרטיקע פײַנטשאַפט: זיי האָבן ניט קיין שום צוטרוי איינע צו די אַנדערע, און די אַרבייטער קוקן אַף די אַרבעטערקעס אַזוי ווי פון אויבן אַראָפּ. די באַלעבאַטים זײַנען זייער צופרידן מיט אַזאַ זאַך־לאַגע און באַמיִען זיך אונטערצוהאַלטן עס דורך דעם, וואָס פון זייער זײַט, באַגייען זיי זיך מיט די אַרבעטערקעס אויך ערגער, ווי מיט אַרבעטער, דערהייבנדיק זיי דורך דעם אין זייערע אייגענע אויגן, ד. ה. פאַנאַנדערבלאָזנדיק נאָכמער די פײַנטשאַפט. די דאָזיקע פײַנטשאַפט איז זייער נוצלעך פאַר די באַלעבאַטים מיט דעם, וואָס זי דערלאָזט ניט די מעגלעכקײַט צו פאַראייניקן די אַרבעטער און די אַרבעטערקעס צוליב דעם אַלגעמיינעם קאַמף. אָבער סײַ דער אַרבעטער, סײַ די אַרבעטערקע — לײַדן ביידע פון די באַלעבאַטים. ביידע קאָנען ניט פאַרבעסערן זייער לאַגע, ביז זיי וועלן ניט אָנהייבן העלפן איינע די צווייטע און דאָס אַליין איז גענוג, אַז זיי זאָלן זיך האַלטן פאַר גלײַכע מענטשן. דערפאַר דאַרפן סײַ די אַרבעטער, סײַ די אַרבעטערקעס באַמיִען זיך צו פאַרניכטן די גרויס־האַלטערישקײַט, וואָס עקזיסטירט בא די אַרבעטער אין באַציִונג צו די אַרבעטערקעס. זיי דאַרפן געדענקען, אַז אונטערהאַלטנדיק די דאָזיקע קעגנזײַטיקע פײַנטשאַפט, האַלטן זיי מיט דעם זעלבסט אונטער די קראַפט פון זייערע עקספּלואַטאַטערן־באַלעבאַטים, אַז דער קאַמף קעגן זיי (קעגן די באַלעבאַטים) איז מעגלעך נאָר בא דער פולער אָפּוועזנהײַט פון אַזאַ פײַנטשאַפט), א פאַרבעסערונג פון די באַציִונגען צו אונדז מיצאַד די באַלעבאַטים, ד. ה. אַז מע זאָל זיך מיט אונדז באַגיין ווי מיט מענטשן, א באַפרידיקונג פון אַנדערע פאַרשיידענע קליינע פאָדערונגען, וואָס האָבן א שײַכעס צו אונדזער פאַך און אויך אַן אָפּרו אַף וואַרמעס אין די גרענעצן פון דער צײַט, וואָס איז אײַנגעשטעלט דורכן געזעץ.

2. קעדיי צו דערגרייכן דאָס אַלץ, דאַרפן מיר זײַן סאָלידאַריש און אײַנשטימיק צווישן זיך. עס קאָן טרעפן, אַז, קעדיי צו דערגרייכן דאָס אַלץ, וועלן מיר דאַרפן מאַכן א שטרײַק, וועלכער באַשטייט אין דעם, אַז די אַרבעטער פון איינעם אָדער עטלעכע וואַרשטאַטן וואַרפן אייננצײַטיק אַוועק די אַרבעט און טרעטן צו איר ניט צו קאָלזמאַן די באַלעבאַטים זײַנען ניט מאַסקים נאָכצוגעבן אַלע זייערע פאָדערונגען. אָבער דער שטרײַק קאָן ניט אויסגעשפּילט ווערן, אויב בא די שטרײַקער איז ניטאָ אין זאַפּאַס געלט אַף דורכצולעבן די צײַט, ווען מע אַרבעט ניט. דערפאַר גרינדן מיר א קאַסע, וווהין יעדערער פון אונדז צאָלט אַלע וואָך וויפל ער קען. אַף אַזאַ אויפן, קאָנען מיר אָנזאַמלען אַזויפיל געלט, אַז מיר וועלן זײַן אימשטאַנד צו פאַרשטרײַקן און האַלטן זיך ביז וואַנען מיר וועלן ניט דערגרייכן דאָס, וואָס מיר פאָדערן. אויסערדעם וועלן מיר, זײַענדיק פאַראייניקט אין א קאַסע, אָפּט צונויפזאַמלען זיך, ריידן וועגן אונדזערע אינטערעסן און דערפאַר גענוי דערוויסן זיך וועגן אַלץ, וואָס עס טוט זיך בא אונדז אין פאַך, דערוויסן זיך ווען און מיט וואָס, בעמלעך, קענען מיר זיך באַנוצן אַף אויסצובעסערן אונדזער לאַגע.

3. די צילן פון דער קאַסע באַשטייט, הייסט עס, אין פאַרשטאַרקן די פאַראייניקונג צווישן אַלע אַרבעטער, געבן זיי א מעגלעכקײַט צו מעיאַשעוו זײַן

זיכ ווענג זייערע אינטערעסנ, נעמלעכ, וועגנ דעמ, וויאַזוי צו פאַרבעסערנ אונדזער לעבנ, צולעצט, אינ פאַרבעסערנ אונדזער לעבנ אונ העלפנ אונדזערע ברידער אונ שוועסטער אינ זייער קאַמפ קעגנ זייערע באַלעבאַטימ.

## II. ווענג די מיטגלידער פונ דער קאַסע

4. נײַע מענטשנ ווערנ אָנגענומענ אינ קאַסע מיט אַנ אויסוואַל. דער אויס-וואַל באַשטייט אָט אינ וואָס: אינ קאַסע ווערט אָנגענומענ נאָר אַנ ערלעכער מענטש, אַזאַ, וואָס וועט ניט גיינ אָפ אַ צווייטנס אָרט, ניט אָנפרעגנדיק זיכ באַ אימ; וועלכער וועט צושטיינ צומ שטרײַק, ווענ דער גרעסטער טייל פונ די קאַסע-מיטגלידער וועלנ עס געפינענ פאַר נייטיק, וועלכער איז ניט קיינ פּלאַפּ-לער, ניט קיינ צוואַק, אַזאַ, וואָס וועט ניט אַרויסגעבנ וועגנ וואָס מע רעדט אָפ די קאַסע-פאַרזאַמלונגענ, וואָס זאָל פאַרשטיינ ווענג וואָס מע רעדט מיט אימ. 5. קעדיי צוצינענ אַ נײַעמ מענטשנ, דאַרפ מענ אימ דערוויזנ, אַז אימ לעבט זיכ שלעכט אונ אָנווײַזנ אימ אָפ יענע מיטלענ, דורכ וועלכע ער קענ זיכ באַפרײַענ פונ שלעכטנ לעבנ, אָבער ניט זאָגנ אימ, אַז די דאָזיקע מיט-לענ זײַנענ שוינ פאַראַנ (ד. ה., אַז עס עקזיסטירט אַ קאַמפּ-קאַסע). דערנאָכ דאַרפ מענ אימ איבערגעבנ צוויי מענטשנ, זיי זאָלנ מיט אימ איבערריידנ, 6) אָבער צי צונעמענ אימ אינ קאַסע אָדער ניט, דאָס באַשליסנ די ביידע קאַסע-פאַרזאַמלונגענ. 7. אַ נײַער מענטש ווערט אָנגענומענ אינ קאַסע נאָר דעמלט, ווענ ער ווייס שוינ אונ פאַרשטייט שוינ דעמ ציל פונ דער קאַסע. דערפאַר דאַרפ מענ מיט אימ איבערריידנ וועגנ אַלע פונקטנ אונ דערנאָכ דורכ-לייענענ מיט אימ דעמ סטאַטוט. 8. אינ קאַסע ווערט ער אָנגענומענ, אויב ביידע פאַרזאַמלונגענ באַשליסנ, אַז מע קענ אימ צונעמענ אינ קאַסע. דעמ סטאַטוט לייענט מיט דעמ נײַעמ מענטשנ יענער, וואָס קענ אימ אַליינ גוט אונ קענ אימ דערקלערנ. 9. כאַסענע-געהאַטע ווערנ אָנגענומענ אינ קאַסע מיטנ זעלבנ אויסוואַל, ווי ניט קיינ כאַסענע-געהאַטע, בייס אַ נויט דאַרפ מענ גיכער העלפנ די ערשטע איידער די לעצטע. 10. ווענ אַ מיטגליד פונ דער קאַסע עפנט אוּפ אַנ אייגענעמ וואַרשטאַט אונ דינגט אַרבעטער, קענ ער ניט פאַרבלײַבנ אָפ ווײַטער אינ קאַסע, ווײַל די אינטערעסנ פונ די באַלעבאַטימ זײַנענ דירעקט קעגנזעצלעכ אונדזערע אינטערעסנ, וואָס פאַר זיי איז גוט, איז פאַר אונדז שלעכט. דערפאַר קאָנענ זיי ניט זײַנ פאַריינס מיט אונדז אונ וועלנ אונדז שטערנ צו פאַרטיידיקנ אונדזערע אינטערעסנ. 11. יעדער מיט-גליד פונ קאַסע איז פאַרפליכטעט אַרײַנצוטראָגנ יעדער וואָכ זײַנ אָפּצאָל: ער דאַרפ זאָרגנ, אַז ס׳זאָלנ צוקומענ וואָס מער מיטגלידער אינ קאַסע. ער קענ גיינ אָפנ אָרט פונ אַ צווייטנ, נאָר אינ דעמ פאַל, ווענ די פערזאָנ, וואָס האָט ביז איצט פאַרנומענ דעמ דאָזיקנ אָרט, דערלויבט אימ דאָס. ער דאַרפ אײַנ-שטימיק זײַנ מיט דעמ, וואָס עס באַשליסט די מערהײַט פונ דער קאַסע. ער דאַרפ האַנדלענ ערלעכ, ניט נאָר אינ באַציִונג צו די מיטגלידער פונ דער קאַסע, נאָר אויכ צו אַלע איבעריקע אַרבעטער אונ אַרבעטערקעס. די אַרבע-טער דאַרפנ ערלעכ אונ מענטשלעכ באַציִענ זיכ צו די אַרבעטערקעס אונ, פאַרקערט, זיי, די אַרבעטערקעס, דאַרפנ פונקט אַזוי באַציִענ זיכ צו די אַר-

בעטער. אַלע דארפנ האלטנ בעסאָד אַלצ, וואָס עס קומט פאָר צווישנ זיי אונ ניט דערציילנ וועגנ דעמ קיינ אייג זײַטיקנ מענטשנ.

## III. וועגנ די פאָרשטייער פונ דער קאַסע

די פאָרשטייער פונ דער קאַסע דארפנ קענענ גוט ריידנ מיט די מיטגלידער אונ פארשטיינ אַלצ, וואָס עס קומט פאָר אינ אינ פאַכ; זיי דארפנ געהערנ צו דעמ זעלבנ פאַכ. די פאָרשטייער אונ די פאָרשטייערקעס פונ דער קאַסע דארפנ אויסגעווײַלט ווערנ דורכ אַלע מיטגלידער פונ דער קאַסע אָדער, יעדנפאַלס, דורכ דער מערהײַט פונ זיי; די פאָרשטייער ווערנ אויסגעווײַלט נאָר אפ א האַלביאָר. 14. דער קאַסיר אונ קאָנטראָליאָר ווערנ אויסגעווײַלט פונקט אפנ זעלבנ אויפנ אונ אפ דער זעלבער צײַט. דער קאַסיר אונ קאָנטראָליאָר דארפנ זײַנ פונ אונדזער פאַכ, אָבער אויב אינ אונדזער פאַכ וועלנ זיכ קיינ פּאַסיקע מענטשנ צו דעמ ניט געפינענ, קאָנענ זיי זײַנ פונ אַנ אַנדער פאַכ. 15. אויב מע וועט זיכ דערוויסנ, אַז דער קאַסיר פירט זיכ אופ ניט ערלעכ, זאָגט מענ אימ אָפּ, איידער עס ענדיקט זיכ דער האַלביאָר. 16. איינ מענטש קאָנ ניט פארנעמענ קיינ צוויי אַמטנ. 17. כאָטש בא אונדז זײַנענ דאָ צוויי פארזאַמלונגענ, אָבער אַזוי ווי די קאַסע איז אַנ אַלגעמיינע, דארפ דעריבער זײַנ נאָר איינ קאַסיר אונ איינ קאָנטראָליאָר, אויב דער קאַסיר איז אויסגעווײַלט דורכ די אַרבעטער, דאַרפ דער קאָנטראָליאָר אויסגעווײַלט ווערנ דורכ די אַרבעטערקעס אונ פארקערט. 18. די פליכטנ פונ קאַסיר באַשטייענ אינ דעמ, וואָס ער נעמט צו בא די פאָרשטייערקעס די געלט, וואָס זיי זאַמלענ אופ בא זייערע מיטגלידער. דער קאַסיר דארפ בא זיכ ניט האַלטנ מער ווי 3 רובל. ווי נאָר עס ווערט אופגעזאַמלט מער ווי 3 רובל, איז ער מעכוייעוו אָפּצוטראָגנ זיי אינ מעלוכע-באַנק. דער ביכל פונ באַנק דארפ זיכ געפינענ באַמ קאָנטראָליאָר.

## IV. וועגנ די קאַסע-געלט

19. די געלט פונ דער קאַסע באַשטייט פונ די וועכנטלעכע אונ פאָנדנ-אָפּצאָלונגענ, פונ נעדאָוועס, לאָטערייענ אונ אַז. וו. 20. די גרייס פונ די וועכנטלעכע אָפּצאָלונגענ איז פאַר די אַרבעטער 5 קאָפּ. א וואָכ אונ פאַר די אַרבעטערקעס 10 קאָפּ. א כוידעש. די גרייס פונ די פאָנדנ-אָפּצאָלנ איז פאַר די אַרבעטער 25 קאָפּ., פאַר די אַרבעטערקעס—15 קאָפּ.—ניט ווינציקער. 23.* די געלט דארפ אָפּגעגעבנ ווערנ אפנ נאָמענ פונ קאַסיר, אונ דער ביכל דארפ זיכ געפינענ באַמ קאָנטראָליאָר. אָפּטראָגנ די געלט אינ באַנק דארפנ דער קאַסיר מיטנ קאָנטראָליאָר צוזאַמענ. 24. די קאַסע העלפט אויס מיט געלט אירנ א מיטגליד. אינ פאַל, ווענ ער לײַדט פאַר א זאַכ, וואָס האָט א שײַכעס צו אַלעמענ, צ. ב. ווענ ער איז אַנ איידעס אינ געריכט אונ דער באַלעבאָס זאָגט אימ דערפאַר אָפּ, ווענ ער שטעלט זיכ אײַנ פאַר א צווייטנ אונ אַז. וו. 25. די קאַסע העלפט אויכ אַרבעטער פונ אַנדערע פאַכנ, ווענ זיי נייטיקנ זיכ אינ געלט אינ דער צײַט פונ א שטרײַק בא זיכ. מע דארפ העלפנ, ווײַל

* באַמערקונג: די פונקטנ 21 אונ 22 ריידנ וועגנ פאָנד פונ דער קאַסע.

אויב עס ווערט אויסגעשפּילט א שטרייַק אינ איינ פאכ, האָט עס א גרויסע ווירקונג אפ די באַלעבאטימ פונ אנדערע פאכנ. אונ אינ פאל, ווענ די ארבעטער וועלנ ארויסשטעלנ וואָסערע ס׳איז פאָדערונגענ, וועלנ זיי (ד. ה. די באלעבאטימ) גיכער איַינגיינ אפ די דאָזיקע פאָדערונגענ. ווייַטער, דעמ ארבעטער איז אינ דעמ דאָזיקנ פאל, ד. ה. ווענ דער שטרייַק ווערט אויסגעשפּילט, גרינגער צו דערווייַזנ, אז נאָר דורכ א פאראייניקטנ קאמפּ וועלנ זיי זיכ דערשלאָגנ א באפרידיקונג פונ זייערע פאָדערונגענ. דריטנס, פאראייניקנ זיכ די ארבעטער פונ פארשיידענע פאכנ אלצ מער. פערטנס, ווענ מיר וועלנ זיי העלפנ, וועלנ זיי אונדז העלפנ אינ פאל פונ א נויט. נאָכ א זאכ צווינגט אונדז צו העלפנ אנדערע ארבעטער אינ דער צייַט פונ זייערע שטרייַקנ: וואָס אָפטער עס וועלנ זיכ איבערכאזערנ שטרייַקנ, אלצ גרעסער וועט זייַנ די צאָל ארבעטער, וואָס זעענ איַינ אינ שטרייַק דעמ איינציקנ וועג אפ צו פארבעסערנ זייער לאגע, אלצ מער אונ מער וועט די פּאָליציי צונעווינט ווערנ צו א שטרייַק אונ דער געזעצ וועגנ שטרייַקנ וועט ביסלעכווייַז פארלירנ זייַנ באַדייַטונג. 26. די איניאָנימ, וואָס האָבנ א שייַכעס ניט צומ גאנצנ פאכ, ווערנ באשלאָסנ דורכ די פאָרשטייער פונ ביידע פארזאמלונגענ, דורכ דעמ קאסיר, דעמ קאָנטראָליאָר אונ נאָכ אייניקע מיטגלידער פונ ביידע פארזאמלונגענ. אפ צו ענדערנ א וואָסערנ ניט איז פּונקט פונ סטאטוט, פאָדערנ זיכ צוויי דריטלענ פונ אלע שטימענ. אפ צו ענדערנ דעמ ציל פונ דער קאסע איז נייטיק די איַינשטימיקייַט פונ אלע מיטגלידער. 27. די פארזאמלונג האָט רעכט צו באשליסנ פראגעס, ווענ עס זייַנענ דאָ צוויי דריטל פונ אלע שטימענ. 28. אזוי ווי ביידע אונדזערע פארזאמלונגענ באהאנדלענ איינע אונ די זעלבע פראגעס איז, קעדיי צו דערגרייכנ אנ איינהייַטלעכקייַט אינ די באשלוסנ אונ אקציעס, נייטיק, אז די פאָרשטייער פונ די ארבעטער זאָלנ בייַזייַנ אפ די פארזאמלונגענ פונ די ארבעטערקעס אונ די פאָרשטייערקעס—אפ די פערזאמלונגענ פונ די ארבעטער. 29. אויב א מיטגליד היט ניט די פּונקטנ פונ סטאטוט אונ פירט זיכ ניט ערלעכ דארפ זייַנ אופירונג באהאנדלט ווערנ אפ די קאסע-פערזאמלונגענ, דערנאָכ דארפ מיט אימ פערזענלעכ דורכריידנ זייַנ פאָרשטייער אָדער פאָרשטייערקע. אויב ער וועט זיכ נאָכדעמ, ווי מע וועט מיט אימ דרייַ מאָל ריידנ, ניט אויסבעסערנ, באשטימט מענ אויסשליסנ אימ פונ קאסע. ביז וואנענ עס וועט זיכ אופזאמלענ די אלגעמיינע פארזאמלונג באשליסנ דאָס די פאָרשטייער אונ פאָרשטייערקעס פונ דער קאסע.

# דער
# שטאָט-מאגיד

א דערציילונג פון יידישן לעבן

# ווענג דער בראָשור „דער שטאָט-מאגיד“

די בראָשור „דער שטאָט־מאגיד“ איז דערשינענ אינ דער ציַיט פונ דעמ שטריַיק אפ עדעלשטיינס טאבעק־פאבריק אונ איז געווידמעט דעמ ווילנער שטאָט־מאגיד הירש ראבינאָוויטש (יִצחאָק עלכאָנאָנס א זונ), וועלכער האָט געהאלטנ א „דראָשע“ קעגנ די שטריַיקער. די ארבעטער האָבנ אויסגעפּיַיפט דעמ קלעריקאל אונ איינער פונ די ארבעטער האָט אויסגעשריִענ, אז דער מאגיד האָט פאר דער



דער
שטאדט-מגיד
א—נ—ערצאהלונג פון אידישען לעבען.

ДЕРЪ ШТОДТЪ-МАГИДЪ
т. е. ГОРОДСКОЙ ПРОПОВѢДНИКЪ

Разсказъ изъ еврейской жизни

Вильна 1897.
Типографія Розенкранца и Шрифтзецера
Лидскій пер., д. 2598/13.

טיטל־בלעטל פונ דער בראָשור „דער שטאָט־מאגיד“. פארקלענערט אפ א העלפט פונ דער נאטירלעכער גרייס. אפ דער 2־טער זיַיט איז אָפּגע־דרוקט א קלוימערשטע „Дозволено цензурой“

דאָזיקער דראָשע באקומענ א פינפונצוואנציקער פונ עדעלשטיינענ. די דאָזיקע געשיכטע האָט אָנגע־מאכט א טומל אינ ווילנע. די אלטע ייִדישע וועלט איז פארציטערט געוואָרנ פונ דעמ „כילעל האשעמ“, וואָס די „סטאטשקעניקעס“ האָבנ באגאנגענ אינ א בעסמעדרעש. די ארויסטרעטונג פונ

מאגיד קעגנ די שטרײַקער האָט באוויזנ אפילע די אָפגעשטאנענע ארבעטער, אז די קלייקוידעש
שטייענ צו דינסט פונ זייערע אונטערדריקער. די ווילנער סאָציִאל-דעמאָקראטישע גרופּע האָט אויס־
גענוצט די דאָזיקע פּאסירונג אונ ארויסגעלאָזנ דעמ אויבנדערמאָנטנ ביכל, וועלכער איז צוערשט
דערשינענ העקטאָגראפירט אינ 300 עקזעמפּליארנ אונ דערנאָכ איז דערשינענ א געדרוקטע אופ־
לאגע אונטער דעמ זעלביקנ נאָמענ. אויסער דעמ איז דערשינענ א רוסישער ביכל וועגנ דעמ זעלביקנ
שטרײַק אונטער דעמ נאָמענ „וועגנ דער ייִדישער סטאטשקע" („По поводу еврейской стачки").

וועגנ דעמ דאָזיקנ ביכל דערציילט מארטאָוו אינ זײַנע „זאפּיסקי סאָציאל-דעמאָקראטא", אז
ער האָט אימ אָנגעשריבנ מיט דעמ ציל צו פאריכטנ דעמ טאָעס, וואָס ער האָט געמאכט אינ זײַנ
פאָרטראָג אפ דער ערשטער מײַ־פײַערונג אינ 1895 י. אינ ווילנע, ווו ער האָט אנטוויקלט דעמ
שעדלעכנ נאציִאָנאליסטישנ געדאנק, אז די ייִדישע ארבעטער האָבנ זיכ ניט וואָס צו פארלאָזנ אפ
די רוסישע אונ פּוילישע אונ אנדערע ארבעטער אפ צו דערשלאָגנ זיכ פולשטענדיקע באפרײַונג.
אינ דער בראָשור „די ייִדישע ארבעטער קעגנ די ייִדישע קאפּיטאליסטנ" אָדער „דער שטאָט־מאגיד"
ווערט געזאָגט פּונקט פארקערט, אז נאָר אינ אנ ענגנ בונד מיט די רוסישע, פּוילישע, ליטווישע
ארבעטער אונ די ארבעטער פונ אלע אנדערע פעלקער, וועלנ די ייִדישע ארבעטער זיכ קענענ
דערשלאָגנ פולשטענדיקע באפרײַונג. כוץ דעמ ווערט אינ דער בראָשור דערקלערט, אז די ייִדישע
ארבעטער דארפנ זיכ ניט ערגערנ, וואָס זיי האָבנ צעריסנ מיט די ייִדישע קאפּיטאליסטנ. „ווײַל אָנ־
שטאָט דעמ האָבנ מיר דערוואָרבנ די ליבע, וועלכע וועט אונדז פאראייניקנ מיט די רוסישע, פּוילישע,
ליטווישע — מיט איינ וואָרט — מיט די ארבעטער פונ דער גאנצער וועלט".

מארטאָוו דערקלערט, אז די דאָזיקע גיכע ענדערונג אינ זײַנ קוק אפ דער פראגע וועגנ דער
נייטיקײַט, אז די ייִדישע ארבעטער זאָלנ וואָס ענגער זיכ פארבינדנ מיט די ארבעטער פונ די אי־
בעריקע פעלקער, איז געקומענ דורכ דעמ, וואָס די ייִדישע ארבעטער האָבנ אימ אופגעוואָרפנ, אז
זײַנ ערשטמײַיקע רעדע וועגנ דער נײַער עפּאָכע איז שעדלעכ פאר די אינטערעסנ פונ אר-
בעטער־קלאס, אונ אז זײַנ רעדע פלאנצט אײַנ אומצוטרוי בײַ די ייִדישע ארבעטער צו די ארבעטער
פונ אנדערע פעלקער. ער האָט זיכ דערפאר צוגעאײַלט אונ אָנגעשריבנ די בראָשור.

אינ אנ אנדער בונדישער אויסגאבע ווערט אָבער דערקלערט, אז די בראָשור „דער שטאָט־מאגיד"
האָט אָנגעשריבנ גאָזשאנסקי. די דאָזיקע באהויפּטונג איז אָבער געוויס ניט קיינ ריכטיקע.

האגאמ די דאָזיקע בראָשור איז געווענדעט קעגנ דעמ ייִדישנ קלעריקאל אונ זי האָט געהאט
די אופגאבע צו פאריכטנ דעמ שאָדנ, וואָס מארטאָוו האָט געבראכט דער סאָציִאליסטישער באוועג־
גונג מיט זײַנ נאציִאָנאליסטישנ פאָרטראָג אפ דער מײַ-פײַערונג אינ 1895, האָט זי דאָכ ניט גע־
בראכט דעמ געווונטשענעמ רעזולטאט. ווײַל זײַנ (מארטאָווס) נײַע עפּאָכע איז שפּעטער געוואָרנ
דער „אנימײַמינ" פונ בונדיזמ, אונ דער שפּעטערדיקער אידעאָלאָג פונ מענשעוויזמ איז פאקטיש
געבליבנ אויכ דער טעאָרעטיקער אונ באגרינדער פונ בונדיזמ *

די דאָזיקע בראָשור איז אויכ ניט פרײַ פונ נאציִאָנאליסטישע קאָנצעפּציעס. וועלנדיק באווײַזנ,
אז בײַ דעמ ייִדישנ פאָלק זײַנענ פאראנ צוויי קעגנזעצלעכע קלאסנ — ארבעטער אונ קאפּיטאליסטנ —
דערקלערט דער אווטער, אז די קלאסנ-צעטיילונג האָט זיכ בײַ ייִדנ אָנגעהויבנ נאָר נאָכ דער אָפּ־
שאפונג פונ דער פּאנשטשינע. ביז יענער צײַט זײַנענ „אלע ייִדנ געווענ קימאט גלײַכ" אונ
„אלע האָבנ געלעבט פונ די זעלביקע געשעפטנ", אונ „אלע ייִדנ האָבנ געליטנ די זעלביקע צאָרעס
פונ די פּריצימ אונ טשינאָווניקעס".

די באהויפּטונג, אז ביזנ אָפּשאפנ פּאנשטשינע זײַנענ אלע ייִדנ „קימאט געווענ גלײַכ איינער
צומ אנדערנ", אז „אלע ייִדנ האָבנ געלעבט פונ די זעלביקע געשעפטנ", האָבנ געהאט „גלײַכע צאָ־
רעס" אונ אז. וו., איז דורכויס פאלש. אינ פאר-רעפאָרמישנ פּעריִאָד אינ רוסלאנד אונ אויכ פריִער
אינ פּוילנ האָט אינ דער ייִדישער באפעלקערונג געהערשט א טיפע סאָציִאלע דיפערענצירונג. אונ צווישנ
באזונדערע שיכטנ איז געגאנגענ א שטענדיקער קאמפ. די גרויסע ארענדארנ פונ די פּריצישע
הויפנ א. אז. וו., די גרויסע הענדלער, פּראָצענטניקעס האָבנ אײַנצײַטיק מיטנ עקספּלואטירנ די
אוקראִינישע, ווײַסרוסישע, פּוילישע אונ אנדערע ארבעטנדיקע, מיט דער הילפ פונ די ייִדישע קלייקוי־
דעש, גרויזאמ עקספּלואטירט אונ אונטערגעדריקט די ייִדישע אָרעמשאפט. די ייִדישע גווירימ האָבנ דורכ
זייער הערשאפט־אָרגאנ — דורכנ קאָהאָל — געדריקט די ייִדישע האָרעפּאשניקעס, געשונדנ דעמ אָרע-
מאנ דורכ אלערליי שטײַערנ לעטוּוועס די קעהילישע פּניי אונ קלייקוידעש, אפ אימ איבערגעלייגט
די לאסט פונ די מעלוכע-צינזנ אונ פליכטנ, אימ בארויבט דורכ דער קאָראָבקע, דורכ דער סיס־

---

* מארטאָוו האָט זיכ געהאט אָפּגעזאָגט פונ דער בראָשור, אָבער ניט אפ אלעמאָל. אפנ אווגוסט־
בלאָק האָט ער ווידער געשטיצט די בונדישע נאציִאָנאליסטישע פּראָגראמ.

טעם פונ „כאזאָקעס״ א. אז. וו. די בארויבטע אונ דאָפּלט-געדריקטע — פונ דער פּריצישער מעלוכע אונ יידישנ גוויר — יידישע מאסע האָט אינ פּאסיווע — אונ ניט זעלטנ אקטיווע — פאָרמענ אויסגע־דריקט איר פּראָטעסט. אפּ דעמ פלעגנ די גווירימ, בא דער הילפּ פונ די ראבאָנימ, ענטפערנ מיט מערדערישע רעפּרעסיעס, לייב־שטראָפּ, טפּיסע, „קונע״, אָפּנעמענ די „כאזאָקע״, מיט פארטרייבנ פונ שטאָט, קאָנפּ־סקאצ־יעס, ארייַנלייגנ אינ כיירעמ ארגל. אינ דעמ האָט די פּריצישע מעלוכע פול-קאָמ אונטערגעהאלטנ דעמ יידישנ עקספּלואטאטער. די פארשיידענע אונטערדריקערישע מאָסמיטלענ פונ דער לעצטער האבנ זיכ שטענדיק אויסגעלאָזנ צו דער מאסע. אזוי איז געווענ בייס דער „רעק־רוטשינע״, וועלכע איז אריבערגעטראָגנ געוואָרנ נאָר אפּ די פּלייצעס פונ אָרעמאנ אונ וועלכע קאָ-האָל האָט אויסגענוצט אלס מיטל פּאָטער צו ווערנ פונ די „ווידערשפּעניקע״ אפּ צו דריקנ די אָרעמ־שאפט, זי בארא בעווענ אונ צוימענ. קעגנ דער קלוימערשטער „גלייַכקייַט״ פונ די געזעצנ פאר „אלע יידנ״ ריידנ די פארשיידענע להאָטעס אונ פּריווילעגיעס, וואָס די רוסישע רעגירונג, אשטייגער, האָט טאקע ביז דעמ 1861־טנ יאָר געשענקט די יידישע גווירימ—די פארשיידענע אָטקופּשטשיקעס. פּאָדריאדטשיקעס, מאנופאקטוריסטנ וועגנ דעמ. אשטייגער. רעדט דער פּראָיעקט פונ „ראזבאָר״ אוכע־דוימע. אמענדע, ווי ווייט בוילעט ס׳איז ארויסגעטראָטנ נאָכ אינ פאר-רעפאָרמישנ פּעריאָד די סאָציאלע דיפערענצירונג בא די יידנ, ווייזנ די קלאסנ־סטירעס. וואָס האָבנ זיכ שוינ דאנ אלצ מער פארטיפערט אפנ פּראָדוציר-באָדנ דירעקט: יידישע מאנופאקטור־אייגנטימער אונ יידישע מאנופאקטור־ארבעטער. פעסטע באלמעלאָכעס. וואָס האָבנ געהאט די כאזאָקע אפנ פאכ אונ געהאלטנ אינ האנט דעמ צעכ, אונ באלמעלאָכישער פלעבס, באלמעלאָכעס־באלעבאטימ אונ זייערע פויעלימ. וואָס אָנבאלאנגט די לעצטע, האָבנ זיי גאָרניט געהאָרכזאמ איבערגעטראָגנ די עקספּלואטאציע אונ אינ א ריי פאלנ געפּרווווט אפילע זיכ אָרגאניזירנ אינ זעלבשטענדיקע כעווריעס צומ קאמפּ מיט זייערע ב.־ב., וועלכע האָבנ פונ זייער זייַט, אינ אזוינע פאלנ, שטענדיק באקומענ די שטיצע פונ גאנצנ קאָהאָל-אפּאראט... אָט ווי ס׳האָט אויסגעזענ אינ דער ווירקלעכקייַט די „אידיליע״ פונ „פארייניקטנ פאָלק״ נאָכ פאר דער פאנשטש־נע־אָפּשאפנ...

ווי ס׳איז צו זענ, אלזאָ, האָט דער מעכאבער אויב אינ דער בראָשור דורכגעפירט די גאציאָ־נאליסטישע קאָנצעפּציע פונ „קאָל־ייִסראָעל־כאוויירימ״ בענעגייע דער פארגאנגענהייַט פונ די יידנ, אָפּלייקענענדיק די קלאסנ-סטירעס. וואָס האָבנ עקזיסטירט צווישנ זיי ביז דער פּויערימ־רעפאָרמע.

אינ דער רוסישער אויסגאבע פונ דער דאָזיקער בראָשור איז אריינגעטראָגנ אנ אויסבע-סערונג. ערשטנס, ווערט אינ דער רוסישער אויסגאבע אָנגעוויזנ, אז עס זייַנענ אויכ געווענ בא יידנ „זעלבשטענדיקע באלמעלאָכעס״ פאר דער אָפּשאפונג פונ פאנשטשינע. צווייטנס, איז אינ דער רוסישער אויסגאבע אינגאנצנ ניטאָ די פראזע, „אז אלע יידנ האָבנ דעמלט גלייַכע צאָרעס פונ די פּריצימ אונ טשינאָווניקעס, פונ איינ זייַט, אונ גלייכע סינע פונ די פּויערימ פונ דער צוויי־טער זייַט״. כוצדעמ איז אינ דעמ זאצ פאראנ אנדערע אויסבעסערונגענ אינ דער דאָזיקער פראגע. אָבער אפילע אינ דער דאָזיקער „אויסגעבעסערטער״ אופלאגע איז קיינ וואָרט ניטאָ וועגנ לוינ־ארבעטער, סטאמ אָרעמשאפט, וועגנ קלאסנקאמפּ בא יידנ ביז דער רעפאָרמע.

אינ דער רוסישער אויסגאבע פונ דער בראָשור איז אלס אריינפיר אָפּגעדרוקט א באריכט, וועלכער איז געווענ געדרוקט אינ „רוסקיִע וועדאָמאָסטי״ וועגנ דעמ שטרייַק אונ אלס „נאָכוואָרט״ איז געגעבנ אויסצוגנ פונ אַ „דראָשע״, וואָס א יאראָסלאווער פּאָפּ האָט געהאלטנ אינ א צערקווע אינ דער צייַט פונ א שטרייַק פונ די מאנופאקטור־ארבעטער אינ יאראָסלאוול. דער יאראָסלאוולער פּאָפּ האָט פּונקט, ווי דער ווילנער שטאָט־מאגיד, זיכ אָפּנ געשטעלט צו דינסט פונ די פאבריקאנטנ אונ צוזאמענ מיט דער פּאָליציי אונ סאָלדאטנ געהאָלפנ שיסנ די ארבעטער פונ יאראָסלאוול. די רו־סישע אויסגאבע פונ ביכל איז געווענ א העקטאָגראפירטע. מיר דרוקנ איר איבער אינגאנצנ אינ דעמ באנד.

# פ אָ ר וו אָ ר ט.

סוף זוממער פון 1895 יאָהר איז אין דער שטאָט... [ווילנע] אויף די גרעסטע פאפיראָסין־פאבריק געווען א סטאַטשקע. ארויסגעקוממען איז זי דעריבער, ווייל דער פאבריקאנט האָט אָנגעהויבען זעטצען ארבייטערקעס אויפ׳ן קלעיאָנקע. ער האָט ערקלערט, אז ער טהוט דאָס צוליעב דעם, ווייל ער וויל פארגרעסערן די פאבריקע. די ארבייטער האָבין אָבער פערשטאנען זיין אמתין מיין, זיי האָבין פערשטאנען, אז ער האָט געזעצט מיידלעך אויפ׳ן קלעיאָנקע דער פאר, ווייל ער וויל בכלל איבערבייטען זיינע ארבייטער אויף ארבייטערקעס, דענן פרויען־ארבייט איז, ראשית חכמה, אפולע וועלוועלער פאר מאנסבילשע ארבייט; צווייטינס האָט ער גימיינט, איז מיט פרויען-ארבייטערקעס גרינגער צו וואָיעווען, זיי זיינען געהאָרכזאממער אונ פאָלגען בעססער, ווי מאנסלייט. וואָס קען א פאבריקאנט דארפען בעססער ווי וואָלוועלע און געהאָרכזאממע ארבייטס-הענד?! אמת, פאָרלייפיג האָט ער נאָך געצאָהלט דיא ארבייטערקעס דיא זעלביקע מקחים, ווי די ארבייטער, אָבער ווי אפולע פאקטען פון אנדערע שטעדט האָבין דערוויזען, וואָלט דאָס געווען ניט אויף לאנג. אין אפולע שטעדט האָבין די פאפיראָסין-פאבריקאנטען געזעטצט ארבייטערקעס אויפען קלעיאָנקע און האָבין זיי אין אָנהויב געצאָלט ווי די מאנסלייט אָדער ניט פיעל וויינגער; אין איינינגע צייט ארום אָבער, האָבין די שטופערקעס אָנגיהייבין צו פערדינען אלץ ווייניגער און ווייניגער ביז זייערע שכירות איז געוואָרן ווייניגער אפילו פאר די שכירות, וואָס זיי פלעגין בעקומען, זייענדיג קארדאָנסציכעס. דאָס אלעס האָבין די ארבייטער גאנץ גוט געוווּסט—אונ זיי האָבין געוואָרפען די ארבייט. דיא ארבייטערקעס האָבין אויך פערשטאנען, ווי פאר זיי איז וויכטיג, אז אויפען קלעיאָנקע זאָלען בלייבן ארבייטער מאנסלייט. דען די קארדאָנסציכעס ווערען געדונגען פון די שטופער גופע, ניט פון פאבריקאנט און וואָס ווייניגער עס באקומט דער שטופער אָדער די שטופערקע, דאָס קלענער איז די שכירות פון די קארדאָנסציכעס, און זיי זיינען אויך צוגישטאנען צו דער סטאטשקע, אז מען זאָל ניט זעטצען קיין מיידלאך אויפען קלעיאָנקע. ווי גיוויינליך האָט זיך אָנגיהויבין די איבעררעדעניסען: דער פאבריקאנט האָט גערופען צו זיך די ארבייטער און האָט זיי ערקלערט, אז ער מיינט, חלילה, קיין בייז ניט, אז ער וועט זיי קיינעם ניט אָבזאָגין א. ז. וו. די ארבייטער אָבער האָבען פעסט בא זיך בעשלאָסען ניט צו געהן ארבייטין ביז ער וועט ניט ענטזאגין די מיידלאך, וואָס ארבעטין אויפען קלעיאָנקע. דער פאבריקאנט, זעהענדיג, אז עס געהט צו שוועהרליך, האָט דערווייל אוועגגעשיקט אין אנדערע שטעדט זוכען ארבייטערקעס און אין שטאָדט גופע האָט ער אָנגיהויבין צו פראקטיקירען די אלטע באבסקי רפואות: עס איז געקוממען דער פאבריטשנער אינספעקטאָר, ער האָט אָנגעקלעבט אין פאבריקע א-נ-אָביאוולעניע, אז די, ווער עס וועט

ניט קוממען צו דער ארבייס, וועט מען משפט'ן פארן אָבזאָגין זיך פון דער ארבייט, ניט אָנזאָגענדיג דעם בעל-הבית מיט 2 וואָכין פריהער. פּאָליציע האָט אָנגעהויבען צו ארעסטירען וועמען זי האָט נאָר געכאפּט — קיין זאך האָט אָבער ניט געהאָלפען. אין שטאָדט האָט מען וועגין דעם גערעדט און געחקירה'ט זיך. אפולע האָבען געפונען, אז די ארבייטער זיינען יונגאטשעס, וואָרום, באמת, וואָס איז דאָס פאר א דעה זאָגען דעם פאבריקאנט? וואָסערע ארבייטער ער וויל, נעהמט ער. עס האָט געגרייכט אזוי ווייט, אז דער מאגיד, וואָס פארנעמט אין יענער שטאָדט דעם רב'ס אָרט, האָט זיך ארייגגעמישט אין דעם אינטערעס. ער האָט געזאָגט, אז כלומרשט דער פּאָליצמייסטער האָט דאָס אים געבעטען, אז ער זאָל מאכען א שלום צווישען די ארבייטער מיט זייער פאבריקאנט. ער האָט גערופען צו זיך די ארבייטער. נאָר פון אלע 220 (מאנסלייט און פרויען) זיינען מעהר נים געקוממען עטליכע — די עלטערע. ער האָט זיי געמוסרט, אז מאכען א סטאטשקע איז א פערברעך געגען געזעטץ, און מיט זייער איצטיגען שטרייט טוען זיי א שאָדען אלע אידין אין רוסלאנד, וואָרום מלוכה וועט אָנהויבין צו קוקען אויף אידען, ווי אויף בונטאָווסציקעס, אונ דערצו האָט ער זיי געשוואָרען (בוכשטעבליך) אז דער פאבריקאנט מיינט, חלילה, גאָר ניט צו צונעמען די ארביים פון די מאנסלייט און אז ער וועט זיי קיינעם ניט אָבזאָגין. אָבער ניט זיינע מוסר, ניט זיינע הבטחות האָבען געהאָלפין — די ארבייטער זייַנען פעסט געשטאנען. דאן האָט ער זיך בעשלאָסען צו זאָגען אין דער גרויסער שטאָדט-שוהל א דרשה וועגען דעם. ער האָט געדרעהט, געפּלאָנטערט, געקאָכט קאשע פון נביאים, תנאים, אמוראים, בעלי־המדרש ביז ער איז צו צום טאבאקפאבריק. נו דאָ האָט ער זיך אָנגעהויבען קאָכען און זידלען אלע ארבייטער, שרייען, מאכען מיט די הענד נאָך מער וויא פאר דעם. אין שוהל זיינען גיוועז אפולע מענשען, צווישען זיי אפולע ארבייטער פון דער זעלביקער טאבאק-פאבריק און פון אנדערע מלאכות. אלע ארבייטער זיינען גישטאנען און עס האָט זייא געהייבען פון דיא ערטער. פּלוצלינג האָט א שוויסץ פערהילכט די שוהל — אללע ארבייטער האָבען אויסגעפייפט דעם מגיד.

— רבי! א 25ער האָט איהר געוויס גענוממען פאר אייער דרשה, — האָט זיך אָבגערופען אייגער פון טאָלפּא.

דער מגיד איז צוטומעלט געוואָרען, פארגעסען וואו ער האלט. דעם ערסטען מאָל אין זיין לעבען האָט ער בייגעוואָהנט אזא בזיון. דעם ערסטען מאָל האָט דער עולם איהם גיגעבין אָנצוהערעניס, אז ער קריכט, וואו מען דארף ניט.

א-ב-ארבייטער איז ארויף אויפן בימה און האָט אללעמען דייטליך ערקלעהרט דעם אמתין זין און באדייטונג פון דער סטאטשקע.

נאָך דעם האָט זיך דער פאבריקאנט געהאלטין נאָכ עטליכע טעג און האָט זיך אונטערגעגעבין. *

צוליעב דעם צופאלל איז דאן געוועז אָנגעשריעבען דיא בראָשיור, וועלכע מיר לייגען איצט פאָר דער פובליקום.

דיא הערויסגעבער.

* אין אייניגע צייט ארום איז געווען א סוד, נאָהענט פון 60 ארבייטער, וועלכע מען האָט געמשפט; האָט מען צוגעמשפט זיטצען 2 וואָכען. דיא ארבייטער האָבען דערלאנגט אין פאלאטא. נאָר סוף כל סוף איז פון סוד גאָר נישט ניט געוואָרען און די ארבייטער האָט מען מעהר ניט גערופען. וואָס דיא אוהרזאכע דער פון איז אונבעוואוסט. וואהרשיינליך איבער דעם מאניפעסט.

# דיא אידישע ארבייטער געגען דיא אידישע קאפּיטאליסטען.

דאכט זיך זינד... [ווילנא] איז א שטאָדט האָט זיך נאָך ניט פּאססירט אזא מעשה, וואָס זאָל אזוי אויפרירען דיא גאנצע שטאָדט, וויא דיא מעשה מיט'ן מגיד בעת ער האָט געזאָגט אין דיא גרויסע שוהל וועגען דיא ארבייטער פון.. [עדעלשטיינס] פאבריקע.

אלטע אידען מיט גראָע בערד שאָקלען פון גרויס עגמת־נפש מיט דיא קעפּ און קענען זיך ניט בערוהיגען: „סטייטס! דאָס איז דאָך א מעשה, וואָס פערלויפט גאָר ניט! מיר זיינען דאָך שוין, ב״ה, אידען אין יאָהרען, ניט קיין קליינע קינדער; מיר זייבען שוין גאָטט צו דאנקען אין שוהל 50—60 יאָהר און מיר האָבען נאָך קיין מאָהל ניט בייגעוואָהנט אזא סקאנדאל, אז דער פּראָסטער המון זאָל אויסלאכען א שטאָדט־מגיד, מאכען כוכאטלולעס (חוכייטלולית)!״ פאר דיא אלטע לייט, נעבאך, איז דאָס ווירקליך א מעשה, וואָס איז ניט גיהערט און ניט געזעהן גיוואָרען אין דער וועלט, א מעשה, פון וועלכע עס קען זיך שטעלען די האאר אויפין קאָפּ קאפּויער. „ווי, צו דענן, טראכטען זיי זיך, זיינען שוין דיא אידען ניט מעהר איין פאָלק — א פאָלק, וואָס איז פעסט פעראייניגט מיט דיא שרעקליכע צרות, וועלכע ער ליידט שוין טויזנדער יאָהרען אין דעם פינסטערין גלות, און אין וועלכען מיר ווערען אלע גלייך ארויסגעצויגען? צו דען, זיינען שוין מעהר ניט אלע אידען קינדער פון איין טאטען מיט איין אמונה, מיט איין אידישע הארץ; קינדער, וואָס קלייבען זיך צו נ־אויף שבת אין שוהל אום זיך חאָטשע אויף א ווײלע אויסצו טאָהן פון הויאת-העולם, (פון וועלט־זאכען), פערגעססען אָן אללע צרות און פיין, וועלכע לאָזען זיי זיך אפילו ניט אויף איין מינוט אָבאטהמען און אום אויס צו גיסען זייער הארץ אין תפילות און בקשות צו גאָטט? וואָס האָבען מיר צו אונזערע עלטערע יאָהרען, בעונותנו הרבים, דערלעבט? אָנשטאָדט אחדות, אָנשטאָדט ברידערליכע ליעבע איז צווישען אידען פון איין שטאָדט געוואָרן קנאה, שנאה... אידען זאָלען זיך קריגען אין א מקום קדוש... א המון געגען א שטאָדט מאגיד... אזא חילול השם!... אָי, אָי...״ יע, דאָס איז ווירקליך א מעשה, וואָס איז ניט גיהערט געוואָרען! נאָר אז מיר וועלען א ביסעל צו לייגען דעם קאָפּ און איינקוקען זיך אין דיא אללע זאכען, וואָס איז אין דער לעצטער צייט פאָרגעקומען, וועלען מיר זעהן און פערשטיין, אז די מעשה מיט'ן מגיד איז א גאנץ נאטירלעכער רעזולטאט פון א סך טרויעריגערע, מעשה'ת, וועלכע מען האָט ביז אהער נאָך ניט געזעהן און וועלכע דארפען אויפרירען יעדען מענשען, וואָס האָט נאָר א ביסעל מארך אין קאָפּ. איז דאָס גיהערט געוואָרען, אז א מגיד זאָל אין א שוהל ווארפען א־ן אימה אויף ארבייטער, ער זאָל זיי שרעקען מיט אלע בייזע אָנשיקענעס פון דער וועלט און פון יענער וועלט דערפאר, וואָס זיי האָבען זיך צוקריגט מיט זייער בעל־הבית? צו האָט מען דאָס ווען עס איז גיהערט, אז א דוכאָוונער מענש, וואָס דארף געבען דיא גבירים גוטע ביישפּיעלע פון אָרענטליכע אויפפיהרונגען מיט'ן אָרעממאן, זאָל מאכען צו קייט און צו בלאָטע הונדערטער, ערליכע ארבייטער, וואָס חשכ'ן אָב זייער גאנצען לעבען אין פאבריק איבער די שטיקעל טרוקענע ברויט, זיד-

לען, מאכען אש פון שטאלנע בעיארענטע אידען, וואס ערנעהרען מיט שוויס זיך און א ווייב מיט קינדער, נאר נישט צו פערלאנגען חלילה אומזיסט יענעמס א פרוטה; ריידען וועגען זיי ווי וועגען א באנדע רויבער, ווי וועגען גנבים גזלנים, וועלכע מען דארף צו זעטצען אין דיא טורמעס? האט זיך דענן, אין דיא אלטע צייטען ווען פאסירט, אז א איד א פאבריקאנט אדער א מייסטער זאל זוכען אלערלייא מיני תחבולות וויא ארויסצווארפען ביסלעכווייז אויפען גאס אלטע לייט מיט זייערע ווייבער און קינדער, וואס האבען אבגעהארעוועט פאר איהם זייער גאנצען לעבען, דיא כחות אוועקגילייגט פאר זיינע אינטערעססען, און ארויס ווארפען דעריבער אום צו פערגרעסערין זיינע אהן דעם גרויסע הכנסות דורך דיא וואלוועלערע פראצע פון פרויען? האט זיך דען אין דיא פערצייטיגע יאהרען געפאססירט, אז צוקריגענדיג זיך מיט דיא ארבייטער, זאל דער בעל-הבית זיך ווענדען צו די פאדלע פאליציע און איהר גוט בע-צאהלען, אז זי זאל ניט פא זאקאנו ארעססטירען דיא ארבייטער, כאפען אויפען גאס גאר אונשולדיגע מענשען, און זיי הרגעגען, שלאגען? צו האט מען ווען גיהערט, אזביין ערסטען פיפס דעם פאבריקאנטס זאל פאליציע כאפען אויפען גאס מענשען, וואס געהען רוהיג פערביי די פאבריקע, און זיי אברייסען אויף א טאג, אויף צוויי פון זייער ארבייט ביז וואנען עס וועט זיך ארויס ווייזען (געוויינליך דורך הילף פון אלמעכטיגען רובל) דאס דיא מענשען ווייסען ניט פון וואס צו זאגען, איז דאס דען גיהערט גיווארען, אז אין א קריעג צווישען א בעל־הבית א אידען און צווישען זיינע ארבייטער אויך אידען, וויא ער, זאל זיך אריינמישען דער פאליצמייסטער, דער פריסטאוו מיט זייער גאנצע חאליאס-טרע און אללע גבאים מיט'ן מגיד פארויס, דיא ערסטע זאלען מיט קולאקעס נויטען די ארבייטער געהן אין פאבריק, און די אנדערע—אנרייצען די פובליקע אויף די ארעמע ארבייטער, זיי אנרופען מיט דיא שענדליכסטע ווערטער, בע־שיטען זיי מיט זלזולים און רכילות פארוואס זיי ווילען זיך ניט אונטערגעבען דעם אלמעכטיגען גביר, פאר וואס זיי ווילען ניט מיט ווייב און קינדער שטאר־בען אויפען גאס פון הונגער? דיא אללע שפאגעל נייע זאכען, פון וועלכע מיר האבען ביז אהער ניט געוואוסט, זעהען מיר דאס בעשיינפערליך מיט אונזערע אויגען! דער פאבריקאנט האט גיוועלט אהן רחמנות ארויסווארפען אללע זיינע ארבייטער אויפען גאס, דיא ארבייטער האבען זיך מיט א זעלטענע פעסטקייט אנידער גישטעלט פאר זייערע אינטערעססען, און האבען גאר ניט גיטראכט וועגען אונטערגעבען זיך אפילו דאנן, ווען זיי האבען שוין אנגעהויבען צו ליידען נויטה אוז האבען גיזעהן דאס דער פאבריקאנט זוכט אנדערע ארביי-טער אויף זייער ארט. אללע ארבייטער, וואס פערשטייען זייערע אייגענע אינטע-רעססען, האבען גיהאלטען פאר דיא פאפיראסניקעס, ווייל זיי האבען פערשטאנען, דאס דיא סטאטשקע איז ניט דיא פאפיראסניקעס זאך אלליין, נאר דאס איז נוגע דעם גאנצען כלל ארבייטער. פאר דעם פאבריקאנט איז געשטאנען דיא פאליציע, זיא האט גיטאהן, וואס נור מעגליך איז געווען, וואס מען טאר און וואס מען טאר ניט, אבי נאר צו דריקען דעם ארבייטער. מיט דעם ציעל האט אויך דער מגיד, וואס איז איין לייב און זעעל מיט דיא גבירים, געזאגט א דרשה אין שוהל אום איינצוטאדלען ביין עולם דיא עזות פנימער, דיא אר־בייטער, וואס ווילען נאך קלאהרען און בעקלעהרען דיא מעשים פון פאברי־קאנט, אנריידענדיג אויף זיי ליגען, וואס איז ניט געשטויגען און ניט געפלוי-

גען, וואָרום ער ווייס, אז דער המון גלויבט, אז וואָס א מגיד זאָגט אין שוהל איז קדש-קדשים; אין דער זעלביגער דרשה האָט ער אויך געמאכט צו אש און בלאָטע אלץ, וואָס אין דער לעצטער צייט האָט אָנגעהויבּען צו [בּעאונרו-היגען די גבירים: דיא בּיכלעך, וועלכע עס זיינען געשריבּען קלאָהר און איין א ריינעם לשון, וואָס דער נאראָד פערשטעהט,—וייל אין זיי ווערט געמאָהלט מיט ריכטיגע פארבען דיא טרויעריגע לאגע פון דעם נאראָד, און דיא הערצ-לאָזיגקייטען און מערדערייען פון די גבירים. ער האָט אויך איינגיטאדעלט אונזערע ביאלעסטאָקער טאָווארישצעס, וועלכע האָבּען צוזאמען מיט די רוססישע, פּוילישע, דייטשע ארבּייטער געוואָרפען דיא ארבּייט, ווילע זיי האָבן ניט גי-וועלט צו נעהמען ביי דיא פאבּריקאנטען דיא בּיכלעך, כדי צו ווייזען דיא פּראוויטעלסטווא, אז חאָטשי זיי זיינען פּראָסטע ארבייטער וועלען זיי זיך אין זאך ניט לאָזען נארען, אז זיי פערשטייען גאנץ גוט די בעדייטונג פון די זא-קאָנעס, וואָס זיינען געשריבען אין די בּיכלעך:* דיא נייע זאקאָנעס פערבאָטען זיי אלעס, וואָס עס איז נויטיג צו פערבעססערען זייער לאגע, דעם בעל־הבית,אָבער, גיבען זיי פאָלקאָמע רעכטע צו טאָהן אלץ, מיט וואָס ער קען צופּרעסען די ארבּייטער.

אָט וועגען דעם אלץ האָט דער מגיד געזאָגט אין זיין דרשה, כדי אָבּצו־שרעקען דעם המון-עם און אָנצורייצען איהם אויף דיא פּאפּיראָסניקעס. אום דאָס צו דערגרייכען האָט ער זיך ניט געשעהמט אריין צו מישען אין דרשה ליגען און זידלעריי—היינט איז דאָס א וואונדער אז אויף אזעטיגע רייד האָט ער דערהערט אן ענטפער—א שוויסק? פאר דיא שוהל איז דיא גאנצע מעשה געוויס א בזיון, אָבער דער בזיון בעשטייט ניט אין דעם, וואָס די ארבּייטער האָבּען גענומען פייפען—דער בּזיון בעשטייט אין דער דרשה, וועלכע אונזער טהייערער מגיד האָט געדרשנ'ט. איז דאָס ניט קיין בזיון פאר דער שוהל, אז מען האָט איהר געמאכט א מיטטעל פאר דעם פאבריקאנט איינצוריידען דיא ארבּייטער זייא זאָלען געהן טאָהן, כדי ער זאָל ווייטער קענען רייך ווערען, כדי דיא עטליכע ביטטער-פערהאָרעוועטע גראָשען זאָלען אריבּער געהן פון דיא אויסגידארטע ארבּייטערשע קעשענעס אין דיא גראָבּע פוללע קעשענעס פון... [עדעלשטיינען] איבּ דער גרעסטער פון דיא... [ווילנער] כלי־קודש קען מאַ־כען דיא שוהל פאר א מערקעל, וואו אויסצופיהרען אללע פאָדלע געשעפטען, איז גאנץ גערעכט גיוועו דער ארבּייטער, וואָס האָט גלייך פיר אלעמען אין די אויגען אָפּגעשאצט דיא סוממע פון די מעקלעריי געלד... ווען בייא דיא כלי־קודש איז רעכט פאר דיא בעלי-בּית׳שע טובה וועגען איבּערצוטראָגען דעם קאמפף פון די קאפּיטאליסטען מיט די ארבייטער אין שוהל, צו דארפען דען דיא ארבייטער שווייגען? צו דארפען דען ניט די ארבייטער ארויסטרעטען אנטקעגען דיא טרייע דינער פון קאפיטאל צו דערווייזען זיי, אז דיא ארביי-טער זיינען שוין מעהר ניט א סטאדע שטילינקע שעפּסען, וועלכע מען קען טרייבען וואוהין מען וויל און מיט וועלכע מען קען טאָהן וואָס מען וויל, אז זיי קענען שוין און וועלען שוין יעטצט שטיין פעסט פאר זייערע אינטערעס-סען און וועלן שוין ניט פערשווייגען, אז מען וועט וועלען קריכען זייא אויף־פען קאָפּ? יע, הערר פאבריקאנט, און אייער עהרליכער דיענער רב מגיד!

* דאָ ווערנ געמיינט די רעכנ-ב־כלעכ (рассчетные книжки), וועלכע פלעגנ ארויסגעגעבנ ווערנ די ארבעטער פונ די פאבריק־זאוואָר. אונטערנעמונגענ אפּנ גרונט פונ געזעצ פונ 3־טנ יונ פונ 1886 י.

איהר. האָט אריבער געטראָגען אונזער קאמפף פון פאבריקע אין שוהל און פון דאָרטען אין גאנץ שטאָדט, מיר דאנקען אייך זייער, פאר אונז איז דאָס אזוי וויא געפונען. מען האָט זיך מעהר ניט געדארפט איינהערען וואָס מען האָט גערעדט אויפ'ן שוהל-הויף אין אלע רעדלעך נאָך דער טהייערער דרשה ביז א שטיק אין דער נאכט, מיר זאָלען קענען זאָגען, אז היינטיגער טאָג האָט אונז געבראכט גרויסע נוטצען. אין דעם טאָג האָבען מיר ערוואָרבען דעם מיינונג, דיא גוטע פריינדשאפט פון דעם גאנצען המון־עם, וועלכע זיינען ביז איצט גישטאנען פון וויטען. נאָך מעהר, היינטיקן טאָג קענען מיר זאָגען, האָבען מיר אָנגיהויבען, אויסצופיהרען, דען... [עדעלשטיין] האָט דערזעהן אז עס העלפט קיינע תרופות און אין א פאאר טעג ארום האָט ער זיך אונטערגע-געבען. אָנפאלענדיק פאר אלעמען אין דיא אויגען אויף דיא ארבייטער, האָט דער מגיד מיט דעם אליין גיטאָהן דיא ארבייטער א גרויסע טובה. דער גאנ-צער נאראָד, וואָס האָט זייא גיהאלטען פאר שקצים, יונגאצעס, בונטאָוושצי-קעס האָט דערזעהן, אז זייא זיינען גאנץ גירעכט און עס איז א מצוה צו העל-פען זייא. דאָס קומט אויס, וויא מען זאָגט „בור כרה ויחפריהו ויפול בשחת יפעל״—דיא קאפיטאליסטען גראָבען א גרוב פאר דיא ארבייטער און פאלען דערנאָך אליין אריין אין איהר...[דער מאגיד] האָט גיוועלט אויפרעגען דיא גאנצע שטאָדט אנטקעגען דיא ארבייטער און האָט אויפגירעגט דיא גאנצע שטאָדט אנטקעגען זיך. דיא זעלבע זאך גייט פאָר, ווען דיא קאפיטאליסטען ווילען אָבשטראשען די ארביטער און ברייננגען אראָפּ פונ אנדערע שטעדט שטילע אונפערשטענדליכע. פערהונגערטע ארבייטער—וואָס מיינט איהר לאָזט זיך אויס פון דעם? מיר בעקענען זיך מיט דיא ארבייטער, מיר גיבען זיי צו פערשטיין, ווי אונזערע אינטערעססען זיינען פעסט געשלאָססען מיט זייערע, און זייא פאָהרען גלייך אוועק צוריק, אוועקפיהרענדיג מיט זיך שוין אנדערע געדאנ-קען—געדאנקען וועגען אחדות צווישען אלע ארבייטער און א אמפף מיט דיא בעלי-בתים, און פערשפרייטען דיא געדאנקען אין אלע ווינקעלעך, וואו עס איז נור דאָ ארבייטער מיט בעלי-בתים... איצטער נאָך דער סטאטשקע זעהען שוין אלע אונזערע אידעלעך, אז עס איז שוין ניטאָ מעהר קיין [איינהייטלע-כען] אידישע פאָלק, און וועלכע אלע לעבען גוט צווישען זיך; זייא זעהן שוין, אז דאָס אידישע פאָלק צוטהיילט זיך אויף צוויי קלאסען, די שנאה פון וועלכע עס איז אזוי גרויס, אז זיא שטעלט זיך ניט אָב פאר דיא הייליגטהום פון דיא שוהל און דיא איבעריגע כלי-קודש, ניט פאר דיא שטארקייט און גרויזאמקייט פון דער אלמעכטיגער רוססישער פאָליציע.

יע, דיא אלטע אידען זיינען גאנץ גירעכט, וואָס זיי וואונדערען זיך אויף דעם—פאר דעם איז דאָס ניט געווען; אָבער וואָס האָט פארנאנדער גיטהיילט דעם פריהער פעראייניגטען פאָלק? וואו איז דיא אורזאכע דערפון, וואָס אונ-זערע אידעלעך, וואָס זיינען א מאָהל געשטאנען פעסט אייגער פאר דעם אנ-דערען, האָבען גינומען קאמפפען צווישען זיך? עס איז גיוועזן א צייט ווען אלע אידען זיינען כמעט געווען גלייך איינער צום אנדערען, עס זיינען געווען א ביסעל רייכערע, א ביסעל אָרימערע, אָבער די נפקה מינה איז געווען זעהר קליין—דאָס איז געווען איידער פאנסציזנע איז אוניצטאָשזעט געוואָרען. יע־מאָלט זיינען אלע אידען געווען אָדער מעקליארעס (פאקטוירים) צווישען דיא פריצים און דיא בויערים, אָדער קלייניקע סוחרים'לעך, קרעצמער, קרעמערלעך

און ז. וו. יעמאָלט האָבען זיך אללע אידען געהאלטען פאר א פעראייניגטע פאָלק, דען אלע האָבען גילעבט פון דיא זעלבע געשעפטען און ווען עס פלעגט ארויס א נייער זאקאָן, א נייע גזירה אויף איינעם, איז די זעלביגע גזירה גע־ ווען אויף אללע אידען. יעמאָלט האָבען אללע אידען גיהאט גלייכע צרות פון די פריצים מיט די ציִנאָווניקעס פון איין זייט און גלייכע שנאה פון דיא בויערים פון צווייטען זייט. אָבער קרעפּאָסטנאָיע פּראוואָ (פּאנשציזנע) איז אונטערגעגאנגען, אומעטום זיינען געוואָרען אייזענבאהנען, דער האנדעל האָט זיך פערגרעסערט, עס זיינען געוואָרען פאבריקעס, עס האָט זיך אלץ אומגעביטען און גלייך מיט דעם האָט זיך אומגעביטען דיא לאגע און דער סאָסטאוו פון דער אידישע נאציאָן. דער, וואָס האָט געהאט מערער געלד, האָט איצט געקראָגען א מעג־ ליכקייט דורך קרעדיט צו קריגען נאָך מעהר און צו ווערען נאָך רייכער, מאכענדיג אלערליי פּאָדריאדען און געשעפטען; דיא אָבער, וואָס האָבען גיהאט וויניג, האָבען שוין איצטער ניט גיקענט קאָנקורירען מיט ,יא רייכע סוחרים אָדער מיט דעם רייכען מאסטער און פאבריקאנט. אייזענבאהנען האָבען גע־ האָלפען פערברייטערען זיך און פערגרעסערען זיך דעם האנדעל, דען איצטער האָט מען געקענט דיא סחורות פון יעדער קאנט שיקען חאָטשי אין עק וועלט, אָבער דאָס האָט אלץ געהאָלפען דיא רייכע, דיא אָרעמע אָדער אפילו ניט זייער רייכע איז וואָס ווייטער גיוואָרען און עס ווערט איצטער אויך אלץ שווערער און שווערער צו שווימען אין דער האנדעלס-קאָנקורענץ. עס איז בעשאפען געוואָרען א נייע זאך, אָן וועלכע עס איז אומעגליך גיוואָרען צום לעבען — מיר מיינען קאפיטאל. ביסלעכווייז האָבען מיר גענומען אָנוועהרען דיא קליינינקע סוחרים׳לעך, מייסטערלעך און פאקטוירים, און איינע נאָך די אנדערע האָבען זיי גענוממען געהן זוכען זייער לעבענס־מיטעל צו דיא רייכע, ד״ה זיי האָבען געמוזט נעהמען פערקויפען זייער פּראצע, עס איז גיוואָרען א נייער קלאסס ארבייטער.

עס איז עפּעס פאראנען א סך ארבייטער, וועמעס טאטעס עס זיינען אויך געוועז פערדונגענע ארבייטער? ניין, זעהר וויניג. און אזעטיגע וועמעס זיידעס עס זיינען געוועז פערדונגענע ארבייטער איז גאָר ניטאָ. אין איין דור איז געוואָרען אָנשטאָט זעלבסטשטענדיגע מענשען — א נייער קלאסס מענשען, וואָס דארפען פערקויפען זייער ארבייטס-קראפט צו דיא, זועלכע עס האָבען קאפּיטאלען; דאָס איז פון איין זייט — פון צווייטען זייט איז געוואָרען א גאנ־ צער קלאסס מענשען, וואָס לעבען מעהר ניט פון פרעמדע מיה, פון דעם, וואָס זיי זויגען אויס דיא בלוט ביי דיא מענשען, וועלכע עס האָבען ניט קיין קאפּיטאל. פונ אונזערע קאפּיטאליסטען װעט איהר געפינען וויניג אזעלכע, וואָס זייערע טאטעס און זיידעס זיינע געוועז רייכע — אם מייסטען זיינען זייערע עלטערען אויך געוועז קליינינקע סוחרים׳לעך, קרעצמערס, פאקטוירים א. ז. וו. אין דער צייט פון א יאָהר 50 איז דיא אידישע נאציאָן צוטהיילט געוואָרען אויף צוויי קלאססען קאפּיטאליסטען אונ ארבייטער; אונ וואָס פאר א שייכות, וואָס פאר אלגעמיינע אינטערעססען איז פאראנען בייא דיא צוויי קלאססען? אונ וואָס ווייטער ווערען דיא צוויי קלאססען אלץ מעהרער פאר־ באנדער געטהיילט, וואָס ווייטער ווערען אלץ אָרעמער דיא קליינע בעלי־ מלאכות און סוחרים, וואָס ווייטער ווערט אלץ גרעססער דיא צאָהל פון דיא ארבייטער, אָבער וואָס עס ווערט אלץ מעהרער ארבייטער, וואָס דיא לאגע

פון דיא ארבייטער ווערט ערגער. נעהמען דיא ארבייטער אלץ מעהר פערשטיין, אז אזוי דארף ניט זיין, אז מען דארף זעהן אויסצובעססערן דיא אונערטרעגליכע לאגע. אז מען דארף נעהמען קאמפפען, דען מיט קיינ אנדער מיטעל קען מען ניט אויסבעסערן; אָבער וואָס מעהר מיר נעהמען פערשטיין אונזערע אינטערעססען, דאָס מעהרער ווערט אלץ גרעסער די שנאה פון די קאפיטאליסטען; דאָס מעהר פערגעסען זיי אלץ, אז זיי זיינען אויך אזעטיגע רעכטלאָזע אידען, ווי מיר, דאָס מעהר זיינען זיי גרייט אין דעמ קאמפף מיט אונז צו בעטען הילף ביי אונזערע געוועזענע אלגעמיינע שונאים — ביי ד׳ פראוויטעלסטוואָ מיט פאָליציע, אונ בעטען, זיי זאָלען העלפען מיט כח, מיט אָסטראָגען, מיט סיביר א. ז. וו. די קאפיטאליסטען אליין צורייסען דעמ בונד וועלכער האָט פריהער צונויפגעבונדען אלע אידען — אונ ניט צורייסען קענען זיי ניט, דען זיי זעהען, אז וואָס ווייטער, ווערט אלץ גרעסער דער כח פון די פעראייניגטע ארבייטער. צורייסענדיג דעם בונד ווייזען זיי אלליין, אז צווישעןביידע אידישע קלאססען — קאפיטאליסטען און ארבייטער איז ניטאָ קיין אלגעמיינע אינטערעססען. מ י ר דארפען וועגען דעם געוויס ניט דאגה׳ענען. דען נאָר אין קאמפף מיט די קאפיטאליסטען האָבען מיר גענומען פערשטיין, אז מיר האָבען א סך כח; נור דורך די שנאה צום קאפיטאל האבען מיר אויסגעהאָדעוועט ליעבע צו אונזערע געדריקטע ברידער, דען נור דורך דעם קאמפף האָט זיך ענטוויקעלט אונזער בעוואוסטזיין, דורך דעם קאמפף איז ער שטארק גיוואָרען. צו דען דארפען מיר זשאלעווען די צייט, ווען אללע אידען זיינען גיוועזען אונפערשטענדליך און מען האָט זיי געדריקט פון אללע זייטען: אי די פריצים, וועלכע זיי האָבען געדינט, דיא בוי״רים וועלכע זיינען גיוועזען אויפגעקאָכט אויף די אידען פאר וואָס זייא פלעגען העלפען די פאָמיעשציקעס רויבען זיי? צו דען דארפען מיר דאגה׳נען, וואָס די צייט איז שויהן אריבער, צו דען דארפען מיר דאגה׳נען, וואָס מיר האָבען אָנגעוואָרען די ליבע פון אונזערע אידישע מאגנאטען, ווען אָנשטאָט דעם האָבען מיר ערוואָרבען דיא ליבע וועלכע וועט אונז פעראייניגען מיט דיא רוססישע, פוילישע, ליטווישע — מיט איין וואָרט — מיט דיא ארבייטער פון דער גאנצער וועלט? אין דער צוקונפט זעהן מיר דעם פערגרעסערונג פון אונזערע קרעפטען, פון אונזער בעוואוסטזיין און די פערבעסערונג פון אונזער לאגע; הײנט דארפען מיר דען דאגה׳ענען וועגען יענע פינסטערע פערגאנגענע צייט, וועלכע איז, אמת, גיוועזען אָהן קאמפף, אָהן שנאה, אָבער דערפאר אויך אָהן לעבען?! נאָר נעהמט ריידען אפילו מיט א געבילדעטען אידען, וואָס וועט ער אייך זאָגען? ער זאָגט: „אומזיסט רייסט איהר פאנאנדער אייער בונד און פריינדשאפט מיט דיא אידישע קאפיטאליסטען, איהר זייט דאָך מיט זיי, פעסט גיבונדען מיט דיא דריקונגען, וועלכע אללע אידען ליידען פון דער מלוכה, איהר טאָרט אללע ניט וואָהנען אין ראָססיא, איהר האָט אללע קיין אנדערע פראוועס, דעריבער דארפען זיך אללע אידען פעראייניגען, כדי מען זאָל זיך קענען דערשלאָגען אלערליי רעכטען און ניט קאמפפען מיט די פאבריקאנטען איבער א קורצען ארבייטס-טאָג און איבער שכירות“. און דער מגיד לייגט נאָך צו מיט טרערען: „ברידערלאך, יעדער דארף דאגה׳ענען ניט נאָר פאר זיך אלליין, מען דארף דאגה׳ענען פיר טובת־הכלל, פאר אונזער גאנצע פעריאָגטע אומה; העלפענדיג זיך מיט׳ן קאמפף, צורייצט מען מעהר ניט דיא מלוכה און זיא וועט אויסלאָזען דען כעס

צו אללע אידען און יעמאָלט וועט זיין ערגער, אזייא איז שוין דיא אידישע לאגע אויך געגוג שלעכט און איהר ווילט נאָך מאכען ערגער — געוואלד! וואָס פארגעסט איהר אָן אייער גאנצע הייליגע אומה!״ אזוי קומט אויס נאָך דעם מיינונג פון אידישע פאטריאָטען, אז קעמפפענדיג מיט דיא אידישע קאפיטאליסטען קענען מיר זיך ניט דערשלאָגען קיין פערבעסערונגען פאר אללע אידען. נאָכ׳ן מגיד׳ס מיינונג קומט גאָר אויס אז מיט דעם ברייגגען מיר נאָך נייע צרות אויף אידען, אויף דיא אידישע אומה... וואָס עס אָנבעלאנגט דעם ערסטען מיינונג, איז ער פאלש דער פאר ווייל מיר ווייסען, אז דיא אידישע קאפיטאליסטען האָבען קיין מאָהל ניט געשטארעוועט זיך צו קריגען וועלכע עס איז רעכטען און טהוען דאָס איצטער אויך ניט; זייא זעהען מעהר ניט אונטערצוקויפען די טשינאָווניקעס און פאָליצייסקע, זייא זאָלען כלומר׳שט ניט בעמערקען דעמ זאקאָן — און אזוי וויא בייא טשינאָווניקעס קען מען פועל׳ן וואָס מען וויל, פיהרען דיא קאפיטאליסטען אויס אלץ וואָס זייא דארפען. חוץ דעמ וועלען מיר אייך שוין דערווייזען, אז קעמפפענדיג מיט דיא קאפיטאליסטען, מאכען דיא אידישע ארבייטער נאָך נעהנטער דיא צייט, ווען אידען וועלען קריגען אללע בירגער רעכטע. דער מגיד זאָגט, אז מיט זייער קאמפף רופען דיא ארבייטער ארויס בייא דער מלוכה נאָך מעהר שנאה אנטקעגען זיך, אָבער דאָס איז ליגען; וואָס מיר וועלען זיין שטילער, וואָס מיר וועלען נידעריגער איינבויגען דיא קאָפּ מיטין רוקען, וועט מען אויף אונז אלץ מעהר טרעטען. פון ערסטען בליק ווייזט אייגענטליך אויס, אז רוסישע פראוויטעלסטוואָ שרעקט זיך ניט איבעריגס פאר דיא אונצופרידענהייט פון וואָסערע עס איז אידען; אָבער די מעשה איז ניט אזוי: פון אייגיגע פאקטען ווייזט אויס, אז רוססישע פראוויטעלסטוואָ האָט אויך אזוי מורא פאר אונצופרידענהייט פונ גאראָד, וויא אנדערע פראוויטעלסטוועס. חוץ אידען און פאָליאקען דריקט רוסישע פראוויטעלסטוואָ זעער דיא פינלענדער. פינלאנדען איז פאראנען ס״ה ארום צוויי מיליאָן (אידען איז פאראנען ארום 6 מיליאָן) און זיי האָבען אלע מאָל מעהר פראוועס, ווי די איבעריגע רוססישע אונטערטענער; ארבייטער מעגען דאָרטען מאכען סאָבראניעס, סאָיוזען, רוססישע פראוויטעלסטוואָ סטארעוועט זיך שוין לאנג אוועק צו נעהמען פונ די פינלענדער זייער פרייהייט וועלכע שטעכט די אויגען רוססישע זשאנדארמען, און איינפיהרען דאָרטען רוססישע זאקאָנעס, כדי עס זאָל דאָרטען זיין וואהעמע ערטלעך פאר די רוססישע טשינאָווניקעס און זיי זאָלען דאָרטען קענען טאָהן, וואָס זיי ווילען. אונד זינד אלעקסאנדער דער 3טער איז געוואָרען א קייסער, האָט מען אָנגעהויבען די פינלענדער שטארק צו דריקען; ער האָט זיי פערבאָטען צו האָבען אייגענע מארקעס, האָט איבערגעביטען אייגענע זאקאָנעס און האָט גיוועלט אפילו אומברענגען זייער פארלאמענט אונ איינפירען דאָרטען אלע רוססישע זאקאָנעס. אָבער, אז די פינלאנדער האָבען דאָס דערהערט, האָבען זיי געמאכט אזא געוואלד, אז אלעקסאנדער דער 3טער האָט זיך דערשראָקען און האָט צוגעזאָגט אז ער וועט זיי מעהר ניט צעפען. אזוי איז גיוועזן. נאָך א פאקט זעהן מיר אין ביאליסטאָק. מען קען זיך גאָר ניט פאָרשטעלען, אז רוססישע טשינאָווניקעס זאָלען קענען אזוי גוט בעגיין זיך מיטין נאראָד. אללע גרויססע נאצאלניקעס: דער פראָקוראָר, דער פאָליצמייסטער, דער גובערנאטאָר און דער זאשנדארמסקער פאָלקאָווניק האָבען מיט גוטען איינגערעדט די ארבייטער, זיי זאָלען נעהמען די

ביכלעך, און האָבען זיי צוגעזאָגט אפילו ניט שטארק אויפצוקוקען, אז די זאָנעס וועלכע שטעהען אין די ביכלעך זאָלען ריכטיג געהיט ווערען. זיי האָבען ערלויבט די ארבייטער אויסצוקלייבען מענשען, וועלכע זאָלען ריידען מיט נאַצאַלסטוואָ א. ז. וו. א. ז. וו. אונ פאר וואָס מיינט איהר איז דאָס? ווייל מע האָט מורא פאר 19 טויזענד מאַנן ארבייטער. אָט דעריבער האָבען מיר פריהער געזאָגט, אז וואָס מעהרער מען וועט זיך שטעלען אנטקעגען, וועט פּראַוויטעלסטוואָ אלץ ווייניגער דריקן.

איינריידענדיג די ארבייטער זיך צו בערוהיגען, האָט דער מגיד דערוויזען, אז פאר די אידישע קאפּיטאליסטען איז וויגאָדנע די אידישע רעכטלאָזיגקייט, זיי איז וויגאָדנע דערפאר, ווײַלע זי מאכט ז'עם ·פּאָלק פאר א טרוס, פאר א פעריאָגטען פאָלק און פעריאָגטע מענשען איז גרינגער צו עקספּלואטירען, זיי לאָזען זיך בעססער; ווען א פעריאָגטער מענש הייבט זיך אָנ ביסלעכווייז צו בעוועגען, הייבט מען איהם אָן צו שרייען: „שטעה! וואו קריכסט דו, ריהר זיך ניט, הייב גיט דיין קאָפּ. וואָרום צוליעב דיר איינעם וועלען מיר אללע דארפען ליידען...״ אָבער ניין! מיט אזעלכע זאכען וועלען מיר זיך גיט לאָזען נארען אין זאק, מיר פארשטייען גאנץ גוט, אז די אללע קולות, מיט וועלכע מען וויל אונז בערוהיגען, איז דאָס מעהר ניט ווי געשרייען פון אימה, פון שרעק פאר אונזער פעראייניגטע קראפט. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז מיט אונזער דיזען שטרייט דערנעהנטערען מיר נאָך אדרבה די צייט פון אלעמענס בעפרייאונג אונ פון גלייכע רעכטע פאר אללע אידען. פאר וואָס עפּעס האָבען מיטגעפילט די סטאטשקע אָט די אללע קליינע קרעמערלעך אונ בכלל די אללע, וועמענס אינטערעססען האָבען גאָר קיין שייכות ניט מיט איהר, מיט דער סטאַצקע, צו זיין פאר אָדער געגען איהר? אָט האָרכט פאר וואָס: דיא אללע מענשען האָבען געפילט אז ביי אידען האָט זיך עפּעס אויך געפונען א שטיקעל קראפט און זיי האָבען אָנגעהויבען צו פערשטיין, אז אָט דער בעססערער צוקונפט פאר אידען, ווענען וועלכען זיי פערלירען קיין מאָהל ניט דעם האָפנונג, ווענדעט זיך אָן די קראפט און איז פעסט פערבונדען מיט איהר — און זיי זיינען גאנץ גערעכט; אזוי ווי די אידישע ארבייטער שמייסט מען זיי אויך מיט צוויי בייטשען. זיי ליידען אויך, ווי ארבייטער, פון יאָך פון קאפּיטאל, און ווי א איד פון די רעכטלאָזיקייט (בעזפּראַוויע); אָט די רעכטלאָזיגקייט, די בעזפּראַוויע די אידישע, דריקט אונז און פערשפּארט אונז פון אללע זייטען און מיט דעם מאכט זי אונז שווערער אונזער שטרייט מיטין קאפּיטאל. אָט די רעכטלאָזיגקייט, וואָס פערשפּארט אונז אלעמען אין איין ווינקעל, ניט ערלויבנדיג אונז צו ווייגען אומעטום, ווײַלע מיר זיינען אידען, מאכט גרויס די קאָנקורענציע צווישען אונז און שטערט אונז צו פערקויפען אונזער פּראַצע אויף בעסערע בעדינגונגען. צוליעב איהר איז געדריקט אונזער לאגע און מיר פערדינען קוים די שטיקעל טרוקענע ברויט אויף צו דערהאלטען די נשמה. מאכענדיג פאר א בעל-הבית אויף אונז יעדער פּאָליציייסקען, דריקט זי אונז צו און שטערט אונז פערבעססערען אונזער לאגע. דעריבער דארפען מיר זעהן אָנצושטריינגען אללע אונזערע קרעפטען אויף צו דערשלאָגען זיך גלייכע רעכטע. שטרייטענדיג מיט די קאפּיטאליסטען, ווערען מיר עפּעס א קראפט, און די קראפט וועט ווערען מיט דער צייט אזוי שטארק, אז מיר וועללען קענען אָנפאנגען אונזעד שטרייט אָט פאר די אללע רעכטען, וואָס אונז פעלט. מיר קענען פרע-

גען אָט די אַללע, וועלכע עס שאָקלען מיט די קעפּ אין צווייפעל, צו מיט
א יאָהר צוריק וואָלטען זיי געגלויבט, אז אָט די ארבייטער וועללען קענען
בייקומען דעם פאבריקאנט... [עדעלשטיין]. אומעטום הייבין אָן די אידישע ארביי־
טער ארויסצוטרעטען אויף'ן שטרייט; אומעטום הייבען זיי זיך אָן צו אָרגא-
ניזירען. ווען אין אַללע אידישע שטעדט וועלען זיין די אידישע ארבייטער
פעראייניגט, און אן ארבייטער אוועקפאָהרענדיג פון זיין היימישע שטעדטעל,
וועט ער אומעטום געפינען פעראייניגטע ארבייטער, דאן וועללען אונזערע
פעראייניגטע ארבייטער האָבען אזא קראפט, וועגען וועלכע מיר קענען זיך
יעצט גאָר ניט פאָרשטעלען. אמת, די קראפט וועט זיין ווייניג אום צו שטריי־
טען מיט רוסישע פראוויטעלסטוואָ — אָבער זי וועט האָבען זיכערע מיטשטריי-
טער: די רוסישע, פוילישע און ליטווישע ארבייטער. צוזאמען מיט זיי וועלען מיר זיך
אָנהייבען צו דערשלאָגען דאָס, וואָס אונז אלעמען פעהלט — מיר זאָלען האָבען זיך
רעכט צו מאכען סטאטשקעס, פעראיינען, פערזאמלונגען, פרייהייט צו שרייבען,
צו דרוקען, צו ריידען אלץ וואָס מיר ווילען; און מיר וועלען פון זיי בעקומען
שטיצע דאן, ווען מיר וועלען אין א גוטע שעה אָנהויבען צו פאָדערען, אז
מען זאָל אויסמעקען פון רוססישען סוואָד זאקאָנאָוו דיא ווילדע טיראנישע
געזעצען, וואָס ווילען אונז ניט אָנערקענען אלס מענשען גלייך מיט אללע פעל־
קער אין דער וועלט, אויסמעקען די טיראנישע געזעצען, וואָס האָבען ארויפ-
געלייגט אויף אונזער׳ אויסגעדארטען פערשמאכטען פנים די חתימה פון אונ־
גליקלעכע שקלאפען, איבער וועלכע יעדער אויסוואורף האָט פוללע רעכט צו
לאכען און צו שפּאָטען פון אונז, און אונבעשטראָפט אונז צו טרעטען אונטער די
פיס. אין דעם קאמפף פאר אונזערע רעכטען ווערט אלץ שטארקער און שטארקער
אונזער קראפט — די איינציגע קראפט דורך וועלכע מיר וועללען זיך א מאָהל
דערשלאָגען בירגער רעכט פאר אללע אידען. נאָר מיר ארבייטער פערנעהמען
דעם נידריגסטען אָרט אין דער געזעלשאפט, דעריבער קענען מיר זיך ניט
דערשלאָגען, אז עס זאָל בטל ווערען די אונמענשליכע געזעצע, וועלכע דריקען
דעם אידישען פאָלק, נאָר פאר אונז ארבייטער אלליין, און בשעת מיר וועללען
מיט אונזער אָרגאניזירטע קראפט אראָפּשליידערען די שווערע קייטען, וואָס
שמידען צונויף די גאנצע אידישע נאציאָן, וועלען זיי, די קייטען, ממלא אָב-
פאלען שוין אויך פון די. וואָס זיצען אויף אונזערע פּלייצעס און דריקען
אונז מיט די גאנצע שווערינקייט פון זייערע געלד-זעק. אָט פאר וואָס אין
דעם קאמפף פאר אונזער פרייהייט און גלייכע בירגערליכע רעכטע (ראוונאָ-
פּראוויע) טרעטען מיר ארײן נאָך דאן, בעת מיר האָבען נאָך אויף אונזערע
פּלייצעס אונזערע פּייניגער. נאָר מיר וועללען דאָס טאָהן ניט צוליעב דעם,
אום מיר זאָלען זיי ווייטער טראָגען אויף אונזערע פּלייצעס — ניין! אריינ־
ציהענדיג אין זיך די פרישע געזונדטע לופט פון פרייהייט, וועללען מיר זיי
נאָך גרינגער אראָפּוואַרפען פון זיך.

הערט צו איהר, קאפּיטאליסטען! וואָס מעהר איר דריקט אונז, וואָט טיפער
איהר לאָזט ארײן אין אונז אייערע נעגעל, דאָס גרעססער וועט זיין אייער
אראָפּפאלען, דאָס שרעקליכער וועט זיין אייער מפּלה!

ע נ ד ע.

# דער קאמפף פון די ארבייטער אויף עדעלשטיינ׳ס פאבריק. *

(צונייפגעשטעלט נאָך די כתבים פון א׳נ׳ארבייטער)

עדעלשטיינס פאבריק, נאָך דעם צאָהל ארבייטער וואָס געפינען זיך דאָר־טען איז די גרעסטע אין אונזער שטאָדט... [ווילנא]. די ארבייטער פונ דיעזע פאבריק איז אויסגעקוממען אויסצוהאלטען א פעסטען און דויערענדען קאמפף מיט׳ן בעל הבית. דיעזער קאמפף אין וועלכען דער בעל הבית האָט אנגיווענ־דעט אללע מיטלען, אום צו ברעכען דעם ווידערשטאנד פון די ארבייטער האָט זיך גיענדיגט מיט דעם נצחון פון קאפיטאל. די אורזאכע פון דעם קאמפף, זיין גאנג און די רעזולטאטען זיינען זעהר בעלעהרזאם. און עס איזט כדי מען זאָל וועגען דעמ זאָגען אייניגע ווערטער.

I

מיט 4—5 יאָהר צוריק האָבען אויף עדעלשטיינס פאבריק נאָך גיהערשט די זאָגיגאנטע פאטריארכאלישע (פאָטערליכע) בעהאנדלונג צווישען דעם בעל־הבית און זיינע ארבייטער, דאָס זיינען די זעלביקע באהאנדלונגען פון וועלכע דער פינאנסמיניסטער וויטטע לאָזט זיך אזיי ענטציקען אין זיין צירקולאר פון 95 יאָהר צו דעם פאבריצנעם אינספעקטער פון וולאדימירער פאבריצנער אָקרוג [קרייז] און וועלכע נאָך וויטטעס מיינונג נאָך, צעכענען אויס רוסלאנד פון „פארפוילטען" מערב מיט זיין טיעפע קלאססען צושיידקייט און שרעקליכען קאמפף צווישען בורשזואזיע און פראָלעטאריאט. לאָמיר נעהענטער באטראכטען דיעזע אָרדנונג.

וויית פון קלאססען בעוואוסטזיין האָבען די ארבייטער געקוקט אויפען בעל הבית, גיקוקט מיט דעם גרעסטען צוטרויען, אים פלעגען זיי אָנטרויען די בעשיצונג פון זייערע אינטערעססען, ער איז בא זיי גיוועזען אי דער ריכטער, דער שלום מאכער ווען די ארבייטער פלעגען זיך איבער וואָס עס איז זיך אנפערן, אי דער בעל עצה פון זייערע פאמיליען־אנגילעגענהייטען. עדעלשטיין פלעגט אין קיין עצות ניט קארגען, פלעגט זיך אָבער גוט לאָזען בעצאָלען דערפאר,

* דער דאָזיקער באריכט איז געווענ געדרוקט אינ „אידישען ארבייטער" נומ. 4—5. רעד.

ער פלעגט שטראפירען דעם גערעכטען און אונגערעכטען און די שטראף געלד לייגען ביי זיך אין קעשענע. נאך בעססער איז דער לינקער זייט פון מעדאל. ביין אנקומען אין פאבריק פלעגט יעדער ארבייטער מוזען געבען דעם מייסטער 10 רובל אז ניט האט מען אים ניט גענומען. פורים פלעגען זיך מוזען די ארבייטער צונייפלייגען צו 2 רובל און קויפען דעם מייסטער צוזאמען א שלח מנות. אויב עס פלעגט זיך אייגעפונען א עזות פנים, וועלכער האט ניט גיוואלט געבען קיין 2 רובל, פלעגט ער שיין האבען זיין אפקומעניש, ער פלעגט זיך דערוויססען, וואס פורים בעדייט: דער מייסטער פלעגט איהם פערפאלגען אויף יעדען שריט און טריט און אפטמאהל פאר אזא מעשה גאר ארויסטרייבען פון פאבריק. אבצאהלונגען האבען די ארבייטער דארטען גיהאט אן א שיעור אן א־נ־ערך. פארן רייניגען דעם הויף פלעגען זיי דארטען צאהלען, פאר האלטען ריין די אפטרעטען, צאהלען פאר צעבראכענע גלעזער — ווייטער צאהלען און אזוי ווייטער. און פאר דאס אללעס פלעגט טען אראפרעכענען גראד פון זייערע שכירות. ווייטער פלעגט זיך פראקטיצירען גרייסע שטראפען אין בראק, איבער אייניגע איבערגעפירטע פאפיראסען פלעגט מען בראקירען גאנצע הונדערטער· אויף די ערווידרונגען פון די ארבייטער פלעגט דער מייסטער ענטפערן מיט קלעפ און א מאהל פלעגט ער גאר ניט פערשרייבען די ארבייט פון אגאנצען טאג.

זידלערייען און קלעפ, פון וועלכע עס פלעגען ניט זיין קיין אויסנאהמע אויף פרויענצימער, זיינען גיוועזען איינע פון די גיוויינליכסטע זאכען. דער מייסטער איז גיוועזען א קייסער אין זיין אפטהיילונג. אין זיין מאכט איז גיוועזן גינוג אז דער ארבייטער זאל פערלירען זיין שטעללע. אט דאס זיינען די פאטריארכאלישע בעהאנדלונג פון וועלכע עס איז אזוי ענטציקט דער פינאנס־מיניסטער וויטטע. גאר אזא צושטאנד האט דויערן לאנג ניט גיקענט.

## II

דיא ארבייטער בעוועגונג וועלכע האט זיך אנגיפאנגען אין רוסלאנד האט אנגירירט אויך עדעלשטיינס ארבייטער און האט זיי גיטריבין צום עקאנאמישען קאמפף. דיא ארבייטער האבון גיפירט דעם קאמפף מיט ערפאלג און אין אקורצער צייט האבון זיי זיך דערשלאגען אז מען האט אפגישאפט דיא מעהר־דריקענדע פאר זיי פאבריצנע מנהגים און ארדנונגען צ. ב.: מען האט בטל גימאכט דעם מנהג פון געבין לאפקע דעם מייסטער ביי אריינטרעטין אין פא־בריק, און פון שיקין אים פורים שלח מנות. מען האט אויפגיהערט איינצוהיילטין די שכירות פארין רייניגען דעם הייף, צו בראכענע גלעזער אז. ו. וו. בייא דיזע בעדינגונגען האט אנגיטראטען דער [18]95 יאהר. אין דעם יאהר האט דער קאמפף פון דיא ארבייטער דערגרייכט דעם העכסטען פונקט. דיזער קאמפף האט בעוויזין אז סאלידאריטעט (אייניקייט ווען מען בענוצט מיט איהר וויא גיהעריג אויף דער פראקטיק) קען ווערין אין די הענד פון דיא ארבייטער א וויכטיגער גיווער געגין די קאפיטאליסטען. דער גרייסער סטרייק אין וועל־כער עס האבין גינומען אנטהייל בערך אהעלפט פון דעם גאנצען צאהל ארבייטער, איז ארויסגיקומען דא דורך וואס דער פאבריקאנט האט גיוואלט פערבייטען די מעננער ארבייט אויף דיא וועלוועלערע פרויען ארבייט. וועהרענד אויף אללע טאבאק

פאבריקען אין ביאלאָסטאָק אין גראָדנע האָבין שיים גיארבייט כמעט דורכאויס פריוענצימממער, פלעגט אף עדעלשטיינס פאבריק די הויפטארבייט אויסגיפירט וועריז דורך מעננער, און דאָס פלעגט איהם שטעלען אין ערגערע בעדינגונגען וויא זיינע קאָנקורעסטען. עדעלשטיין האָט בעשלאָסען ביסלאכוויז אָבצושאפען דיא מעננער און האָט אָנגיפאנגען פון דעם וואָס ער האָט אוועגיזעצט איינינע מיידלעך, וואָס פלעגען טאָן אזעלכע ארבייט פיר וועלכע עס צאָלט זיך וויניגער דאָ דיא מעננער ארבייט. דיא פאפיראָסינמאכער האָבין גימאכט א שטרייק און צו זיי זיינען צוגישטאנען אויך דיא פרויען וועלכע האָבין גאנץ גוט פער- שטאנען, אז אים פאל ווען די ארבייטער פערשפּילען, וועט דער פאבריקאנט זיך בענוטצען מיט דעם און פערקלענערין דיא בעצאָלט פון דיא פרויענארבייט, עדעלשטיין האָט גיהאט אפילו אויסגעשריבען 12 מיידלעך פון ביאלאָסטאָק, אָבער זיי האָבען, פערשטייט זיך, ניט גיקענט פערפערטיגען דיא ארבייט פון 200 מאנן דיא סטרייקער. עדעלשטיין האָט זיך גיוועגדעט צו דיא הילף פון דער פּאָליציע, פאבריצנע אינספעקציע, ער האָט געבעטען רחמים אפילן בייא דיא אידישע כלי קודש זייא זאָלין אים העלפען נאָר דאָס אללעס האָט גיהאָלפען וויא א טויטין באנקעס, דער שטרייק האָט גידויערט צוויי וואָכין און דער בעל הבית האָט זיך גימוזט אונטערגעבין. ד. ה. ער האָט צוריק גיזעצט דיא מיידלעך אף זייערע פריערדיקע ערטער און האָט פערשפּראָכין אויף וויטער אז ער וועט מעהר שיין ניט זעצען קיין פרויען אויף דיא ארבייטערס ערטער. זעלבספערשטענדליך אז דער אויס געפירטער סטרייק האָט ניט גיקענט בייטען דעם פאבריקאנט ער זאָל זיך אין גאנצען ענטזאגין פון דער מחשבה אומצו- בייטען דיא ארבייטער מענער אויף פרויען. דער סטרייק איז מעהר ניט פאר איהם רבי געלד אז וויטער דארף מען פירען דעם עסק פּאָרזיכטיג, ביס- לאכוויז ניט היילענדיק, קודם כל האָט ער זיך באנוצט מיט דעם. וואָס א טהייל ארבייטער זיינען פעראורטהיילט גיוועזין דורך דעם גערכטס פארין אָנטהייל- נעמען אין דער סטרייק, און האָט מיט איין מאָהל ענטזאגט 17 ארבייטער. וויטער האָט ער אויך אָנגיהייבען צו טשעפען דאָ צו דעם, דאָ צו יענעם ארבייטער, גיפונען אויף זייא אללערלייא בלבולים און אָבזאָגען זייא איינציג וויים פון פאבריק פאר די קלענסטע קלייניגקייט. אום אָנצומאכען צווישען דיא ארבייטער קריג און וויסען וואָס זיי טהוען אויפען פאבריק האָט ער איינ- גיפירט שפּיאָנעס וועלכע פלעגען בייא איהם זייער נושא חן זיין, ווען זיי פלע- גען קוממען צו איהם מיט מסירות אויף זייערע חברים, און דיא ארבייטער זאָלען ניט קענען צוזאמענריידען זיך צווישען זיך האָט דער פאבריקאנט פער- באָטען צו ריידען אויפען פאבריק, און צו גייפצוקלייבען זיך קופּעסוואייז. ענדליך האָט עדעלשטיין גימאכט דיא פרויען אונאָבהייגגליך פון דיא מענער ארבייטער אויפין פאבריק, דיא קארדאָנשציצעס * וואָס פלעגין פריער בעקומען

---

* אינ די טאבאק-פאבריקנ, ווענ עס האט געהערשט די פרימיטיווע סיסטעמ פונ דורכזויסיקער האנט-ארבעט, פלעגנ די מענער-ארבעטער צונויפוויקלענ דעמ טאבאק אפ א באזונדער הארטנ פא- פירל, מיט וועלכנ ער פלעגט אָנשטאָפנ די הילזע. דאָס דאָזיקע שטייפע פאפירל פלעגט זיכ רופנ קלייאָנקע. נאָכ דעמ, ווי די מענער-ארבעטער פלעגנ אָנשטאָפנ די הילזעס מיט טאבאק, פלעגנ די פרויענ אריינשטעלנ אינ דער אָנגעשטאָפּטער הילזע א קארטאָנקע (קערטל). די דאָזיקע ארבעטערנס פלעגט מענ רופנ קארטאָנשטשיצעס, ווייטער ווערנ זיי אינ דאָזיקנ באריכט אויכ אָנגערופנ קארטושניצעס. ר ע ד.

זייערע שכירות פון דיא ארבייטער האָבין אַנגיהייבון איצט צו באקומען פון קאנטאָר גופא, אויף אזא אופן זיינען גיוועזען ביסלאכווייז געמאכט אללע פאַרבערייטונגען צו איין ענטשיידענען איבערפאל אויף דיא ארבייטער. אין דיא פאַרבערייטונגען איז פאַריבער איין יאָהר. נאָר ווייטער מיר וועללען דערציילען וועגען דאָס אללעס וואָס איז פאַרגעקומען אין הערבסט פון [18]96 יאָהר, וועלען מיר זאָגין אייניגע ווערטער וועגען דעם קאמפף וואָס די ארבייטערקעס איז אויסגיקומען אויסצוהאלטען אין פערלייף פון [18]96טען יאָהר.

III

דיא שכירות פון דיא קארטושניצעס איז פערקלענערט געוואָרין אין ערך פון 2 קאָפּ. א טאָג (זייער וועכענטליכע פערדיענסט איז פון $1\frac{1}{2}$ — 3 רוב). אויסער דעם האָט דיא פאבריצנע אדמיניסטראציע פארזאָגט אז דיא קארטושעס זאָלל מען פארקלעפּען מיט קליי און ניט מיט טריוואקס ווי עס האָט זיך ביז דענסמאָל געפירט, און דאדורך פלעגען דיא ארבייטערקעס טעגליך אויסארבייטען ווייניגער ווי פריהער. דיא ארבייטערקעס האָבען גיוואָרפען דיא ארבייט און האָבן געזאָגט אז ביי אזעלכע בעדינגונגען קענען זיי ארבייטען נאָר פון וואָך אָבער ניט פון שטיק. דער בעל הבית האָט געהעכערט די שכירות פון 8 ביז 15 קאָפּ. אויפען טויזענד. אין אייניגע צייט ארום ווען די קארטושניצעס האָבען שיים גיקענט ארבייטען גיכער, האָט דער בעל הבית פארקלענערט דיא שכירות אויף 2 קאָפּ פון טויזענד; די ארבייטערקעס האָבען ווייטער געהאט געוואָרפען דיא ארבייט, נאָר זיי האָבען פערשפּילט (די צייט איז דאצו גיוועזען ניט קיין גוטע—עס איז געוועזען געגוג פארטיגע קארטושעס—דערצו איז ביי די מיידלאך קיין אחדות ניט גיוועזען, מעהר נישט 6 זיינען אוועק אהיים). ענדליך איז גיוועזען נאָך איין סטרייק בא די זאָרטירערקעס, וועלכע איז ארויסגעקומען דאדורך וויילמען האָט אויפגיהערט צו געבין א האלבע שטונדע אויף פרישטיק, דיא זאָרטירערקעס האָבען געוואָרפען די ארבייט, אָבער דער בעל הבית האָט זיך געוואוסט וויא צו בענוטצען מיט דעם, האָס בא זיי איז ניט גיוועזען קיין אייניגקייט (זיי האָבען פערלאָזין דיא ארבייט איינציגווייז) און דאָס באוויזען אָנצונעמען דערוויילע געגוג פוילישע קליינע מיידלאך, וועלכע האָבען געמאכט צוזאמען מיט דעם מייסטער און פאָדמייסטער דיא גאנצע ארבייט פון דיא זאָרטירערקעס.

יעצט וועלין מיר זיך אומקעהרין צו אונזערע איבערגעהאקטע ערצייהלונג וועגען דעם קאמפף פון בעל הבית מיט דיא ארבייטער. ענדע זוממער פון 96-טען יאָהר האָט מען אָנגעהייבען ארויסצוגעבען טאבאק פיעל מעהר וויא געוועהנליך, מען האָט געזען בעשיינפערליך אז דער בעל הבית האָט בדעה געהאט זיך אָנצוגרייטען געגוג פארטיגע פאפּיראָסען און ארויסרופען נאָכדעם איין סטרייק, דיא ארבייטער צוליב זייער אייגענע טובה וועגען האָבען געוויהנליך גדארפט אויסארבייטען מעהר ניט אזוי פיעל וויא פריהער, נאָר דאָס קוואפּענען זיך וואָס אויף דער הייסער מינוט וועלען זייא פארדינען איין איבריגען רובל, האָט אריבערגעשטייגט — און דיא ארבייטער האָבען דאריבער געארבייט מעהרער וויא געוואָהנליך. אין הערבסט ווען עס איז גיוועזען אָנגעגרייט געגוג פאפּיראָסין האָט דער בעל הבית געמעלדעט דיא ארבייטער, אז ער האָט בעקומען אפולע בעשטעללונגען, וועללכע זיי אללײן וועלען געוויס

ניט קענען בעשטרייטען, ובכן לייגט ער זיי פאַר אז יעדער זאָל צודינגען פון זיך אייניגע מיידלאך און זיי אויסלערנען פאפּיראָסען מאכען. וויא פיעל זיי צו צאָהלען ווייזט ער זיי ניט איין, דיא ארבייטער אללײן אָבער בעקומען פאר אויסגעארבייטע פאפּיראָסען פון קאנטאָר דיא געוועהנליכע געצאָלט. וויא גוט דאכצעך דער פאָרשלאג איז ניט גיוועזין האָבען זיך דיא ארבייטער פון דעסט־וועגען אנטזאָגט, דען זיי האָבען פערשטאנען רעם [ריכטיקן מיין] פון בעל הבית. דזן האָט ער אויסגעשריעבען פון פעטערבורג 50 רוססישע מיידלאך; וועלכע ער האָט אויסגעזוכט פון דיא פּסולת פון פעטערבורגער פראָלעטאריאט און האָט זיי פערבונדען מיט א קאָנטראקט אויף א גאנץ יאָהר גאָר ניט שטע־הענדיג אום מקח (ער האָט זיך באדונגען מיט זיי 50 קאָפּ. פון טויזענד, וועה־רענד דער געוועהנליכער געצאָלט איז 20—30 קאָפּ.). מיר וועלען פערבאייגיי־ענדיג באמערקען, אז אייניגע טעג נאָכאנאנד נאָכדעם וויא דיא פעטערבורגער מיידלאך האָבען זיך גישטעלט צו דער ארבייט האט מען אין פאבריצנעם הייף און אין פאבריק גופא גיקענט זעהען אויסער דיא ארבייטער אייך פּאָליציאנטען „צום אויפהאלטען דעם אָרדנונג״. וויטער האָט דער בעל הבית אָנגעהייבען צו זעצען אויף די מענער ארבייט אידישע מיידלאך פאר גאנץ גוטע געצאָלט (אויף דער ווײלע) צו 35 קאָפּ. פון טויזענד, אויף אזא אופן האָט אין א קורצע צייט זיך אָנגעקליעבען ביז 41 שטאָדטישע פאפּיראָסענמאכערקעס (אונטער זיי זיינען געוועזען אויך קריסטליכע) אין פאפּיראָסאָבטהיילונג האבען שיין בסך הכל געארבייט 145 מאנן (פריהער 75 מעננער) און אין איין קורצער צייט איז געלעגען פערפאקט ביז 8 מיללייאָן פארטיגע פאפּיראָסען, דער בעל הבית האָט אָנגעהייבען שרעקליך צו פערפאָלגין דיא ארבייטער-מענגער. ער האָט געזעהן מיט כל מעגליכקייט ארויסצורופען איין סטרייק, און צו האָבען איין אויסרייד זיי אלעמען אָבצוזאָגין פון פאבריק ווייל ער האָט גיהאט צייט זיך צו איבערצייגען אז דיא פעטערבורגער פאפּיראָסניצעס זיינען ניט פון זייער פאיינע אופפיהרונג און אים פאל ווען מען זאָל מאכען א סטרייק איז אויף זייער שטיצע ניטאָ וואָס צו האָפען. אונטערדעססען האָט זיך געטראָפען א מעשה, וועלכע עס האָט געגעבען דעם בעל הבית די מעגליכקייט צו ענט־זאגען כמעט א העלפט פון גאָר דיא מאסנלייט פאפּיראָסענמאכער.

אין דעצעמבער מאָנאט האָט מען אָנגיהייבען שטארק צו שמועזען איבערן שטאָדט אז צווישען דיא פעטערבורגער פאפּיראָסענמאכערקעס זיינען פא־ראן קראנקע אויף סיפיליס, און דאריבער איז פּאָליצײ געקומען אויפין פאבריק צו מאכען א מעדיצינישע רעוויזיע, דאָס רעוויזירען די רוססישע מיידלאך איז פארבאיי שטיל, אָהנע ערווידערונג פון זייער זייט, די אָנערקענטע פיר קראנקע זיינען אוועגעפירט געוואָרין אין קראנקען־הויז, די אידישע מיידלאך אָבער האָבען זיך פעסטגעשטעלט אנטקעגין דעם. אזוי, דאָס דער פּאָליציסטען איז גיוועזין געגייטהיגט אפריער זיי צו פערזיכערען אז די רעוויזירונג וועט זיין איין אָבערפלעכליכע (מען האָט זיי בעקוקט נאָר די האלז) און אַז דאָש וועט זיין דער ערסטער און דער לעצטער מאָל, דער פּראָטעסט געגען אזעלכע רעוויזיעס האָבען זיי ארויסגעוויזען אין דיא פאָרמע פון א שטרייק. אויף מאָרגין איז קיין איין מיידיל ניט געקומען אויפין פאבריק, דיא מענער האָבען אין דעם שטרייק קאיין אָנטהייל גענומען און זיינען געקומען אללע אויפען פאבריק, דער בעל הבית האָט זיי פאָרגעלייגט אָדער ארבייטען אָן דיא קאר־

דאַנשציצעס, אָדער געהן אהיים, ווען דיא ארבייטער זיינען ניט געווען איינ־
שטימיג ניט אויף דאַש, ניט אף יענק, האָט מען אָנפאנגס ארויסגערופען
דעם אינשפעקטאָר און נאָכדעם פּאָליצעי, און מען האָט דיא ארבייטער געוואָלט
ארויסטרייבען פון פאבריק, נאָכדעם האָט מען זיי אויפגיהערט אראיינצו־
לאָזען אין פאבריק אָהן דיא מיידלאך. דער שטרייק האָט געדויערט 2 טעג,
אויפען 3טען זיינען דיא מיידלאך געקומען צו דער ארבייט,* דער בעל הבית
האָט באלד ענטזאָגט 31 ארבייטער און 10 ארבייטערקעס. אין פאפּיראָסען
אָבטהיילונג זיינען געבליבען 44 מענער אויף דיא געצאָלט פון 25—40 קאָפּ.
און 70 פרויען (אחוץ דיא פעטערבורגער) אויף די געצאָלט פון 20—35 קאָפּ.
פון טויזענד. איצטער האָט דער בעל הבית שאָן ניט נייטיג געהאט דיא פעטער-
בורגער ארבייטערקעס און האָט געזעהען פון זיי פּטור צו ווערען. דריקענדיג
זיי ווי וויט מעגליך. אזיי צום ביישפּיעל: טראָץ דעם קאָנטראקט האָט ער זיי
אויפגעהערט שבת צו געבען ארבייט און דעריבער איז [זייער] פערדינסט גע-
פאללען אף 2 רוב. 64 קאָפּ. ביז 3 רוב. 80 קאָפּ. דיא וואָך (אָנשטאָט פריערדיגע
5 רוב.). אויף אזא געצאָהלט האָט זיי ניט געלאָנגט דאָ צו פערבלייבען און זיי זיינען
זיך צו פאָהרען. עס איז געבליעבען אין גאנצען 10. דער בעל הבית האָט אויסגע-
פירט, אָבער אז אָך און וויה צו אזא אויספיהרען. באלד נאָך דער מעדיציניסער
רעוויזיע האָט זיך געלאָזט הערען איבערין שטאָדט אז עדעלשטיינס פאפּיראָסין
זיינען אָנשטעקען און מען האָט זיי אופגיהערט צו קויפען. באלד האָט מען זיך
וועגען דעם דערוואוסט אין דיא ארומיגע שטעטלעך און דאָרטען האָבען אויך
זיינע פאפּיראָסין אויפגיהערט געהן. עדעלשטיין האָט באנקראָטירט, ניט בע-
צאָהלענדיג דיא ארבייטער פיר 2 וואָכען כמעט אין סוממע פון 2000 רוב.

איצט נאָמער זעהן וואָס האָט געגעבען עדעלשטיינס ארבייטער זייער קאמפף
מיטין בעל הבית. פריהער פאר אלץ האָבען עדעלשטייגס ארבייטער מיט זייער
קאמפף פערבעססערט זייער עקאָנאָמישע לאגע. זייא האָבען מבטל געוועזען
פיל שענדליכע פארען מענשען פאבריצנע מנהגים און האָבען זיך דערשלאָגען
איין מענשליכערע באהאנדלונג פון פאבריקאנט און די מייסטערס. נאָר דאָס
איז נאָך ניט דער איינציגער רעזולטאט פון זייער קאמפף, וויכטיגער פון אלץ
איז דאָס וואָס דער דאָזיגער קאמפף האָט געמאכט דעם ארבייטער גאָר נאי
געבאָרין, ער האָט געמאכט איין גרויססען רושם אין זיין אינגערע וועלט, אין
גאנצען אומגיביסין און איבערגעקערט זיינע געפיהלען, בעגריפען און שטרע-
בונגען. שטעלט זיך פאָר א רויהען זייער פארגראָבטען אבערגלויבישען מענשין,
וועלכער איז פארפלאָנטערט אין איין גאנצען פלאָנטער פון רעליגיעזע און
געזעלשאפטליכע פערורטהיילונגען (זאבאָבאָנעס) ער איז גאנץ גלייכגילטיג
צו איין בוך, צו וויססענשאפט,' אָהן דעם פערברינגט ער דיא ווייניג צייט
פרייע פון ארבייט שטונדען, און אויב ער לייענט איין מאָל אין א יוטי' א ביכעל,
איז דאָס אָדער א מוסר ספר צום רייניגען דיא נשמה אָדער אזא במחילה
שמאטע וויא דיא העכסט אינטערעסאנטע ראָמאנען פון שמר און נאָך א זעלכע
שנעלל שרייבער, שוואייגענדיג, וויא א שטיללער קאָטינקע טראָגט ער אריבער
דיא בעליידיגונגען פון די מייסטערס און פאבריקאנטען, אין וועלכען ער זעהט
זיין וואָהלטעטער און ברויט געבער, אויף זיינע אייגענע ברידער קוקט ער

* מיט זייער פראָטעסט האָבען זיך דיא מיידלאך דערשלאָגען אז אויף דורונצעס פאבריק
איז ניט גיוועןן דיא מעדיצינישע רעוויזיע וועלכע מען האָט געזאָלט מאכען.

וויא אף זיינע גרעססטע שונאים וועלכע קענען יעדער אייגענבליק פון אים ארויסרייסען זיין שטיקעל ברויט. ער ליידעט פון דער עקספלואטאציען און אונטערדריקונגען פון בעל הבית, פון פּאָליציי און פון פילע אנדערע מונדירען, וועלכע זיינען בעל דעות אויף זיין גוטס און בלוט, און ער וועט דער ערסטער געבען מיט איין שטיין אין מח דעם יעניגען וועלכען וועט זיך וועגען ארויס-צוטרעטען געגען דער ממשלה וואָס דריקן אָן רחמנות דאָס ארבייטער פּאָלק, און בעשיצט נאָך מיט איר מאכט די בעטריגעראיי פון די בעל הבתים, ער האָט מורא צו האָבען מגע ומשא מיט „סאָציאליסטען“ און אים פאלט אפשר גאָר ניט איין אז סאָציאליסטען זאיינען דיא קעמפּפער פאר זאיין אייגענעם בלוטיגען ארבייטער אינטערעס. מיט איין וואָרט ער שטופּט אָפּ די יאָהרען מיט די טעג אָט ווי עס איז גאָר אָן א זין אָהן א ציעל פּאָרויס, אָהן האָפנונג אויף א בעסערע צוקונפט. אָט אזעלכער איז געוועזן א מאָהל עדעלשטיינס ארבייטער בעפאָר ער איז ארויסגעטראָטען אויף דעם עקאָנאָמישען קאמפף.
איצט שטעללט זיך פאָר איין מענשען וועלכער רייסט זיך צו ליכטיגקייט, שטרעבט צו וויססענשאפט צו אנטוויקלונג, עס אינטערעסירען שיין פראגען וועגען געזעללשאפט און נאטור און א ענטפער אויף די דאָזיגע פראגען זוכט ער אין א זעלכע ביכער וואו עס רעדט זיך וועגען ארבייטערס לאגע און מיטללען ווי פון איהר לאָז צו ווערין, וואו עס ווערין ערקלעהרט די ערשיי-נונגען פון דער נאטור און עס ווערט אָנגעוויזען דער אָרט וואָס דער מענש פארנעמט אין איהר. די ליידיגע צייט פערברייינגט ער צום נוצען פיר זיך, ער לעזט, בעקלעהרט זיך וועגען אַלץ וואָס איז נוגע זיין לאגע און די לאגע פון זיינע ברידער. ער זוכט מיטלען צום אויספיהרען די אופגאבען, וועלכע עס לייגט ארופ׳ אויף איהם דער קאמף פון דיא ארבייטער מיט זייערע עקספלו-אטאטאָרען פון אללערליי מינים.

ער גלייבט שיים מעהר ניט אז די אינטערעססען פון ארבייטער און קאפּי-טאליסטין זיינען אייניג, ער ווייס אז זייערע ביידינס אינטערעססען זיינען קא-פּוירע איינע, פון די אנדערע, ער ווייס שיין פון וואנען עס שטאמט זיינע אָרעמיקייט און דער רייכטהום פון זיינע בעל־בתים, ער לאָזט זיך ניט עולהן. אויף בעליידיגונגען, אונטערדריקונגען און עקספּלאָאטאציע, ענטפערט ער מיט א שטרייט און ניט זעלטען צווינגט ער דעם קאפּיטאל זיך בוקען פאר די מאכט פון פאראייניגטע ארבייטער, ער שרעקט זיך שיין ניט פאר „פּאָליטיקע“. אים געגענטהייל, ער רופט זיך אָפּ אויף יעדער וואָרט פון פּאָ-ליטישע פּראָפּאגאנדע, די פיעלע עסקים וואָס אים איז אויסגעקומען צו האָבען מיט פּאָליציע און פאבריצנע אינספּעקציע, די שטענדיגע נגשים וואָש ער טראָגט פון זיי אריבער זיינען גיוועזן פאר איהם ביטטערע לעהרע!

ער האָט זיך ענדליך איבערצייגט אז אחוץ דעם בעל הבית איז ביי אים פאראן נאָך איין גרעססערער שונא — די קאיזערליכע רעגירונג, געגען וועלכע עס וועלין מוזין ארויסטרעטען אין איין שטרייט מיט פעראייניגטע קרעפטען אללע רוססישע ארבייטער, ווער זיי זאָלען ניט זיין, צו וואָס פאר א אומה ולשון זיי זאָללין ניט געהערען. דער פריהערדיגער האסס וועלכען ער פלעגט פיהלען צו זיין חבר אין דער ארבייט האָט זיך פערביטען אויף אמתה ברידערליכע ליבע, צו די נאציאָנאלע יו״ט איז ער קאלט געוואָרין — אָנשטאָט זיי האָט ער באקומען אנדערע יו״ט — דאָס זיינען יענע פריידענטעג, ווען די פּראָלעטאריער

פון אללע לענדער פיהלען זיך ברידערליך, פיהלען זיך ווי פעראייניגט אין איין גרייסע ארבעטער ארמעי און מאכין ציטערין דיא בורזואזיע און רעגירונגי־ער האָט זיך ענטזאגט פון דעם גלייבען פון זיינע עלטערן, אָבער דערפאר האָט ער באקומען איין נייעם גלייבען — גלייבען אין צוקונפט — אין די צייט ווען עס וועט הערשין ברידערליכקייט און אללגעמיינע ארבייט — גלייבען אין דעם ענדליכען נצחון פון סאָציאליזמוס. — אָט אזעלכער איז היינט עדעלשטיינס ארבייטער. און אויב מיר זאָללען זיך דערמאָהנען דעם אמאָליגען עדעלשטיינס ארבייטער און דעם היינטיגען נאָך 5 יאָהר שטרייט וועללין מיר ניט וועלונ־דיג זיך מוזען פערוואונדערען: איז דאָס מיגליך אז אין אזא קורצע צייט האָט ער זיך אזוי אומגעביטען אז מען קען איהם שיים גאָר ניט דערקענען? עס איז ווירקליך שווער צו גלייבען, אז אונז טהיילט אָפּ פון די „ווייליע אלטע צייט" אין גאנצען 4—5 יאָהר. עס דאכט זיך עפּעס ווי עס וואָלטין צעהנדליקע יאָהרין פאָריבער צווישען דעם „היינט" און דעם „דענסמאָלס".

די כאראקטיריסטיקע פון עדעלשטיינס ארבייטער קען פּאססען פיר יעדער אונזערע קעמפפענדע גרופּפּע, פון אידישען פּראָלעטאריאט אם ווייניגסטען פאר די, וואָס וואָהנען אין מערב־געגענד, וויייל דער עקאָנאָמישער קאמפף ביי די בערך גלייכע געזעלשאפטליכע בעדינגונגען, אין וועלכע עס לעבען די מעהרערע פון די אידישע ארבייטער, ווירקט אויף זייערע גייסטליכע און מאָראלישע געזינונגען גלייך.

# וועגן דער „רעדע אפן ערשטן מײַ 1896"

די דאָזיקע „רעדע" האָבן מיר געפונען אין יידישן פאָנד פון ארכיוו פון מארקס־ענגעלס־לענין־אינסטיטוט. ווער עס האָט געהאלטן די דאָזיקע רעדע איז אונדז ניט געלונגען פעסטצושטעלן. עס איז אָבער גאנץ מעגלעך, אז די דאזיקע רעדע איז איינע פון די דרײַ רעדעס, וועלכע זײַנען געהאלטן געוואָרן אין ווילנע אין 1896 און וועגן וועלכער עס ווערט דערציילט אין דער קאָרעספאָנדענץ אין בערלינער „פאָרווערטס", וואָס מיר האָבן געבראכט אין די באמערקונגען צו דעם ווילנער באריכט, וועלכער איז אויך געלייענט געוואָרן אפ דער מײַ־פארזאמלונג אין ווילנע אין 1896 יאָר.

די דאָזיקע רעדע אונטערשיידט זיך אינגאנצן פון דער נאציאָנאליסטישער רעדע, וואָס מארטאָוו האָט געהאלטן אין ווילנע אין 1895. אָנשטאָט דעם, וואָס מארטאָוו האָט אין זײַן רעדע דערקלערט, אז די יידישע ארבעטער האָבן זיך ניט וואָס צו פארלאָזן אפ די רוסישע, פוילישע און ארבעטער פון אנדערע פעלקער, אפ צו דערשלאָגן זיך פולשטענדיקע באפרײַונג, האָט דער רעדנער אפ דער ערשטער מײַ־פײַערונג אין 1896 דאפקע אָנגעוויזן, אז

„די סטאצקע, וואָס מיר וועלן פירן פאראייניקטערהייט מיט די רוסישע, פוילישע און אנדערע ארבעטער, וועט דעריבער קענען זײַן אזוי שטארק, אז זי וועט בייטן די פראווי־וויטעלסטוואָ אומצובײַטן די זאקאָנעס אנטקעגן אונדז".

דער רעדנער האָט אָבער גלײַכצײַטיק דערקלערט, אז אויסער די אלגעמיינע פאָדערונגען

„שטעלן מיר נאָך ארויס א ספעציעלע פאָדערונג פון יידן, מע זאָל אוניטשטאָזשען די זאקאָנעס, וועלכע עקזיסטירן נאָר אנטקעגן יידן, און מע זאָל געבן יידן אלע רעכט, וועלכע עס האָבן רוסישע".

אָבער דער רעדנער האָט דערקלערט, אז דאָס קען נאָר דערגרייכט ווערן דורך אן ענגן בונד פון די ארבעטער פון אלע פעלקער, און אז די אינטערנאציאָנאלע סאָלידאריטעט קען קומען נאָר מיט דעם וווּקס פון דער ארבעטער־באוועגונג, ווײַל:

„וואָס מערער עס וועט זיך אנטוויקלען די ארבעטער-באוועגונג, דאָס אלץ וועט שטארקער ווערן דער בונד צווישן די יידישע און רוסישע ארבעטער".

„...די ארבעטער־באוועגונג, וועלכע פארברייטערט זיך, ווי צווישן קריסטן, אזוי אויך צווישן יידן, וועט ווירקן אפ דעם ארבעטערס פארשטאנד און וועט אוועקשטופן פון ביידן די נאציאָנאלע סינע. דאן וועט דער רוסישער ארבעטער פארשטיין, אז די פּאָליטיק קעגן די יידן איז שעדלעך פאר די אלגעמיינע אינטערעסן. ער וועט פארשטיין, אז אנטיסעמיטיזם טיילט פאנאנדער דאָס, וואָס מוז זײַן פאראייניקט. דער רוסישער ארבעטער וועט ניט נאָר ניט זײַן קעגן דעם, מע זאָל געבן יידן אלגעמיינע רעכט, נאָר פארקערט, ער וועט זיך נאָך סטארען מע זאָל צערײַסן די קייטן, מיט וועלכע מע האָט געשמידט דעם יידן. נאָר דאָס דארפן מיר ניט פארגעסן, אז דאָס איז מעגלעך נאָר דאן, ווען די יידישע ארבעטער וועלן ענערגיש שטרעבן צו פארבעסערן זייער לאגע".

די גאנצע רעדע איז דורכגעדרונגען מיט דעם געדאנק, אז נאָר דער פאראייניקטער קאמף פון אלע ארבעטער פון רוסלאנד קען ברענגען די פולע באפרײַונג פון די אונטערגעדריקטע יידישע מאסן.

וועגן דער דאָזיקער רעדע האָבן די גרינדער און אָנפירער פון „בונד" גאנץ גוט געוווּסט. זי האָט זיך געפונען אין זייער רעשוס. און אָנשטאָט צו פארשפרייטן די דאָזיקע ערשטע מײַ-רעדע, אין וועלכער עס ווערט געוויזן דעם ארבעטער דער ריכטיקער וועג צו באפרײַונג, האָבן די פירער פון „בונד" דאפקע איבערגעדרוקט מארטאָווס נאציאָנאליסטישע רעדע, וועלכע האָט פארשפרייט נאציאָנאלע אָפגעזונדערטקײַט און אומצוטרוי צו די פּראָלעטאריער פון אנדערע פעלקער.

מיר דרוקן די רעדע אָן וועלכע עס איז ענדערונגען.

# א רעדע

אויפן 1־טן מאי 1896

ברידער און שוועסטער!

פון די פריערדיגע רעדעס האָבען מיר שוין געזעהען, אז דיא אינטערעססען פון דיא ארבייטער אפילו פון פארשידענע שטעדט, פון פארשידענע מלוכות זיינען איינע. אללע ארבייטער פון דער גאַנצער וועלט זיינען פערבונדען איינע מיט דיא אנדערע ווייל זייא אללע האָבען איינע אינטערעססען, ווייל זייא אללע זיינען וויא מיטגלידער פון איינע א גרויסע פאמיליע. נאָר דער פערבינ־דונג דארף זיך אין וואָס עס איז ארויסווייזען, ארויסטרעטען פאר אלעמען. דער ערשטער מאי, דאָס איז דיא פאָרמע, אין וועלכע עס ווייזט זיך ארויס דער פערבינדונג, דיא אחדות פון דיא ארבייטער. אין דעם טאָג ווערט אויס־געציילט דער צאָל פון דיא ארבייטער, וועלכע שטרייטען פאר זייערע אינטע־רעססען, וועלכע וויסען דעם פערבינדונג פון איינע מיט דיא אנדערע. פון ערשטען מאי דערוויסט זיך דיא גאנצע וועלט וועגען דיא פעסטפערבינדעטע קרעפטען, וואָס זיינען געגרייט יעדער מינוט ארויסצוטרעטען אויפ־ן שטרייט פאר זייערע אינטערעססען. דער ערשטער מאי גיט א סיגנאל צו דער גאנצער וועלט. אין דעם סיגנאל הערען דיא ארבייטער א ליעד פון האָפענונג, פון טרייסט, און דיא קאפיטאליסטען אנ-אָנזאָג, אז דיא טעג פון זייער הערשאפט זיינען געציילטע. דער ערשטער מאי ווידער, ווייזט דיא גאנצע וועלט, אז אלץ מעהרער און מעהרער מלוכות שטייען צו צו דיא ארבייטער העלדען. אלץ מעהרער און מעהרער לענדער גייען איבער אין דיא רייען פון דיא ארמיע, וועלכע שטרייט פארן אלוועלטליכען גליק. עס האלט איצטער, אז רוסלאנד זאָל אויך ארויסשטעלן איהרע פעראייניגטע קרעפטען; ס'איז צייט צו דערווייזען אלעמען, אז דער גרעסטע שונא פון ארבייטער, דיא רוסישע פראוויטעלסטוואָ, האָט בייא זיך אין דער היים אויך געגוג העלדען, וואָס זיינען געגען איהר פאָליטיקע, איהר דעספאָטיזם; זיינען אנטקעגען איהר דריקונג און שטיקונג א פרייען געדאנק א פרייען בעוועגונג. אונזערע רייהען זיינען נאָך נאָך שיטער, אונזער ארמיע איז נאָך שוואך, מיר בעהאלטען זיך נאָך ווי ווילדע חיות פון מענשען, נאָר דער פאקט פון אונזער איצטיגער פערזאמלונג ווייזט, אז בייא אונז האָט זיך אויפגעהייבען א בעוועגונג, א בעוועגונג, וואָס וועט זיך אלץ פערקרעפטיגען און פערשטארקען, א בעוועגונג, וואָס וועט וואקסען

אין דער לייַנג און אין דער טיף. ניט מיר זיינען איינע, וואָס האָבען זיך צו זאמענגעקליבען פייערן דעם אלוועלטליכען יום-טוב פון פראָלעטאריאט, ניט או"זער שטאָדט אליין האָט צוזאמענגעקליבען איהרע שטרייטער: פיל שטעדט אין רוסלאנד און פוילען פייערן היינט דעם הייליגען ארבייטער-יום־טוב, פון פיל הערצער רייסט זיך היינט ארויס א קול פון פעראכטונג צום קאפּיטאל און פּאָליטישע דריקונג, און דער קול וועט דער גרייכען צו אונזערע אויסלאנדשע ברידער און וועט זיך צוזאמענגיסען אין איין מורא'דיגען געוואלדיגען שטים, פון וועלכען עס וועלען פארציטערט ווערען דיא קאפּיטאליסטען און זייערע פאָרשטייער—די פּראוויטעלסטוועס.

אין יעדעס לאנד שטעלט מען ארויס אין דעם ערשטען מאי אויסער אלגעמיינע פאָדערונגען אויך אזוינע, וואָס פּאסטען בעסער אין דער לאנד. אין איינגלאנד פראנקרייך, גערמאניע שטעלען דיא ארבייטער היינט ארויס זייער פאָדערונג, אז דער זאקאָן זאָל בעשטימען ד"א גרויס פון ארבייטסטאָג; אין אויסטרייך און אין איטאליע זיינען בייא ד"א ארבייטער אויף דיא פאָנעס אויסגעשריבען דער פאָדערונג פון אלגעמיינע שטים־רעכט. מיר אין רוסלאנד שטעלען ארויס די נייטיגסטע פאָדערונגען פון אלעמען: פרייא צו מאכען סטאטשקעס, סאָבראניעס, פרייא צו ריידען און שרייבען, און אויסער דעם, שטעלען מיר נאָך ארויס א ספּעציאלנעם פאָדערונג פון אידען, מען זאָל אוניצטאָזשענען דיא זאקאָנעס, וועלכע עקסעסטירען נאָר אנטקעגען אידען, און מען זאָל געבען אידען אלע רעכטען, וועלכע עס האָבען רוססישע. לאָמיר איצטער געגויא בעטראכטען דיא זאקאָנעס וועגען סטאטשקעס, סאָבראניעס, מיט וואָס זיי זיינען אזויא שעדליך און אויף וועמען מיר קענען האָפען מען זאָל זיי צושטערען.

דיא זאקאָנעס, וועלכע עקסעסטירען אין רוסלאנד וועגען סטאטשקעס, זייַנען שרעקליך שטרענגע. פארן צוזאמענריידען זיך אליין צו מאכען א סטאטשקע קומט דיא אָנהעבער ארעסט פון 3 וואָכען ביז 3 חדשים און דיא, וועלכע נעמען אנ-אָנטהייל אין דעם, קומט פון 7 טעג ביז 3 וואָכען. פאר אוועגוואַרפען דיא ארבייט קומט דיא אָנפיהרער טורמע פון 4 ביז 8 חדשים. נאָר דאָס איז נאָך גאָרנישט. מיר ווייסען גאנץ גוט, אז ווען עס איז פאראנען אייניגע מענשען, וואָס ווילען ניט אוועגווארפען דיא ארבייט און צו שטיין צו דיא סטאטשקע, איז דיא גאנצע סטאטשקע פערלאָרען. און דעריבער קומט אָפט אויס אראָפּ צו נעמען אזיינע מענשען פון דער ארבייט, אָדער מיט גוטען, אָדער מיט בייזען. דער זאקאָן ווייס אויך וועגען דעם און פערגעסט טאקי ניט צו שמועסן וועגען דעם. דער זאקאָן זאָגט אזייא: דיא, וועלכע וועלען זיך סטארעווען סייא מיט גוטען, סייא מיט בייזען, אז דיא סטאטשקע זאָל לייַנגער דויערען, קומט טורמע פון 8 ביז 16 חדשים, מיר ווייסען אויך זייער גוט, אז אין דער צייט פון סטאטשקע, ווען יעדער סטאצעצניק איז מיט לייב און לעבען פאראינטערעסירט אין דעם, דיא סטאטשקע זאָל אויסגעפיהרט ווערען, אין דער צייט, ווען יעדערער איז אויפגערעקט אויף יעדער קלייניגקייט איז קיין קונץ ניט ער זאָל ווערן אנ-אָנפיהרער, אנ-אָנריידער און עס איז דעריבער קיין קונץ ניט נאָכין רוססישען זאקאָן ער זאָל אריינפאלען אין טורמע אויף 16 חדשים און זיין ווייב און קינדער זאָלען אויסגיין פון הונגער און קעלט. וואָס זעהען מיר דערפון? דיא אָרעמע לאגע פון ארבייטער, זיינע שרעקליכע אונגעדריקטקייט בייא דיא בעלי-בתים, דער אונמענשליכער אונגעוויינליכער לאנגער ארבייטס־

טאָג, דיא נידריגע שכירות, דער ניט קריגען אין דער צייט דיא געהאַלט רופט ארויס דיא ארבייטער זייא זאָלען שטרייטען אנטקעגען זייערע בעלי־בתים. דיא בעסטע געוועהר אנטקעגען דער בעל־הבית איז איהם לאָזען אָהן ארבייטער, מאכען א סטאטשקע, און אנטקעגען דעם גייט ארויס דער זאקאָן. עס איז נאָך וויניג, וואָס דער פאבריקאנט קען אליין לייכט שטרייטען אנטקעגען זיינע ארבייטער מיט זיין קאפיטאל, פאר וועלכען ער קען לייכט קריגען אנדערע ארבייטער, עס איז נאָך וויניג, וואָס דיא ארבייטער קאָסט גענוג געזונדט און ענערגיע יעדער סטאטשקע: זייא דארפען איינהאלטען אזיינע, וועלכע פערשטייען נאָך שוואך זייערע אינטערעסען, זייא דארפען צונעמען פון דער ארבעט אזיינע, וועלכע ווילען גאָר צו זיי ניט צו שטיין; עס נאָך וויינגיג, וואָס דיא ארבייטער דאר-פען צוזעהן אזיינע טרויעריגע סצענעס, וויא הונגריקע קינדער און אלטע פער-שמאכטע עלטערען, ס'איז וויניג דאָס אלץ פארן ארבייטער—קומט נאָך דער רוססי־שער שרעקליך הארטער זאקאָן און סטראשעט דעם ארבייטער מיט עטליכע חדשים טורמע, ד"ה ער סטראשעט מיט הונגער און אללע צרות. דער זאקאָן האָט גענוממען אונטער זיין שיטץ דעם שטארקסטען כדי צו מאכען דעם שוואכען נאָך שוואכער: ער גיט נאָך צו דעם קאפיטאליסט פּאָליציע מיט סאָלדאטען כדי ער זאָל קענען דיא אונבעשיצטע נאָך מאכען הילף־לאָזער. נאָר דאָס איז נאָך אלץ גאָר נישט. דיא רוססישע פראוויטעלסטוואָ, אויסער וואָס זיא האָט ארויסגעגעבען אונמענשליכע זאקאָנעס אנטקעגען סטאצקעס, ערלייבט זיא נאָך דיא נאטשאלניקעס פון שטאָדט ארויס צו רופען סאָלדאטען אנטקעגען דיא סטאצעצניקעס; דיא סאָלדאטען פארשטייט זיך רופט מען ניט ארויס נאָר פאר אנ-עדות וועגען: זיי שלאָגען, הרגענען, שטעכען דיא ארבייטער. פאר א יאָה־רען, בשעת אין יאראָסלאוול איז געוועןן א סטאטשקע פון 10 טויזענד מאן דערפאר, וואָס דיא פאבריקאנטען האָבען מיט אמאָל אראָפּ געוואָרפען דיא שכירות, גאָר ניט מודיע זייענדיג וועגען דעם מיט 2 וואָכען פריער, ווי דער זאקאָן הייסט, האָט מען אויך ארויסגעפאָדערט סאָלדאטען. מען האָט אללע ארבייטער צוזאמענגענומען אויפען פאבריטשנעם הייף און מען האָט זייא גע־הייסען זיך שטעלען ארבייטען און אז דיא ארבייטער האָבען זיך פון דעם אָטקאזעט האָט מען א קאמאנדעווע געטאָהן: שיסט! און מען האָט 7 מענשען געהרגעט אויף אנ־אָרט און פיעל געראנעט; מען האָט נאָך דאן אפולע אר־בייטער אָפּגעגעבען פּאָד סוד און דערפאר האָט נאָך דער נאשטאלניק פון דיא סאָלדאטען געקראָגען א דאנק פון אונזער קיסר ניקאָליי 2 דערפאר, וואָס זיינע סאָלדאטען האָבען זיך קונציג בענוצט מיט די געוועהר, דערפאר, וואָס מען האָט אויף אנ-אָרט געשאָסען 7 מענשען און געראנעט אונבעוואָפּענטע, הילפלאָזע מענשען. און אלץ צוליב דעם, וואָס זיי האָבען געסמייעט צו פאָדערן דער פאבריקאנט זאָל זיך באגיין מיט זייא נאָכין זאקאָן נאָך. אזיינע ביישפּילען זיינען געוועהן הייניטיגען יאָהר אפולע אין רוססלאנד. אָט איז דיא באהאנדלונג מיט אונז ארבייטער אין רוססלאנד. אָט ווי דער זאקאָן בעגייט זיך מיט אונז, אָט איז דיא הילף, וואָס מיר קריגען פון אונזערע געזעץ-געבער און בעשיצער. אמת, דיא זאקאָנעס וועגען סטאצקעס זיינען געשריבען נאָר פאר פאבריצנע ארבייטער און ניט פאר אונז בעלי-מלאכות, אָבער מיר ווייסען אויך, אז גאנץ אָפט מישט זיך אריין פּאָליציע אין אונזערע א סטאצקע און פירט איבער אלץ וואָס מיר האָבען געוועלט אויפטהאָן. און ווידער דארפען מיר ניט פאר-

געסען, אז נאָכ'ן זאקאָן נאָך איז א מייסטערסקאיע, וואו עס ארבייטען 16 אָדער מעהרער מענשען, רופט זיך שוין א פאבריקע, און דעריבער קענען אמאָל דיא זאקאָנעס אנטקעגען סטאצקעס אויך באנוצט ווערען אנטקעגען אונז, ווייל בייא אונז טרעפט אָפט, אז אין סעזאָנע צייט, וועלכע איז דיא בעסטע צו מאכען סטאצקעס, ארבייטען מעהרער וויא 15 מענשען אין א מייסטערסקאיע. ווידער האָבען מיר זייער פיעל פאבריקעס אין־אונזער געגענד, צוליב וועלכע עס איז שוין געוויס געשריבען דער זאקאָן פון סטאצקעס: ס'איז דאָ טאבאצנע פאבריקעס, וועב-פאבריקען, קאָנווערטנע, קנעפלאך־פאב־ריקען, זייף־פאבריקען, פאבריקען פון לעדער, זאוואָדען פון ביר, בראנפען א. ז. וו. וועלכע ווערען וואָס פון יאָהר מעהרער און מעהרער.

אמת, עס זיינען דאָ זאקאָנעס אנטקעגען דיא קאפיטאליסטען אויך. דער פאבריקאנט צום ביישפיל האָט קיין פראווע ניט צו ענטזאגען אנ-ארבייטער, וואו ער האָט איהם ניט מודיע געווען מיט 2 וואָכען פריער. פאר ניט היטען דעם זאקאָן קען מען דעם פאבריקאנט בעשטראָפען ביז 200 רובל. נאָר וואָסער א גרויסער אונטערשייד עס איז אין דיא שטראָפען! דעם ארבייטער פאר'ן ניט היטען דעם זעלביקען זאקאָן (ד"ה דערפאר, וואָס ער האָט ניט מודיע געווענ דעם בעל-הבית מיט 2 וואָכען פריער, אז ער גייט אוועג פון דער ארבייט) קומט ביז א חודש ארעסט און דעם פאבריקאנט ביז 100 רובל שטראָף. אויסער דעם ליגט דאָ נאָך א קונץ. אויב דיא ארבייטער בעשולדיגען זיך מיט וואָס אנטקעגען פאבריקאנט, זוכט פון זייא אויף דער פאבריצנער אינספעקטאָר, ד"ה פון אללע צרות, וואָס מען האָט פון דיא ארומשלעפענעס איבער דיא סודען, דארף דער פאבריקאנט ניט וויססען, און ווען דיא ארבייטער האָבען צום בעלי-הבית וואָסער ס'איז תביעות, דארפען זייא זיך אליין משפט'ן מיט איהם. מיר ווייסען גאנץ גוט, וויא שווער עס איז דעם ארבייטער צו משפט'ן זיך מיט א רייכען קאפיטאליסט, וויא גרינג עס איז דעם קאפיטאליסט ארויסצושטעלען עדות אויף דיא שלעכטע אויפפיהרונגען פון זיינע ארבייטער און דערמיט ארויסצודרייען זיך פון וואָסער עס איז פאר א שטראָף. מיר וועלען שוין ניט ריידען וועגען דעם, וואָס דער ארבייטער האָט דאָס רוב ניט קיין צייט, ניט קיין געלד צו גיין שרייבען פראָ-שעניעס און ווארטען אויפען משפט, וואָס זעלטען קאָנצעט זיך גוט פאר'ן ארבייטער. אָט וויא דער זאקאָן בעזאָרגט זיך וועגען ארבייטער, אָט וויא פראוויטעלסטוואָ פארבלענדעט דיא אויגען דעם ארבייטער מיט איהרע זאקאָ-נעס, וואָס זיינען קלומרשט פון ארבייטערס טובה וועגען. נאָר דער זאקאָן בענוגענט זיך נאָך ניט דערמיט. פראוויטעלסטוואָ ווייס, אז צו מאכען סטאצ-קעס דארף מען געלט, מען דארף מאכען סאָבראניעס, קאססעס א. ז. וו. דאָס אלץ פארבאָט דער זאקאָן זייער שטרייננ. ס'איז פארבאָטען מיטען זאקאָן צו מאכען לאָטערייען, בעקער א. ד. גל. א סאָבראניע פון 5 מענשען הייסט שוין נעזא-קאָנע, אויב אויף דערויף איז ניטאָ קיין ראזרעשעניע. עס איז שטרייננ פאר-באָטען צו מאכען קאססעס אָהן א ראזרעשעניע. וואָס, גאָספאָדא, זעהען מיר דערפון? דער זאקאָן פארבאָט ניט נאָר דיא סטאצקע אליין, ניט נאָר דעם שטרייט אליין אנטקעגען די בעלי-בתים, נאָר אפילו אללע סאָרטען פערפערטי־גונגען צום שטרייט טאָר מען אויך ניט מאכען.

פריהער האָבען מיר געזעהן, אז דיא אונטערהעצער אויף א סטאצקע קומט ביז א חודש ארעסט. כדי דער שטרייט מיט דיא בעלי-בתים זאָל זיך איינגעבען

איז נייטהיג וואָס מעהרער ארבייטער זאָלען פארשטיין זייערע אינטערעסען. אין א קליינע שטעדטיל איז נאָך א האלבע צרה, מען קען זיך נאָך בעגעגענען מיט יעדערען בעזונדער און ערקלערען איהם זיינע אינטערעסען. אין א גרויסע שטאָדט איז שוין דאָס אָבער אומעגליך. מען מוז שוין האָבען ביכלאך, וואָס זאָלען ערקלערען דעם ארבייטער זיין לאגע און דיא מיטלען מיט וועלכע ער קען איהר פארבעסערן. וועגען דעם איז גאָר קיין רייד ניט, אז אין דער צייט פון א סטאצקע דארף מען וועגען דעם מודיע זיין אין אללע ארומיגע שטעדט און דאָס איז נאָר מעגליך דורך גאזעטען. אָבער דאָ קומט אויך דער גוסער זאקאָן און זאָגט זיך אזויא: קיין ביכעל, קיין צייטונג, טאָר ניט געדרוקט ווערען, וואו עס וועלען דאָס פריהער ניט איבער קוקען ספעציאלנע אויף דערויף געזעצטע ציגאָווניקעס, דער צענזאָר. אז דער זאקאָן איז געמאכט נאָר צוליב אונז ארבייטער, קען מען זעהן דערפון, וואָס גרויסע ביכער, וועלכע פארנעמען מעהרער וויא 16 בויגען קען מען דרוקען אין פעטערבורג, אָהן א ראזרעשעניע פון צענזאָר, ד"ה אזויא, אז אזיינע גראָבע ביכער, וועלכע מען איז בעוואָרענט, אז דער פראָסטער המון וועט זייא ניט לייענען (ווייל זייא קאָסטען טהייערער, אָדער ווייל זיי זיינען צו שווער צו פארשטיין) קען מען דרוקען אָהן א ראז-רעשעניע פון צענזאָר. און פון דערפון זעהען מיר אויך, אז פראוויטעלסטוואָ האָט געדרוקט דעם זאקאָן, ווייל זיא האָט מורא דער פראָסטער המון זאָלל זיך ניט ענטוויקלען, און האָט פארקעהרט, פארגרינגערט דעם זאקאָן פאר דיא רייכע מענשען. פראוויטעלסטוואָ איז נאָך אָבער מיט דעם זאקאָן אויך ניט שטארק צופרידען, מען האָט ניט לאנג מודיע געווען, אז מען וויל מאכען נאָך א צענ-זאָר, און זיין ארבייט וועט בעשטיין אין דעם, וואָס ער וועט איבערקוקען דיא קליינע נאראָדני ביכלאך. איך וואָלט געקענט ברייגגען נאָך אפולע זאקאָ-נעס, וואָס זאָגען גאנץ אָפען, אז זייא זיינען געשריבען געוואָרען עקסטרע פאר אונז, כדי אונמעגליך צו מאכען אונזער שטרייט מיט דיא בעלי־בתים, כדי צו מאכען אנ-אונמעגליכע זאך, מיר זאָלען קענען פארבעסערען אונזער לאגע. אָבער וויא מאכט מען דאָס אלץ איבער? וויא מאכט מען, אז מיר זאָלען האָבען רעכט פרייא צו ריידען, פרייא צו מאכען סאָבראניעס און סטאצקעס? צו קענען מיר האָפען, אז פראוויטעלסטוואָ וועט דאָס אונז מיטען גוטען ווילען אלץ געבען?

ווארטען אויף פראוויטעלסטוואָ איז גלייך וויא דער שעפסעלע זאָל ווארטען, אז דער וואָלף וועט ווערען בעסער. ס'איז גלייך וויא צו ווארטען, אז דיא בעלי־בתים וועלען מאכען א קירצערען ארבייטסטאָג, וועלען העכערן שכירות א. ד. גל. דען ווער זיינען דיא אללע זאקאָנעס-ארויסגעבער? דאָס זיי-נען דאָך אללע רייכע פאָמיעשציקעס, פאבריקאנטען אָדער נאָך אזיינע שיינע מענשען, וואָס קריגען געהאלט פון די רייכע. ניט פון זיי קענען מיר דער-ווארטען זייא זאָלען אומבייטען אללע זאקאָנעס, וואָס זיינען אנטקעגען אונז. די זאקאָנעס-געבער זיינען ניט קיין פאָרשטייער פון איין פאבריקאנט, דאָס זיינען די פאָרשטייער פון ק א פ י ט א ל, פון די קראפט, וועלכע זויגט טראָפען פאר טראָפען אונזער בלוט, וואָס מאכט פון אונז אנ-ארבייטס-מאשין, וואָס נעמט צו פון אונז דעם געשטאלט פון א מענש, וואָס רויבט פון אונז אונזער מענשען-ווערטה. די שטרייט אנטקעגען איינציגע בעלי-בתים מוז זיך שוין ממילא פארברייטערן אנטקעגען אללע בעלי בתים; דיא שטרייט פון איינציגע

מענשען ווערט ברייטער, טיפער און גרעסער און ס'ווערט דערפון א קלאס-סען־קאמפף, ד"ה א קאמפף פון א גאנצען קלאסס ארבייטער אנטקעגען דעם גאנצען קלאס קאפיטאליסטען. דיא קרעפטען, וואס זיינען ביז איצט גע-ווען ציווארפען אין פערשיעדענע שטעדט, מוזען זיך פעראייניגען און ווערען אנ־אלגעמיינע קראפט. דיא זאקאנעס דריקען אללע ארבייטער און בעשיצען אללע קאפיטאליסטען, אלע ארבייטער דעריבער, דארפען צוזאמען וואקסען אין איינעם און צוזאמען שליסען זייערע קרעפטען, עס זאל ווערען דערפון א שטארקע, שרעקליכע קראפט, וואס זאל שטרייטען אנטקעגען קראפט פון אונזער שונא, אנטקעגען קאפיטאל. אזויא וויא דיא קאפיטאליסטען דארפען מיר אויך טאהן. יעדער קאפיטאליסט בענוגענט זיך ניט מיט זיינע אייגענע קרעפ-טען, אללע קאפיטאליסטען צוזאממען גיבען ארויס זאקאנעס אנטקעגען ארביי־טער. דיא זאקאנעס דאס איז זייער שטארקסטער געווער אנטקעגען אונז. מיר, ארבייטער, דארפען אויך אזוי טאהן, מיר דארפען זיך פעראייניגען צוזאממען, ווייל אונזערע אלעמענס אינטערעסען זיינען גלייך און דארפען ארויס שטעלען אזיינע פאדערונגען, וואס זיינען גוט פאר אללע ארבייטער. שטרייטען דארפען מיר מיט דיא זעלביגע מיטלען, וואס מיר האבען ביז איצט געשטרייט אנט-קעגען איינציגע בעלי־בתים. דיא איינציגע סטאצקעס האבען אונז אויסגעלערנט צום שטרייט אנטקעגען אייניקע בעלי-בתים; דיא סטאצקע, וואס מיר וועלען פיהרען פעראייניגטערהייד מיט דיא רוססישע פוילישע און אנדערע ארבייטער, וועט דערי-בער קענען זיין אזויא שטארק, אז זיא וועט נייטהען פראוויטעלסטווא אומצוביי־טען דיא זאקאנעס אנטקעגען אונז. דער מיטעל האט אויך געהאלפען אונזערע ברידער אין בעלגיען. דיא ארבייטער פון דער גאנצער לאנד האבען געמאכט איינע סטאצקעס און זייא האבען דערמיט אזויא צוגעדריקט פראוויטעלסטווא, אז זיא האט זיך געמוזט אונטערגעבען אונטער דיא לעצטע סטאצקע, וואס האט געדויערט ניט מעהרער וויא א וואך, און האט געמוזט געבען דיא ארביי-טער דיא רעכט, וואס זייא האבען געפאדערט. בייא אונז איז נאך אין 1886־טען יאהר געווען א סטאצקע פון 13 טויזענד מענשען, וועלכע האבען ארויסגע-שטעלט, אויסער זייערע אייגענע פאדערונגען, נאך א פאדערונג פון אללע אר-בייטער, אז דיא שטראף געלט זאל געהען ניט צום בעל־הבית, נאר צו דיא ארבייטער. פראוויטעלסטווא האט איצטער מיט אייניגע חדשים צוריק נאך גע־געבען דיא ארבייטער אין דיא פאדערונג און האט ארייגעפיהרט אזא זאקאן. דער בעל־הבית האט מורא פאר ז יי נ ע פעראייניגטע ארבייטער; אללע בעלי־הבתים ווידער צוזאמען מיט זייערע געזעץ-געבער האבען אויך מורא פאר די פער־אייניגטע ארבייטער פון דער גאנצער לאנד. נאר פריער איידער צו מאכען אנ-אלגעמיינע שטרייט דארפען זיין קליינע שטעדטישע שטרייטען. דיא קליינע שטריי-טען לערנען אויס און געוויינען צו דעם ארבייטער צום שטרייט, אין דיא קליינע שטרייטען זעהען דיא ארבייטער, וויא דיא זאקאנעס שטייען זייא וויא א ביין אין האלדז, וויא זייא לאזען ניט שטרייטען.

דיא שווערקייט פון א משא קענען מיר פילען נאר דאן, וויא דיא משא ליגט אויף אונזער פלייצעס; דיא דריקונג פון דיא זאקאנעס קענען מיר נאר דאן דערפיהלען, ווען מיר זעהען, אז זייא שטערען אונז, און דאס קענען מיר דערזעהן נאר דאן ווען מיר שטרייטען מיט אונזערע בעלי-בתים. אט צו וואס דיא שטרייט מיט איינציגע בעלי-בתים איז אונז נאך נייטהיג; זיא ארבייט

אויס אין אונזער פארשטאנד און מיר הייבען אָן צו פארשטיין, וויא נייטהיג עס איז אונז אראָפּ צו ווארפען דעם שווערען יאָך פון דיא זאקאָנעס, וואָס זיינען געשריעבען אנטקעגען אונז. אין רוססלאנד האָט זיך שוין אָנגעהויבען אזא מין ארבייטער בעוועגונג. עס גייט כמעט ניט פארבייא איין וואָך, ווען מען זאָל ניט הערען וועגען א קליינע אָדער גרויסע סטאצקע. אין פוילען פיהרט זיך אזא שטרייט שוין לאנג. מיר, אידען, קענען זיך גרויס האלטען דער-מיט, וואָס ניט נאָר מיר זיינען ניט אָפּגעשטאנען פון אנדערע ארבייטער, נאָר דיא ערשטע כמעט האָבען מיר אָנגעהייבען צו שטרייטען מיט אונזערע בעלי־בתים.

דער ערשטער מאי פעראייניגט אַלע פאָדערונגען פון אללע ארבייטער אין איינעם, דער טאָג נעמט צוזאממען אללע ארבייטער, וואָס שטרייטען אין רוססלאנד און וויזט זייא, אז אללע פאָדערונגען פון דיא רוסישע ארבייטער זיינען גלייך; דער ערשטער מאי גיט מוטה און ענערגיע די ארבייטער.

נאָר מיר, אויסער דעם וואָס מיר זיינען ארבייטער, מיר זיינען נאָך אידישע אר־בייטער. מיר ליידען אויסער דיא זאקאָנעס אנטקעגען אללע ארבייטער, נאָך אויך פון דיא זאקאָנעס, וואָס זיינען ארויסגעגעבען ספעציאלגע אנטקעגען אי-דען. מיר, אלזאָ, אויסער וואָס מיר דארפען צוברעכען דעם אלגעמיינעם וואנט, דארפען מיר נאָך צוברעכען דעם וואנט, וואָס איז אוועג געשטעלט פאר אידען. דיא זאקאָנעס אנטקעגען אידען ווייזען אונז גאנץ גוט, פון וועמעס קאָפּ דיא זאקאָנעס גייען ארויס. זייא ווייזען אז די רעדעל-פיהרער זייגען דיא קאפיטא-ליסטען, וואָס סטארעוועז זיך מיט אַלע מעגליכקייט צו פאר דורענען דעם ארבייטער דיא קאָפּ, כדי ער זאָל ניט פארשטיין און ניט וויסען זיינע אייגענע אינטערעסען, זיין אייגענע לאגע. אָט לאָמיר זעהן. דער זאקאָן און צוזאמען מיט איהם דיא טעלער־לעקער, די צייטונג-שרייבער שרייען אין איין קול, אז דער אידישער נאראָד בעשטייט פון עקספלואטאטאָרס, פיאווקעס, וואָס זיינען אויס דיא בלוט פון רוססישען נאראָד. מיר ארבייטער וויסען גאנץ גוט, וויפיל אמת עס איז דאָ אין דיא ווערטער, מיר וויסען וויא וויים דער אידישער ארבייטער, וואָס פארדינט מיט זיינע בלוט און שוויים א שטיקל טרוקענע ברוים, איז אַנ־עקספלואטאטאָר. אונז, פון וועמען דיא בעלי-בתים זיינען געגרייט אראָפּ צו שינדען דיא הוים און ארויס צונעמען דיא לעצטע כחות, כדי מען זאָל אויפטאָהן מיט א שטיקל ארבייט מעהרער פאר דיא זעלביגע שכירות, אונז וואָס ליידען הונגער און נייטה, רופט מען אָן „עקספלואטאטאָרס״! מיר, אר-בייטער, עקספלואטירען דעם רוססישען נאראָד! און ווער נאָך זאָגט דאָס? דער רוססישער זאקאָן, וואָס וויל פון אונז צונעמען אַלע מעגליכקייטען צו פארבעסערן אונזער לאגע; דאָס זאָגען דיא קאפיטאליסטען, וואָס אליין ווערען זייא דיק און גראָב אויפין רוססישען נאראָד׳ס חשבון, וואָס אליין זייגען זייא אויס די מארך פון נאראָד, נאָר ארײן צו חאפּין א קאָ-פּיקע מעהרער פארדינסט. דיא זעלביגע קאפיטאליסטען, וואָס רופען ארויס מיט זייערע שטראָפען און אנדערע קרוצקעס צווישען ארבייטער „בונטען״ און רופען דערנאָך סאָלדאטען איינצושטילען דיא „בונטען״ מיט ביקסען און חארמאטען! אָט דיא, אָט דיא קאפיטאליסטען ריידען דאָס אויף אונז, אידישע ארבייטער! דאָס איז שוין א צו גרויסער, א צו עפענטלעכער ליגען, אז מיר זאָלען דארפען ענטפערען אויף דערויף. נאָר דיא קאפיטאליסטען ארט וויי־

ניג, ווען זייערע ווערטער זיינען ניט דערוויזען מיט פאקטען: וייא ווילען נאָר ארויס רופען א נאציאָנאלנע פיינדשאפט; זייא ווילען נאָר פארבלענדען דיא ארבייטער דיא אויגען און זייא אָנרייצען אויף גאָר אומשולדיגע מענשען און זייא דערגרייכען טאקי זייער ציעל. דיא אידישע פאָגראָמען אויף וועלכע מען האָט צורויבט דיא ווירטשאפט גאָר אָהן אַן-אונטערשייד צו פון רייכע פאבריקאנטען צו פון אָרעמע ארבייטער, דיא פאָגראָמען דאָס איז דער רעזולטאט פון זייער ארבייט. ווען דיא ארבייטער הייבען זיך אויף אנטקעגען זיי אליין, אנטקעגען דיא קאפיטאליסטען, שיקען זייא ארויס זייערע ווייסע-חברהניקעס, שלאָגען אידען און זאָגען אלעמען, אז דיא ארבייטער האָבען זיך ניט געבונטעוועט אנטקעגען זייא, נאָר אנטקעגען דיא אידען. אזייא איז געוועזן אין 1892־טען יאָהר אין לאָדז. א גרויסע מאססע ארבייטער פון 60—70 טויזענט מאן האָט דאן געפייערט דעם ערשטען מאי און האָבען דאן ארויס געשטעלט א פאָדערונג מען זאָל פארקירצערן דעם ארבייטס-טאָג, דיא סטאצקע האָט געדויערט 6 טעג. אז דיא פאבריקאנטען האָבען דערזעהן, אז קיינע פראָבעס העלפען ניט, אז אפילו דיא סאָלדאטען מיט זייערע הארמאטען קענען אויך ניט נייטען דיא ארבייטער צו דער ארבייט, זיינען זייא צוזאמען מיטען גובערנאטאָר געפאלען אויף אזא מין המצאה: זייא האָבען אָנגעדונגען חברה-לייט, וועלכע זייא האָבען געהייסען שלאָגען אידען און דערנאָך האָבען זייא געשריבען אין אללע צייטונגען, אז די סטאצקע איז גאָר לא היה ולא נברא, דאָס איז גאָר א פראָסטער אידישער פאָגראָם. אזויא האָט מען אויך געטאָהן אין ווארשע.

אָט אין דאָס ליגט דער גאנצער סוד פון אנטיסעמיטיזם אין אונזער צייט. מיט זייער פאָליטיקע אנטקעגען אידען ווילען זייא צוויי פעולות האָבען: ערשטענס פארקלענערען זייא דערמיט דיא קאָנקורענציע פון דיא אידישע פאבראקאנטען און ווידער קערען זייא אָפּ דעם געדאנקען פון דיא ארבייטער פון זייער אמת׳ן שונא און ווייזען זייא אָן אויף א פיינד, וועלכען זייא, דיא קאפיטאליסטען האָבען אויסגעקלעהרט. און דער אידישער ארבייטער ליידט דערפון אין צווייען. זייענדיג צוזאמענגעשפארט אויף איין קליינע שטיקעל ערד, ניט האָבענדיג קיין רעכט צו פאָהרען אנדערס וואו אין רוססלאנד זוכען א שטיקעל ברויט, אויב עס איז אין דער היים ניטאָ, קריכענדיג איינע אויף דיא אנדערע, זיינען מיר געניטה אראָפּ צו ווארפען דיא געהאלט, קאָנקורירען איינע מיט דיא אנדערע און פארקויפען אונזער האָרעוואניע פאר אומזיסט. אונזער שטרייט מיט דיא בעלי־בתים ווערט דערפון שווערער: דער בעלי־הבית קען לייכט קריגען אנדערע ארבייטער, וואָס ווילען ארבייטען פאר וועלוועלער, ווייל זייא האָבען ניט וואָס צו עסען, וואָס ווילען ארבייטען כאָטשי 15 שעה אין מעת־לעת נאָר ניט צו פארלירען דיא שטעלע, וועלכע עס איז ניט אזויא גרינג צו געפינען. אויסער דעם ליידען מיר נאָך אויך דערפון, וואָס דיא זאָקאָנעס אנטקעגען אידען דערווייטערן אונז, אידישע ארבייטער, פון אונזערע ברידער רוססישע ארבייטער. מיר קענען זיך מיט זייא ניט בעגעגענען. מיר קענען זייא ניט אויפווייזען פאקטיש, אז ניט מיר זיינען זייערע פיינד, ניט מיר זייגען זייערע עקספלואטאטאָרס. מיר זיינען אָפּגעריסען פון זייא ערשטענס צוליב דעם, וואָס מיר טאָרען ניט וויינען אין רוססישע שטעדט און ווידער דערמיט, וואָס צוליב דיא זאקאָנעס און קאפיטאליסטישע צייטונ-

גען, וועלכע העצען זייא אויף אונז, דערווייטערן זיך פון אונז דיא רוסישע ארבייטער און האָבען אונז פיינד. אָט זיינען דיא רעזולטאטען פון דיא פּאָלי-טיקע אנטקעגען אידען, פון דיא פּאָליטיקע פון רוססישע פּראַוויטעלסטוואָ. אָבער ניט לאנג קענען עקסיסטירען אזיינע בעהאנדלונגען. עס זיינען שוין דאָ אפילו פאקטען וואָס דערווייזען אונז, אז דיא רוססישע ארבייטער צייגען זיך איבער וואָס ווייטער אלץ מעהרער אין דעם, אז מיר אידישע ארבייטער, זיינען ניט זייערע שונאים און פארקעהרט, מיר זיינען זייערע ברידער, וועלכע זיינען זייא געגרייט צו שטיצען אין א שלעכטע צייט; זייערע ברידער, וועלכע רעכענען פאר אן אנ-אונגליק זייער אומגליק. מיר האָבען געשיקט שטיצע אויף א רוססישע סטאצקע, מיר האָבען אין אייגענעם פאל בעקוממען פון זייא שטיצע. דיא פאָריגע וואָך האָט זיך געקאָנצעט א סטאצקע אין אָשמיאַני, אין וועלכע עס האָבען אָנטייל גענוממען סייא רוססישע, סייא אידישע, סייא פוילישע ארבייטער און האָבען זיך אללע געהאלטען אזויא פעסט, אז זייא האָבען געוואונען דיא סטאצקע אין גאנצען.

וואָס מעהרער עס וועט זיך ענטוויקלען דער ארבייטער בעוועגונג, דאָס אלץ וועט שטארקער ווערן דער בונד צווישען דיא אידישע און רוססישע אר-בייטער און עס וועט קוממען דיא צייט, ווען מיר וועלען קענען ארויסשטע-לען אלגעמיינע פאָדערונגען. דער ערשטער מאי קען אין דעם הינזיכט זייער פיעל אויפטאָהן. דער טאָג וועט דערווייזען דיא רוססישע ארבייטער, אז צווי-שען אידען זיינען טאקי דאָ עקספּלואטאטאָרס, אָבער עס זיינען אויך דאָ אר-בייטער, וואָס טרעטען ענערגיש ארויס אנטקעגען זייא און אנטקעגען דיא רוססישע זאקאָנעס. דער יום-טוב וועט זייא דערווייזען, אז זייא דארפען אויף אונז קוקען וויא אויף מוטהיגע, ענערגישע העלדען, וואָס זיינען געגרייט צו פארגיסען זייער לעצטען טראָפּען בלוט פאר דיא ארבייטערס אינטערעסען. דאן וועט פארשוואונדען ווערען דער האס, דיא שנאה צווישען פארשידענע פעלקער, דאן וועלען זיך פעראייניגען נאָר דיא קרעפטען פון דיא ארבייטער און דער פעראייניגונג וועט ברייגען נוטצען סייא אידען, סייא קריסטען, דיא ארבייטער בעוועגונג, וועלכע פערברייטערט זיך וויא צווישען קריסטען אזויא אויך צווישען אידען, וועט ווירקען אויף דעם ארבייטערס פערשטאנד און וועט אוועקשטופען פוןביידען דיא נאציאָנאלע שנאה. דאן וועט דער רוססישער ארביי-טער פארשטיין, אז דיא פּאָליטיקע אנטקעגען אידען איז שעדליך פאר די אללגע-מיינע אינטערעססען, ער וועט פערשטיין אז אנטיסעמיטיזם טהיילט פאנאנדער דאָס, וואָס מוז זיין פעראייניגט. דער רוססישער ארבייטער וועט ניט נאָר ניט זיין אנטקעגען דעם, מען זאָל געבען אידען אלגעמיינע רעכטען, נאָר פארקעהרט, ער וועט זיך נאָך סטארעווען מען זאָל צורייסען דיא קייטען, מיט וועלכע מען האָט געשמידט דעם אידען. נאָר דאָס דארפען מיר ניט פארגעסען, אז דאָס איז מעגליך נאָר דאן, ווען דיא אידישע ארבייטער וועלען ענערגיש שטרייטען צו פארבעסערן זייער לאגע.

נאָר עפשער זאָללען מיר גאָר פארשפּאָרען צו פעראייניגען זיך מיט דיא רוססישע ארבייטער; עפשער איז גאָר גלייכער צו מאכען יד אחת מיט אונ-זערע בעלי-בתים אידען און צוזאמען מיט זייא זיך דערשלאָגען אלגעמיינע רעכטען? מיר האלטען פאר איבריג צו ענטפערען אויף דיא פראגע נאָך אלעם דעם, וואָס מיר האָבען אויבען געזאָגט. אונזערע בעלי־בתים זיינען ניט אזויא

פאראינטערעסירט צו דערשלאָגען זיך אלגעמיינע רעכטען, וויא מיר ארביי־טער. פאראינטערעסירט אין דעם קענען נאָר זיין קליינע קאפיטאליסטען, וואָס עסען זיך אויף איינע דיא אנדערע, דיא גרויסע פארקעהרט פארדינען פון אזיינע זאקאָנעס: זייא האָבען צוליב דעם אפולע ליידיגע ארבייטער, וועלכע מען קען קריגען פאר א גאנץ נידריגע געהאלט. יעדערער דאכט זיך ווייס, אז אין ליטווע איז די שכירות א סך נידריגער וויא אין גאנץ רוסלאנד נאָר צוליב דעם, וואָס אין ליטווע זיינען אָנגעשפארט אפולע ליידיגע אידישע ארבייטער. און צוליב דעם קענען דיא גרויסע קאפיטאליסטען פארגרעסערען וייערע מייסטערסקאיעס, פאבריקעס, זאוואָדען און עס לייענט זייא פאנאנ־דערצושיקען זייערע סחורות אין גאנץ רוסלאנד. אויסער דעם איז דער גרוי־סער קאפיטאליסט ניט אזוי געדריקט מיט דיא זאקאָנעס, וויא ארבייטער. נאָכ׳ן זאקאָן נאָך קענען אידישע סוחרים פון ערסטע און צווייטע גילדיע זיין אין רוסלאנד צוליב זייערע געשעפטען א גאנץ היפשע צייט: דיא ערשטע קענען וויינען 6 חדשים און די צווייטע 3 אין יאָר. אזא סראָק איז גאנץ גע־נוג צו מאכען „געשעפט״. אויסער דעם קענען נאָך די סוחרים קריגען א ראז־ריעשעניע צו פארברייגגען לייגגער אין (רוססלאנד) ראססיע, אויב נאָר זייא האָבען דאָס גאנץ נייטהיג. ניט פאר די אידישע קאפיטאליסטען איז זיך צו שלאָגען; זייא קענען צוליב־ן שטרייט עפעס וואָס געווינען, אָבער זייא קענען אפולע פארל־רען.

אז דאָס איז אזויא, קענען מיר פארשטיין פון דאָס, וואָס מיר האָבען ניט לאנג געזעהן מיט די אויגען. בשעת עס איז געווען דיא סטאַצקע בייא עדעל־שטיינען האָט דער היגער שטאָט־מגיד געהאלטען א רעדע פאר דיא ארבייטער, אין וועלכע ער האָט זייא געוואָלט דערווייזען, אז דיא שטרייט אנטקעגען עדעלשטיינען קען שאָדען דעם גאנצען אידישען נאציאָן, דען פראוויטעלסטוואָ קען דאָס אָננעמען פאר א שטרייט אנטקעגען איהר. בשעת עס איז געווען ניט לאנג דיא סטאַצקע אין אָשמיאנע האָבען דיא דאָרטיגע פאבריקאנטען אראָפּ געפאָדערט דעם סמארגאָנער מגיד, וועלכער האָט זייא אויך געוואָלט דערווייזען דיא זעלביגע, וואָס דער היגער [ווילנער] מגיד. דערפון זעהען מיר, אז אונזערע קאפיטאליסטען וועלען ניט אזויא גערען שטרייטען מיט פרא־וויטעלסטוואָ.

נאָר ניט איבער דאָס אליין קענען מיר זיך ניט פעראייניגען מיט דיא קא־פיטאליסטען. פעראייניגען זיך מיט זייא איז גלייך וויא אוועג ווארפען שטריי־טען, ס־איז גלייך וויא זיך אין גאנצען איבערגעבען אין דיא קאפיטאליסטישע הענט, וויא פארניכטען אין זיך יעדער פערשטאנד פון דיא אייגענע אינ־טערעסען; ס־איז גלייך וויא צו מאכען פון זיך א געוועהר פאר אונזערע פיינד. אזיינע ביישפילען זיינען שוין געווען גאנץ גענוג אין אויסלאנד: דיא ארביי־טער האָבען דאָרטען פארגאָסען זייער בלוט פאר אזעלכע רעכטען, וואָס האָט געבראכט נוטצען נאָר דיא קאפיטאליסטען. מיר האָבען שוין אויבען געזעהן, אז נאָר דיא שטרייט מיט אונזערע בעלי־בתים גיט אונז שכל צו פארשטיין, וויא ווייט עס דריקען אונז דיא רוססישע זאקאָנעס; נאָר דיא פראקטיקע דער־ווייזט אונז ווי ווייט דיא זאקאָנעס זיינען שלעכט פאר אונז; נאָר דיא שטרייט אנטקעגען בעלי־בתים פעראייניגען אונז מיט אזיינע שטארקע מיטברידער וויא דיא רוססישע און פוילישע ארבעטער. פארבינדען זיך מיט דיא בעלי־

בתים הייסט פארשטעלען יעדער וועג צו פארבעסערען אונזער לאגע, אראפ צוווארפען פון זיך דיא שווערע, דריקענדע זאקאנעס, דאס הייסט אויסבייטען א שטארקען מיטברודער אויף א שונא, וואס שטעלט זיך כלומרשט ארויס פאר א בעל-טובה, פאר א מענשען, וואס זארגט פאר׳ן אידישן נאראד, דאס הייסט פעראייניגען זיך מיט אזיינעם, וואס איז געגרייט אללע ווילע, וויא נאר עס וועט שמעקען מיט עטליכע רובעל פארדינסט, צו בעשיצען זיך אונטער דיא זאקאנעס, וועלכע דריקען אונז, אונטער דיא פאליציע, וועלכע שטיקט אונז.

אלזא, אראפ יעדער פעראייניקונג מיט דיא בעלי-בתים! שטרייט אנטקעגען זייא פאר אונזער לאגע! שטרייט פאר אונזערע רעכטען, שטרייט פאר פרייע סטאצקעס, סאבראניעס, שטרייט פאר א פרייען ווארט. לאמיר אויפהייבען הייך, גאנץ הייך אונזער פאנע! לאמיר אללע זיך ברידערליך פעראייניגען אונ-טער אונזער הייליגען פלאג! לאמיר זיך צווינשען, דאס איבער א יאהר זא-לען זיך אונטער אונזער פלאג צונויפנעמען אללע ארבייטער אין רוסלאנד, אללע ארבייטער פון אללע פארוואָרפענע פינסטערע ווינקעלאך פון אונזער גרויסע און ברייטע פאטערלאנד; איבער א יאהר זאל אין דעם טאג ארויס-געשטעלט ווערן אללגעמיינע פאדערונגען און דער טאג זאל ארויסרופען אנ-אללגעמיינע שטרייט פאר אונזערע רעכטען!...

---

# דער יִדישער אַרבּעטער

# „דער ייִדישער ארבעטער"

אינמיטן פון די 90־ער יאָרן האָט די סאָציִאַליסטישע באַוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער פון ווײַסרוסלאנד, ליטע און פוילן, געלאָזן טיפע וואָרצלען. דאָ האָט זיך פארשפרייט א שטרײַקכוואליע איבערן גאנצן געגנט. עס האָבן אָנגעהויבן צו דערשײַנען געשריבענע, העקטאָגראפירטע און געדרוקטע בלעטלעך און בראָשורן. און די ייִדישע סאָציִאַל־דעמאָקראטישע גרופּעס האָבן גענומען טראכטן וועגן שאפן א געדרוקטן אָרגאן. דער פּלאן איז פארווירקלעכט געוואָרן, און אין דעקאבר 1896 איז דערשינען דער ערשטער נומער פון „ייִדישער ארבעטער", וועלכער איז ארויס אלס „אָרגאן פיר די אינטערעססען דער אידישען ארבייטער אין רוסלאנד" מיט דעם לאָזונג „ארבעטער פון אלע לענדער. פאראייניקט אײַך". דער ערשטער נומער פון „ייִדישן ארבעטער" האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א קליין ביכעלע פון 52 זײַטן. דער אינהאלט פון דעם ערשטן נומער איז אזא: 1) א קורצע דערקלערונג „פון דער רעדאקציִאָן" וועגן די אויפגאבן און צילן פון „ייִדישן ארבעטער"; 2) א ווענדונג „צו די לעזער". דערנאָך גייען א ריי קאָרעספּאָנדענצן פון פארשיידענע שטעט פון ווײַסרוסלאנד און פוילן און א קאָרעספּאָנדענץ פון פּעטערבורג. די קאָרעספּאָנדענצן שילדערן דאָס לעבן און קאמף פון די ארבעטער אין פּעטערבורג, ביאַלאָסטאָק, ווארשע, ווילנע, מינסק, ווילקאָווישק א. א.

אין דער דערקלערונג „פון דער רעדאקציִאָן" ווערט געזאָגט, אז די רעדאקציע פון „ייִדישן ארבעטער" האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו שאפן „א ייִדישע ארבעטער־סאָציאַליסטישע אָרגאניזאציע", וועלכע זאָל קענען ווערן א טייל פון דער צוקונפטיקער אלגעמיינער סאָציִאַליסטישער ארבעטער-פארטיי פון רוסלאנד און אויך:

1) ערקלעהרען די פּאָליטישע אויפגאבען פון רוסישען פּראָלעטאריאט בכלל און פון אידישען בפרט; 2) ענטוויקלען דאָס קלאססען בעוואוסטזיין פון אידישען פּראָלעטאריאט און 3) באקאנט מאכען מיט פּראקטיקע און געניטקייט פון דיא שטרײַטענדע ארבייטער־גרופּפען אין רוססלאנד און אין מערב-אייראָפּא".

האגאמ די נייטיקייט פון שאפן א ייִדישע סאָציאַליסטישע אָרגאניזאציע ווערט ניט באגרינדעט דורך נאציאָנאליסטישע סעפּאראטיסטישע מאָטיוון, און האגאמ די רעדאקציע פון „ייִדישן ארבעטער" דערקלערט ריכטיק, אז די פארניכטונג פון דער זעלבסטהערשונג און די דעראָבערונג פון פּאָליטישע רעכט איז מעגלעך צו דערגרייכן נאָר דורך די פאראייניקטע קרעפטן פון אלע ארבעטער פון אלע פעלקער, איז קלאָר, אז מיט דעם, וואָס די רעדאקציע פון „ייִדישן ארבעטער" האָט זיך געשטעלט פאר אן אויפגאבע צו שאפן א באזונדערע ייִדישע סאָציִאַליסטישע אָרגאניזאציע, האָט זי זיך גלײַך געשטעלט אפּ א סעפּאראטיסטישן שטאנדפּונקט און מיט דעם געהאָלפן אײַנפלאנצן מארטאָווס נאציִאָנאליסטישן געדאנק וועגן דער נייטיקײַט פאר דעם ייִדישן פּראָלעטאריאט צו שאפן א באזונדערע אָרגאניזאציע. אָבער בוילעטער און קלאָרער ווערט כאָרמולירט מארטאָווס נאציאָנאליסטישער געדאנק אין צווייטן פּראָגראמ־ארטיקל פון „ייִדישן ארבעטער"—„צו די לעזער". אויך אין דעם דאָזיקן ארטיקל ווערט אייניקע מאָל דערקלערט, אז

„די מער אנטוויקלטע ייִדישע ארבעטער רעכענען דאָס אראָפּווארפן די רוסישע זעלבסטהערשונג און דאָס דעראָבערן זיך פּאָליטישע פרײַהײַט פאר די וויכטיקסטע אויפגאבן פון אונדזער צײַט. אפן ערשטן פּלאן, פארשטייט זיך, שטעלן זיי דעם שטרײַט מיט דער רוסי-

שער רעגירונג פאר די אלגעמיינע ארבעטער־אינטערעסן און רעכט, וועלכע עס דארפן זיך דערשלאָגן די ארבעטער פון אלע נאציעס, וואָס וווינען אין רוסלאנד״.

אָבער גלייכצייטיק מיט דעם ווערט איבערגעכאזערט מארטאָווס׳ געדאנק, אז די יידישע ארבעטער דארפן זיך ניט פארלאָזן אף אנדערע, קעדיי זיך דערשלאָגן פולשטענדיקע פּאָליטישע פרייהייט. אויב מארטאָוו האָט דעם ערשטן מיי 1895 דערקלערט, אז די יידישע ארבעטער קענען זיך ניט פארלאָזן אף די רוסישע, פּוילישע און אנד. ארבעטער אף צו דערשלאָגן זיך פולשטענדיקע באפרייונג ווערט אין דעם פּראָגראם־ארטיקל פון „יידישן ארבעטער״ מארטאָווס געדאנק פארמולירט אף אזא אופן:

„די מער אנטוויקלטע און באוווסטזיניקע טייל פון יידישן פּראָלעטאריאט רעכנט פאר נייטיק ארויסצושטעלן די פאָדערונג (פון גלייכע בירגערלעכע רעכט פאר יידן — ש. א.)



# „דער אידישער ארביימער״

ארגאן פיר די אינטערעססען דער אידישען ארביימער אין רוססלאנד.

ארביימער אללער לענדער פעראייניגט אייך.

## פון דער רעדאקציאן.

די אידישע ארביימער בעוועגונג, וועלכע איז שוין איצטער א [illegible] ביסעל פערשפרייט אין דער גאנצער געגענד, וואו אידען פעגען וואוינען, ענטוויקעלט זיך ווייטער אלין מעהרער און מעהרער. וואס ווייטער [illegible] צו צו דער בעוועגונג אלין מעהרער שטעדט, און אין די שטעדט, וואו [illegible] שטרייט פיהרט זיך שוין פון לענגער — אלין נייע מלאכות. און [illegible]־ מען מיט דער ענטוויקלונג פון דער ארביימער בעוועגונג ענטוויקעלט זיך ביי די ארביימער אויך די איבערצייגונג, או אום ווירקליך צו פערבעססערן זייער לאגע מוזען זיין פעראייניגט די ארביימער פון אללע שטעדט און אללע מלאכות, און ערסט דאנן קענען די ערווארטעטע ווינשענע פערבעססע־ רונגען. די אידישע ארביימער־מאססע וואס האט שוין [illegible] אפין שטרייט, נעמעט זיך וואס ווייטער אלין מעהרער און [illegible], וועלכע זאל אבשפיגלען אין זיך און ערקלערען דעם שטרייט, וועלכען די [illegible] מאססע פיהרט. ווי גרויס עס זיינען די בעדערפניס און נויטהי־ [illegible] אין אזא ליטעראטור בעווייזט גענוג דייטליך דאס, וואס אין יעדער [illegible]ם, וואו נור עס איז דא איינער מאכסען אין ארביימער־בעוועגונג [illegible]ען פאראן פיעל געשריבענע בראָשירען, ביכלאך, וועלכע ערקלערען [illegible] קלאססען־שטאנדפונקט פערשיעדענע לעבענספראגען. וואס נוגע איז צו [illegible] ארביימער פון יענער שטאדט, אזוי אויך אללגעמיינע פראגען. די [illegible]־ [illegible]קונג און גרויס פערשפרייטקייט פון דער ארם ליטעראטור בעווייזען

טיטל־בלעטל פון דער בראָשור „דער יידישער ארבעטער״. פארקלענערט אף $^{1}/_{3}$. די דאטע פון דערשיינען ניט אנגעוויזן. דערשינען אין דעקאבער 1896 י.

דערפאר, ווייל זי איז איבערצייגט, אז יעדער איינציקע געזעלשאפטלעכע גרופּע, וועלכע וויל זיך ווירקלעך דערשלאָגן איר ציל, וואָס זי שטעלט זיך אוועק, מוז ריישיס קאָכמע האָפן אף אירע אייגענע קרעפטן און ניט פארלאָזן זיך אף דער גוטסקייט, פרומקייט, אָרנטלעכקייט און פּאָליטישן טאקט פון אנדערע גרופּעס״.

ווי מיר זעען, זיינען דאָ נאָר די ווערטער „פּוילישע, רוסישע און אנדערע ארבעטער״ געביטן געוואָרן אף „געזעלשאפטלעכע גרופּעס״. עס איז אָבער קלאָר, ווי דער טאָג, אז די רע־ דאקציע פון „יידישן ארבעטער״ האָט זיך געשטעלט אף מארטאָווס נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס

אונ האָט אפ א פארשטעלטנ אויפנ גערופנ די ייִדישע ארבעטער ניט צו פארלאָזנ זיכ אפ די ארבעטער פונ אנדערע פעלקער אינ קאמפ פאר „גלײַכע בירגערלעכע רעכט פאר ייִדנ".

כוצ די סעפאראטיסטישע טענדענצנ, מיט וועלכע עס זײַנענ דורכגעדרונגענ סײַ די דערקלערונג „פונ דער רעדאקציאָנ" פונ „ייִדישנ ארבעטער" אונ סײַ דער פראָגראמ־ארטיקל „צו די לעזער", זײַנענ ביידע ארטיקלענ דורכגעדרונגענ מיט דער טענדענצ פונ עקאָנאָמיזמ.

אינ דער ערשטער דערקלערונג פונ דער רעדאקציע ווערט געזאָגט:

> „אינ דער איצטיקער צײַט זײַנענ די פראָפעסיאָנעלע פאריינענ (קאסעס אונ אכדעס, וועלכע די ארבעטער מאכנ צווישנ זיכ, אומ צו שטרײַטנ אנטקעגנ זייערע באלעבאטימ) דער איינציקער קוואל פונ פראָלעטאריאטס מאכט".

אינ דעמ צווייטנ ארטיקל „צו די לעזער" ווערט פארטיידיקט דער געדאנק וועגנ דער נייטיקײַט פונ איבערגאנג־פאזנ אינ דער ארבעטער־באוועגונג, ד. ה., אז פריער מוז דער ארבעטער דורכגיינ א שטופע פונ ריינעמ עקאָנאָמישנ קאמפ, קעדיי ער זאָל זײַנ פייִק צו באטייליקנ זיכ אינ פאָליטישנ קאמפ. די דאָזיקע „טעאָריע" פונ פאזנ אָדער שטופנ פונ קאמפ האָט אנטוויקלט אלעקסאנדר קרעמער אינ זײַנ בראָשור וועגנ אגיטאציע. די דאָזיקע „טעאָריע" האָט באהערשט דעמ גרעסטנ טייל פונ דער דעמלטדיקער באוועגונג אונ אפ דעמ שטאנדפונקט האָט זיכ געשטעלט דער „ייִדישער ארבעטער". אינ דעמ ארטיקל „צו די לעזער" ווערט די „שטופנ־טעאָריע" פונ קאמפ אזוי באגרינדעט:

> „דער עקאָנאָמישער קאמפ האָט גײַסטלעכ אונ מאָראליש איבערגעביטנ די ייִדישע ארבעטער אונ האָט א היפש ביסל פארבעסערט זײַער מאטעריִעלנ לעבנ. די גרעסערע סכירעס, אביסל מער רו, וועלכע דער ייִדישער ארבעטער האָט זיכ דערקעמפט אינ דעמ שטרײַט, האָבנ אימ ניט נאָר פארזיכערט עטוואָס א מענטשלעכנ לעבנ—וואָס דאָס פאר זיכ האָט אויכ א גרויסע ווערדע—נאָר זיי האָבנ אויכ פארפארטיקט א באָדנ, א פונדאמענט פאר דער אנטוויקלונג פונ קלאסנ־באוווסטזײַנ. זיי האָבנ געהאָלפנ דעמ ייִדישנ ארבעטער פארשטיינ די קעגנזעצלעכקײַט פונ די קאפיטאליסטנס אונ ארבעטערס אינטערעסנ דערווײַל אינ איר איינפאכסטער פאָרמע, וועלכע דריקט זיכ אויס אינ די עטלעכע ווערטער: וואָס גרעסער דעמ קאפיטאליסטס פארדינסט איז, דאָס קלענער איז דעמ ארבעטערס סכירעס, אונ פארקערט. ווי איינפאכ אונ פארשטענדלעכ, דאכט זיכ, דאָס איז ניט, דאָכ פארשטייט דאָס די מ א ס ע ארבעטער ניט גאנצ גרינג. ניט דער קאמפ אליינ, וועלכנ די ארבעטער פירנ קעגנ זייערע באלעבאטימ, ניט די אגיטאציע, וואָס מע פירט אינ דער צײַט פונ שטרײַט זײַנענ ניט גענוג, אומ די מ א ס ע ארבעטער זאָלנ עס גרינטלעכ פארשטיינ. די אגיטאציע, וואָס פירט זיכ אינ דער צײַט פונ שטרײַט רויערט צו ווייניק, פירט זיכ אינ אײַלעניש אונ איז אזוי צוגעפאסט צו דעמ אָדער יענעמ צופאל, אז עס איז אומעגלעכ, אז זי זאָל קענענ אינ א געוויינטלעכנ מיטעלנ מענטשנ פונ דער מאסע איינפלאנצנ אנ ערנסטנ געדאנק. די אידייע וועגנ דער קעגנזעצלעכקײַט פונ די קאפיטאליסטנס אונ די ארבעטער־אינטערעסנ הייבנ אָנ די ארבעטער צו פארשטיינ נאָר דאנ, ווענ עס פירט זיכ א מער אָדער ווייניקער דויערהאפטע אונ שטענדיקע פראָפאגאנדע. אזא פראָפאגאנדע אָבער איז אומעגלעכ צו פירנ איידער די ארבעטער האָבנ כאָטש עפעס פארבעסערט זייער מאטעריִעלנ לעבנ, דענ צו קליינע סכירעס אונ א צו גרויסער ארבעט־טאָג מאכנ אומפייִק דעמ מענטשנ צו פראָפאגאנדע".

די דאָזיקע „טעאָריע", אז עס איז ביכלאל אומעגלעכ א סאָציאליסטישע פראָפאגאנדע צווישנ די ארבעטער, איידער זיי האָבנ דורכגעמאכט די פאזע פונ עקאָנאָמישנ קאמפ, האָט געבראכט דערצו, אז א טייל פונ די עקאָנאָמישע קאסעס האָבנ אינגאנצנ ניט געוואָלט פירנ א פאָליטישע אגיטאציע, אונ דאָס האָט צוגעגרייט א גוטנ באָדנ פארנ עקאָנאָמיזמ צווישנ א גרויסנ טייל פונ די ייִדישע ארבעטער פונ ווײַסרוסלאנד אונ ליטע, אונ דאָס האָט שפעטער אויכ געבראכט צו דעמ, אז זובאטאָוו זאָל קענענ האָבנ א גוטנ באָדנ צווישנ א טייל ייִדישע באלמעלאָכעס פאר זײַנ „ייִדישער אומאָפּהענגיקער ארבעטער־פארטיי" אונ פאר זײַנ אגיטאציע, אז דער ארבעטער דארפ זיכ נאָר פארנעמענ מיטנ עקאָנאָמישנ קאמפ אפ צו פארבעסערנ זײַנע טעגלעכע אינטערעסנ.

די איבעריקע ארטיקלענ פונ „ייִדישנ ארבעטער" שטעלנ מיט זיכ פאָר באריכטנ פונ א ריי שטעט וועגנ דער לאגע פונ די ארבעטער אונ וועגנ די שטרײַקנ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ יענער צײַט. פונ די דאָזיקע באריכטנ באקומענ מיר א גענויע בילד וועגנ דער באוועגונג פונ יענער צײַט אינ די דאָזיקע שטעט. כאראקטעריסטיש איז דער פאקט, וואָס די באריכטנ (אויסער דעמ באריכט פונ ווארשע) זייִנענ ניט דורכגעדרונגענ מיט קיינ נאציאָנאליסטישע אונ סעפאראטיסטישע

טענדענצן. אין די אַלע באַריכטן פֿון די ערטער זעט מען, אַז די ייִדישע אַרבעטער זײַנען אין די שטרײַקן געגאַנגען האַנט בײַ האַנט מיט די ניט־ייִדישע אַרבעטער און וועגן דער דאָזיקער פּראָ־לעטאַרישער אייניקייט ווערט אָנגעוויזן אין אַ רײ באַריכטן, וועלכע זײַנען געווען געדרוקט אין די ערשטע 5 נומערן „ייִדישער אַרבעטער“, ד. ה. אין די נומערן איידער דער דאָזיקער אָרגאַן איז געוואָרן אַ בונדישע אויסגאַבע. אין אַ באַריכט פֿון ווילנע וועגן איינעם פֿון די שטרײַקן ווערט דערקלערט:

„געוויינטלעך איז בײַ אונדז אין רוסלאַנד אָנגענומען, אַז ייִדן און קריסטן האַסן איינע די אַנדערע, אַז צווישן זיי איז קיין פֿרײַנטשאַפֿט ניט מעגלעך. פּראַוויטעלסטוואָ פֿון איר זײַט זעט מיט קאָלאָמעגלעכקײַט און מיט אַלערליי רעדיפּעס אונטערצוהאַלטן די פֿײַנטשאַפֿט צווישן די פֿאַרשיידענע פֿעלקער, וואָס וווינען אין רוסלאַנד“.

„...נאָר די אַרבעטערשע אינטערעסן זײַנען גאָר אַנדערע. זיי דאַרפֿן מיט אַלע מיטלען פֿאַרקלענערן דעם האַס צווישן זיך, פֿאַר וועלכן עס האַלטן זיך אַזוי שטײַף די רײַכע קלאַסן און וועלכע זיי זוכן אײַנצופֿלאַנצן בײַ די אַרבעטער אויך. אַזאַ סטאַטשקע, ווי די וועגן וועלכע מיר האָבן פֿריִער גערעדט, ווײַזט קלאָר אויף די אַרבעטער, אַז בײַ אַלע אַר־בעטער, סײַ ייִדן, סײַ ליטווישע, סײַ רוסישע און סײַ פּאָלנישע — בײַ אַלעמען פֿון זיי קלאַפּט אין האַרצן איין גליך — דאָס האַרצן פֿון פּראָלעטאַריער, אַז זיי אַלע האָבן איינע אינטערעסן, איין פֿײַנט, און דעריבער דאַרפֿן זיי, ווען עס קומט זיי נאָר אויס, שטרײַטן צוזאַמען קעגן דעם געמיינזאַמען פֿײַנט. און טאַקע דער שטרײַט פֿאַר די אַרבעטער־אינטע־רעסן וועט אינגאַנצן צעשמעטערן אַלע נאַציאָנאַלע פֿאַרהאַסונגען און פֿײַנטשאַפֿט און עס וועט שליסן איין פֿעסטן בונד צווישן קריסטלעכע און ייִדישע אַרבעטער. אַלע ווילנער אַר־בעטער האָבן דעריבער מיט גרויס פֿרייד געטראָפֿן די סטאַטשקע בײַ ליאַכינסקין, אין וועלכער די ייִדישע אַרבעטער האָבן צוזאַמען מיט זייערע ברידער די קריסטלעכע געשטריטן און מענאַצייעך געווען“.

אין אַזאַ גײַסט זײַנען דורכגעדרונגען קימאַט אַלע באַריכטן פֿון די ערטער.

אַן אויסנאַם איז נאָר דער באַריכט פֿון וואַרשע, אין וועלכן דער אַווטאָר ווײַזט אָן, אַז די ייִדישע אַרבעטער פֿון וואַרשע זײַנען אָפּגעשטאַנען דערפֿאַר, ווײַל די ייִדישע אינטעליגענץ איז אַוועק פֿון די ייִדישע אַרבעטער, און

„זײַנען געוואָרן פּאָליאַקן מיט לײַב און זייל, די פּוילישע שפּראַך — איז געוואָרן זייער שפּראַך, די פּוילישע ליטעראַטור — זייער ליטעראַטור. די ייִדישע אַרבעטער־מאַסע האָט פֿאַר זיי גאָרניט עקזיסטירט. פֿאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס די פּוילישע אַרבעטער־באַוועגונג עקזיסטירט, האָט מען פֿאַר די ייִדישע אַרבעטער אַרויסגעגעבן נאָר איין ביכל „וועך פֿון וואָס לעבט“,* אַ ביכל, וועלכער קען ניט נוצן פֿאַר דער גאַנצער מאַסע. זיי אַלע, די ייִדישע פֿאָרשטייער, זײַנען געווען נוצלעך נאָר דער פּ ו י ל י ש ע ר אַרבעטער־באַוועגונג. זיי האָבן פֿאַרשפּרייט פֿאַרשטאַנד נאָר צווישן דער פּ ו י ל י ש ע ר אַרבעטער־באַוועגונג. זיי זײַנען אָבער געווען גאַנץ אומנוצלעך פֿאַר דער ייִדישער אַרבעטער־מאַסע זיי זײַנען ניט אַרײַנגעגאַנגען אין אירע אינטערעסן, די ייִדישע אַרבעטער זײַנען געבליבן אַלץ בלינד, אומאַנטוויקלט, פֿאַריאָגט, נידערגעשלאָגן, אָן פֿאַרשטאַנד, אָן פֿאַרלאַנג צו קעמפֿן פֿאַר זייערע אינטערעסן“.

ווי מיר זעען, האָט דער אַווטאָר פֿון דער קאָרעספּאָנדענץ זיך געשטעלט אויף אַ נאַציאָנאַליסטי־שער פּאָזיציע אין זײַנע טײַנעס צו דער אינטעליגענץ, וועלכע האָט, אַרבעטנדיק אין די אַלגעמיינע רייען פֿון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג, גלײַכצײַטיק ניט געפֿירט קיין אַרבעט צווישן די ייִדישע אַרבעטער אין דער ייִדישער שפּראַך. אָנשטאָט צו אָנווײַזן, אַז מיט אַזאַ האַנדלונג באַגייען די ייִדן־סאָציאַליסטן אַ גרויסן פֿעלער, האָט דער אַווטאָר פֿון דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענץ באַשולדיקט די דאָזיקע ייִדן־סאָציאַליסטן, אַז זיי זײַנען „געוואָרן פּאָליאַקן מיט לײַב און זייל“.

אַזוי שטעלן די פֿראַגע האָבן נאָר געקענט נאַציאָנאַליסטן און אַזוי טאַקע האָבן ניט איינמאָל געשטעלט די פֿראַגע די ציוניסטן פֿון פֿאַרשיידענע מינים. אויב די רעדאַקציע פֿון „ייִדישן אַרבע־טער“ האָט אַזאַ קאָרעספּאָנדענץ געדרוקט אָן וועלכער ניט איז באַמערקונג, ווערט קלאָר, אַז די רעדאַקציע האָט אין די ערשטע נומערן פֿון „ייִדישן אַרבעטער“ געפֿירט אַ צווייִקע פּאָליטיק: פֿון איין זײַט האָט זי גערעדט וועגן דער נייטיקײַט פֿון אַן איינהייטלעכן קאַמף־פֿראָנט פֿון אַלע אַר־בעטער פֿון אַלע פֿעלקער, און פֿון דער צווייטער זײַט האָט זי געשטעלט סעפּאַראַטיסטישע צילן

---

* דאָ ווערט געמיינט ש. דיקשטיינס ביכל „פֿון וואָס איינער לעבט“.

צו שאפן א באזונדערע ייִדישע ארבעטער־אָרגאניזאציע צוליב מארטאָווס נאציאָנאליסטישע מאָטיוון און מיט דעם געהאָלפן צוגרייטן דעם באָדן פון בונדיזם, וועלכע האָט געפונען זײַן פולן אויסדרוק אין נום. 6 „ייִדישן ארבעטער", ווען דער דאָזיקער אָרגאן איז געוואָרן אן אָפיציעלע אויסגאבע פון „בונד".

פון נום. 6 הייבט זיך אָן די בונדישע עפּאָכע פון „ייִדישן ארבעטער" און פון נומער 6 האָט דער דאָזיקער אָרגאן אופגעהערט צו פירן א צווייִיקע פּאָליטיק און האָט זיך גאנץ אָפן געשטעלט אף נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס: אין דעם דאָזיקן נומער איז אָפּגעדרוקט געוואָרן זשיטלאָווסקיס* אַן ארטיקל: „ציִעניזם און סאָציאליזם", אין וועלכן דער איצטיקער נאצפאשיסט איז ארויסגעטראָטן קעגן ציִעניזם און זיך אָבער גלײַך געשטעלט אף נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס פון אַן אנדער שטאנד־פּונקט. אין דעם דאָזיקן ארטיקל האָט זשיטלאָווסקי צום ערשטן מאָל באגרינדעט די „טעאָריע וועגן דער פעריאָדיזאציע פון דער סאָציאליסטישער באוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער". ער (זשיטלאָווסקי) האָט עס געמאכט די „אנטדעקונג", אז די סאָציאליסטישע באוועגונג צווישן די ייִדישע ארבעטער האָט זיך אָנגעהויבן ווי א „קאָסמאָפּאָליטישע", און אז די ערשטע ייִדן־סאָציאליסטן האָבן זיך פריִער באשעפטיקט נאָר מיט ארבעטער־פראגן.

„אָבער וואָס נעגעטער די ייִדישע סאָציאליסטן זײַנען געקומען צו דעם ייִדישן פאָלק, אלץ מער האָבן זיי געמוזן אײַנזען... אז דאָס ייִדישע פאָלק האָט אויך רעכט צו לעבן, ווי א פאָלק אף דער וועלט. אָנשטאָט נאָר די בירגערלעכע גלײַכע רעכט מיט אלע מענטשן׳ וואָס די בורזשואזיע האָט עס אויך געפאָדערט, האָבן די ייִדישע סאָציאליסטן אופגעשריבן אף זייער פאָן נאציאָנאלע גלײַכע רעכט מיט אלע פעלקער, און זײַנען אָנגעגרייט צו שטרײַטן אָט פאר דעם העכסטן אידעאל פון דעם ייִדישן פאָלק".

דעם דאָזיקן ארטיקל האָט דער „בונד" גלײַך ארויסגעגעבן ווי א באזונדערע בראָשור און דאָס איז געווען דער ערשטער נאציאָנאליסטישער דאָקומענט פון „בונד".

אין דעם זעלביקן נום (6) „ייִדישער ארבעטער" איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אן אופרוף צו דער ייִדישער אינטעליגענץ, וועלכער איז אויך דורכגעדרונגען מיט די זעלביקע נאציאָנאליסטישע טענדענצן, ווי זשיטלאָווסקיס ארטיקל. די סיבע, פארוואָס עס איז געשאפן געוואָרן דער „בונד", ווערט אזוי דערקלערט:

„ווײַל מע האָט געמוזט אײַנפירן מונדלעכע און שריפטלעכע אגיטאציע דאפקע אין זשאר־גאָן, און ווײַל מע איז דערגאנגען, ווי נייטיק עס איז צו קעמפן פאר די ספּעציעלע ייִדישע רעכט, איז ארײַן דער ראיען צו גרינדן א זעלבשטענדיקע אָרגאניזאציע פון ייִדישן פּראָ־לעטאריאט".

אף וויפל דער נום. 6 „ייִדישער ארבעטער" האָט זיך געשטעלט אף נאציאָנאליסטישע פּאָזיציעס באווײַזן ניט נאָר זשיטלאָווסקיס ארטיקל און דער אופרוף צו דער ייִדישער אינטעליגענץ — אפילע די כראָניק־נאָטיצן זײַנען אויך דורכגעדרונגען מיט נאציאָנאליזם.

אין דער צײַט ווען דער נומער 6 „ייִדישער ארבעטער" האָט זיך געדרוקט, איז געשטאָרבן קאָרל מארקס א טאָכטער און אין דער כראָניק ווערט געבראכט א נאָטיץ וועגן איר טויט, און אָט וואָס מיר לייענען אין דער דאָזיקער נאָטיץ וועגן עלעאָנאָרע מארקס:

„אזוי האָט געארבעט מארקס טאָכטער... זי איז ניט געווען אזא בארימטער מענטש, ווי איר פאָטער. זי איז געווען אן אײנפאכע פרוי, נאָר זי איז ווערט געווען איר פאָטערס נאָמען. און די ארבעטער וועלן זי ניט פארגעסן. אויך די ייִדישע ארבעטער האָבן נאָך מער אורזאכן צו דערמאָנען זי מיט גוטן. זי האָט העכסט פרײַנטלעכ און ווארעם האָלט געהאט אונדזער פאָלק: עס האָט איר שטארק געברענט דאָס הארץ אף די פארפאָלגונגען, וועלכע די ייִדן לײַדן, און זי פלעגט מיט גרויסקײַט זאָגן: „איך בין א יודין", אָנווײַזנדיק מיט דעם אף איר ארויסקומען פון ייִדן..."

ווי מיר זעען, קומט אויס, אז דעם גרעסטן פארדינסט, וואָס עלעאָנאָרע מארקס האָט געהאט פאר די פירער פון דעם נײַ־געגרינדעטן „בונד", באשטייט נאָר הויפּטזאכלעך אין דעם, וואָס זי האָט שטאָלצירט מיט איר ייִדישער אָפּשטאמונג...

די נאציאָנאליסטישע ארטיקלען פון 6 נומער „ייִדישער ארבעטער" האָט אפילע ארויסגע־רופן אן אומצופרידנקײַט אין אייניקע בונדישע אָרגאניזאציעס. דער ווארשעווער קאָמיטעט פון „בונד" האָט אפילע געפונען פאר נייטיק צו פארשפרייטן דעם 6־טן נומער מיט זײַנע באמערקונגען,

* אונטער דעם פסעוודאָנים בן־אהוד.

אינ וועלכע ער האָט דערקלערט, אז ער איז ניט אײַנשטימיק מיט די נאַציאָנאליסטישע ארטיקלענ, גענומט פונ זיכ אראָפּ וועלכע ס'איז פאראנטוואָרטלעכקײַט. צוזאמענ מיט דעמ האָט מענ אפילע פאר־שפּרייט קלאנגענ, אז דער ווארשעווער קאָמיטעט איז ארויס פונ „בונד״. אינעמ 8־טנ נומער פונ „יידישער ארבעטער״ איז געווענ געווידמעט א נאָטיצ, אינ וועלכער מע האָט באשולדיקט דעמ ווארשעווער קאָמיטעט, אז „ער האָט געבראָכנ די פארטיי-דיסציפּלינ״.

דער נומער 6 „יידישער ארבעטער״ האָט מיט דער גאנצער קלאָרקײַט געוויזנ דעמ נאַציאָנאַליסטישנ כאראקטער פונ „בונד״. די דאָזיקע פאקטנ באוויַיזנ, ווי שענדלעכ עס פעלשנ די געשיכטע די, וועלכע שרייבנ איצט, אז די אנטשטייונג פונ „בונד״ איז געווענ די ערשטע ארייַנדרינגונג פונ פּראָלעטארישנ אינטערנאציאָנאליזמ אינ דער יידישער ארבעטער־סוויווע, אונ אז דער דאָזיקער „אינ־טערנאציאָנאליזמ״ איז געקומענ אינ דער יידישער ארבעטער-סוויווע אָרגאניש אונ ניט ווי דער אינטערנאציאָנאלזמ פונ קאָמינטערנ, וועלכער איז געקומענ צו דער יידישער ארבעטערשאפט פונ אויסנ אונ מיט „גרויסע שוועריקײַטנ״. אזא „טעאָריע״ האָט אנטוויקלט דער כ׳ מ. ליטוואקאָוו אינ זײַנ נאַציאָנאליסטישנ ביכל „פינפ יאָר יידישער מעלוכע-טעאטער״.

אזא פעלשונג פונ פאקטנ איז מעגלעכ געווענ נאָר אדאנק דעמ, וואָס די בונדישע היסטאָ־ריקער אונ די אפּאָלאָגעטנ פונ „בונד״ האָבנ זיכ באמיט צו פארלייקענענ די פאקטנ וועגנ נאַציאָ־נאליסטישנ כאראקטער פונ „בונד״ אינ די ערשטע יאָרנ פונ זײַנ עקזיסטענצ.

* * *

מיר דרוקנ איבער דעמ גאנצנ ערשטנ נומער פונ „יידישער ארבעטער״, ווײַל דאָס איז דער ערשטער געדרוקטער ארבעטער-אָרגאנ אפ יידיש אינ רוסלאנד, אונ, צווייטנס, דערפאר, ווײַל דער ערשטער נומער איז אָנגעפילט מיט אויסערגעוויינלעכ־אינטערעסאנטנ מאטעריאַל, וועלכער גיט א בילד וועגנ דער סאָציאַליסטישער באוועגונג אינ ווײַסרוסלאנד אונ אויכ אינ פּוילנ פונ די 90־ער יאָרנ.

דער ערשטער נומער „יידישער ארבעטער״ איז דערשינענ אינ זשענעווע, געדרוקט אינ טויזנט עקזעמפּליארנ. דער צווייטער אונ דריטער נומערנ זײַנענ ארויס אינ א פארגרעסערטנ פאָרמאט. פונ דעקאבער 1896 ביז 1905 איז דערשינענ 17 נומער נ פונ דעמ דאָזיקנ אָרגאנ). ער האָט זיכ די גאנצע צײַט געדרוקט אינ אויסלאנד (זשענעווע, לאָנדאָנ). אייניקע ווײַזנ אָנ, אז דער ערשטער נומער האָט זיכ געדרוקט אינ בערלינ.

---

# „דער אידישער ארבייטער״

## אָרגאַן פיר די אינטערעססען דער אידישען ארבייטער אין רוסלאנד

---

ארבייטער אללער לענדער פעראייניגט אייך!

### פון דער רעדאקציאָן

די אידישע ארבייטער-בעוועגונג, וועלכע איז שוין איצטער א רעכט ביסעל פערשפרייט אין דער גאנצער געגענד, וואו אידען מעגען וואָהנען, ענטוויקעלט זיך ווייטער אלץ מעהרער און מעהרער. וואָס ווייטער שטעהען צו צו דער בעוועגונג אלץ מעהרער שטעדט, און אין די שטעדט, וואו דאָס שטרייט פיהרט זיך שוין פון לענגער—אלץ נייע מלאכות. און צוזאמען מיט דער ענטוויקלונג פון דער ארבייטער באוועגונג ענטוויקעלט זיך ביי די ארבייטער אויך די איבערצייגונג, אז אום ווירקליך צו פערבעססערן זייער לאגע מוזען זיין פעראייניגט די ארבייטער פון אללע שטעדט און אללע מלאכות, און ערסט דאנן קענען זיי ערוואַרטען וויכטיגע פערבעססערונגען. די אידישע ארבייטער-מאססע וואָס האָט שוין ארויסגעטרעטען אופין שטרייט, בעטיגט זיך וואָס ווייטער אלץ מעהרער אין א ליטעראטור, וועלכע זאָל אָבשפיגלען אין זיך און ערקלעהרען דעם שטרייט, וועלכען דיא זעלביגע מאססע פיהרט. ווי גרויס עס זיינען דיא בעדערפניס און נעטהיגקייט אין אזא ליטעראטור בעווייזט געננג דייטליך דאָס, וואָס אין יעדער שטאָדט, וואו נור עס איז דאָ אייניגער מאססען איין ארבייטער-בעוועגונג זיינען פאראן פיעל געשריבענע בראָשירען, ביכלאך, וועלכע ערקלעהרען פון א קלאססען-שטאנדס פינקט פערשיעדענע לעבענספראגען, וואָס נוגע איז צו דיא ארבייטער פון יענער שטאָדט, אזיי אויך אלגעמיינע פראגען. די ענטוויקלונג און גרויס פערשפרייטקייט פון דער ארט ליטעראטור בעווייזען אויך דייטליך אויף דעם, אז עס נעהענטערט זיך שוין די צייט, ווען דיא איינציגע, בעזונדער-שטרייטענדע גרופפען פון אידישען פראָלעטאריאט וועלען זיך פעסט פעראייניגען אין איין ארבייטער סאָציאליסטישע אָרגאַניזאציאָן. מיר זיינען ווייט פון דעם געדאנקען צו נעהמען אויף זיך אויסצופיהרען דיא שווערע אויפגאבע, דאָך, האָפפען מיר, אז אונזער אָרגאַן וועט זיין א התחלה פון אזא פעראייניגונג. — און אום מיטצווירקען דער גרינדונג פון א אידישער

אַרבייטער סאָציאַליסטישען אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע זאָל קענען ווערען א טהייל פון דער צוקינפטיגער אַלגעמיינער סאָציאַליסטישען ארבייטער פּאַרטיי אין רוסלאַנד, — ווע‍לען מיר 1) ערקלעהרען דיא פּאָליטישע אויפגאַבען פון רוססישען פּראָלעטאַריאַט בכלל און פון אידישען בפרט; 2) ענטוויקלען דעם קלאַססען בעוואוסטזיין פון אידישען פּראָלעטאַריאַט און 3) באַקאַנט מאַכען מיט פּראַקטיקע און גענישטקייט פון דיא שטרייטענדע ארבייטער גרופּפּען און רוססלאַנד און אין מערב אייראָפּא. דערצו ווע‍לען מיר שטענדיג דורכפיהרען דעם געדאַנק, אז אין דער איצטיגער צייט זיינען דיא פּראָפעססיאָנאַלע פעראיינען (קאַססעס און אחדות, וועלכע די ארבייטער מאַכען צווישען זיך, אום צו שטרייטען אנטקעגען זייערע בעלי בתים) דער איינציגער קוואַל פון פּראָלעטאַריאַטס מאַכט, אז דאָס אראָבוואַרפען די רוססישע זעלבסט הערשונג און ערראָבערן זיך פּאָליטישע רעכטע איז די וויכטיגסטע אויפגאַבע אין אונזער צייט, או אז אויספיהרען דאָס אלעס זיינען אים שטאַנדע מעהר ניט ווי דיא פעראייניגטע קרעפטען פון אַללע ארבייטער, וועלכע וואָהנען אין רוססלאַנד אָן א-נ-אונטערשייד אין וואָס פאַר א קאַנט זיי וואָהנען און צו וואָס פאַר א גלויבען זייא געהערען.

מיר פערשטעהען גאַנץ גוט, אז מיר זיינען צו שוואַך אום צוא ערגרייכען דעם צוועק, וועלכען מיר האָבען זיך אוועגעשטעלט. דיא פאָרשריטטע פון אונזער אונטערנעהמונג ווענדט זיך זעהר פיל פון מיטפיהלען און הילף, פון אונזערע גענאָססען, וועלכע ארבייטען אין ז'ער אידישער און רוססישער ארבייטער מאַססע.

אלער ארט אָנמערקונגען וועגען אונזער אָרגאַן, מאַטעריאַל, קאָרעספּאָנדענציעס און ארטיקלען אויף רוססיש אָדער אידיש נעהמען מיר צו מיט דען גרעסטען דאַנק.

———

# דער אידישער ארבייטער.

### צו דיא לעזער.

אין דער לעצטער צייט האָט זיך שוין אָנגעקליבען גענוג פאקטען, אז מען דארף פשוט האָבען פערשטאָכענע אויגען צו בעהויפטען, אז דאָס אידישע פאָלק בעשטעהט נאָך עד-היום פון מענשען, וועלכע האָבען אללע איינע צרות, ליידען אללע גלייך די אונמענשליכע פערפאָלגונגען פון דיא אומות העולם און וועלכע האָבען דעריבער, אללע דיא זעלביקע אינטערעססען און האָפּפנונגען אין דער צוקונפט. טאָג טעגליך דערווייזט אונז דאָס לעבען, אז אויך אונזער אידיש פאָלק האָט ניט געקענט בייזשטעהן אנטקעגען קאפּיטאליזמוס און, פונקט ווי אללע איבריגע אייראָפּעאישע פעלקער, האָט עס זיך אונטער דעם איינפלוס פון קאפיטאל, צעשפּאָלטען אויף צוויי געגענזעטצליכע קלאססען: בורזשואזיע און פראָלעטאריער. יעדער מענש, וועלכע בעטראכט נאָר אָן א פּניה דעם אידישען לעבען, איבערצייגט זיך באלד. אז אויך מיר אידען זיינען אונטער-וואָרפען דיא אלגעמיינע געזעטצען, לויט וועלכע עס לעבען און ענטוויקלען זיך אללע אייראָפּעאישע פעלקער. אנאיבערפלעכליכער בליק אויף דאָס, וואָס קומט יעדע טאָג פאָר אין אונדזער לעבען, איז גענוג אום צו באמערקען, אז עס איז שוין אויך פאר אונז פערביי ;יא צייט פון „חברים כל ישראל”, דיא צייט ווען מיר אללע אידען האָבען זיך געפיהלט ווי ברידער אונטער דעם יאָך פון ביטערן גלות. יענע צייט איז אוועק, און מיר זיינען צערטהיילט געוואָרען אויף צוויי פיינדליכע לאגערען, די אינטערעססען פון וועלכע זיינען פונקט קאפויער; צווישען אונזערן פראָלעטאריאט און בורזשואזיע האָט זיך אָנגעהייבען דער קלאססענקאמפף, וועלכע מוז זיך און וועט זיך ענדיגען מיט דער מפלה פון די לעצטע און מיט דעם נצחון פון די ערסטע. אונזערע פער-זאָרגער און בעלי טובות, דיא צבוע-יאקעס, מעגען קלאָגען, רייסען זיך דיא האאר פון קאָפּ, וואָס עס פערשווינדעט „דיא אלטע גוטע צייט”, ווען מיר אידען האָבען ניט געוואוסט פון דעם נייעם אייראָפּעאישן חלאס קלאססען-פיינדשאפט און האָבען זיך געלעבט שטיל, רוהיג, ווי גאָטט האָט געבאָטען, אידישע אר-בייטער אָבער האָבען ווייניג וואָס צו באדויערען יענע „אלטע גוטע צייטען”, ווען מיר אידען, זייענדיג פון אלעמען געהאסט און געטריעבען און זינקענדיג אין פינסטערניס און אונוויססענהייט, האָבען אָבגעהושכ״ס אונזער בינטיל יאָהרען אין בויטה, דחקות און אללע אנדערע מיני אָנשיקעניסען, ניט האָבענ-

דיג אפילו קיין האָפפענונג אויף א בעססערע צוקונפט. דער קאפיטאליזמוס האָט געמאכט גרויסע פערענדערונגען אין דעם פערמעגליכען צושטאנד פון פערשיע־דענע גראדען אידען, האָט דעם גרעסטען טהייל פערוואנדעלט אין פראָלעטא־ריער און דער מיט גופא האָט ער זיי ארויסגעפיהרט פון זייערע ד׳ אמות אויף די גרויסע ארענא פון אייראָפעאישען לעבען, וואו דער עקאָנאָמישער קאמפף האָט זיי אריינגעהאפט אין זיינע אייזערנע אָרעמס און האָט איבערגעביטען אין זיי זייערע אלע בעגריפפע, געפיהלען און שטרעבונגען. דער אמאָליגער בעל־מלאָכה, וועלכער האָט זיך געאינטערעסירט מעהר ניט מיט זיין בית־מדרש און חברה תהילים, האָט זיך אָנגעהייבען צו פיהלען אלס מענש, האָט בעקו־מען א גרויסען חשק צו בילדונג, צו פערשטעהען אלעס, וואָס קומט פאָר פאר זיינע אויגען; דער אמאָליגער דערשלאָגענער איד, וועלכער האָט מורא געהאט א קאָפּ אויפצוהייבען, וועלכער האָט זיך געלאָזט טרעטען פון אלעמען אונטער דיא פיס, אָט דער זעלביגער אמאָליגער איד, וועלכער פלעגט ציטערן ווי א בלאט פאר זיין פרנס חודש, מעלדעט איצטער אָפען, אז ער איז סאָלידאר מיט דער אלוועלטליכער ארבייטער בעוועגונג, אָט דיא זעלביגע אמאָל ציטערנדע בריה, ווערענדיג איצטער א פראָלעטאריער, רייכט זיין אויסגעדארטע, מאָזא־ליסטע האנד דיא קעמפפער פאר פרייהייט פון אנדערע נאציאָען און איז גרייט צוזאממען מיט זיי צו שטרייטען פאר א בעססערן לעבען, פאר פרייהייט און פאר מענשליכע רעכטען.

דער עקאָנאָמישער קאמפף האָט גייסטליך און מאָראליש איבערגעביטען די אידישע ארבייטער און האָט א היבשע ביסעל פערבעססערט זייער מאטריא־לישען לעבען. דיא גרעססערע שכירות, א ביסל מעהר רוהע וועלכע דער אי־דישער ארבייטער האָט זיך ערוויבערט אין דעם שטרייט, האָבען איהם ניט נאָר פערזיכערט עטוואָס א מענטשעסערן לעבען—וואָס דאָס פאר זיך האָט אויך א גרויסע ווערדע — נור זיי האָבען אויך פערפארסיגט א באָדנ, א פונדא־מענט פאר דער ענטוויקלונג פון קלאססען בעוואוסטזיין. זיי האָבען געהאָל־פען דעם אידישען ארבייטער פערשטעהען דיא געגענזעצטליכקייט פון דיא קאפיטאליסטענס און ארבייטערס אינטערעססען, דערוויילע אין איהר איינפאכ־סטע פאָרמע, וועלכע דריקט זיך אויס אין דיא עטליכע ווערטער: וואָס גרעסער עס קאפיטאליסטס פערדינסט איז, דאָס קלענער איז דעם ארבייטערס שכירות און פערקעהרט. ווי איינפאך און פערשטענדליך, דאכט זיך, דאָס איז ניט, דאָך פערשטעהט דאָס דיא מ א ס ס ע ארבייטער ניט גאנץ גרינג. נישט דאָס קאמפף אליין וועלכע דיא ארבייטער פיהרען געגען זייערע בעלי בתים, ניט דיא אגי־טאציע, וואָס מען פיהרט אין דער צייט פון שטרייט, זיינען גיט גענוג, אום דיא מ א ס ס ע ארבייטער זאָלען עס גרינדליך פערשטעהען. די אגיטאציע, וואָס פיהרט זיך אין דער צייט פון שטרייט דויערט צו ווייניג, פיהרט זיך אין היילעניס און איז אגב אזוי צוגעפאסט צו דעם אָדער צו יענעם צופאל, אז עס איז אונ־מעגליך, אז זי זאָל קענען אין א געוויינטליכען, מיטעלען מענשען פון דער מאסע איינפלאנצען א״נ־ערנסטען געדאנקען. די אידעע וועגען דער געגענזאצליכקייט פון די קאפיטאליסטענס און די ארבייטער אינטערעססען הייבען אָן די ארביי־טער צו פערשטעהען, נור דאנן ווען עס פיהרט זיך א מעהר אָדער וויניגער

דויערהאפטיגע און בעשטענדיגע פראפאגאנדע. אזא פראפאגאנדע אבער איז אונמעגליך צופיהרען איידער די ארבייטער האבען חאטשי עפעס פערבעסערט זייער מאטעריאלישען לעבען, דען צוקליינע שכירות און א צוגרויסער ארבייטס-טאג מאכען אונפעהיג דעם מענשען צו פראפאגאנדע.

דאס עקאנאמישע קאמפף איז געווען נוטציג דעם אידישען פראלעטאריאט אין נאך א הינזיכט: אויף א געוויססער מדרגה פון איהר ענטוויקלונג האט זי געהאלפען ענטוויקלען זיך ביי דעם אידישען פראלעטאריאט דעם פאליטישען בעוואוסט זיין—דאס איז שוין די העכסטע פארמע פון קלאססען בעוואוסט זיין, און אז ביין אידישען פראלעטאריאט איז שוין פיעל מעהר ענטוויקעלט דאס פאליטישע בעוואוסט זיין האט זיך גענוג דייטליך ארויסגעוויזען אויף דעם יום טוב פון לעצטען מאי, ווען א טהייל פון אידישען פראלעטאריאט האבען געשטעלט געוויסע פאליטישע פאדערונגען, ווי למשל, מען זאל האבען רעכט צו מאכען פעראיינען, סטאטשקעס א. אז. וו. ליידער, פערשטעהען נאך ניט אללע די וויכטיגקייט פון עקאנאמישען שטרייט פאר די פאליטישע ערציהונג, און דאס נייט אונז אבצושטעלען זיך אויף דעם פונקט אביסעל מעהרער. דאס עקאנאמישע קאמפף פון די ארבייטער ברינגט ניט אנדערס דערצו, אז די ארבייטער טרעפען זיך אפט מיט דער פאבריטשנע אינספעקציע, מיט דער פאליציי און אפטע אזעלכענע עסקים, ווי די ארבייטער האבען מיט זיי, דערווייזען בעססער ווי אלץ אלע פעהלערען פון רער רעגירונגס־מאשין. דאס עקאנאמישע קאמפף ענטוויקעלט זיך און די ארבייטער קומט לסוף אויס צו באגעגענען זיך מיט דער גלאוונער, צענטראל-רעגירונג און זיי שטעלען זיך ארײן פאליטישע אופגאבע-שטרייטען מיט דער עקסיסטירענדען רעגירונג. מיר זעהען פון דעם אלזא, אז דער קאמפף פאר די נעטהיגסטע אינטערעססען איז פאר די ארבייטער די בעסטע שוהל, וואו זיי לערנען זיך אויס פערשטעהען ווי נעטהיג עס איז פאר זיי צו ערוויבערן זיך פאליטישע פרייהייט. א ביישפיל וועט עס נאך בעססער ערקלעהרען. די ארבייטער פון דער גרויסער יאראסלאווער מאנופאקטור האבען שוין ניט געקענט מעהר אויסהאלטען די געוויססענלאזיקע אונטערדריקונגען, און, אז מען האט זיי פאר א יאהרען זוממער אראבגענוממען פון די שכירות, זיינען זיי ארויס פון געדולד און האבען געווארפען די ארבייט. אנטקעגען די רוהיגע ארבייטער, וואס האבען קיינעם ניט געטשעפעט, נאר זיי האבען ניט געוועלט שטארבען פון הונגער, האט מען ארויסגעשיקט חיל וועלכע האבען אפילע געראניעט און גע׳הרג׳עט פון די ארבעטער. די סאלדאטען, וועלכע האבען געשאסען די ארבייטער, האט דער קיסר געדאנקט „פארן בריה׳סקייט, און צייטיק בענוטצען די געוועהר״. אזא גובערנאטאר, וואס שיקט ארויס אנטקעגען ארבייטער סאלדאטען, כדי זיי צו צווינגען אונטערצוגעבן זיך, אזא מיליטער״ס מיניסטער וואס בעשטיצט מיט זיין אויטאריטעט די נידערטרעכטיגע מעשים פון גובערנאטאר מיט די סאלדאטען, אזא קיסר, וואס האט געדאנקט בפרהסיה די מערדער, די סאלדאטען, וואס האבען געשאסען די ארבייטער, אט דאס אלץ דערווייזט בעססער ווי טויזענטער חקירות, אז דער קיסר, זיין מיניסטער און אלע איבריגע טשינאווניקעס בענוטצען זעהר גרויסע מאכט צו בעשיטצען די אינטערעססען פון די קאפיטאליסטען און צו׳ם אונטערדריקען דעם ארבייטס-

 12

מאנן. אויב די יאראָסלאווער ארבייטער האָבען נאָך ביז דער סטאטשקע אלץ געגלויבט אין מחשבות טובות פון „צאר באטיושקא", האָט אָט די סטאטשקע מיט אלץ, וואָס עס האָט זיך געפאסירט נאָך איהר, געמוזט ארויסרופען ביי זיי א צווייפעל. עס וואָלט, איבריגסטענס געווען זעהר ניט ריכטיק, אז מען וואָלט זיך געוועלט דרינגען דערפון, אז איינע אזא סטאטשקע איז גענוג אום פאָליטיש צו ערציהען די יאראָסלאווער ארבייטער אום איבער צו בייטען זייערע בעגריפען און מיינונגען, וואָס זיי האָבען וועגען דער העכערער נאטשאלסטוואָ. אמת, אז די סטאטשקע האָט בלתי ספק אונטערגעבראָכען אין זייערע אויגען דעם אויטאָריטעט פון דער קייזערליכן רעגירונג און האָט פערפארטיגט א גוטען פונדאמענט פאר א פאָליטישע פראָפאגאנדע, אָבער דאָך איז דאָס ווייניג דייטליך צו דערווייזען אלע פעהלערן און ארויס צושטעלען דעם קיסר מיט זיין פיהרונג איז זייער ריכטיגען פארב. און באמת איז דאָס גאָר ניט אזאָ לייכט צו פערשטעהן. וואָס אייגענטליך איז דאָס אונזער רעגירונג — דער אָפיציעלער פאָרשטעהער פון דער דעספאָטער רוסישער מעלוכע? האָבענדיג א גרויסע ארמיע מיליטער און געהאָרכזאממער טשינאָווניקעס, א גוט אָרגאניזירטע פאָליציי און טויזענדער זשאנדארמען און שפיאָנען, בענוצט זיך די רוסישע רעגירונג מיט איהר אונגעהייער גרויסען מאכט ערסטענס, אויסצוהאלטען א גאנצע באנדע פאראזיטען, וועלכע רופען זיך מיט דעם נאָמען „קייזערליכע הויז", צו מאכען זיך אלץ רייכער און צו ערפיהלען איהר עהרען — ליעבע (תאות הכבוד). צווייטענס סאנקציאָנירט זי די עקספלואטאציע פון די רייכע קלאססען דעם אָרעמען ארבייטסמאנן און דערמיט העלפט זי אונפערמיטעלט די ערסטע ווערען אלץ רייכער: די געזעצטע, וועלכע משפט"ן צו דעם ארבייטער טורמע פאר"ן מאכען א סטאטשקע געגען די בעלי בתים, די זעלביגע געזעצטע שטראָפען דעם קאפיטאליסט פאר דעם זעלביגען פארברעך געגען די ארבייטער כדי, למשל, צו פערקליינערן די שכירות — מעהר ניט מיט געלט, די מיניסטאָרען, וועלכע פערבאָטען און זיינען אונמענשליך רודף די פעראיינען פון די ארבייטער, די זעלביגע מיניסטאָרען, ניט נור זיי ערלויבען די קאפיטאליסטען מאכען אזעלכע פעראיינען, נאָר אדרבה זיי העלפען זיי נאָך און נעהמען זיי אונטער זייער שוטץ, ווי צ. ב. ש. דעם סינדיקאט פון דיא צוקער-פאבריקאנטען — דעם רויבערשען פעראיין, וועלכער בעשטימט נאָך זיין גוטען ווילען נאָך מקחים אויף אזאָ נעטהיגע זאך, ווי צוקער, די זעלביגע רעגירונג וועלכע פערוועהרט זעהר שטריינג די ארבייטער צוזאממען צוקלויבען זיך, זי אליין פלייסט אלערליי מיני צוזאממענפאָהרונגען פון די קאפיטאליסטען און הערט זיך זעהר אויפמערקזאם צו צו זייערע נייטהען, בערערפניססע און פערלאנגען. די סיסטעם פון דירעקטע און אונדירעקטע שטייער פאָרדערט פון קאפיטאליסט כמעט קיין אויסגאבען ניט אויף אויסצוהאלטען די מלוכה, נאָר זי ווארפט ארויף די גאנצע משא אויף דעם אָרעמען ארבייטער; די זעלביגע סאָלדאטען, וועלכע מלוכה שיקט ארויס געגען די ארבייטער, בעת זיי, די לעצטע, מאכען א סטאטשקע אנטקעגען זייערע בעלי-בתים, די זעלביגע סאָלדאטען זיינען זיך מוסר נפש, פערגיסען זייער בלוט פון דער בורזשואזיעס טובה וועגען, אום איינצונעהמען פאר איהרע סחורות

נייע פלעצטער. מלוכה סטראַיעט בעהנער, העלפט גריגדען פּריוואַט-בענק, לייגט ארויף מאוימדיגע גרויסע פּאַשלינעס אויף אויסלענדישע סחורות; מלוכה גיט ארויס שטיק קאפּיטאליסטען אויף צו דורך פיהרען אייזען באהנען, לייטה זיי אויף קליינע פּראַצענטען גוזמאות געלט, — דאָס אלץ טהוט זי כדי צו פער-גרעססערן דעם מסחור, צו בעשיצען די רוסישע קאפּיטאליסטען פון די אויס־לענדישען קאָנקורענץ, מיט איין וואָרט צו מאכען אלץ רייכער און שטארקער די רוסישע בורזשואזיע. אָט וואָס עס איז אונזער רעגיערונג און אין וואָס עס בעשטעהט איהר בורזשואזנער קלאססען־חאראקטער! אָט די פּאָליטיקע, אין וועלכע עס דריקט זיך דייטליך אויס דער קלאססען-חאראקטער פון רו־סישער מלוכה, איז די ארבייטער זעהר שווער צו בענעהמען מיטאמאָל און גוט ערקלעהרען זיך דאָס אלעס קען די ארבייטער-מאססע נאָר פּאמעליך און ביסלעכווייז, וואָס מעהרער זי וועט זיך בעגעגענען מיט דער אָרגאניזירטע פיינדליכע מאכט פון דער רעגירונג. מעהר ניט אפילו אזעלכע פאקטען, וועלכע זאָלען דערצו זיין ווי מען דאַרף גוט ערקלעהרט, קענען איבערצייגען די אר־בייטער, אז אונזער רעגירונג און אונזערע קאפּיטאליסטען בענוטצען זיך מיט דער פּאָליציי, ווי מיט דעם בעסטען מיטעל צום אונטערדריקען די ארבייטער; מעהר ניט א שטענדיגע פּראָפּאגאנדע, וואָס זאָל ערקלעהרען דעם ארבייטער אלץ, וואָס קומט פאָר אין זיין לעבען, איז אים שטאנדע דייטליך צו דערווייזען איהם, אז די רוסישע זאקאָנעס, ריכטער, פּאָליציי, טשינאָווניקעס מיט זייערע קאנצעליאריעס, — אלץ צוזאממען בילדעט א אונגעהייער גרויסע און שטארקע פּרעסס-מאשינע צום אויסקוועטשען פון ארבייטער זיינע לעטצטע עצמות און אוועג געבען דאָס די קאפּיטאליסטען, אלס מעהר-ווערטה, און דער רעגירונג, אלס פערשידענע אָבצאָהלונגען, וועלכע זי פערשווענדעט אויף אלערליי אויס־ברייגעריי און לוקסוס און אויף וועלכע זי האלט אויס באנדעס זשאנדארמעס און שפּיאָנען, ארמעען סאָלדאטען און קאָזאקען, וועלכע זיינען יעדער מינוט גרייט צו באפאלען אויף די ארבייטער און מיט ביקסען און הארמאטען פער-שטיקען יעדער אייניגער מאסען ערנסטע בעוועגונג געגען די קאפּיטאליסטען. און ווירקליך, ערסט נאָך דעם ווי די פּראקטיקע פון לעבען האָט מיט איהרע ביטערע לעהרע דערוויזען די ארבייטער, אז עס איז אומעגליך צו געהען ווייטער אויף דעם וועג, אויף וועלכען זיי האָבען שוין געשטעלט די ערסטע טריט, אז דאָס ווייטערדיקע פערבעססערן דעם לעבען איז אונמעגליך, אז די עקסיסטירענדע אָרדנונגען און פּאָליטישע סיסטעם שטערט זיי מעהר ווי אלץ פאָרטצוזעטצען זייער אָנגעהייבענע ארבייט, אָט ערסט דאן האָבען די ארבייטער אָנגעהייבען דייטליך צו פערשטעהן, ווי נייטיג עס איז פאר זיי פּאָליטישע פרייהייט, און אז אָן דעם קעננען זיי ניט אויסקוממען ווי א פיש אָן וואססער, און ערסט דאן האָבען זיי אויף זייער פּאָהנע ארויסגעשטעלט די פאָדערונג פון פּאָליטישע פרייהייט.

ווי זי' מעשה איז א מעשה, אָבער דאָס איז זיכער, אז די מעהר ענטווי-קעלסטע אידישע ארבייטער רעכענען דאָס אראָפּוואַרפען די רוסישע זעלבסט-הערשונג און דאָס עררויבערען זיך פּאָליטישע פרייהייט פאר די וויכטיגסטע אויפגאבען פון אונזערע צייט. אויף ערסטען פּלאַן, פערשטעהט זיך, שטע־

לען זיי דאָס שטרייט מיט דער רוסישער רעגיערונג פאר די אלגעמיינע אר-בייטער אינטערעססען און רעכטען, וועלכע עס דארפען זיך דערשלאָגען די ארבייטער פון אלע נאציאָנען, וואָס וויינען אין רוסלאנד, דאָך פערגעססען זיי ניט אויך די ספעציעלע אידישע פאָדערונג און רעכענט פאר נעהטיג ארויס צו שטעלען אויף איהר פאָהנע אויך די פאָדערונג פון גלייכע בירגערליכע רעכטען פאר אידען. די מעהר ענטוויקלטע און בעוואוסטזייענדע טהייל פון אידישען פראָלעטאריאט רעכענט פאר נעטהיג ארויס צו שטעללען די פאָדע-רונג דער פאר, ווייל זי איז איבערצייגט, אז יעדער איינציגע געזעלשאפט־ליכע גרופפע, וועלכע וויל זיך ווירקליך דערשלאָגען איהר ציעל, וואָס זי שטעלט זיך אוועג, מוז ראשית חכמה, האָפפען אויף איהרע אייגענע קרעפטען און ניט פערלאָזען זיך אויף די גוטסקייט, פרומקייט, אָרענדליכקייט און פאָלי־טישען טאקט פון אנדערע גרופפעס, אז יענע וועלען איהר שוין פערזאָרגען מיט אלץ, וואָס זי דארף. דאָס איז די ערסטע זאך. צווייטענס, וויא מיר ווי-סען שוין, איז אין אָנהייב גלייכער און צוועקמעססיגער צו פיהרען א פאָלי-טישע פראָפאגאנדע אויף דעם פונדאמענט פון די טאָגטעגליכע און נעטהיגסטע אינטערעססען פון דער מאססע, אויפווייזענדיג און ערקלעהרענדיג איהר די פאָליטישע אונטערדריקונגען און פערפאָלגונגען, פון וועלכע זי ליידט מעהרער און אָפטער. אויף וויפיעל אידישע ארבייטער פיהלען דעם יאָך פון גלות און ווי שלעכט דאָס ווירקט אויף זייער גייסטליכען און מאטעריאלישען לעבען איז יעדערן גאנץ גוט בעוואוסט. אידען מעגען וואָהנען מעהר ניט אין עטליכע גובערניעס. די גאנצע ארבייטער מאססע איז פערזאממעלט סך הכל אין עטליכע שטעדט; יעדערער וויל עססען, מען קאָנקורירט אויף וואָס די וועלט שטעהט און פאר א הונגער לוין איז מען געצוואונגען צו האָרעווען ווי טאָג אזוי נאכט. דאָס איז, אז מען האָט ארבייט, אָבער ווער איז דאָס אזא בעל מזל? אויף יעדער שטיקעל ארבייט איז דאָ א מי יודע וויפיעל בעלנים, און מאס-סען ארבייטער געהען טאקי ארום ליידיג. א חוץ דעם דאָס שטענדיג ליגען אין איין אָרט און האָבען א פערקעהר מיט די זעלביגע מענשען ווירקט אויך זעהר שלעכט אויף אפולע גייסטליכע זייטען פון אידישען ארבייטער, צווייטענס, זונדערט דאָס אָב די אידישע ארבייטער פון די רוסישע.

מיר רעכענען פאר נייטהיג צו באמערקען, אז דער אידישער פראָלעטא-ריאט קען אויך ווייניג האָפפען ,אויף הילף פון דער בורזשואזיע אין זיין שטרייט פאר בירגערליכע גלייכע רעכטען. עס קען פיעלען אויסקוממען, אז דער מיינונג אונזערער איז ניט ריכטיג, אין אמת"ן אָבער, ווען מען זאָל זיך בעטראכטען, איז זיך לייכט צו איבערצייגען אין דעם. ביי אונז אין רוסלאנד איז דאָ ווי יעדערען איז בעוואוסט, אפולע געזעצטע געגען אידען. אין פרוג קומט דאָך ארויס, אז פון די זאקאָנעס געגען אידען ליידען אלע אידען גלייך, ווי דער פראָלעטאריער אזוי אויך די בורזשואזיע, אין אמת"ן אָבער ליידען פון די זאקאָנעס כמעט מעהר ניט ווי די פראָלעטאריער, די זאקאָנעס וועגען אידען האָבען אויך א קלאססען כאראקטער און האָבען אין זינען ניט מעהר צו דריקקען דעם אידישען פראָלעטאריער, די בורזשואזיע האָט אפולע מיט־לען ווי זיך ארויס צו דרייען און צו בעשיצען זיך פון די זאקאָנעס געגען

אידען. אנדערע רעכטען קענען זיי קויפען פאר געלט, דהיינו דאָס רעכט צו וואָהנען „וניע טשערטי אָסיעדלאָסטי״ קען יעדער רייכער איד בעקוממען, ווען ער צאָהלט א גילדע; אנדערע זאקאָנעס מיידען זיי אויס פשוט מיט לאפקע, דהיינו אידען טאָהרען ניט וואָהנען אויסען שטאָדט, אין א דאָרף. זוממער אָבער פאָהרען זיך די גבירים ארויס אויף דאטשעס און קיינער שטעהרט זיי גאָר ניט — קאָסט זיי עטליכע רובל דער פריסטאוו. א חוץ דעם, אז מען זאָל בעטראכטען דעם ענין אביסעל טיעפער, קומט גאָר אויס, אז פאר די אידישע בורזשואזיע זיינען זעהר נוטציג אנדערע זאקאָנעס געגען אידען, וואָרום זיי צו פערדאנקען האָבען זיי שטענדיגע וואָלוועלע ארבייטער, וועלכע, ווי שלעכט זיי זאָל ניט זיין, האָבען קיין רעכט ניט ארויס צו פאָהרען פון די עטליכע אידישע גוברנעס. די אידישע קאפיטאליסטען אלזאָ ארויסדרעהענדיג זיך מיט געלט פון די ערגסטע זאקאָנעס געגען אידען, בענוטצען זיך גלייך מיט די רוסישע קאפיטאליסטען מיט אלע וויגאָדעס פון זעלבסטהער-שענדע „מלוכה—פונ דעם בורזשואזישענ גן עדן התחתון. און דעריבער איז טאקע גאָר קיין חידוש ניט אז די אידישע בורשזואזיע זוכט נאָר די קלענסטע געלעגענהייט אויסצודריקען דער מלוכה איהרע איבערגעגעבענהייט אונ ווירק-ליך אונטערטהעניגע געפיהלע; עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס די בורשזואזישע אינטעלעגענץ דרשהנן איבעראל וועגען דער איבערגעגעבענהייט צום רוסישען קיסר און צו זיין זעלבסטהערשונג; עס איז אויך קיין וואונדער ניט, וואָס די אידישע בורשזואזיע איז געגען דרוקען און פארשפרייטען נוט-ציגע ביכלאך אויף אידיש. די צופרידענהייט, פחד און פאָליטישע קאלטבלי-טיגקייט פון דער אידישער בורשזואזיע איז אזוי דייטליך אז דער אידישער פראָלעטאריאט קען בשום אופן ניט ערווארטען פון איהר קיין שטיצע אין זיין שטרייט מיט דער רוסישער רעגירונג פאר גלייכע בירגערליכע רעכטען פאר אידען.

מיר זעהען אלזאָ אז דעם אידישען פראָלעטאריער אין רוססלאַנד שטעהט פאָר צו שטרייטען פאר פאָליטישע פרייהייט און בירגערליכע גלייכע רעכטע, עס שטעהט פאָר א זעלבשטענדיגע, בעזונדערע און א שווערע שטרייט. אָבער אין דעם שטרייט פאר די אלגעמיינע רוסישע קאָנסטיטוציע וועלען נישט א־נ־אָנטהייל נעהמען מעהר ניט ווי די אידישע ארבעטער, צו זיי וועלען צו שטעהן צו די רוסישע ארבייטער, וועלכע האָבען אין דער לעצטער צייט, ווי עס בעווייזט די לעצטע גרויסע פעטערסבורגער סטאצקע, געמאכט זעהר גרויסע פאָרשריטע אין קלאססען בעוואוסט זיין, וועלכע האָבען ארויסגעוויזען א זעלטענע בע-שטאנדיגקייט און פערשטאנד ווי צו פיהרען זייער שטרייט. א חוץ דעם אין דעם שטרייט מיט דער רוסישער רעגירונג וועלען נעהמען א-נ-אָנטהייל די פאָלנישע און ליטווישע ארבייטער. אז די רוסישע זעלבסטהערשונג וועט פאלען איז זיכער און פאלען וועט עס פון די פריינדליך פעראייניגטע קרעפטען פון אלע ארבייטער וואָס וואָהנען אין רוססלאנד.

לאָמיר קורץ פאָרמולירען אלץ, וואָס מיר האָבען דאָ ערקלעהרט:

דער קאפיטאליזם האָט צערשפאָלטען דעם אידישען נאציאָן אויף צווייא פיינדליכע קלאססען: ארבייטער און קאפיטאליסטען. דאָס קלאססען קאמפף,

וואָס האָט זיך אָנגעהייבען און פיהרט זיך וואָס ווייטער אלץ מיט מעהר ענער-גיע, האָט די אידען גאָר אין גאנצען איבערגעביטען מאָראַליש, ווייל עס האָט ענטוויקעלט אין זיי דעם געפיהל וועגען זייער מענטשעשע ווערטה און דעם געפיהל פון אחדות; עס האָט זיי איבערגעביטען גייסטליך ווייל דאָס עקאָנאָמישע קאמפף האָט זיי אויפגעוועקט פון זייער לאנגען שלאָף און האָט ארויס גערופען ביי זיי א גרויסען חשק צו בילדען זיך און צו פארשטעהען; דאָס עקאָנאָמישע שטרייט האָט פארבעססערט זייער מאטעריאלישען לעבען, פער-קירצענדיג דעם ארבייטס טאָג, פארגרעססערנדיג די שכירות און פערבעססערנ-דיג די אָבסטאנאָווקע, וואו עס קומט אויס צו ארבייטען. א חוץ אלעם דעם, האָט דאָס עקאָנאָמישע שטרייט געדינט אלס א באָדען, אויף וועלכען עס איז אויסגעוואקסען לכל הפחות די נידריגסטע, עלעמענטארנע קלאססען בעוואוסט-זיין, וועלכע האָט זיך מיט דער צייט ענטוויקעלט אין א התחלה פון פאָליטישען בעוואוסט זיין. דאָס פאָליטישע קלאססען בעוואוסט זיין וועט זיך דאָס מעהרער אויסארבייטען, וואָס מעהרער די ארבייטער וועלען זיך גוט ערקלעהרען אלץ וואָס עס קומט פאָר צווישען זיי און דער רעגירונג. און אפילו אין דער איצטיגער צייט איז שוין דאָס קלאססען בעוואוסט זיין אויף אזוי פיעל ענט־וויקעלט אין דער אידישער מאססע, אז די מעהר ענטוויקעלסטע ארבייטער פערשטעהען די וויכטיגסטע אויפגאבע פון אונזער צייט, זיי פערשטעהען שוין ווי וויכטיג עס איז ארוב צו ווארפען דעם רוסישען זעלבסטהערשונג, און אויף זייער פאָהנע ארויסשטעלען די פאָדערונג פון אלגעמיינע פאָליטישע רעכטען, און שטעלען דערביי ארוים דייטליך נאָך איינע א באזונדערע פאָדערונג גלייכע בירגערליכע רעכטען פאר אידען. צום צו עררייכען דאָס רעכענען די אידישע ענטוויקעלטע בעוואוסטזייענדע ארבייטער פאר נעטהיג, אז אלע ארבייטער פון רוססלאנד, אָן א-נ-אונטערשייד צו וועלכע נאציאָן זיי געהערען, זאָלען זיך פעראייניגען אין דעם שטרייט מיט דער רעגירונג.

צום סוף מוזען מיר דאָ בעמערקען, אז די אידישע ארבייטער באוועגונג האָט אפולע צו פערדאנקען די ענערגיע און איבערגעגעבענהייט פון דער אר-בייטער אינטעליגענץ, וועלכע די לעצטע האָט ארויסגעוויזן אין דער גאנצער צייט, וואָס עס פיהרט זיך ביי די אידישע ארבייטער דאָס עקאָנאָמישע קאמפף. אין דער לעצטער צייט אָבער ווערט די אויפגאבע פון דער ארבייטער אינטע-ליגענץ אפולע שוועהרער. איצטער איז שוין ווייניג וואָס זי זאָל פיהרען א־נ־אגיטאציע אין דער ארבייטער מאססע פאר איהרע נייטיגסטע פאָדערונגען, צו-ציהען וואָס מעהרער ארבעטער צו דעם עקאָנאָמישען שטרייט און ערקלערען דעם שטרייט פון דעם שטאנדפונקט, אז די ארבייטערס און קאפיטאליסטענס אינטערעססען זייַנען פערקערט; איצטער איז שוין ווייניג צו מאכען קאססעס, ענטוויקלען וואָס מעהרער די פראָפעססיאָנאלנע פעראיינען—איצטער דארף די ארבייטער אינטעליגענץ בעשעפטיגען זיך מיט נאָך א זאך—און דאָס איז דער עיקר—זי דארף מינדליך און שריפטליך ענטוויקלען דאָס פאָליטישע בעוואוסט זיין. די התחלה פון וועלכען איז שוין גוט קענטיג. דערצו דארף זי זיך בע-ניטצען מיט יעדער פאקט, מיט יעדער ספעטיצקע, וואָס מאכט זיך צווישען די ארבייטער מיט פאָליציי, וואו דאָס זאָל ניט פאָרקוממען. מיר האָפפען אז די

אידישע ארבייטער אינטעליגענץ וועט רופען די אידישע ארבייטער אויף דעם פּאָליטישען שטרייט מיט אזא ענערגיע מיט וואָסערע זי האָט זיי גערופען אויף דעם עקאָנאָמישען שטרייט.

ברידער! פעראייניגט אייך, אָרגאניזירט די ארבייטער מאססע, בילדעט איהר מינדליך, שריפטליך, ענטוויקעלט איהר פּאָליטישען בעוואוסט זיין און איהר וועט ערציהען א מעכטיגען פּראָלעטאריאט, וועלכער וועט צוזאממען מיט אלע איבריגע רוסישע ארבייטער אומשטירצען די רוסישע זעלבסטהערשענדע רעגי-רונג, וועלכע איז א בייטש פאר יעדער געדאנקען וועגען דער ארבייטער בע-פרייאונג ניט נאָר אין רוסלאנד, נאָר אין גאנץ אייראָפּא...

---

פּעטערסבורג, דען 24טען סעפּטעמבער 1896.

היינטיגער יאָהר וועט אויף זעהר לאנג בלייבען א״נ-אָנדיינקונג ביי אלע ארבייטער בכלל און ביי די רוסישע בפרט. היינטיגער יאָהר וועט פערנעהמען די ערסטע בלעטער אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ארבייטער בעווע-גונג, ווייל היינטיגעס יאָהר האָט דער פּעטערבורגער פּראָלעטאריאט, אויף וועלכען עס ווענדען זיך די בליקען פון אלע מעהר ענטוויקעלטע ארבייטער אין רוססלאנד — ענדליך אויף געחאפּט פון זיין לאנגען שלאָף און זיך אָבגע-רופען אויף דעם אינטערנאציאָנאלען רעוואָליוציאָנערן אויפרוף: „פּראָלעטא-ריער פון אלע לענדער, פעראייניגט אייך!״ א גאנצע רייהע פון אויפרעגונגען אין דער מאססע און סטאטשקעס, וועלכע האָבען זיך געענדעט מיט דער ניט-געהערט אין רוססלאנד, אונגעהייער גרויסע סטאטשקע אויף 17 שפּינערייי און וועבעריי פאבריקען, וועלכע האָט פערוואונדערט און פעראינטערעסירט גאנץ אייראָפּא,—דאָס אלעס ווייזט דייטליך אויף, אז אויך דער פּעטערסבורגער פּראָלעטאריאט איז שוין געקוממען צום פערשטאנד פון זיינע אינטערעסען, אז אויך ביי איהם וואקסט דער פערשטאנד אלץ ווייטער און ברייטער, אז אויך ער איז ענדליך צוגעשטאנען צום גרויסען קאמפּף, וועלכען עס פיהרען שוין די פּוילישע און אידישע ארבייטער פאר די בעפרייאונג פון אונטער דעם יאָך פון קאפּיטאל.

די אורזאכע דער פון, וואָס די בעוועגונג האָט זיך ווי מיט איין מאָל פערנוממען אזוי ווייט און ברייט, ליגט אין דעם, וואָס די פּעטערסבורגער סאָציאל־דעמאָקראטען האָבען אין גאנצען, אין וואָרצעל, ווי מען זאָגט, אומ־געביטען זייער טאקטיק.

שוין צום ענדע פון די 80־ער יאָהרען האָט זיך אין פּעטערסבורג אָנגע-הייבען די פּראָפּאגאנדע פון סאָציאל־דעמאָקראט־שע אידעען, נאָר ביז דעם לעצטען יאָהר האָט זי ניט געבראכט צו קיינע רעזולטאטען. דאָס איז געווע-זען צוליעב דעם, ווייל די פּראָפּאגאנדע האָט זיך געפיהרט צווישען קליינע גרופּען ארבייטער, וועלכע זיינען אל׳ין געוועזען פרעמד פון דער גאנצער אר־בייטער מאססע, וועלכע האָבען געקוקט אויף די ארבייטער מאססע פון אויבען אראָפּ, וועלכע האָבען ניט פערשטאַנען און ניט געגלויבט, אז די מאססע איז פעהיג אויף צו טהאָן וואָס עס איז.—אמת אין 91טען יאָהר האָבען די פּעטער-

בורגער ארבייטער געפייערט דעם אלוועלטליכען יום טוב פון לעצטען מאי,
נאָר דאָס איז געווען א יום טוב פון איינציגע ארבייטער, א פאמיליען יום
טוב, ווי מען זאָגט, אָבער די ארבייטער מאססע האָט עס גאָר ניט אָנגעריהרט,
זי איז געווען ווייט פון איהם.

נאָר אין הערבסט פון פאָריגען יאָהר האָבען די פעטערסבורגער סאָציאַל-
דעמאָקראַטען, ענדליך, איבערצייגט זיך, אז אזא טאקטיקע קען ניט האָבען
קיינע פאָלגען, קען ניט ברינגען קיינע פרוכט, אז נאָר א גרויסע און
א ברייטע אגיטאציע אין דער ארבייטער מאססע וועגען איהרע טעג-
ליכע אינטערעסען, וועגען איהרע צרות און דחקות פון יעדער, אז נאָר אזא
אגיטאציע קען ברינגען צו א ווייטע און ברייטע ארבייטער בעוועגונג. זיי האָ־
בען בעשלאָסען [ענדערגן] אין גאנצען זייער פריהערדיגע טאקטיקע און צו פערבינ-
דען די פראָפאגאנדע צווישען די מעהר ענטוויקעלטע ארבייטער מיט דער אגיטא-
ציע אין דער גאנצער ארבייטער מאססע. צוליעב דעם ציעל האָבען די פער-
שטענדיגערע ארבייטער געגרינדעט איין „פעראיין צום קאמפף פאר די בע־
פרייאונג פון ארבייטער קלאסס". דער פעראיין האָט אין דער קורצער צייט,
וואָס ער עקסיסטירט, איבערגעפיהרט ניט וויניג בלוט די רוסישע פאבריקאנ-
טען און זייער פאָרשטעהער — די פראוויטעלסטוואָ. ער האָט זיך געשטעלט
א ציעל, בענוטצענדיג זיך מיט יעדער פאקט פון ארבייטערס לעבען, צו פער-
שפרייטין וועגען דעם פראָקלאמאציעס, אין וועלכע עס וועט זיך ערקלעהרען
די ארבייטערשע אינטערעססען, וועלכע עס וועלען עפענען די ארבייטער
מאססע די אויגען אויף אלע בעטריגעריי פון די פאבריקאנטען און פראווי־
טעלסטוואָ און וועלכע עס וועללען אויפווייזען דעם ארבייטער די וועגען און
מיטלען צו פערבעססערען זיין טרויעריגע לאגע. די רעזולטאטען פון דער
נייער טאקטיקע האָבען זיך באלד בעוויזען. שוין אין הערבסט 1895טען יאָהר
האָבען זיך אָנגעהייבען אויפרעגונגען אויף איניגע פעטערסבורגער פאבריקען.
פריהער פאר אומעטום האָבען אָבגעשטעלט די ארבייט די ארבייטער פון טאָ־
רענטאָנס וואָל־פאבריק צוליעב דעם, וואָס מע האָט געוועלט פארקלענערען די
שכירות. צווישען זיי האָט מען פערשפרייט צוויי פראָקלאמאציעס, די ארביי-
טער האָבען זיך געהאלטען זעהר רוהיג, פון דעסטוועגען איז די פאבריקע גע־
ווען ארום און ארום בעוואכט פון פאָליציי און שפיאָנעס, אין איינינע טעג
ארום האָט זיך די ארבייטער פון־דער גרעסטער טהייל אָבטהיילונגען איינגע־
געבען אויס צו פיהרען זייערע פאָדערונגען, אז זי שכירות זאָל בלייבען די
פריהערדיגע און דערצו נאָך האָבען זיי אויסגעפיהרט, אז מען זאָל פעו קלע־
נערען די דירה געלט פאר די דירות, וועלכע זיי דינגען ביין פאבריקאנט
אליין. אלע מאכערייען און פארדרייעניססען מיט וועלכע דער פאבריטשנער
אינספעקטאָר און דער גראדאָ-נאטשאיניק האָבען געוועלט פארבלענדען די
ארבייטער די אויגען, האָבען גאָרנישט ניט געהאָלפען. דער נאָך האָבען זיך
געשטעלט די ארבייטערקעס פון „לאפערם'ס" טאבאק-פאבריק. דאָרט האָט
דער פאבריקאנט געוועלט שטארק פערקלענערען די שכירות צוליעב דעם,
וואָס ער האָט אריין געפיהרט נייע מאשינעס. די ארבייטערקעס האָבען גע-
פאָדערט, אז די שכירות זייערע זאָלען בלייבען די פריהערדיגע, אז עס זאָל

ניט זיין קיין אומזיסטע שטראף, קיין אומזיסטע בראקאָווקעס און אז דער בעל הבית האָט זיי ענטזאָגט אין זייער פאָדערונג, האָבען 1500 ארבייטערקעס אָבגעשטעלט די ארבייט, האָבען אָנגעהייבען ברעכען די מאשינעס און ארויס־ווארפען די מאטעריאלען פון אויבערסטען עטאש אויפען גאס, דער פאבריטשנער אינספעקטאָר איז געקומען און ענטלאָפען צוריק; דאן איז אראָבגעקוממען דער גראדאָ־נאטשאילניק, גענעראל פאָן וואלער האָט אָבער אויך ניט געסמייעט אריין צו געהען אינעווייניג, נאָר ער איז געשטאנען פון דרויסען און האָט גע-זידעלט די ארבייטערקעס און דערמיט האָט ער נאָר ארויסגערופען ביי זיי א גרוי-סען געלעכטער. צוויי טעג האָבען געדויערט די אונאָרדנונגען, ענדליך האָבען זיך אין פאבריטשנעם הויף אריין געריסען פאָזשארניקעס און מיט די פאָזשארנע קישקעס געגאָסען וואססער און אויף אזא-ב-אופן געגייטה די ארבייטערקעס ארויס צו געהען אויפען גאס. דאָ איז פאָרגעקומען א שרעקליכע סצענע: די ארבייטערקעס האָט מען גרופפען ווייז א-ב-ערך צו הונדערט ארומגערינגעלט מיט שטריק און ווי א סטאדע בהמות אוועג געפיהרט אין די אוצאסטקעס. דאָך, אז די ארבייט האָט זיך אָנגעפאנגען האָט דער בעל הבית ניט געוואגט צו פערקלענערען די שכירות, און די פאפיראָסניצעס האָבען פאָרט אויסגעפיהרט דאָס זייעריגע. נאָר 30 ארבייטערקעס האָט מען ארויסגע-שיקט פון פעטערבורג ווי „בונטאָווסציצעס״. דאָך מיט דעם האָט זיך נאָך ניט געענדיגט. אייניגע וואָכען נאָך דער סטאצקע האָט דער פאבריטשנער אינ-ספעקטאָר ארויסגעגעבען א צירקוליאר צו אלע פאבריקאנטען פון די טאבאק-פאבריקען אין פעטערסבורג. אין דעם צירקוליאר פערוועהרט ער אומזיסטע בראקאָווקעס און בעפעהלט, אז די שטראָפגעלט זאָלען געהען אויף די ארביי-טערקעס אייגענע בעדערפניסע און ניט אין די ברייטע קעשענעס פון די פאב-ריקאנטען, ווי דאָס איז פריהער געווען. און אזוי זעהען מיר, אז די פאפי־ראָסניצעס האָבען מיט זייער דרייסטען קאמפף געבראכט ניטצען ניט נאָר זיך אליין, נאָר אלע פאפיראָסניצעס פון גאנץ פעטערסבורג. אין דער צייט פון דער סטאטשקע האָט מען ארויס געלאָזען אייניגע פראָקלאמאציעס און נאָך דעם אינספעקטאָרס צירקוליאר—צוויי: „צו אלע פעטערסבורגער פאפיראָסני־צעס״ און „צו די פאפיראָסניצעס פון „לאפערם׳ס״ פאבריק״. אין די פראָקלא־מאציעס איז ערקלעהרט געוואָרען דער בעדייטונג פון דעם נצחון, וועלכען זיי האָבען אויסגעהאלטען.

כמעט צו דער זעלביקער צייט (אין נאָוועמבער 1895טען יאָהר) איז גע-וועזען א קליינע סטאטשקע פון 40 מאנן אויף דער פאבריק פון מעכאנישע שוהווארג און אויך צוליעב די אומזיסטע בראקאָווקעס; זי האָט געדויערט 3 טעג און די ארבייטער האָבען אויסגעפיהרט. שפעטער אין דעקאבער מאָנאטה זיינען געוועזען אויפרעגונגען אויף דער פוטילעווער מאשינען בוי־זאוואָד און איין סטאטשקע אויף דער שפינעריי פאבריק ביי לעבעדעווען, וועלכע האָט זיך ניט אייננגעגעבען צוליעב די פיעל ארעסטען, וואָס זיינען געוועזען צווישען די ארביי-טער. איבערהויפט האָט די פאָליציי געברענט פון כעס, זעהענדיק ווי די ארבייטער בעוועגונג פערנעהמט זיך אלץ ווייטער און ברייטער. זי, די פאָליציי, האָט געחאפט מענשען אין די גאססען און האָט ניט געקוקט ווער איז שולדיג און

ווער ניט. זי האָט געוועלט אויסראמען אי די אינטעליגענטען, אי די ארביי-
טער און אפולע פון זיי האָט זי ארויסגעשיקט און ארעסטירט. דער „פעראיין"
האָט זיך געארבייט ווייטער ווי פריהער. אין אָנהייב פון 1896טען יאָהר זיינען
צוליעב די פראָקלאמאציעס, וועלכע מען האָט פערשפרייט, געוועזען אויפרע-
גונגען אויף דעם שיפס בוי-זאוואָד „נאָיאָאדמיראלטיסטוואָ", אויף דער שפּי-
נעריי פאבריק ביי וואָראָנען און קעניגען און אויף דעם געוועהר פאבריק
אין סיעסטראָריעצק, ניט ווייט פון פעטערסבורג. אין איינינע ערטער, ווי צ. ב. ש.
ביי קעניגען, האָבען די בעל בתים אליין געזעהען צו פרידען צו שטעלען די
ארבייטער און די פאָדערונגען, וועלכע עס זיינען געוועזען ארויס געשטעלט
אין די פראָקלאמאציעס. די בעלי בתים האָבען ניט געוועלט צו לאָזען צו
קיין סטאטשקעס.

דער ווינטער סעזאָן האָט זיך פערענדיגט, ווי געוועינטליך אין גאנץ איי-
ראָפּע, מיט א פראָקלאמאציע צום ערסטען מאי. די פראָקלאמאציע איז פער-
שפרייט געוואָרען אין א מענגע עקזעמפליארען אויף א גרויסע צאָהל פאבריקען
און זאוואָדען און האָט געמאכט איין גרויסען איינדרוק אויף די ארבייטער.
דער ווינטער פון 1895—96 יאָהר איז געווען א צייט פון שווערען קאמפף
דאָך אויך פון גרויסע לעהרע פאר די ארבייטער. די פעטערסבורגער ארבייטער
האָבען איצט אָנגעהייבען צו פערשטעהען בעססער זייערע אינטערעססען און
דעם געגענזאטץ, די פיינדליכקייט פון זייערע אינטערעססען מיט די אינטערעס-
סען פון די קאפּיטאליסטען, זיי האָבען פערשטאנען, אז נאָר דורך קאמפף
קענען זיי פערבעסערן זייער לאגע און אז נאָר דורך קאמפף קענען זיי זיך דער-
שלאָגען די פאָללע בעפרייאונג פון זייער יאָך. זיי האָבען, ענדליך באקומען די
ערסטע לעהרע פון פאָליטישען פערשטאנד: זיי האָבען געזעהן, אז די פּראַווי-
טעלסטוואָ האַלט שטענדיג דעם קאפּיטאליסטענס צד, אז פּראַוויטעלסטוואָ איז
דער ערגסטער פיינד פון ארבייטער קלאַס.

און דעריבער, אז ענדע מאי האָט זיך אָנגעהייבען די גרויסע סטאטשקע
פון 35 טויזענד מאנן אויף 17 וועבעריי און שפינעריי פאבריקען, האָבען די
פעטערסבורגער ארבייטער ארויסגעוויזען א זעלטענעם פערשטאנד פון זייערע
אינטערעססען, א זעלטענעם מוטה און פערשטאנד ווי זיך איינצוהאלטען ווען
מען דארף; זיי האָבען זיך געהאלטען רוהיג ביז די לעצטע מעגלעכקייט, ניט
צוהערנדיג קיינע מאכערייי פון פאָליציי, נאָר האלטענדיג זיך פעסט איינע פאר
די אנדערע; אללע: פרויען, מעננער און קינדער האָבען מיט איין מאָל אראָב
געוואָרפען פון זיך דעם יאָך, וועלכען זיי האָבען אזוי לאנג געשלעפּט, זיי
האָבען אופגעהייבען זייערע איינגעבייגענע קעפּ, זיי האָבען אזוי ווי פערגעסען
אָן זייערע פריהערדיגע נידערגעשלאָגענהייט, אָבהענגיקייט און אונטערטהעניג-
קייט. דער קאמפף האָט זיי אינגאנצען אומגעביטען. די אויפרעגונג, וועלכע
האָט ארום גענומען אלע וועבער און שפינער, איז איבערגעגאנגען אויך צו
אנדערע ארבייטער—איבערהויפּט צו די מעכאנישע זאוואָדען, אויף אייניגע פון
זיי האָט מען אָנגעהייבען צו פאָדערען א־נ־8 שעה׳דיגען ארבייטסטאָג. אויף
דעם אלעקסאנדראָווער טשיגונאָ ליטיינע זאוואָד זיינען די ארבייטער געשטאנען
איין טאָג און האָבען אויסגעפיהרט. אויפרעגונגען זיינען געוועזען אויף פּוטי-

לעווער זאוואָד, אויף באלטישען שיפּס-בוי־זאוואָד, אויף איין שפּיגעל פאבריק און אויך אויף פיעלע אנדערע. די סטאטשקע האָט אזא גרויסען אינטערעס, אזא גרויסע בעדייטונג, זי שטעלט אונז פאָר אזא מענגע איינציגע וויכטיגע פאקטען. אז ריידען וועגען איהר אין אזא קליינע קאָרעספּאָנדענציע איז ניט דער אָרט, וועגען איהר מוז מען אָנשרייבען א בעזאָנדערען ארטיקעל. דאָ קען מען מעהר ניט אויף ווייזען, אז די ענדליכע פאָלגען פון דער סטאטשקע קען מען ניט וויססען: אויף איינציגע פאבריקען האָבען די ארבייטער זיך דערשלאָגען איניגע פערבעסערונגען. נאָר ווי מען זאָגט איז איצט געגרינדעט געוואָרען איין קאָמיסיע מיט דעם גראדאָ־נאטשאלניק פאָראויס, וועלכע דארף אויסאר־בייטען פּראווילאך ווי צו פערקירצען דעם ארבייטס טאָג.

אין דער צייט פון דער סטאטשקע און נאָך איהר זיינען געוועזען שרעק־ליך פיל ארעסטען ווי צווישען ארבייטער, ווי צווישען אינטעליגענטען, דאָך וואָס פאר א ווערדע קענען האָבען די אלע ארעסטען אין פערגלייך מיט דעם מעכטיגען קראפט פון דעם ערוואכטען קלאססען בעוואוסט זיין ביי דעם הונ־דערטטויזענדיגער פּעטערסבורגער פּראָלעטאריאט.

---

## [דער שטרייק אפ יאנאָווסקיס טאבאק־פאבריק]

ביאליסטאָק (גראָד. גוב.)

אין יולי מאָנאטה איז אויף דער טאבאק פאבריק פון ה. יאנאָווסקי געווע־זען א סטאטשקע פון 200 ארבייטערקעס, וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט דעם נצחון פון די לעצטע. יאנאָווסקיס פאבריקע געהערט צו איינע פון ערגסטע: ניט פיעל איז דאָ אזעלכע פאבריקען, וואו מען זאָלל אזוי ווייניג און ניט אקוראטנע צאָהלען, וויא דאָרטען. די אָרעמע און דערשלאָגענע ארבייטערקעס האָבען שטענדיג געכויגען דען קאָפּ. און דער ה. יאנאָווסקי האָט געמיינט, אז עס וועט אייביג אזוי זיין. מעהר ניט א צופאל, וועגען וועלכען מיר וועלען אייך דאָ דערצעהלען, האָט איהם, ענדליך, איבערצייגט, אז ער האָט געהאט א ביטערן טעות.

דעם 12־טען יולי האָט מען אָנגעהויבען געבען די פּערוואָסאָרטניצעס * א נייעם זאָרט פּאפּיראָסען מיט וואטע. די ארבייטערקעס האָבען געבעטען העכערן אויף דעם זאָרט צו 5 קאָפּ. פונ טויזענד. לכתחילה האָט זיך דער ה׳ יאנאָווסקי אין גאנצען אָבגעזאָגט צו העכערען, נאָר דערנאָך האָט ער שוין געוואָלט העכערען $2\frac{1}{2}$ קאָפּ. אויפ״ן טויזענד, נאָר די ארבייטערקעס זיינען דערמיט ניט צופריעדען געוועזען, און זיי האָבען געוואָרפען די ארבייט. אויף מאָרגען האָט דער ה׳ יא־נאָווסקי פאָרגעלייגט דעם נייען זאָרט ארבייט דיא ווטאָראָסאָרטניצעס ** דיא לעצטע אָבער פערשטעהען שוין וויא די אינטערעססען פון אללע ארבייטער זיינען איינע, אז ארבייטער דארפען העלפען איינער דעם אנדערען אויספיהרען

* וואָס ארבייטען ערסטען זאָרט פּאפּיראָסען.

** וואָס ארבייטען צווייטע זאָרט פּאפּיראָסען.

אַנטקענען זיין בעל־הבית, און זייא האָבען זיך אויך אָבגעזאָגט פון דעם נייעם זאָרט ארבייט. דעם טאָג האָבען אלזאָ, אויפ'ן פאבריקע ניט געטאָהן 65 ארבייטערקעס: 20 פערוואָסאָרטניצעס און 45 ווטאָראָסאָרטניצעס. דעם זעלביגען טאָג האָבען זיך דיא ארבייטערקעס צוזאמען געקליעבען און מישב געווען, ווי צו פיהרען דיא סטאטשקע, און אויף יענער אסיפה איז געבליבען, אז די ווטאָראָסאָרטניצעס קענען געהן ארבייטען, מעהר ניט זיי זאָללען טאָהן זייערע אלטע ארבייט. די פערוואָסאָרטניצעס אָבער האָבען דאָס ניט געקענט טאָהן, ווייל זיי האָט מען קיין אנדערע ארבייט ניט געגעבען. די פערוואָסאָרטניצעס זיינען אָבגעשטאנען 3 טעג. אויפ'ן דריטען טאָג האָט מען זיי געריפען צום אינספעקטאָר. די ארבייטערקעס האָבען איהם דערציילט די אורזאכע, פאר וואָס זיי האָבען געוואָרפען די ארבייט און ער האָט געזאָגט, אז דער פאבריקאנט קען זיי ניט נייטהען נעממען א נייעם זאָרט ארבייט אויף דעם אלטען מקח, סיידען ער זאָגט זיי אָן וועגען דעם מיט 2 וואָכען פריהער. אין דער זעלביגער צייט האָט יאנאָווסקי ארויסגעהאנגען אין פאבריק א צעטעל, אז אין צווייא וואָכען ארום וועט ער אָנהייבען אללעמען, אָן אנ-אויסנאהמע, צו געבען דעם נייען זאָרט. אויפ'ן פאבריקע האָט מען דערווייל אגעטירט, אז קיינער זאָל ניט נעהמען די נייע ארבייט, ביז מען וועט ניט העכערען 5 קאָפּ. אויפ'ן טויזענד. דערווייל אונטער דער צייט פון די צוויי וואָכען האָט דער פאבריקאנט פאָרגעלייגט נאָך א נייעם זאָרט פאפיראָסען מיט לאנגע מונדשטיקעס, די ארבייטערקעס האָבען אויף דעם זאָרט אויך געבעטען העכערען $2\frac{1}{2}$ קאָפּ. אויפ'ן טויזענד. יאנאָווסקי האָט זיך ענטזאגט פון צו העכערען אפילו איין קאָפּ. סוף דיא צוויי וואָכען האָט יאנאָווסקי אָנגעזאָגט, אז אללעמען אָן אנ-אויסנאהמע, גיט ער דעם נייעם זאָרט פאפיראָסען, און זאָלען זיי ניט מיינען, אז זיי וועלען מיט זייערע עקשנות עפּעס וואָס אויספיהרען אנטגעגען איהם. דען 28 יולי איז ניט איינע פון די 200 ארבייטערקעס וואָס טוהן דאָרט געקומען אויפ'ן פאבריקע. איהר דארפט דערצו וויסען, אז ה' יאנאָווסקי איז שוין א געניעטער פאבריקאנט, ער האָט שוין אמאָל, בעת זיינע סיגארניקעס האָבען געמאכט א סטאטשקע, אויסגעשריבען 80 סיגארניצעס פון ווארשוי, ווי א געניעטער פאבריקאנט, האָט ער זיך ווייניג געשראָקען פאר דיא סטאטשקע, און זיך געוועזען זיכער אז זיינע „קעלבער"—אזוי רופט ער זיינע ארבייטערקעס—וועלען זיך, ווי געוויינטליך, קומען צו איהם בעטען. נאָר אז ער האָט בעקומען פון זיינע ארבייטערקעס א בריעף, אין וועלכען עס זיינען געווען דייטליך אויסגערעכנעט זייערע אלע פאָדערונגען, אָט ערסט דאן האָט ער פערשטאנען, אז די איצטיגע סטאטשקע איז עפּעס גאָר ניט גלייך צו די פריהערדיגע. אין בריעף האָבען די ארבייטערקעס געפאָדערט: 1) אז אויף דעם נייעם זאָרט מיט וואטע זאָל מען העכערען 5 קאָפּ. אויפ'ן טויזענד, און אויף דעם זאָרט מיט די לאנגע מונדשטיקעס, $2\frac{1}{2}$ קאָפּ. אויפ'ן טויזענד; 2) מען זאָל צאָהלען אקוראטנע אלע 2 וואָכען, ניט אזוי ביז איצטער, וואָס מען פלעגט צאָהלען אללע 6-7 וואָכען און דען פלעגט מען זיך ניט אויסרעכנען אין גאנצען, נאָר דער פאבריקאנט פלעגט אלץ שולדיק בלייבען; 3) מען זאָל אלעמען צונעהמען צוריק. דעם 31-טען יולי איז געקומען דער גראָדנער אינספעקטאָר, וועלכען דער ה' יאנאָווסקי

האָט עקסטרא אויסגעשריעבען צוליעב דער סטאטשקע. 25 ארבייטערקעס האָט מען גערופען אוי׳פן פּאָליציי הויף. זיי זיינען געקוממען און, אזוי ווי זיי קענען ניט גוט ריידען קיין רוסיש, האָבען וייא געפּאָדערט דאָס מען זאָל רופען דעם קאזאָנעם רב, און ער זאָל איבערגעבען זיי וואָס דער אינספּעקטאָר ועט זאָגען און פערקעהרט. מען האָט גערופען דעם קאזאָנעם רב. די ארבייטערקעס האָבען דערציילט דעם אינספּעקטאָר זייערע אלע פּאָדערונגען. דער אינספּעקטאָר האָט זיי אויסגעהערט, און האָט געזאָגט, אז ביז נאָך סכות, ווען עס ענדיגט זיך זייער סראָק, אויף וועלכען זיי האָבען זיך פערדונגען, קען זיי דער פאבריקאנט קיין נייע ארבייט אויפ׳ן אלטען מקח ניט געבען, ווייטער וועגען זייערע איבריגע תביעות, וועט ער זעהן אז עס זאָל רעכט ווערען, מעהר ניט זיי זאָלען זיך שוין שטעלען צו דער ארבייט, וואָרום אזוי לאנג זיי ארבייטען ניט, געהערט ער זיך מיט זיי גאָר ניט אָן אלס פאבריטשנער אינספּעקטאָר, וואָרום זיי זיינען דאָך קיין ארבייטערקעס ניט מעהר, און אויב זיי וועלען דאָך ניט געהען צו דער ארבייט, וועט ער זיי הייסען אלעמען ארעסטירען. די ארבייטערקעס האָבען איהם געענטפערט, אז זיי האָבען קיין מורא ניט, ווייל זיי פּאָדערן נאָר דאָס, וואָס זיי קומט פּאָ זאקאָנו. דער אינספּעקטאָר דערהערינדיג אזא מין דרייסטען ענטפער, איז געוואָרען ווייכער און האָט געזאָגט די ארבייטערקעס, אז איצטער, אייגענטליך האָבען זיי דאָך שוין אלעס אויסגעפיהרט, און קענען זיך שוין שטעלען ארבייטען, קיין נייעם זאָרט וועט מען זיי ניט געבען, און ווייטער וועגען די איבריגע פּאָדערונגען זאָגט ער זייא צו אז זיי וועלען אויך אויספיהרען. די ארבייטערקעס האָבען איהם געענטפערט, אז דערווײלע גלויבען זיי איהם אויפ׳ן וואָרט, נאָר אויב ער וועט ניט היטען זיין וואָרט, וועלען זיי ווייטער ווארפען די ארבייט. און זיי זענען אוועג טאָהן.

מיטטאָג־צייט איז געקוממען דער אינספּעקטאָר אויפ׳ן פאבריקע און האָט דאָרטען בעמערקט, אז מען ארבייט מיט אייגענע געצייג, אז מען שטראפירט די ארבייטערקעס פארן צעברעכן א שויב, וואָס פּאָ זאקאָנו טאָהר מען דאָס ניט. אויף מאָרגען האָט דער פאבריקאנט געוואָלט נוקם זיין זיך אָן די טרעטיע און ווטאָראָסאָרטניצעס, דערפאר וואָס זיי זיינען צוגעשטאנען צו די פּערוואָסאָרטניצעס, און ער האָט זיי געגעבען זעהר שלעכטע ארבייט. די פּערוואָסאָרטניצעס האָבען אויך געבעטען די. זעלביגע ארבייט, און אזוי וויא מען דארף דאָך האָבען גוטע ארבייט אויך, האָט מען אלעמען געמוזט אויפהערען צו געבען די שלעכטע ארבייט.

פרייטאָג האָבען עטליכע ארבייטערקעס געבעטען מען זאָל זיי הערויס־געבען מאשינקעס. דער פאבריקאנט האָט געזאָגט, אז עס מעג זיך זיין וואָס עס וויל זיך און קיין מאשינקעס וועט ער ניט געבען. דיא ארבייטערקעס האָבען זיך געקלאָגט אויף דעם אינספּעקטאָר, אויף מאָרגען איז ער געקומען און האָט געהייסען אלעמען ארויס געבען נייע מאשינקעס, און ווי עס פערשטעהט זיך, מען האָט באלד ארויסגעגעבען.

*
* *

אין אללגעמיין איז די גאנצע סטאטשקע זעהר איינפאך און אונטערשיידעט זיך ווייניג פון אפולע אנדערע, וועלכע טרעפט זיך שוין איצטער אין אונזער

גענענד אזוי אָפּט. דאָך, די איינצעלהייטען פון דער סטאטשקע, דאכט אונז זיינען זעהר אינטערעסאנט. בעזאָנדערס ווארפט זיך אין די אויגען דאָס פיה־רונג פון די ווטאָראָסארטניצעס. געוויינטליך אין א סטאטשקע שטעהען צו נור די וואָס זיינען פעראינטערעסירט אין דעם, וואָס זיינען ווי מען זאָגט, א נוגע בדבר. אין דעם פאל האָבען די ווטאָראָסאָרטניצעס פאר זיך קיין זאך ניט געפאָדערט, און זיי זיינען צוגעשטאנען צו דער סטאטשקע מעהר ניט צוליעב דעם, אז זייערע שוועסטער זאָלען אויספיהרען. דאָס בעווייזט דייטליך ווי די ארבייטערקעס זיינען שוין געקומען צום פערשטאנד פון זייערע אינטע־רעססען, אז זיי פערשטעהען שוין ווי וויכטיג עס איז פאר יעדען ארבייטער אז אנדערע ארבייטער זאָללען אויספיהרען; דאָס באווייזט דייטליך, אז די ווטאָראָסאָרטניצעס האָבען שוין פערשטאנען, אז דער נצחון פון איין ארבייטער איז דער נצחון פון אלע ארבייטער, און דאריבער דארף יעדערער זעהן פיל מעגליך צו העלפען איינער דעם אנדערען בעת'ן שטרייט. — דאָס וואָס די ווטאָראָסאָרטניצעס זיינען צוגעשטאנען דעם ערסטען מאָל צו די פערוואָסאָרט־ניצעס איז געווען זעהר וויכטיג פאר דער סטאטשקע אין צוויי הינזיכטען: ערסטענס האָט דאָס געגייט דעם פאבריקאנט גיכער זיך אונטערצוגעבען, צוויי־טענס האָט דאָס צוגעבען מוטה די פערוואָסאָרטניצעס. זעהענדיג, אז צוא זיי שטעהען צו נאָך, אז מענשען, וואָס זיינען ווייניג פעראינטערעסירט, נעהמען זיך אָן פאר זיי, זיינען זיי געוועזען דרייסטער און האָבען זיך געהאלטען שטייפער. עס איז זיכער, אז מעהר ניט זייער דרייסטיגקייט און פעסטיגקייט האָבען די ביאליסטאָקער פאפיראָסניצעס צו פערדאנקען מיט זייער נצחון. און באמת, פאר דעם האָט דער אינספעקטאָר, וואָס איז מיט די ארבייטער, דאכט זיך, — ווי ער אליין האָט געזאָגט — גאָר קיין מחותן ניט בעת זיי ארבייטען ניט — געזאָגט, אז אויב זיי וועלען זיך ניט שטעלען צו דער ארבייט וועט ער זיי ארעסטירען, און נאָכדעם, אז ער האָט דערהערט פון די ארבייטערקעס א דרייסטען ענטפער, איז ער געוואָרען גאָר א־נ־אנדער מענש, און, אז ער איז געקומען אויפ"ן פאבריקע האָט ער שוין אליין בעמערקט די אונרעכטען וואָס דאָרטען טהוט זיך: אז מען טהוט מיט אייגענע געצייג, אז מען שטראָ־פירט ניט פאָ זאקאָנו. זעלטען ווען א פאבריטשנער אינספעקטאָר גערדיינקט אזוי גוט די זאקאָנעס פונ די ארבייטערס טובה, געוויינטליך איז א פאב־ריטשנער אינספעקטאָר, ניט נור ער אליין דערמאָנט זיך ניט אָן זעלכע זא־קאָנעס, נור אפילו אז מען דערמאָנט איהם אָן זיי, מאכט ער זיך אויך כלא ידע. דער ביאלאָסטאָקער אינספעקטאָר האָט געזאָגט, אז ביז אין 9 וואָכען ארום קען דער פאבריקאנט ניט געבען זיי קיין נייע ארבעט אויפ'ן אלטען מקח, דער גראָדנער אינספעקטאָר אָבער האָט שוין געזאָגט, אז ביז נאָך סכות טאָר ער זיי קיין נייע ארבייט ניט געבען, ווייל דאמאָלס ענדיגט זיך זייער סראָק. וואָס איז דיא מעשה, וואָס דער גראָדנער אינספעקטאָר האָט זיך גרינטיגער ערקונדיגט דעם אָבמאך צווישען די ארבייטער מיט־ן ה' יאנאָווסקי, ווי דער ביאלעסטאָקער אינספעקטאָר? אונז דאכט זיך, אז דאָס איז גאָר פשוט: דער אנדערער האָט געפונען א גרויסע סטאטשקע פון 200 מענשען, אלע האלטען זיך פעסט און זיינען דרייסט, און דאָס האָט איהם שוין געצוואונגען בעטראכ־

טען עטוואָס גרינטיגער דעם אָבמאך, וועהרענד דער ערסטער אינספעקטאָר האָט געהאט א-נ-עסק מעהר ניט מיט 20 ארבייטערקעס, און האָט זיך ניט געקענט אזוי גוט איבערצייגען אין זייער אחדות און פעסטיגקייט. לאָמיר האָפען אז אזעלכע דרייסטע און פערשטענדליכע ארבייטערקעס און ארבייטער וועלען [זייַן] וואָס מעהרער און אזעלכע נצחנות וואָס אָפטער פאָרקומען.

---

ווילנא דעם 29־טען סעפטעמבער 1896.

## וועגען דיא שוסטעראיי אין ווילנא

1) דיא צאָל פון דיא ארבייטער וועלכע זיינען פערנוממען אין דיא שוסטעראיי, די צאָל אידען און קריסטען.

2) דיא אָבטהיילונגען אין דער היגער שוסטעראיי.

3) דיא ארט מייסטערסקאיעס: זאקאזנאיע אונד מאגאזינע.

4) דיא עקספלואטאציע פון קינדער ארבייט.

5) דער ארבייטסטאָג, דיא ארט פערנאנדערצאָלען זיך מיט דיא ארבייטער אונד שכירות איבערהויפט.

6) דיא ארבייטסלאָזיגקייט אונד איהרע נעהנסטע אורזאכען.

7) דיא בעוועגונג צווישען אידישע שוסטער.

8) דיא בעוועגונג צווישען קריסטליכע שוסטער.

9) דיא שטאצקע אין לאנדסקעס מייסטערסקאיע.

10) דיא אָפגעזונדערטהייט צווישען אידען און קריסטען.

11) דער געגענזאץ אין די אינטערעסען צווישען פראוויטעלסטוואָ און דיא ארבייטער אונד די פראגע וועגען דיא אָבגעזונדערטהייט צווישען אידען אונד קריסטליכע ארבייטער.

12) דער קינפטיקער אונטערגאנג פון דיא היגע זאקאזנאע מייסטערסקאיעס און דיא אורזאכען דער פון.

13) דיא פאָלגען דער פון.

14) דיא שטיק ארבעט אונד איהרע שעדליכקייט פיר דיא ארבייטער,

15) דיא נעהנסטע אויפגאבען פאר דיא שוסטערשע ארבייטער.

---

שוסטעראיי געהערט בייא אונז אין דער שטאָדט צו דיא גרעסטע מלאכות, נאָך דיא צאָל ארבייטער וועלכע זיא פערנעמט; עס רעכינט זיך ביז 300 אידישע ארבייטער אונד ביז 500 קריסטליכע, וועלכע ארבייטען כמעט אללע מאָל ניט צוזאממען, אויסער איינינגע קליינע אויסנאמען, בייא פערשיעדענע מאסטערס. ווילנע א שטאָדט וואו עס איז דאָ 110,000 איינוואָהנער געברויכט איבערהויפט נור היגע שוכווארג; ווארשאווער, פעטערבורגער אונד שוכווארג פון איבעריגע שטעדט גייט אין ווילנא ניט זייער. אין דיא היגע שוסטעריי זיינען דאָ צווייערליי אָבטהיילונגען: קראָמנע ארבייט און אויף זאקאז.

אין געוועגליכע זאקאזנע מייסטערסקאיעס ארבייטען אויסער דיא בעל
הבתים אליין נאָך 2-3 ארבייטער און צו דעם צו נאָך 2 אינגלאך, עס זיינען
דאָ אזעלכע זאקאזנע מייסטערסקאיעס וואו עס ארבייטען ביז 10 מאנן אָבער
מייסטערסקאיעס מיט נאָך מעהרער ווי א 10 מאנן טרעפען זיך זעהער זעלטען;
די מאגאזינאָווע ארבייט ווערט געמאכט איבערהויפּט אונטערן שטאָדט; אין רו-
זעלע, אין נאָוועגאָראָד, אויף פּאָפּלאַוועס און נאָך אזעלכע ערטער. אין גרעססטע
טהייל מייסטערסקאיעס וואָס ארבייטען אין די קראָמען, ארבייטען ניט מערער
וויא 10 מענשען, אוּנד איבערהויפּט ארבייטען פון 10—5, זעלטען מעהר וויא
10. אין דיא מייסטערסקייעס עקספּלואטירט מען שרעקליך דיא קינדערארבייט,
אינגלאך פון 15—9 יאָהר, אין שוסטעראיי הערשט כמעט דורך אויס דיא שטיק-
ארבייט און צוליעב דעם איז דער ארבייטסטאָג לאנג גאָר אָהן א שיעור. מען
ארבייט 19 -18 שעה אין א מעת לעת אויך; עס זייגען דאָ מייסטערסקאיעס
וואו מען ארבייט נאָך אנאנד גאנצענע טעג אונד נעכט; דיא 15—9 יעהריגע
אינגלאך האלטען נאָך אין דער ארבייט דיא עלטערע, און אין אנדערע מייס-
טערסקיאעס, ווי ביי וואסילעווסקען מוזען זייא ארבייטען צו זאממען מיט דיא
עלטערע ארבייטער 2 מעת לעת נאָך דער רייהע אונד לאָזען זייערע קרעפטען
אין דיא יונגע יאָהרען. וואָס גיהערט דיא שטאָטיגע זאקאזנע מייסטערסקאיעס
ארבייט מאן איצט דאָרט צוליעב דעם ארבייטער בעוועגונג, וועלכע האָט זיך
איצט אין ווילנא אָנגעהייבען, גרעסטען טהיילס פון 15—14 שעה; אונד אין
קלענערע מייסטערסקאיעס פון 13—12 שעה; דאָך חאָץ ביי דיא זאקאזנע ארביי-
טער איז א קלענערער ארבייטסטאָג, אונטערשיידעט זיך ניט זייער געצאָלט
פאָן שטיק, בייא דער זעלביגער שטיקארבייט פון דער געצאָלט בייא דער
מאגאזין ארבייט. דיא מאגאזינער ארבייטען אויס דורכען וואָך פון 3½ ביז
4½ רובל דיא וואָך (זייער א קליינע טהייל ארבייטען אויס 7־6 רובל א וואָך),
די זאקאזנע ארבייטער באקוממען כמעט אויך דאָסזעלביגע פאָן 3½ ביז 6
(אין דעם ערך פאָן 6-5 בעקומען נור א קליינע טהייל). דיא פאָלגען פאָן אזא
לאנגען ארבייטסטאָג, האָט זיך שוין אזוי קלאָר ארויסגעוויזען אז די ארבייטער
האָבען אָנגעהייבען צו עפענען זייערע אויגען; בייא דער שטיק ארבייט זעהט
יעדער ארבייטער צו ארבייטען וואָס מערער, ער לייגט אוועק אללע כוחות
אום נאָר מערער אויסצוארבייטען אונד דער מיט דער גרייכען דיא ארבייטער
אז עס ווערט אויסגעארבייט מערער סחורה ווי פיעל מען קען פאר קויפען
אויף דעט אָרט אויף דעמ מארק און דאָס הייסט דער בעל הבית מוז אָבהאל-
טען די ארבייט ביז ער פארקויפט דיא אלטע סחורה אונד בעקוממט בעשטע-
לונגען אויף נייע. פון אזא ארבייטסלאָזיגקייט האָבען די זאקאזנע ארבייטער
אָנגעהייבען צו [ליידן] שוין פון 90טען יאָהר און דיא מאגאזינע פון 95טען
יאָהר. פאר די זאקאזנע ארבייטער איז געוואָרן פון 90טען יאָהר א גיוויינליכע
זאך אומצוגיין ליידיג 5 מאָנאט דורכין יאָהר, וואָס געהערט אָן דיא מאגאזינע
האָבען זיי ביז דעמ 95טען יאָהר כמעט ניט געוואוסט וואָס הייסט ליידיג זיין,
זעלטען זייער זעלטען האָט מען בעגעגנעט א מאגאזינעם ארבייטער אָן אריבייט.
אין 1895 יאָהר האָט די ארבייטסלאָזיגקייט ביי די מאגאזינער ארבייטער גע-
דויערט 1½ מאָנאט און היינטיגעס יאָהר האלט עס זיך די טויטע צייט שוין

4 מאָנאַט... איין אונגעהערטע זאַך אין די פריערדיגע צייטען. דער פארברויך פון פעטערבורגער, ווארשעווער און אנדערע שוכווארג איז בייא אונדז נאָך ביז איצט זייער קליין און דערביי קענען מיר ניט זוכען די אורזאכע פון אזא ארבייטסלאָזיגקייט אין דעריין וואָס פרעמדע שוכווארג גייט איצט מערער ווי פריהער; דיא אורזאכע ליגט נאָר אין דעם וואָס די שטיקארבייט וועלכע הערשט בייא אונז איבערהויפט ברענגט צו איין שרעקליך לאַנגען ארבייטסטאָג, עס ווערט אויסגעארבייט אין איין קורצע צייט וויפיל עס איז נייטיג פאר דעם גאנצען יאָהר און די איבעריגע צייט וועלכע די ארבייטער האָבען אלליין געשאפען גייען די ארבייטער ליידיג. מיר דארפען באמערקען אז די ארבייטסלאָזיקייט האָט זיך אָנגעהייבען ביי די זאקאזנע נאָך אין 1890טען יאָהר און ביי די מאגאזינע אין 1895 יאָהר. דאָס ווייזט אויף אז די מאגאזינאָווע ארבייט האָט נאָך אין 1890 טען יאָהר אָנגעהייבען ארויסצושטופען דיא זאקאזנע און ארויסשטופען איהר קען זי לייכט וואָרום די מאגאזינע ארבייט קאָסטען זייערע בעל הבתים וועלוועלער ווי די שטאָטיגע זאקאזנע. היגטער דער שטאָט קאָסט דירה געלט וועלוועלער, די ארבייטער קומט אויס צו צאָהלען ווייניגער. פאר זייערע ארבייט אָן א שיער בעקוממען זיי כמעט די זעלביגע געצאָלט ווי די וואָס ארבייטען מיט איין מאָס, די קינדערארבייט עקספּלאָאטירען זיי אָן א שיעור און צוליעב די אללע אורזאכען קעננען דיא מאגאזינאָווע בעל הבתים לייכט קאָנקורירען מיט די זאקאזנע. שפּעטער וועלען מיר זיך נאָך אומקערען צו דער פאר די ארבייטער וויכטיגער פראגע וועגען דעם שייכות צווישען דיא מאגאזינע און זאקאזנע ארבייט ווי אזוי דיא ערסטע שטופּט ארויס די אנדערע.

פון דער צייט אָן ווען דיא צאָל ליידיגע ארבייטער האָט זיך פארגרעסערט איז די לאגע פון די שוסטער געוואָרען אלץ ערגער: די שכירות איז געפאלען, דער לאנגער ארבייטסטאָג איז געוואָרען נאָך ליינגער, דער ביטערער לעבען איז געוואָרען נאָך שווערער און דער נייטה האָט געבראכט דיא שוסטער צו דעם געדאנק וועגען זייער טרויעריגער לאגע. די בעוועגונג צווישען דיא ארבייטער פון אנדערע מלאכות, וועלכע האָט גערופען אלע ארבייטער צום שטרייט מיט זייערע עקספּלואטאטאָרען, האָט אויפגעמונטערט דיא שוסטער אויך, און מיט א יאָהר אָנדערהאלבען צוריק האָט זיך אָנגעהייבען א טומעל צווישען די שוסטער און פריהער בא די אידישע שוסטער. דאָך האָט דער טומעל ניט געבראכט צו קיין אָפענעם שטרייט מיט די בעלי בתים אויססער איין מאָל, ווען דיא גאנצע מאסטערסקאיע (10 ארבייטער) ביי זשורקאָווסקי'ן האָבען אָבגעשטעלט די ארבייט דעם זוממער 1895טען יאָהר; די סטאטשקע האָט געדויערט א גאנצע וואָך צייט און די ארבייטער האָבען אויסגעפיהרט וואָס זיי האָבען געפאָדערט: א 12 שעה'דיגען ארבייטסטאָג און שטיק ארבייט אָן שטאָדט די פריהערדיגע וואָך ארבייט. דאָך האָט דער בעל הבית באלד חרטה געהאט אויף דיא נייע בעדינגונגען און האָט געוועלט יין נידריגערע שכירות און דערצו זאָלען די ארבייטער האָבען אייגענע אינסטרומענטען; דאן האָבען די ארבייטער אין גאנצען אוועק געוואָרפען זייער בעל הבית און זיינען אוועק צו אנדערע בעל הבתים. די נייע ארבייטער,

וואָס זיינען אָנגעקומען צו זשוקאָווסקי'ן האָט ער געמוזט צאָהלען די שכירות, וועלכע די פריהערדיגע ארבייטער האָבען ארויס געשטעלט. אין אייניגע אנ־דערע ערטער האָבען זיך די אידישע ארבייטער דערשלאָגען אייניגע פער־בעסערונגען אָן א שטרייט, אזוי צום ביישפיעל ביי זאקהיימען (א זאקאזנע מאסטערסקאַיע וואו עס ארבייטען 15—10 מענשען, נאָכין סעזאָן נאָך). דאָרטען פלעגט מען אין די פריהערדיגע צייטען ארבייטען אָן א שיער, קיין גע־שטעלטע צייט איז ניט געווען און איצט ארבייט מען דאָרטען 13—12 שעה. צוליעב דעם האָט זיך אין אפולע ערטער געהעכערט די שכירות אויף יעדער שטיק. איצט פערדיענען די שוסטער אין אפולע ערטער אָנשטאָט פריהערדיגע $3^{1}/_{2}$—4 רובל, $4^{1}/_{2}$—4 רובל. פון דעסטוועגען ארבייטען די שטאַרטיגע ארביי־בייטער נאָך איצט אויך 14 שעה און נאָר אין א קלענערער טהייל 13—12 אין מעת לעת.

ביי די קריסטליכע שוסטער זיינען די אוסלאָוויעס ביז די לעצטע צייט געווען נאָך ערגער, ווי ביי די אידישע, ווייל ביי די אידישע ארבייטער האָט זיך דאָס שטרייט פאר די פערבעססערונג פון דער לאגע אָנגעהייבען פריהער ווי ביי זיי. אין אָנהייב פון 1896טען יאָהר האָבען 100 קריסטליכע ארבייטער אָנגעגעבען א פראָשעניע צום גובערנאטאָר וועגען דעם 12 שעה'דיי־גען ארבייטסטאָג פאר בעלי מלאכות. אויסער דעם האָבען זייא געבעטען, אז דער גובערנאטאָר זאָלל זעהען אויס צוברייגגען אפולע אונטערדריקונגען פון די בעלי בתים אנטקעגען די ארבייטער. די פראָשעניע האָט קיין פאָלגען גע־האַט, קיינער האָט איהר ניט צוגעהערט; דאנן האָבען די ארבייטער זיך אי־בערצייגט, אז נאטשאלסטוואָ האָט וויכטיגערע אינטערעססען, וויכטיגערע זאָרג, ווי די זאָרג וועגען ארבייטער, וועלכע שלעפען זיי אויפ'ן קארק און פון וועלכע זיי זויגען אויס זייער לעצטען טראָפּען בלוט, וועלכע האָרעווען און געבען זיי אוועג זייער האָרעוואנע און צוליעב וועלכע זיי קענען זיך געהען ליידיג און לעבען א גוטען טאָג; די ארבייטער האָבען זיך איבערצייגט, אז אויף נאטשאלסטוואָ האָבען זיי ניט וואָס צו האָפפען, אז זיי דארפען זיך אליין נעהמען צום פערבעססערן זייער לאגע, אז נאָר איינער אליין וועלען זיי זיך קענען העלפען.

אין דעם ווינטער פון 1896טען יאָהר האָט זיך אָנגעהייבען א גאנצע רייהע סטאטשקעס. די סטאטשקעס זיינען געווען אי ווינטער אי דעם פריהלינג, אי דעם זוממער פון 1896-טען יאָהר ביי זילאנקע, געטלינען, וואכלעווסקי'ן, דאווידאָוויטשען, דריי מאָל ביי באלקאנצען, ביי סקינדערען, ביי קאבעלינצען, ביי טישקעוויטש'ען, ביי גיבערעכטען (א סטאטשקע פון 5 אינגלאך). ביי סטא־סעוויטשן, ביי ליאכינסקין, ביי קאסאָווסקין. צוזאממען האָבען אין די אלע סטאטשקעס אָנטהייל גענומען מעהרער ווי הונדערט ארבייטער; ביי קאבאל־ניצען זיינען געשטאנען 17 מאנן, ביי לאכינסקין 22 מאנן (גרעסערע פאר די זיינען ניט געווען). די קלענסטע סטאטשקע איז געווען פון 5 מענשען. אינטערעסנע איז די סטאטשקע ביי גיבערעכטען — א סטאטשקע פון לעהרען־אינגלאך, דען זיי האָבען געפאָדערט בעסערע עססען, און מען זאָל צונעהמען דעם אינגל וועלכען דער בעל-הבית האָט ענטזאָגט. די אינגלאך האָבען זיך

ניט אונטערגעגעבען און זיינען זיך פון אנאנדער געגאנגען אין אנדערע מייס-
טערסקאיעס. די הויפטפאָדערונגען אין די אלע סטאטשקעס איז געוועזען הע־
כערע געצאָהלט אויף יעדע שטיק ארבייט, און איין סטאטשקע איז אויך גע־
ווען פאר'ן 12־שעה'דיגען ארבייטס-טאָג, אויסערדעם נאָך אנדערע פערבעססע־
רונגען אין דער ארבייט. די סטאטשקעס האָבען זיך איינגעגעבען אין גאנצען
אין 6 מייסטערסקאיעס (אין איינע פון זיי ביי דאווידאָוויטשען האָבען זיך דיא
ארבייטער געשטעלט 3 מאָל). ניט איינגעגעבען האָט זיך אין 2 מייסטער-
סקאיעס צוליעב דעם, וואָס די ארבייטער האָבען זיך ניט גענוג פעסט געהאל-
טען. אין צוויי צופאלען זיינען די ארבייטער ניט צוריק [געגאנגענ] צו זייערע
בעל בתים, נור פאר אנאנדער געגאנגען זיך אין אנדערע מייסטערסקאיעס אָדער פון
אנאנדער געפאָהרען זיך. דורכשניטלעך האָט זיך דיא שכירות אין די מייס-
טערסקאיעס, וואו עס האָט זיך איינגעגעבען דער שטרייט, געהעכערט אויף
50 קאָפּ דיא וואָך. אין אנדערע מייסטערסקאיעס, ווי צום ביישפיעל ביי מא-
לעווסקין האָט זיך איינגעגעבען צו דערשלאָגען זיך איינינע פערבעססערונגען
אָן א סטאטשקע. וועגען ליאכינסקי'ס סטאטשקע ווען מיר אביסעל פאָד-
ראָבנע ארומריידען. ליאכינסקיס מייסטערסקאיע איז די גרעסטע אין שטאָדט.
דאָרטען טוהן 32 ארבייטער, 17 אידען און 15 ליטאָווצעס. ניט לאנג, פאר
ראש השנה, א־נ־ערך 15-טען אויגוסט, האָבען די ארבייטער זיך דורכגערעדט
מיט ליאכינסקין. און אין גוטען מוטה האָבען זיי אָבגעמאכט צו ארבייטען
12 שעה אין טאָג, פון 8 ביז 8. אין צוויי טעג ארום האָט זיך געמאכט סראָצנע
ארבייט, און ליאכינסקי איז געווען זיכער, אז די ארבייטער וועלען זיצען
שפעטער וויא ביז 8 אויך, נאָר פונקט 8 זיינען זיך אלע ארבייטער פון אנדער
געגאנגען. ליאכינסקין האָט דאָס שטארק פערדראָסען, און ער האָט זיך בע-
שלאָסען צו ענטזאָגען די ארבייטער וועלכע זיינען, נאָך זיין מיינונג גאָך, די
גאנצע אָנפיהרער אין מייסטערסקאיע. דאָס האָט ארויסגערופען די סטאטשקע.
מאָנטאָג דעם 19טען אויגוסט 10 א זייגער אין דער פריה האָבען די קריסט־
ליכע און די אידישע ארבייטער, 22 מאנן, געוואָרפען דיא ארבייט, צוזאממען
געקליבען זיך אין איין צימער פון מייסטערסקאיע און האָבען אויסגעטרונ-
קען. געבליבען זיינען מעהר ניט 4 אינגלאך און אייניגע אנדערע, וועלכע
האָבען דאָך ניט געקענט איהם פערטיג מאכען די גאנצע ארבייט. דער בעל
הבית האָט דערהערט אז אין מייסטערסקאיע איז געוואָרען שטיל, האָט
ער גלייך פערשטאנען וואָס דאָ איז; ער האָט זיך שטארק דערשראָקען,
און גלייך האָט ער זיך געווענדעט צו די ארבייטער, האָט זיי אָנ-
געהויבען צו בערוהיגען און גלייך איינגעוויליגט אויף די גרעסטע
העלפט פון זייערע פאָדערונגען. די ארבייטער האָבען געפאָדערט,
1) אז דער בעל-הבית זאָל קיינמאָל ניט פאָדערען פון דיא ארבייטער, אז זיי
זאָללען טוהן מעהר וויא 12 שעה, 2) ער זאָלל העכערען די געצאָהלט אויף
10—20 קאָפּ״ פון שטיק, און דיא שכירות פון די וואָך־ארבייטער אויף 50 קאָפּ.
דיא וואָך; דיא ארבייטער, וואָס טהוען אין די מעכאניטשעסקי (ביי ליאכינ־
סקין איז דרייערליי ארבייט: זאקאזנע, מעכאנישע און שטעפערשע) זאָל ער
העכערען ביז 5 קאָפּ. אויף יעדער נוממער — און דאָס איז 50—70 קאָפּ. די

וואָך מעהרער, 3) אין מייסטערסקאיע זאָלֿ זיין א זייגער, 4) פון אנדערצאָהלֿען מיט דיא ארבייטער זאָל ער אין מייסטערסקאיע גופא, כדי אלע זאָלֿלען וויססען איינער וועגען דעם אנדערען, ווי פיעלֿ יעדערער בעקומט. און מען זאָלֿ קענען בעססער קאָנטראָלֿירען דעם בעלֿ-הבית ווי ער צאָהלט זיך פון אנדער, 5) דער בעלֿ-הבית זאָל יעדעס מאָלֿ אָבצאָלֿען אין גאנצען, ניט אזוי ווי פאָרדעם, וואָס ער פלעגט צאָהלען ביסלעכווייז און שטענדיג בלייבען שולֿדיג די ארבייטער, 6) ער זאָלֿ קיינעם ניט אָפזאָגען פון דער ארבייט. ווי מיר האָבען שוין פריהער געזאָגט, האָט ז'ער בעל-הבית באלד געוואָלט שלֿום מאכען מיט די ארבייטער, נאָר אויף איין זאך האָט ער ניט איינגעוויֿלליגט. ער האָט זיך ענטזאָגט צו צונעהמען איין וואָך-ארבייטער וועלֿכער פערשטעהט ניט גוט די ארבייט. די ארבעטער זיינען זיך פון אנדער געגאנגען, חאָטשי דער בעלֿ־הבית האָט זיי זעהר געבעטען. דעם זעלביגען טאָג האָט דער בעלֿ־הבית געגעבען צו וויססען די ארבייטער, אז ער ווילֿ זיך מיט זיי דורך ריידען. די ארבייטער זיינען געקומען צו איהם דורכריידען זיך, אָבער זיינע רייד האָט צו גאָר נישט ניט געבראכט. דריי פון די ארבייטער האָבען וועסט געזעטצט זיך צו דער ארבייט. דער בעל-הבית איז געווען אויסער זיך פון כעס, האָט געסטראשעט, אז ער וועט איבערגעבען די ארבייטער צו די זשענדארמען, אז ער וועט געהען צום פאבריטשנע אינספעקטאָר. די ארבייטער האָבען זיך אָבער דערפאר ווייניג דערשראָקען. עס איז אוועג דריי טעג, און דער בעל־הבית האָט זיך ארום געזעהען, אז די ארבייטער האָבען אָבגעשטעלֿט די ארבייט טאקי ניט אויף א געלעכטער. אין אבענד האָט ער נאָך זיי געשיקט און אויף מ׳רגען אין דער פריה האָבען זיי צווישען זיך געענדיגט; אלֿע פאָדערונגען וואָס די ארבייטער האָבען ארויס געשטעלֿט, זיינען ערפיללט געוואָרען. די ארבייטער׳ס פערדינסט האָט זיך נאָך דעם אָברייד נאָך דורך שניטליך געהעכערט אויף 2 רובל א מאָנאטה. די סטאטשקע האָט געקאָסט די אללע 22 מענשען 12 [92] רובל 40 קאָפ״ (רעכענדיג זייערע ראסחאָדען אין דער צייט פון דער סטאטשקע און דיא שכירות, וואָס זיי האָבען אין דער צייט אָנגעוואָרען). אויף יעדער איינציגען קומט אויס 4 רובל 20 קאָפ״. אין א קורצע צייט וועלֿען די ארבייטער קוממען צו זייער היזק, ווען זיי וועלען האלֿטען אויך אזוי איינינג און אזוי פעסט ווי אין דער צייט פון דער סטאטשקע. נאָר אויסער דעם אלץ האָט די סטאטשקע געהאט נאָך א גרויסען איינפלוס אויף אלע קריסטלֿיכע און אידישע ארבייטער וועלכע האָבען זיך מיט איהר אינטערעסירט און זי האָט איבערהויפט ארויסגערופען זעהר א גרויסען אינטערעס ביי אלע ארבייטער אין שטאָדט, דאָס איז די ערסטע סטאטשקע, וואו אידען מיט קריסטען האָבען איינינג און פעסט געשטריטען צוזאממען.

געוויינטליך איז בא אונז אין רוססלאנד אָנגענוממען, אז אידען און קריסטען האססען איינע די אנדערע, אז צווישען זיי איז קיין פריינדשאפט ניט מעגלֿיך, פראוויטעלסטוואָ פון איר זייט זעהט מיט כלה מיגליכקייט און מיט אלערלֿיי רדיפות אונטער צו האלטען די פיינדשאפט צו ווישען די פערשידענע פעלקער וואָס וואָהנען אין רוססלאנד. פראוויטעלֿסטוואָ טהוט דאָס ווייל זי איז די פאָרשטעהערין פון די אינטערעססען פון די בורזשואיע, די בור-

זשואזנע געדאנקען זיינען איהרע געדאנקען, די בורזשואזנע געפיהלען זיינען איהרע געפיהלען און אזייא ווי אלע פעלקער, וואָס בעוואָהנען רוססלאַנד זיי־נען קאָנקורענטען פאר די רוסישע בורזשואזיע, דעריבער האסט די רוסישע בורזשואזיע די אלע פעלקער און צוזאממען מיט דער בורזשואזיע האסט זיי די פראוויטעלסטווא. אויסער דעם זוכט נאָך פראוויטעלסטווא צו פערגרעססע־רען דעם האס צווישען אלע פעלקער צוליעב נאָך א זאך אויך. זי זעהט צו פערשטעללען דעם וועג פאר די ארבייטער פאָן די אלע פעלקער, כדי זיי זאָלען זיך צוליעב דעם נאציאָנאלעם האס ניט פעראייניגען. זיי זאָלען ניט קענען מיט פעראייניגט[ע] קרעפטען שטרייטען אנטקעגען זייערע בעלי בתים און שפע־טער אויך מיט די פאָרשטעהער פון די בעלי בתים מיט דער פראוויטעלסטוואָ; זי וויס, אז די פעראייניגטע ארבייטער זיינען א קראפט, פאר וועלכע זי האָט זיך וואָס צו שרעקען, א קראפט א גרויסע, א געפעהרליכע, און דעריבער וואָס מעהרער עס וועט זיך פערשפרייטען דער שטרייט צווישען קלאסס אר־בייטער און קלאסס בעלי בתים, דאָס מעהרער וועט פראוויטעלסטוואָ זעהן צו פערשפרייטען האס צווישען די פעלקער אין רוססלאַנד. נאָר די ארבייטערשע אינטערעססען זיינען גאָר אנדערע, זיי דארפען מיט אלע מיטלען פערקלענע־רען דעם האס צווישען זיך, פאר וועלכען עס האלטען זיך אזיי שטייף די רייכע קלאססען און וועלכען זיי זוכען איינצופלאנצען ביי די ארבייטער אויך. אזא סטאטשקע ווי די, וועגען וועלכער מיר האָבען פריהער גערעדט ווייזט קלאָהר אויף די ארבייטער, אז ביי אלע ארבייטער, סאי אידען, סאי ליטוועשע, סאי רוסישע און סאי פאָלנישע — ביי אלעמען פון זיי קלאפט איין הארץ, איין גליעד—דאָס הארץ פון פראָלעטאריער, אז זיי אלע האָבען איינע אינטערעס־סען איינען פיינד און דעריבער דארפען זיי, ווען עס קומט זיי נאָר אויס, שטרייטען צוזאממען געגען דעם געמיינזאמען פיינד. און טאקי דער שטרייט פאר די ארבייטער אינטערעססען וועט אין גאנצען צערשטערן אלע נאציאָנאלע פערהאסונגען און פיינדשאפט און עס וועט שליסען איין פעסטען בונד צווי־שען קריסטליכע און אידישע ארבייטער. אלע ווילנער ארבייטער האָבען דע־ריבער מיט גרויסע פרייד געטראָפען די סטאטשקע ביי ליאכינסקין, אין וועלכע די אידישע ארבייטער האָבען צוזאממען מיט זייערע ברידער די קריסטלעכע [געשטריטנ] און מנצח געוועזען.

ווי מיר האָבען שוין געזעהען פון די פריהעריגע פאקטען ווערט דער שטרייט אין דער שוסטעריי אלץ ברייטער און ברייטער, נאָר וואָס ווייטער וועט דער שטרייט וועי־רען אלץ שווערער, ווארום זאָגאר ווילנער איינוואָהנער געברויכען נאָך דערווייל ווייניג שוכווארג פון אנדערע שטעדט, דאָך האָבען די לעצטע אָנגעהייבען צו קאָנקורירען מיט די ערסטע, און מיט דער צייט ווי'ט אלץ מעהר מעכאנישע שוכווארג אריין אין געברויך און מען וועט איהר קענען וועלוועלער פערקוי־פען און די קאָנקורענציע וועט ווערען נאָך גרעססער. אויסער דעם, ווי מיר האָבען שוין פריהער בעמערקט קאָנקורירען ביי אונז די מאגאזינאָווע שוכ־ווארג מיט די זאקאזנע און וואָס ווייטער שטופט אלץ די ערסטע ארויס די צווייטע. דער שרעקליך לאנגער ארבייטסטאָג, וועלכער עקסיסטירט ביי די מאגאזינאָווע שוסטער, די גרויסע נידערגעשלאָגענקייט ביי די אונטערן שטאָד־

טיגע ארבייטער, די גרויסע עקספלואטאציע פון זיי, די וועלוועלע מייסטער־
סקאיעס הינטערן שטאָדט—דאָס אלץ גיט די מאגאניזאָווע סחורה די מעגליכ־
קייט ארויס צו שטופען די זאקאזנע. דערצו נאָך די קאָנקורענציע פון וואר-
שאווער און פעטערסבורגער מעכאניצעסקי שוכווארג, וועלכע קאָנקורירט
נאָך דערווײַלע וויניג, נאָר וואָס ווייטער אלץ מעהרער,—דאָס אלץ
וועט ברייגגען די זאקאזנע ארבייט צום אונטערגעהן. און דער אונטער-
גאנג זעהט זיך שוין ניט גאנץ ווייט, דעריבער דארפען זיך די ווילנער שוס-
טער גוט ערקלעהרען וועגען זייער לאגע. געוויס קען זיין אז א טהייל זאקאזנע
ארבייט וועט איבער געהען צו מאגאזינאָווע אָבער דאָס וועט זיך דאָך אויך
ניט לייכט געבען: מען מוז דאָך אָנגרייטען זיך ערטער, וואו דאָס אהין צו
טאָהן און דאָס אליין וועט זיך ניט אלעמען איינגעבען. היינט די איבריגע
אלע אוסלאָוויעס פון אזא איבערגאנג איז אויך ניט פאר אלעמען מעגליך;
אזא איבערגאנג פון זאקאזנע צו מאגאזינאָווע וועט ברייגגען צו זעהר פיל
צרות די ארבייטער שוסטער. די בעלי בתים וועלען זעהען אראָב צו נעהמען
פון די שכירות, צו פערלייגערן דעם ארבייטסטאָג און די ארבייטער שטעהט
פאָר דעריבער זעהר, זעהר א שוועהרע צייט. די שלעכטע צייט האָט שוין [זיך]
אָנגעהייבען, זיי ליידען שוין איצט פון דעם, וואָס איז אזוי וויניג ארבייט,
אָבער ווי מיר האָבען געזעהן שטעהט זיי נאָך ערגערע צייטען פאָר... אז דער
שרעק פאר די צוקופט, פאר די ערגערע צייטען האָט שוין געמאכט איינינגע
שריט ביי די ארבייטער האָבען מיר־ געזעהען פון דעם רעכענונג, ווי פיל די
ארבייטער איז אויסגעקוממען צו שטרייטען אין דער לעצטער צייט. נאָר ווי
עס ווייזט אויס וועט זיי ווייטער נאָך מער אויסקוממען צו שטרייטען, אום
חאָטשי פיעל וויגציג צו פערגרינגערן דעם שוועהרען פאל צוליעב דעם אונ־
טערגאנג פון די זאקאזנע ארבייט און איבערהויפט צו פערבעססערען א ביסעל
זייער לאגע דארפען די שוסטער איצט אָנווענדען אלע זייערע קרעפטען צו
שטרייטען אנטקעגען די שטיק ארבייט, קיין שטיק ארבייט זאָל ניט זיין אין
גאנצען, וואָרום קוים דערלאָזען זיי שטיק ארבייט איז אפילע מען זאָל זיי
העכערען די מקחים, שאפען זיי פאר זיך איין ארבייטסטאָג אָן א שיעור און
אָן א מאָס און צוזאמען מיט דעם ווערט זייער לאגע נאָך ערגער און זייער
שטרייט נאָך שוועהרער. די שטיק ארבייט דאָס איז די שעדליכסטע זאך פאר
די ארבייטער, זי פערלייגערט דעם ארבייטסטאָג און דורך דעם פערגרעססערט
זיך די סוממע אויסגעארבייטע סחורה און דערמיט ווערט פול אלע ערטער,
וואו מען קען נאָר פערקויפען, און דאָס ברייגגט דערצו, אז די ארבייט ווערט
אָבגעהאלטען, אז עס קומט אָן די טוידע צייט. די ארבייטער, וואָס בלייבען
אָן ארבייט, קאָנקורירן מיט די ארבייטער, וואָס האָבען יאָ ארבייט, לאָזען
ארונטער פון די שכירות, דאנן סטארעווען זיך די, וואָס ארבייטען, נאָך מעה-
רער אָן צו ווענדען זייערע כחות אום אויס צו ארבייטען די פריהערדיגע פער-
דינסט, עס ווערט ווידער סחורה פיל אין אללע מאגאזינעס און ווייטער דער
שטילשטאנד אין דער ארבייט און אזוי כסדר. ווייטער די ארבייט אָן א שיעור
שוואכט אָב אלע קרעפטען ביי דעם ארבייטער, זי נעהמט צו ביי איהם זיין
כוח און זיין מוח, ער בלייבט טעמפער, פיהלט וויניגער דעם דריקונג פון

זיין טרויערדיגער לאגע און היילט זיך ניט צום שטרייט פאר די פערבעססע-רונג. ניט אומזינסט רופט מען יעדער טעמפען, גראָבען מענשען מיט דעם נאָמען „שוסטער", דער נאָמען איז שוין א־ג-אלטער, א היסטאָרישער, און דעריבער מסתמא, ווייל דער לאנגער ארבייטסטאָג האָט אויסקאליצעט די שוסטער, געמאכט זיי טעמפ ניט נאָר זייער פערשטאנד, נאָר זייערע געפיה־לען אויך.

די שוסטער דארפען אָנהייבען דעם שטרייט אנטקעגען די שטיק ארבייט און איינפיהרען אויף איהר אָרט די וואָך ארבייט און די שכירות זאָלען זיין ניט קלענער ווי פריהער, און נאָר דאנן וועלען זיי קענען שטרייטען פאר א קורצען ארבייטסטאָג און נאָר דאן וועט דער קירצערער ארבייטסטאָג האָבען איין גרונד, ד״ה נור דאן וועט ער אויסגעהאלטען ווערען. נאָר אום אָנצוהיי-בען אזא שטרייט, דארפען זיי זיך פעראייניגען אין איין פעסטען בונד, און מיט פעראייניגטע קרעפטען ארויס אויף־ן שטרייט, און אויב פריהער פלעגט מען אונטער דעם וואָרט „שוסטער" פערשטעהען א גראָבען מענשען, וועט מען איצט אָן דעם מוזען פערגעסען, וואָרום די שוסטער הייבען שוין אויף זייערע קעפּ, גלייכען שוין אויס זייערע איינגעבאָגענע רוקענס און קוקען שוין מיט אָפענע אויגען אויף זייערע פינסטערע וועלט און פאָדערן שוין, אז זי זאָל ווערען פאר זיי לעכטיגער.

---

מינסק, 27 טען סעפטעמבער 1896

## דיא סטאצקע פאָן דיא מינסקער שוסטער

אין מינסק, יאנואר מאָנאט, האָט זיך אָנגיפאנגען א סטאטשקע בייא דיא שוסטער, וועלכע איז מערקווירדיג צוליב איהר דויערהאפטיגקייט און דיא פעסטקייט פאָן דיאביידע צדדים (זייטען). אָנטהייל האָבען אין איהר געגנו-מען 40 מאנן. זייא האָבען גיארבייט אין 10—8 מייסטערסקאיעס, און ארבייטנ-דיג פאָן שטיק ביז 3 רובל דיא וואָך, גיארבייט האָבען זייא אין קאָנטראקטען אין גאנצען אָבהייגנענדיג פאָן דעם ווילען און קאפריז פאָן בעלי בתים, וועגען איין באשטימטען ארבייטסטאָג איז ניטאָ וואָס צו ריידען. זייא פלעגען ארבייטען אָפט ביז שפעט אין דער נאכט, און אין סעזאָן-צייט גאנצענע נעכט אויך, דיא פאָדערונגען פאָן די ארבייטער זיינען געווען 12 שטונדיגען ארבייטסטאָג, און 2 שטונדען אויף פרישטאָג און מיטאָג, מען זאָל מאכען מיט זיי געשריע-בענע אוסלאָוויעס, קאָנטראקטען אויף איין יאָהר.

דיא מייסטערס דיא בעלי בתים האָבען געהאט זייער אייגענע אָרגאניזאציע זייער אייגענע קאססע פון וועלכע זייא האָבען געהאָלפען דיא אָרעמערע בעלי בתים, זאָגאר דיא גרעסטע טהייל געלד איז בייא זיי אוועק געגאנגען אויף בראָנפין און אויף צוהאלטען צוויי סקאנדאליסטען וועלכע האָבען געדארפט הארגענען די סטאצעצניקעס. דיא סקאנדאליסטען פלעגען זיך בענוצען מיט אָקסענע קישקע אָנגעפילט מיט דראָט; דיא בעלי בתים פלעגען נאָך בענוצען זיך מיט אזא מיטטעל: זייא פלעגען חאפען דיא ארבייטער און מיט געוואלד זייא אוועק

שלעפּען אין דיא מייסטערקאַיעס. זײא פלעגען האָפען אז דער מיט וועלען זייא נייטען דיא ארבייטער זיך צו נעהמען פאר דער ארבייט און דאָס וועט האָבען איין איינפלוס אויף די איבריגע ארבייטער.* די ארבייטער פלעגע אָבער בייא דער ערסטער מעגליכקייט אנטלויפען פאָן זייערע ארבייטגעבער. דיא מיטלען פון דיא בעלי בתים אנטקעגען דיא שטאצעצניקעס פלעגען דיא לעצטע זייער ערגערן. פון כעס[האָבנ זיי] גוט צוהארגעט אייניגע בעלי־בתים שוסטער אזיי דאָס מען האָט געמוזט זיי אוועק שיקען אין די באָלניצעס. איינער פון די גישלאָגענע האָט אָנגיגעבען אין סוד אויף א מאן 20 פאָדמאסטעריעס. מע זאָגט אז די 20 ארבייטער זיינען גאָר ניט גיוועז די וואָס האָבען איינטעל געגומען אין דער גישלעג נאָר דער גישלאָגענער האָט גלאט גיחאפּט וועמען עס איז אים אריין אין זינען. די סטאצקע האָט געדויערט 8 וואָכען און האָט זיך געענדיגט מיט דעם נצחון פון די ארבייטער. אללע זייערע פאָדערונגען זיינען ערפילט געוואָרען. די בעלי בתים האָבען נאָך געגעבען אויף אללע פונקטען. די אורזאכע צוליב וועלכע די בעלי בתים האָבען זיך אזוי לאנג גי־האלטען איז נאָר די וואָס די סטאצקע האָט זיך אָנגעהייבען ניט אין קיין גוטע צייט: דער ווינטער סעזאָן איז געוועזען צו ענדע און די בעלי בתים האָבען זיך אונטער געגעבען נור אין אָנהייב פרילינגס סעזאָן. די ארבייטער האָבען זיך געהאלטען זעלטען גוט. ניט איינער פאָן זיי איז פאר די גאנצע צייט קיין [מאָל] ניט געגאנגען פרייווילליג צו דער ארבייט. פיל ארבייטער פון אנדערע מלאכות האָבען זיי געהאָלפען געשטיצט מיט ראטה און געלד.

אין אָנהייב מערץ מאָנאט איז פאָרגעקומען נאָך א סטאצקע אויף מאנעס־זאָהנס פאבריק פון מעכאנישע ארבייט און שטרוק.** דאָרטען ארבייטען ביז 45 מאן פון זיי 6 מיידלאך בעקומען פון 60 קאָפּ. ביז 1 רובל 20 קאָפּ. א וואָך. 12 אינגלאך באקומען פון 50 קאָפּ. ביז 1 רובל די וואָך, 13 גרויסע ארבייטער פון 1 רובל 20 קאָפּ. ביז 2,50 א וואָך און 14 בעלי מלאכות שלאָס־סער פון 3 רוב. ביז 5 רובל. ארבייטען פלעגען זיי פון 6 אין דער פריה ביז $6^1/_2$ אין דער נאכט. אויף פרישטיג פלעגען זיי בעקומען 1 שעה און אויף מיטאָג $^1/_2$ שעה, אללע ארבייטער זיינען דאָרטען אידען און דעריבער בעקומען זיי אזוי פיל צייט אין דער פריה ווייל זיי דארפען דאווענען חאָטש אין אמת'ן דאווענען זיי זייער זעלטען. דיא ארבייטער האָבען געפאָדערט מען זאָל זיי געבען נאָך איין $^1/_2$ שעה צו מיטאָג, דער בעל הבית האָט זיך ענט־זאָגט, ווייל ער האָט ער[קלערט] אויב ער זאָל זיי געבען מעהר צייט אויף מיטאָג וועט ער ניט קעננען קאָנקורירן מיט די איבעריגע פאבריקאנטען. אז די ארבייטער האָבען געמעלדעט אז זיי מאכען א סטאצקע, האָט דער מייס־טער געהייסען ברייגען א רעוואָלווער און האָט געזאָגט אז אויב דיא ארבע־טער וועלען זיין גרויסע עקשנים וועט ער שיסען. די ארבייטער האָבען זיך

---

* וועגנ מינסקער שוסטער-שטרייק ברענגענ מיר אלס ביילאגע צום „אידישען ארבייטער" א באשרייבונג פונ בענטשע לעווינ, וועלכער איז געוועגנ איינער פונ די אָרגאניזאטערס פונ דעם דאָזיקנ שטרייק. ר ע ד.

** שטרוק איז גטוועגנ איינער פונ די אייגנטימער פונ דער פאבריק. אונ דאָ ווערט געמיינט, אז דער שטרייק איז פאָרגעקומענ אפּ מאנעסזאָנס אונ שטרוקס פאבריק פונ מעכאנישער ארבעט. רעד.

אוועק געשארט. אין דער סטאצקע זיינען געשטאנען 25 מענשען פון זיי צווייא ארבייטערקעס. די סטאצקע האָט געדויערט איין טאָג און דער בעל הבית האָט זיך אונטערגעגעבען. פון דעם נצחון האָבען גינאָססען אללע ארבייטער פון דער פאבריק אפילע די וואָס האָבען זיך ניט געשטעלט.

אין עטלעכע טעג ארום איז געקוממען דער פאבריצנער אינספעקטאָר און האָט געפאָדערט מען זאָל ארויסגעבען די בונטאָוושטשיקעס נאָר דער בעל הבית האָט מורא געהאט אָנצווייזען אויף וועמען עס איז, און דער אינ־ספעקטאָר איז אוועק מיט גאָר ניכט.

אין די לעצטע צוויי סטאצקעס וואָס זיינען דאָ באשריבען האָט זיך פּאָ־ליציי ניט גישטעקט.

---

וואַרשע דעם 15 סעפּטעמבער

מיט וועמען מען זאָל נור רעדען וועגען ווארשע איז יעדערער איבערצייגט, אז אין דער שטאָדט איז די ארבייטער בעוועגונג צווישען פּאָליאקען און אי־דען זעהר גרויס, אז דאָ איז זי גרעסער ווי אנדערס ווי. וועגען די פּאָליאקען וועל איך דאָ ניט ריידען, נור וואָס געהערט די אידישע ארבייטער בעוועגונג איז דער אָנגינאָמינער מיינונג דורכויס פאלש. אמת ווארשע איז איין גרויסע שטאָדט מיט איין גרויסען צאָל פאבריקען און ארבייטער, אמת אין ווארשע טרעטען ארויס די קלאססען געגענזעצע, די פיינדליכקייט צווישען די אינ־טערעסען פון די בעלי בתים און די ארבייטער פאלען שארפער ווי אנדערט־וועגען. דאָך, פון דעם וואָס די קלאססען געגענזעצע עקסיסטירען אין לעבען איז נאָך ניט געדרונגען אז דער קלאססען בעוואוסטזיין עקסיסטירט אין דער זעלבער צייט ביי די ארבייטער — פון איינע ביז די אנדערע איז נאָך גאנץ ווייט און טאקי דער קלאססען בעוואוסטזיין האָט נאָך ביז די לעצטע צייט געפעהלט ביי די ווארשעווער ארבייטער און נאָך איצט פעלט ער אויס אין די גרעסטע טהייל פון זיי. פילע וועלען זיך דעריבער וואונדערען, זיי וועט פאָרקיממען אז איך האָב איין טעות, אז איך ווייס ניט גוט די לאגע דאָ אין ווארשע. דאָך קיין טעות האָב איך ניט. די אידישע ארבייטער בעוועגונג דאָ אין ווארשע איז טאקי ווייט געבליעבען הינטער אנדערע שטעדט, עס זיינען דאָ פיל אורזאכען פון דער טרויעריגער ערשיינונג, אייניגע פון זיי וועל איך אופווייזען. די אידישע ארבייטער מאססע ווייניגסטענס די ברייטע שיכטע אירע פערשטייט ניט, רעט ניט און לייענט ניט אויף פוילִיש. איהר שפּראכרעדע איז אידישער זשארגאָן, אויף דעם לייענען ארבייטער און פער־שטייען ביכער. די פאָרשטעהער פון פּאָלנישע ארבייטער בעוועגונג צוליב דעם אליין ווען זיי וואָלטען שוין גיוועלט [ארבעטנ צווישנ די יִדישע ארבעטער וואָלטנ זיין] ניט גיקענט גאָרנישט טהאָן, די גאנצע ליטעראטור פון די פּאָל־נישע ארבייטער איז געוועזען פאר די אידישע מאססע [ניט] פערשטענדליך, און דעריבער [זייַנענ די יִדישע ארבעטער] געשטאנען גאנץ [אָנ]אזייט פון די פּאָלנישע ארבייטער בעוועגונג. די פאָרשטעהער פון דער פוילישער ארבעטער בעוועגונג האָבען אויף איהר קיין איינפלוס געהאט. די [פוילישע] ארבייטער

בעוועגונג איז אלץ געוואקסען האָט זיך אלץ געשטארקט, זי האָט ארומגענומען אלץ גרעסערע און גרעסערע שיכטען אין דער ארבייטער מאססע. נאָר דער אידישער פּראָלעטאריאט איז געבליבען עוויגליך אין טיפען שלאָף, אזוי ווי פערשטיינערט. די פּאָלנישע ארבייטער האָבען [געשטרייקט] און דערשלאָגען זיך איין קורצען ארבייטסטאָג און דיא האנדווערק[ער] ארבייטען זעלטען מערער ווי 12 שעה. די אידישע ארבייטען 16—14 און 18 שעה אויך. די קליידערנייטערקעס און וועשנייטערקעס די פּאָלנישע ארבייטן 10—11 שעה. די אידישע קליידער־ און וועשנייטערקעס ארבייטען 14—12 שעה. אין אפולע פאבריקען, ארבייטען די קריסטען ווייניגער ווי די אידען (אזוי צום ביישפּיל, אויף דער פאבריק פון שלעססער בייא פּראַישווער ארבייטען די קריסטען 12 שעה און די אידען 13 שעה, אזעלכע ביישפּילען קען מען ברייגנען פיל). דער אונטערשייד איז ווי איר זעט [גרויס], און ניט ווילענדיג קומט אריין אזא פראגע אין זינען: צו דען קען דאָס זיין אז דער אידישער פּראָלעטאריאט האָט צווישען זיך ניט אזיינע פייהיגע מערער פערשטענדיגע ארבייטער? אויב יע טו ווי זיינען זיי? וויהין זיינען אוועק די [בעסערע] פאָרשטעהער פון די אידישע ארבייטער? ווי איז די אינטעלליגענציע וואָס פערהיט די אינטערעססען פון ארבייטער קלאסס?

יעדער פערשטענדיגער ארבייטער ווייס אז דער קלאססען בעוווסטזיין קומט ניט מיט א מאָל, ער ארבייט זיך אויס ביסלעכווייז, לאנגזאם איינציגע שפּראָצונגען פון אזא קלאססען בעוואוסטזיין זיין געוועזען און וועלען זיין אללע מאָהל אפילע ביי דעם אונענטוויקעלסטען פּראָלעטאריער, נור די פייהיגערע די פערשטענדיגערע פאָרשטעהער פון דער ארבייטער מאססע דארפען קענען בענוצין זיך מיט די איינציגע שפּראָצונגען זיי ערקלעהרען יעדער מאָל צוזאמען בינדען זיי אללע צוליב דעם אז דער ארבייטער זאָל קוקען אויף אלץ מיט די אויגען פון איין ארבייטער, ער זאָל קענען פערשטיין יעדער פאקט פון זיין לעבען, וואָס פיר אים איז גוט און וואָס שלעכט, ווער איז זיין פיינד ווער זיין פריינד, מיט איין וואָרט — ער זאָל בעקומען זיין פולין פערשטאנד פון זיינע אינטערעסען ווי ווייט זיי זיינען פיינדליך צו די אינטערעסען פון די בעל בתים, ווי דער ארבייטער מוז שטרייטען אנטקעגען די בעלי בתים אום צו פערטהיידיגען זיינע אינטערעסען; אז דער ארבייטער וועט אלץ פערשטיין דאן וועט ער זיין א „סאָזנאטעלנער” איין קלאסען בעוויסטער ארבייטער.

לאָמען זעהן איצט צו האָבען די ענטוויקעלטערע אידישע ארבייטער גיטאָן אזוי אנטקעגען זייערע חברים ארבייטער וועלכע האָבען ווייניגער פון זיי פארשטאנען? צו האָט זיי געהאָלפען אין דעריין די אידישע אינטעליגענציע? ניין, פילע וועלען געוויס פרעגען: שטייטס ווי אזוי קען דאָס זיין? דער פּאָלישער רעוואָליוציאָנער פּראָלעטאריאט האָט דאָך אין זיינע רייהען פיל אידישע אינטעליגענטען און ארבייטער? וויזאָ? דאָס איז ריכטיג אָבער וואָס קומט דערפון ארויס? די אינטעליגענטען זיין געוואָרען פּאָליאקען מיט לייב און זייל, די פּאָלישע שפראכע — איז געוואָרען זייער שפראכע, די פּאָלישע ליטעראטור — זייער ליטעראטור. די אידישע ארבייטער־מאססע האָט פאר זיי גאָר ניט עק-

סיסטירט. פאר די גאנצע צייט וואָס די פּאָלישע ארבייטער בעוועגונג עקסיס-
טירט האָט מען פיר די אידישע ארבייטער ארויסגעגעבען נור איין ביכל „וועד
פון וואָס לעבט"* א ביכעל וועלכער קען ניט נוטצען פאר די גאנצע מאססע.
זיי אלע די אידישע פאָרשטעהער זיינען געוועזען ניטצליך נאָר דעם פּ אָ ל י-
שען ארבייטער בעוועגונג. זיי האָבען פערשפּרייט פערשטאנד נור צווישען
די פּאָלישע ארבייטער מאססע. זיי זיינען אָבער געוועזען גאנץ אוניצ-
ליך די אידישע ארבייטער מאססע: זיי זיינען ניט אריין געגאנגען אין איהרע
אינטערעסען, די אידישע ארבייטער זיינען געבליבען אלץ בלינד, אונענטווי-
קעלט, פעריאָגטע, נידערגעשלאָגענע אָן פערשטאנד אָן פערלאנג צו קעמפּפען
פאר זייערע אינטערעסען. — נאָך מער, אָט די אונפערשטענדליכקייט, אָט די
שוואכע ענטוויקלונג פון קלאססען בעוואוסטזיין, אָט די מוטקייט פון קאמפף
פיר איהרע אינטערעסען — די אלע אורזאכען אין וועלכע די אידישע ארביי-
טער מאססע איז פארשטייט זיך גאָר ניט שולדיג האָבען נאָך ארויסגערופען
אנטקעגען זיי האָכאכטונג פון די קריסטען — אפילע פון די קריסטליכע
ארבייטער אויך... עס איז טרויריג אָבער ריכטיג.

די לעצטע צייט אָבער האָט עס אָנגיהייבען גיין בעסער, א יאָר אָנדערט-
האלבען צוויי צוריק, האָט דער אידישער פּראָלעטאריאט איינִיגע פייהיגערע
פערשטייענדיקערע ארבייטער וועלכע האָבען מערער פערשטאנען זייער
פליכט אנטקעגען די אידישע ארבייטער מאססע און די אינטערעססען פון די
אידישע ארבייטער. זיי האָבען זיך שוין צוגעהערט צו די אינטערעסען, זיי
האָבען זיך גענוממען צו באשיצען זייערע אינטערעסען. א שווערע ארבייט
איז זיי פאָרגעשטאנען: אויף וועקין די אידישע ארבייטער מאססע פון איהר שלאָף,
בעקעמפּפען איהר גלייכגילטיגקייט געבען איהר פערשטאנד, צוגעבען איהר מוכה
ענטוויקלען אין איהר דעם וואונש צו שטרייטען פיר איהרע אינטערעסען צו שטריי-
טען מיט'ן קאפּיטאל און מיט די איבריגע ארבייטער פיינד. נאָר די שווערִיגקייטען
האָבען קיינעם ניט דערשראָקען און די ארבייט האָט זיך אָנגעפאנגען. פאר
די מאססע איז אלץ געוועזען איין נייס: אז זיי פלעגען דערהערען דעם וואָרט
„סאָלידארנאָסט" — אחדות פלעגען זיי פרעגען וואָס איז דאָס אחדות? דער
קאמפף — וואָס איז דאָס אזעלכעס קאמפף? צו וואָס איז ער? לייענען וואָס
עס איז — צו וואָס איז דאָס לייענען, עס איז ניטאָ קיין צייט. עס ווילט זיך
ניט און אזוי ווייטער. קאססעס אָרגאניזאציעס, אפילו סטאצקעס אלץ איז גע-
וועזען פיר די אידישע ארבייטער איין אונפארשטענדליכע שפּראכע. מען האָט
געדארפט [אָנהייבען גאָר פון אלף ביית פון דאָס וואָס אין יעדערע אידישע
שטאָט איז שוין לאנג בעוואוסט. די גרופּע אידישע סאָציאל-דעמאָקראטען
אין ווארשע האָט ארויסגעלאָזען איין אויפרוף אין וועלכען עס האָט זיך ער-
קלערט די וויכטיגקייט די ביידייטען פון קאססעס, פון אחדות פון קאמפף
פאר דעם קורצען ארבייטסטאָג די נייטיגקייט ארויסצושטעלען אנטקעגען די
קראפט פון דיא קאפּיטאליסטען — די קראפט פון פעראייניגטע ארבייטער.
איין גרויסען איינפלוס האָט געמאכט די בראָשיורע „לאנג און מאָגער" אָדער

* דאָ ווערט געמיינט ש. דיקשטיינס ביכל „פונ וואָס איינער לעבט". ר ע ד.

דער „ארבייטסטאָג״ וועלכע מען האָט פערשפרייט אין אייניגע עקסעמפלארען, נאָר איבערהייבט האָט געווירקט די מונדליכע אגיטאציע. עס איז אוועק איין קורצע צייט; און דער אידישער פראָלעטאריאט האָט בעקוממען גאָר איין אנדער אויסזעהען: די ארבייטער הערען ניט אויף צו ריידען וועגען קאססעס, אָרגאַניזאציעס וועגען דעם קאמפף מיט דעם קאפיטאל, וועגען די עקספּלאָאטאציע פון די פאבריקאנטען און מאסטערס, וועגען די נייטווענדיגקייט צו שטרייטען פיר העכערע שכירות און איין קירצערען ארבייטסטאָג. די ארבייטער פון פּראָשעווער שלעססער פאבריק האָבען ערגעץ ווי געפונען דעם ביכעל „ארבייטס-טאָג״, האָבען אים איבערגעלייענט און גלייך פערשטאנען אז אלץ וואָס ער בעווייזט איז רעכט, איבערהויפּט האָט זיי פערדראָססען וואָס זיי 200 מאן אידישע ארבייטער האָרעווען 13 שעה און די קריסטען מער ניט ווי 12 שעה. פּראָשעווער האָט בעמערקט די אונצופרידענהייט פון די ארבייטער און מיט אייניגע פון זיי האָט ער זיך דורכגערעט, ער האָט ניט דערלאָזען צו א סטאצקע און עפּעס ווי פון זיך אליין האָבען די אידישע ארבעטער אָנגעפאנגען צו ארבייטען $12^1/_2$ שעה אָנשטאָט 13 שעה. איצט קען מען האָפפען אז אין געכין וועט דיא אנדער איבעריגע האלבע שעה אויך אראָב. דער קאמפף צו פארקירצען דעם ארבייטסטאָג האָט זיך פערשפרייט איבערהויפּט ביי די קאסטען מאכער. די מלאכה איז איבערהויפּט ניט פון גרויסען האנד און אין די גרעסטע מאסטערסקאיעס ארבייטען מער ניט ווי 6—5 מאן. די הויפּט ארבייטער זיינען עלטערע מענשען. ביי די קאסטען מאכער איז כמעט יעדען טאָג סטאצקעס און אלע מאָל פירען זיי אויס, זיי ארבייטען שוין איצט אללע ניט מער ווי 12 שעה. די געצאָהלט פיר יעדער קאסטען איז גרעסער, די האָלץ צו די קאסטענס בעססערע, גרינגערע אויסצוארבייטען. נאָך פאקטען וועל אין פאָר-לייגען איין אנדער מאָל.

די שטרייט פאר אקורצען ארבייטס טאָג לערנט די ארבייטער זייער פיל: זי ווייזט זיי ווי ווייט זיי האָבען זיך ניט צו פערלאָזען אויף די געזעטצע. פיר די ארבייטער זיינען זיי טויט ביז וואנען די ארבייטער שטרייטען ניט אז מען זאָל זיי האלטען. אין רוסלאנד עקסיסטירט א געזעץ וועגען א 12 שעהיגען ארבייטסטאָג. דער געזעצ עקסיסטירט שוין מעהר ווי הונדערט יאָהר און חאָץ אין ווארשע איז דאָ א סטארשער פאבריצנער אינספעקטאָר מיט פּאָמאָצניקעס חאָץ עס איז דאָ א שטרייגע פּאָליציי וועלכע דארף אויפזען אז די געזעצען זאָלען ערפילט ווערען דאָך איז דער געזעץ געוועזען אויפן פאפיר ביז די ארבייטער האָבען זיך גענומען צו שטרייטען פיר איר. די ווארשאווער ארביי-טער וועלען זיך מיט פעראייניגטע קרעפטען דערשלאָגען אז דעם געזעטץ זאָל מען האלטען. מיט זייערע פעראייניגטע קרעפטן וועלען זיי זיך דערשלאָגען ניט נור דאָס אליין ניט נאָר די פערבעסערונג, נאָר אפילו אויך די קראפט איז ביי זיי אין די הענט, די פעראייניגטע קרעפטען פון די ארבייטער קען קיין זאך קיין מענש ניט בעזיגען.

לאָמיר זע ברידער און שוועסטער זעהען צו שטרייטען צו קעמפפען אום צו דערגרייכען איין בעססערען מענשליכען לעבען.

---

ווילקאָווישק דען 23 טען סעפּטעמבער 1896.

אין ווילקאָווישק ארבייטען ביז 300 ארבייטער אויף 5 פאבריקען. צוויא גרעססערע אויף איינע איבער 100 אויף די אנדערע ביז 95 ארבייטער און דיא איבריקע דריי קלענערע. דיא בערסטער פון ווילקאָווישק זיינען א טייל דאָר־טיגע איינוואָהנער, א טייל צוזאמען געפּאָרענע, די לאגע פון די בערסטער איז ביז די לעצטע צייטען געוועזען זעהר א שלעכטע. געארבייט האָט מען דאָרטען אָן איין שיעור, 14־15־16 שעה אין מעת לעת און א מאָל נאָך מערער אויך, די שכירות איז דאָרטען זייער א קליינע—דורכשניטלעך 4 רובעל די וואָך, ווייל דאָרטען עקסיסטירען ווי איבערהויפּט בערסטעריי, פּערמיטטלער צווישען די בעלי־בתים און ארבייטער—פּאָסרעדניקעס, פּאָסרעדניקעס נעמען אָן ביין בעל־בית די ארבייט און זיי דינגען שוין פון זיך ארבייטער. די פּאָסרעדניקעס בעקומען ביין בעל־הבית געצאָלט פון יעדער פּוד בעזונדער—דיא ארבייטער בעקומען פון וואָך. אזוי איז אין דיא גרעסטע טהייל פאבריקען ביי די בערסטערס, נור אין וויל-קאָווישק האָבען די ארבייטער געליטען פון דעם מעהרער ווי אומעטום. זיי האָבען געארבייט אָן א שיעור און האָבען פּערדיענט וויניגער וויא די אר-בייטער פון אנדערע שטעדט. די פּאָסרעדניקעס פּלעגען אָנעמען די ארבייט פון [באלעבאָס] וועלוועלער. זיי האָט געלוינט, זיי האָבען געהאט וואָלוועלע ארבייטס-פערד. פון יעדען ארבייטערס רובעל פּערדינט יעדער פּאָסרעדניק 22—25 קאָפּ׳ ד. ה. 22 אָדער 25 פּראָצענט נאָר ניט נאָר פון די שווערע ארבייט, פון די קליינע געצאָהלט ליידען די ווילקאָווישקער ארבייטער. דיא פּאָמעסצעניעס זיינען קליין, קיין ווענטעלאציאס זיינען ניטאָ. די פּול פון דיא צעטינע פאלט שטענדיג אויף די לונגען, עסט זיי אויף און ברייננט דיא בערסטער צו צאכאָטקע. כמעט א העלפט ווילקאָווישקער בערסטער ליידען אויף לונגענקראנקהייטען, אויסערדעם פון שטענדיגען שטיין ביי דער ארבייט בעקומען זיי וואונדען אויף דיא פיס. ביז מיט א יאָהר אָנדערטהאלבען צוריק איז געוועזען אין ווילקאָווישק זעהר שטיל, די קראנקהייטען זיינען געוועזען שטארק פערשפּרייט, דאָ האָט יענער, דאָ דער אנדערער געמוזט ווארפען די ארבייט און גיין אין באָלניצע, אָבער דיא איבריגע ארבייטער האָבען ניט געמערקט אין וואָס ליגט זייער אומגליק, זיי האָבען זיך געסטארעוועט צו ארבייטען וואָס מערער אום נאָר צופריעדען צו שטעללען דעם בעל הבית וועלכער פּלעגט שטענדיג זיך הערויסשטעללען פיר זייער בעל טובה. זיי פלעגען אָפּ-נארען דעם אינספּעקטאָר וועלכער פלעגט אמאָל צוויי מאָל אים יאָהר אראָפּ-קומען אין פאבריק אים כלומרשט ארומקוקען, זיי פלעגען זאָגען, אז זייא ארבייטען מעהר ניט ווי 12 שעה אז זיי האָבען צוויי שעה פריהשטיק און מיטאָג, אז זיי איז איבערהויפּט זעהר גוט ביי דער ארבייט. דער אינספּעקטאָר פלעגט אוועק פון פאבריק פריינדלעך גריסענדיג דעם פאבריקאנט, וועלכער פּלעגט איהם פיר זיין פריינדליכקייט וויסען ווי דאנקבאר צו זיין. דיא אר־בייטער פּלעגען גאָר ניט פערשטיין ווי ווייט זיי זיינען אנטקעגען זיך אליין, אנטקעגען זייערע אייגענע געזונד צוהערענדיג דעם בעל הבית, וועלכער פּלעגט שוין פריהער וויסען ווען דער אינספּעקטאָר וועט זיין און פלעגט אָנזאָגען די ארבייטער ווי צו ריידען. אָט אזוי איז געוועזען

ביז דער צייט ווען אין ווילקאָווישק איז געקומען איין בערסטער פון איין אנדער שטאָט, ווי די בערסטער האָבען געעפנעט זייערע אויגען און געזעהען ווי זיי האלטען אין דער וועלט. דער ארבייטער האָט זיך אלץ צוגעקוקט צו די ארבייטער וואָס בייגען אזוי טיעף דעם קאָפּף, און נאָך ניט רעדענדיג מיט זיי האָט ער זיי פערוואונדערט מיט זיין האלטען זיך אנטקעגען דעם בעל הבית, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געלאָזען טרעטען. אין יעניגע צייט נאָך זיין קומען איז פאָרגעקומען אזא צופאל: מען האָט אָבגעגעבען א בערסטער פיר א סאָלדאט און איז געשטאָרבען פון צאחאָטקע. מען האָט איהם געפאלמעסט, און געפונען. אז זיינע לונגען זיינען איינגעלעכערט אין גאנצען פון דיא פול. דאָס האָט געמאכט א גרויסען טומעל אין שטעטיל, דער געקו-מענער ארבייטער וועלכער האָט ביז אהער נאָר צוגעקוקט און צוגעהערט צו זיי האָט ניט דורכגעלאָזען דעם צופאל—האָט איהם ערקלעהרט פיר דיא אר־בייטער. דיא פריערדיגע רוהיגקייט און צופרידענהייט מיט דער פינסטערער לאגע האָט זיך אביסל אומגעביטן. צו דער צייט זיינען אראָפּגעקומען נאָך איי־ניגע מעהרער פערשטענדיגע ארבייטער, וועלכע האָבען געהערט אז עס דרו-מעלט זיך עפּעס אין פינסטערן ווילקאָווישק און האָבען געוואָלט דעם דרומעל געבען א נאָמען. זיי פלעגען מיט די ארבייטער ריידען אויף די פאבריקען ווי פיעל זיי האָבען נאָר געקענט, זיי פלעגען זיי צוזאמען קלייבען הינטערן שטאָט, זיי פלעגט אויסקומען צו בעהאלטען זיך אין צוגראבינצ פון די פיינדליכע אויגען, זיי האָבען אָבער פון קיין זאך זיך ניט אָבגעשטעללט. דער שטרייט וועלכען זיי האָבען געפיהרט אין די שטעט פון וואנען זיי זיינען געקומען האָט זיי געלערנט, אז אום צו שטרייטען און זיגען מוז מען אָנווענדען אללע מיטס-לען, אז די ארבייטער וועלען זיגען אז זיי וועלען זיך נאָר פעסט האלטען. זיי האָבען געהאט זייער א גרויסען איינפלוס אויף די ארבייטער וועלכע האָבען א ביסעלע גיעפענט די אויגען, האָבען שוין אָנגעהויבען אנדערש צו קוקען אויף זייערע פאלשע בעלי טובות, און האָבען אָנגעהויבען צו ריידען צווישען זיך ווי זיך צו העלפען. צו דער צייט איז העראָבגעקומען אין ווילקאָווישק דער אינס-פעקטאָר. ווי געוויינטליך האָט ער גיווארט אויסצוהערען אז דיא ארבייטער איז גוט, בעקומען די דאנקבארקייט פון די פאבריקאנטען און צופריעדען פאָהרען צוריק. אָבער דער מאָל איז גאָר אנדערש געוועזען: אויף צוויי פאב־ריקען זיינען צוויי ארבעטער פון דיא געקומענע ארויסגעטרעטען און האָבען פאָרגעלייגט דעם אינספעקטאָר דיא ריכטיגע לאגע: דיא ארבייט אָן א שיעור, דיא שלעכטע אוסלאָוויעס צוליעב וועלכע עס הערשען אזוי די קראנקהייטען ביי די ווילקאָווישקער ארבייטער. איינער פון זיי האָט אים פאָרגעלייגט צו פיהרען אויף די איבעריגע פאבריקען און אויך דאָרטען אופווייזען די ריכטיגע אוסלאָ־וויעס. דער אינספעקטאָר איז אזוי ווי געוויינטליך אוועקגעפאָרען און האָט פיר די ארבייטער גאָר ניט אויפגעטאָן. די געוויינטליכע דאנקבארקייט פון די בעלי הבתים איז אים דעם מאָל אויף זייער געפעלען געוואָרען. גלייך אָבער נאָכדעם האָבען די בעלי הבתים ענטזאגט די צוויי ארבייטער, וועלכע האָבען געוואגט צו זאָגען דעם אמת. דיא ארבייטער פון ביידע פאבריקען האָבען זיך געשטעללט און זיינען ניט געגאנגען צו דער ארבייט ביז מען האָט ניט צוגענומען צוריק

זייערע צוויי העלדישע ברידער וועלכע זיינען אזוי דרייסט ארויסגעטרעטען פאר דיא ארבייטער אינטערעסען, ניט קוקענדיג אויף דעם וואָס זיי קענען אליין דאריבער ליידען. די ארבייט האָט זיך אָנגעהויבען וויא פריהער, אָבער די רוהיגקייט, די צופרידענהייט פון דיא ארבייטער מיט זייערע פינסטערע לאגע האָט זיך אומגעביטען, און אז עס איז געקומען נאָך סכות—דאָס הייסט די צייט ווען דיא בערסטער דינגען זיך אָן אויף ׳דעם נייעם האלבען יאָהר ביז פסח האָבען זיי אָביאוועט אז מעהר וויא 12 שעה וועלען זיי ניט ארבייטען. די בעלי הבתים האָבען ניט פיעל געשטרייט און האָבען איינגעוויליגט. זיי האָבען געהאָפט אויף דעם אז זיי וועלען דאָך בלייבען ביי דעם ווייריגען, וואָרום די ארבייטער גופא וועלען מורא האָבען זיי זאָלען ניט פערדינען ווייניגער און זיי וועלען צוריק ארבייטען וויא פריהער. זייער רעכנונג איז געוועזן ניט ריכטיג. דער פונק פון פערשטאנד וואָס האָט אויפגעהויבען די ארבייטער פיר זייערע ברידער איז [דעם מאָל] געוועזן נאָך צו שוואך אום איבערצובייטען זייער פריערדיגען לעבען, זייער בעהאנדלונג זייער שטעלונג אנטקעגען דעם בעל הבית, און אז דער בעל הבית האָט זיי איבערגעגעבען דעם גלעקעל און געזאָגט, ברידער קלינגט ווען איהר ווילט אָבער געדענקט אז איר בריינגט מיר אום דערמיט, האָט זיך זייער האנט אָפּגעשטעללט און זיי האָבען ווידער געארבייט ביז 10—11 אין דער נאכט פון 5 ביז 6 פארטאָג. דער ערשטער שריטט האָט זיך ניט איינגעגעבען. דער פערשטאנד פון זייערע אינטערעסען איז געוועזן שוואך, דאָך אָבער האָט אויך דער שריט געבראכט זיינע פרוכט. דיא ארבייטער וועלכע זיינען אהין [געקומענ] פון די ארומיגע שטעדט וואו די בערסטער האָבען שוין געשטרייט און געזיעגט ווו זיי האָבען זיך דערשלאָגען איין 12 שעהיגען ארבייטס־טאָג גרעסערע שכירות, בעסערע פּאָמעסצענעס אין אייניגע ערטער—די ארבעטער וועלכע האָבען שוין גוט פערשטאנען ווער איז זייער פיינד און ווער זייער פריינד, האָבען שוין אָנגעווענדעט אללע מיטטלען אום נאָך צו עפענען די אויגען זייערע ברידער. עס האָט זיך געטומעלט און געטומעלט דעם גאנצען יאָהר. דיא ארבייטער האָט אָנגעהויבען צו פערדריסען וואָס זיי האָבען זיך געלאָזען אריין נארין אין זאק פון זייערע פאלשע בעלי טובות און זייא האָבען אָנגעהייבען ארויס צו ווייזען זייער אונצופרידענהייט מיט דיא בלוטזייגער. די ערסטע זאך האָבען א גרויסע טהייל ארבייטער אויפגעהערט צו צאָהלען אין דיא קראנקען־קאססע, וועלכע די פּאָסרעדניקעס האָבען געמאכט צוזאמען מיט דיא ארבייטער און דערמיט זיי צוגעבונדען צו זיי. דיא ארבייטער האָבען אָנגעהייבען צו פערשפרייטען דעם געדאנקען אז איידער צו צאָהלען אין די קאסע אום צו קריגען א דאָקטער ווען מיר זענען קראנק, לאָמיר בעסער זוכען מיטלען ניט צו זיין קראנק. דער טומעל איז געוואָרן אלץ גרעסער, און אייניגע פון די ארבייטער וואָס האָבען שוין געכער פערשטאנען האָבען זיך צוזאמען געקליבען און זיך בעראט וויא צו בענוטצען דעם טומ׳ל, ווי צו ברינגען זייערע ברידער צו דעם שטרייט פיר דעם 12־שעהיגען ארבייטס-טאָג. זיי האָבען בעשטימט אז שטרייטען קען מען צו דער צייט נאָר די שטרייט דארף מען אָנהויבן פריהער אויף איין פאבריק און דער נאָך אויף די איבריגע, דאָס איז געוועזן מיט א וואָך צוויי פאר תשעה באב. זיי האָבען אויסגעארבייט

פונקטען ווי צו פיהרען די שטרייט, אין א וואָך ארום האָט זיך געמאכט אין דער פאבריק וואו זיי האָבען גערעכנעט אָנצופאנגען דעם שטרייט, אזא פאקט: דעם בעל הבית זון האָט אָביאוועט א פערגריגערונג פאר די ארבייטער, זיי זאָלען ארבייטען פון 7 ביז 8½ און גיין עססען מעהר ניט ווי איין מאָל אין טאָג. די ארבייטער האָבען ארויס געשטעללט אז איין מאָל גיין עססען איז צו שווער ביי זאָ א קאטאָרזשנער ארבייט, און זייא פערלאנגען צו ארבייטען 12 שעה און דערין 2 שעה אויף פריהשטיג און מיטאָג. דער שטרייט האָט זיך אָנגעהייבען. דער פאבריקאנט האָט גלייך אָנגעזאָגט פּאָליציא און זי האָט דע-ריין ניט געשוויגען, גלייך האָט מען געמאכט אָביעסקע און חאָטש מען האָט גאָר ניט געפונען ביי זיי דאָך האָט מען זיי ארעסטירט.

צו דיא צוויי איז צוגעשטאנען פריוויללליג נאָך א דריטער ווען ער האָט געזעהען אז מען פיהרט די צוויי: „ווי הייסט, איך בין דאָך אייך אזוי שולדיג ווי זיי און אויב איהר זעצט זיי זעצט מיר“. אויף מאָרגען האָט מען צוגענומען נאָך צוויי, און אז זייערער א חבר איז געקומען זעהן וואָס מיט זיי איז האָט מען איהם אויך צוגענומען, נאכהער האָט מען נאָך דרייא צוגענומען — צוזא-מען איז געווען 9 ארעסטען. דער בעל הבית און דיא פּאָליציי האָבען געקלעהרט צו דערשרעקען דיא ארבייטער, אָבער פאלש איז געווען זייער רעכנונג, דיא ארערסטען האָבען אויפגערעגט אלע ארבייטער פון דיא איבריגע פאבריקען אויך און אין איין קול האָבען אללע געשריען „לאָמיר אָנווענדען אלע אונזע-רע קרעפטען אום ארויסצונעהמען אונזערע ברידער“. זי האָבען געשיקט א טע-לעגראמע אום ארויס צורופען דעם פּראָקוראָר ער זאָל ארויסלאָזען די ארעס-טירטע, זיי האָבען געשיקט א טעלעגראמע מיט פּאָדפּיסן צום פאבריצנעס אינספעקטאָר,* ער זאָל קומען ראזביראיען וועד איז גערעכט און באפרייען זייערע ברידער. יעדערער פון זיי האָט אוועגגעגעבען זיין לעצטען גראָשען אום נאָר צו בעפרייען זייערע ברידער, אום צו נעהמען ראכע פון בעל הבית וואָס האָט זיך ניט געשעמט צו שטרייטען מיט זייא מיט אזעלכע מיטלען. עס איז געווען א שרעקליכע אויפרעגונג. אפילו דיא ארבייטער, וואָס האָבען פרי-הער געזאָגט אז שטרייטען לוינט ניט אז מען קען גאָר ניט אויספיהרען, אז דער געדאנקען זיך צו העלפען איז פאלש, אפילו די זיינען איצטער גישטאנען פעסט צו שטרייטען ביז די לעצטע מינוט אום נאָר אויס צופיהרען. 75 מאַן זיינען גישטאנען ווי איין מענש. אויפין פאבריק זיינען נאָר געבליבען די פע-רעדניקעס און 5-6 ארבייטער וועלכע זיינען געוועזען פערבונדען דורך די על-טערען מיט דעם בעל הבית און האָבען ניט געקענט אָבטרעטען. אָבער די אר-בייטער וועלכע זיינען געבליעבען אויפין פאבריק האָבען אויך געהאָלפען מיט געלט זייערע ברידער, וואָס זיינען געשטאנען. דער בעל הבית האָט ניט גע-שוויגען. ער האָט פאנאנדערגעשיקט משולחים אין די ארומיגע שטעט צו ברענ-גען ארבייטער און צאָלען זיי וויפיל זיי ווילען נור זיך ניט אונטער צו געבען. טעלעגראממעס זיינען געפלאָגען איינע נאָך די אנדערע; אָבער די ארבייטער

* דער פאבריק-אינספעקטאָר איז טאקע געקומען אין ווילקאָווישק. מיר ברענגען אין דער בײַלאגע צום „אידישען ארבײַטער“ די מיטיילונג פון פאבריק-אינספעקטאָר אין דעפארטאמענט פון האנדל און מאנופאקטור וועגן דעם דאָזיקן שטרײַק. ר ע ד.

האָבען אויך ניט געשוויגען. נאָך איידער דער בעל הבית האָט זיך איינגעקערט האָבען זיי שוין געשיקט מענשען וועלכע זאָלען ניט צולאָזען פאַרען. זיי האָ-בען ערקלעהרט די ארבייטער פון יענע שטעט ווי וויט וויכטיג פאר זיי איז אז ווילקאָווישקער ארבייטער זאָלען אויספיהרען ווי וויט זיי דארפען נאָך העלפען ניט שטערען און דאָס האָט געבראכט דערצו אז פון איין שטאָט וואו עס ארבייטען 800 מאן זיינען געפאָרען 3 אינגלאך און זיי האָט מען געוויינט-ליך אויפגעהאלטען אין ווילקאָווישק, גופא פון איין אנדערע שטאָט זיַינען גע-פאָהרען 8 מאן אונטער דער צייט ווען 50 מאן זיינען אומגעגאנגען ליידיק. די ארבייטער פון ארומיגע שטעט האָבען געהאָלפען מיט געלט און מיט מענ-שען און האָבען זיך צוטקע זייער צוטקע צוגיהערט צו יעדער שטימע פון וויל-קאָווישק. דער פאבריקאנט האָט, געזעהען אז דאָס איז גאָר איין אנדערע זאך ווי פריהער אז ער האָט ניט אויף וואָס צו האָפפען, ער האָט זיך געוואָלט אונטערגעבען, אָבער זיין זאָהן און די איבעריקע פאבריקאנטען האָבען ניט צו-געלאָזען: זיי האָבען פערשטאנען מיט וואָס דאָס שמעקט. אין צוויי טעג ארום נאָך די ארעסטען האָט מען ארויסגעלאָזען צווייען און זיי האָבען איבערגעגעבען אז איינער פאָן די וואָס זיצען, איינער פאָן די וואָס איז בעליבט ביי אללע אר-בייטער, אז דער האָט געבעטען די ארבייטער אז זיי זאָלען זיך האלטען פעסט ביז דער לעצטער מינוט אז דער געדאנקען און זייער מוטה אין פעסטקייט וועט איהם געבען קראפט צו ליידען די געפענקנים און אויב ניט וועט ער ניט קוקען אויף זיין לעבען. אין נאָמען פון דעם איבערגעגעבענעם ערליכען שטרייטער האָבען די ארבייטער מיט מעהר העלדישקייט געהאלטען און אלץ ניט געקוקט וואָס די צייט געהט אוועק און דער פאבריקאנט גיט זיך ניט אונטער. 10 טעג האָט געדויערט די שטרייט און נאָר אויף דעם עלפטען האָט דער בעל הבית זיך אונטערגעגעבען. ער האָט זיך מיט זיי אָבגעשריבען אז זיי זאָלען ארבייטען 12 שעה די שכירות די זעלביגע און קיינעם ניט אָפזאָגען, די ארעסטירטע האָט מען ארויסגעלאָזען אָבער א דיעלע גייט אפ זיי. די סטאצקע האָט געקאָסט די ארבייטער 400 רובל און די 400 רובל האָבען געגעבען נ ו ר ארבייטער. נור די וועלכע לעבען אליין פון טאָג צו טאָג און וויסען ניט צו מאָרגען וועלען זיי זיין זאט ווי היינט.

די סטאצקע דער נצחון איבער דעם רייכען בעל הבית די בעהאנדלונג פון בעל הבית וועלכער האָט גערופען אנטקעגען זיי די פאָליציי און ניט צו-געלאָזען דעם פראָקוראָר בעפרייען זייערע ברידער אויפווייזענדיג אז זיי זיינען בונטאָווישציקעס, די באהאנדלונג פון אינספעקטאָר, וועלכער איז נאָכהער אראָפגעקומען און געגעבען אומגערעכט די ארבייטער—דאָס אלץ איז געוועזן פאר די ווילקאָווישקער ארבייטער א גאנצער לעסען פון לערע. דאָס האָט אויפגעהייבען אין זיי דעם פערשטאנד פון זייערע אינטערעססען, דאָס האָט זיי קלאָהר דערוויזן אז זיי האָבען צו האָפפען נור אויף זיך אליין, אז צווישן זיי און זייערע בעלי הבתים ליגט א טיפער אָבגרונט אז זיי האָבען ניט צו האָפפען אויף די פאָרשטעהער פון די דינים, אויף די פערטהיידיקער די אינספעקטאָרען, אז זיי אלע זיינען די פריינד פון זייערע פיינד, אז נור אלע ארבייטער וואָס ליידען פון די זעלבע שונאים זיינען זייערע ברידער און אז נור אויף די הילף פון זיי אלליין האָבען זיי וואָס צו האָפפען. דער קלאססען בעוואוסט-

זיין ביי די ארבעטער איז געוואקסען ווייט און דאָס איז דער גרעסטער נצחון פאר זיי. די ווילקאָווישקער ארבייטער האָבען אָבער אויסגעהאלטען נצחון ניט נור פיר זיך אליין, גלייך האָבען זיך די בעלי בתים פון די איבעריגע פאבריקען אונטערגעגעבען אין שטרייט און אין ווילקאָווישק האָט זיך איינגעגעבען א 12 שעהיגער ארבייטסטאָג ביי די זעלביגע שכירות נור אויף איין קליינער פאבריקעל האָבען די ארבייטער געמוזט איינוויליגען אויף קלענערע שכירות אום צו ארבייטען מער ניט ווי 12 שעה.

דאָך אָבער זיינען דאָס נאָך ניט אלע פאָלגען פון ווילקאָווישקער סטאצקע דאָס איז א גרויסער שטרייט אויף דעם וועג פון פערבעסערונג פיר אלע בערסטער. לאָמיר זען ווי אזוי:

אין בערסטעריי ארבייטען אין פּאָלישע און ליטעשע שטעט און שטעטלאך ביז 3000 ארבייטער, די סחורה וואָס ווערט אויסגעארבייט איז ניט פיר דעם אינערן פערברויך נור אויף אויסלאנד. צוויי מאָל אין יאָהר ווערט די אויסגעארבייטעטע האָר אוועק געשיקט אויף לייפּציגער מארק און דאָרטען טרעפען זיך די פאבריקאנטען. די פון זיי וואָס לייזען וועלוועלער פערקויפען מערער; די וואָלווילקייט פון די סחורה הייגקט אָב וויא מיר ווייסען פון דעם מקח אויף דעם רויהען מאטעריאל און פון די קאָסטען ביין אויסארבייטען,ביידע די בעדינגונגען זיינען ביז די לעצטע צייט געווען פיל וויגאָדנער פיר די ווילקאָווישקער פאבריקאנטען ווי פיר אלע איבעריקע. אין ווילקאָווישק האָט דער ארבייטסטאָג געדויערט 15 און מערער שעה אויך די שכירות די זעלביגע און דעריבער זיינען די קאָסטען פון פראָדוקציאָן פיר די ווילקאָווישקער בעלי בתים געוועזען אסאך קלענערע ווי פאר די איבעריגע, זיי האָבען געקענט אסאך מעהר פערנעמען דעם מארק מיט זייערע סחורה און דאָס האָט געבראכט דער צו דאָס זיי זיינען געווען גרעסערע קויפער פון רויהע מאטעריאל. די רויהע מאטעריאל די חזר האָר געפינט זיך אין אלערליי ארומיגע קליינע שטעטלאך און דערפלאך און אויך אין טיף רוסלאנד, די פערקויפער זעהען צו ליווערען זייער סחורה אהין וואו עס איז גרעסער דער איינקויף, דעריבער פלעגט ווילקאָווישק שטענדיג זיין דער מיטעלפונקט פאר די פערקויפער פון חזר האָר און אין דער צייט, ווען די סוחרים פון די ארומיגע שטעט פלעגען זיך נייטיגען אין חזר האָר, פלעגען מוזען אויספאָהרען זוכען איר פלעגען אָפט בלייבען אָן סצעטינע און מוזען אָבשטעללען די ארבייט אין דער זעלבער צייט האָט ווילקאָווישק שטענדיג געהאט חזר האָר און זאָפאָר די ארבייט איז געגאנגען שטענדיג אָן איין אופהער. די בעלי בתים פון די אנדערע שטעט, וועלכע האָט ניט געהאט ניט קיין וועלוועלע מאטעריאל ניט קיין וועלוועלע ארבייטס קראפט האָבען ניט געקענט קאָנקורירען מיט די ווילקאָווישקער און האָבען שטענדיג געהאט א בייז געגען זייערע ארבייטער. ווען די ארבייטער פלעגען נאָר אָנהייבען קלערען צו מאכען א שריטט צו פערבעססערען זייער לאגע פלעגען זיי גלייך שרעקען אז זיי שטעלען אָב די ארבייט וועלכע ברייננט זיי מער ניט זאָרג אָדער זיי פירען איבער די פאבריקען אין א קליין שטעטיל, ווו די ארבייטס קראפט איז ביללינ, ווו עס זיינען ניטאָ קיין בונטאָוושציקעס קיין 12 שעהיגער ארבייטסטאָג און זיי

וועלען קענען פירען די פּראָדוקציאָן ווי ווייט נאָר זייער קאפּיטאל וועט טראָגן. אזוי האָט טאקע פאקטיש געטאָן איין פאבריקאנט פון וו—ע ווען זיינע ארבייטער האָבען ארויס געשטעלט פאָדערונגען צו פערבעססערען זייער לאגע.

דער קאמפף פון די בערסטער אנטקעגען זייערע בעלי בתים אין די שטעט וואו זיי האָבען זיך שוין דערשלאָגען איין 12 שעהיגען ארבייטסטאָג האָט ניט געקענט גיין ווייטער: אים אויפען וועג איז געשטאנען ווי איין קרעפּאָסט די גאנצע רייהע ארומיגע שטעטלאך, וואו די ארבייטער האָבען נאָך געבייגען נידעריג דעם קאָפּף און געלאָזען אויף זיך טרעטען און דעריבער ווי דער קרעפּאָסט וועט ניט איינגענומען ווערען האָבען זיי ניט געהאט וואָס צו האָפען אויף ווייטערדיגע שטרייט. שווערער פיר אלעמען איז געווען איינצונעמען ווילקאָווישק, וואָרום ווילקאָווישק איז געוועזען דער מיטעל פּונקט, וואו עס פלעגען זיך צו זאממען קומען ארבייטער פון ארום און ארום. אין ווילקאָווישק זיינען די בעלי בתים זייער רייך און דעריבער אייבעמען ווילקאָווישק האָט דאָס געהייסען איינעמען די גרעסטע טהייל שטעטלאך ארום און ארום און אזוי איז געוועזען: גלייך ווי אין ווילקאָווישק האָט זיך איינגעשטעלט איין 12 שעהיגער ארבייטסטאָג האָט זיך איינגעשטעלט אין מעסטינעץ אין ווערזשבאָלאָווי, אין קאָוונע. אין די ערסטע צוויי איז אויסגעקומען צו שטרייטען אין די לעצטע האָבען די בעלי בתים אָן שטרייט נאָכגעגעבען. נאָך די דריי שטעטלאך ציהען זיך נאָך א גאנצע רייהע אנדערע וועלכע וועלען ניט היינט מאָרגען דערגרייכען די זעלביגע און דאן איין מאָל איז דער ערסטער שריט צום פערבעסערונג געמאכט געוואָרען אומעטום, דאן קענען שוין די שטעט וואו דער שטרייט האָט זיך שוין אָנגעהייבען פריהער מאכען דעם צווייטען שריט מיט די ארומיגע שטעטלאך צוזאמען.

דער נצחון פון ווילקאָווישקער ארבייטער איז געוועזען גרויס זייער גרויס דאָך האָבען ווילקאָווישקער ארבייטער פערשטאנען אז אויב די בעלי בתים האָבען זיך דעם מאָהל אונטערגעגעבען הייסט דאָס נאָך ניט אז דער 12 שעהיגער ארבייטסטאָג איז שוין פעסט איינגעשטעלט, הייסט דאָס נאָך ניט אז די בעלי בתים וועלען שוין שווייגען און גאָר ניט פּראָבירען אומקערען די פריהערדיגע גאָלדענע צייטען ווען מען פלעגט ארבייטען 15—16 און מער שעה אויך. זיי האָבען פערשטאנען אז ווי עס וועט קומען נאָך סכות די צייט ווען עס הייבט זיך אָן דער נייער האלב יאָהר ווען די ארבייטער דינגען זיך אָן וועלען די בעל בתים ארויסשטעלען אז זיי קענען ניט דינגען אויף 12 שעה ארבייט, אז זיי וועלען דאן אָנוועגדען אלע מיטלען אום צו בעקומען אנדערע ארבייטער וועלכע ארבייטען 18 שעה און וועלען זיין גליקליך צו ארבייטען 16 שעה. זיי האָבען פערשטאנען אז דער שריטט וועלכען זיי האָבען געמאכט איז איין צו גרויסער פיר איין מאָל, אז צו רייסענד איז דער איבערגאנג פון 16 שעה ארבייט צו 12 שעה, אז די בעלי הבתים וועלען אין דעריין ניט שווייגען, און דיא ארבייטער האָבען זיך צוגעגרייט צום שטרייט. זיי האָבען בעשלאָססען אזוי אז די צוזאמענגעפּאָהרענע ארבייטער זאָלען אָפּפּאָרען אויף יום טוב יעדערער צו זיך אין דער היים און זאָלל דאָרטען בלייבען זיטצען ביז עס וועט זיך אלעס איינאָרדנען. א קליינערע צאָהל ווירד זיין גרינגער

זיך צו האלטען. ווייטער איז די שטאָטיגע גרינגער דורכצושלאָגען זיך אין דער צייט ווען זיי זיינען אָן ארבייט. זיי האָבען בעשלאָססען ניט אנדערס איינצופיהרען א 12 שעהיגען ארבייטסטאָג. זייער רעכנונג איז ריכטיג. גלייך נאָך סכות האָבען דיא בעלי הבתים געמאכט צווישען זיך א בונד ניט צו צולאָזען א 12 שעהיגען ארבייטסטאָג, און דער שטרייק האָט זיך אָנגעפאנגען.

דריי וואָכען זיינען די ארבייטער געשטאנען, האָבען געקעמפפט העלדיש און נאָך די דריי וואָכען האָבען זיי איינגעווילליגט אויף איין 13 שעהיגן ארבייטס טאָג און 2 שעה אויף מיטאָג און פרישטיק. די בעלי בתים האָט זיך ניט איינגעגעבען אומצוקערען די אלטע גוטע צייטען, אָן איין 16 און 18 שעהיגען ארבייטסטאָג מוזען זיי פערגעסען, און די שעה ארבייט וואָס די ארבייטער האָבען זיי אָבגעלאָזען וועט זיי איינגיין אויך ניט אויף לאנג. די ארבייטער זיינען פארמאטערט פון דעם שטרייט. עס האָבען זיי געשטערט ארבייטער פון איין אנדער שטעטיל זיי האָבען בעשלאָסען אראָב צולאָזען די שעה אָבער נור מיט דעם געדאנקען באלד ווידער אָנצופאנגען דעם שטרייט באלד ווי זיי וועלען זיך אביסעל אָברועען קוממען צו זיך און מיט מערער קראפט ארויסגיין אנטקעגען זייער פיינד. דער שטרייט האָט זיי געלערנט שטרייטען און זיי זיינען זיכער אין זייער נצחון. אין דער זעלבער צייט ווי אין ווילקאָווישק זיינען געשטאנען די וועסטיניצער און איין ווערזשבאָלאָווער ארבייטער און ביי זיי האָט זיך אויך איינגעשטעלט א 13 שעה ארבייט. די ארבייטער פון ווילקאָווישק און ארומיגע שטעטלאך וועלען אויך איצט מער ניט שטערען, די פעראייניגטע בערסטער פון די שטעט וואו דער שטרייט האָט זיך שון לאנג אָנגעפאנגען און זייער ווייטערדיגע שטרייט — פערקערט אין די ווילקאָווישקער ארבייטער האָבען זיי איצט געלערנטע העלפער און די אייניגקייט פון די בערסטער וועט איצט קענען זיך אלץ ווייטער און ווייטער יך פערשפרייטען וועט וואקסען אלץ מערער און עס איז ניט ווייט די צייט ווען אלע בערסטער וועלען שליסען איין הייליגען בונד צו קעמפפען מיט פעראייניגטע קרעפטען פאר די פערבעסערונג פון זייער פינסטערע לאגע!

---

## נאָטיצען

### אררעסטען אין רוססלאנד פון דיא לעצטע צייטען

אין פעטערסבורג זיינען ארעסטירט גיוואָרען: 2 דאָקטוירים, גורוויץ און פלאקסין, איין גאָרניער אינזיניער, וועשעמאן;-- אינזיעניערן, ראדצענקאָ און וואט; —סטודענטען סילווין פון 4 קורס; —פלאקסין, דעם דאָקטאָרס ברודער; — טעכנאָלאָגען סטודענטען, קישקין און מאָיססא לוריע, דער לעצטער פון 2 קורס; — איין בעאמטער פון באנק, קודריאווצעוו; — דער סעקרעטער פון וואָלנע עקאָנאָמיצעסקע אָבצעסטווע, באאוער; —נאָדעל, איין ארבייטער, א זאגאָטאָוושציק. פון די פריערדיגע ארעסטירטע האָט מען פריי געלאָזען: מאריא איוואנאָוונא איוואנאָווא, קרופסקאיא, איזאָסאָווא, ווינאָגראדאָווא.

ניזנע נאָווגאָראָד: — 1) ראָזאנאָיו, 2) סקוואָרצאָוו, 3) וואניעיעוו, 4) יאקר־באָווסקאיא, 5) ציקין, 6) רומאנאָוו, 7) זארודניי און פיעלע ארבייטער.

אין סאמארע: — גריגאָראָוו און 4 ארבייטער.

אין אדעססא: — איסאיא אייזענשטאט, גאָרדאָן, איין שילערין פון דער צאהן-ארצטשולע — פארמאן, איין ארבייטער פאפיראָסניק.

ווארשע: — צו ענדע מאָנאט אָקטאָבער פון דעם 1896-טען יאָהר האָט מען ארעסטירט ביז 30 מענשען, די דעטאלען וויסען מיר ניט.

ביאלאָסטאָק: — צו ענדע פעברואר פון 1896-טען יאָהר האָט מען ארעס־טירט: נחום ליפשיק, גיענדיגט א רעמעסלענע אוצילישצע; — גאָזאנסקי, א לעה-רער פון איין אידישער פאָלקסשול; — לעווינסאָן אייזענשטאט (זיצט צום צוויי-טען מאָל דעם 1־טען מאָל 3 יאָהר), — זאלקינד מיט זיין געוועזענע פרוי, ער איז א געוועזענער סטודענט, איין מאָל שוין געזעסען אין ווארשע; — זעליק סעגאל, איין סטאָליער.

צוליב דיזעלבע ציעלע זיינען ארעסטירט:

אין ווארשע: סטירלע וואָלק, איין זעמסערקע — לעחעם, איין געענדיגטע פון א רעמעסלענע אוצילישצע.

אין לאָדז: — אגוז, איין געענדיגטער פון א רעמעסלענע אוצילישצע.

אין ווילנאָ: — זאלקינד, איין וועבער; — שלאָסבערג, געענדיגטער פון איין רעמעסלענער אוצילישצע; — צושמאן, איין איינבינדער, — זאלקינד, א צאהנערצטין.

אין קאָוונע אין אָקטאָבער 1895 טען יאָהר: — פאָרטנאָי, איין לעהרער פון איין אידישע נאצאלנע אוצילישצע, און איינינע ארבייטער, די פאמיליעס פון וועלכע זיינען אונז אונבעקאנט. צוליב דיזעלבע ציעלע האָט מען אין ווארשע ארעסטירט: קלוצקע וועלכער איז פריהער געזעסען ביז 3½ יאָהר.

אשמונע, ווילנער גובערני — הורוויץ, א סטודענט פון קעניגסבערגיר אוניווערזיטעט.

---

די גרופפע אידישע סאָציאל-דעמאָקראטען אין רוססלאנד האָט ארויסגע-געבען פאָלגענדע בראָשוריעס:

געדרוקטע זשארגאָנישע: — 1) „איין בראָשור צום 1־טען מאי“. — 2) „אר-בייטסטאָג“. — 3) א ויכוח וועגען מזל“. * — 4) „די לאגע פון די אידען פאר אלעקסאנדער דעם 3־טענס צייטען“ — 5) שכירות.

העקטאָגראפירטע זשארגאָנישע: — 1) „דער ארבייטסטאָג“. 2) א מאמר וועגען דעם וואָס יעדער ארבייטער דארף וויססען און גידיינקען“ (איבערזעצט פון פאָלניש). — 3) „ווי די בעלגישע ארבייטער האָבען געקעמפפט פאר די

---

* בעמערקונג. — אויף די דריי בראָשוריעס: „צום ערסטען מאי“, „דער ארבייטסטאָג“ און „א ויכוח וועגען מזל“, האָט דער גאליציאנער „ארבייטער“ אָרגאן צוליעב איינינע אורזאכען, וועלכע זיינען אונז אונבעוואוסט (פילייכט אויס אגיטאציאָן ציעלען) אנגעוויזען אלס אייגענע אויסגאבען.

פרייהייט" (איבערזעצט פון רוסיש). — 4) „וועגען די קאָנקורענציע" (איבער־זעצט פון פאָלניש). —5) „א רעדע אויף פורים". *

העקטאָגראפירטע רוססישע: 1 — 1) „איין ארטיקעל וועגען דער אגיטאציע". 2) „רעדע צום ערסטען מאי" (אונזערע טעאָרעטישע און פראקטישע פאָרט־שריטטע). 3) „דער ארבייטסטאָג".

געדרוקט אויף רוססיש: — „ראבאָצי דיען" איבערזעצט פון זשארגאָן.

---

# בײַלאגעס צום „יידישנ ארבעטער"

## בײַלאגע I. אנ אויסצוג פונ בענטשע לעווינס נאָכ ניט געדרוקטע זיכרוינעס

בענטשע לעווינ, וועלכער איז געווענ איינער פונ די אָרגאניזאטערס פונ דעמ מינסקער שוס־טער־שטרײַק, דערציילט אינ זײַנע זיכרוינעס וועגנ דעמ דאָזיקנ שטרײַק פאָלגנדיקעס:

„דער שטרײַק איז געגאנגענ מיט א גוואלטיקער אקשאָנעסדיקײַט אונ מיט גרויס פארביטערט־קײַט פונ ביירע צדאָדימ. די באלעבאטימ, פונ זייער זײַט, זײַנענ אויכ געווענ גוט אָרגאניזירט. זיי פלעגנ זיכ צונויפקלײַבנ אפ זיבעציקער גאס אינ דער שוסטערשער שול, באטראכטנ גאנצע פלענער אונ אָנעמענ מיטלענ, וויאזוי צו קעמפנ מיט די ארבעטער. ס'איז דערגאנגענ צו געשלעגנ: די באלעבא־טימ האבנ געשלאָגנ די ארבעטער, אונ די ארבעטער—-די באלעבאטימ. אלע טאָג פלעגט מענ שלעפּנ ארבעטער אינ די „אוטשאסטקעס" (פאָליציי־צירקלענ). אינ „אוטשאסטאָק" פלעגט מענ אָפּהאַלטנ א נאכט, אָנברעכנ גוט די ביינער אונ ארויסלאָזנ. געלט־מיטלענ אפ אונטערצושטיצנ דעמ שטרײַק האָט אונדזער אָרגאניזאציע געהאט ווייניק. די ארבעטער פלעגנ באקומענ מער ניט ווי 10 קאָפּ. א טאָג אונ מיט דעמ געלעבט. פונדעסטוועגנ האָבנ זיי באשלאָסנ—ניט אונטערצוגעבנ זיכ.

דער שטרײַק האָט געמאכט א גוואלטיקנ רוישעמ אינ דער גאנצער שטאָט, ער האָט אופגערו־דערט אלע פאכנ. אלע ארבעטער פונ א ל ע פ א כ נ פונ דער גאנצער שטאָט האָבנ אָנגעהויבנ קלײַבנ געלט אפ העלפנ די שטרײַקנדיקע. אפ דער „בלאָטע" לעבנ דער אמאָליקער שעכט־הויז, בא „בע־רעלע דעמ געדס" (א שוסטער) אינ קעלער־שטוב האָט מענ אײַנגעאָרדנט א גאָרקיכ פאר די שטרײַקנדיקע. מע קאָנ זיכ גארניט פאָרשטעלנ, וואָס פאר א רוישעמ דאָס האָט דעמלט געמאכט. די באלעבאטימ, פונ זייער זײַט, האָבנ אויכ ניט געשוויגנ. זיי האָבנ צעטאָנ מײַסימ: געשלאָגנ, גע־מאסערט, געשלעפּט אינ „אוטשאסטאָק" אונ דערהויפּט האָבנ זיי געזוכט די אָנפירער פונעמ שטרײַק. מיט איינ וואָרט, ס'איז אוועק א סעררע „ברעכנ ביינער".

איינמאָל האָבנ זיי מיכ דערהיט אפנ הויכנ מארק (פרײַהײַט־פלאצ) אונ אָנגעבראָכנ די ביינער... דאָס האָט געשטויסנ די אָרגאניזאציע צו פארטראכטנ זיכ אונ אָנעמענ שטרענגע מיטלענ קעגנ דעמ ווילדנ טעראָר פונ די צעווילדעוועטע באלעבאטימ.

יעדער נאכט פלעגנ זיי זיכ פארקלײַבנ אינ שוסטער־שול, אייצענענ זיכ אונ זוכנ מיטלענ ווי צו באקעמפנ די שטרײַקער. איינ מאָל האָט אפילע געטראָפנ, אז צוויי ארבעטער האָבנ זיכ פאר־גאנוועט אינדערהייכ אפ דער ווײַבערשער שול, קעדיי אונטערהערנ, וואָס די באלעבאטימ ריידנ. מע האָט זיי אָבער די „שפּיאָנענ" געפּאקט אונ שרעקלעכ צעהארגעט. די אָרגאניזאציע האָט דעמלט באשלאָסנ אָרגאניזירנ אנ אָנפאל אפ דער שול. דער אָנפאל האָט זיכ אָרגאניזירט אונטער דער אָנ־פירונג פונ איטשקע וואָלינ אונ שאפּיראָ דעמ שלאָסער. מע האָט באוואָפנט א גרויסע מאסע אר־בעטער מיט שטעקנס, נאהײַקעס, שטיינער אונ אײַזנס. מיר האָבנ געוווסט, אז אויכ די באלעבאטימ זײַנענ ניט מיט „הוילע הענט". א טייל פונ זיי האָבנ אפילע מיט זיכ מיטגעטראָגנ קאלטע געווער אונ גומענע נאהײַקעס. דער פּלאנ פונעמ אָנפאל איז געווענ אזא: בעשאס זיי וועלנ ארויסגיינ פונ

---

* אלע בראָשורנ, סײַ די געדרוקטע אונ סײַ די העקטאָגראפירטע, וועלכע ווערנ אויסגערעכנט אינ דעמ דאָזיקנ צעטל, ווערנ איבערגעדרוקט אינ דריטנ באנד פונ דער סעריע: די ערשטע סאָציא־ליסטישע ליטעראטור אפ יידיש. ר ע ד.

דער אסיפע און װעלן דערגײן צו א באשטימטן פונקט, זאָל מען זײ באפאלן און גוט שלאָגן. דערבײַ האָט די אָרגאניזאציע אװעקגעשטעלט בא א 20 ארבעטערקעס, זײ זאָלן בעשאס מײַסע ארום שפאצירן ארום דעם אָרט פון שלאכט און װי ס׳װעט זיך אָנהײבן דער געשלעג, זאָלן זײ אָנהײבן שרײַען „פּאָזשאר" און לויפן אין א פארקערטער ריכטונג, קעדײ אראָפּפירן די פּאָליצײ פון װעג. קאכאװע, דער געשלעג האָט זיך אָנגעהויבן. דאָס איז געװען אײנער פון די שרעקלעכסטע און פארביטערטסטע געשלעגן. אינעם געשלעג האָט זיך אויסגעצײכנט אן ארבעטער, װאָ סאיז גראָד יענעם טאָג געקומען פון װילנע—מאָשקע דער בענקלמאכער. אפולע זײַנען פארװונדעט געװאָרן. מערער פון אלעמען האָט געכאפּט זײער הויפּט־אָנפירער דער באװוסטער „בראָנפּעלע" און קאָכלעפל אבע־מײשע רובינשטײן (דאָס איז דער זעלביקער „מײשקע רעדעלע", װאָס איז ניט לאנג געװען פארמישט און פיגורירט אויך אלס אײדעס אינעם „שאָכטים־פראָצעס"). מע האָט אים מיט נאָך אײניקע אזוי צעמײמעסט, אז מע האָט זײ גלײַך געמוזט אָפּפירן אין שפּיטאָל.

דער שטרײַק האָט אזוי געדויערט 8 װאָכן און זיך געענדיקט מיט א פולן ניצאָכן פון די ארבעטער: 12־שאָיִקער ארבעט־טאָג, ד. ה. פון 6 ביז 6 און ארבעטן ניט פון פאָר, נאָר פון װאָכ.

אָט דער דאָזיקער ערשטער בארימטער שטרײַק האָט ארײַנגעטראָגן א גרױסע אופטרײסלונג אין דער ארבעטער־באװעגונג. דאָס האָט באלד ארויסגערופן אלגעמײנע שטרײַקן אין אסאך פאכן, מיטגעװירקט און געבראכט דערצו, אז ס׳האָט זיך ביסלעכװײַז גענומען אײַנשטעלן א 12־שאָיִקער ארבעט־טאָג אין אלע פאכן. מע מוז באמערקן, אז „העגדעלע" (הענדל ראטשקאָװסקי) איז געװען אײנער פון די אקטיװסטע טוער פונעם שטרײַק. נאָכדעם איז ער בא די שוסטער געװאָרן „א גאָט".

פון דעמלט אָן איז שוין דער שוסטער־פאך געװאָרן א פּ א כ. מע האָט שוין אפ אים גענומען קוקן גאָר מיט אן אנדער דערעכערעצ. ס׳זײַנען שוין דאָרט ארויסגעטײלט געװאָרן קרײַזן, װו ס׳זײַנען ארײַן העגדעלע ראטשקאָװסקי, עליע קורטאשק, מיכעלע טשאפּקע און אנדערע אקטיװע שוסטער.

אין דער צײַט איז געגרינדעט געװאָרן א צענטראלע שטרײַק־קאסע פון אלע פאכן. די צענטראלע שטרײַק־קאסע איז ארויסגעקליבן געװאָרן אפ דער „ראזבאָרקע", אפ א העכסט־קאָנספּיראטיװן אויפן (אפילע פאר די װײלעי אלײן): אפ דער פארזאמלונג פלעגט ארויסגעקליבן װערן א „פּאָסרעדניק" (פארמיטלער), אלע פלעגן צוטראָגן דעם „פּאָסרעדניק" צעטעלעך פאר װעמען זײ שטימען. דער „פּאָסרעדניק", פאנאנדערקלײַבנדיק די צעטעלעך, פלעגט זען װער ס׳האָט מער שטימען און געבן צו װיסן איטלעכן פון די ארויסגעקליבענע אינדיװידועל, אז ער איז ארויסגעקליבן אין דער קאסע. דער פריִערדיקער „פּאָסרעדניק" איז געװען מאִסײ נײַפעלד און אין א קורצער צײַט ארום בין איך געװען. די אופגאבע פונעם „פּאָסרעדניק" איז געװען צו האלטן א פארבינדונג מיט אלע פאכן, אופמאָנען די באשטימטע פּראָצענטן פון די פאכאָװע קאסעס, איבערגעבן די באשלוסן פון דער אָרגאניזאציע, אָרגאניזירן פּאָליטישע אָװנטן, אָרגאניזירן די פײַערונג פון 1-טן מײַ א. אז. װ."

(פון בענטשע לעװינס ניט געדרוקטע זיכרוינעס, װעלכע געפינען זיך אין דער היסטאָרישער קאָמיסיע פון אינסטיטוט פאר יִדישער פּראָלעטארישער קולטור בא דער װײַסרוסישער װיסנשאפט־אקאדעמיע).

---

## בײַלאגע II. מיטײלונג פונעם פאבריק־אינספּעקטער פון גראָדנער גובערניע װעגן דעם װילקאָװישקער בערשטער־שטרײַק.

ד. פּ. [פּאָליצײ־דעפּארטאמענט]
נום. 606, טײל 3. 1896 י.
מ. פ. [פינאנצ־מיניסטעריִום].
פאבריק־אינספּעקטער פון
גראָדנער גובערניע

א. פּ. צימערמאן.
18 יול 1896 י.
נום. 7
ביאלאָסטאָק

קאָפּיע

קאָנפידענציִעל

### אין דעפּארטאמענט פון האנדל און מאנופאקטור.

אלס צוגאָב צו דער טעלעגראמע, װאָס איך האָב געשיקט דעם 10 יול ד. י. פון שטאָט װילקאָװישק, סװואלקער גובערניע, מיט פאָלגנדיקן אינהאלט:

„פעטערבורג, דעפּאַרטאַמענט פון האַנדל און מאַנופאַקטור. זעכציק אַרבעטער פון ווינדסבערגס בערשטער־פאַבריק אין ווילקאָווישק, סוּוואַלקער גובערניע האָבן דעם ערשטן אָפּגעשטעלט די אַרבעט. אַ יעדיִער באַקומען דעם נײַנטן, אָנגעקומען דעם צענטן. די אַרבעט האָט זיך באַנײַט. דער פאַבריקאַנט האָט אײַנגעשטימט פאַרקלענערן דעם טאָג אויף צוויי שעה אין פאַרלויף פון פינף וואָכן. וויספּילער פון דער שטעלע פון סוּוואַלקער פאַבריק־אינספּעקטאָר צימערמאַן“, האָב איך די ערע לאָזן צו וויסן:

דעם צווייטן יול ד. י. האָט נאָכן ווינדסבערג מיט אַ טעלעגראַמע, געשיקט אין שטאָט לאָמזשע, געלאָזט וויסן דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר, אַז זײַנע, ווינדסבערגס, 60 אַרבעטער פון דער בערשטער־פאַבריק אין שטאָט ווילקאָווישק, סוּוואַלקער גובערניע, האָבן מיט אַ שטרײַק אָפּגעשטעלט די אַרבעט. דעם פערטן יול איז אָוועקגעשיקט געוואָרן אין לאָמזשע אַ טעלעגראַמע פון די אַרבעטער פון ווינדסבערגס פאַבריק, אין וועלכער זיי האָבן געבעטן דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר קומען אין ווילקאָווישק — העלפן זיי באַפרײַען זיך פון אַרעסט. מיט דער ווענדונג פון 4 יול ד. י. נומער 10377, האָט דער נאַטשאַלניק פון ווילקאָווישקער אויעזד געלאָזט וויסן דעם פאַבריק־אינספּעקטאָר פון לאָמזשער און סוּוואַלקער גובערניעס וועגן דעם, אַז דעם 1 יול ד. י. האָבן אויף נאָכעם ווינדסבערגס בערשטער־פאַבריק 60 אַרבעטער אָפּגעשטעלט די אַרבעט און, אַז לויט דער אויספאָרשונג, וואָס איז געמאַכט געוואָרן דורכן בורגמיסטער פון ווילקאָווישק, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז 9 אַרבעטער פון ווינדסבערגס פאַבריק האָבן אײַנגערעדט און געצוווּנגען מיט דראָונגען זייערע כאַווײרים אויפן פאַבריק אָפּשטעלן די אַרבעט, אַרויסשטעלנדיק דעם אייגנטימער אַ פאָדערונג: אָדער העכערן דעם אַרבעטלוין, אָדער פאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג. אין דער ווענדונג פון נאַטשאַלניק פון ווילקאָווישקער אויעזד איז געווען געמאָלדן, אַז 9 איניציִאַטאָרן פונעם שטרײַק אויף נאָכעם ווינדסבערגס פאַבריק זײַנען אַרעסטירט און די אויספאָרשונג פון זייער שולד אין ברעכן די אַרטיקלען 1358, 2—1358, 3—1358 פון קרימינעלע און אויסבעסערונג־שטראָף־קאָדעקס, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן דורכן בורגמיסטער פון דער שטאָט ווילקאָווישק, איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם געריכט־אויספאָרשער פון ווילקאָווישקער אויעזד. די אויבנדערמאָנטע דאָקומענטן האָב איך דערהאַלטן דעם 9 יול ד. י. דעם 10 יול בין איך אָנגעקומען אין שטאָט ווילקאָווישק. נאָכדעם, ווי איך האָב אויסגעפרעגט דעם פאַבריקאַנט נאָכעם ווינדסבערג און די אַרבעטער פון זײַן בערשטער פאַבריק, האָט זיך אַרויסגעוויזן: די, וואָס אַרבעטן אויף נ. ווינדסבערגס פאַבריק, ווערן צעטיילט אויף 2 קאַטעגאָריעס — אויף מײַסטערס, וואָס באַקומען געצאָלט פון פוד אָפּגעאַרבעטע כאַזער־האָר, און אויף אַרבעטער, וואָס באַקומען געצאָלט אויסגערעכנט פון טאָג. פון ווינטער אָן 1895 יאָר איז צווישן די מײַסטערס און די אַרבעטער פון נ. ווינדסבערגס פאַבריק געמאַכט געוואָרן אַ פאַרשטענדיקונג צו אַרבעטן אויף דער פאַבריק מער ווי 12 שעה אַ מעסלעס אָן אַ פינקטלעכן דויער פון דער לענג פונעם אַרבעט־טאָג לויט שעהען. די דאָזיקע פאַרשטענדיקונג איז ניט געווען מיטגעשטימט מיט די קלאָלים פון אינערלעכער אײַנאָרדענונג (די אַרטיקלען 113 און 142 פון סטאַטוט וועגן פּראָדוקציע, 181 טייל 1, אויסגאַבע 1893) און זי איז פאָרגעקומען אָן דער פאַבריק־פאַרוואַלטונג. אין פאַרלויף פון 1896 יאָר האָט מען אויף נ. ווינדסבערגס פאַבריק געאַרבעט, לויט ווי עס האָט זיך געפאָדערט, סײַ צו 14 און סײַ צו 15 שעה אין מעסלעס מיט צוויי איבעררײַסן, צו 1 שעה יעדערער אויף פרישטיק און מיטיק. באַם באַקוקן נ. ווינדסבערגס פאַבריק האָב איך אין דער אָפּטיילונג, וואָס איז באַצייכנט מיטן נומער 5, געפונען די מעלדונג פון בורגמיסטער פון שטאָט ווילקאָווישק פון 22 אָקטיאַבער 1895. אין דער דאָזיקער מעלדונג ווערט געגעבן צו וויסן די אַרבעטער פון נ. ווינדסבערגס פאַבריק פאָלגנדיקס: „די צאָל אַרבעט־שעהען אויפן פאַבריק דאַרף ניט איבערשטײַגן 10 שעה“. אויף דער ווינטער־צײַט פון 1895 י. ווערט דער אַרבעט־טאָג באַשטימט אויף פאָלגנדיקן אופן: „די אַרבעט הייבט זיך אָן פון 8 אינדערפרי און פאַרענדיקט זיך 8 אָוונט“. נאָכן באַשטימען צוויי איבעררײַסן אויף פרישטיק און מיטיק פון $10\frac{1}{2}$ ביז $11\frac{1}{2}$ אינדערפרי און פון $3\frac{1}{2}$ ביז $4\frac{1}{2}$ באַטאָג, פאַרענדיקט זיך די מעלדונג פון בורגמיסטער מיט פאָלגנדיקער באַמערקונג: „די אַרבעטער, אויסער די מינדעריעריקע, ווערט ניט פאַרבאָטן צו אַרבעטן אויסער דער באַשטימטער צײַט“, אין באַצוג צו דער דאָזיקער באַמערקונג, האָט דער בורגמיסטער, וואָס האָט אונטערגעשריבן די אויבנגעבראַכטע מעלדונג, מיר געמאָלדן, אַז אין אָקטיאַבער פון 1895 י. האָבן זיך צו אים געווענדעט עטלעכע אַרבעטער פון ווינדסבערגס פאַבריק מיט אַן אָנקלאָג אויף דעם, וואָס זייערע כאַווײרים לויט דער פאַבריק, וואָס באַקומען געצאָלט פון טאָג, און די מײַסטערס פון דער פאַבריק, וואָס באַקומען געצאָלט פון פוד, שטימען אײַן צו אַרבעטן מער ווי 12 שעה אַ מעסלעס. נאָר, אַז זיי, די אָנקלאָגער, זײַנען אויף דעם ניט מסכים. די אַרבעטער פון ווינדסבערגס פאַבריק, וועלכע איך האָב אויס־

געפרעגט דעם 10 יול ד, י. וועגן דער אורזאך, צוליב וועלכער זיי האָבן אופגעהערט ארבעטן אפ דער פאבריק דעם 1 יול ד. י., האָבן געמאָלדן, אז אין דער הייסער צײַט פון יאָר קענען זיי ניט ארבעטן אפן פאבריק מער ווי 12 שאָ א מעסלעס און אז זיי האָבן וועגן דעם געמאָלדן נ. ווינדסבערגס זון מיט עטלעכע טעג פאר דעם, ווי עס האָט זיך אָפּגעשטעלט די ארבעט אפן פאבריק. די געבײַדע פון ווינדסבערגס פאבריק, וואָס איך האָב באקוקט, האָט זיך ארויסגעוויזן ענג פאר דער צאָל מענטשן, וואָס ארבעט אין זיי, און אין היגיעניש הינזיכט אינגאנצן ניט באפרידיקנדיק. דעם 10 יול איז פאָרגעקומען א פארשטענדיקונג צווישן דעם אייגנטימער פון דער פאבריק נ. ווינדסבערג און זײַנע ארבעטער, אפן טערמין פון 10 יול ביזן אָנקום פונעם נײַעם יאָר, לויט דער אייראָפּייִשער צײַט־אויסרעכענונג, רעכענענ דעם ארבעט־טאָג 12 שאָ מיט צוויישאָיִקע איבערײַסן אפ פרישטיק און מיטיק. נאָך דער דאָזיקער פארשטענדיקונג זײַנען די ארבעטער צוגעטראָטן צו דער ארבעט. וועגן די יעדיִעס, וואָס איך האָב דערהאלטן וועגן דעם דויער פונעם ארבעט־טאָג און אין באצוג צו דער ניט־גענוגנדיקער באשטימטקײַט וועגן די באדינגונגען פון אופנעמען ארבעטער אפ נ. ווינדסבערגס פאבריק, האָב איך געמאָלדן דעם ה' געריכט־אויספאָרשער פון ווילקאָווישקער אויעזד, וואָס פירט אן אויספאָרשונג וועגן די איניציִאטערן פונעם שטרײַק אפן ווינדסבערגס פאבריק, און עס איז אויך מיטגעטיילט געוואָרן וועגן דעם דעם סוואלקער גובערנאטער.

אונטערגעשריבן—דער שטעל־פארטרעטער פון פאבריק־אינספעקטער פון לאָמזשער און סוואלקער גובערניעס, דער פאבריק־אינספעקטער פון גראָדנער גובערניע א. צימערמאַנ.

---

**בײַלאגע III. א פראָקלאמאציע, וואָס דער ניקאָלײַעווער קאָמיטעט („דאָרעמ־רוסישער ארבעטער־פארבאנד”) האָט ארויסגעלאָזן וועגן דעם ווילקאָווישקער בערשטער־שטרײַק).**

# א פראָקלאמאציע וועגן דעם שטרײַק פון די בערשטער אין ווילקאָווישק *

כאווײרים!

צו אינדז איז דערגאנגען א גוטע נײַס: אין סוואלקער גובערניע, אין ווילקאָווישק, האָבן דרײַ טויזנט ארבעטער אײַנגעאָרדנט א שטרײַק אפ די בערשטער־פאבריקן און פארקלענערט פאר זיך דעם טאָג אפ א גאנצער שאָ ארבעט.

מע דארפ אײַך זאָגן, אז אין מינסק און אויך אין ווילנע זײַנען די ארבעטער שוין לאנג גע־קומען צום סייכל און מע פארשווײַגט ניט די באלעבאטים. צאָלט דער באלעבאָס שלעכט דעם גע־האלט—אָרדענען אײַן טייקעף די ארבעטער א שטרײַק. צווינגען זיי צו ארבעטן שפּעטער—ווידער א שטרײַק. באליידיקן די מײַסטערס די ארבעטער—ווידער א שטרײַק. האָבן באשלאָסן די פאברי־קאנטן קיין ווילנער און מינסקער ארבעטער צו זיך אפ ארבעט ניט נעמען. רעכט. זעט מען אָבער אין ווילנע און אין מינסק, אז די ווילקאָווישקער ארבעטער לעבן זייער שלעכט און אז זיי פאר־שטייען ניט ווי צו העלפן זיך. ווילן די ווילנער און די מינסקער ארבעטער גערן העלפן די כא־ווײרים. אָבער עס קומט ניט אויס: אפ די זאוואָדן נעמט מען זיי ניט צו, און פּאָשעט אריבערפאָרן אין שטאָט און דרייען זיך צווישן די ארבעטער איז ניט קיין איניען. די פּאָליציי וועט באמערקן. האָט מען אין ווילנע און אין מינסק א שמועס געטאָן און מע האָט זיך געלאָזן אפ אזא זאך: מע האָט צונויפגעזאמלט אביסל געלט און אויסגעריכט 5 ארבעטער אין ווילקאָווישק, קעדיי צו אײַנ־אָרדענען דאָרטן א זעקסטן ווארשטאט. דער ווארשטאט, עמעס, איז מער ניט געשטאנען לעפּאָנעם וועגן, און די פינפ ארבעטער; וועלכע זײַנען געקומען צו פאָרן אין ווילקאָווישק, האָבן נאָר געטאָן א וג געשמועסט מיט די אנדערע כאווײרים: „וואָס קוקט איר אײַערע באלעבאטים אין די צײַנער? זיי זויגן בא אײַך די שווייס און בלוט, און איר האלט זיי פאר באלעטויוועס. פרוווט נאָר א בעט

---

* די פראָקלאמאציע איז געווען איבערגעדרוקט אין וו. נעווסקיס ביכל: „עטיודן וועגן דעם דאָרעמ־רוסישן ארבעטער־פארבאנד”. מאָסקווע, מעלוכע־פארלאג, 1922.

טאָג בא אייערע באַלעבאַטים, אַז זיי זאָלן אייך אראָפּוואַרפן א שאָ. די באַלעטויוועס וועלן, מיסטאמע, געוויס איינשטימען". די ווילקאָווישקער ענטפערן: „וואָס דאַרטן איינשטימען? איז זיי רען אזוי שלעכט?" און די ווילנער און מינסקער ארבעטער זאָגן זיי: „אָט איר מאכט זיי א שטרייק". „וויאזוי זשע? און געלט ווו נעמט מען?" „נו, איר גיט נאָר א ווונק, און מיר וועלן אייך דעם איניען איינאָרדענען. פון ווילנע און פון מינסק וועט מען אייך שיקן הילף, אויך צווישן אייך וועט מען וואָס עס איז צונויפזאמלען. שטאַרבן וועלן מיר ניט". רעכט. אזוי האָט מען זיך געשמועסט בא א כאדאָשימ פּינפ־זעקס, געזאמלט געלט און געגרייט זיך צום שטרייק. ענדלעך, האָט מען באַשלאָסן צו שטרייקן. אָבער ווי רעדט מען זיך וועגן דעם צונויף? אומעטום קוקן זיך צו און הערן זיך צו שפּיאָנען. און די ארבעטער האָבן געטאָן אזוי: אזייגער צען באַנאַכט האָבן דריי הונדערט ארבעטער זיך צונויפגעזאמלט באָדן זיך: זיי זיינען ארײַן אין וואַסער אפ א קלאַפטער 30 פון ברעג, און גענומען ריידן דאָ וועגן שטרייק. אריינגיין נאָך זיי אין וואַסער ארײַן האָבן די שפּיאָנען זיך פארטראכט: „ארייַנגיין, וועסטו ארייַן, אָבער דערנאָך, זעסטו, וועסטו ניט ארויס". אפן צווייטן טאָג האָבן די ארבעטער געמאָלדן די באַלעבאַטים: „וועט איר אונדז ניט אראָפּוואַרפן א שאָ, וועלן מיר וואַרפן די ארבעט". און די באַלעבאַטים האָבן זיי געענטפערט: „וואַרפט. אייערע ברידער זיינען אומעטום דאָ גענוג". די ארבעטער האָבן פארשטרייקט. די פאַבריקאַנטן האָבן זיך א לאָז געטאָן אין ווילנע און אין מינסק: „קומט, זאָגן זיי, קינדערלעך, צו אונדז אף די פאַבריקן". און זיי גיבן זיי אַן ענטפער: „ניין, פאָטערלעך הארציקע, ניין, באַלעטויוועס אונדזערע, מאַכט שוין בעסער א האַנאָכע אונדזערע כאַווײרים. מיר וועלן זיי ניט גיין שטערן". די פאַבריקאַנטן האָבן זיך א דריי געטאָן און גענומען בעטן מעכילע. „זאָל שוין זיין אזוי, זאָגן זיי. באַקומט א שאָ א מאַטאָנע". זיי האָבן פארקירצט דעם ארבעט־טאָג אפ א שאָ און זיי האָבן געפאָדערט נאָך 300 נעפאַשעס ארבעטער: אי די פריערדיקע איז געוואָרן גרינגער, אי נייע האָבן ארבעט געפונען.

אָט דאָס הייסט ברידערשאַפט און אייניקייט צווישן ארבעטער. אלע פאַר איינעם — איינער פאַר אלע.

אָקטיאַבער, 1897 י.

# די שטרייַק־באַוועגונג אין ביאַלאָסטאָק

אין סאָפ 1896 און אין ערשטער העלפט פון 1897 איז אין ביאַלאָסטאָק פאָרגעקומען א כוואַליע פון שטרייַקן אין פארשיידענע צווייַגן פון דער אינדוסטריע, מיט פאָדערונגען פון א 12־שאָעיקן ארבעט־טאָג א. אז. וו. די שטרייַקן זייַנען ניט בלויז פון די יידישע ארבעטער. אין זיי האָבן זיך באטייליקט ארבעטער פון פארשיידענע פעלקער און דערבייַ האָבן די דאָזיקע שטרייַקן ארויסגעוויזן מוסטערן פון אינטערנאציאָנאלער סאָלידאַרקייַט.

אין דער צייַט פון די דאָזיקע שטרייַקן פלעגן פאָרקומען גרויסע פארזאמלונגען אין די וועלדער. אף איינער פון די דאָזיקע פארזאמלונגען האָבן

> „אלטע יידן זיך געקושט מיט קריסטן און האָבן געזאָגט: „מיר זייַנען אלע ברידער אָן אונטערשייד פון רעליגיאָנען". זייער א גרויסע סימכע האָט ארויסגערופן איינער א רוסישער ארבעטער, וועלכער איז געקומען אלס פאָרשטייער פון 26 אנדערע ארבעטער און האָט געבראכט 2 ר. 60 ק. אלס סימען, אז זיי פילן מיט די יידישע ארבעטער. נאָכדעם ווי מען האָט אביסל ארומגערעדט וועגן דעם, וואָס געהערט אין אלעמען, האָבן זיי זיך צוטיילט אף באזונדערע מעלאָכעס. אין יעדע מעלאָכע האָט זיך גערעט וועגן אירע אינטערעסן און וואָס זי האָט צו טאָן. די פארזאמלונג האָט געמאכט א שטארקן אייַנדרוק".

די דאָזיקע שטרייַקן האָבן אופגערודערט ניט ביאַלאָסטאָק אליין. די ביאַלאָסטאָקער שטרייַקבאַוועגונג האָט געפונען אָן אָפּקלאנג אין אלע ארומיקע גובערניעס פון ווייַסרוסלאנד.

די צארישע דינער האָבן זיך דערשראָקן פאר דער שטרייַק־כוואַליע און דעם 24־טן יולי 1897 האָט דער גראָדנער גובערנאטער באטיושקאָוו געלאָזט וויסן דעם פאָליציי־דעפארטאמענט, אז עס איז נייטיק צו פארשטארקן די ביאַלאָסטאָקער פאָליציי און ער האָט זיך געווענדעט צו דער מיליטערישער אָנפירונג פון ווארשעווער און ווילנער אָקרוגן, אז זיי זאָלן צושיקן אין זייַן רעשוס צו צוויי באטאליאָנען סאָלדאטן „אף לאָזן אין פאבריק־ראיאָנען".

די אינטערנאציאָנאלע סאָלידאַריטעט פון די ארבעטער, זייער פעסטע האלטונג אין צייַט פון די שטרייַקן האָט געבראכט א פולשטענדיקן ניצאָכן פאר די ביאַלאָסטאָקער ארבעטער.

אין דער צייַט פון די שטרייַקן זייַנען ארויסגעלאָזן געוואָרן א ריי פראָקלאמאציעס אף פארשיידענע שפראכן, און אויך צוויי יידישע. וועגן די דאָזיקע שטרייַקן איז אין „יידישן ארבעטער" נום. 4—5 געווען געדרוקט א גענויער באריכט. מיר דרוקן איבער אינגאנצן דעם דאָזיקן היסטאָרישן דאָקומענט.

אויסער דעם דאָזיקן דאָקומענט האָבן מיר אין די ארכיוון פון פאָליציי־דעפארטאמענט געפונען א ריי דאָקומענטן, וועלכע דערגאנצן דעם בילד פון דער שטרייַק־כוואַליע, וועלכע האָט ארומגעכאפט ביאַלאָסטאָק אין סאָף פון 1896 ביז אווגוסט 1897. צווישן די דאָזיקע דאָקומענטן זייַנען פאראַן:

1) א בריוו פון גראָדנער גובערנאטער וועגן די שטרייַקן אין ביאַלאָסטאָק.

2) צוויי איבערגעזעצטע פראָקלאמאציעס פון יידיש אף רוסיש (די אָריגינאלן האָט זיך ניט אייַנגעגעבן צו געפינען), וואָס זייַנען ארויסגעלאָזן אין צייַט פון די שטרייַקן.

3) א בריוו פון גראָדנער גובערנ־אל־שעפ פון דער זשאנדארמעריע אין דעפארטאמענט פון דער פאָליציי וועגן די שטרייַקן אין ביאַלאָסטאָק און א צעטל מיט די פאבריקן, אף וועלכע די ארבעטער האָבן געוואָרפן די ארבעט.

4) א בריוו פון גראָדנער גובערנאטער צום מיניסטער פאר אינערלעכע איניאָנים וועגן שיקן מיליטער אף אייַנהיטן די אָרדענונג אין ביאַלאָסטאָק אין צייַט פון די שטרייַקן.

די דאָזיקע דאָקומענטן ווערן געגעבן צום סאָף פון דעם באריכט.

---

[די שטרײַק־באוועגונג אינ ביאלאָסטאָק]

# דיא כראָניק פון עקאָנאָמישען שטרייט אין מעריב רוסלאנד. *

(פון ענדע 96-טען יאָהר ביז'ן מיטטען 97־טען).

יעדרער, ווער עס זאָל ניט ארײנפאלין יעטצט אין ביאליסטאָק, וועט גלייך באמערקען דאָס באלעבען פון דער ארבייטער מאססע. איבעראל וועט איהר טרעפען קופקעס ארבייטער פון פערשיעדענע נאציאָנאליטעטען און איבערהויפט אידען. „פון 7-בען ביז 7-בען", אָט וואָס איהר וועט זייער אָפט הערען אויף דיא גאססען, וואָס ניט א וואָך, ווארפען אוועג רק נייע און נייע מלאכות די ארבייט אום איינצופיהרען א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג. זיך קלאָר מאכען דיא בעוועגונג, וואָס יעצט פארווארפט דיא גאנצע שטאָדט אין דיא אומגעגענדען, איז זייער שווער. איך וועל זיך דאָ מיהע געבען בעקאנט מאכען דען לעזער מיט אללעס, וואָס עס האָט ביי אונז דיא לעצטע צייטען פאססירט. נאָך ווינטער האָבען די שניידער אָנגיהייבען צו ריידען וועגען א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג לויט דעם אלטען געזעטץ [פונ יעקאטערינע דער צווייטערס צײַטנ]. מאן האָט אוועקגעשיקט א ביטשריפט מיט 100 אונטערשריפטען צום גובערנאטאָר, אין וועלכער מאן האָט געבעטען איינפיהרען א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג, וויא דאָס געזעטץ הייסט. עס איז לאנג ניט געוועזען קיין אנטוואָרט און דיא שניידער האָבען מיט זייערע אייגענע כחות אָנגיהייבען איינצופיהרען כמעט אין אללע ווערקשטעללען דען 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג. אזוי וויא עס איז געוועזען סעזאָן צייט, האָבען דיא בעלי-בתים גימוזט נאָך געבען. זייא האָבען גיהאָפט נאָך פסח צוריק אומקערין זיך צו די אלטע אָרדענונגען, נור אומזיסט: דיא ארבייטער האָבען אויך ניט געשלאָפען און זייא האָבען זיך צוגיגרייט צו אנ'אלגעמיינען שטרייק וועגען דען 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג און אז מאן זאָל ארבייטען פון וואָך. ארום פסח צייט האָט זיך בעקומען א אנטוואָרט פונ גובערנאטאָר אויף דיא ביטשריפט. וואָס פיר אנ'אנטוואָרט מיינט איהר, ליעבע לעזער? מאן זאָל די ארבייטער נאָך געבען? אָ—פע! דער גובערנאטאָר האָט פאָרגעשריעבען מאן זאָל אונטערזוכען, ווער זיינען דאָס דיא שרייבער פון דיא ביטשריפטען. פאָליציע האָט אָנגיהייבען צו זוכען, מאן האָט געשלעפט דאָס דען, דאָס יענען, נאָר זיא

* די כראָניק איז געוועזנ געדרוקט אינ „יידישנ ארבעטער" נומ. 4—5. ר ע ד.

האָט זיך גאָר ניט דערוואוסט. יעדער האָט מודה גיוועזען זיין אונטערשריפט, און ווייטער, ווער עס האָט איהם גיגעבען אונטערשרייבען, ווייס ער ניט. גלייך נאָך פסח האָבען דיא ארבייטער ארויסגעשטעלט זייער פאָדערונג וועגען א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג און וועגען ארבייטען פון וואָך. דיא בעלי־בתים האָבען גאָר ניט גירעכינט אויף אזא אחדות בייא דיא ארבייטער און זיינען גיוועזען אויסער זיך. מיט די ערלויבניס פון זשאנדארמסקען האָבען זיי גימאכט יד אחת, אז מאן זאָל ניט נעהמען איינער פון דעם אנדערן קיין ארבייטער זייא האָבען גיוואָלט אויסשרייבען ארבייטער פון אנדערע שטאָדט, נאָר ליידער האָבען זייא אויסער 2—3 אלטע טראנטעס ניט גיקראָגען. דער סעזאָן אָבער האָט ניט געווארט און דיא בעלי-בתים האָבען ניט ווילענדיג גימוזט אללעס נאָך געבען דיא ארבייטער, זייא האָבען זיך גיטרייסט מיט דעם, דאָס זייא וועלען זיך אָפרעכנען מיט דיא ארבייטער נאָך שבועות, דאן ווען דער סעזאָן פאלט שוין אראָפּ. אונטער דעססען איז אָנגיקומען דער אלטוועלטליכער ארביי־טער יום-טוב דער 1-טער מאי. מיט 2 טאָג פריער האָט מאן אויף אללע גאסע גיפונען פארנאנדערגעקלעפּטע און פארנאנדערגיוואָרפענע אופרופען יודישע און פוילישע מיט א שטעמפּיל פון דעם „ביאליסטאָקער ארבייטער קאָמיטעט״. דיא פּאָליציע האָט אָנגיהייבען צו זוכען. דען 30-טען אפריל האָט מאן ארעס־טירט 2 ארבייטער, פון וועלכע מאן האָט איינען גלייך ארויסגעלאָזען און דען צווייטען אביסיל שפּעטער. דער 1 מאי האָט איבערגעשטייגט אללע פער־האָפּנונגען. דען ערסטין מאָהל האָבען זיך צינויפגעקליבען יודישע און קריסט-ליכע ארבייטער צוזאממען. אין דעם זעלבען טאָג האָט דיא פּאָליציע געמאכט מעהרערע האוזזוכונגען בייא דיא שניידער, געפונען האָט זיא ניט פיעל וויא פריער, נאָר פון דעסטוועגען האָט דיא פּאָליציע וועלענדיג, חאָצע מיט וואָס עס איז זיך באפרידיגען פאר איהרע אומזיסטע מיהע, אָבגיגעבען 6 ארבייטער אונטער איהר השגחה. דיא שניידער האָבען פון אָנפאנג זיך דערשראָקען, נאָר זייא זיינען אויף גיך געקומען צו זיך. דיא גוטע ענדע פון שטרייק, חאָצע פּאָליציע אין דיא זשאנדארמערי האָבען זיך אריינגעמישט האָט גישטארקט דען מוטה פון דער ארבייטער מאססע, גלייך נאָך דיא שניידער האָבען זיך געשטעלט דיא מעבעלסטאָליארעס, וועלכע האָבען זיך אויך גיך דערשלאָגען, מאן זאָל ארבייטען פון וואָך. סלאָסיארעס האָבען אויך אָנגיהייבען זיך צו אָרגא-ניזירען. צו גלייכער צייט האָבען דיא וועבער אויף מעהרערע פאבריקען אָנגיהייבען צו פאָדערן, מאן זאָל זייא העכערן דיא שכירות. דיא, וועלכע ארבייטען בייא דיא לאָנקעטניקעסן* האָט מען גיהעכערט די גיצאָהלט פון 5 ביז 6 קאָפּ. פון שטיק. גלייך נאָכן 1־טען מאי האָט זיך אָנגיהייבען צווי-שען זייא א שטארקע אגיטאציאָן פאר א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג. מאן האָט אָנגיהייבען פון דיא לאָנקעטניקעס. פּונקט 7 פלעגט מען אוועקלייגען דיא ארבייט און דיא פרייע פלעגען גיין פון פאבריק צום פאבריק און פאָדערן, אז מען זאָל אוועקלייגען דיא ארבייט, חאָצע א גרויסע טהייל ארבייטערן איבערהויפּט דיא אלטע האָבען דאָס גישטערט, ווייל זייא האָבען גיהאלטע, דען 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג פאר א אומגליק, פון דעסוועגין האָט ער זיך אויף גיך אָנגיהייבען איינצופיהרען. אין פערלאָף פון 2—3 וואָכען איז כמעט אויף אללע פאבריקען איינגעפיהרט גיוואָרין דער ארבייטסטאָג פון 7 ביז 7.

* זע אונדזער אָנמערקונג זייט 235. ר ע ד.

דיא פאבריקאנטען האָבען גישפירט, אז עס איז עפּעס ניט גלאַט, אז דאָס
פאנגט זיך אָן עפּעס גאָר א נייע באוועגונג, נור זייא זיינען גיוועזען שוואך און
האָבען קיין זאך ניט גיקענט טהאָן. דיא איינציגע האָפפנונג זעהערע איז גיוועזען
אז דיא אחדות וועט ניט האלטען לאַנג, אז די נייע איינפיהרונג וועט ניט אויס־
יהאלטען ווערען. און אפילו דיא פארשטאנדיגערע ארבייטער האָבען אויך
געצווייפעלט, אויב דאָס וועט לאַנג אויסגיהאלטען ווערין. בייא אזעלכע באדינ־
גונגען איז זייער וויכטיג גיוועזען צו שטארקען דיא זיכערהייט פון דער מאססע.
מאן האָט גידארפט שטארקער פארבינדען דיא באוועגונגען פון פארשיעדענע
מלאכות, דאָס איז אויסגיפאַלען אויף דעם גורל פון דער פערזאממלונג, וועלכע
איז פאָרגיקומען דען 2-טען טאָג שבועות. פילע האָבען גיצווייפילט אויב עס
וועט זיך איינגעבען צו מאכען אזא איין פערזאממלונג פון ארבייטער און ארביי־
טערקיס פון אללע מלאכות. מאן האָט גיקלערט, וויא וועלען קוקען דיא אלטע
אויף דעם, וואָס דאָרטין וועלען זיין מיידלאך. דיא פערזאממלונג אָבער האָט
צושלאָגען דיא אללע טראכטונגען. אין דיא אָבגעשטיממטע צייט האָבען זיך
צונופגעקליבען מעהר וויא 800 מענשען ארבייטער און ארבייטערקעס. דיא
פערזאממלונג איז גיוועזען א יום טובדיגע. קריסטען איז געווען וועניג, וויל
זייא האָבען דען טאָג גיארבייטעט, נאָר דיא עטליכע, וואָס זיינען געוועזין
האָבען געמאכט א שטארקע איינדרוק. אלטע יודען האָבען זיך געקושט מיט
קריסטען און האָבען געזאָגט: „מיר זענען אללע ברידער אָהנע אונטערשייד
פון רעליגיאָן". זייער א גרויסע שמחה האָט ארויסגערופין איינער א רוססי־
שער ארבייטער, וועלכע איז געקומען אלס פאָרשטייער פון 26 אנדערע ארביי־
טער און האָט גיבראכט 2 ר. 60 ק. אלס סימן, אז זייא פיהלען מיט דיא יודישע
ארבייטער. נאָך דעם וויא מאן האָט א ביסיל ארום גירעדט וועגין דעם וואָס
גיהערט אין אללעמען, האָבען זייא זיך צוטהיילט אויף באזונדערע מלאכות
אין יעדע מלאכה האָט זיך גירעדט וועגען איהרע אינטערעסין און וואָס זיא
האָט צו טהאָן. דיא פערזאממלונג האָט געמאכט א שטארקען איינדרוק וויא אויף
דיא ארבייטער, אזוי אויך אויף די פאבריקאנטין. אין שטאָדט האָט מאן מעהר ניט
גיהערט ריידענדיג, וויא וועגען דער פארזאממלונג. און מאן האָט טאקי שטארק
איבערטריבען דיא פערזאמלונג אויך. מאן האָט גירעדט, אז דאָרטין זיינען
גיוועזען איבער 3000 מענשען. יעטצט רופט מאן שאָהן מעהר ניט די ארביי־
טער „ארחיסטען" יעטצט האָט מאן זייא שאָהן א נאָהמען גיגעבען „דיא פאר־
איינינגטע". גלייך נאָך דער בארימטער פארזאממלונג האָט זיך אָנגעהייבען
א שטארקע בעוועגונג אין אללע מלאכות. פונקט וויא א מגפה וואָלט פאר־
חאפט אללע בעלי-מלאכות. שוסטער, שניידער, בלעכער, סטאָליארעס און
אסך אנדערע האָבען אָנגעהייבען איינע נאָך דיא אנדערע איינצופיהרען דען
12 שעהדיגען ארבייטסטאָג. אלס פאקט, וויא ווייט עס איז שאָהן ענטוויקעלט
צווישען דיא ביאליסטאָקער ארבייטער דער געפיהל פון אחדות קען דיענען
דער שטרייק פון די דאמסקע שניידער. אין איינער פון דיא גרעסטע ווערק־
שטעללען האָט מען ענטזאָגט איינינגע ארבייטער: דיא איבעריגע האָבען גלייך
אוועקגילייגט דיא ארבייט. עס האָט זיך אָנגיהייבען א שטרייק, וועלכע האָט
גידאוערט 3 וואָכען, מאן האָט 3 ארעסטירט און ארויסגעשיקט מיט'ן עטאפ,
נאָר די ארבייטער האָבען זיך ניט איבערגעשראָקען, און סוף כל סוף האָט
דער בעל הבית גימוזט נאָך געבען און מרוצה ווערין צוצונעהמען אללע אר־

בייטער אָן צו זאָגען אז ער וועט צונֶעהמען דיא, וואָס מאן האָט ארויסגישיקט, ווען זייא וועלען זיך אומקעהרין. צוגלייכער צייט איז גיוועזן א שטרייק פון אללע ווייסע סטאָליארעס א מאנן 200. זייא זיינען גישטאנען א וואָך און האָבען ארויסגעפיהרט. א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג און מאן זאָל ארבייטען פון וואָך. און אויך דאָ איז דיא פּאָליציע ניט גישטאנען פון וויטען, זיא האָט ארעסטירט 2 סטאָליארעס, נאָר אויפן גאנץ אין ענדע פון שטרייק האָט דאָס קיין שום ווירקונג ניט געהאט, בייא דיא וועבערס האָבען זיך דיא שטרייקען אויך ניט אויפגיהערט. דאָס אויף דיא, דאָס אויף יענע פאבריק פלעגען ארויספאלען שטרייקען און פלעגין זיך מייסטען ענדיגען גוט. דיא אללע שטרייקען פלעגען פאָרקומען וועגען דעם מאן זאָל העכערן דיא שכירות. נאָר דאָס האָבען זייא פארשטאנען, אז אויב זייא וועלין מעהר ניט וויא העכערן די שכירות אין די ראיעלע פאבריקען און לאָזען דיא פּרייזען וויא גיוועזען בייא דיא לאָנקעטניקעס, וועט דער העכערן קיין קיום ניט האָבען און דעריבער האָבען זייא באשלאָסען אויפצוהייבען דיא פּרייזען פון דיא ארבייטער בייא דיא לאָנקעטניקעס. דיא ערשטע פּאָר וואָכען נאָך פּסח האָט זייא זיך איינגיגעבען אויפצוהייבען דיא פּרייזען פון 5 ביז 6 קאָפּ. פון שטיק. יעטצט האָבען זייא נאָך גידארפט אויפהייבען ביז 7—8 קאָפּ. ערלייכען דאָס מיט קליינע שטרייקען וואָלט גיוועזן אונמעגליך, ווייל דיא לאָנקעטניקעס פארשטייענדיג דען געפאהר, האָבען צווישען זיך אָפּגעמאכט, אז זייא זאָלען זיך איינע דיא אנדערע שטיטצען, טאָמער וועט זיך בייא ווענען ס׳איז מאכען א שטרייק. זייא האָבען צווישען זיך אָפּגירעדט, אז יעדער לאָנקעטניק זאָל זאָל באקומען א רו״כ א וואָך פון יעדער ליידיגען שטוהל. בייא אזעלכע באדינגונגען פארשטייט זיך, אז דער שטרייק אויף איינציגע פאבריקען איז פון אָנפאנג אָן גיוועזין אני׳אונמעגליכקייט. דאָס איינציגע, וואָס עס איז יע גיווע מעגליך, איז דער אללגעמיינער שטרייק, און אויף א פערזאממלונג אין יוני מאָנאט איז טאקי באשלאָסין גיוואָרען צו מאכען אנ׳אללגעמיינעם שטרייק אין ארויס שטעלין דיא פאָלגענדע פאָדערונגען: מאן זאָל געבען ביכלאך, ארבייטען פון 7 ביז 7 און דיא גיצאָהלט פון 7 ביז. 8 קאָפּ.׳ שטאָט פריערדיקע 5—6. אויף מאָרגען האָבין $1\frac{1}{2}$ טויזענד מענשין אוועקגילייגט דיא ארבייט. פון פארטאָג אָן האָבין זיך דיא ארבייטער אָנגיהייבען צו קלייבען אין וואלד. ארון דרייא א זייגער האָט זיך אין איין אָרט צונויפגעקליעבען איבער 300 מאנן. צו דער צייט זיינען גיקומען 6 פּאָליציאנטען און האָבען א פרעג גיטאָהן: „ווער זיינען בייא אייך דיא אָנפיהרער?״ „אללע״ האָבען גיענטוואָרט די ארבייטער. דאן האָבן דיא פּאָליציאנטען גערופין דיא ארבייטער צום פּאָליציימייסטער. דיא מאססע האָט זיך ניט גיוועהרט און איז אוועק דאָרכין גאנצין שטאָדט צו דער פּאָליציי צוזאממען מיט דיא עטליכע פּאָליציאנטען, דער פּאָליציימייסטער דערזעהדיג אזא מאססע, איז צושראָקען גיוואָרין און איז אָנגיפאלין אויף די פּאָליציאנטען. נאָך דעם האָט ער זיך גיווענדעט צו דיא ארבייטער און האָט זייא אָנגיהייבין זייער איידעל צו בעטען, זייא זאָלין גיין אָפּארבייטען דיא 2 וואָכין, וועלכע מאן מוז נאָכן געזעטץ, דערפאר האָט ער זייא צוגיזאָגט צו טהאָן אללעס מאגליכעס פון זיין זייט. נאָר דיא זיסע ריידעלאך פון פּאָליציימייסטער האָבין ניט גימאכט דען געהעריגען איינדרוק אויף דיא ארבייטער. בייא זייא איז נאָך גיוועזן גאנץ פריש דיא מעשה, וואָס האָט

פאססירט מיט 8 טאָג צוריק, ווען דער פאָליציימייסטער האָט גימאכט מיט
בלאָטע צוגלייך נאָוויקס ארבייטער: 8 פון זייא האָט ער ארעסטירט און דאָס
אלליס איז פאָרגיקוממען דאנן, ווען דיא ארבייטער האָבין קלאָר דערוויזען,
אז זייא האָבין פארדיענט דורכשניטליך דען לעצטין יעהר צו 1 ר׳ 97 [קאָפּ]
די וואָך. עס פארשטייט זיך, אז נאָך אזא מעשה האָבען די ארבייטער ניט
שטארק געגלאובט אָן די פריינדשאפט פון דעם פאָליציימייסטער און האָבען
באשלאָסין וויטער צו שטרייקין. אויף מאָרגין מיטוואָך האָט דער פאָליציי-
מייסטער גירופין צי זיך דיא לאָנקעטניקעס מיט דיא ארבייטער, אום וויא עס
איז צו מאכען צווישען זייא א שלום. דיא ארבייטער זיינען געשטאנין שטייף
אויף דאָס זייעריגע. דער פאָליציימייסטער האָט זייא צוגיזאָגט אלליס נאָך
צוגעבין, ווי באלד נאָר זייא וועלין זיך זעטצין צו דער ארבייט. און דעם
זעלבען טאָג איז גיוועזן א פערזאממלונג פון 1500 מענשען, אויף וועלכע עס
איז באשלאָסין געוואָרין צו שטרייקין ביז זייא וועלין ניט באקומען ביכלאך
אויף דיא נייע באדינגונגען. דער ווייל איז אונטערגיקומען דער שבת. דיא
ארבייטער האָבין ניט גיהאט, וואָס מעהר איז ווערט און דאָ האָט זיך טאקי
ארויסגעוויעזין דיא אחדות פון דיא ארבייטער, אין איין טאָג איז צונויפגע-
קליבען גיוואָרין מעהר ניט וויא צווישען וועבער אלליין ביז 150 רוב. מאן
דארף ניט פארגעסין, אז דיא שטרייקען ציהען זיך שאָן אייניגע מאָנאטין, אז
דיא גרעסטע טהייל וועבערס האָבין אלליין גינומען אני׳אָנטהייל אין שטרייק
און אז זייערע פארדיענסטען זיינען זייער קליין. אף דיא אנדערע וואָך האָ-
בין זיך דיא לאָנקעטניקעס אונטערגיגעבען. דיא ארבייטער האָבין ניט גי-
האָפט אויף אזא גיכען סוף. זייא האָבין זיך נאָך פון פריהער צוגיגרייט צו
הונגערן אייניגע האָבען און נאָך מעהרער, ווייל די לאָנקעטניקעס אללץ האָ-
בין זיך נאָך פון פריהער צוגיגרייט צו דעם שטרייק. די מונטערקייט און
שטארקייט האָבין זייא גישעפּט פון דיא גרויסע פערזאממלונגען. אום דער
צייט פון דעם שטרייק זיינען פאָרגיקומען 2 א זעלכע פערזאממלונגען, איינע
פון 1000 מענשין און דיא צווייטע פון 2000 מענשין. אָט דיא פערזאמלונגען,
אין וועלכע ס׳האָבין גינומען אני׳אָנטהייל וויא יודען אזוי קריסטען האָבין
גימאכט א שטארקין איינדרוק אויף דיא יונגוואָרג. דיא אלטע האָבין גישאָקעלט מיט
דיא קאָפּ און גיזאָגט: וואו איז דאָס גיזעהין גיוועזין אין אונזערע צייטין, עס זאָל
זיך פיהרען מיט אזא אָרדנונג, פאר דער גאנצער צייט איז דאָך ניט גיוועזן
קיין סקאנדאל, קיין שיקורער. „דיא יונגע פיהרען קלוג האָבין גירעדט דיא
פרומע אלטע, מעהר ניט איין זאך איז א ווייטאָג, זייא זיינען ניט
פרום, נאָר פאר זייער פיהרונג אלליין זיינען זייא שאָהן ווערט צו
זיין אין גן-עדן״. אזעלכע און אָהנליכע געשפּרעכין איז אונדז אלליין פאָר-
גיקומען צו הערין פון אלטע ארבייטער, אינטערעסאנט איז, וואָס פיר איין
איינדרוק דער קורצער ארבייטסטאָג האָט גימאכט אויף דיא אלטע, חאָצע פון
אָנפאנג זייבען זייא גיוועזין גרויסע געגנער פון דעם 12 שעהדיגען ארבייטס-
טאג, זיינען זייא שאָהן יעטצט ניט נור צוגיוויינט גיוואָרין, נאָר זיי רעכענען
נאָך אום נאָך זייער פערשטאנד נאָך די נוטצען פון איהם. וויא זשע האָט מיר
גיזאָגט איינער אני׳ארבייטער אני׳אלטער סטאָליער, אלס איך האָב מיט איהם
פארצויגען א געשפּראך וועגין דיא לעצטע געשיכטעס. פריער האָבין דאָך
מיינע קינדער מיך גאָר ניט געקענט: איך פלעג אוועק גיין צו דער ארבייט,

אז זייא פלעגין נאָך שלאָפין, אז איך פלעג קומען, פלעגען זייא שאָהן ווידער שלאָפין, און מער ניט ווי שבת פלעגסט דוא א מאָהל צו האלטען דאָס קינד, אָבער יעטצט קומסט דוא א היים 7 א זייגער האָסט דוא צייט צו שפּילען זיך מיט דיא קינדער און נאָך אראָפּצוגיין אין שוהל דאוונען א מעריב. מאָנטיג דען 7 יוני איז בייא איינעם גיוועזן א פערזאממלונג, וועגין וועלכער עס איז ווערט צו דערמאָנען באזונדער, ווייל פון דעם וועלין מיר קענען זעהן, וויא ווייט דיא היעזיגע ארבייטער זיינען שאָהן צוגיוויינט גיוואָרין צו פאַרזאממלונגען און וויא טהייער דאָס איז בייא זייא. דאס מאָהל האָבען זיך צונויפגעקליבען 1000 מענשין ווערער. בעת דער פערזאממלונג זיינען אָנגיקומען 12 פּאָליציאנ־טען וועלכע האָבען מיט א בייזע מינע גיהייסען דיא ארבייטער זיך פארנאנ־דערגיין. דיא מאססע אָבער האָט זיך ניט גירירט פון אָרט און האָט ווייטער זיך גיטהאָן דאָס איהריגע. אין א ווײלע ארום איז גיקומען דער פּריסטאוו ציטטערנדיג פון אופגירעגטקייט האָט ער זיך גיווענדט צו דיא ארבייטער מיט דיא ווערטער אונגיפעהר: וואָס טהוט איהר! צו וואָס ווילט איהר אונז ברײנגען, מיר זאָרגין אזוי פיר אייך, מיר האָבען איינגיאָרדנעט, אז דיא לאָנקעטניקעס זאָלין מרוצה ווערין אויף אייערע באדינגונגען און ז. וו. גיט אונז אויף א צעטיל פון דיא אללע לאָנקעטניקעס, וואָס ווילען ניט מרוצה ווערין, און מיר וועלין זייא ארויסשיקען פון שטאָדט, מאכט ניט אום גאָטטעס ווילין, א זעלכע פערזאממלונגען, מאן רעדט דאך שאָהן וועגען דעם אין פעטערבורג, דער גו-בערנאטאָר האָט דאָך שאָהן באקוממען אנ׳אויפרייד, מאן פרעגט בייא איהם, וואָס קומט דאָס א זעלכעס פאר בייא איהם אין גובערניע, דיא ארבייטער בונטעווען זיך. מיר האָבען שאהן אויך באקומען 2 טעלעגראממעס, אין וועלכע מאן פרעגט אונז, וואָס פיר פערזאממלונגען מאכין דאָ דיא ארבייטער. דיא פערזאממלונג איז פון דעסטוועגין זיך ווייטער גיגאנגען נאָך דעם וויא דער פּריס־סאוו איז אוועק און צום סוף האָבען די ארבייטער [באשלאָסן] צו גיין אין שטאָדט פון וואלד אללע צוזאממען, ניט פארנאנדערטהיילענדיג זיך אויף קומפּאניעס ווייז, וויא עס פלעגט פריער גימאכט ווערין. אזוי האָבען זייא גיטהאָן, און אז זייא זיינען אריין אין דיא טהייל שטאָדט, וואו עס וואָהנען דיא ארבייטער, איז איינער א קריסטליכער ארבייטער ארויס פאָראויס און האָט זיך גיווענדט צו דער מאססע מיט דיא ווערטער: ברידער, בעפאָר מיר האָבען אָנגיהייבען צו גיין אין וואלד, פלעגען מיר נעהמען 4־5 קאָפּ. פון [שטיק], יעטצט האָבען מיר זיך דערשלאָגען 7־8 קאָפּ. נאָמיר ווייטער אויך מאכין פערזאממלונגען וויא מאגליך אָפטער! דער איינשטימיגער „אורא" איז גיוועזן דער אנטוואָרט און דיא איבערצייגעניסס, אז דיא מאססע פארשטייט דיא וויכטיגקייט פון דאָס רעכט צו פערזאממעלן זיך און אז יעטצט וועט זיא שאָהן ניט אזוי לייכט אוועק געבען דאָס רעכט. אום צו פערענדיגען אונזער בעשרייבונג פון דער באוועגונג פון היינטיגען זומער, מוזין מיר נאָך דערציילען וועגען דעם שטרייק פון דיא פּאפּיראָסניצעס אויף יאנאָווסקי פאבריק, צוליעב וועלכעס עס איז איינגיפיהרט וואָך ארבייט און וועגען דיא שטרייקען פון דיא שוסטער און שניידערים פאר דען 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג, דיא אללע שטרייקען זיינען ניט ארויסגיקומען פון עללער הויט, נאָר זייא זיינען אללע געפיהרט גיוועזן נאָך א פריהער אויסגירעכנטין פּלאן. בייא די וועבער איז נאָך ביז היינטיגען טאָג ניט גיענדיגט מיט דיא שטרייקען. דאָס אויף דיא, דאָס אויף

יענע פאבריק ווערט א שטרייק אום צו העכערן דיא שכירות. ווען מיר זאָלין וועלין אָפּשעטצין אללעס וואָס האָט גישעהן פון דעם שטאנד פונקט, אויף פיעל דיא באוועגונג פון היינטיגען זוממער האָט מיטגיהאָלפין דער אויסארבייטונג פון באוואוסטזיין אין דער ארבייטער מאססע וועלין מיר אויך מוזין מודה זיין, אז צווישען דיא וועבער איז געשטיגען דער מוטה גאָר אין אנ׳אונגיהערטער ווייזע. דיא פעראומערטיקייט, פארצאָגטקייט און גלייכגילטיקייט, וועלכע האָבין גיהערשט ווינטער אין דער מאססע זיינען יעטצט אין גאנצין פארשוואונדען. דיא שטרייקען האָבען באוויעזען דער מאססע, וואָס זיא קען זיך דערשלאָגען מיט אחדות, זייא האָבין איהר גילערינט האָפפען אויף איהרע אייגענע כחות. דיא זעלבע שטרייַקען און דיא באהאנדלונג פון דער פאָליציע און פאבריצשנע אינשפעקציאָן האָבען זייא גיעפינט דיא אויגען און בעוויעזין דיא ריכטיגע נאטור פון דער רעגיערונגס משרתים. מיר האָבען יעטצט ניט קיין טאטעס זאָגען דיא ארבייטער. דער פאבריצשנער אינספעקטאָר דער כלמרשדיגער פארטהיידיגער זייערער אין דער צייט פון א שטרייק פלעגט אָנפאלין אויף זייא מיט אזא כעס (פארשטייט זיך גוט באצאָהלטען),* אז דיא ארבייטער האָבען צו איהם פארלאָרין דער צוטראו. דיא פאָליציע און זשאנדארמעריע האָט אויך ניט שלעכט גיאגיטירט. דער אָבען דערמאָנטער אנטוואָרט פון גובערנאטאָר אויף דיא שניידערער ביטשריפט האָט קלאָר באוויעזען דיא ארבייטער, וואָס זייא קעננען זיך דערשלאָגען מיט ביטשריפטען צו דיא בעאמטע און דאָס, וואָס דיא זשאנדארמעריע האָט זיך אריינגימישט אין דען שטרייק פון דיא שניידער האָט אזוי קלאָר באוויעזען דען פאָליטישען חאראקטער פון א שטרייק, אז דיא פערשטאנדיגערע ארבייטער איז עס מעהר ניט געבליעבען וויא אָנצואווייזין אויף דיא פאקטין. אלס פראָבע, פון וועלכע מיר וועלין קעננען זעהן, וויא דער באוואוסטזיין פון דער מאססע ענטוויקעלט זיך, קען דיענען איינער אנ׳אלטער שניידער, וועלכער פלעגט אייביג ציטערן פאר א מעשענען קנעפיל. איך וויים ניט וויא אזוי, נור ער איז אויך אריינגיפאלין אין לייסטער פון דיא געפעהרליכע בונטאָוושטשיקעס, פאָטאָגראפירט און אָפּגיגעבען אונטער דיא השגחה פון פאָליציע. ער האָט דאָס פיר קיין פאל ניט גיקענט פערשטעהן. „וויא, האָט ער גיזאָגט, ווען איך וויל ארבייטען מיט א שעה ווייניגער, וועט זיך דאָ אריינמישען דער זשאנדארמיסקער מיט סטראשונקעס! ניין דאָס איז א שרעקליכע מעשה, וועגין וועלכע איך מוז אללעמען און איבעראלל דערציילין״. דער אָרימער אלטינקער האָט אפילו אלליין ניט גיפיהלט, וואָס פיר א געפעהרליכער פאָליטישער אָגיטאטאָר ער ווערט. מיר וואָלטין גיהאט אגרויסין טעות, ווען מיר וואָלטין פון דיא פאקטין ארויסגינומען, אז דער פאָליטישער בעוואוסטזיין איז שטארק ענטוויקעלט אין דער גאנצער ארבייטער מאססע. דען דיא ארבייטער מאססע שטעלט זיך נאָך יעטצט אויך ניט קיין אנדערע פראגען וואָ נור וועגין איהרע נאָהנסטע עקאָנאָמישע אינטערעססין. דיא צווײדייטיגע לאגע פון פאָליציימייסטער האָט נאָך מעהר פארשטעלט דיא ריכטיגע בעהאנדלונגען געגין דיא ארבייטער. צוליב דעם וואָס ער האָט מורה צו מאכען טומלען אָדער דער קייזער דארף קוממען, האָט ער געמוזט האלטין

* דאָ ווערט געמיינט, אז דער פאבריק־אינספעקטער איז געוועז אונטערגעקויפט פונ די פאבריקאנטנ. ר ע ד.

מיט דיא ארבייטער. בעת דעם גרויסען שטרייק בייא דיא לאָנקעטניקעס האָט זיך דער פּאָליציימייסטער פון אָנפאנג שטארק אָנגינומען פאר דיא ארבייטער און האָט זייא צוגיזאָגט אללעס נאָך צו געבען. דיא ארבייטער און איבערהויפּט דיא קריסטען זיינען גיוועזן מלא-שמחה פון איהם. אז די אידישע ארבייטער האָבען אָנגיהייבין צו זאָגין, אז עס איז ניטאָ וואָס נתפּעל צו ווערין פון זיינע צו זאָגין, זיינען דיא קריסטין גיוועזן ניט צו פריעדען און האָבען גיזאָגט, אז די אידען גייען ענקעגין דער רעגירונג. נאָר אויף מאָרגען האָבין זייא שטארק איבערגעביעטען זייער מיינונג און פון טרייע דינער זיינען זייא גיוואָרין א ביסיל געגנער. דער פּאָליציימייסטער וויא א אמת׳ר בעאמטער האָט זיך אלליין דער שראָקין פאר זיין „ראדיקאליזמוס״ און האָט אָנגיהייבען צו נעהמען זיינע ווערטער צוריק. „ע, ער דרייט שאָהן״ האָבין גיזאָגט דיא קריסטליכע ארבייטער פארוואונדערט, צו קומט שאָהן בעססער אין וואלד, דאָרט וועלין מיר וויססען, וואָס מאן דארף טהאָן. פון דאן אָן האָט מאן זיך מעהר ניט גיווענדט צום פּאָליציימייסטער. דער פּאָליציימייסטער אלליין איז גאָר ניט קיין שלעכטער אגיטאטאָר. וויא עס שיינט, האָט ער זיך גישטעלט אלס ציעל צו דערווייזען די ארבייטער אז זייער וועלין אויסבעססערין זייער לאגע און זייער האנדלען מיט שלום זיינען אויך ניט ערלאובט נאָך דיא רוססישע געזעטצין. דען 17־טען יולי איז אויף אללע גאססען און אויף דיא טהירען פון דיא פאבריקען פארנאנדערגיקלעפּט גיווען הודעות, אז דיא פערזאממלונגען פון דיא ארבייטער זיינען פאר[?]ערט פון געזעטץ און דיא אללע אָנטהיילנעהמער אין אזעלכע פערזאממלונגען וועלין באשטראָפט ווערין נאָך דער 38 סט. פון אוסטאוו וועגין דיא שטראָפין, אויך דיא מיראָוואָיע סודעס האָבען רעכט. די הודעה וועט האָבין א פארקעהרטע ווירקונג. צוליב דעם וועט דיא מאססע ניט אויפהערין צו פערזאמלען זיך, נאָר זיא וועט פארשטיין, אז דאָס געזעטץ פארווערט דאָס צו טהאָן, אז דאָס געזעטץ פארווערט זייא אויסצובעססערן זייער לאגע. אלס א ריכטיגען באווייז, וויא ווייט דיא מאססע האָט אויסגיוואָקסען קעננען מיר ברייגגען דיא שטארקע גאָכפּראגע נאָך ליטעראטור וויא ניט פארבאָטענע, אזוי אויך פארבאָטענע און דיא שטרעבונג צו בילדען זיך. ליידער מוזין מיר מודה זיין, אז וויא אין ערשטער ארט אזוי אויך אין צווייטין ארט קען[נען בא] דיא דאָרטיגע באדינגונגען ניט צופרידענגישטעלט ווערין אפילו א ביסיל אָט די גאָכפּראגע און שטרעבען. דיא באוועגונג אין ביאליסטאָק האָט פארנומען אויך די ארומיגע שטאָדטעלאך: האָראָדאָק, מיחאלאָווא־גוזאבאטקע און ז. וו. דיא באוועגונג אין דיא פארוואָרפענע ווינקלאך און איבערהויפּט דער זומערדיגע סטרייק [פון] 1897 יאָהר פון דיא האָראָדאָקער שפּיליארקעס זיינען אזוי ווייט אינטערעסאנט, אז מיר גיפינען ניט פאר אונניטצליך צו דרוקין וועגען דעם א עקסטער[עקסטרע] קאָררעספּאָנדענציע אין דעם צווייטין נומער. דאָ וועלין מיר פארלייפיג באמערקין, אז אין האָראָדאָק און די אנדערע שטאָדטעלאך האָבין זיך דיא ארבייטער דערשלאָגין העכערע שכירות און איינגיפיהרט א 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג.

---

# בײַלאַגעס צום באַריכט וועגן „דער שטרײַק־באַוועגונג אין ביאַלאָסטאָק

בײַלאַגע I.

מיניסטעריום פֿאַר אינערלעכע איניאַנים
גראָדנער גובערנאַטער

24-טן יול 1897 י.
נום. 9404
שט. ביאַלאָסטאָק

## אין פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט

צוליב דער ווענדונג מיט דעם נום. 6797 האָב איך די ערע געבן צו וויסן דעם פּאָליציי-דעפּאַרטאַמענט, אַז לויט די צונויפֿגעזאַמלטע ידיעות ווערן די סכאָדקעס און שטרײַקן פֿון די אַרבעטער אַף די פֿאַבריקן פֿון שט. ביאַלאָסטאָק פֿאָרגעשטעלט פֿאַר דער לעצטער צײַט אין פֿאָלגנדיקן אויסזען.

אַרבעטער-שטרײַקן האָבן זיך אַף אייניקע פֿאַבריקן אָנגעהויבן פֿון ייִדישע פּייסעך ד. י. די איבערגעריסענע אַרבעטן פֿלעגן יעדער מאָל נאָכן אײַנרעגולירן די באַציונגען צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים זיך באַנײַען געוויינטלעך אין עטלעכע טעג אַרום, און קיין שום באַזונדערע מאָסמיטלען אין דער דאָזיקער ריכטונג מיצאַד דער אַדמיניסטראַציע איז ניט געווען נייטיק אָנצונעמען, ווײַל אַלע מיספֿאַרשטייעניש פֿלעגן באַזײַטיקט ווערן דורך דער אָרטיקער פּאָליציי. אַרבעטער־סכאָדקעס אין אַזאַ פֿאָרנעם, וועלכן עס האָט מיטגעטיילט די פֿאַבריק-אינספּעקציע, ד. ה. צו טויזנט און מער מענטשן, זײַנען אײַנגאַנצן ניט געווען. עמעס, אַרבעטער אין אַ צאָל פֿון עטלעכע הונדערט מענטשן האָבן זיך צונויפֿגעקליבן אין דעם בײַשטאָטישן וואַלד, וועלכער הייסט „זווערינעץ“, בייסן באַהאַנדלען זייערע איניאָנים האָבן זיי זיך געהאַלטן פֿולשטענדיק רויִק און בעשאַס עס האָבן זיך באַוויזן די קאָמאַנדירטע אַהין פּאָליצייִשע באַאַמטע, זײַנען זיי זיך פֿאַנאַנד־ערגעגאַנגען און ניט געמאַכט קיין שום דעמאָנסטראַציעס. דאָך האָט אַף די דאָזיקע צונויפֿזאַמלונגען אַ געוויסע קאַטעגאָריע אַרבעטער-שפּינער אײַנגעשטימט צו פֿאָדערן פֿון די באַלעבאַטים אַ צוזאָג אַפֿן לוין און צו פֿאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג. די דאָזיקע פֿאַרשטענדיקונג איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן אַף אַ לעגאַלן אויפֿן דורך מעלדן מיט צוויי וואָכן פֿריִער וועגן אָפּזאָגן זיך פֿון אַרבעטן אַף די פֿריִערדיקע באַדינגונגען און בײַ איצטיקער צײַט האָבן פֿאַרשטרײַקט ביז 500 מאַן שפּינער אַף 15 פֿאַבריקן.

געווינטלעכ איז אזא צאָל שטרײַקער ניט גרויס, אָבער מע דארפ ניט ארויסלאָזנ פונ זינענ, אז דער מאנגל אינ שפּינ־פּעדעמ וועט מיט זיכ ברענגענ דעמ אומפּארמײַדלעכנ אָפּשטעל פונ די פאבריקנ אינ דער גאנצער פּראָדוקציע, אונ די צאָל פאבריק-מעגטשנ, וועלכע וועט בלײַבנ אָנ באשטימטע באשעפטי־קונגענ וועט דעריבער באדײַטנדיק פארגרעסערט ווערנ. צוליב דעמ, וואָס די אדמיניסטראַציע האָט קיינ רעכט ניט צו פּאָדערנ פונ די באַלעבאטימ צו פּאר־גרעסערנ דעמ ארבעטלוינ אונ פונ די ארבעטער—צו אויספּילנ ארבעט פּאר א פּרײַז, וועלכנ זיי אָנערקענענ אלס ניט קיינ לויבבארנ, קענענ נאָר בא אזעלכע שטרײַקנ די אדמיניסטראטיווע באאמטע, לויט דער ביטע פונ די פּארינטערע־סירטע צדאָדימ, בהענגענ זיי צו א פּארשטענדיקונג, וואָס עס איז שוינ ניט איינ מאָל דערגרייכט געוואָרנ דורכ די באמיִונגענ פונ דער אָרטיקער פּאָליציי. אינ פאל, ווענ ס'וועט ניט זײַנ קיינ דערפּאָלג, בלײַבט מער ניט צו אכטונג געבנ, או עס זאָלנ ניט געמאכט ווערנ וועלכע ס'איז אומאָרדענונגענ מיצאד די ליידיקגייערישע ארבעטער. דערצו איז נייטיק אביסל צו פארשטארקנ די פּאָלי־צייישע מיטלענ. צו דעמ צוועק האָב איכ שוינ זיכ געווענדעט צו די ה"ה קאָמאנדירנ פונ מיליטער פונ ווארשעווער אונ ווילנער אָקרוגנ וועגנ קאָמאנדירנ אינ מײַנ רעשוס צו 2 באטאליאָנענ, וועגנ וואָס איכ האָב געהאט די ערע צו וויסנ געבנ דעמ ה' מיניסטער פונ אינערלעכע איניאָנימ דעמ 14-טנ יולי הײַאָר מיט דעמ נומ. 9061.

אינ פאל, ווענ עס וועט זײַנ נייטיק, וועט דאָס מיליטער זײַנ אײַנגעקוואר־טירט אינ די צענטערס פונ די פאבריק־ראיאָנענ, ווי דאָס איז אויסגעפילט גע־וואָרנ אינ 1895 יאָר.

צוליב די פּרווונ צו איבערכאזערנ די פארזאמלונגענ איז דורכ דעמ ביא־לאָסטאָקער פּאָליצמייסטער פּובליקירט געוואָרנ א מעלדונג וועגנ דער אומגע־זעצלעכקײַט פונ אזעלכע פארזאמלונגענ אונ ס'איז אָנגעוויזנ געוואָרנ די פּראנט־וואָרטלעכקײַט, וועלכער עס ווערנ אונטערגעוואָרפנ די אָרדענונג־שטערער, אונ קיינ פארזאמלונגענ זײַנענ שוינ מער ניט איבערגעכאזערט געוואָרנ. אָבער די סאָלידארקײַט פונ די ארבעטער ווערט אונטערגעהאלטנ מיט דראָונג פונ גוואלדטאטנ איבער יענע פונ זיי, וועלכע וואָלטנ זיכ ניט פארייניקט צומ ווונטש פונ די שטרײַקער. איכ האָפ, אז די אָנגענומענע מיטלענ צו וואָרענענ פונ ווילדע ארויסטרעטונגענ, וועלנ געבנ די מעגלעכקײַט די פארשטענדיקע ארבעטער צו פאָרזעצנ זייערע באשעפטיקונגענ אָדער מע וועט קענענ אויסשרײַבנ ארבעטער פונ די צענטראלע גובערניעס פונ רוסלאנד, וועלכע מע וועט דארפנ בלויז אָפּהיטנ פונ גוואלדטאטנ.

דערצו האלט איכ פאר נייטיק צוצוגעבנ, אז אומרוענ צווישנ דער פאב־ריק-באפעלקערונג ווײַזנ זיכ באזונדערס ארויס צווישנ די ייִדנ, אונ אינ יונ כוי־דעש הײַאָר איז אפ דער קווארטיר פונ דעמ ייִדנ-וועבער מ ע נ ק ע ס, בא זײַנ זונ וואָלפ, געפונענ געוואָרנ דורכ דער אָרטיקער פּאָליציי די דאָ בײַגעלייגטע געשריבענע אינ דער ייִדישער שפּראכ אופרופנ צו ארבעטער, אינ וועלכע זיי ווערנ אָנגעהעצט צו אייניקײַט אונ סאָלידארישקײַט. דער דערמאָנטער מענקעס איז דעמ 27-טנ פונ זעלביקנ כוידעש יונ צוגעצויגנ געוואָרנ צו פּראנט־וואָרטלעכקײַט לויט דעמ ארטיקל 318 פונ געזעצנ־קאָדעקס אונ באמ איצטיקנ מאָמענט געפינט ער זיכ אינ טורמע.

אין דער צײַט פון זײַן זײַן אין גראָדנע האָט דער ה׳ פינאַנץ־מיניסטער געהאַט בעדייע צו קאָמאַנדירן דערפאַרענע פאַבריק-אינספעקטאָרן אפ קלאָר צו מאַכן אפּן אָרט די מאָטיוון פון די אַנטשטייענדיקע מיספאַרשטייענישן צווישן די באַלעבאַטים און אַרבעטער. און ווי עס האָט מיר איצט מיטגעטיילט דער דירעקטער פון האַנדל- און מאַנופאַקטור-דעפּאַרטאַמענט זײַנען די דאָזיקע באַאַמטע שוין קאָמאַנדירט. וועגן די רעזולטאַטן פון זייער אויספאָרשונג וועל איך באַצײַטנס מיטיילן.

דערבײַ ווערן בײַגעלייגט 2 אופרופן צו אַרבעטער און די פּובליקאַציע פון ביאַלאָסטאָקער פּאָליצמייסטער פון 17־טן הײַנטיקן יול.

גובערנאַטער באַטיושקאָ...

---

ב ײַ ל א ג ע II.

## אינפאָרמאַציע

### וועגן די פאַבריקן, אַפ וועלכע די אַרבעטער האָבן אָפּגע־שטעלט די אַרבעט.

1. אַפ ל. ראָזענטאַלס פאַבריק — 12 מענער און 4 פרויען פאָדעם־כאַפּער, אין דער שפּינערײַ-אָפּטיילונג און קאַם-מאַשין 13 פרויען און 5 מענער און 1 שפּי-נער, און די איבעריקע אַרבעטער אין דער צאָל פון 35 מאַן האָבן געוואָרפן די אַרבעט צוליבן אָפּשטעלן זיך פון דער פאַבריק איבער דעם, וואָס צו דער אַרבעט זײַנען ניט געקומען די ערשטע.

2. אַפ פינעסעס פאַבריק און באַ אירע אַרענדאַטערס כאַנע מאַכײַ—7 מענער און 15 פרויען-אַרבעטער און 3 שפּינער, באַ פײַוול זשעבעט—8 פרויען פאָדעם־כאַפּער און 2 מענער.

3. אַפ יאַקאָוו מאַרקוסעס פאַבריק — 8 שפּינער, 23 פרויען פאָדעם־כאַפּער און 2 מענער, און אין דער קאַם-אָפּטיילונג—10 פרויען און 5 מענער.

4. אַפ עלישע טרילינגערס פאַבריק באַ די אַרענדאַטערן סאַלאָמאָן בלאָך און מאָיִסיי קאָפּעליאָוויטש — 1 שפּינער, 9 פרויען און 5 מענער, די אַפּרעטור-אָפּטיילונג איז אָבער טעטיק.

5. אַפ באַדינקעסעס פאַבריק באַ די אַרענדאַטערס צוקערמאַן, אָשער ראַ-פּאָפּאָרט, מוישע זאַלמאַן און יאַנקל באָרוכין — 4 שפּינער און 10 פרויען פאָ-דעם-כאַפּער און 4 מענער, און אין קאַם-אָפּטיילונג — 8 פרויען און 4 מענער.

6. אַפ דאָוויד קושינסקיס פאַבריק — 4 שפּינער, 8 פרויען און 8 מענער, אין קאַם־אָפּטיילונג—16 פרויען און 18 מענער.

7. אַפ לייזער פריסמאַנס פאַבריק האָבן די שפּינער, 6 פרויען און 2 ייִנג־לעך די אַרבעט געוואָרפן און די איבעריקע אַרבעטער זעצן זייער אַרבעט פאָר.

8. אַפ אַרן סוראַזשסקיס פאַבריק האָבן געוואָרפן די אַרבעט 6 שפּינער, אַרבעטער באַ דער מאַשין 2 מענער, פאָדעם-כאַפּער 2 און פרויען 21. די אַפּרעטור־, פאַרבערײַ- און וועבערײַ־אָפּטיילונגען — זיי זײַנען אַלע טעטיק.

9. אפ צאלקע נאָוויקס פאבריק — שפינער 4, ארבעטער בא דער מאשינ 2 מענער, פּאָדעם־כאפער מענער — 1 אונ פרויענ 5, פרויענ, וועלכע געפינענ זיכ בא דער מאשינ 6, אונ די איבעריקע אָפּטיילונגענ, אויסער די שפינער־אָפּטיילונג, זײַנענ טעטיק.

10. אפ פראנצ ריכטערס פאבריק—וועבער, וועלכע ארבעטנ אפ די ערשטע ווערקשטעלנ, מענער—6 אונ פרויענ—8.

11. אפ טעוול סלאָנימסקיס פאבריק—שפינער 11 מאנ, פּאָדעם-כאפער 5 ייִנגלעכ אונ 20 פרויענ אונ ארבעטנדיקע בא די מאשינעס—5 מענער אונ 10 פרויענ.

12. אפ פיליפּס פאבריק — שפינער 3, פּאָדעם-כאפער ייִנגלעכ 3 אונ פרויענ 6, ארבעטנדיקע בא די מאשינעס 5 אונ פרויענ 17.

13. אפ סאָלאָמאָנס ארענזאָנס פאבריק באמ ארענראטער שלוימע זילבער-בלאט שפינער 4 מענער, פּאָדעם-כאפער — מענער 5, פרויענ 3, ארבעטנדיקע בא די מאשינעס—מענער 5 אונ פרויענ 7.

14. אפ מוישע פאיאנס וועבערײַ-אנטערנעמונג—21 מענער אונ 6 פרויענ.

15. אפ הילע ברײַשטעס וועבערײַ־אונטערנעמונג—28 מענער אונ 8 פרויענ.

צוזאמענ 494 מענטשנ. { מענער—247. פרויענ—247. }

שעפ פונ גראָדנער גובערניאַלער פארוואלטונג.

פּאָלקאָווניק מאליכינ.

---

## בײַלאגע III.

מיניסטעריום פאר אינערלעכע איניאָנים
גראָדנער גובערנאטער

13־טנ יול, 1897 יאָר.
נומ. 9683
שט. גראָדנע

## דעמ ה׳ מיניסטער פאר אינערלעכע איניאָנים

אלס דערגאנצונג צו דער טעלעגראמע פונ 30 הײַנטיקנ יול האָב איכ די ערע צו באקאנט מאכנ אײַער עקסעלענצ, אז אלע מיטלענ, וועלכע ווערנ ארויסגערופנ דורכ דער פאקטישער לאגע פונ די שטרײַקנ אינ דער שט. ביאַלאָסטאָק, וועלנ דורכ מיר אומאָפּנויגבאר אָנגענומענ ווערנ לויט די אָנווײַזונגענ, וועלכע זײַנענ אויסגעלייגט געוואָרנ אינ פּאָרשלאָג פונ הײַנטיקנ 28-טנ יול מיטנ נומ. 7043. דערבײַ האלט איכ פאר נייטיק צו מיטיילנ, אז צוליב דעמ, וואָס עס באמערקט זיכ צווישנ די ארבעטער פונ שט. ביאַלאָסטאָק אנ אומרויִקייט אונ קעדיי צו וואָרענענ פונ אומרוענ, וועלכע קענענ אנטשטיינ צווישנ זיי אינ דער צײַט, ווענ עס וועט אינ שט. ביאַלאָסטאָק פארברענגענ דער קייסער־אימפּעראטאָר, האָב איכ געבעטנ,—אָנווענדנדיק דעמ 7־טנ פּ. פונ פאראגראפ פונ דער I בײַלאגע צומ ארטיקל 316 (אָנמ.) ב. II, אויסגאבע פונ 1892 י.,—די קאָמאנדירער מיט די מיליטער פונ ווארשעווער אונ ווילנער מי־

ליטערישע אָקרוגן וועגן קאָמאַנדירן אין מײַן רעשוס, אויסער די מיליטערטײלן, וועגן וועלכע איך האָב געבעטן אַפּ צו העלפֿן דער ביאַלאָסטאָקער שטאָטפּאָליציי, צו 2 באַטאַליאָנען פֿון יעדער אָקרוג.

דערווײַל איז נאָך ביז איצטיקן מאָמענט פֿון קאָמאַנדירער מיט די מיליטער פֿון וואַרשעווער מיליטערישן אָקרוג קיין ענטפֿער ניט באַקומען געוואָרן און דער שטאַב־שעף פֿון ווילנער מיליטערישן אָקרוג האָט מיר געגעבן צו וויסן, אַז אין פֿאַל, ווען ס׳וועלן אַנטשטיין אומאָרדענונגען, קאָן איך פֿאָדערן די נייטיקע מיליטער-טײלן פֿון דער 16־טער אינפֿאַנטעריע-דיוויזיע, וועלכע איז אײַנגעקוואַרטירט אין ביאַלאָסטאָק. און ווען זי וועט אוועקגיין אַפּ מאַניעווערס וועלן קענען די אַנטשטייענדיקע אומרוען אָפּגעשטעלט ווערן מיט דער הילף פֿון יענע מיליטער-טײלן, וועלכע זײַנען קאָמאַנדירט פֿון 10 אויגוסט צו הילף דער ביאַלאָסטאָקער שטאָט-פּאָליציי.

האָבנדיק אין זינען, אַז די אומרויִקײַט צווישן די פֿאַבריק־זאַוואָדישע ארבעטער ווערט פֿאַרגרעסערט, און בײַ דער איצטיקער צײַט באַמערקן זיך ווײַטערדיקע טײלווײַזע שטרײַקן, אָנערקען איך פֿאַר נייטיק צו האָבן אין מײַן רעשוס, אויסער די 2 באַטאַליאָנען־אינפֿאַנטעריע און הונדערט קאָזאַקן, וועלכע זײַנען קאָמאַנדירט אין ביאַלאָסטאָק צו הילף דער פּאָליציי, נאָך 4 באַטאַליאָנען אינפֿאַנטעריע אַפּ באַצײַטנס צו באַוואָרענען זיך פֿון די אומרוען, וועלכע קענען אַנטשטיין צווישן די אַרבעטער, ווײַל, ווי עס האָט באַוויזן די דערפֿאַרונג פֿון 1895 יאָר, איז אַפּ אײַנצוהאַלטן אָרדענונג און אַפּ באַזײַטיקן די אייגנווילליקע האַנדלונגען פֿון די שטרײַקנדיקע אַרבײַטער קוים געווען גענוג אײגן אײַנגעקוואַרטירטער גאַנצער פּאָלק אין פֿאַרשיידענע צענטערס פֿון די פֿאַבריק־זאַוואָדישע יישוווים.

צוליב דעם און צוליב דעם פֿאַרשלאָג פֿון 28-טן הײַנטיקן יול מיטן נום. 7034 האָב איך די ערע צו בעטן אײַער עקסעלענץ ניט אָפּזאָגן אין דער אָפּהענגיקער מיטהילף צו קאָמאַנדירן אָן אָפּלייג אין מײַן רעשוס די אויבנדערמאָנטע 4 באַטאַליאָנען אינפֿאַנטעריע אַפּ צו וואָרענען פֿון פֿאַרוויקלונגען, וועלכע קענען אַנטשטיין צווישן די אַרבעטער.

צו דעם האָב איך די ערע צוצוגעבן, אַז אין דער הײַנטיקער דאַטע פֿאָר איך אַרויס צוזאַמען מיטן שעף פֿון דער גובערניאַלער זשאַנדאַרמען-פֿאַרוואַלטונג אין שט. ביאַלאָסטאָק.

ג ו ב ע ר נ א ט ע ר ד. ב א ט י ו ש ק...

# באמערקונג צום באריכט וועגן דער שטרייַק־באוועגונג אין ביאַלאָסטאָק

אין די 60־ער און 70־ער יאָרן, ווען די טעקסטיל־אינדוסטריע האָט זיך גיך אָנגעהויבן אנטוויקלען, האָבן זיך די טעקסטיל־פאבריקאנטן געשטעלט פאר א ציל צו פארגרעסערן זייער פראָדוקציע ניט נאָר דורך פארגרעסערן זייער פאבריק, נאָר אויך דורך דעם, וואָס זיי האָבן גענומען פראקטיקירן, אז די מער קוואליפיצירטע ארבעטער זאָלן ארבעטן בא זיך אינדערהיים אפ זייערע אייגענע וועבשטולן. די דאָזיקע קוואליפיצירטע ארבעטער זייַנען ביסלעכווייַז פארוואנדלט געוואָרן אין קליינע אונטערנעמער. זיי פלעגן ארבעטן אין קליינע וועבערייַען מיט אייניקע פרימיטיווע וועבשטולן און האָבן אייַנגעפירט אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע א סיסטעם פון פארמיטלערייַ צווישן די פאבריקאנטן און ארבעטער, וועלכע איז געווען ענלעך צו די „שוויץ־ווערקשטאטן“ אין דער שנייַדערייַ־אינדוסטריע פון ענגלאנד און אמעריקע. די דאָזיקע פארמיטלער האָט מען א נאָמען געגעבן „לאָנקעטניקעס“. אין די זאמלביכער וועגן דער עקאָנאָמישער לאגע פון די יידן אין רוסלאנד, וואָס די „יעקאָ“ האָט ארויסגעלאָזן, ווערט וועגן די לאָנקעטניקעס דערציילט:

„דאָס איז א באזונדער מין קליין־אונטערנעמער, וועלכער איז א פארמיטלער צווישן פאבריקאנט און דעם ארבעטער. נעמענדיק בא דעם פאבריקאנט שפּינפּעדעם קערט ער אים אום געוואנטלייוונט. פאר דער דאָזיקער ארבעט באקומט ער 9 קאָפּ. פון א בינטל; די וועבער אָבער צאָלט ער אליין נאָר 7 קאָפּ. פון א בינטל. די דיפערענץ פון 2 קאָפּ. אפ א בינטל איז זייַן פארדינסט. א געוויזנער וועבער־לאָנקעטניק ארבעט ניט אליין באם וועבשטול, ער צווינגט ארבעטן אפ זיך אנדערע. די צאָל האנט־וועבשטולן בא די לאָנקעטניקעס איז פון 2 און דערגייט ביז 30. דורכשניטלעך קאָן מען רעכענען 8 וועבשטולן אפ א לאָנקעטניק“.

# וועגן דעם ערשטן שטרייַק פון די קרינקער גארבער

אין פרילינג 1897 איז אין קרינאָק פאָרגעקומען א שטרייַק פון די גארבער. די הויפט-פאָדערונגען, וואָס די ארבעטער האָבן דאָ ארויסגעשטעלט, זייַנען געוועזן א 12־שאָיקער ארבעט־טאָג, סכירעס אלע וואָך און מענטשלעכע ארבעט-באַדינגונגען. דער דאָזיקער שטרייַק איז געווען דער ערשטער אין' קרינאָק. פונקט ווי אין ווילנע אין דער צייַט פון דעם שטרייַק אפ עדעלשטיינס טאבאק־פאבריק, האָבן זיך אויך די קלייקוידעש פון קרינאָק צוזאמען מיט דער פּאָליציי געשטעלט צו דינסט פון די לעדער־פאבריקאנטן און מיט אלע מיטלען געוואָלט, אז די ארבעטער זאָלן דעם שטרייַק פארלירן. אָבער ניט געקוקט אפ די לייַדן, וואָס די ארבעטער האָבן געהאט אויסצושטיין אין דער צייַט פון דעם דאָזיקן מערקווירדיקן קאמף, זייַנען די קרינקער ארבעטער ארויס אלס זיגער.

אין „יידישן ארבעטער" נום. 4־5 איז געווען אָפגעדרוקט א קאָרעספּאָנדענץ וועגן דעם דאָזיקן שטרייַק, אין וועלכער עס איז גענוי באשריבן דער שטרייַק, און אויך וועגן דער עקאָנאָמישער לאגע פון די קרינקער גארבער ערשט דעם שטרייַק. מיר דרוקן איבער וואָרט אין וואָרט דעם דאָזיקן אינטערעסאנטן דאָקומענט. אלס אריינפיר צום דאָקומענט גיבן מיר אייניקע אויסצוגן פון א באשרייַבונג פון אבע לעוו, וועלכער איז געווען אן אָנטיילנעמער פון דעם דאָזיקן שטרייַק. אָט וואָס דער כ' לעוו דערציילט וועגן דער צוגרייטונג פון שטרייַק:

## „דער אָנפאנג פון אן ארבעטער-באוועגונג

צו יענער צייַט, ד. ה. אין די יאָרן 1896—1897 האָט זיך שוין אין קרינאָק געפונען א קעמערל פון באוווסטזיניקע ארבעטער, וועלכע האָבן שטרענג אכטונג געגעבן און האָבן געקליבן די אלע פאקטן, האָבן זיך גוט צוגעהערט צו די שמועסן פון די ארבעטער און האָבן זיך צוגעגרייט צו דער צייַט, ווען דער ווולקאן וועט דארפן אויפרייַסן. אָט די גרופּע אנטוויקלטע כאוויירים האָט געהאט אן ענגע פארבינדונג מיט דער ביאלאָסטאָקער סאָציאַל־דעמאָקראטישער גרופּע, וועלכע האָט שוין אין די לעצטע פּאָר יאָר דורכגעפירט דעם גרויסן וועבער־שטרייַק פון 26 טויזנט* ארבעטער, וואָס האָבן זיך אנטזאָגט צו נעמען די פאבריטשנע ארבעטער-ביכלעך, אייניקע שטרייַקן בא יאנאָווסקינס טאבאק־פאבריק און אין אנדערע פאַכן.

פון ביאלאָסטאָק פלעגט אָנקומען אין קרינאָק ליטעראטור און אויפרופן. פון צייַט צו צייַט פלעגט אויך קומען אן ארגאניזאטער דורכפירן א מאסאָווקע.

אייניקע גארבער האָבן זיך שוין אליין באטייליקט אין שטרייַקן אין ביאלאָסטאָק, ווילנע און סמאָרגאָן. די קרינקער קעמערל האָט ענערגיש אן ארבעט געטאָן צווישן די מאסן און האָט אָנגעהויבן צוצוגרייטן דעם אוילעם. זעלבסטפארשטענדלעך, אז צו יענער צייַט האָט שוין די קעמערל געהאט א קאסע, אין וועלכער עס האָט זיך געקליבן א פאָנד אפ אלע נויטבאדערפענישן.

דער ערשטער מארט, דער יאָרטאָג, אין וועלכן עס איז דורך דער „נאראָדנאיא וואָליא" געהארגעט געוואָרן אלעקסאנדער דער צווייטער, איז אין די ערשטע יאָרן פון דער ארבעטער־באוועגונג געוואָרן א שטענדיקער יאָנטעוו בא אלע קעמערלעך.

אפ דער פארזאמלונג, וואָס די קרינקער ארגאניזאציע האָט אייַנגעאָרדנט צוליב דעם יאָנטעוו, האָט זי אייַנגעלאדן א גאנצן צעטל אויסגעקליבענע כאווירים. א געקומענער רעדנער פון

---

* די צאָל פון די ביאלאָסטאָקער וועבער־שטרייַקער איז אן איבערגעטריבענע און ניט קיין באגרינדעטע. ר ע ד א ק צ י ע.

ביאלאָסטאָק האָט דערקלערט. וואָס איז דאָס בא די ארבעטער פאר א יאָנטעוו. ער האָט אויך געבראכט ליטעראַטור, אופרופּנ און מע האָט זיך פאַנאַנדערגערעדט וועגנ דער אָרטיקער לאגע. מע האָט געשמועסט וועגנ דעמ, אז מע מוז זוכנ מיטלענ, ווי צו אויסקעמפנ א בעסערנ לעבנ. אלע פארזאמלטע האָבנ מיט גרויס אינטערעס באהאנדלט די פראגנ, און האָבנ באשטימט, אז ל ג ווארטנ קענ מענ שוינ ניט. מע מוז היינטיקנ זומער דורכפירנ אנ אלגעמיינעמ שטרייק. דאָס קעמערל האָט א טייל כאוויירימ איינגעטיילט א גאנצע ריי פונקציעס און פול מיט האָפענונג האָט מענ געגעבנ דעמ וואָרט, אז מע זאָל זיך גרייטנ צומ שטרייק. אנ ענלעכע פארזאמלונג האָט מענ אויך דורכגעפירט דעמ ערשטנ מיי, דאָרט האָט מענ געהאלטנ רעדעס, פארשפרייט די פראָקלאמאציעס פונ ביאלאָסטאָקער ארבעטער־קאָמיטעט און אפ דער פארזאמלונג איז שוינ באשטימט געוואָרנ. אז מע מוז גאָר אינגיכנ אָנהייבנ דעמ שטרייק.

צו דעמ צוועק האָט מענ גוט אגיטירט די ברייטע מאסנ יידנ און קריסטנ, זיי אָנגעוויזנ אלע דעראָבערונגענ. וועלכע ארבעטער אינ אנדערע שטעט האָבנ זיך דערוואָרבנ. נאָר דערהויפּט האָט מענ אָנגעוויזנ, אז אזוי ווייטער לעבנ קאָנ מענ שוינ ניט. דער בעכער פונ צאָרנ איז שוינ איבערגעפולט. פאר דער צייט פלעגט מענ זייער אָפט דורכפירנ מאסאָווקעס אינ וואלד, צוגעגרייט דעמ אוילעמ. איינגעטיילט די ארבעט לויט ראיאָנענ, פאבריקנ. עס איז אויך באשטימט געוואָרנ: איידער מע וועט צוטרעטנ צומ שטרייק, מוז מענ פריִער ארייַנפירנ אינ די ק.מפ-רייענ א געזונטע „באיוווקע״ פונ יאטנ, וועלכע האָבנ שוינ אינ קרינאָק געהאט א נאָמענ, ראָס הייסט, א צונעמעניש, ו אָס אזא צונעמעניש האָט זייער פיל געזאָגט, און אזעלכע יאטנ מיט צונעמענישנ האָט איר געהאט אינ קרינאָק גאנצ היפּש. אינ קרינאָק האָט איר געטראָפנ איינ ברודער, וואָס מע האָט אימ גערופנ כאיִמ גאנדז, דעמ צווייטנ יאנקל קאטשקע, דעמ דריטנ דאָוויד ענדיק; האָט איר א מישפּאָכע לאנצעס: ייסראָעל לאנצע, ניאָמקע לאנצע, שימענ לאנצע און דעמ עלטערנ ברודער יוינע גלאָנצ. נאָכדעמ גייענ פאמיליעס: קאצעמאכעס, די קרעציקע, א מייסטער דאָוויד גנידע. פונ די אלע פאמיליעס האָט געהאט א באזונדער שעמ די פאמיליע פארצעס: אוורעמעלע פארצע, ייִסראָעל פארצע, שמועל פארצע... דער הויפּט־העלד איז געווענ אוורעמל פארצע. דאָס איז געווענ א יונג מיטביינער. הויכ און ברייט, גוט געפּאקעוועט. איכ געדענק, אז ווענ ער האָט מיר דערלאנגט דעמ ערשטנ שאָלעמאלייכעמ, איז מייַנ יונג העלטל געבליבנ בא אימ אינ לאפּע.

פונ אָט די דאָזיקע געזונטע יאטנ איז באשטאנענ די „באיוווקע״. ו ערצו זייַנענ טאקע אלע אָנפירער אליינ אויך געווענ ניט קיינ שרעקעדיקע יאטנ, לעמאָשל. ביירעכקע דעמ בעדערס, מייער פּיעסקער, די ברידער כאיִמ און יאנקל מויריינע א. אז. וו. ווענ דער שטרייק־קאָמיטעט האָט שוינ געפילט, אז די אגיטאציע האָט אריינגעדרונגענ טיפ צווישנ די ארבעטער, האָט מענ אָנגעהויבנ דורכצופירנ אָפטערע פארזאמלונגענ אינ וואלד און אגיטירנ, פארפעסטיקנ אלצ מערער די לאגע. מיט מער אָרגאניזירטע קויכעס אָנהייבנ דעמ שטרייק. שוועס־צייט איז שוינ פאָרגעקומענ א מאסנפארזאמלונג אינ וואלד. צו דער פארזאמלונג זייַנענ די ארבעטער געגאנגענ זייער קאָנספּיראטיוו. דער אלטער וואלד האָט די ארבעטער צוגענומענ, ווי גוטע געסט. ער האָט זיי געלאָזט פילנ דעמ געשמאק פונ די פרישע סאָסנעס, די ווינטנ האָבנ צעטראָגנ די בסורע איבער דער וועלט, אז דאָס ארבעטער-פאָלק וויל זיך באפרייַענ. דער אייביקער קנעכט וויל צערייסנ די קייטנ פונ קנעכטשאפט. די הויפּט־פראגע, וואָס איז דאנ געווענ, איז מיטלענ, טאָמער וועט אויסקומענ לאנג צו שטרייַקנ. דער קאָמיטעט באטראַכט דעמ אוילעמ: מיטלענ וועלנ זיך געפינענ. די שלאָג־פאָדערונגענ זייַנענ: א 12-שאָיִקער ארבעט־טאָג, געלט אלע וואָכ, מענטשלעכע באריינגונגענ א. אז. וו. א. אז. וו.״

(„שטערנ״ נומ. 2, 1925).

# [דער קאמפ פונ די קרינקער גארבער]

ק[רינאַק] איז איינע פון דיא ליטווישע [גארבער-]שטעדטליך. אין איהר געפינט זיך איין פון 6 ביז 7 הונדערט מאן ארבייטער גארבאיעס. מיט א יאָהר 9,8 צו־ריק האָט זיך דאָ אַנגיהייבען איין פירען לעדער פאבריקאציאָן. און אזייא וויא דיא קליין שטעטלעכע פערדינסטען האָט זיך אָנגיהייבען צו פערקלענערען ד. ה. דיא קרעמלאך, דיא שיינקען, אויך דיא עקספלואטאציע פון דיא פויע־רעמלעך איז שוין אויך ניט אזייא וויא אמאָהל, עפעס זיינען געוואָרען דיא פויערימלעך קליגער. פון דיא דערפער האָט מען גענוממען ארויס טרייבין. [כוצדעם, זײַנעג די פויערים] שיין אויך גיוואָרין געגוג אָרעם אז עס איז שיין ניט געווען וואָס צו עקספלואטירען. אזייא איז דאָ געווען א גוטער אָרט צו כאפען פיס [פיש] אין דיא מוטנע וואססער, דיא מענשעלעך וואָס פלעגען ארום גיין אין דיא גאססען מיט דיא בלייכע געזיכטער, מיט דיא לאנגע קאפאָטעס און קלערין וואו מען פערדיענט א גראָשין, אפשר וועט גאָט טאָהן א נס צו שי־קען פון וואנעט א גראָשין פערדינסט. אָט דאָ האָט [האָבן] זיך איין געפונען אזיינע גוט הערציגע בעל טובות וועלכע האָבען געמאכט דיא פאבריקען נור פון דיא ארבייטערס וועגין. דיא זעלבע ליידיג גייער האָבען אויף גיהערט צו פארלאָזין זיך אויף ניסים און זייען געוואָרען פלייסיגע ארבייטער און יעטצט זייען פארנוממען בייא דיא ארבייט פון 6 ביז 7 הונדערט מאן. אין אָנפאנג פלעגין זייא פארדינען 6 רובל וועכליכע, מיט דער צייט האָט זיך אָנגעהייבען די קאָנקורענציע צווישען דיא בע״ב און זיי האָבען אָנגעהייבען זוכען דעם שפאָר און ארויס ווארפין ביסלעכווייס פון זיך דעם קלאָפאָט, עס האָט זיך איין געפירט מייסטערעס [דורכ] וועלכע דיא גאנצע פראָיזוואָדסטווא האָט זיך געפירט. זייא ד. ה. זייא (דיא מייסטערעס) פלעגין ארויסנעמען די ארבייט פון דיא בע״ב און זיי פלעגין צאָהלען דיא ארבייט פון זיך. [די] עקספלואטאציא האָט זיך גענוממען פארגרעסערין און דער ארבייטסטאָג אויך פערגרעסערין. דיא פאָ־מעסצעניעס איז זעהר קליין און נידריג, קיינע ווענטיליאציעס האָט מען גאָר ניט געוואוסט וואָס דאָס איז אזיינע. אלזאָ טרעפט אָפט דאָס פון איינגישאפט פאלט אָפט ארײן אן ארבייטער אין א״[טשאנ פונ וואפנע] * זאָ דאָס מען נעמט אים ארויס קאום א לעבענדיגען. אויך פאָדערט זיך פאָ זאקאָנו דאָס מען זאָהל זייא געבין גומענע הענצקעס צו איינינע ארבייט אום זייא זאָלען זיך ניט זאראזען. נור וויא שמייעט מען דאָס צו פאָדערין? און דיא ארבייטער דער־וויל פלעגין זיך אָפט אוועג שטארבין פון א „שקארבונקע״.** אין דעם פער־

* אינ „יידישנ ארבעטער״ איז אָפגעדרוקט: „אינ א צאה פון וואהנע״. ר ע ד.

** סיבירער יאזווע. ר ע ד.

גאנגעגען ווינטער [96–97] זיינען געשטאָרבין פון דיעזער זאראזע פון 12, 15 מענשין. ווענן א געשטאָרבענעמס א פרוי איז געגאנגען בעטין א צעטיל בייא דעם דאָקטאָר אום זיא זאָל קענען [מאַנען] פיל ווינציג פון פאבריקאנט, האָט איהר דער דאָקטאָר ארויסגעטריעבען (דער דאָקטאָר בייא יעדעס שמערצנעם סלוצא זאָגט אז דאָז איז ניט קיין שקארבונקע ווייל ער נעמט חאבאר פון דיא פאבריקאנטען, ער וויל גאָר כמעט ניט גיין קורירען זייא. דער פריסטאוו פון שטעטיל לויט וויא מען זאָגט נעמט 12 רובל א וואָך און דער איספראווניק נעמט 8 הונדערט רובל א יאָהר). דיא פאבריקאנטען וויסענדיג אז זיי זייען פארזיכערט פון אללע זייטען, פירען זייא דיא עקספלואטאציא אויף וויפיל נור איינער איז איזאָברעטאטעלנע [דערפינדעריש] ניט שטערענדיג זיך פאר קיין זאך. אָט האָבען זייא איינגעפיהרט דאָס ווינטער זאָל מען קיין האָלץ ניט געבין, [ביין] דיא נאססע ארבייטער. דיא הענד ווערט זייא צוגעפראָרען צו דיא אייזענס, און ווען איינער א קריסטליכער ארבייטער האָט געבעטין דאָס מען זאָהל געבין האָלץ אויף איבער צו הייצען ווייל מען קען ניט אויס ארבייטען אין דער קעלט אביט וויפיל מען פאָרדעט — האָט מען אים גוט אָנגעהערט [אָנגעהארגעט] און ארויסגעטריבין, דער פאר אָבער איז בייא דיא טרוקענע ארבייטער צו הייס, דאָרטין אז דיא ארבייט זאָל זיך טריקענען הייצט מען גאָר אָן א שיר וואָס לויט נאָך דעם זאקאָן דארף דיא סושנעס [טריקן-קאמערן] זיין בעזונדער. מען ארבייט אין איינע העמדער, דיא שווייס גישט זיך אָן איין אויף הער, דיא קאָפּף טומעלט זיך, אין דיא שלייפען קוועצט, דיא גאנצע בלוט איז פערפעסטעט פון היץ און פון אוגאר, דיא טראָן פון דיא לעדער רינט אפען קאָפּף, קוים וואָס מען קומט אהיים 9, 10 אוהר. עס איז ניט דאָ קיין כוח צום עסין, אפילע דיא לעפיל פאלט ארויס פון דיא הענד און מען פאלט שלאָפען. מען אוספּיעט ניט אויס צו רוהען דיאביינער, 5 אוהר דארף מען שיין גיין צו דער ארבייט אין פאבריק, דער וואָזדוך איז פערפעסטעט און דיא היץ אונערטרעגליך.

געלד פלעגט מען זייא געבין איין מאָהל אָדער 2 מאָהל דורך דען זמן. דער גאנצער לעבין פלעגט אוועק גיין אין איין באָרג און דאָס וואו דער פאבריקאנט האָט אָנגעוויזין. אלזאָ פלעגט ארויסקומען דאָס ווען דער ארבייטער איז זיך שיין גענוג אָנגעגאנגען באָרוועס פלעגט ער קוים אָנבעטין זיך דער מייסטער זאָהל איהם אָנווייזען א שוסטער וואו ער זאָהל זיך נייען א פּאָר שטיוועל, דיא שטראָפען איז געווען א געוויינליכער שלוציי [צופאל], זאָ דאָס ווען עס האָט זיך צו בראָכען א געצייג אָדער פארגיסען א ביסיל טראָן, אָדער קעראָסין פלעגט מען פארשרייבין א רובל שטראָף. זייא פלעגין זיך בעטין — שטייך דיא געצייג קען דאָך אייביג ניט נוטצען, אָדער איך וועל אָב געבין 5 מאָהל אזיי פיל קעראָסין און ווען א ארבייטער האָט געשמייעט [געוואגט] צו ריידין א וואָרט אָדער בעטין צו שטראָפע[נ] דאָס וואָס אים קומט פלעגט מען אים אויס פאטצין און ארויט טרייבין און אָנזאָגען דאָס מען זאָהל אים אין ערגעץ קיין קאָנטע געבין. און אויף א רעכנונג ווארט ביזין סוף הזמן און צו דער ארבייט פלעגט אים קיינער ניט נעמען סיידען ווען ער האָט געהאט א צעטיל פון זיין פריערדיגען בע״ב ביז דער ארבייטער פלעגט זיך קאם איינבעטין ביין פריערדיגען פאבריקאנט.

פון דיא פאבריקאציאָן האָט זיך אָב געטיילט איין אָטראשל [צווייַג] וואלקארעס, דיא מייסטערס פון דיזען אָטראשל זיין[ען] גיוועזן ארויסגעשפרונגענע ארבייטער

דיא וועלכע האָבען געטייגט צום עקספּלואַטירען. דאוקא יונגען. זייא האָבען איינגעפירט ציעל-ארבייט, דאָ פלעגט מען ארבייטען דורך טאָג און דורך נאכט. פרייטאָג פלעגט מען זייא ארויס געבין [דעמן] זעלבין ציעל וואָס אללע טאָג: זייא פלעגין ארבייטין ביז שפעט פארנאכט און ווען זייא פלעגין זיך געהן ארום וואסטען פלעגט קוממען דער רב טרייבען פון מרחק און ווען זייא פלעגין קוממען אין קלויז פלעגט פארחאפען דער אָטעם פין דעם גערוך פון [אָלים]. אלזאָ האָט דער רב אויסגערופען אין בית המדרש דאָס דיא אר-בייטער זאָהלען פרייטאָג ארבייטען פון 2 אין דער פריה ביז 3 בייא טאָג כדי זייא זאָהלען אויספירען דעם ציעל ארבייט און ניט מחלל שבת זיין, אויך פלעגט מען ארבייטען שבת צו נאכט אום צו דער קאָנצענען דעם ציעל אר־בייט. אויך פלעגין זייא (דיא מייסטערעס) זיך ניט שעמען אָפט צו בענוצען דעם קלאפּ: איינער א געוויססער מייסטער ווען עס האָט זיך גערדאכט אז דיא ארבייט איז ארויס ניט אזייא וויא ער האָט גיוואָלט פלעגט ער דערלאנגען מיטין „בלאָק” אין קאָפּף. ער האָט אמאָהל דערלאנגט א ארבייטער א קלאפּ דיא קאָפּף אָן וואנד. דאָרטען האָט זיך איין גיפונען א צוועק, ער איז געבליע־בין צו גישלאָגין צום וואנד. דער רב פארנעמט דאָ ניט קיין קליינעם אָרט: אללע אָב מאכען פון דיא פאבריקאנטין מיט דיא ארבייטער גייט דורך דעם רב. ווען דער איינער האָט זיך גיוואָלט קלאָגין אויף דיעזען מייסטער האָט דער רב אָב גימאכט ער זאָהל געבין 3 רובל אויף דעם בית המדרש. וועגין קורי-רען איהם האָט ער גאָר ניט דערמאָנט. דיא פּאָלאָזעניע [לאגע] פון דיא קרינקער ארבייטער איז אונערטרעגליך (ווען דיא אייבין דערמאָנטע ווייביל איז גע־קוממען קלאָגען זיך צום רב אז דער פאבריקאנט זאָהל איהר וואָס געבין ווייל דער מאנן איהרער האָט זיך דאָך זאראזעט בייא איהם אין פאבריק, דאן האָט דער רב געענטפערט! ווען עס פאלט א פערד בייא א [באלעגאָלע]* לייגען זיך אויף דיא איבעריגע [באלעגאָלעס] און העלפין אים אויס. דאָס גלייכין דארפען טאָהן דיא גארבארעס. און דיא פאבריקאנטען האָבין יעדען ארבייטער אויף געשריעבען צו 50 קאָפּ. צו רובל פאר דיא אונגליקליכע ווייביל).

קיין געלד האָבען זייא שיין ניט גיהאט אָנגיזעהן פון וויפיל צייט און אויף דיא קוואטירן האָט מען זייא אויפגיהערט צו געבין עסין. די חובות איז גיוואָרין איבערין קאָפּף. דאן איז גיוואָרין א שטאצקע. דיא בע״ב האָבין גלייך ארײן געשיקט דעמ אוראדניק. עס איז געקוממען דער פריסטאוו און ער האָט גיהייסין גיין צום רב: דער רב האָט אָב גימאכט דאָס מען זאָהל זייא אוועק געבין דיא געלד וואָס זייא קומט: אייניקע ניט היזיגע ארבייטער האָט מען ארויס געשיקט ווען זיי זיי[נ]ען געקומען אין א קורצע צייט ארום קריגין ארבייט. בייא איין 2־טען פאבריקאנט האָט מען זייא ניט גילאָזין און עס איז זיך אוועק פאם שטארא [פּאָ סטאראָמו?]. אין א פערלויף פון א קורצע צייט, דאָס איז גיוועזן אין 97 יאָהר זוממער צייט האָט זיך אָנגיהייבין צו הערין דיא אוספעכין [דערפאָלגן] פון דיא ארומיגע שטעט און שטעטליך וויא דיא ארבייטער האָבען זיך איינגעריכטעט איין 12 שעהדיגען ארבייטסטאָג. וויא שטארק בייא זייא איז דיא אָרגאניזא-

---

* אינ „ייִדישנ ארבעטער” איז אָפּגעדרוקט מיט אזא גריַיז: ווענ עס פאלט א פערד בא א בארג לייגנ זיכ אויפ די איבעריקע בערג... פארגרייַזט פונ העברייִשנ וואָרט בעה״ג. ר ע ד.

ציאָן און אויף וויפיל זייא האָבען זיך אויסגיבעססערט דורך דעם פירען א
שטרײַט ענערגיש. אויך דורך דיא ווליאניע [ווירקונג] פון דיא קליגערע ארבייטער
האָט זיך אָנגיהייבען צו פילען דאָס דאָ קען אויך אזייא ניט פארבלייבען און אז
עס מוז פאָרקומען א פערעמענע [ענדערונג]. אללע האָבין דאָס פאָרגיזעהן,סיי די אר-
בעטער, סייא דיא פאבריקאנטען, דיא ארבייטער האָבען זיך גענומען צוזאמענ-
קלייבען היגטערן שטאָדט. דאָרטין פלעגין זייא זיך ארום ריידען זייער לאגע
אויך דיא מיטלען מיט וועלכע מען קען זיך אויסבעססערן. און מען פלעגט
אָב רייידין אויך א 2־טען מאָהל. בייא יעדער טאָג פלעגט ווערין די צאָהל
פערגרעססערט. דיא מייסטערעס און די פאבריקאַנטען דער הערענדיג דאָס דיא
ארבייטער מאכען אחדות און פערפערטיגען זיך צו א שטרייט האָבין אויך
געמאכט איין אסיפה און זיי האָבען גירעשאיעט [באשלאָסנ] דאָס מען זאָהל גוט אויס-
הרגנען דיא בונטאָווסציקעס און אנטזאגען זייא פון דער ארבייט. זיי האָבען
גינומען שלאָגען דיא שוואכערע ארבייטער אום זיי זאָלין אויס זאָגין וואָס
דאָרטין ווערט גירעשאיעט און וואו זיי אסאָביראיען [פארזאמלענ] זיך. ווען איינער א
ארבייטער האָט פרייטאָג ניט גימאכט אזייא פיעל ארבייט פיעל אללע מאָהל
האָט אים דער מייסטער דערלאנגעט א פאטץ און ענטזאָגט פון דער ארבעט.
דער פאבריקאַנט וועלכער איז גישטאנען רער בייא האָט גיזאָגט: אז דאָס איז
נאָך ווינציג. שבת צו נאכט האָבען דיא מייסטערעס ווידער גימאכט איין
אסיפה און זייא האָבין גירעשאיעט, דאָס אייבע איינער וועט וועמען ענטזאגען
און דיא גאנצע פאבריק וועט זיך שטעלין צוליב דעם איינעם זאָלין דיא איב־
ריגע מייסטערעס שיקען אהין ארבייטער ,ווייל דאָס איז בייא [זיי] אין דער מאָדע
דאָס מען ענטלייט אייגעם ביין 2־טען ארבייטער אויף א טאָג און אויף 2 טעג
אויך אויף א האלבען טאָג. זונטיג ווען א מייסטער נעמט שיקען זיינעם א
ארבייטער ער זאָהל גיין ארבייטין אויף יענעמס אָרט האָט ער גיענטפערט: ווען איהר
וועט מיר בריינגען א צעטיל פון יענעם ארבייטער אז ער פאזוואָלעט [דערלויבט]
מיר צו גיין ארבייטען דאן וועל איך גיין—זא האָט מען אים גלייך ענטזאגט.
פיר אים האָט זיך ווייטער גישטעלט זיין פאבריק. אלזאָ האָבען דיא ארבייטער
גימאכט א סאָבראניע פון אָווענד. אויף דער סאָבראניע האָט זיך צוזאממענ-
געקליבין ביז א מאן 300. מען האָט זיך ארום גירעדט דאָס יעצט איז א שטאצ־
קעס גאנג נייטיק, ווייל 2 פאבריקען פון דיא ענטזאגטע ארבייטער שטייהען
שיין ממלא, וויא מען דארף איהר פיהרען און וויא יעדער זאָל זיך האלטין.
אויך האָבען זייא שיין ארויס גיזעהן פון עטליכע קליינע שטאצקעס וואָס עס
איז גיוועזן פאר דעם אום מען זאָהל זייא איין צאָהלען דיא געלט וויא זייא
האָבען אויס גיפירט דורך אחדות און עס איז גיוואָרען גירעשאיעט אויף איין
אלגעמיינע שטאצקע פון אללע טרוקענע ארבייטער. דיא פאגאָדא איז גיוועזן
ניט קיין שיינע, עס האָט אָנגיהייבין צו גיין א רעגין און זיי זיינען אללע
גישטאנען אין רעגין העכער 2 שעה. מען האָט זיך גישוואָרען בייא א פאָר
תפילין יעדער דאָס מען זאָהל שטיין שטייף און היטין אללעס וואָס מען האָט
אָב גימאכט און מען האָט גיזונגען די „שבועה“.* איינינע האָבין זיך אוועק גי־
לייגט אויף דער ערד און האָבין גיוויינט פאר פריידע אָדער פאר צער, דאָס
ווייס איך ניט: עפּעס איז ניט קיין גרינגע זאך פיר אזיינע אונטערדריקטע

* די „שבועה“ ווערט געבראכט אלס בײַלאגע צו דעם דאָזיקנ באריכט. רעד.

א שטאצקע ד. ה. אויף הונגער אין ליידן צרות. אָדער ווייל זייא האָבען שיין עפּעס געשפּירט א קראפּט און האָבען ארויס גיזעהן א פּאר־גרינגערונג. מאָנטאָג פריה האָט דיא סטאצקע אָנגיהייבין, דינסטאָג איז גלייך גיקוממען דער אינספּעקטאָר, ווייל דיא פאבריקאנטען האָבען אים אהער גיבראכט און מען האָט גינוממען חאפּין די ארבייטער פון גאס. דיא ארבייטער האָבין גינוממען דיא קליינע אינגלעך אויף דיא הענד דיא שווארצע 8־9 יאָהריגע און האָבין גינוממען גיין צום אינשפּעקטאָר. דער פּריסטאוו דער זעהענדיג פון דער ווייטין האָט זייא ארעסטירט גלייך, ניט צו לאָזענדיג זייא צום אינשפּעקטאָר. דער איספּראווניק האָט אויף גיטראָפען אויפין וועג א סאָבראניע איז ער גיקוממען אין שטעטיל און האָט גיהייסן דעם פּריסטאוו פאָרין זיי צו נעמען. דער פּריסטאוו איז אוועק גיפאָרען אין וואלד און האָט גינומען שרייען: די עטליכע מענשין וואָס ער האָט גיפונען אין וואלד האָט ער געפירט ביזין שטאָדט. אין שטאָדט זיי[נ]ען זיי ניט געוואָרין, דאן האָט מען געגומען חאפּין מענשין פון גאס. דיא טורמעצקע איז געוואָרין פול מיט מענשין. אין א פּאָר שעה ארום איז געקומען דער איספּראווניק אין האָט זייא גיהייסין ארויס גיין, דיא ארבייטער זיינען ניט גיגאנגען דאן איז גיקוממען דער פּריסטאוו אליין און האָט זייא גיהייסין ארויס גיין, „פיר וואָס האָט מען אונז ארעסטירט?״—וואר זייער פראגע—דאן האָט דער פּריסטאוו ארויס גינומען דיא סאבלע און האָט זיך גיבעטין אז זייא זאָהלען ארויס גיין, ווען ניט וועט ער זייא פאנאנדער טרייבען. זייא זיינען זיך אללע פאנאנדער געגאנגען. דער איספּראווניק און דער אינשפּעקטאָר זיינען זיך פאנאנדער גיפאָהרען און דיא סטאצקע האָט זיך פּראָדאָלזאיעט [פאָרגעזעצט]. דער רב האָט זייא אויף גיגעבען אזא פלאן: ווען דיא פּויערים זאָלין אללע מאכען אחדות ניט צו פארקויפען קיין קאָרין און אלע פּראָדוקטען דאן קען דיא וועלט חרוב ווערין. אלזאָ איז זייער אחדות אויך זייער א אַזאַכבע [געפערלעכע] זאך און מען דארף אייניגע ארעסטירען. פרייטאָג פאר נאכט האָבען זיך אוועק גישטעלט 2 פאבריקאנטסקע זין און ווען זייא האָבען נאָר' אָנגעוויזען האָט מען גלייך ארעסטירט און מען האָט זייא אוועק געשיקט צום איספּראווניק. אויפין וועג האָבין זייא זיך מישב גיווען אז אייב דער רב זאָגט אז מען זאָהל אונז ארעסטירען מעגין מיר פאָהרען אום שבת, אונטער דער וועגענס האָבען זייא געבעטין דעם פּויער וואָס האָט זייא גיפירט דאָס ער זאָהל זיך אומקערין אהיים ווייל זייא פּאסט ניט ארײַן צו פאָהרען אין שטעטיל אום שבת און זייא האָבין בייא אים צו גענומען דעם פּאקעט. קומענדיג צום איספּראווניק האָט ער זייא ניט גיוואָלט צו נעמען. ער האָט זייא גיהייסין גיין צוריק אין שטעטיל און פון דאָרטען זאָהל מען זייא ברינגגין מיט דעם עטאפּ. דאן האָבין זייא גיוואָלט צורייסין דעם פּאקעט פיר אים אין די אייגען. דאן האָט ער זייא ארעסטירט און זייא זיינען אָבגיזעסין 8 טאָג און מען האָט זייא צו שיקט „נא ראָדינו״ [אהיימ]. 3 ארבייטער זיינען אוועק געפאָהרען אין א דער בייאיגע שטעטיל בעטין שטיצע פון יענע ארבייטער. דיא פאבריקאנטען האָבין זיך דערפון דערוואוסט און האָבין גיגעבין צו וויססן יענע בע״ב אז בייא זייא גיפינט זיך איין בונטאָווסציקעס און ווען זייא האָבען געגומען גיין איבער די פאבריקען האָט מען זייא גלייך ארעסטירט. פירענדיק זייא האָט אייגער צו הרגט דעם זאנדאר און איז ענטלאָפען. דיא 2 האָט מען גיהאלטען 5 וואָכען און מען האָט פון זייא גיפאָדערט ווער דער 3־טער איז. זייא האָבין געזאָגט, אז זייא ווייסין ניט.

מען האָט זייא געמוצעט און ארום געשיקט ביז מען האָט זייא אויך אָבגעשיקט נא ראָדינו, דערווײלע [איז די נויט געוואָרן] שטארקער. דיא עלטערן האָבען ארויס געטריבען דיא קינדער פון דיא הייזער, דיא בעווייבטע מענשין האָבין ניט געהאט פון וואנען צו לעבין. דיא געלד וואָס מען האָט זייא צו געשיקט פון אנדערע שטערט איז אויך געוועזן קנאפ פיר אללעמען. דאן זיינען זייא אוועק זו־כען ארבייט אויף דיא פעלדער בייא דיא פאָמעסציקעס [גוטבאזיצער] גראבען [שארן הייא, בינדען קאָרין פאר 20—25 קאָפּ. א טאָג. דיא ארבייט איז פיר זייא ניט קיין גיוועגליכע. שלעפין דיא הייא אין דער הייך, קייקלען זיך אויף דער ערד. זייא פלעגין קומען אהיים מיט צושטאָכענע צובלוטיגטע הענד פון דיא קראָפּעווע, דאָך פלעגין זייא גיין דורכין שטעטיל מיט גיזאנג פארבייא דיא פאבריקאנטין „איהר זעהט, מיר קענען אָהן אייך אויך אויס קומען”. דיא פאבריקאנטין האָבען אָן גיבעטין דיא פאָמעסציקעס אז מען זאָל זייא קיין ארבייט ניט געבין, נאָר דיא פאָמעסציקעס האָבען זייא ניט גיהערט, אלזאָ האָבען זייא געשיקט פאָליציע זייא פאנאנדער טרייבען. אייניגע האָבען פארזעצט משכנות נור ניט אונטער צו געבין זיך. דיא עלטערן פון דיא ארבייטער קינדער* וועלכע האָבען גיהאט שטע־לעס בייא דיא פאבריקאנטען אָדער קהלשה ד. ה. אופראוולױאושצעס, [פארוואל־טער], שוחטים, מלמדים פונ תלמוד תורה, דער שוהל קלאפער, האָט מען זיי אללעמען ענטזאגט, ווייל זייערע קינדער האָבען ניט גיוואָלט גיין צו דער ארבייט, אויך האָט מען דעם קאָמיטעט פאנאנדער גילאָזין (דער קאָמיטעט בעשטעהט אין דעם דאָס ווען איין אָרעמאן גייט דורך דורכין שטעטיל זאָהל ער ניט גיין אין דיא הייזער, נור מען גיט איהם 25 קאָפּ. און געה ווייטער. דעם שרייבער פון קאָ־מיטעט האָט מען ענטזאגט ווייל זיינע זין זיינען גארבארעס). נור עס האָט אלץ ניט געהאָלפען. די בע"ב זעהענדיג, אז די ארעסטין הילפט אויך ניט, נור עס צורייצט זייא נאָך מעהר, האָבין זייא זיך מישב גיוועזן און האָבין איינעם ארעס־טירט פלוצלינג. מען האָט איהם אוועק געשיקט מיט 4 אוריאדניקעס ווען מען האָט אים געבראכט צום איספראווניק, האָט ער אים געפרעגט פאר וואָס ער בונטעוועט און האָט אים גילערינט דאָס ער זאָהל זיך אָרענטליך אויף פיהרען. „אזייא וויא איך האָב זיך אויף געפיהרט אזייא וועל איך זיך אויף פיהרען און בונטעווען, בונטעווע איך ניט” האָט ער אים גיענטפערט און מען האָט אים בעפרייט.

דער רב אונטערדעסין האָט אויך ניט גישלאָפען. ער פלעגט שיקען רופען דיא ארבייטער און איין [ריידן] זייא אז זייא זאָהלען גיין צו דער ארבייט. איהר מאכט דאָך אומגליקליך דיא שטעטיל. זעהט, וויא דיא שטעטיל האָט אויס

---

* אינ דער גארבערײַ-אינדוסטריע פונ קרינאָק אונ אנדערע שטעט האָט מענ מוירעריק עקספלוא־טירט יונגע קינדער. וועגנ דער לאגע פונ די קינדער אינ די קרינקער גארבאניעס דערציילט דער ׳ אבע לעוו:

„גאָר געפערלעכ איז געווענ די לאגע פונ די קליינוווארג, ייַנגלעכ פונ 12 ביז 16 יאָר גאנצע טאלמעטוירעס פלעגנ אָנקומענ אפ די פאבריקנ, פארפינצטערטע, אויסגעשמירטע, שוואר־ע ווי קויל, פלעגנ ארבעטנ צו 18 שאָ אינ מעסלעס, פאר 50 קאָפּ ביז א רובל א וואָכ. ראָנער־שטיק פלעגט מענ ארבעטנ א גאנצע נאכט אונ שאבעס נאָכ האוודאָלע ווײַטער צו דער ארבעט אפ 5—6 שאָ. געלט פלעגט מענ קריגנ אויסגעצאָלט 2—3 מאָל אינ זמאנ, אלע נייטיקע פראָדוקטנ פלעגנ די ארבעטער נעמענ אינ די קראָמענ, וועלכע די פאבריקאנטנ פלעגנ אָנווײַזנ. דאָס זעלבע איז אויכ געווענ מיט שוסטער אונ שנײַדער, בא וועלכע דער פאבריקאנט פלעגט הייסנ נייענ שיכ אָדער א מאלבוש. געוויינטלעכ האָבנ אויכ עקזיסטירט שטראָפנ. פארנ יעדער קלייניקייט פלעגט מענ באשטראָפט ווערנ מיט געלט, אָדער מיט עטלעכע גוטע פעטש...״

געזועהען מיט א יאָהר 9—8 צוריק, יעטצט איז זיא גאַטט צו דאנקען שטאפער,
האָט דער רב צו זייא געזאָגט און אף זיינע ווערטער האָט זיך אָב גירופען דער
זעלבער ארבייטער וועלכער איז גיוועזן ארעסטירט. „רבי״, וואָס האָט איהר
דאָ היינט אונז צו מאכען. זאָגט מיר פריער ווער איז גירעכט!? אין וואָס קען
דאָ ביי שטיין אונזער סוד נאָך?—איהר זייט גירעכט אפילע, אָבער וואָס עפעס
אללע מיט א מאָהל?—וואר זיין פראגע, וואָס הייסט צו דען אז מיר איז שלעכט,
טאָהר איך דעם 2טען ניט זאָגען אז איהם איז אויך שלעכט!? וואָס זייט איהר,
א אינשפעקטאָר אָדער א זשאנדארמסקער אז פאר אייך זאָהל איך אויך דארפין זאָ-
גין דעם וואָרט „איך״ ניט „מיר״. טו פאר וואָס עפעס אין מיטין זמן? וואר
זיין פראגע. אויך האָט ער זיך ניט גישעמט צו פרעגין: וואו שטעהט דאָס
געשריעבען אז איין ארבייטער מוז פארדינען 6 רובל א וואָך. א מאָהל פלעגט
איין ארבייטער פארדינען 2 רובל א וואָך? איז איהם אויך גענוג גיוועזן,—ר׳
חנינא בן דוסא איז גיוועזן א צדיק וואָס דיא גאנצע וועלט איז געשטאנען צו־
ליב זיין זכות און ער אליין האָט גילעבט מיט א טאָפ באָקסאר א טאָג. דאן
האָט איהם איין ארבייטער גיענטפערט: וואָס איז די מעשה וואָס א מאָהל
פלעגט ביי אונז נעמען א רב 60 קאָפ. מיט $^{1}/_{16}$ בולבעס. וואו שטעהט דאָס
אז יעטצט דארף ער נעמען 30 רובל א וואָך און ליגען מיטין גרייסין בויך
אויס גיצייגין אויפין סאָפע. דעם רב׳ס זון (אויך א פאבריקאנט) האָט זייא
גיענטפערט: עס איז ניט גוט מיט אייך: איהר ווילט מאכען אזייא וויא דיא
כתה פון אויסלאנד, דאָרטין האָבין זייא זיך אויך מישב גיוועזן אז זייא ווילען
ארבייטין נור 12 שעה, און דער נאָך האָבען זייא אָן גיהייבין צו
פאָדערין א 8 שעהדיגען ארבייטסטאָג. א מאָהל האָבין זייא געזאָגט,
אז זייא דארפען גאָר א פרייע לאנד און זייא האָבען אראָב גיוואָר־
פען דעם קיזר און געמאכט א רעפובליק. דיא סטרא אחרא איז שיין
צו ווייט פארקראָכין. דאָרטין איז אמאָהל אויך גיוועזן קליינע פאבריקאנטען—
יעטצט האָבין זייא דיא קליינע פאבריקאנטען אויס גיראַט און דאָרטין איז
נור גרייסע, אלזאָ זייט איהר ניט קיין בלוט זייגער?! ממלא... און דאָס גליי-
כען. זיי זיינען אידין גבירים זייא וועט גאָט העלפין אָבער דיא איבריגע! איך
ווייס דאָס א פאבריקאנט האָט גלייך גיקענט מאכען פראָטעסט און אויף
א 2-טען איז אויך אָן גילאָפען 2 וועקסעלעך אז ער האָט באלד דיא פאָפ-
לעקסע בעקוממען פון קלעמענעס, זייט איהר ניט קיין גזלנים [?] אי ברידער,
איהר זייט שיין ניט ווייט פון די טהירען פון גהנום — מיר זיינען ניט ווייט
פון דיא טהירען פון גן־עדן התחתון — האָבין זייא זיך גיטראכט בייא זיך —
דער נאָך האָט דער רב גיזאָגט צו דעם ארבייטער: זאָהל מען מיר שיקען
א 2־טען. מיט דיר קען איך ניט ריידען. — פיר אייך לייען איך ניט. איהר
דארפט האָבין אזעלכין וועלכין איהר זאָהלט קענען פאר דרייען דיא קאָפּף —
און זייא זיינען זיך פאנאנדער געגאנגען. דאן האָט דער רב איבער גיגעבין
דיא פאבריקאנטין אז דער איינער איז דער גאנצער אָנפיהרער בייא זייא,
ווייל דיא איבריגע ארבייטער האָבין ניט גיוואָלט גיין אָן אים צום רב און
ער איז גישטאנען זייער „פאָרשקע״ [שטאָלץ]. דאן האָבין דיא פאבריקאנטען געמאכט
אויף אים א פאָדלאָג, [א בילבל] ראָס ער האָט גיוואָלט שטעכין א מייסטער, ווייל ער
האָט גיוואָלט גיין צו דער ארבייט. עס איז געקוממען דער סלעדאָיואטעל און
מען האָט אים א 2־טען מאָהל ארעסטירט. מען האָט איהם אוועקגעשיקט אין

אָסטראָג. ער איז אָב גיזעסין 2 וואָכין און זייא (די פאבריקאנטען) מיינענדיג אז אייבע ער ווערט ניט זיין, וועט מען שיין קענען מאכען מיט זייא וואָס מען וויל, האָבען זייא גערונגען מענשען וועלכע זאָהלען איין ריידין דיא ארביי־טער דאָס זייא זאָהלען ארבייטען חאָטש פון 7 ביז 8 (ווייל זייערע פאָדערונ־גען איז גיוועזען צו ארבייטין פון 7 ביז 7 און ניט צו זיין אונטער דיא הענד פון מייסטערס נור אונטער דיא פאבריקאנטען זעלבסט, אויך אללע וואָך געלד, וויינינגסטענס אללע 2 וואָכען). אויך האָבען זייא געמיינט דאָס ווען דיא ארבייטער וועלין זיך שטעלין טאָהן אָן דיא 2 ארעסטירטע, דאן וועלין זייא טאקי פארבלייבין דיא בונטאָוושציקעס. נור דיא ארבייטער האָבען זיך גאָר ניט צוגיהערט זייא, האָבין זיך די בע״ב מישב גיווען: אזיי וויא אין א גארבארסקען בית המדרש קומען זייא דאָך דאווגען און דאָרטען ריידין זייא געוויס אָב וועגען דיא שטאצקע. אלזאָ האָט מען בייא זייא פאר פעצאטעוועט דעם בהמ״ד. שבת פריה זיינען צוזאממען געקוממען אללע גארבערעס אין גרייסין בית המדרש דאָרטין וואו דיא פאבריקאנטען דאווגען און האָבען זיך צוזעצט אויף דיא בעב״ת שטעט אין מזרח וואנד און זייא האָבען אויפגישטעלט זייער שמש אויפין בימה און האָבין קיינעם פון די בע״ב ניט ארויף גילאָזין. איינער האָט אויס געשריען: מיר זאָהל מען אויס רופען ששי אויף דעם נאָמען פון קינישינסקע. נאָכין דאווגען האָבין זייא פארשלאָסין דיא הויז און האָבען צוגענומען דיא שלישיל צו זיך און אזייא ביז מנחה. דאן האָבען זייא (דיא בע״ב) געמוסט בעטין פאָליציע דאָס מען זאָהל זייא עפענען דעם בהמ״ד. ווען מען האָט דיא ארבייטער א 2-טען מאָהל ארעסטירט האָט דער רב גע־שיקט רופין דיא ארבייטער ווייטער און האָט זייא גענומען איין ריידין אז זיא זאָהלען ארבייטען כאָטש פון 7 ביז $^1/_2$ 7. ווען דאָ האָט זיך אים נאָך איין ארבייטער געשטעלט „פארשקע״ האָט ער איבער געגעבין דיא פאברי־קאנטען, נור זיין גליק איז געווען וואָס ער האָט אים ליצנא[פּערזענלעכ] ניט געקענט, ווייל דיא פאבריקאנטען האָבין זיך נאָך געפרעגט ווער איז דער איינער וואָס איז געווען ביין רב. עפּעס א יונגער בחור׳ל א רייטינקער. געוויס וואָלטין זייא אויף אים אויך געמאכטא פאָדלאָג (ווען רבנים מעגין ווערין פרעדאטעלען[פּארעטער] דאן מעגין שיין פאבריקאנטען מאכען פאָדלאָגן). אין איינפאבריק האָט מען שיין געהאלטין באלד ביין אָבקאָנצענען [פּארענדיקן] אויף דעם, ווייל (דער) פאבריקאנט האָט גערונגען א מענשין, א העלד, פיר וועלכין דיא שטעטיל ציטערט וועלכער זאָהל זייא [די ארבעטער] איין ריידין. דאן איז אונטער גילאָפען איין ארבייטער און האָט אָנגיהייבען צו שריַיען: איך וועל זיך שטעכין און אייך! איהר זאָלט ניט שמייען צו געהן צו דער ארבייט. דער איינער האָט זיך גישטעלט שטייף. שטייא, אנטקעגען ווען שטעלסט דוא זיך?! אנטקעגען מיר? איך וועל דיר פאר א סאָלדאט אָבגעבין, איך וועל דיר אין סיביר פארשיקען. בונטאָוושציק איי־נער! ברייט מיט וואססער וועל איך אומעטום האָבין און פאר קייפען אלע־מען פיר א 25-ער, אזייא וויא דוא קען איך ניט. ער האָט דאָס געזאָגט מיט אזייא פיל ענערגיע, מיט אזייא פיל היץ, דאָס ער האָט אללעמען אָבגיהאלטין. אין א פאָר טאָג איז געקומען דער גובערנסקער אינספעקטאָר און האָט זייא געהייסין גיין טאָהן, אזייא וועט איהר האָבען 4 מאָנאטין זיצין און ווען איהר וועט ניט גיין טאקי וועט איהר זיצין 8 מאָנאטען. מיר וועלין ליבערסט זיצין 8 מאָנאטען און טאָהן אויף דיא אלטע אוסלאָוויעס וועלין מיר ניט געהן. און

ער האָט זייא געהייסין גיין סאָבירייען זיך און זייא זאָהלע קענען זאָגען תשובה, כל זמן איהר טוט ניט קען איך מיט אייך גיט ריידען. זייא זיינען זיך פונאנדער גיגאנגען און מעהר ניט גיקומען, דאן איז ער ארויס אויפין גאס און האָט גינומען רופין די ארבייטער צו זיך, עס האָבין זיך צוזאמענגיקליבען ארום אים עטליכע אינגלעך, און ער האָט אָנגיהייבען צו זאָגען אויף אזא אויפן בין איך מעהר ניט אייער פאָטער, און איהר זייט מעהר ניט מיינע קינ־דער, און מיט דעם איז ער אוועק גיפאָרין. דיא פאבריקאנטין האָבען איין גיזעהן אז זיי קענען זיך מיט קיין זאך ניט העלפין, האָבען זייא זיך גינומען בעטין אז דיא ארבייטער זאָהלען נאָכגעבען חאָטש א $1/_2$ שעה, חאָטש 5 מינוט. חאָטש דעם ערסטין טאָג זאָהלען זייא ארבייטען א ביסעל לייגגער עס איז דאָך פשוט א חרפה פיר אונז אז יונגע אינגלעך זאָהלען אויס פירען, אלזאָ גייט שיין צו דער ארבייט — וויא? (האָבען דיא ארבייטער גיפרעגט) — פון 7 ביז 7 — (וואר זייער אנטוואָרט) — און וואָס נאָך? און אללע וואָך געלדט — דאן זייען ארויס דיא ארבייטער אויפין גאסס זינגענדיג און פאצענדיג מיט די הענד: פון 7 ביז 7 און אללע וואָך געלדט. פון 7 ביז 7 און אללע וואָך געלדט.

ווען זיי האָבען זיך גישטעלט טאָהן זיינען אריין עטליכע ארבייטער צום רב און האָבען אים אָן גיזאָגט אז אויב מען וועט ניט ארויס לאָזין דיא ארעס־טירטע ארבייטער וועט ער זיך אין שטעטיל אויך ניט איין גיפינען, דיא התראה האָט ער גיהאט עטליכע מאָהל ביז ער איז גילאָפין צו דיא פאבריק[אנטן], און האָט גיפועלט אז זייא זאָהלען חלאָפאָצין וועגען זייער בעפרייאונג, נור איינער אויף וועלכען מען האָט גימאכט דעב פאָדלאָג גיפינט זיך פאָד נאד־זאָר פאָליציע. יעצט פילען זיך דיא ארבייטער פרייער און גיזינטער, יעצט טרעפט זיך ניט אזייא אָפט (גיוויינגליך בייא דיא שוואכערע) דאָס עס זאָהל גיין בלוט פון נאָז אָדער פון הארצין פון ארבייטען איבער דיא קרעפטען, זייא ארבייטען קיינע 15 שעה און קיין ליידיגע צייט האָבען זייא יעצט גאָר ניט, אָנשטאָט דעם וואָס דאָס איז גיוועזן א אָפטע יאוולעניע [דערשיינונג] און דיא גיהאלט האָט זיך גיהעכערט פון 10 קאָפּ. ביז 2 רוב.*

---

* אינ דעמ דאָזיקנ באריכט איז אינגאנצנ ניט דערמאָנט געוואָרנ, אז אינ דעמ שטרײק פונ די קרינקער גארבער האָבנ זיכ באטייליקט די ניט-ייִדישע ארבעטער, וועלכע האָבנ געארבעט אינ די קרינקער גארבארניעס. ווי דער כ׳ לעוו ווײַזט אָבער אָנ, האָבנ אויכ די ניט־ייִדישע ארבעטער זיכ באטייליקט אינ די שטרײקנ. ר ע ד.

# בײַלאַגעס צום באַריכט וועגן קרינקער שטרײַק

## בײַלאַגע I

**אַן אויסצוג פון אַבאַ לעווס ניט געדרוקטע זיכרוינעס וועגן דעם שטרײַק פון די קרינקער גאַרבאַרעס, װאָס ער האָט אונדז צוגעשיקט, ווי אַ צוגאָב צו דעם באַריכט וועגן דעם שטרײַק, וועלכער איז געדרוקט אין „ייִדישן אַרבעטער".**

אין זײַנע זיכרוינעס, דערציילט ר׳ אַבאַ לעוו:

„אין דעם שטרײַק בין איך געווען אַן אָנטיילנעמער, ווען איך בין נאָך געווען אַלט קאַרגע 15 יאָר, כאָטש איך האָב שוין געווען געאַרבעט מער ווי אַ פּאָר יאָר. איך האָב זיך באַטייליקט אין שטרײַק מיט מײַן פֿאָטער מוישע דעם סקידלער פֿאַלצער. איך וויל דאָ געבן אייניקע איינצלהײַטן, דערמאָנענע אייניקע נעמען, וועלכע זײַנען ווערט דערמאָנט צו ווערן, ווען מע דרוקט איבער דעם מאַטעריאַל אין זײַן פּרימיטיוון אינהאַלט, ווי ער איז געווען געדרוקט אין „ייִדישן אַרבעטער".

איינער פון די אַקטיווסטע אַגיטאַטאָרס פאַרן שטרײַק איז געווען אַ כוואַר מיטן נאָמען הערשל דער וועבער, אַ גוט באַוווּסטזיניקער אַרבעטער. ער האָט געוואָרפן די אַרבעט אין ביאַלאָסטאָק נאָכן גרויסן לעדער־שטרײַק אין 1896 יאָר. זײַענדיק פון קרינקער געגנט, האָט ער זיך באַזעצט אין קרינאָק און גענומען אַרבעטן אויף אַ לעדער־פֿאַבריק. ער האָט אַקטיוו געהאָלפן אין אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע דער גרופּקע טוער, וועלכע איז שוין געווען אין שטאָט. געהאָלפן שאַפן אַ שטרײַק־קאַסע אַזוי, אַז אויף דער ערשטמייַיקער פײַערונג פון 1897 יאָר האָבן זיך שוין באַטייליקט ביז 60 קלאַסנבאַוווּסטזיניקע אַרבעטער, וועלכע זײַנען געווען דער אַקטיוו אויף צוגרייטן דעם שטרײַק. דורך הערשל דעם וועבער איז פֿאַרבעסערט געוואָרן די באַציִונגען מיטן ביאַלאָסטאָקער קאָמיטעט אויף ברענגען ליטעראַטור און שיקן מענטשן (נאָך פאַר דעם שטרײַק איז שוין אַ קרינקער אַרבעטער זאַלמען־דאָוויד געווען פאַרשיקט קיין סיביר). נאָך אַ טיכטיקער אַגיטאַטאָר האָט זיך דאַן געפונען אין קרינאָק. דאָס איז אַ קריסטלעכער אַרבעטער מיטן נאָמען פֿערדינאַנד זאַלעווסקי, אָדער זאַלעסקי. אַ פּאָליאַק פון טיף פּוילן, אַ מענטש אין מיטעלע יאָרן. ער האָט געאַרבעט אין קרינקער געגנט בײַ באַגילדן אין קלויסטער די הייליקע מאַמעס און אַנדערע ערטער. זאַלעסקי האָט נאָך געהערט צו דער פּאַרטיי „פּראָלעטאַריאַט". ער האָט פֿרײַער זיך באַקאַנט מיט ייִדישע מיידלעך, דערנאָך מיט אַרבעטער, זיך אָנגעהויבן צו לערנען ייִדיש שרײַבן און ריידן אַזוי, אַז דער פֿערדינאַנד זאַלעסקי איז נאָכדעם אָנגעקומען אין אַ לעדער־פֿאַבריק אַרבעטן. ער האָט געפֿירט אַן אַגיטאַציע צווישן די פּויערים אַרום שטעטל און אויך צווישן די אַרבעטער אין שטאָט. ער האָט אַ גרויסן אָנטייל גענומען אין צוגרייטן דעם שטרײַק. בײַסן שטרײַק, ווען מע האָט אַרעסטירט אַ פּאָר צענדליק אַקטיוויסטן, איז ער נעלעם געוואָרן. מיר דוכט, אַז נאָך דעם האָט מען אים אַרעסטירט. מע האָט וועגן אים דערציילט צענדליקער לעגענדעס, און איינע פון זיי איז געווען, אַז ער האָט אין וואַרשע געשטאָכן אַ זשאַנדאַרם. ער איז אויך געווען ניט קיין שלעכטער רעדנער

## איצט וועגנ דער שוווע מיט די טפילנ.

כאָטש דאָס קלינגט ווי א לעגענדע, דאָכ אָבער נאָכנ איבערדרוקנ דעמ דאָקומענט וועגנ קרינקער שטרײַק פונ „ייִדישנ ארבעטער“ איז דאָס, אז מע האָט געשוואָרנ מיט טפילנ, אונ אז זאלעסקי האָט געציילעמט די קריסטלעכע אָנטיילנעמער אפ דער פארזאמלונג אינ די גריבער אינ וואלד איז שוינ ניט קיינ לעגענדע. אָט די ארבעטער, וועלכע האָבנ אינ יול 1897 געשוואָרנ מיט טפילנ, האָבנ שוינ אינ יאנוואר 1898 געהאט בא זיכ אינ שטעטל געסט, ד. ה. סאָלדאטנ אפ אנ עקזעקוציע, אָדער ווי מע האָט דאָס דאנ גערופנ „אפ אזאקוצע“, ווײַל פונ דעמ שטרײַק אָנ האָט זיכ כאראָשימווײַז געצויגנ שטרײַקנ אונ שטרײַקנ, ווײַל די שקלאפנ האָבנ דערוואכט אונ אָנגעהויבנ צו קעמפנ פאר א בעסערנ לעבנ אונ פאָליטישער פרייהייט.

דער ערשטער קרינקער שטרײַק איז א שיינ בלעטל אינ דער געשיכטע פונ דער ארבעטער-באוועגונג. ער איז פונ זײַנע ערשטע שריט געווענ אנ אינטערנאציאָנאלער. סײַ די אגיטאטערס אונ אָנטיילנעמער, די קאָנספיראטיווע דירעס, די דערפער ארומ שטאָט,—אלצ איז געווענ אפ אנ אינטערנאציאָנאלנ אויפנ.

א פאָר ווערטער וועגנ מײַנ פאָטער. ער איז פונ אלע יאָרנ געווענ א „בונטאָווטשטשיק“. אינ זײַנ היימשטעטל סקידל, האָט ער זעלטנ-ווענ געקראָגנ ארבעט (ער האָט געהייסנ מוישע דער בונטאָווטשטשיק). פאר דעמ שטרײַק האָט מענ אימ באפולמעכטיקט צו פירנ אנ אגיטאציע צווישנ די עלטערע ארבעטער. ער האָט זייער פיל מיטגעהאָלפנ דער שטרײַק-קאָמיסיע. ער איז אינ די שפעטערדיקע יאָרנ אויכ געווענ טעטיק אינ דער ארבעטער-באוועגונג. מײַנ פאָטער איז אינ 1921 יאָר באשאָנקענ געוואָרנ מיט דעמ פראָלעטארישנ ערנ-נאָמענ „העלד פונ ארבעט“. ער לעבט נאָכ אדאיעמ, איז אלט 77 יאָר.

איינער פונ די אקטיווע צוגרייטער אונ אָנטיילנעמער פונעמ שטרײַק איז געווענ מייער קוויאט, וועלכער איז נאָכדעמ געווענ ארעסטירט. נאָכדעמ האָט ער געדינט אינ גראָדנע, געפירט אגיטאציע צווישנ סאָלדאטנ, נאָכדעמ געארבעט יאָרנלאנג אינ סמאָרגאָנ. אינ קרינאָק האָט מענ אימ גערופנ מייער דער פיעסקער (פונ א שטעטל פיעסק, גראָדנער גובערניע). אינ סמאָרגאָנ האָט מענ אימ גערופנ מייער קרינקער. די לעצטע יאָרנ האָט ער געארבעט אינ אָסטראָגאָרסק אפ א לעדער-פאבריק.

איינער פונ די אקטיווע אָנטיילנעמער אינ שטרײַק, וועלכער איז נאָכ דאנ געווענ א יונגער ייִנגל, איז דער כאווער בענדעט גליאזאר (זײַנ עלטערער ברודער מאָרדכע עליע האָט געשפילט א ראָלע אינ שטרײַק). נאָכדעמ געווענ אינ שווייצאריע אינ 1906—1907. ער האָט עמיגרירט אינ אמעריקע, נאָכ דער פעווראל-רעוואָליוציע געקומענ אינ רוסלאנד, געארבעט בא גארבערײַ אינ פיל שטעט, אינ טיפ רוסלאנד. די לעצטע עטלעכע יאָר ארבעט ער אלס א פייקער פאכ-קענער אינ דער האנדל-נעצ פונ „סאָיוזקאָזש“ אלס קאָמערציִעלער דירעקטאָר. אינ פארשיידענע שטעט: נאָוואָסיבירסק, אירקוטסק. איצט איז ער אפ אזא פאָסט אינ סאמארע.

עטלעכע ווערטער וועגנ דעמ האלטנ זיכ פונ די שטרײַקער אונ די לידלעכ, וואָס זיי האָבנ געזונגענ אינ צייט פונ שטרײַק. ווי מע זעט פונ דאָקומענט, איז א גרויסער טייל שטרײַקער געגאנגענ ארבעטנ אינ די פעלדער, שנײַדנ טוווע בא די ארומיקע פריצימ. מע פלעגט נעמענ 20 קאָפ. א טאָג. פארנאכט פלעגט מענ ארײַנגייענ אינ שטאָט מיט בינטלעכ בלומענ אונ בוקעטנ. אנדערע פלעגנ אויספלעכטנ קרענצלעכ אונ עס אָנטאָנ אפ די קעפ, אונ מיט גרויסער באגײַסטערונג זינגענ רעוואָליוציִאָנערע לידער, דעריקער, עדעלשטאטס לידער: „די ארבעטער-פרויענ“ אונ „אינ קאמפ“ אונ ווינטשעווסקיס ליד „צומ ארבעטער-פרײַנט“ אונ אנדערע. אנדערע פלעגנ ארײַנגייענ אינ שטאָט מיט די סערפנ אפ די פלייצעס, זינגענ דאָס ליד „פונ 7 ביז 7, אונ געלט אלע וואָכ“. אינ שטאָט האָט עס אָנגעמאכט א גרויסנ רוישעמ. די פאבריקאנטנ פלעגנ קראפירנ דערפונ. דאָס לידל פונ די קרינקער גארבער איז געזונגענ געוואָרנ מיט גרויס פלאמ אונ מעסירעסנעפעש. דאָס איז געווענ זייער קאמפ אונ ניצאָכנ בא יענער צײַט אונ זיי האָבנ אינ אימ ארײַנגעלייגט דעמ פײַער פונ זייער שטימונג. זאָל עס פארעכנט ווערנ פאר א רעוואָליוציִאָנער פאָלק-ליד אינ אויצער פונ אונדזערע רעוואָליוציִאָנערע פאָלק-לידער.

דער מאטעריִאל פונ „ייִדישנ ארבעטער“ איז צונויפגעקליבנ געוואָרנ אונ אינ א געוויסנ וואריִאנט אָנגעשריבנ געוואָרנ אינ קרינאָק נאָכדעמ איז ער צונויפגעשטעלט געוואָרנ אינ ביאלאָסטאָק אונ פונ דאָרט האָט מענ עס אוועקגעשיקט צו דרוקנ אינ אויסלאנד“.

---

בײַלאגע II.

# די שװוּע

הײליק איז די נאַטור
אין איר פרײַהײַטס־קלײד כ׳לעבן
א פראַכטפולער גאָרטן מיט שמעקעדיקע בלומען
גוט און גליקלעך צום לעבן.

* * *

נאָר די בײזע כאַיעס
האָבן איר װילד צוטראָטן
פון עמעס און ליבע האָבן זײ פאַרביטן
אף קינע, סינע און שקלאַפערײַ.

לאָמיר לײגן אפן האַרצן די רעכטע האַנט
און שװערן בא סאָװעסט איצט,
אַז דורך טױט און לעבן, װי אַן אײַזערנע האַנט,
און דער שװערד פון עמעס בליצט.
אײנער פון אונדז איז צו שװאַך געװיס,
װײַל צו גיפטיק איז דער קאַפּיטאַל,
װי פון א שלאַנג דער ביס.
נאָר װען מיט עמעס און ליבע געבונדן,
אונדזער בונד, װי א מױער, פעסט שטײט,
גײט אױף די זון אין אונדזער בלוט אָנגעצונדן—
די זאַנגע פון פרײַהײַט אױפגײט.
די נעקאָמע פאָדערט אונדזער בלוט,
פון אונדזער געזונט װאַקסט שטענדיק זײער גוטס.
גוטס און רײַכקײַט ציִען זײ פון אונדזערע בײנער.
און דאָך טרעט מען אונדז, װי די שטײנער.
דערום, ברידער, שװעסטער, גיט זיך אַלע די הענט
און שװערט בא דער פאָנע, װוּ דער פאַקעל ברענט.

מיר זײַנען דער פּראָלעטאַריאַט, װאָס מ׳רופט אונדז דער פּראָס־
טער נאַראָד.
די קײטן די שװערע װעלן מיר צערײַסן.
דעם יאָך דעם שװערן אַרונטערשמײַסן.
טאָ שרײַט זשע, ברידער: נאַראָד װפּעריאָד!
װפּעריאָד, װפּעריאָד, װפּעריאָד!
װפּעריאָד!

## באמערקונג צו דער אלטער „שוועּ״

די „שוועּ״, וואָס די קרינקער ארבעטער האָבן געזונגען אין צײַט פון דעם אויבנבאשרי־בענעם שטרײַק, שטעלט מיט זיך פאָר איינע פון די פּאָפּולערסטע קאמף־לידער, וואָס די ייִדישע ארבעטנדיקע מאסן פון רוסלאנד האָבן געזונגען אין מעשעך פון פיל יאָרן. דאָס דאָזיקע ליד פלעגט איבערגעגעבן ווערן פון מויל צו מויל און מע פלעגט זי זינגען, ווי איינעם איז געפעלן געוואָרן, אָדער ווי איינער האָט געדענקט די ווערטער. די „שוועּ״ איז אין יענער צײַט ניט גע־ווען קיין געדרוקטע. ערשט אין 1901 — ווי עס דערציילט דער כאוועּר אבּע לעוו — האָט מען אין ביאלאָסטאָק אפּ א העקטאָגראפ אָפּגעדרוקט די „שוועּ״, אבער אין א זייער באגרענעצטער צאָל.

אין 1926 איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין די „ליטערארישע בלעטער״ די „שוועּ״, אבער אָן די ערשטע צוויי סטראָפעס. מיט דער הילף פון כ׳ אבּע לעוו איז אופגעשטעלט געוואָרן דער טעקסט פון די ערשטע צוויי סטראָפעס.

עס איז אבער א גרויסער ספק, צי דער געבראכטער טעקסט פון דער „שוועּ״ איז דער אָרי־גינאל פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער קאמף־ליד, ווײַל אין דעם פאָלקלאָר־ארכיוו פון אינסטיטוט פאר ייִדישער פראָלעטארישער קולטור בא דער ווײַסרוסישער וויסנשאפט־אקאדעמיע האָבן מיר גע־פונען צוויי אנדערע וואריִאנטן, פון דער „שוועּ״, וועלכע מע האָט געזונגען אין דעם שטעטל יעלסק, מינסקער גובערניע, און אין דובראָוונע, געוועזענע מאָלעווער גובערניע.

### I. יעלסקער וואריִאנט

וויּ חייליק איז די נאטור\
מיט איר פרילינג־קלייד,\
עמעס און ליבע\
איז איר צירונגס־קלייד.

אין א שיינעם ווײַנגאָרטן\
האָט מען אונדז געפלאנצט\
בלומען רויטע און ווײַסע,

נאָר די ווילדע כײַעס\
זיי האָבן דאָס צעטראָטן,\
עמעס און ליבע האָבן זיי פארקערט\
אפ סינע און קינע און שקלאפערײַ.

דערום לאָמיר לייגן אפ אונדזער הארצן\
דאָס רעכטע האנט\
און מיר באשווערן מיט סאָוועסט איצט\
אז פון טויט ביזן לעבן\
שטייט אן אײַזערנע וואנט\
דער שווערד פון עמעס, ער זיגט.

* *
*

אז איינער פון אונדז ווערט צו שוואך געווים,
דאן פארגיפטעט אים דער קאפּיטאל
אזוי ווי פון א שלאנג דער גיפט,
אָבער ווען מיט עמעס און ליבע איז געבונדן,
איז אונדזער בונד ווי א מויער פעסט געשטעלט.

דאן פארגייט די זון,
אין הארצן ווערט אָנגעצונדן
די זונע פון פרײַהײַט, זי גייט אוף.

אָך, די נעקאָמע, זי פאָדערט פון אונדז דאָס בלוט,
און פון אונדזער בלוט צאפּן זיי דאָס גוטס,
גוטס און רײַכקײַט ציט מען פון אונדזערע ביינער
און טרעטן טרעט מען אונדז אזוי ווי די שטיינער.

* *
*

דערום, שוועסטער און ברידער,
לאָמיר שליסן די הענט.
מיר שווערן בא דער פאָנע,
ווי דער פלאקער ברענט.

מיר זײַנען פּראָלעטאריאטן,
דאָס הייסט, פּראָסט נאראָד,
די אײַזערנע קייטן וועלן מיר צערײַסן
דעם יאָך דעם שווערן ארונטערשמײַסן
מיר שרײַען; פרײַ נאראָד
וופּעריאָד!

II. דובראָוונער װאריאנט

ווי הייליק איז די נאטור
אין איר פרײַהײַט־קלייד,
ווען עמעס און ליבע
איז איר צירונגס-קלייד.

* *
*

א שיינעם גאָרטן האָט ער פאר אונדז פארפלאנצט
שיינע בלומען רויט, ראָז און ווײַס.
אָבער ווילדע כאיעס האָבן דאָס צעטראָטן,
עמעס און ליבע האָבן זיי אונדז פארקערט
אף סינע, קינע, רויב און שקלאפערײַ.

* *
*

דרום זאָלן מיר לייגן אפן הארצן די רעכטע האנט
און שווערן מיט סאָוועסט יעצט,
אז פון טויט ביזן לעבן אין אייזערנע וואנט
און אזוי ווי א מויער שטייט פעסט.

* *
*

(נאָר ווען?) עמעס און ליבע געבונדן,
אונדזער בונד זאָל שטיין ווי אן אייזן פעסט.
פארגייט די זון, ווערן אונדזערע הערצער אָנגעצונדן
די זון, די זון די פרייע זון.

* *
*

די נעקאָמע פאָדערט אונדזער בלוט,
ווייל פון אונדזער בלוט וואקסט שטענדיק זייער גוט.
גוטס און רייכקייט ציִען זיי פון אונדזערע ביינער,
דרום טרעטן זיי אפ אונדז, ווי אפ די שטיינער.

* *
*

דרום, ברידער און שוועסטער, שליסט די הענט,[8]
לאָמיר גיין ווו דער פלאקער ברענט
מיר זיינען פראָלעטאריִאט,
מיר זיינען פראָסט נאראָד.
שווערע קייטן מוזן מיר צערייסן,
דעם שווערן יאָך אראָפּצושמייסן
שרייט: „נאראָד, וופעריאָד, וופעריאָד!"

כוץ די אויבנגעבראכטע ווארִיאנטן ברענגען מיר נאָך צוויי ווארִיאנטן, וועלכע ווערן געבראכט אין כ׳ בערעגאָווסקיס בוך: „יידישע מוזיק־פאָלקלאָר".
דער ערשטער ווארִיאנט, וואָס כ׳ בערעגאָווסקי ברענגט, לייענט זיך:

III ק׳ י ע וו ע ר   וו א ר י א נ ט

ווי הייליק איז די נאטור
מיט אירע פרייע פירונג
עמעס און ליבע
איר צירונג, איר שמוק.

מיר לייגן אפן הארצן די רעכטע האנט
און שווערן מיט דעם סאָוועסט יעצט,
אז פון טויט און פון לעבן, ווי אן אייזערנע וואנט,
ווען דער שווערד פון עמעס בליצט.

ווען איינער פון אונדז איז צו שוואך געווים,
ווען צו גיפטיק איז דער קאפּיטאל,
אַזוי ווי פון דעם שלאנג דער ביס.

ווען מיט עמעס און ליבע געבונדן
אונדזער בונד איז, ווי א מויער שטייט פעסט,
און די ליבע איז אין הארץ אָנגעצונדן,
די ליבע פון פרייַהייַט און מענטשלעכעס גליק.

די נעקאָמע פאָדערט אונדזער בלוט,
פון אונדזער בלוט וואקסט שטענדיק זייער גוטס,
גוטס און רײַך ציִען זיי פון אונדזערע ביינער
אך, און צום סאָף טרעט מען אונדז, ווי די שטיינער.

ברידער און שוועסטער, נעמט אײַך פאר די הענט,
קומט צו דעם פײַער, ווו דער פלאקער ברענט.
מיר זײַנען פּראָלעטאריִאט, וואָס הייסט ראבאָטשי נאראָד,
די אײַזערנע קייטן לאָמיר צערײַסן,
דעם לעצטן יאָך ארונטערשמײַסן,
שרײַט: „נאראָד, ופּעריאָד, ופּעריאָד!"

## IV. א ד ע ס ע ר ו א ר י א נ ט

א שיינעם ווײַנגאָרטן האָבן מיר פארפלאנצט,
שיינע בלומען רויט, ראָז און ווײַס.
נאָר ווילדע כײַעס האָבן עס צעטראָטן
עמעס און ליבע האָבן זיי פארביטן אף קינע־סינע און שקלאפערײַ.

לאָמיר לייגן אפן הארצן די רעכטע האנט
און באשווערן זיך מיט סאָוועסט איצט,
אז דורך טויט און לעבן ווי אן אײַזערנע וואנט,
ווען דאָס שווערד פון עמעס בליצט.

און ווען איינער פון אונדז איז צו שוואך געווים,
ווען צו גיפטיק איז דער קאפיטאל
ווי פון דעם שלאנג דער ביס.

ווען מיט עמעס און ליבע געבונדן
אונדזער בונד שטייט, ווי א מויער שטייט גאנצ פעסט,
פארגייט די זון, — אין אונדזער הארצ אָנגעצונדן
די זונע פון פרײַהײַט גייט אוף.

די נעקאָמע פלעגט אונדזער בלוט,
פון אונדזער געזונט וואקסט שטענדיק אונדזער גוטס,
גוטס און רייַך ציִען זיי פון אונדזערע ביינער,
דאָך טרעט מען אונדז, אזוי ווי די שטיינער.

דערום, ברידער און שוועסטער, גיט זיך אלע די הענט,
און באשווערט זיך בא דעם פלאקער, ווו דער פייַער ברענט.
מיר זייַנען דער פראָלעטאריִאט, דאָס הייסט דער פראָסטער נאראָד.
די קייטן די שווערע מוזן מיר צערייַסן,
דעם יאָך דעם שווערן ארונטערצושמייַסן.
טאָ שרייַט: „נאראָד, ווּפעריאָד!“.

ברידער, לאָמיר זיך דערוואכן,
פון טיראנערייַ אן ענדע מאכן,
מיר מוזן צעטרעטן די טיראנערייַ
און מאכן רוסלאנד פרייַ.

דאָס אָבער זייַנען ניט אלע וואריִאנטן פון דער דאָזיקער מערקווירדיקער פּאָפּולערער קאמפ־ליד, וועלכע איז געזונגען געוואָרן מיט דער גרעסטער באגייַסטערונג אין מעשעך פון פיל יאָרן־אין אלע פארוואָרפנסטע ווינקלען, ווו עס האָבן זיך געפונען יִדישע ארבעטער. די מעלאָדיע פון דער דאָזיקער קאמף-ליר איז געווען א געמיש פון דרייַ פארשיידענע מעלאָדיעס: זי פלעגט זיך אָנהייבן מיט דער מעלאָדיע פון דעם רוסישן קלויסטער-הימן „קאָל סלאווען“, דערנאָך פלעגט מען זינגען מיט דער מאָלאָדיע פון א דייַטשישער ליד, און צולעצט פלעגט מען זינגען מיט א מעלאָדיע פון א גאלאָפּ־מארש פון א בלאָז-אָרקעסטער. די נאָטן פון דער דאָזיקער ליד ווערן געבראכט אין כ׳ בערעגאָווסקיס בוך "יִדישע מוזיק-פאָלקלאָר", זז. 105—107, יִדיש-לאטייַנישע אויסגאבע.

# די לאגע פון די אָשמיאנער און סמאָרגאָנער אַרבייטער און זייער שטרייט*

די עקאָנאָמישע ענטוויקלונג פון די שטעדטלאך אין די לעצטע צוואנציג יאָהר. — די גארבארנעס, זייער פערגרעססערונג, ענטוויקלונג און זייער ווירקונג אויף די איינוואָהנער, ווי די שטאָדטיגע אזוי אויך די דאָרפיגע. — די בעדינגונגען פון דער ארבייט: דער ארבייטסטאָג, די געוויינטליכע און ספעציאלנע גארבארישע חלאתן, די אונרייניליכקייט, די שכירות, שטראָפען. — די בעהאנדלונגען פון דער פּאָליציע, פון דעם פאבריטשנעם אינספעקטאָר צו די ארבייטער. — ארעסטן. — דער שטרייט פון די ארבייטער. סטאצקעס, זייער פערשיעדענעם חאראקטער. נאָר גרעסטען טהיילס פאר׳ן העכרן די שכירות. די פערבעססערונג פון די ארבייטערס לאגע: אין מאטעריאלישען, מאָראלישען און גייסטליכען הינזיכטען. — איניגע בעווייזען אויף די פּאָליטישע ענטוויקלונג פון די ארבייטער. — די ווירקונגען פון די גארבארישע שטרייט אויף די ארבייטער פון אנדערע מלאכות, די סטאצקע ביי די זאָקען-מאכערקעס, שניידערקעס און שניידער.

* * *

נאָך מיט א פאאר צענדליק יאָהר, איידער עס האָט זיך געעפענט די ליבוי־ראָמענער ליניע, איז סמאָרגאָן און אָשמיאני געווען גלייך ווי די געוויינטליכע ארומיגע שטעדטלאך. די אידישע איינוואָהנער דאָרטען פלעגען זיך בעשעפטיגען מיט די געוויינטליכע פערציייטען אידישע פרנסות: ווער עס איז געווען א קליינער קרעמער׳ל, ווער א קליינער שיינקער, ווער א מעקלער, אנדערע פלעגען געהן אויף׳ן דאָרף, אנדערע זייגען געווען בעלי-מלאכות — און האָבען זיך געלעבט אונטער זייער שימעל, ווי זייערע זיידעס און עלטער-זיידעס האָבען געלעבט. די ארומיגע קריסטען — גרעסטען טהיילס ביעלאָרוססען — האָבען זיך בעשעפטיגט מיט ערד-ארבייט, יעדערער האָט זיך געהאט זיין שטיבעל, זיין גאָרטען, זיין בהמה׳לע, זיין שטיקעל ערד, און דערפון האָט ער געצויגען זיין חיונה. נאָר אָט בערך א יאָהר 20 צוריק האָט זיך

* דער דאָזיקער באריכט איז געווען געדרוקט אין „דעם יידישן ארבעטער“ נומ. 2—3 פון פעווראל 1897 י. ר ע ד.

אין די שטעדטלאך געעפענט עטליכע גארבארנעס. פון אָנהייב, פערשטעהט זיך, ניט קיין גאנץ גרויסע. דער גרעסטער טהייל ארבייטער זיינען געוועזען „האלבע בויערן", ד"ה די ארבייט אין די גארבארנעס איז ניט געווען ביי זיי דער איינציגער מקור פון חיונה, צו די שכירות האָט זיך נאָך יעדערער געהאט א שטיקעל הויז־בעלי־בתישקייט און האָט זיך ניט אָבגעלייגט אין גאנצען אויף די פערדינסט פון פאבריקע. און דערמיט, וואָס די פערדינסט פון פאבריקע איז געווען ביי די ארבייטער מעהר ניט ווי א ביי-זאך, איז רעכט, וואָס די ארבייטער זיינען אין אָנפאנג געוועזען צופרידען מיט זייער לאגע, מיט אזא גרויסען ארבייטסטאָג (15 און נאָך מעהר שעה'ן אין מעת-לעת). יעדערער האָט זיך גערעכענט, אז דאָס איז מעהר ניט דערווייליע, ביז ער וועט איבערקומען די שלעכטע צייט, ביז ער וועט א ביססעל קומען צו זיך. נאָר אין אמת'ן איז געווען אנדערש. מיט דער צייט זיינען די ארבייטער ביסלאכווייז גאָר אין גאנצען אָבגעריסען געוואָרען פון זייערע היימישע בעלי־בתישקייט און זיי זיינען געוואָרען שטענדיגע פאבריטשנע ארבייטער. וועגען דיא אידען ווידער איז דאָך שוין גאָר ניט דאָ וואָס צו ריידען, אז קיינער פון זיי איז ניט אָנגעקוממען אויף'ן פאבריקע, ווי מען זאָגט, על מנת להשתקע שם, אויף צו בלייבען אי'נ'אייביגער ארבייטער. אָבטאָהענדיג איניגע צייט אויף'ן פאבריקע, פלעגט ער זיך אָנקלייבען א קליינעם קאפיטאל'כל און פלעגט אָדער גאָר אין גאנצען ווארפען די גארבארנע און מאכען א'נ'אנדער עסק'ל, אָדער ער פלעגט פאר זיך עפענען א קליינע גארבארניטשקע, וואו ער מיט זיין גאנצע פאמיליע פלעגען ארבייטען צוזאממען און זיך דורך קוממען, זעלטען! ווען פלעגט אזא מין פאבריקאנט'ל האלטען צו די אייגענע מענשען נאָך איינעם א געדונגענעם, נאָר דאָס איז אלץ געווען גאָר אין אָנהייב, באלד נאָך דעם, ווי עס האָט זיך אָנגעהייבען דער עסק. דאמאָלסט זיינען די פאבריקען געווען קליין, קיין אויסלאָג האָט מען קיין פילע ניט געדארפט, מיט עטליכע רובל האָט מען געקענט ווערען א בעל-הבית פאר זיך. דאמאָלסט האָט טאקי יעדער ארבייטער גערעכענט, אז דאָס טאָהן אויף'ן פאבריקע איז דאָס מעהר ניט דערווייליע, אינ'איבערגאנג, ווי מען זאָגט, נאָר מיט א יאָהר 8 צוריק איז די גארבערריי אריין אין א נייע פאזע. אָנשטאָדט די קליינע גארבארניטשקעס האָט אָנגעהייבען ווערען גרויסע. אויף צו עפענען א גארבארניע האָט מען שיין געדארפט האָבען א רעכטען קאפיטאל, און די אלטע קליינע פאבריקלאך האָבען אויך אָנגעהויבען ביסלאכווייז אונטער צו געהן. אוי'ף [אזא] אופן זיינען ניט נאָר פון קיין ארבייטער ניט געוואָרען שוין מעהר קיין בעלי-בתים פאר זיך, נאָר אפילו די אמאָליגע קליינע, אָרעמערע בעלי־בתים זיינען אויך געוואָרען לוין־ארבייטער. מעהר ניט אויף די סקאָרניאקעס האָט דאָס ניט געווירקט. אין דער אָבטהיילונג, איבער די בעזונדערע בעדינגונגען פון דער ארבייט, האלטען זיך נאָך די קליינע פאבריקלאך. אין אָשמיאני איז דאָס פעראָרעמט־ווערען פון עולם, אָדער, ווי די געלעהרענטע דריקען זיך אויס, די פראָלעטאריזאציע פון דער מאססע, פאָרגעקוממען אפולע פלינקער, ווי אין סמאָרגאָן. עס קען זיין, אז דאָס איז, ווייל זי פערנעהמט א'נ'אנדער אָרט אין אדמיניסטראטיוונעם הינזיכט—זי איז א'נ אויעזדגע שטאָדט.— אגב קען זיין, אז דאָס איז דער פאר, וואָס דאָרטען האָט זיך דער מסחור ענטוויקעלט פריהער, ווי אין סמאָרגאָן.

אין דער איצטיגער צייט איז אין סמאָרגאָן פאראן 22 גארבארנעס, אויף וועלכע עס ארבייטען ביז 600 מענשען — 400 אידען און 200 קריסטען. דערצו איז דאָרטען פאראן עטליכע וואלקארנעס, אין וועלכע עס ארבייטען ארום א 50 ארבייטער. גרעסטען טהיילס קליינע קינדער עלטער פון 10 יאָהר. אין די וואלקארנעס ארבייטען דורך אויס אידען. אויף די גרעסטע גארבארנעס ארבייטען צו 40—50 מענשען. אין אָשמיאַני רעכענט זיך ארום א 300 גארבער—200 קריסטען און 100 אידען, וועלכע ארבייטען אין 6 גארבארנעס צו 30—50 אויף יעדערע. און בכלל איז אין דער לעצטער צייט ניט קענטיג ווי די גארבערייע ענטוויקעלט זיך. דעם גאנצען רונדען יאָהר, א חוץ די 6 וואָכען פון טוידטען סעזאָן, האָבען דאָרטען די ארבייטער שטענדיג ארבייט. געוויינטליך איז דאָרטען דער גולט אויף ארבייטער שטענדיג אפילו גרעסער ווי דער אָנבאָט, שטענדיג נעטהיגען זיך דאָרטען די פאבריקאנטען אין די ארבייטער מעהרער ווי די ארבייטער אין די פאבריקאנטען. ניט קוקענדיג אויף דאָס אלץ איז פון דעסטוועגען געוועזען דאָרטען ביז דער לעצטער צייט די בעדינגונגען פון דער ארבייט שרעקליך. דער ארבייטסטאָג פלעגט דאָרטין געוויינטליך זיין א 15 שעה'דיגער, פון 5 א זייגער אין דער פריה ביז 8 אבענדס, און פאר א יום טוב פלעגט מען ארבייטען אויך גאנצע נעכט. ווער עס איז באקאָנט מיט די גארבעריי, ווייס וואָס פאר א שווערע און אונאנגענעהמע ארבייט דאָס איז. אויסער וואָס די ארבייט אליין איז שווער און זי נעהמט אוועג ביי די ארבייטער די געזונט, איז נאָך די אָבסטאנאָוויקע[אומגעבונג], ביי וועלכע עס קומט אויס צו ארבייטען אפילו ערגער. דער עיפּוש איז ניט אויסצוהאלטען, די לופט איז שטענדיג פערדאָרבען, היינט די שטענדיגע פוכט, — דאָס אלץ מאכט די ארבייטער קאַליעקעס. אלערליי מינים שווינדזוכט און ראָמאַטעס, זיינען די שטענדיגע קריינק פון די גארבער. די שלעכטע ווירקונג פון דער ארבייט דערוויזט דייטליך דער פאקט, וואָס צווישען די אללע גארבארעס איז ניט דאָ קיין עלטערע ווי 40 יאָהר. דאָס איז שוין דער גרעסטער עלטער, צו וועלכען עס קען דערלעבען א גארבער. א חוץ די אלערליי מינים חלאת'ן איז נאָך פאראן א ספּעציאלנע קריינק, סיבירסקאיא יאזווע רופט מען דאָס, דאָס איז זייער א'נ'אנשטעקענדע און א געפעהרליכע קריינק, וואָס די ארבייטער נעהמען זיך אָן פון דיא אריין גיפיהרטע פעללען. אמת, עס איז פאראן א זאקאָן, נאָך וועלכען אלע אריין געפיהרטע פעלל דארפען בעזיכטיגט ווערען פון דעם אויעזדנעם וועטערינאר (פיה-ארצט). נאָר דעם זאקאָן היט מען דאָרטען, פונקט ווי מען היט דאָרטען און אומעטום אלע אנדערע זאקאָנעס, וואָס פערהיטען דעם ארבייטערס געזונד און לעבען. איין מאָל האָט זיך אפילו געטראָפען, אז דער אויעזדנער וועטערינאר איז געקוממען אין סמאָרגאָן בעזיכטיגען די פעלל, נאָר דער פּריסטאוו האָט איהם געגעבען אָנצוהערעניס, אז אויב ער וועט קוממען אָפט בעאונרוהיגען איהם, וועט ער איהם דערפאר שטענדיג נייטהען קוממען בעזיכטיגען, און דאָס איז שוין געוועזען גענוג, אז דער וועטערינאר זאָל מעהר אין סמאָרגאָן ניט אריין שמעקען.

איצטער איז דאָרטען א מנהג, אז א'נ'ארבייטער ווערט קראנק אויף סיבירסקאיא יאזווע, נעהמט דער פּריסטאוו מיט'ן דאָקטאָר א 10-רובלדיגע, און זיי מאכען א שווייג. דער דאָקטאָר האָט זיך אין שטעטיל בערימהט, אז

ער האָט שוין געהאט ב״ז 80 אזעלכע פּראַקטיקעס. דעם לעצטען יאָהר איז געוועזען 10 צופאללען אזעלכענע, 6 פון זיי האָבען זיך געענדיגט מיט׳ן טוידט.

פאר די שווערע און געפערהליכע ארבייט פלעגען די ארבייטער בעקומען זעלטען העכער ווי 4 רובל א וואָך. די געוויינטליכע שכירות פון די ארבייטער איז געוועזען פון 3 רובל 50 קאָפּ. ביז 4 רובל, און פון די קליינע און האלבוואקסלונג — פון 75 קאָפּ. ביז 3 רובל. מערקווירדיג איז דער פאקט, וואָס אין די לעצטע יאָהרען איז דער גולט אויף ארבייטער אין יענע שטעדטלאך געוואָרען אלץ גרעססער און טראָץ דעם איז די שכירות אלץ געפאלען. וואָס די שכירות איז דאָרטען בכלל געוועזען קליין פערשטעהט מען נאָך, דאָס איז ארויס געקומען דער פון, וואָס די ארבייטער האָבען נאָך געהאט א שטיקעל בעלי-בתישקייט, דעריבער זיינען די ארבייטער, ערסטענס, געוועזען געצוואונגען צו ארבייטען דוקא אין דער היים, דענן זיי האָט זיך דאָך ניט געוועלט אוועג ווארפען די בעלי־בתישקייט, צווייטענס, האָבענדיג עפּעס א׳ג׳אייגענס, האָבען זיי געקענט דורך לעבען מיט קלענערע שכירות. אָבער מיט וואָס ערקלעהרט זיך דער פאקט, וואָס אין די לעצטע יאָהרען איז די שכירות שטענדיג געפאלען, חאָטשי דער גולט אויף ארבייטער איז שטענדיג געוואקסען? — צו ענטפערען אויף די פראגע האָבען מיר, לײדער, ווייניג מאטעריאל.

די בעהאנדלונגען פון די בעלי־בתים צו די ארבייטער איז אין ביידע ערטער, ביז די ארבייטער האָבען אָנגעהייבען ארויס צו ווייזען א׳נ׳ערנסטען פּראָטעסט, געוועזען אונערטרעגליך. אין אָשמיאַני עקסיסטירען נאָך דער צו שטראָפען. ווען א׳נ׳ ארבייטער פערשפעטיגט זיך אויף אייניגע מינוט, רעכענט מען איהם אָב פאר א פערטהייל טאָג.

נישט פּאָליציע, נישט דער פאבריטשנער אינספעקטאָר האָבען זיך געאינטערעסירט מיט די אללע אונרעכטען, וועלכע די פאבריקאנטען פלעגען בעגעהן אנטקעגען די ארבייטער, און אויב זיי פלעגען זיך א מאָל יע פעראינטערעסירען מיט דעם אלעס, איז דאָס נאָר, ווי געוויינטליך אומעטום, געווען אויף אזוי פיעל, וויפיעל דאָס האָט געפאָדערט אויף צו באקוממען פון פאבריקאנט א רעכטע מטבעה. פּאָליציע נעהמט געלט און לאָזט ארבייטען די יונגע ארבייטער וויפיעל דער פאבריקאנט אליין ווילל, חאָטשי פּאָ זאקאָנו [לויטן געזעצ] טאָהרען זיי מעהר ווי 8 שעה אין מעת לעת ניט ארבייטען, און דאָס איז 2 מאָל צו 4 שעה. זי נעהמט געלט און ערלויבט דעם פאבריקאנט האלטען אלערליי אונריינליכקייטען אין זיין פאבריקע, און אויב דאָס איז מקצר די ארבייטער די יאָהרען — איז ניט איהר דאגה, זי נעהמט געלט, ווען א׳נ׳ארבייטער ווערט קראנק אויף סיבירסקאיא יאזווע — און שוויגט. מיט איין וואָרט, אויך דאָרטען האָט די פּאָליציע הייליג געהיט איהר פפליכט — גענומען שוחד און געלאָזט טאָהן די פאבריקאנטען וואָס זיי האָבען געוועלט. און אפילו דער פאבריטשנער אינספעקטאָר, ווי די ארבייטער זאָגען, מאכט אויך ניט שלעכט פון סמאָרגאָנער און אָשמיאנער פאבריקאנטען. אמת, ער קומט אהין זעהר זעלטען — איין מאָל אין א יאָהר אָדער אין אָנדערהאלבען, פרעגט פונאנדער ביי די ארבייטער וועגען זייער לעבען, וועגען די באדינגונגען פון דער ארבייט. דערביי פלעגען די ארבייטער אָנזאָגען ליגען אויף וואָס די וועלט שטעהט. אָנשטאָדט 15—16 שעה פלעגען זיי זאָגען, אז זיי טהוען 12—13. די קליינע ארבייטער פלעגט מען אויף די צייט, וואָס דער אינספעקטאָר פלעגט זיין אין פאבריקע, גאָר בעהאל-

טען א. ז. וו. די ארבייטער פלעגן זאָגן ליגן דערפאר, ווייל דער אינספעק-טאָר פלעגט זיי פונאנדער פרעגן פארן פאבריקאנט אין די אויגן, און ווער וועט שוין סמעיען צו זאָגן דאמאָלסט אינ'אמת וואָרט? נאָך דעם געהט זיך דער אינספעקטאָר אריין מיט'ן בעל־הבית אין קאָנטאָר, פון וואנען ער געהט ארויס צוריק שוין גאָר אינ'אנדער מענש. ארויסגעהענדיג פערגעסט ער קיין מאָל ניט גוט אָנצוזידלען די ארבייטער און פאָהרט אוועג.

מען קען ניט זאָגן, אז אלע טשינאָווניקעס דאָרטען טהוען גאָר ניט. עס איז פאראן איין אוטשרעשזדעניע, וועלכע ערפיהלט איהר פפליכט זעהר גוט און טהוט שוין אָב אלע ארבייט אויך פאר אנדערען—דאָס איז די זשאנדארמעריע. די זשאנדארמעס לויפען ארום איבער'ן שטעטיל, ווי די הונגעריקע וועלף, זוכען, שנאָרען אין אלע ווינקעלאך, טרינקען אָן די ארבייטער, כדי צו דער-געהן עפעס וואָס פון זיי. א מאָל קומט צו פאָהרען פון לידע אויך דער זשאנ-דארמסקער אָפיצער. מעהר נישט זיי רוהען ניט און, ליידער, איז זייער מיה ניט ארויסגעוואָרפען. אין אָשמיאני איז היינטיגען יאָהר געווען זעהר פיעל אָביסקעס און עטליכע ארעסטען. אין מאי מאָנאטה האָט מען דאָרטען ארעס-טירט 2 אידישע אינטעליגענטען און איין ארבייטער (א קריסטליכען גארבער), איצטער זיטצען זיי אין ווילנא. זייער דיעלאָ האָט זיך נאָך ניט געענדיגט, אין דער זעלבער צייט איז אויך אין סמאָרגאָן געווען אָביסקעס. ביי איינע א מיי-דעל האָט מען דאָרטען קאָנפיסקירט 120 לעגאילנע טהייערע ביכער. זי אליין האָט נאָך בעוויזען צו ענטלויפען. איבער די אָשמיאנער דיעלאָ האָט מען אין ווילנא אויך געארעסטירט א קריסטליכען ארבייטער, א גארבער. די לעצטע צייט איז אין סמאָרגאָן געווען נאָך אָביסקעס. ביי איין ארבייטער האָט מען געפונען און צו גענומען עפעס א טאסען־ביכל מיט חשבונות. די דיעלאָ איז נאָך ניט געקאָנטשעט.

די זשאנדארמעס רוהען ניט, אָבער ניט אומזיסט. אין די לעצטע צייט איז גוט קענטיק א זעלטענע אויפרעגונג אין דער ארבייטער—מאססע, וואו מען געהט און וואו מען שטעהט הערט מען מעהר ניט, ווי מען רעדט וועגן שטרייטן, וועגן ניט לאָזען דריקען זיך. די ארבייטער זיינען שוין געקוממען צום שכל. יעדען טאָג קומט פאָר דאָ אָדער דאָרטען א סטאצקע. כסדר געהט צום פאבריטשנעם אינספעקטאָר פראָשעניעס דאָס פון די ארבייטער, דאָס פון די פאבריקאנטען. אייניגע מאָל זיינען אפילו געקוממען אנדערע פאבריקאנטען און ארבייטער אליין אין ווילנא גופא קלאָגען זיך ליטשנע ביין אינספעקטאָר. ארום שרייבען אלע סטאצקעס, וועלכע זיינען געווען אין סמאָרגאָן און אָש-מיאני, איז אונמיגליך, אגב איז גאָר איבריג אויך: אלע זיינען פאחאָזשע איינע אויף די אנדערע. מיר רעכענען, אז עס איז גענוג צו זאָגען, אז אין סמאָרגאָן איז דעם לעצטען יאָהר געוועזען 30 סטאצקעס: 25 ביי די גארבער און 5—ביי די וואלקער. אין אָשמיאני איז געווען 6 סטאצקעס. די סטאצקעס זיינען געווען אויף איינציגע פאבריקען און אָפט אויך אין איינציגע אָבטהיילונגען מעהר ניט פון א פאבריק.

אין אָשמיאני איז געוועזן ווייניגער סטאצקעס, ווי אין סמאָרגאָן, אָבער דערפאר פלעגין זי דויערען לייננער און אין יעדער סטאצקע פלעגען אָנטהייל נעהמען אפולע מעהרער מענשען, ווי אין סמאָרגאָן. אין סמאָרגאָן פלעגט דויערן א סטאצקע ביי די גארבער פון 1—2 טעג, ביי די וואלקער—ביז 4

טעג, אין אַשמיאַני אָבער איז געווען סטאַצקעס, וואָס האָבען געדויערט ביז 2 וואָכען אויך און מענשען האָבען אין זיי אַנ'אָנטהייל גענוממען אַפּט ביז 70.

די סטאַצקעס זיינען געווען אַרויסגערופען פון פערשידענע אורזאַכען: גרעסטען טהיילס פאַר'ן העכערען די שכירות, נאָר עס איז געווען אויך סטאַצ-קעס פאַר בעסערע בעהאַנדלונג. אין אַשמיאַני האָבען די אַרבייטער א מאָל געמאַכט א סטאַצקע, כדי אַרויס צו טרייבען אַנ'אַרבייטער, וואָס איז זיי ניט געפעלליג געווען.

מערקווירדיג איז דאָס, וואָס אַלע סטאַצקעס ווי אין סמאָרגאָן, אַזוי אויך אין אַשמיאַני האָבען זיך אין גאַנצען איינגעגעבען. דאָס ערקלעהרט זיך געוויס מיט דעם, ערסטענס, וואָס עס איז געווען אַלע מאָל געטראָפען די צייט, צווייטענס, פלעגען זיך די אַרבייטער האַלטען זעהר פריינדליך און פעסט אין זייערע פאָדערונגען. די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, וועלכע זיינען דאָרטען געוואָרען, האָבען זיך געפיהרט מיט גרויס טאַקט און האָבען ניט דערלאָזען קיין אַנדערע אַרבייטער, א מאָל מיט גוטען, ערקלעהרענדיג זיי ווי וויכטיג עס איז פאַר זיי, אַז מען זאָל אויספיהרען די סטאַצקע, א מאָל מיט געלט-שטיצע און א מאָל טאַקי אויך מיט בייזען: מיט סטראַשונקען און מיט קלעפּ, אמת, צו אַזעלכע מיטלען פלעגט מען זיך ווענדען גאַנץ זעלטען, אַז עס איז שוין קיין אַנדער ברירה ניט געווען.

דער רעזולטאַט פון דעם שטרייט, וועלכע די אַרבייטער האָבען אַזוי העל-דיש געפיהרט, איז שוין גוט קענטיק. ערסטענס, האָט זיך זייער מאַטעריאַלישע לאַגע אַפּולע פערבעססערט. אין אַשמיאַני האָט זיך די שכירות געהעכערט אויף 30 קאָפּ, די וואָך, אין סמאָרגאָן אויף 50 קאָפּ. ביז 1 רובל א וואָך. דער אַר-בייטסטאָג איז ביסלעכווייז געוואָרען פערקלענערט ביז 14 שעה. אין אַשמיאַני האָט מען שוין געגעבען די אַרבייטער ראַסטשאָטנע ביכלאַך, אין וועלכע עס שטעהט שוין בפירוש, אַז דער אַרבייטסטאָג איז א 14־שעה'דיגער. אין סמאָר-גאָן האָבען זיך די אַרבייטער דערווייל אָבגעזאָגט צו נעהמען די ביכלאַך סיידען עס וועט אין זיי שטעהן א 12 שעה'דיגער אַרבייטסטאָג. וואָס דער סוף־דער פון וועט זיין—ווייס מען נאָך ניט. די בעהאַנדלונגען פון די בעלי-בתים צו די אַרבייטער איז איצטער, צו פערדאַנקען דעם שטרייט, ניט דער ערך בעססער.

אויסער די אַלע מאַטעריאַלישע נוטצען, וואָס די שטרייט האָט געבראַכט די אַרבייטער, האָט זי זיי אויך אַפּולע אויפגעהייבען אין מאָראַלישען און גייסט-ליכען הינזיכטען. אינטערעסאַנט איז דער פאַקט, וואָס ווייטיגע אַרבייטער, וועלכע פלעגען ניט זיין אונדירעקט פעראינטערעסירט אין די סטאַצקע, פלע-גען אויך זעהר אָפט לייסטען ווי מאַטעריאַלישע, אַזוי אויך מאָראַלישע שטיצע. די אחדות איז דאָרטען אַזוי גרויס, אַז אין סמאָרגאָן איז געקוממען אַנ'אָש-מיאַנער אַרבייטער און האָט ניט געהאַט קיין רעקאָמאַנדאַציעס פון די מעהר בעוואוסטע אַשמיאַנער אַרבייטער. האָט מען איהם ניט דערלאָזען אָנקוממען אַרבייטען אויפ'ן זאַוואָד.

דאָס בעוואוסטזיין פון די קלאַססען־אינטערעססען האָט זיך זעהר ענטוויקעלט און עס איז שוין דאָרטען פאַראַן אַרבייטער, וואָס פערשטעהען שוין גוט די סאָציאַל-דעמאָקראַטישע וועלט-אַנשויאונג.

אויף ווי פיל די ארבייטער־מאססע האָט זיך אין דעם שטרייט פּאָליטיש ענטוויקעלט, בעווייזט געננג דייטליך דער 1-טער מאי, ווען די ארבייטער האָבען מיט גרויס אינטערעס און פרייד אויסגעהערט א פּאָליטישע רעדע, אין וועלכע עס איז געווען ארויסגעשטעלט איינינע פאָר־ולירטע פּאָליטישע פאָדערונגען.

דער עקאָנאָמישער קאמפף האָט אויפגעטשוכעט די דערשלאָגענע און ערני־דריגטע ארבייטער, האָט זיי צו געגעבען מוטה און ענערגיע, האָט זיי געעפענט די אויגען—און זיי האָבען ערפיהלט זייער מאכט און זייער ווערטה. די ארביי־טער האָבען געעפענט די אויגען און האָבען אויך דערזעהן, ווי נעטהיג עס איז פאר זיי בילדונג, פערשטעהן אלעס, וואָס קומט פאָר פאר זיי—און אין דער ארבייטער־מאססע בעמערקט זיך א זעלטענער חשק צום לייענען, לעהרנען, בילדען זיך און ווערען מענשען גלייך.

דער שטרייט פון די גארבארעס און די רעזולטאטען פון שטרייט האָבען געמאכט א ווירקונג אויך אויף די ארבייטער פון אנדערע מלאכות. די לעצטע צייט איז שוין געווען סטאצקעס ביי די זאָקען־מאכערקעס, שניידערקעס און שניידער. פאָדראָבנע וועגען זיי קענען מיר איצטער ניט ריידען.

לאָמיר האָפען, אז דער שטרייט פון די ארבייטער וועט זיך וואָס ווייטער אלץ פערגרעססערען, אלץ פערברייטערען, און אז דאָס פּאָליטישע בעוואוסט־זיין פון דיא ארבייטער וועט זיך צווישען זיי אויך אזוי גיך פערשפרייטען, ווי די עקאָנאָמישע.

---

# די סאָציִאַל-דעמאָקראַטישע באַוועגונג אין האָמעל

די ערשטע פּרוּוונ צו שאפנ סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע קרײַזלעכ זײַנעג געמאכט געוואָרנ אינ סאָפ פונ 1893. אָבער ערשט אינ אָנהייב 1897 איז געלונגענ צו שאפנ א פעסטע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע גרופּע, וועלכע האָט אָנגעהויבנ פירנ א ברייטע טעטיקײַט צווישנ די האָמלער ארבעטער. האגאם די דאָזיקע גרופּע איז קימאט אויסשליסלעכ באשטאנענ פונ ייִדנ סאָציִאַל־דעמאָקראַטנ, האָט די גרופּע זיכ ענג פארבונדנ מיט די ניט־ייִדישע ארבעטער און געפירט א גרויסע ארבעט צווישנ די אײַזנבאנ־ארבעטער און אנדערע גרופּנ פונ ניט־ייִדישע ארבעטער.

א. קרעמער, איינער פונ די גרינדער פונ „בונד" דערציילט, אז ווענ עס איז אינ סעפּטיאבער 1897 געשאפנ געוואָרנ דער „בונד", איז ער, אלס מיטגליד פונ צ. ק. פונ „בונד" געפאָרנ אינ האָמעל און פאָרגעלייגט, אז די האָמלער גרופּע ס.־ד. זאָל ווערנ א קאָמיטעט פונ „בונד", האָט די גרופּע זיכ קאטעגאָריש אָפּגעזאָגט און דערקלערט, אז עס איז ביכלאל ניט נייטיק פאר די ייִדישע ארבעטער צו האָבנ א באזונדערע אָרגאניזאציע.

דער האָמלער קאָמיטעט האָט אנטוויקלט א ברייטע טעטיקײַט. אונטער זײַנ אָנפירונג זײַנעג פאָרגעקומענ א ריי שטרײַקנ צווישנ אלע פאכנ פונ האָמעל און אויכ צווישנ די אײַזנבאנ־ארבעטער. דער קאָמיטעט האָט ארויסגעלאָזנ א ריי העקטאָגראפירטע און געדרוקטע פּראָקלאמאציעס און פארשפּרייט אסאכ סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע ליטעראטור. די טעטיקײַט פונ דעם האָמלער קאָמיטעט האָט זיכ גלײַכ געלאָזט פילנ און די אָכראנקע האָט גלײַכ אָנגענומענ פארשיידענע מיטלענ צו „ליקווידירנ" דעם האָמלער קאָמיטעט. לויט זובאטאָווס איניציִאטיוו איז האָמעל פארפלייצט געוואָרנ מיט שפּיאָנענ און אגענטנ פונ דער אָכראנקע. מע האָט גענומענ ארעסטירנ יעדע פארדעכטיקע פּערזאָנ. אָבער דורכ די שפּיאָנענ האָט די אָכראנקע ניט געקענט דערגרייכנ איר ציל, ד. ה. ליקווידירנ דעם האָמלער קאָמיטעט. שפּעטער האָט דער אָכראנקע זיכ אײַנגעגעבנ צו קריגנ אינ איר דינסט א פּראָוואָקאטער פונ באשטאנד פונ האָמלער קאָמיטעט פונ דער ר. ס.־ד. א.־פּ., וועלכער האָט געוווּסט אלע סוידעס פונ קאָמיטעט. דער דאָזיקער פּראָוואָקאטער האָט איבערגעגעבנ יעדע אייגצלהײַט פונ דער טעטיקײַט פונ קאָמיטעט און ארויסגעגעבנ אלע מיטגלידער פונ קאָמיטעט, און יעדנ איינציקנ, וועלכער האָט נאָר געהאט וועלכע עס איז שײַכעס צום קאָמיטעט. דער פּראָוואָקאטער האָט אָנגעוויזנ בא וועמענ עס האָט זיכ געפונענ דער סקלאד פונ דער אומלעגאלער ליטעראטור, און וואָס פארא ליטעראטור דער האָמלער קאָמיטעט האָט אינ זײַנ רעשוס. און ווענ דער האָמלער קאָמיטעט האָט צוגעגרייט אינ 1900 א באריכט צום אינטערנאציִאָנאלנ סאָציִאַליסטישנ קאָנגרעס, האָט דער פּראָוואָקאטער צוגעשטעלט א קאָפּיע פונ דעם באריכט דער אָכראנקע. מיט דער הילפּ פונ דעם דאָזיקנ פּראָוואָקאטער האָט זיכ דער אָכראנקע אײַנגעגעבנ צו ארעסטירנ דעם גאנצנ באשטאנד פונ דעם האָמלער קאָמיטעט און זיי פארשיקנ אינ סיביר. עס זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ פיל אנדערע, וועלכע האָבנ געהאט א שײַכעס צו דער באַוועגונג. דער אָכראנקע איז געלונגענ צײַטווײַליק אָפּצושוואכנ דעם האָמלער קאָמיטעט פונ דער ר. ס.־ד. א.־פּ. און צוליב דעם, וואָס די פעסטע עלעמענטנ פונ האָמלער קאָמיטעט זײַנענ ארעסטירט געוואָרנ, האָט פּאסירט, אז אינ 1900 האָבנ די שוואכערע עלעמענטנ פונ האָמלער קאָמיטעט זיכ פאראייניקט מיטנ „בונד".

ערשט נאָכ דעם צווייטנ צוזאמענפאָר פונ דער ר. ס.־ד. א.־פּ., ווענ אינ האָמעל איז געקומענ דער באָלשעוויק לעוו וולאדימיראָוו, איז געשאפנ געוואָרנ דער פּאָלעסיער קאָמיטעט פונ דער

ר. ס.־ד. א.־פ. און די טראַדיציעס פון דעם ערשטן העלדישן האָמלער קאָמיטעט פון ר. ס.-ד. א.־פ. זײַנען פאָרגעזעצט געוואָרן.

אין די ארכיוון פון דער אָכראַנקע האָבן מיר געפונען א רײ דאָקומענטן וועגן דער אנט־שטייונג און טעטיקײַט פון דעם ערשטן האָמלער סאָציאַל-דעמאָקראַטישן קאָמיטעט, וועלכע גיבן א גענויעם בילד פון יענער עפּאָכע. די דאָקומענטן זײַנען פאָלגנדיקע:

1) דער באריכט פון האָמלער קאָמיטעט צום אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליסטישן קאָנגרעס.

2) א באריכט פון דער מאָלעווער זשאַנדאַרמעריע.

3) א צעטל פון דער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך געפונען אפן סקלאַד פון האָמלער קאָמיטעט.

4) א צעטל פון ליטעראַטור, וואָס מע האָט געפונען בא אַן ארעסטירטן.

די דאָזיקע דאָקומענטן באַווײַזן גאַנץ בולעט די טעטיקײַט פון האָמלער קאָמיטעט פון דער ר. ס.־ד. א.־פ., וועלכער האָט געאַרבעט אין האָמעל ביז 1900.

אָבער דער 1־טער דאָקומענט, דער באריכט פון האָמלער ס.-ד. קאָמיטעט, באַווײַזט אונדז, אַז אַז אויך די האָמלער ס.־ד. באַוועגונג אין יענער צײַט איז געווען באַײַנפלוסט פון דער טענדענץ פון עקאָנאָמיזם, וועלכע האָט ארומגעכאַפּט דעם גרעסטן טייל פון די ס.־ד. קרײַזלעך פון ווײַסרוס־לאַנד און ליטע. צו דער אַגיטאַציע פאַר א פּאָליטישן קאַמף איז מען אריבער מיט וואַקלענישן, אומטערוואַרפנדיק אים דעם עקאָנאָמישן און האַלטנדיק זיך בא דער שטופּן-טעאָריע, וואָס אלעק־סאַנדער קרעמער האָט אַנטוויקלט אין זײַן בראָשור וועגן אַגיטאַציע.

---

איניען 355. ב. 7. 1900 יאָר.

איניען פונ אָפּטיילונג אַפּ צו אָפּהיטנ די געזעלשאַפטלעכע זיכערקייט און אָרדענונג אינ מאָסקווע בא דער פאַרוואַלטונג פונ מאָסקווער אָבערפּאָליצמייסטער. וועגנ געהיימע יידישע אָרגאַניזאַציעס אינ מייַרעוו־רוסלאַנד (שט. האָמעל).

אינווענט. נומ. 355, ב. 7. אַפּ 434 בל.

בל. 23—39.

א קאָפּיע פונ דער געשיכטע פונ דער האָמלער באַוועגונג, וואָס איז געווענ אָנגעמערקט צומ אָפּשיקנ אַפּנ אַלוועלטלעכנ פּאַריזשער קאָנגרעס, וואָס האָט געדאַרפט פאָרקומענ אינ הייַנטיקנ 1900 יאָר.

# די האָמלער אַרבעטער-באַוועגונג *

האָמעל האָט ביזנ אָנהייב פונ די 90־ער יאָרנ פאָרגעשטעלט מיט זיך א שטילע געוויינלעכע אויעזדנע שטעטל, איינער פונ די פּאַרוואָרפענע ווינקלעך פונ דעמ גרויסנ פינצטערנ רוסלאַנד. אַלץ, וואָס איז ספּעציפיש און כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזא אָרט, איז, נאַטירלעך, ניט געווענ פרעמד אויך האָמעל: די אָפּוועזנהייַט פונ א וועלכנ עס איז סימענ פונ א געזעלשאַפטלעכנ לעבנ, די קלעגלעכע, דערשלאָגענע, דערנידעריקטע עקזיסטענצ פונ דער יידישער מאַסע, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט דעמ הויפּט קאָנטינגענט אינ דער צאָל פונ דער באַפעלקערונג, די גרענעצלאָזע העפקיירעס און מעשוגאַעס פונ דער אָרטיקער אַדמיניסטראַציע, די דאָזיקע אַוטאָנאָמע זעלבסטהערשער פונ דעמ גרויסנ רוסלאַנד, און אויך ווי אינ אוניסאָנ מיט זיי, א שטילע פאַרגליווערטקייַט פונ דער אַמעראַצישער, רעכטלאָזער באַלעבעסלדיקער סוויווע,—מיט איינ וואָרט, אַלע אַטריבוטנ פונעמ רוסישנ העק, ווו די ווירקונג פונ די רוסישע באַדינגונגענ אָנטפּלעקט זיך אינ מער קאָנצענטרירטער אינטענסיווער פאָרמע, זייַנענ געווענ אייגנטימלעכ אונדזער שטאָט.

פונ אָנהייב 90-ער יאָרנ הייבט זיך אָנ דאָס בילד ביסלעכווייַז בייַטנ, די שטייענדיקע בלאָטע רירט זיך זיך אונטער דער ווירקונג פונ פאָלגנדיקער דערשייַנונג: נאָכדעמ ווי מע האָט אַרויסגעטריבנ אינ 1891 די יידנ פונ מאָסקווע, ווענ די יידנ האָבנ זיך אָנגעהויבנ באַזעצנ און צעפאָרנ זיך איבער די צענטערס פונעמ יידישנ טכומ, האָבנ זיי זיך אינ א גרויסער צאָל אָנגעהויבנ באַזעצנ אויך

* לויט, ווי עס ווערט אָנגעוויזנ אינ דער מיטיילונג פונ האָמלער שטאַפּ פונ זשאַנדאַרמעריע, איז דער אַוטער פונ דעמ דאָזיקנ דאָקומענט סאָלאָמאָנ צייטלינ.

אינ האָמעל מיט זייערע קאפיטאלנ. זיי, אָדער גיכער די האנדל־אָפעראציעס,
וועלכע זיי האָבנ געלאָזנ אינ גאנג. האָבנ אופגעהויבנ די שטאָט: זי הייבט אָנ וווּנדער-
לעכ וואקסנ, עס באווייַזנ זיכ מאגאזינעס, עס שאפנ זיכ פארשיידנארטיקע האנדל-
אָפעראציעס, ארומ וועלכע עס הייבנ זיכ אָנ צו דרייענ. אסאכ מענטשנ,
אינ די האנדל־באציִונגענ ווערנ אריַינגעצויגנ גאנצע ראיאָנענ. די שטאָט הייבט
אָנ מיט איר אינדוסטריע קאָנקורירנ שיר ניט מיט קיִעוו. דער אויסערלכער
אויסזענ פונ דער שטאָט, בייַט זיכ, נאטירלעכ, אויכ ש. על, זי בויט זיכ, ווערט
פייַנ פארפוצט אונ נעמט אָנ אנ אָנשטענדיקנ אויסזענ פונ א גובערניִאלער
שטאָט. די באוועגונג פונ קאפיטאל רופט ארויס צומ לעבנ האנטווערקערישע פראָ-
דוקציעס, וועלכע האָבנ ביז דאנ קוימ עקזיסטירט, רופט ארויס צומ לעבנ נייַע
מעלאָכעס, קעדיי צו באפרידיקנ די באדערפענישנ פונעמ נייַ-געבוירענעמ
קלאס פונ רייַכע סאָכרימ אונ דעמ פארשיידנארטיקנ אוילעמ, וואָס איז צוגע־
צויגנ געוואָרנ אהער פונעמ טומל פונ פארשיידענע האנדל־אָפעראציעס. באמ
איצטיקנ מאָמענט זייַנענ די גאָלדענע טעג פונ אונדזער שטאָט א זאכ פונ
דער פארגאנגענהייַט, די האנדל־אונטערנעמונגענ,וועלכע האָט זיכ שנעל אנטוויקלט,
האָבנ געפלאצט ווי זייפנבלאָזנ אינ פארלויפ פונ אוועלכע 2—3 יאָר. די שטאָט,
וועלכע האָט דערגרייכט אינ איר האנדל-אנטוויקלונג א געוויסע הייכ, האָט
זיכ אָפגעשטעלט אונ אָנגעהויבנ שטיל ווערנ. עס איז אינטערעסאנט אָפצומערקנ,
אז קיינ פאבריק-לעבנ האָט די דאָזיקע באוועגונג אינגאנצנ ניט ארויסגערופנ,
אפילע ניט אָנגערירט. איצט שטעלט האָמעל מיט זיכ פאָר א מיטעלע שטאָט פונ
מייַרעוו-געגנט, א געגנט רירעוודיקע אינ האנדל אונ גאָר. ווי אינ אלע אזעלכע
שטעט, איז פאראנ א גרויסע צאָל פארשיידנארטיקע האנטווערקער-ווארשטאטנ; די
דורכשניטלעכע נאָרמע פונ דער צאָל ארבעטער אינ א ווארשטאט איז 2—3; די
אלגעמיינע צאָל ארבעטער, וואָס זייַנענ פארנומענ אינ מעלאָכע, דערגרייכט
800 מענטשנ; עס זייַנענ אויכ פאראנ אייַזנבאנ־ווארשטאטנ מיט 1000 ארבע־
טער; אינ דער פאָרשטאָט בעליצע געפינט זיכ א שוועבעלעכ-פאבריק, ווו עס
ארבעטנ ביז 400 מענטשנ; עס זייַנענ פאראנ אייניקע קליינע זאוואָדנ (פונ משו-
הונ-גיסערייַ, פונ שטריק א. א.), וועלכע דערמאָנענ לויט דער צאָל ארבעטער גיכער
ווארשטאטנ פונ מיטעלער גרייס אונ פארדינענ דעריבער ניט קיינ אופמערק-
זאמקייַט. אָט איז דער גאנצער סאכאקל פונעמ ווירטשאפטלעכנ לעבנ פונ אונ־
דזער שטאָט, אפ וויפל עס אנטפלעקט זיכ אינ דער פראָדוקציע. אנטשפרעכנ־
דיק דער דאָזיקער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, איז צוגלייַכ מיט איר גע-
גאנגענ די אנטוויקלונג אונ וווּקס פונ אונדזער ארבעטער-באוועגונג. איידער
מיר טרעטנ צו אויספירלעכ צו באשרייַבנ די באוועגונג, דארפנ מיר אָפמערקנ
איר אויסנעמלעכנ כאראקטער, וואָס דעריבער, ניט געקוקט אפ איר באשיי-
דע.עמ פארנעמ, קאָנ זי פאָרשטעלנ א געוויסנ אינטערעס.

די ארבעטער - באוועגונג, איר טעאָרעטישע באגרינדונג אונ
פלאנמעסיקע ריכטונג איז אינ א פארטיקער, פונ פריִער בוילעט-אויס-
געארבעטער פאָרמע אריַינגעטראָגנ געוואָרנ דורכ אינטעלי־
גענטנ אינ דער ארבעטער־סוויווע, ווי דער לייענער וועט זענ וויַיטער. טראָט
נאָכ טראָט, בעהאדראָגעדיק, דורכ צווייפלענ, גיט-קלאָרקייַט אונ אומבאשטימט-
קייַט, איבערייַסנדיק זיכ אונ ווידער דערשייַנענדיק, האָט זיכ אויסגעארבעט דער
סאָציִאל-דעמאָקראטישער באוווסטזייַנ פונ די אינטעליגענטנ צוגלייַכ מיט דער

אנטוויקלונג פון די ערשטע ניט קלאָרע, קוים באמערקבארע שפּורן פונעם ארבעטער־באוווסטזיַין, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זיַין עקאָנאָמישן קאמף. דער טעאָריע, וואָס האָט געהאלטן אין קלאָר אויסארבעטן זיך, איז אויסגעקומען שטענדיק שעפּן קויכעס, זיך צופּאסן צום דערוואכנדיקן באוווסטזיַין פון די ארבעטער, ווירקנדיק קעגנזיַיטיק אפּ אים, ד. ה. דערקלערנדיק און אָנפירנדיק מיט אים. נעמענדיק נאָך אין באַטראכט, אז אין אויסארבעטן די טעאָריע זיַינען פונעם ערשטן טאָג אָן אין די רייען פון די אינטעליגענטן געווען אויך ארבעטער, קען מען דרייסט זאָגן, אז די האָמלער ארבעטער־באוועגונג איז ווירקלעך אן ארבעטערישע, פלייש און בלוט פון די ארבעטער זעלבסט אין זייער מאטעריעלער און אינטעלעקטועלער אנטפלעקונג, פון קיינעם פון דרויסן ניט אריַינגעטראָגן און ניט אָנגענומען.

ביז 1893 יאָר איז אפילע ניטאָ קיין סימען פון אן ארבעטער־באוועגונג. דאָס האָט זיך אויסגעדריקט ניט נאָר אין דעם, וואָס צווישן די מאסן האנטווערקערישע ארבעטער איז ניט געווען קיין שום באגריף וועגן זייערע עפּעס א באזונדערער לאגע און אינטערעסן. עס זיַינען ניט געווען קיין שום שטרעבונגען ארויסצוגיין פון זייער לאגע, נאָר אויך אין דעם, וואָס אין די באַגריפן פון די אינטעליגענטישע קריַיזלעך, וואָס זיַינען געווען צו יענער ציַיט, האָט אינגאנצן געפעלט יעדע פאָרשטעלונג וועגן דעם ארבעטער, ווי וועגן א וועלכער עס איז רעאלער קראפט, וואָס האָט א באדיַיטונג אין קאמף.

דער זאפּאס פון די אידייעס אין די קריַיזלעך איז באשטאנען: פון איין זיַיט אינעם ייִדישן נאציאָנאליזם, וואָס עס האָבן ארויסגערופן צום לעבן דאָס ארויסטריַיבן פון מאָסקווע און אלעקסאנדער דעם דריטנס גאנצע סיסטעם פון פארפאָלגן די ייִדן, פון דער צווייטער זיַיט, אין עפּעס אן אומבאשטימטעס, וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט א מין פאָרמלאָזן געמיש פון פארשיידענע ברעקלעך שלעכט־פארשטאנענעם ליבעראליזם און פאָלקיזם. דאָס האָט פאָרגעשטעלט מיט זיך אן אומבאשטימטן דראנג, וואָס איז פארטראָגן געוואָרן דורך דער לערן־יוגנט פון די הויפּט־שטאָטישע צענטערס, צו באפריַיען זיך פונעם צארישן דעספּאָטיזם, וועלכער האָט אָבער אין האָמעל, ניט האָבנדיק קיין אָנווענדונג, פארוואנדלט זיך אין א פּוסטער פלאפלעריַי.

אין אָקטיאבער 1893 הייבט זיך אָן אין די אינטעליגענטישע קריַיזלעך עפּעס צו באוועגן, צו יענער ציַיט האָט זיך אין מינסק געבילדעט א קריַיזל, וואָס האָט ארויסגעשטעלט א באשטימטע סאָציאל־דעמאָקראטישע טעטיקיַיט־פּראָגראם; אונטער געוויסע אומדירעקטע ווירקונגען פון יענעם קריַיזל, ווערט בא אונדז געשאפן א קריַיזל פון 12 מענטשן, וווּהין עס איז אריַין א געוויסער טייל פון דער אָרטיקער אינטעליגענץ און עטלעכע ארבעטער. וואָס האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט ווי א טעאָרעטיש־פארייניקטע גאנצע דער דאָזיקער קריַיזל, וואָס פאר א טעטיקיַיט־פּראָגראם האָט ער ארויסגעשטעלט, קעגן וואָס פאר א שלעכטס האָט ער געוואָלט קעמפן — איז גאנץ שווער צו זאָגן שוין צוליב דעם אליין, וואָס דעם קריַיזל אליין איז עס געווען ניט אינגאנצן גוט באוווסט. ניט וועגן קיין שום פעסטע און בוילעט־באזיניקטע איבערציַיגונגען, ניט וועגן קיין שום באשטימטער טעטיקיַיט קאָן קיין רייד ניט זיַין. דאָס איז

געווען א קרייַזל פון מענטשן, וואָס וויסן ווייניק, וואָס רייַסן זיך, שטרעבן צו עפּעס, וואָס דערקלייַבן זיך, טאַפּנדיק איך דער פינצטער, צו א וועלכער עס איז וועלטאָנשויונג, צו א וועלכן עס איז פעסטן וועג פון גייַסטיקן לעבן. זיי פלעגן זיך אָפּט צוזאמענקומען, לייענען די נייַסטע ווערק פון בעלעטריסטיק, ארטיקלען פון די גאנגבארע זשורנאלן, זיי האָבן געלייענט מיט כיישעק אויך אומלעגאלע ליטעראטור, האָבן גערעדט וועגן דער אומגערעכטיקייַט אף דער ערד, וועגן דער הייליקייַט פון לעבן, וועגן דער אונטערגעדריקטער לאגע פון די ארבעטער, וועגן דעספּאָטיזם פון צאריזם, פלעגן אנאליזירן טאָלסטויען, זיי האָבן זיך אפילע פארכאפּט מיט אים, האָבן גערעדט וועגן דער נייטיקייַט פון קאמף, וועגן פלאנמעסיקער ארבעט, וועגן טאטן, אָבער די ווערטער זייַנען טאקע מער ניט ווי פארבליבן שיינע און קלינגענדיקע ווערטער, ווייַטער פון וואָס זיי האָבן אף א פאטאלן אויפן ניט געקענט גיין, ווייַל קעדיי צו ארבעטן פלאנמעסיק, דארף מען פריִער באשטימט וויסן, וואָס מע וויל, מע דארף באזיצן כאָטש וועלכע עס איז באזיניקטע, פעסט-באנומענע איבערצייַגונגען, וואָס זיי האָבן ניט געהאט. דאָס זייַנען אפילע ניט געווען קיין זעלבסט-בילדונג-קרייַזלעך, דערפאר ווייַל קיין שום ערנסטע סיסטעמאטישע פארנעמונגען זייַנען דאָרטן ניט פאָרגעקומען. דער דאָזיקער קרייַזל האָט אָבער א באדייַטונג דערפאר, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר דעם ערשטן פרווו צו פארייניקן מענטשן צווישן זיך פאר א געמיינזאמער אָפּאָזיציאָנעלער ארבעט, דעם אָנהייב פון א קומענדיקער אָרגאניזירטער גרופּע, וואָס איז דערוואקסן צו דער סאָציאַל-דעמאָקראטישער פּראָגראם און וואָס שטייט אינדערשפּיץ פון דער ארבעטער-באוועגונג. א צווייטע מער וויכטיקע באדייַטונג פונעם דאָזיקן קרייַזל איז דאָס, וואָס ניט געקוקט אף דער גאנצער טונקלקייַט און ניט קלאָרקייַט פון זייערע סאָציאַלע שטרעבונגען און פארלאנגען, ניט געקוקט אף דער ווירקלעך אומגעהייערער פילפארביקייַט און פארשיידנארטיקייַט פון די בארירטע טעמעס און פראגעס, האָט אינעם קרייַזל איבער אלץ געהערשט דער ארבעטער. די דעבאטן וועגן אים, וועגן זייַן לאגע, איז געווען די אקס, ארום וועלכער אלץ האָט זיך געדרייט, דער פייַער, וואָס צינדט אלץ אָן, די שטראלן, וואָס גיבן ליכט און שייַן צו אלץ, וואָס עס קומט דאָרט פאָר. צי איז עס געווען א צייכן פון דער צייַט, צי איז עס פאָרגעקומען אונטער דער ווירקונג פון די יעדיִעס, וואָס האָבן זיך פארשפּרייט וועגן דער ארבעטער-באוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין אנדערע שטעט,—ווי עס זאָל ניט זייַן, וועגן דעם ארבעטער האָט מען גערעדט, איבער זייַן לאגע האָט מען זיך פארטראכט מער ווי וועגן אלץ, און דאָס האָט ביסלעכווייַז געבראכט צו דעם, אז די אינטערעסן פון די ארבעטער און דאָס פארבעסערן זייער האָפענונגלאָזע לאגע, איז געוואָרן א געזעלשאפטלעכער „קרעדאָ״ פארן קרייַזל, וואָס האָט זיך פאנאנדערגעוויקלט. מיטן דאָזיקן קרייַזל שעפּט זיך אויס דאָס לעבן פון יענער צייַט. צוגלייַך מיט דער אנטוויקלונג פונעם קרייַזל הייבן זיך אָן אנטפּלעקן אויך די ערשטע שפּורן פון באוווסטזייַן צווישן די האנטווערקערישע ארבעטער, עס דערפילט זיך עפּעס א שטילע אומצופרידנקייַט מיט דער אייגענער לאגע, מיט איין וואָרט, עס אנטשטייט אן ארבעטער-באוועגונג. פאָרגעקומען איז עס צוליב צוויי אורזאכן: די ערשטע — אייניקע ארבעטער, וואָס זייַנען ארייַן אין קרייַזל, האָבן

אויכ, ניט געקוקט אפ דעמ, וואָס די מיטגלידער-אינטעליגענטנ זײַנענ ניט אפ קיינ סאכ געשטאנענ העכער אינ אינטעלעקטועלער הינזיכט, ניט געקענט ניט פילנ דעמ פרוכטבארנ אײַנפלוס פונעמ קרײַזלדיקנ לעבנ: אלגעמיינע פארזאמלונגענ, שמועסנ, דעבאטנ, פאָרלעזונגענ אונ אנאליז פונ דאָס געלייענטע — דאָס אלצ האָט ניט געקענט ניט קריסטאליזירנ זייערע נעפלדיקע אָנשויונגענ צו יענער צײַט אפ גאָטס וועלט, זיי האָבנ ניט געקענט אינ אלגעמיינ ניט אופהייבנ זיי העכער פונ זייערע וואָכעדיקע טאָג-טעגלעכע אינטערעסנ. אפ אזא אויפנ האָבנ זיכ געשאפנ ארבעטער־אינטעליגענטנ, וועלכע זײַנענ געשטאנענ פיל העכער פונ דער גאנצער מאסע, זיי האָבנ שוינ גוט דערקענט דעמ דרוק אונ גוירל פונ דעמ ארבעטערס לאגע; אפ אזא אויפנ האָבנ זיכ באוויזנ די ערשטע אגיטאטערס, וועלכע האָבנ שוינ געקענט ווירקנ אפ דער איבעריקער האנטווערקערישער מאסע; די דאָזיקע אגיטאטערס האָבנ געפונענ א פאסיקנ באָדנ אינ דער גרויער אומבאוווסטזיניקער מאסע צוליב אייניקע באזונדערע באדינגונגענ, אינ וועלכע עס געפינענ זיכ די האנטווערקער־ארבעטער ייִדנ, זיי זײַנענ דורכויס גראמאָטנע (אפ ייִדיש), א גרויסע צאָל פונ זיי שטרעבט צו וויסנ אונ אנטוויקלונג. אָט די, כאָטש אפילע פרימיטיווע קולטורעלקײַט, מאכט זיי מער פײַיק אופצונעמענ פארשיידענע אידייעס; דאָס איז א ריינ-נאציאָנאלע באזונדערקײַט; דער אלגעמיינער אָבער אונטערשיידנדיקער שטריכ, וואָס איז שוינ אייגנטימלעכ אינ אלגעמיינ דער האנטווערקערישער פראָדוקציע, באשטייט אינ דעמ, וואָס דער באשטאנד פונ די ארבעטער איז אינ דער העכסטער מאָס באוועגלעכ, אינ די ווארשטאטנ קומט פאָר א שטענדיקער אָפּפלוס פונ א געוויסער צאָל ארבעטער, וועלכע ווערט פארפולט מיט א נײַ-אָנגעפאָרענעמ עלעמענט. די דאָזיקע רעגולערע אומופהערלעכע באוועגונג פונ די ארבעטער פירט צו דעמ, אז די אידייע וועגנ קאמפ, וועגנ אָרגאניזאציע צווישנ ארבעטער, דארפ נאָר ארײַנגעוואָרפנ ווערנ אינ א וועלכער עס איז ארבעטער-סוויווע, ווי זי ווערט דורכ דעמ באוועגלעכנ עלעמענט פאנאנדערגעטראָגנ איבער אזעלכע ערטער, ווו מע האָט פריִער וועגנ אזעלכעס אינגאנצנ ניט געוווּסט. די דאָזיקע עמבריאָנענ פונ אנ ארבעטער-באוועגונג האָבנ זיכ אויסגעדריקט אינ פאָלגנדיקע פראקטישע רעזולטאטנ. אינ 1894 יאָר פארייניקנ די ארבעטער, מיטגלידער פונ קרײַזל, דעמ מאָלער־צעכ (א מענטשנ 30—35) אונ אָרגאניזירנ א שטרײַק, פאָדערנדיק העכערנ דעמ ארבעטלוינ. דער שטרײַק האָט געדויערט אָנדערהאלבנ וואָכנ אונ איז געוווּנענ געוואָרנ. כאָטש עס זײַנענ ביז דאנ געווענ קליינע שטרײַקנ, אָבער דאָס איז דער ערשטער שטרײַק, וואָס האָט זיכ געפירט לויט א פריִער באטראכטנ פלאנ. זומער דעמ זעלבנ יאָר איז אינ שליאָסער-צעכ, אונטער דער ווירקונג פונ דער אגיטאציע פונ די ארבעטער, מיטגלידער פונעמ קרײַזל, פאָרגעקומענ א שטרײַק. עס האָט פארשטרײַקט דער גאנצער צעכ מיט דער פאָדערונג צו פארקירצנ די ארבעט-צײַט. דאָס איז דער ערשטער פרווו צו אײַנרעגולירנ די ארבעט-צײַט. די שטרײַקער האָבנ אוועקגעשיקט א פעטיציע אינ דער רעמעסלענער אופראווע, זײַנענ אליינ, די גאנצע מאסע, אהינ אוועק, בעטנדיק די אופראווע זי זאָל זיכ אָננעמענ פאר זיי. זיי האָבנ זיכ דערשלאָגנ עס זאָל אײַנגעשטעלט ווערנ א 14־שאָיִקער ארבעט-טאָג. אונטער דער ווירקונג פונ די צוויי שטרײַקנ, האָט זיכ אינ א געוויסער צײַט ארומ אָנגעהויבנ טומלענ צווישנ די שנײַדער. מע האָט אגיטירט פאר פאר־

קלענערן דעם ארבעט־טאָג און פאר קרײַזל־פאַרנעמונגען. עס זײַנען פאָרגע־
קומען אייניקע קליינע שטרײַקן, וועלכע זײַנען אלע פארשפּילט געוואָרן. די
אגיטאציע, וואָס איז שלעכט און ניט ווי געהעריק אוועקגעשטעלט געוואָרן,
האָט זיך גיך אײַנגעשטילט, דער רעזולטאט אָבער איז געווען אזא, אז די
אגיטאצע האָט ארויסגערוקט צווישן די שנײַדער אייניקע מער ענערגישע און
באוווסטזיניקע ארבעטער, וועלכע האָבן אינגיכן ערנסטער און פארשטענדיקער
אָנגעהויבן אגיטירן זייער צעך פאר ניט ארבעטן די שאבעסצונאכטן. עס איז,
זעלבסטפארשטענדלעך, אז דער כאראקטער פון די דאָזיקע שטרײַקן איז גע־
ווען זייער א פּרימיטיווער: ניט נאָר די מאסע, וואָס איז געגאנגען נאָך אירע
אגיטאטערס, איז געווען אומבאוווסטזיניק, נאָר אפילע די אגיטאטערס אליין,
וואָס האָבן אָנגעפירט מיט איר, האָבן שלעכט פארשטאנען סײַ די טאקטיק,
בא וועלכער מע דארף זיך האלטן בײַם א שטרײַק, אזוי אויך דאָס, וויאזוי
מע דארף איבערהויפּט פירן אן אגיטאציע צווישן דער מאסע. אזוי האָט גע-
דויערט צוויי יאָר. דער קרײַזל פון 12 מענטשן איז אויסגעוואקסן ביז 30, דערבײַ
האָט זיך דער באשטאנד פונעם קרײַזל אָפּט געביטן. פאר דער צײַט איז דער-
גרייכט געוואָרן דאָס, וואָס דער קרײַזל האָט געמאכט א סאָף צו זײַנע אומ־
קלאָרע שטרעבונגען, וואָס האָבן כאראקטעריזירט פארשיידענע אופּבּרויזן, און
האָט בּוילעט באזיניקט די נייטיקײַט צו פירן אן ארבעט צווישן די ארבעטער,
די נייטיקײַט צו ריכטן זיי צום קאמף פאר זייער באפרײַונג. דערקענען דעם
עמעס וועגן א גרויסער האנאָכע איז אָבער גרינגער איידער אויסצופילן די
דאָזיקע האנאָכע אין א לעבעדיקער פאָרם; טעאָרעטיש באשליסן וואָס עס איז
צו טאָן, איז, נאטירלעך, ניט שווער, עס איז אָבער אן אנדער פראגע, וויאזוי
דאָס צו טאָן, וויאזוי דאָס צו פארווירקלעכן אין לעבן. מע האָט געקענט
קומען צום אויספיר, אז מע דארף ארבעטן אויסשליסלעך צווישן ארבעטער,
אָבער זיי האָבן זיך נאָר געדארפט נעמען פאר דער זאך, ווי זיי האָבן זיך
אָנגעשטויסן אף אזא גרויסער צאָל שטערונגען, וועלכע מע וואָלט געקענט בא-
זײַטיקן נאָר דורך א באשטימטער, פריער שטרענג־דורכגעטראכטער און פלאנ-
מעסיקער טאקטיק, וועגן וואָס עס האָט דאָ איבערהויפּט ניט געקענט זײַן קיין
רייד, ווײַל זיי האָבן ארויסגעוויזן אזא אומגעהייערע אומגעשיקטקײַט,
אז עס איז פּאָשעט צו וואונדערן זיך, ווען מע, באטראכט זייער פּראקטישע
טעטיקײַט פאר דער דאָזיקער צײַט. דאָס איז עפּעס א פארייניקונג פון אזוינס,
וואָס קען ניט פארייניקט ווערן, עפּעס א קרײַזלדיקס־מאסעווע, א געמיש פון
אגיטאציע מיט פּראָפּאגאנדע; מיט איין וואָרט, עס קרייצן זיך איבער אסאך
וועגן, וועלכע פירן אומעטום צו נישטיקע, רעזולטאטלאָזיקע רעזולטאטן. מע
רופט צונויף ארבעטער־פארזאמלונגען פון 100 מענטשן, אף וועלכע עס ווערט
שארף געשטעלט די פראגע וועגן... וועגן דער נייטיקײַט פון גראמאָטע פאר
די ארבעטער, ווי א conditio sine qua non פאר דער באוועגונג, אָרגא-
ניזירן צעכאָווע פּראָפעסיאָנעלע קאסעס, און די הויפּט־קויכעס גייען אוועק
אף צונויפשטעלן קרײַזל־פארנעמונגען, ווו מע לייענט וועגן קולטור־געשיכטע,
מע קלײַבּט פאנאנדער אי באָקלען, אי דארווינען, אי טאָלסטויען (א באזונדערער
ליבלינג פון דער האָמלער אינטעליגענץ), מע לייענט אלץ, וואָס עס מאכט
זיך, אָבער דאָס אלץ האָט א קנאפּע שײַכעס, אָדער קיין שום דירעקטע שײַכעס
ניט צו דער ארבעטער־זאך, און דאָך דערשלאָגט מען זיך עפּעס דערצו.

עס באקומענ זיכ, פארשטייט זיכ, אומדערוואַרטעטע אונ גלענצנדיקע קוריאָזנ:
צוליב דער אָפּוועזנהײַט פונ א מאסעווער אגיטאציע אונ צוליב דעמ אויכ פונ דער
מאסע אליינ, ווערנ די צעכאָווע קאמפּ-קאסעס פארפולט מיט אָפּצאָלונגענ פונ עס-
לעכע פערזאָנענ, פונ די מיטגלידער־אגיטאטערנ, די אָנפירער פונ דעמ צעכ; די קאסע
פארלירט אפּ אזא אויפנ איר רעאלע פּראָפעסיאָנעלע באדײַטונג אונ זיי ווײַזנ
זיכ ארויס איג דער העכסטער מאָס פאר ניט קיינ לעבנפייקע; דער קרײַזל
גופע הייבט אָנ צו דארנ אונ די צאָל פונ זײַנע מיטגלידער פאלט שנעל;
עס אנטשטייט, עמעס, א צווייטער קרײַזל פונעמ זעלבנ כאראקטער, אָבער
אימ טרעפט דער זעלבער טרויעריקער גוירל; צווישנ דער מאסע אנטשטייט
א שטארקע אומצופרידנקײַט מיט די אגיטאטערס, אלס רעזולטאט פונ דער
אגיטאציע ניט אפנ באָדנ פונ די עקאָנאָמישע אינטערעסנ, נאָר פונ די
קרײַזל-פארנעמונגענ אונ אנטוויקלונג, וואָס צוזאָגנדיק זיי גראמאָטע אונ
פארנעמונגענ, דערוועקנדיק אינ זיי שטרעבונגענ צומ וויסנ, באפרידיקט מענ
זיי איצט ניט; דער רעאלער עקאָנאָמישער קאמפּ שטילט זיכ אינגאנצנ אײַנ,
די גאנצע צײַט הערט מענ ניט ער זאָל זיכ מיט וואָס ניט איז ארויסווייזנ.
אינ אזא לאגע איז אדורכ דער 95 אונ 96 יאָר. פאר דער צײַט איז
געווענ איינ גרויסע פארזאמלונג פונ די אינטעליגענטנ פונ שטאָט אונ די
פאָרגעשריטענע ארבעטער מיטנ ציל אויסצוארבעטנ א וואָסערע עס איז בא-
שטימטע טאקטיק פונ טעטיקײַט. אפּ דער דאָזיקער פארזאמלונג איז קלאָר געוואָרנ,
אז די מערהײַט איז געשטאנענ פאר אנ אגיטאציע צווישנ די ארבעטער אפנ
באָדנ בלויז פונ עקאָנאָמישע אינטערעסנ, דערצו אפילע ניט אלגעמיינע, נאָר
פריוואטע, טאָגטעגלעכע, וועלכע די ארבעטער פילנ אמ שארפסטנ. ניט גע-
קוקט אפנ פארהעלטענישמעסיק גוטנ רעזולטאט פונ קלאָר מאכנ פאר די אינ־
טעליגענטנ די לאגע דע פאקטאָ, וואָס ביז איצט איז פאר זיי געווענ גאָר
ניט קלאָר, דאָכ האָט עס צו קיינ שומ זאכ ניט געבראכט אונ ווײַטער פונ
ספעקוליאטיווע אויספירנ אונ גוטע קאוואָנעס איז עס ניט אוועק. „מע דארפ

רניכטנ מיטנ וואָרצל דאָס אלצ, וואָס עס איז געטאָנ געוואָרנ אינ דער
האָמלער באוועגונג, לאָזנ, די צײַט זאָל עס אָפּווישנ אונ נאָכדעמ וועט מענ
קענענ עפּעס טאָנ". אזוי האָבנ זיכ וועגנ דער טעטיקײַט פונ יענער צײַט אָפּגע־
רופנ אייניקע אינטעליגענטנ, וועלכע האָבנ־זיכ קריטיש באצויגנ צו איר אונ וועלכע
האָבנ צולעצט צוזאמענגעשטעלט דעמ יאָדער פונ דער אָרטיקער סאָציאַל־דע-
מאָקראטישער אינטעליגענצ. די דאָזיקע אָפּשאצונג איז ניט אינגאנצנ פינקט-
לעכ, דערפאר ווײַל ניט אלצ האָט מענ געדארפט פארניכטנ. פונ דער דאָזיקער
לאנגער יוירונג האָבנ זיכ אויסגעארבעט צווישנ די ארבעטער אייניקע מענטשנ,
וועלכע האָבנ, דורכגייענדיק דורכ א ריי ספּייקעס, זיכ פארהארטעוועט ווי טוער
אונ האָבנ דערנאָכ געשפּילט א גאנצ אָנגעזעענע ראָליע אינ דער אלגעמיינ-רוס-
לענדישער באוועגונג.

איבערהויפּט דארפ מענ אָפּמערקנ, אז די האָמלער ארבעטער, שטרעבנדיק
פונ האָמעל, ווי פונ א ניט גרויסער שטאָט, צו די צענטערס, האָבנ זיכ צעשאָטנ אי-
בער פארשיידענע ראיאָנענ, ווו זיי האָבנ ניט ווייניק געארבעט פאר יענער אָרטי-
קער באוועגונג, צווישנ וועלכער זיי האָבנ זיכ געפונענ; אונ אינ דער כראָניק פונ
רעוואָליוציאָנערנ קאמפּ פארנעמענ די נעמענ פונ די האָמלער ניט דעמ
לעצטנ אָרט.

זומער 1897 יאר שאפט זיך צום ערשטן מאל א גרופע אינטעליגענטן מיט א באשטימט איינגעשטעלטן ציל ארויסצורופן אין שטאט אן ארבעטער-באוועגונג. די גרופע איז ארויס פון יענער גרונט-האנאכע, אז די ארבעטער-באוועגונג קען נאר דאן גיין דערפאלגרייך, אויב מע זאל זיך האלטן בא מאסעווער אגיטאציע, וועקנדיק אין איר די קלאסן-אינטערעסן, מיטן אנווייזן אף די אינטערעסן פון מאמענט, וואס ווערן אמאפטסטן אנגערירט. זי האט זיי אנגעהויבן דריבער ארגאניזירן פראפעסיאנעל, ד. ה. לויט די צעכן; די ארגאניזירטע צעכן האבן געדארפט האבן זייערע צעכאווע קאמפ-קאסעס; יעדער צעך האט געהאט זיין אנפירער אדער פארשטייער, עס זיינען בא זיי געווען אויך פארזאמלונגען פון די אגיטאטערס, ווו עס פלעגן באהאנדלט ווערן פראגעס, וואס האבן א שייכעס צו אלע צעכן, ווען פארבעסערן די אגיטאציע א. אז. וו. דאך איז אבער די דאזיקע פינקטלעכקייט און גאנצקייט מער שייעך דער נאמענקלאטור, ווי דאס איז געווען אין דערווירקלעכקייט. די יונגקייט פון דער באוועגונג, די אפוועזנהייט פון דערפארונג, א געוויסע מייגונג-פארשיידנהייט, וועלכע האט זיך נאך אלץ באמערקט צווישן דער גרופע איבער די סאמע גרונט-פראגעס פון דער פראגראם און טאקטיק,—דאס אלץ האט זיי שטארק געשטערט רעגולער און פרוכטבאר צו ארבעטן איבער דאס פארטראכטע און אנגעמערקטע. דאך זיינען פארן זומער ארגאניזירט געווארן 5 צעכן פון 100—200 מענטשן, עס זיינען אויך געווען אייניקע קליינע שטרייקן אין אייניקע באזונדערע ווארשטאטן. די מייגונג-פארשיידנהייטן און ניט צונויפגעשטימטקייט אין דער פראגראם צווישן די מיטגלידער פון דער גרופע, וואס האט זיך אנטפלעקט אלץ מער, וואס שטארקער עס האט זיך פארנאנדערגעוויקלט די באוועגונג און מיט וואס מער פארשיידנארטיקע פראגעס עס איז זיך אויסגעקומען אנצושטויסן, האט שנעל ארויסגערופן די נויטווענדיקייט אפצורייניקן די גרופע פון אייניקע ניטאיינשטימענדיקע עלעמענטן און נאכמער פארייניקן דאס איבעריקע, וואס איז אייַנשטימיק. דאס איז פארגעקומען אין הארבסט פונעם זעלבן יאר. די ארטיקע סאציאל-דעמאקראטן האבן זיך ענדגילטיק פאראייניקט, ווי א גרופע, וואס האט זיך געשטעלט אינדערשפיץ פון דער אופקומבנדיקער ארבעטער-באוועגונג, די דאזיקע גרופע זעצט פאר איר טעטיקייט לויט א געוויסער טראדיציע אויך איצט. די גרופע האט אויסגעארבעט א גענויע פראגראם פון איר טעטיקייט, א גענויע טאקטיק, בא וועלכער זי דארף זיך האלטן. די גרונט-האנאכע פון דער פראגראם איז געווען דאס, וואס פאר דער דערפאלגרייכער אנטוויקלונג פון דער באוועגונג, האט מען געהאלטן פאר נויטווענדיק: 1) די אגיטאציע צווישן די מאסן דארף זיין פון א ריין עקאנאמישן כאראקטער; 2) די ארגאניזאציע פון די ארבעטער דארף זיין א צעכאווע לויט זייערע פראפעסיאנעלע אפילע טאגטעגלעכע אינטערעסן, 3) די פארם פון קאמף פון די ארבעטער פאר זייער פארבעסערונג דארף זיך אויסדריקן אין שטרייקן. ווייטער איז מען דערווייל ניט געגאנגען. קעדיי צו קאנצענטרירן די קויכעס אין איין ריכטונג, זיינען אופגעהערט געווארן אלע ארבעטן פון פראפאגאנדע, ארגאניזירן קרייזלעך פאר אנטוויקלונג, פארשפרייטן גראמאטע א. אז. וו. דאס אלץ איז איצט אפגעווארפן געווארן ווי ניט נייטיקס, וואס שטערט נאר, וואס ווענדט אפ פון דירעקטן קאמף, וואס פארטונקלט דעם קלאסן-באוווסטזיין פון דער מאסע. עס פלעגן פארקומען פארלעזונגען, אבער ניט קיין קרייזל-

דיקע, נאָר צעכאָווע, ד. ה. מע האָט געלײענט מיט די ארבעטער פונ יעדנ צעכ באזונדער, װײַל מע האָט געהאלטנ פאר נײטיק באַם לײענענ דערמאָנענ די ארבעטער װעגנ זײערע צעכאָװע אינטערעסנ, אז זײַנ לאגע זאָל דינענ פאר אנ אילױסטראציע פונ די געדאנקענ, װעלכע דער פאָרלײענער האָט אױסגעלײגט. די הױפט־טעטיקײַט אָבער פונ דער גרופע איז געװענ געװענדעט אפ צו װערבירנ אלצ א גרעסערע אונ גרעסערע צאָל אָרגאניזירטע ארבעטער אינ צײַכ אונ ארומכאפנ אינ דער אָרגאניזאציע אלצ א גרעסערע אונ גרעסערע צאָל צעכנ. באַם דערגרײכנ א געװיסע נישקאָשעדיקע צאָל אָרגאניזירטע מיטגלידער אינ צעכ האָט מענ גערעכנט ארױסטרעטנ אױכ מיט א פראקטישנ קאמפ, ד. ה. אָנהײבנ א שטרײַק. דער גרופע האָט זיכ אײַנגעגעבנ פארנ װינטער אָרגאניזירנ קימאט אלע צעכנ. גאטירלעכ, איז די צאָל מיטגלידער אינ יעדנ צעכ געװענ א גאנצ באגרענעצטע; אלע אָרגאניזירטע צעכנ האָבנ געהאט זײערע קאמפ־קאסעס, ניט קײנ פיקטיװע, נאָר װירקלעכע. אינגיכנ איז פאָרגעקומענ א שטרײַק צװישנ די סטאָליארעס, אינ װעלכנ עס האָבנ אָנטײלגענומענ א מענטשנ 20—25. עס זײַנענ ארױסגעשטעלט געװאָרנ פאָלגנדיקע פאָדערונגענ: אָפשאפנ שטיק־ארבעט, העכערנ די װאָכ-סכירעס אומגעפער אפ 40 פראָצ., א נאָרמירטנ ארבעט־טאָג פונ 14 שאָ, מיט אנ איבערײַס פונ 1 שאָ אפ מיטיק. די שטרײַקער האָבנ זיכ געהאלטנ אױסגעצײכנט אונ קימאט אלע זײערע פאָדערונגענ זײַנענ באפרידיקט געװאָרנ. דער דאָזיקער שטרײַק איז געװענ אנ אָנהײב פאר א נײַער פאזע פונ דער באװעגונג, ער האָט ארױסגערוקט די פראגע װעגנ פאָליטישער אגיטאציע, װײַל אינעם שטרײַק, אינ די סיכסוכים צװישנ די באלעבאטים אונ די ארבעטער האָט זיכ ארײַנגעמישט די פאָליציי. ביז יענער צײַט איז די פאָליציי אונ די זשאנדארמעריע אינגאנצנ געשטאנענ אָנאזײַט אונ האָבנ ניט געשאָנקענ קײנ אופמערקזאמקײַט עפעס רײַסעניש דאָרט צװישנ די „זשידאָװסקע“ באלעבאטים אונ די ארבעטער. אָבער דער קלאסנ-באװוסטזײַנ פונ די באלעבאטים. װעלכער האָט זיכ גיכ ארױסבאװיזנ, האָט געצװוּנגענ אױכ די פאָליציי אנדערש א קוק טאָנ אפ דעם אונ אָרױסגײנ פונ איר אומטעטיקער באציִונג. די באלעבאטים האָבנ גיכ באנומענ, אז דער ארבעטער, װאָס „בונטעװעט“ קעגנ זײ, כאָטש ער איז מיט זײ פונ אײנ גלױבנ, איז זײער סױנע, אונ דעריבער זײַנענ אינ קאמפ מיט אים דערלױבט אזעלכע מיטלענ, װאָס א פרומער ייִד װאָלט זיכ גאָר ניט געקענט פאָרשטעלנ בענעגײע זײַנ מיטברודער; װי נאָר די ארבעטער האָבנ פארשטרײַקט, האָבנ די באלעבאטים גלײַכ געװענדט זיכ צו דער פאָטערלעכער הילפ פונ דער פאָליציי, ד. ה. זײ האָבנ זיכ געקלאָגט פארנ פאָליצמײסטער. זעקס שטרײַקער זײַנענ ארױסגעפאָדערט געװאָרנ אינ דער פאָליציי, װוּ מע האָט זײ אָפגעהאלטנ א טאָג, קעדײ צו צװינגענ זײ בארויִקנ זיכ; אפ מאָרגנ האָט מע זײ אָבער ארױסגעלאָזנ אָנ װײַטערדיקע רעזולטאטנ. עס זײַנענ געמאכט געװאָרנ פרוּװנ פונ אגיטאציע אינ די אײַזנבאנ-װארשטאטנ אונ אפ דער שװעבעלעכ-ז.

מע דארפ אָפמערקנ נאָכ אײנ באזונדערקײַט, װאָס איז דאנ געװענ אינ דער אָרגאניזאציע. ביז יענער צײַט, װענ די הױפט־אופמערקזאמקײַט איז געװענ געװענדעט ניט אפ דער מאסנװער אגיטאציע, נאָר אפ פראָפאגאנדירנ פונ באזונדערע אױסגעצײכנטע ארבעטער, האָט זיכ די גאנצע אגיטאציע געפירט קימאט אױסשליסלעכ אפ דער רוסישער שפראכ, די ליטעראטור, װאָס מע האָט

פארשפרייט, איז אויכ געווענ א רוסישע, אפ די סכאָדקעס, פארזאמלונגענ האָבנ זיכ אלע דיסקוסיע־פראגעס, אלע דעבאטנ געפירט אפ דער רוסישער שפראכ; איצט אָבער, ווענ מע האָט זיכ פארנומענ מיט אגיטירנ די מאסע, וועלכע האָט אינ די מערסטע פאלנ ניט געקענט קיינ רוסיש, האָט מענ זיכ גיכ איבערצײַגט, אז עס האָט קיינ זינ ניט צו אגיטירנ די מאסע אפ א שפראכ, וואָס איז איר ניט באקאנט, מע קענ איר ניט געבנ קיינ ליטעראטור, וועלכע זי קענ ניט לייענענ, אונ דעריבער איז אײַנגעפירט געוואָרנ א נײַ־פירנ די אגיטאציע צווישנ דער מאסע אפ דער יידישער שפראכ, ליטעראטור פארשפרייטנ מערסטנטייל אויכ א יידישע.

אָנהייב ווינטער האָט א דעלעגאציע פונ „בונד", וועלכער האָט זיכ דעמלט געשאפנ, פאָרגעלייגט אונדזער שטאָט זיכ אָנצושליסנ, אָבער צוליב געוויסע סיבעס, טיילווײַז צוליב דעמ טעאָרעטישנ פאנאנדערגיינ זיכ מיט די האנאָכעס פונ דער גרופע, איז דער פאָרשלאָג אָפגעוואָרפנ געוואָרנ.

דעמ 22־טנ יאנואר 1898 יאָר איז אונדזער קלײנבירגערלעכע שטילקײַט אופגעטרייסלט אונ אופגערודערט געוואָרנ, אומגעווײנלעכע געשעענישנ זײַנענ פאָרגעקומענ אינ שטאָט: באנאכט זײַנענ געמאכט געוואָרנ אונטערזוכונגענ אונ איינער איז ארעסטירט געוואָרנ. די פאָליציי אונ די זשאנדארמעריע ד ווי עס ווײַזט אויס, ענדגילטיק באשלאָסנ ארויסצוגײנ אינ קאמפ קעגנ די שעדלעכע אגיטאטערס פונ שעדלעכע אידייעס צווישנ די ארבעטער. קוקנ אָפ דעמ ווײַטער פונ אויבנ אראָפ, ווי פריִער, איז געווענ ריזיקאליש, ווײַל מע האָט געקענט באקומענ אנ אויסרייד פאר ניט זאָרגנ זיכ אונ שוואכער טעטיקײַט. אונ אָט האָבנ זיי אָנגעהויבנ ווערנ טעטיק, זיי האָבנ אָנגעהויבנ שארפ נאָכשפירנ נאָכ די בונטאָווטשיקעס־דעמאָקראטנ, לויט דער נאָמענקלאטור פונ דער שטאָט, עס האָבנ זיכ באוויזנ שפיאָנעס, די דאָזיקע קראָענ, וואָס פליִענ זיכ צוזאמענ פונ אלע עקנ, ווענ עס הייבט זיכ נאָר אָנ דער קאמפ פונ די ארבעטער. דער אָרטיקער גרופע איז געוואָרנ געפערלעכ זיכ פארבינדנ דירעקט מיט די ארבעטער, די קאָנספיראציע האָט זיכ געמוזט פארשטארקנ; דערבײַ איז די וואקסנדיקע באוועגונג געוואָרנ מער קאָמפליצירט, זי האָט אָנגעהויבנ אײַנשלינגענ מער קויכעס אונ צײַט, צוליב וואָס עס האָט זיכ געשאפנ א נויטווענדיקײַט אינ צעטיילנ די ארבעט, דעריבער קומט פאָר אינ דער אָרגאניזאציע פאָלגנדיקע ענדערונג: פונ די בעסטע, מער באוווסטזיניקערע ארבעטער ווערט אָרגאניזירט א קאָמיטעט, וועלכער דארפ אכטונג געבנ אונ אָנפירנ מיט דער באוועגונג איבער די צעכנ. אינ קאָמיטעט זײַנענ בײַגעווענ עטלעכע אינטעליגענטנ, וועלכע האָבנ אָנגעפירט מיט די פארנעמונגענ אונ האָבנ געדינט אלס דורכפירער פונ יענע באשלוסנ, וועלכע זײַנענ צוערשט אָנגענומענ געוואָרנ אפ די פארזאמלונגענ פונ דער גרופע.

דערווײַל האָט די פראגע וועגנ פאָליטישער אגיטאציע, וואָס איז ארויסגערוקט געוואָרנ דורכנ שטרײַק פונ די סטאָליארעס אונ וואָס איז פארשטארקט געוואָרנ דורכנ ארעסט אונ די אונטערזוכונגענ, געפאָדערט א לייזונג אונ די גרופע האָט זי געלייזט פאָזיטיוו: אינגיכנ האָט זיכ אָנגעהויבנ אזא אגיטאציע אפילע צווישנ דער מאסע, באמ אגיטירנ האָט מענ זיכ אָבער שטרענג געהאלטנ בא דעמ מעטאָד, אז זי דארפ ניט זײַנ קיינ deus ex machina, זי דארפ זיכ ניט ארײַנרײַסנ ווי א זײַטיקער אונ פרעמדער עלעמענט אינעמ אלגעמיינעמ גאנג פונ דער עקאָנאָמישער אגיטאציע; דער פאָליטישער באוווסטזײַנ

דארפ ארויסדרינגענ פונ פארשטיינ דעמ עקאָנאָמישנ קאמפ, ווי א באדינג, אָנ וועלכנ דער לעצטער איז ניט מעגלעכ, ער האָט געדארפט זײַנ דער ווײַטערדיקער רונג אינ דער קייט פונ שטענדיקער אנטוויקלונג פונעמ ארבעטערס באוווסטזײַנ, שטיצנדיק זיכ אפנ אלמעכטיקנ באזיס פונ יענער צײַט: אפנ עקאָנאָמישנ באוווסטזײַנ פונ דער מאסע.

עס האָט זיכ דערנעענטערט דער ערשטער מײַ. ארויסטרעטנדיק אפנ וועג פונ פאָליטישער אגיטאציע, האָט די גרופע געדארפט אָרגאניזירנ די פײַערונג פונ 1־טנ מײַ, אונ דאָס איז געטאָנ געוואָרנ. קיינ שומ גלענצנדיקס, גראנדיעזעס איז דאָ ניט געווענ, קיינ דעמאָנסטראציעס האָט מענ ניט דורכגעפירט, נאָר פונ דעסטוועגנ איז דאָ אסאכ פריידיקס, ליכטיקס אונ גוטס אינ דעמ דאָזיקנ באשיידענעמ פײַערנ פונ די ארבעטער, אינ דעמ דאָזיקנ ערשטנ אופבליצ פונ שטראל פונ פאָליטישנ באוווסטזײַנ, באוווסטזײַנ פונ בירגערלעכנ מוט צווישנ דער ארבעטער־מאסע. דעמ ערשטנ מײַ באטאָג האָבנ זיכ הינטערנ שטאָט אפ א גרינער אָפענער לאָנקע אָנגעהויבנ צוזאמענקומענ ארבעטער אונ אָרבעטערנס, יאָנטעוודיק אָנגעטאָנ, מיט פריילעכע לויכטנדיקע פענימער. די, וואָס זײַנענ אָנגעקומענ, זײַנענ געלאָפנ אנטקעגנ די פארשפעטיקטע כאווײרימ, האָבנ זיכ געקושט, דער פאָנימ־אויסדרוק איז געווענ אזא, ווי ווענ עס ווערט אָפגעטאָנ עפעס פריילעכס אונ פײַערלעכס. עס זײַנענ זיכ צוזאמענגעקומענ א מענטשנ 250. די פארזאמלטע האָבנ געבילדעט א לעבעדיקנ קרײַז, אינ צענטער פונ וועלכנ איינ ארבעטער האָט פאנאנדערגעוויקלט א רויטע פאָנ, אפ וועלכער עס איז געווענ אָנגעשריבנ: „אכט־שאָיקער ארבעט־טאָג", „פאָליטישע פרײַהײַט", „פרײַהײַט, גלײַכהײַט אונ ברידערלעכקײַט". דער כאָר, וואָס איז געשטאנענ ניט ווײַט, האָט א זונג געטאָנ, אונ די מאסע האָט אונטערגעכאפט די שטארקע קלאנגענ פונ דער שוועע. די מעכטיקע קלאנגענ האָבנ זיכ געגאָסנ אינדערלופטנ, די שוועע פונ אזויפיל מענטשנ, אז זיי זײַנענ גרייט קעמפנ פאר זייער זאכ ביזנ לעצטנ טראָפנ בלוט, האָט געמאכט אנ אײַנדרוק. עס זײַנענ געזונגענ געוואָרנ מארסעליעזע אונ אנדערע רעוואָליוציאָנערע לידער. נאָכדעמ האָט מענ אָנגעהויבנ אופהייבנ טאָסטנ: פאר דער פאנאנדערבליִונג פונ דער אָרטיקער ארבעטער־באוועגונג, פאר דער אלגעמיינ רוסישער אונ צווישנפעלקערלעכער סאָציאל - דעמאָקראטישער פארטיי, פארנ אראָפווארפנ דעמ אבסאָליוטיזמ א.אז.וו. עס זײַנענ געהאלטנ געוואָרנ עטלעכע רעדעס, אונ דערמוטיקטע, אָפגעפרישטע איז מענ זיכ פאנאנדערגעגאנגענ אהיימ, אָפהיטנדיק אינ הארצנ יענעמ גוטנ דראנג אונ שטרעבונגענ, וואָס דער דאָזיקער יאָנטעוו האָט אינ זיי דערוועקט. באנאכט האָט די גרופע אינטעליגענטנ צוזאמענ מיטנ קאָמיטעט געפײַערט דעמ יאָנטעוו. אונ נאָכ לאנג וועלנ אלע, וואָס זײַנענ דאָרט געווענ, געדענקענ יענע גוטע אונ ליכטיקע מינוטנ, וואָס זיי איז אויסגעקומענ איבערצולעבנ. סײַ די אינטעליגענטנ, סײַ די ארבעטער האָט עס דערמונטערט צו ווײַטערדיקער ארבעט. די ארבעט איז פונ יענער צײַט ווירקלעכ אוועק מיט א מער שטארקערנ אונ אינטענסיוונ טעמפ. אזוי ווי טוער פונ דער אינטעליגענטער סוויווע פלעגנ זייער לאנגזאמ צוגעצויגנ געוואָרנ, האָט מענ געדארפט זאָרגנ וועגנ צוגרייטנ אזעלכע טוער פונ דער ארבעטער־סוויווע, קעדיי אינ פאל, אויב די אָרגאניזאציע וועט צעקלאפט ווערנ, זאָלנ זיי קענענ פארבײַטנ די, וואָס זײַנענ ארויסגעפאלנ פונ די רייענ פונ דער אָרגאניזאציע, אונ די בא-

וועגונג זאָל זיך אַפ אַזאַ אויפן ניט אָפּשטעלן. דערבייַ האָט מען גענומען רעכענען
אַז עס וועט זייַן פיל בעסער, אויב אין דער שפּיץ פון דער באַוועגונג וועלן
שטיין אַרבעטער. די אינטעליגענטן, וואָס די באַדייַטונג זייערע, ווי פון אַ צווייטן
קלאַס, וועמעס אינטערעסן עס פאַלן ניט צונויפ מיט די אינטערעסן
פון די אַרבעטער, זייַנען, ווי אַ באַוועגונג, דערפירט געוואָרן **ביז אַ** מיני-
מום אין יענער דערהויבענער צייַט. מיט דעם ציל האָט מען אויסגעקליבן 10
סאַמע בעסטע אַרבעטער און צונויפגעשטעלט אַ גרופּע, וועלכע מע האָט גע-
דאַרפט צוגרייטן צו דער ראָליע פון קומענדיקע טוער-אָנפירער. די אינטעליגענטע
גרופּע האָט צוזאַמען מיט דער אַרבעטער-גרופּע, וואָס האָט זיך געגרינדעט, געדאַרפט
באַהאַנדלען דאָס נייַע, וויכטיקע, וואָס איז נאָך ביז אַהער ניט אונטערגענומען גע-
וואָרן אין דער באַוועגונג, אויסזוכן מיטלען אַפ פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע,
אָרגאַניזירן דעם קאַמפ, זיך פאַנאַנדערקלייַבן אין די טאַקטישע און פּראָגראַמ-
פראַגעס, קעדייַ דורך אַ לעבעדיקן געדאַנקען- אויסטויש צווישן זיי און די
אינטעליגענטן, דורך אַ לעבעדיקער געמיינזאַמער פּראַקטישער אַרבעט,
אַ טעאָרעטישן און פּראַקטישן פאַרקער מיט די אינטעליגענטן, אויס-
אַרבעטן פון זיי גוטע פּראָפּאַגאַנדיסטן, גוטע און זעלבשטענדיקע אָנפירער
פון דער באַוועגונג. פון דאַנ אָן האָבן שוין געהאַט באַציִונגען מיטן קאָמי-
טעט ניט אינטעליגענטן, נאָר אייניקע אַרבעטער-גרופּעס, וואָרעם פאַר די
ערשטע איז עס געוואָרן געפערלעך צוליב דער פאַרשטאַרקטער וואַכזאַמ-
קייַט פונעם אויג פון דער נאַטשאַלסטווע. די אָנשויונגען פון דער גרופּע
האָבן זיך פאַרברייטערט. אָנשטאָט דער פריִערדיקער, אין אַ געוויסער מאָס גראָד-
ליניקער אויסשליסלעך עקאָנאָמישער אַגיטאַציע, האָט מען איצט אָנגעהויבן ווענדן
אַ פאַרשטאַרקטע אויפמערקזאַמקייַט אויך אַפ דער קולטורעלער אַנטוויקלונג פון
די אַרבעטער, מיט רעכט האַלטנדיק, אַז וואָס מער דער אַרבעטער ווייס, אַלץ מער
איז ער באַוווּסטזיניק; וואָס מער וויסן, אַלץ מער באַוווּסטזייַן, די דאָזיקע קולטור-
אַרבעט זאָל נאָר ניט אַוועק צו ווייַט, זאָל ניט אָפּרוקן דעם הויפּט-ציל: אויפ-
וועקן דעם קלאַסן-באַוווּסטזייַן. די אַרבעט האָט אָנגעהויבן קאָכן. אַלע אָרגאַ-
ניזירטע אַרבעטער זייַנען צעטיילט געוואָרן אַפ קרייַזלעך, מיט וועלכע מע האָט
זיך פאַרנומען; פאַר די מאַסעווע אַרבעטער האָבן געלייענט די גרופּעווע
אַרבעטער, פאַר די מער אינטעליגענט-אַנטוויקלטע אַרבעטער האָבן געלייענט
אינטעליגענטן, מע האָט אָרגאַניזירט קרייַזלעך פון מאַסעווע אַרבעטער
אַפ לערנען זיי גראַמאָטע; מע האָט באַשלאָסן: אַלץ, וואָס איז אויסגע-
צייכנט און אָנגעזען אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, סייַ דעם לעגאַלן, סייַ דעם
אומלעגאַלן, אונדזער רוסלענדישן און דעם מייַרעוודיקן, אינפאָרמירן די
אַרבעטער. סייַ די לעגאַלע, סייַ די אומלעגאַלע ליטעראַטור, האָט זיך
פאַרשפּרייט אין אַ גרויסער צאָל; איבער די צעכן האָט זיך געפירט די
ברייטסטע אַגיטאַציע; עס זייַנען געזאַמלט געוואָרן סטאַטיסטישע יעדיִעס
וועגן דער לאַגע פון די אַרבעטער, קעדייַ אַפן גרונט פון די באַקומענע יעדיִעס
פאַרשטאַרקן די אַגיטאַציע. די רעזולטאַטן האָבן זיך גלייַך געלאָזן פילן,
שטרייַקן האָבן אָנגעהויבן אויסברעכן איינער נאָכן אַנדערן, אָפט צו עטלעכע מיט-
אַמאָל. ווען קיין שטרייַקן זייַנען אַפילע ניט געווען, האָט זיך געפילט אַ קאַמפּ-
שטימונג, גלייַך די באַוועגונג וואָלט איבערגעלעבט איר האָניק-כוידעש פון קאַמפ.
שטרייַקן זייַנען פאָרגעקומען אין פאַרלויפ פונעם זומער אין פאָלגנדיקע פאַכן:

1. בא די שטעפער—זיי האָבנ געפאָדערט א 10־שאָיִקנ ארבעט־טאָג, דער שטרײַק האָט געדויערט אָנדערהאלבנ וואָכנ אונ איז געוווּנענ געוואָרנ, כאָטש דער ווארשטאט, אינ וועלכנ דער שטרײַק איז פאָרגעקומענ, האָט זיכ אינ א כוידעש ארומ אינגאנצנ פארמאכט. 2. בא די בערשטער איז דער שטרײַק פארשפּילט געוואָרנ. 3. צווישנ די שנײַדער, וואָס ארבעטנ אויס פארטיקע קליידער פאר די מאגאזינעס, די אזוי גערופענע „טאנדעטניקעס"; עס האָבנ אָנטיילגענומענ 30 מענטשנ, זיי האָבנ געפאָדערט: א) א 12־שאָיִקנ ארבעט־טאָג, ב) העכערנ דעמ געצאָלט. דער שטרײַק איז טיילווײַז געוווּנענ געוואָרנ: עס איז נאָרמירט געוואָרנ א 14־שאָיִקער ארבעט־טאָג, אָנשטאָט דעמ, פריִערדיקנ אומבאגרענעצטנ, שיר ניט פונ א קײַלעכדיקנ מעסלעס. דער דאָזיקער שטרײַק איז כאראקטעריסטיש מיט דער קאָאליציע, וואָס האָט זיכ געשאפנ בא די באלעבאטימ; זיי האָבנ געשוואָרנ אינ שול באמ אָרנקוידעש בעשומויפנ ניט נאָכגעבנ די ארבעטער, כאָטש זיי האָבנ פונדעסטוועגנ נאָכגעגעבנ. 4. מע האָט זיכ דערשלאָגנ, אז אינ אלע ווארשטאטנ האָט מענ אויפגעהערט צו ארבעטנ אינ די שאבעסצונאכטנ. 5. פאר די ייִדישע יאָנטויווימ פלעגט מענ צוליב דעמ, וואָס עס איז פאראנ אסאכ אונ אײַליקע ארבעט, אָנהייבנ ארבעטנ באנאכט, ביז שפּעט אינ דער נאכט, אינ עקסטרע פאלנ ביז טאָג; אונ אָט איצט, אינ הארבסט, איז צוליב דעמ פאָרגעקומענ א שטרײַק בא די שנײַדער גלײַכצײַטיק אינ זיבנ ווארשטאטנ (א מענטשנ 30—35). זיי האָבנ געפאָדערט א 14־שאָיִקנ ארבעט־טאָג, דער שטרײַק איז געוווּנענ געוואָרנ. 6. א ריי קליינע שטרײַקנ. דעמ זעלבנ זומער איז דורכ דער גרופּע אָנגעהויבנ געוואָרנ אנ ארבעט אינ די אײַזנבאנ־ווארשטאטנ. מע האָט פונ דאָרטנ פארווערבירט עטלעכע ארבעטער, מיט וועלכע מע האָט זיכ אָנגעהויבנ פארנעמענ. זיי טאקע פלעגנ צושטעלנ פונ די ווארשטאטנ יעדיִעס, וואָס זײַנענ געווענ נייטיק קעדיי לויט זיי צוזאמענשטעלנ א פלאנ פונ ארבעט צווישנ די אײַזנבאנ-ארבעטער. אינגיכנ האָט מענ אויכ אָנגעהויבנ פארשפּרייטנ ליטעראטור פונ א פּראָפּאגאנדיסטישנ אינהאלט: (אקסעלראָדס „ראבאָטשעיע דוויזשעניע", „טשטאָ טאקאָיע סאָציאל־דעמאָקראט", „צאר קאָלאָקאָל", „פונ וואָס איינער לעבט" א. אז. וו.). צוליב דעמ, וואָס עס זײַנענ ניט געווענ קיינ פּינקטלעכע יעדיִעס וועגנ זייער לאגע, האָט מענ געהאלטנ פאר אומעגלעכ צוצוטרעטנ צו אנ עקאָנאָמישער אָרגאניזאציע. צוערשט האָבנ די ארבעטער אויפגענומענ די ליטעראטור גאנצ בייז, זיי האָבנ זי ניט געלייענט, געברענט, אָבער אפּ וויפל אייניקע האָט זיכ דאָכ אײַנגעגעבנ איבערצולייענענ א ביכל, וואָס איז דערשינענ געהיימניספול, איז זיי אזוי געפעלנ געוואָרנ די ליטעראטור, אז זיי אליינ האָבנ אָנגעהויבנ פארשפּרייטנ דאָס ביכל, וואָס איז זיי געפעלנ געוואָרנ, צווישנ דער איבעריקער מאסע ארבעטער. אדאנק די פויערימ־ארבעטער האָט די ליטעראטור איבערגעוואנדערט אויכ אינ דאָרפ, ווו עס איז באזונדערס געפעלנ געוואָרנ דער ארטיקל וועגנ 19־טנ פעווראל פונעמ „פעטערבורגסקי ראבאָטשי ליסטאָק"—„דרײַ טעג". דער רעזולטאט איז געווענ, אז דער אײַזנבאנ-ארבעטער איז פאר דער צײַט צוגעוווינט געוואָרנ צומ אומלעגאלנ ביכל, האָט זיכ אָנגעהויבנ באציִענ מער מיטפילנדיק צו דעמ אונ זיכ מער פארטראכטנ איבער דעמ, וואָס איז געשריבנ אינ ביכל. מיט איינ וואָרט, עס האָט זיכ אָנגעהויבנ א געוויסע ברויזונג אינעמ באוווסטזײַנ פונ ארבעטער. עס איז אויכ אָנגעהויבנ געוואָרנ אנ ארבעט אפ דער שוועבעלעכ-פאבריק אינ בעליצע.

די אינטענסיווע ארבעט, וואָס האָט ניט אופגעהערט דעמ גאנצנ זומער, האָט, פונ איינ זײַט, אופגעהויבנ די רעוואָליוציאָנערע שטימונג צווישנ די ארבעטער, פונ דער צווייטער זײַט, האָט זי פארשטארקט די פרעכהײַט אונ געמיינקײַט פונ דער פּאָליציי. מע האָט געדארפט גיינ אנטקעגנ דעמ רעוואָליוציאָנערנ גײַסט, וואָס אנטוויקלט זיכ צווישנ די ארבעטער, אונ צוליב דעמ ניט דורכלאָזנ די צערייצטקײַט פונ דער זשאנדארמעריע, ניט אויסגיצנדיק זי ווי א מיטל פונ פּאָליטישער אגיטאציע. מע האָט געדארפט וועגנ דעמ א טראכט טאָנ. א צופאל, וואָס האָט איינגיכנ פּאסירט, האָט נאָר פארשטארקט יענעמ קער, וועלכנ די אָרגאניזאציע האָט סײַ־ווי געדארפט אָנעמענ. סאָפ אווגוסט איז פאָרגעקומענ א שטרײַק אינעמ ערשטנ שנײַדער־ווארשטאט פונ שטאָט, עס האָבנ פארשטרײַקט 10 מענטשנ, אינ דער צאָל אנ אלטער ארבעטער פונ א יאָר 55. מע האָט געפּאָדערט העכערנ דעמ געצאָלט פונ שטיק. פונ די שטרײַקער האָט מענ א מענטשנ 5 צוגענומענ אינ דער פּאָליציי, ווו מע האָט זיי אָפּגעהאלטנ א וואָכ, באגייענדיק זיכ מיט זיי אומדערהערט פּרעכ. נאָכדעמ האָט מענ זיי געבראכט אינ געריכט־זאל, ווו זיי זײַנענ באשולדיקט געוואָרנ אינ צוגרייטנ דעמ שטרײַק. קיינ איידעס האָט מענ אינ זאל ניט צוגעלאָזנ, אונ אויסער די באלעבאטימ איז קיינער ניט געווענ. דער פּאָליצמייסטער האָט א געשריי געטאָנ איבערנ גאנצנ זאל: „דערלאנגט אהער די ארבעטער, זאָלנ זיי וויסנ, ווי אזוי מע באשטראָפט פאר א שטרײַק". איינעמ האָט מענ צוגעמישפּעט צו דרײַ כאדאָשימ ארעסט, אונ די איבעריקע האָט מענ אָפּגעמישפּעט אפ א טערמינ פונ דרײַ וואָכנ ביז דרײַ כאדאָשימ. עס איז טשיקאווע, — דער דאָזיקער פּרעכער כויזעק איבערנ יעדנ רעכט, די דאָזיקע פּאראָדיע פונ א געריכט איז צונויפגעפאלנ מיטנ יאָרטאָג פונ דער געריכט־רעפאָרמ. א קוריאָז איז, וואָס דער שטרײַק איז דאָכ געווונענ געוואָרנ. אזא געלעגנהײַט האָט מענ ניט געטאָרט דורכלאָזנ. כוץ די אויבנדערמאָנטע סיבעס איז נאָכ געווענ דער פארצײַלעכער אונ פארשטענדלעכער פארלאנג א רייצ טאָנ די פּאָליציי אונ זשאנדארמעריע, וועלכע האָט זיכ שוינ צופיל צעגארטלט. אונטער דער אונטערשריפט „האָמלער קאָמיטעט" האָט די גרופּע ארויסגעלאָזנ צוויי פּראָקלאמאציעס: איינע, וואָס רופט די ארבעטער צו פאריייניקנ זיכ אינ קאמפ קעגנ די באלעבאטימ, וועלכע קומענ אָנ צו דער הילפ פונ דער פּאָליציי, די צווייטע — איבערנ געריכט־פּראָצעס. מע האָט געקענט גראטולירנ די פּאָליציי אונ די זשאנדארמעריע, אינ זייער שטילער קליינבירגערלעכער שטאָט האָבנ זיכ פארגאדיעט קראמאָלניקעס, בא זיי אונטערנ נאָז פלוצלונג פּראָקלאמאציעס. דאָס האָט זיי אופגערודערט. איינס רופט ארויס דאָס צווייטע. האָט מענ זיכ געלאָזנ אפנ וועג פונ אָפענעמ קאמפ, האָט מענ שוינ ניט געטאָרט אָפּטרעטנ, האָט מענ געדארפט דערפירנ די זאכ ביזנ סאָפ. דאָכ, איידער צוטרעטנ ענדגילטיק צומ קאמפ, זײַנענ געווענ נייטיק אייניקע צוגרייטונגענ, מע האָט געדארפט אָפּרייניקנ דעמ וועג. די אינטעליגענטנ האָבנ זיכ שוינ ניט געטאָרט אזוי אָפט צוזאמענטרעפנ מיט דער ארבעטער־גרופּע, מע האָט געדארפט פאריינפאכנ די אָרגאניזאציע, אונ די אויסגעוואקסענע באוווסטזיניקע ארבעטער האָבנ אויכ אָנגעהויבנ פּאָדערנ א מער פּערזענלעכנ, דירעקטנ אָנטייל אינ דער זאכ, זיי האָבנ ניט געוואָלט געהאָרכזאמ אויספילנ די באשלוסנ, וואָס זײַנענ אָנגענומענ געוואָרנ דורכ די אינטעליגענטנ. דער אָרגאניזאציע איז אויסגעקומענ זיכ מיט דעמ צו רעכענענ. איז אָט האָט זיכ צומ

סאָפ פונ 1898 יאָר געביטנ די פאָרמ פונ דער אָרגאַניזאַציע. אַפּ אַ פּאַרײַ־ניקטער פאַרזאַמלונג פונ בײדע: פונ דער אַרבעטער- אונ אינטעליגענטנ־גרופּעס זײַנענ דורכ אַ געהײמער אָפּשטימונג אויסגעקליבנ געוואָרנ עטלעכע מענטשנ אינטעליגענטנ אונ אַרבעטער, וועלכע האָבנ געבילדעט אַ „פאַרבאַנד“, וואָס שטײט אינדערשפּיצ פונ דער גאַנצער האָמלער האַנטווערקער- אונ אײַזנבאַנ-באַוועגונג. ער פירט אויכ אָנ מיט אַלצ, וואָס האָט אַ שײַכעס צו דער פּאָליטישער אַגיטאַציע. ספּעציעל פאַר דער האַנטווערקערישער רײנ עקאָנאָמישער באַוועגונג איז דורכ די אַרבעטער דורכ אַ געהײמער־ אָפּשטימונג אויסגעקליבנ געוואָרנ אַ „קאָמיטעט“, אינ וועלכנ עס זײַנענ אַרײַנ צו צװײ מענטשנ פונ יעדנ צעכ. דער קאָמיטעט האָט זעלבשטענדיק אָנגעפירט מיט דער שטאָטישער פּראָפעסיאָנעלער באַוועגונג. צווישנ קאָמיטעט אונ פאַרבאַנד איז געווענ אַ פאַרמיטלער אַנ אינטעליגענט, וואָס האָט אָנטײלגענומענ אויכ אינ די קאָמיטעט-פאַרזאַמלונגענ. צוליב קאָנספּיראַטיווער טאַקטיק זײַנענ די קאַמפּ-קאַסעס אָפּגעשאַפט געוואָרנ, אונ פונעמ פאַראײנעמ קאַסע-געלט האָט מענ געשאַפנ אַ „פאָנד“, וועלכער ווערט דערפילט פונ די שטענדיקע מיטלענ פונ דער אָרגאַניזאַציע. דער דאָזיקער פאָנד איז געווענ באַשטימט אַפּ הילפ אינ דער צײַט פונ אַ שטרײַק. אַלצ איז געווענ פּאַרטיק. די זשאַנדאַרמעריע האָט זיכ געקענט קאָכנ וויפל זי האָט געוואָלט. מע האָט געקענט צוטרעטנ צו דער אַרבעט, מע האָט געקענט אָפּנ מעלדנ וועגנ דעמ אַרבעטערס קאַמפּ מיט די באַלע-באַטימ אונ מיט דער מעלוכע. די ערשטע פּראָקלאַמאַציע איז אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ צו די שנײַדערקעס, ווײַל עס האָט געזאָלט פאָרקומענ אַנ אַל־געמײנער שטרײַק פונעמ דאָזיקנ צעכ, וועלכער איז אָבער ניט פאָרגע-קומענ צוליב דעמ, וואָס עס איז אויסגעקליבנ געוואָרנ אַ ניט פּאַסיקער מאָמענט אינ קאָנספּיראַטיווער הינזיכט. דערנאָכ איז פאַרשפּרײט געוואָרנ אַנ אויפרופ צו די אײַזנבאַנ-אַרבעטער וועגנ דעמ, וואָס די באַנ-אַדמיניסטראַציע האָט אָנ שומ סיבע אָפּגעזאָגט אײנעמ פונ די אַרבעטער. צוליב אײניקע טאַקטישע מאָטיוונ, וועגנ וועלכע עס איז ניט דאָ דאָס אָרט צו רײדנ, האָט דער פּאַרײַנ נאָכ אַנ אונטערהאַנדלונג איבער דער דאָזיקער פראַגע מיט דער קיִעווער אָרגאַניזאַציע, זיכ אָנגעהויבנ אונטערשרײַבנ אַפּ די פּראָקלאַמאַציעס: „האָמלער קאָמיטעט פונ דער רוסלענדישער סאָציאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פּאַרטײ“.

וועדנדיק אַ שטאַרקע אויפמערזאַמקײַט אַפּ דער אַנטוויקלונג פונ די פּראָ-פּאַגאַנדיסטישע קרײַזלעכ. האָט מענ פעסט אַוועקגעשטעלט די מיטלענ פונ דער אָרגאַניזאַציע; אינ די אײַזנבאַנ-וואַרשטאַטנ האָט מענ אָנגעהויבנ אינ אַ גרויסער צאָל פאַנאַנדערוואַרפנ ליטעראַטור. דער פאַרבאַנד, האָבנדיק שוינ גענוג פּינקט-לעכע ידיִעס וועגנ דער לאַגע פונ די אַרבעטער, האָט אויסגעאַרבעט אַ גענויע פּראָגראַמ פונ אַגיטאַציע אינ די וואַרשטאַטנ. עס איז באַשלאָסנ געוואָרנ אַרויס־לאָזנ אַ גאַנצע סעריע פּראָקלאַמאַציעס, אָבער די ערשטע פונ דער דאָזיקער סעריע, וואָס איז אָפּגעהעקטאָגראַפירט געוואָרנ אינ אַ צאָל פונ 400 עקזעמפּ־ליאַרנ, איז ניט אַרויסגעלאָזנ געוואָרנ דערפאַר, ווײַל עס זײַנענ פאָרגע-קומענ אַרעסטנ, דאָס אַרויסלאָזנ זײ איז דורכנ פאַרבאַנד אָפּגעלײגט געוואָרנ אַפּ אַ מער פּאַסיקער צײַט. עס איז פאָרגעזעצט געוואָרנ די אַרבעט אויכ אַפּ דער פאַבריק אינ בעליצע, אָבער קײנ דערפאָלגרײַכע רעזולטאַטנ פונ דער דאָ־זיקער אַרבעט זײַנענ ניט געווענ. די סיבע ליגט מינאַסטאַמ אינ דעמ, וואָס די

מערהייַט, וואָס ארבעט דאָרט, זייַנען מיידלעך, וואָס וווינען בא זייערע פאמיליעס, פאר וועלכע דער פארדינסט אפ דער פאבריק איז בלויז א געוויסע שטיצע, א קליינער פּליוס צום נאָדן, וואָס ווערט צוגעגרייט אינדערהיים. קוקנדיק אפ דעם, ווי אפ עפּעס צייַטווייַליקס און ניט ווי אפ א גרונט-זאך, קענען זיי ניט, נאַטירלעך, זיך ערנסט דורכדריקגען מיט זייער לאגע. כאָטש עס זייַנען אפ דער פאבריק געווען עטלעכע אומבאדייַטנדיקע שטרייַקן, נאָר אלע זייַנען געווען אָן רעזולטאטן און האָבן קיין שום ווירקונג אפן באוווסטזייַן פון די ארבעטער ניט געהאט.

הייַנטיקן ווינטער איז געווען א גאנץ גרויסער שטרייַק פון די שנייַדערי־וועלכער איז טיילווייַז געוווּנען געוואָרן.

מע קען זיך פאָרשטעלן דעם גורל פון דער זשאנדארמעריע, ווען זי האָט זיך פּלוצלונג דערוווּסט וועגן דער עקזיסטענץ פון עפּעס א קאָמיטעט אין האָמעל, ווו אלץ איז ביז צו יענער צייַט געווען שטיל און רויִק. זי איז אזוי אופגעקאָכט און צעטומלט געוואָרן, אז זי האָט ניט געוווּסט וואָס צו טאָן. עס האָבן זיך איר געדוכט אין דעם דאָזיקן געהיימען קאָמיטעט די פארשיידנסטע גרוילן, ביז מאָרד. זי האָט אָנגעהויבן אָנפאלן אפ יעדן איינעם, וואָס האָט זיך איר אויסגעוויזן פאר פארדעכטיק. אין דער נאכט אפן 31־טן מארט זייַנען דורכגעפירט געוואָרן ביז 40 אונטערזוכונגען און עס זייַנען ארעסטירט געוואָרן 10 מענטשן, צווישן זיי צוויי אייַזנבאן־ארבעטער. בא דער דאָזיקער געלעגנהייַט זייַנען ארויסגעלאָזן געוואָרן פּראָקלאמאציעס.

אין מייַ כוידעש פונעם הייַנטיקן 1899 יאָר האָבן די ארבעטער פון די ווארשטאטן פון ליבאווע-ראָמענער אייַזנבאן ארויסגעשטעלט א פאָדערונג פון אן אלגעמיינע העכערונג אפ 20% פון דעם עקזיסטירנדיקן טאָג־לוין און אן אנטשפּרעכנדיקע העכערונג פון די טאריפן. מע האָט זיי צוגעזאָגט זיך מישטאדל זייַן, אָבער די ארבעטער האָבן פארשטאנען, אז די אדמיניסטראציע וויל נאָר אויסגעווינען צייַט, האָבן זיי דערקלערט א שטרייַק. די ארבעטער האָבן זיך געפירט רויִק, מעלדנדיק זייערע פאָדערונגען, זיי זייַנען זיך רויִק פאנאנדערגעגאנגען אהיים. מע האָט זיי אייַנגערעדט, געדראָט, אָבער קיין זאך האָט ניט געהאָלפן. דעם זשאנדארמען־פּאָלקאָווניק שלייפערן, וועלכער האָט זיי געזאָגט: „וואָס זאָל מען טאָן, אז דאָס מיניסטעריום גיט ניט קיין געלט?" האָט עמיצער פון די ארבעטער געענטפערט: „פארוואָס זשע אסיגנירן זיי זיך גענוגנדיקע מיטלען נאָר אונדז האלטן זיי האלב-הונגעריק?". דעם 10־טן יול האָבן די ארבעטער געהאט א שמועס מיטן וועג־נאטשאלניק, וואָס איז געקומען צו פאָרן. זיי האָבן צו זייערע פאָדערונגען נאָך צוגעגעבן פאָלגנדיקע: 1) די טאריפן זאָלן באשטימען ניט די מייַסטערס, לויט זייער אייגענעם ווילן, נאָר לויט א קעגנזייַטיקער פארשטענדיקונג פון דער אדמיניסטראציע פון די ווארשטאטן מיט די עלטערע ארבעטער, לויט די קלאָלים, וואָס זייַנען אָפּגעדרוקט אין די ארבעטער-ביכלעך; 2) אז די ארבעטער, וואָס ווערן קראנק, זאָל ארויסגעגעבן ווערן א פולער טאָג־לוין, ווי עס האָט זיך פריִער פּראקטיקירט. דער נאטשאלניק האָט געענטפערט, אז ער וועט זען, כאָטש ער האָט גלייַך צוגעגעבן, אז דער וועג קאָן זיך באגייַן א גאנצן זומער אָן ארבעטער.

אין שטאָט איז דערקלערט געוואָרן קריג-צושטאנד; פון באָברויסק איז ארויסגערופן געוואָרן מיליטער; דעם 11-טן זייַנען איבערן שטאָט אויסגעקלעפּט געוואָרן מעלדונגען, אז די ארבעטער וועלן זיך רעכענען פאר אָפּגעזאָגטע, אויב זיי

וועלנ ניט ארויסגיינ דעמ 14-טנ צו דער ארבעט. דאָס האָט געהאַט א ווירקונג אפ די ארבעטער. עס האָבנ זיכ אָנגעהויבנ וואקלונגענ, צווישנ די שטרײַקער האָט זיכ באוויזנ א גרופּע, וואָס איז געשטאנענ פאר דעמ, מע זאָל אָנהייבנ ארבעטנ. כאָטש די דאָזיקע גרופּע איז געווענ אנ אומבאדײַטנדיקע, האָט זי דאָכ ארײַנגעטראָגנ א מיינונג-פארשיידנהײַט צווישנ די שטרײַקער, אַלע האָבנ אָנגעהויבנ טראכטנ וועגנ צוטרעטנ ארבעטנ. דער פארבאנד, וועלכער האָט אינ יענער צײַט שוואכ פונקציאָנירט, האָט ניט אונטערגעהאלטנ אינ א גענוגנדיקער מאָס די וואקלדיקע ארבעטער. אפ דער פארזאמלונג, וואָס איז פאָרגעקומענ, ווו עס זײַנענ געווענ 300 מענטשנ, איז דאָכ באשלאָסנ געוואָרנ ניט ארבעטנ אונ לאָזנ אינ גאנג אנ אָבסטרוקציע; פאנאנדערשטעלנ מענטשנ אינ 15 ערטער, וועלכע דארפנ ניט דערלאָזנ קיינעמ צו דער ארבעט. אפ דער פארזאמלונג איז, ווי עס ווײַזט אויס, געווענ א פּראָוואָקאטער, ווײַל אפ מאָרגנ זײַנענ די אַלע פּאָסטנס געווענ פארנומענ מיט סאָלדאטנ. דאָס האָט אינגאנצנ אָפּגעשוואכט די ארבע-טער, וועלכע זײַנענ אפנ צווייטנ טאָג אלע אוועק צו דער ארבעט. דער פאר-באנד האָט מיט א נאכט פריִער ארויסגעלאָזנ א פּראָקלאמאציע, נאָר זיי זײַנענ אראָפּגעריסנ געוואָרנ פונ דער פּאָליציי פריִער, איידער זיי זײַנענ ארײַנגעפאלנ צו די ארבעטער אינ די הענט. איינ ארבעטער-קווארטאל, וואָס האָט געלייענט די פּראָקלאמאציעס, איז דעמ טאָג ניט ארויס צו דער ארבעט. דער שטרײַק איז אפ אזא אויפנ פארשפּילט געוואָרנ, צוליב זײַנ ניט אָרגאניזירטקײַט. אינ א שטיקל צײַט ארומ זײַנענ אינ אייניקע צעכנ געהעכערט געוואָרנ די טאריפנ, מע האָט אָנגעהויבנ אָנשטענדיקער זיכ באגיינ מיט די ארבעטער (אָנעמ טראַ-דיציאָנעלנ זידלענ זיכ אינ דער מאמענ ארײַנ). דער פארבאנד האָט ארויסגעלאָזנ צוויי פּראָקלאמאציעס, וועלכע האָבנ זיי דערקלערט די אורזאכ פונעמ פארשפּילנ דעמ שטרײַק אונ האָבנ זיי גערופנ צו פאראייניקנ אונ אָרגאניזירנ זיכ. אינגיכנ זײַנענ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ פּראָקלאמאציעס צו די האנטווערקער אינ ייִדיש; אינ איינער פונ זיי זײַנענ זיי גערופנ געוואָרנ ארויסצוטרעטנ אינ אלע צעכנ מיט דער פאָדערונג פונ א 12-שאָיִקנ ארבעט-טאָג, דערקלערנדיק זיי, אז דער דאָזיקער ארבעט-טאָג איז נאָרמירט געוואָרנ דורכנ האנטווערקערישנ אוסטאוו אונ זיי האָבנ אפ אזא אויפנ א געזעצלעכנ מאָטיוו פאר זייערע פאָדערונגענ.

אינ אווגוסט כוידעש איז אינ 5 ווארשטאטנ פאָרגעקומענ א שטרײַק פונ די שנײַדער, זיי האָבנ געפאָדערט העכערנ דעמ ארבעטלוינ. 5 מענטשנ האָט מענ צוגענומענ אינ דער פּאָליציי, ווו דער פּאָליצמייסטער האָט זיכ דערלויבט א פולשטענדיקע געמיינהײַט, ער האָט אראָפּגעלאָזנ א פּאטש אנ ארבעטער דערפאר, ווײַל מע האָט בא אימ געפונענ אנ אלטנ ביכל פונ „רוסקאיא מיסל". אינ צוזאמענהאנג מיט דעמ זײַנענ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ פּראָקלאמאציעס. דער שטרײַק איז אפ א העלפט געווונענ געוואָרנ.

אינ הארבסט, פאר די ייִדישע יאָנטויוימ, וועלכע רעכענענ זיכ פאר א סעזאָנ-צײַט, האָבנ פארשטרײַקט די שנײַדער אינ 11 ווארשטאטנ, א מענטשנ 40, אונ גלײַכצײַטיק קימאט דער גאנצער סטאָליער-צעכ. אלס סיבע פונ שטרײַק האָט געדינט פּאָלגדיקער אומשטאנד: אזוי ווי עס פלעגט אויסגעקומענ צו ארבעטנ ביז 9 אָוונט, אונ דער טאָג ענדיקט זיכ שוינ 7 אזייגער, פלעגט אויסקומענ א פּאָר שאָ ארבעטנ פאר פײַער; די ארבעטער האָבנ באשלאָסנ אופהערנ ארבעטנ אינאָוונט אונ דאָס האָט ארויסגערופנ דעמ שטרײַק.

דער שטרייַק האָט געדויערט דרייַ וואָכן, איז רעזולטאַט האָט זיך אייַנגעשטעלט אן ארבעט-טאָג פאר די שנייַדער ביז 7 אז.; פאר די סטאָליערס ביז 8 אָוונט. דער דאָזיקער אומבאדייַטנדיקער זיג האָט געהאַט אָבער די באדייַטונג, וואָס אונטערן אייַנפלוס פונעם אייַנגעשטעלטן ארבעט-טאָג אין די דאָזיקע פאכן, האָבן ארבעטער אויך פון אנדערע פאכן אָנגעהויבן פאָדערן עס זאָל נאָרמירט ווערן זייער ארבעט, און אין רעזולטאַט איז איצט אין אלע פאכן אייַנגעשטעלט באזונדער אן ארבעט־טאָג פון 13 שאָ. ד. ה. פון 8 אינדערפרי ביז 9 אָוונט.

דער האָמלער קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער ארבעטער־פּארטיי, „וועלכער האָט ווייַטער פאָרגעזעצט עקזיסטירן, ניט געקוקט ניט אף די אונטערזוכונגען, ניט אף די ארעסטן, אף דער גאנצער וואכזאמקייַט פון זשאנדארמסקען פּאָדפּאָלקאָווניק, אף דער איבערגעגעבנקייַט און פלייַס פון זייַנע שפּיאָנען, און האָט ניט נאָר באומרויִקט די אָרטיקע זשאנדארמעריע, נאָר האָט אפילע אָנגעהויבן באומרויִקן פּעטערבורג". „וואָס איז עס פאר א געהיימער קאָמיטעט, וועלכן מע קען בעשומויפן ניט אויסוואָרצלען?" איבערהויפּט האָט געערגערט אין פּעטערבורג דאָס, וואָס האָמלער פלעגן זייַן אין דער צאָל ארעסטירטע אין זייער אסאך שטעט, עפּעס א ווייגעלע פון דער רעוואָליוציע.

עס איז באשלאָסן געוואָרן פארניכטן דעם קאָמיטעט. צוליב דער איז אהער אָנגעקומען זובאטאָווס א געהילף מיט א גאנצער כאָפּטע שפּיאָנען און, געהיים פון וולאסיעווס גופע (דער זשאנדארמסקער פּאָדפּאָלקאָווניק), האָט ער אָרגאניזירט ארעסטן און אונטערזוכונגען. אין דער נאכט אפן 1-טן אָקטיאבער זייַנען דורכגעפירט געוואָרן בא 80 אונטערזוכונגען און 22 ארעסטן, קימאט אלע ארעסטירטע זייַנען געווען ארבעטער. צוליב דער דאָזיקער געשעניש זייַנען ארויסגעלאָזן געוואָרן פּראָקלאמאציעס דורכן קאָמיטעט, וועלכן מע האָט באשלאָסן פארניכטן און וועלכער האָט, ווי עס ווייַזט אויס, ווייַטער עקזיסטירט. זובאטאָווס געהילף איז אזוי אוועקגעפאָרן מיט גאָרניט, איבערלאָזנדיק וולאסיעוון א געהילף.

פון דער דאָזיקער צייַט אָן ווערט די באוועגונג זייער אייַנגעשטילט און נעמט אָן א באשיידענעם פארנעם. די פּראָפּאגאנדע-קרייַזלעך הערן אינגאנצן אוף עקזיסטירן, וועגן פארנעמונגען מיט ארבעטער הערט מען גאָרניט, עס ווערט בלויז געפירט א שטילע עקאָנאָמישע אגיטאציע, און דאָס אויך ניט אין אן אינטענסיווער פאָרמע, פאר דער גאנצער צייַט איז ניטאָ קיין איין שטרייַק, וואָס זאָל פארדינען אופמערקזאמקייַט.

פארוואָס זשע קומט עס פאָר? די הויפּט סיבע איז אין דעם, וואָס עס פעלן געניגנדיקע אינטעליגענטע קויכעס און פאָרגעשריטענע ארבעטער, ווייַל דאָס פאָרגעשריטענע, וואָס איז דאָ פאראן, שטרעבט פערזענלעך אין די צענטערס; דער צופלוס ווידער פון נייַע אינטעליגענטע קויכעס איז צוליב דער זעלבער סיבע, צוליבן ציִען זיך פון די ניט גרויסע שטעט צום צענטער, זייער א קליינער; טיילווייַז האָט געהאַט א באדייַטונג אויך דאָס, וואָס דער אינדוסטריִעלער קריזיס, וועלכן רוסלאנד לעבט איבער האיאָר, האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אויך אין אונדזער שטאָט, טיילווייַז, קען זייַן איז די באוועגונג אָפּגעשוואכט געוואָרן אויך דערפאר, וואָס די האנטווערקערישע באוועגונג, דער־

גרייכנדיק א געוויסע פאַנאַנדערבליִונג, א געוויסנ גרענעצ פונ עקאָנאָמישנ באַוווסטזײַנ פונ דער מאַסע אונ פּאָליטישנ פאַרשטײנ דורכ זײַנ מער פאָרגעשריטענעמ טייל, שטעלט זיכ אָפּ אונ באַוועגט זיכ ניט ווײַטער צוליב עפּעס פאַטאַלע סיבעס. וואָס ליגנ אינ דעמ כאַראַקטער גופא פונעמ האַנטווערק, אונ דאָרט, ווו די באַוועגונג גייט ניט פאָרויס, גייט זי צוריק. אַזוי איז געווענ אינ אַסאַכ יִדישע שטעט, ווו עס האָט אַנ אויבערהאַנט די האַנטווערקערישע באַוועגונג, אַזוי איז אויכ בא אונדז. איבעריקנס טאָר מענ ניט באַשטײנ אָפּ דער לעצטער סיבע, ווײַל דאָס איז שוינ שײַעכ צו אַלגעמײנע פראַגעס אונ האַנאָכעס, וועלכע קענענ ניט געלייזט ווערנ אינעמ דאָזיקנ באַשיידענעמ איבערזיכט פונ אונדזער באַוועגונג.

אינ אַלגעמײנ קענ מענ זאָגנ, אַז די באַוועגונג האָט געלאָזנ טיפע וואָרצלענ אינ דער מאַסע, זי איז אינגאַנצנ קימאַט עקאָנאָמיש באַוווסטזיניק, א גרויסער טייל איז אויכ פּאָליטיש באַוווסטזיניק, פאַראַנ אויכ אייניקע, די מער פאָרגעשריטענע פאַרשטייער אירע, וועלכע מע קענ, לויט די איבערצײַגונגענ, בא וועלכע זיי האַלטנ זיכ, אָנרופנ איבערגעצײַגטע סאָציִאַליסטנ. ווי וועט אויסזענ אונדזער ווײַטערדיקע באַוועגונג צווישנ די האַנטווערקער — וועט באַווײַזנ די צוקונפט.

וועגנ דער אײַזנבאַנ-באַוועגונג קענ מענ דאָס ניט זאָגנ; זי האָט ניט קײנ קעגנוואַרט, ניט קײנ פאַרגאַנגענהײַט, נאָר א צוקונפט אונ א גלענצנדיקע צוקונפט, דערפאַר ווײַל דער באָדנ איז א גענוג רײַכער. דאָס אַלגעמײנע פאַלנ פונ דער באַוועגונג האָט זיכ אָפּגעשפּיגלט אָפּ דעמ; די מאַסנ אײַזנבאַנ־אַרבעטער ווערנ אינגאַנצנ איצט ניט אָנגערירט, אָבער דערפאַר איז אַרויסגערוקט געוואָרנ א נישקאָשעדיקע צאָל אַרבעטער פולשטענדיק באַוווסטזיניקע, וועלכע קענענ בא א מער טעטיקער אַרבעט אינ די וואַרשטאַטנ דינענ אַלס גוטע אַגיטאַטערס פאַר דער מאַסע, קענענ זײַנ די ערשטע העלע פונקענ, וועלכע וועלנ אָנצינדנ אַלצ, זאָל נאָר דער ווינט פונ דער אָרגאַניזאַציע שטאַרקער א בלאָז געטאָנ.

די אָרגאַניזאַציע האָט איצט צוליב טאַקטישע טײַמימ אָפּגעשטעלט אַווײַלע איר אָפענעמ קאַמפּ אונ אַרבעט שטיל. אָרגאַניזירטע אַרבעטער ווערט איצט אָנגעציילט 350 מענטשנ קעגנ די 420—430 אינ פאַבריקנ יאָר; קימאַט $40^0/_0$ פונ דער גאַנצער צאָל באַשעפטיקטע אינ האַנטווערק געפינענ זיכ אינ דער אָרגאַניזאַציע.

די לעצטע צײַט האָט זיכ די האָמלער אָרגאַניזאַציע פאַרייניקט צומ יִדישנ „בונד“ אונ איצט עקזיסטירט דאָ אָפיציִעל א „קאָמיטעט פונ דער אַלרוסלענדישער סאָציִאַל-דעמאָקראַטישער אַרבעטער-פאַרטיי“, ניט געקוקט אָפּ אַלע באַמִיוּנגענ פונ זובאַטאָוונ.

לאָמיר איצט וואַרפנ א רעטראָספּעקטיוונ בליק אָפּ דער לאַגע פונ די אַרבעטער אונ א קוק טאָנ אָפּ וויפל עס איז דע־פאַקטאָ פאַרבעסערט געוואָרנ זייער לאַגע אונטער דער ווירקונג פונ דער באַוועגונג. די פאַרבעסערונג פונ דער לאַגע האָט געקענט זײַנ לויט צוויי פונקטנ: העכערונג פונ דעמ געצאָלט אונ פאַרקלענערונג פונ דער אַרבעט-צײַט. דער געצאָלט איז געהעכערט: בא די שנײַדער אָפּ $30^0/_0$, פאַר די שטיק־אַרבעטער—35—40 פּראָצענט; בא די סטאָליאַרעס: שטיק־אַרבעט איז אינגאַנצנ אָפּגעשאַפט; די, וואָס אַרבעטנ פונ וואָכ, איז געהעכערט געוואָרנ אָפּ $50^0/_0$ קעגנ דעמ פריִערדיקנ; יאָר־אַרבעטער

זײַנען איצט קימאט ניטאָ. בא די שנײַדער איז דער געצאָלט געבליבן דער זעלבער, דערפאר ווײַל בא זיי איז קיין פראקטישער קאמפ ניט געווען, נאָר צוליב דעם אלגעמיינעם שטראָם איז זייער ארבעט־טאָג, וואָס האָט געדויערט פון 8 אינדערפרי ביז 12 באנאכט, און דאָנערשטיק ביז פארטאָג, פארקלענערט געוואָרן פון 8 אינדערפרי ביז 9—10 אינאָוונט מיט איין שאָ אן איבערײַס אפ מיטיק; בא די שוסטער — די שטיק-ארבעטער האָט מען געהעכערט דעם געצאָלט ביז 15%, די יאָר-ארבעטער אפ 30%—40%. בא די שליאָסערס איז דער געצאָלט געהעכערט געוואָרן קימאט אפ 50%.

דער ארבעט-טאָג האָט פאָלגנדיקע ענדערונגען: בא די שנײַדער, אָנשטאָט די פריִערדיקע 16—17 שאָ, איצט 14—15 שאָ; בא די סטאָליארעס, אָנשטאָט די פריִערדיקע 17 שאָ, פון 5 פארטאָג ביז 10 אָוונט, איצט — זומער פון 6 אינדערפרי ביז 9 אין אָוונט, ווינטער — פון 7 אינדערפרי ביז 8 אינאָוונט; בא די שוסטער — פון 6 אינדערפרי ביז 9 אינאָוונט, אָנשטאָט די פריִערדיקע 18 שאָ, בא די שליאָסערס — א 14-שאָיִקער ארבעט־טאָג. אן איבערײַס אפ מיטיק ווערט געגעבן קימאט אין אלע פאכן.

א פארבעסערונג איז אויך פאָרגעקומען אין דער אלגעמיינער באציִונג פון די באלעבאטים צו די ארבעטער: מע צאָלט פינקטלעכער, מע באגייט זיך אָנ-שטענדיקער, מע זאָגט ניט אָפּ ווי ווען עס פאלט איַין.

דער איבערזיכט איז פארענדיקט. אפ וויפל מיר האָבן געקענט, האָבן מיר דערוויזן ווי עס האָט זיך שטופנווײַז אנטוויקלט און געפעסטיקט דער באַ-ווּסטזײַן פון די אינטעליגענטן און צוזאמען מיט דעם די ארבעטער-באוועגונג, ביז וואנען זי האָט זיך געשטארקט און אנטוויקלט, האָט אָנגענומען די איצ-טיקע פאָרמע אירע. עס פלעגט אָנקומען שווער, עס איז זיך ניט באגאנ-גען אָן קאָרבאָנעס. אָבער וואָס קען מען טאָן, אזוי איז דער אלגעמיינער אנטוויקלונג-געזעץ. אומזיסט ווערט קיין זאך ניט געגעבן. דער גוירל פאר-לאַנגט אויסקויף־קאָרבאָנעס.

מיטן אָריגינאל ריכטיק: פון באזונדערן זשאנדארמען-קאָרפּוס

פּאָדפּאָלקאָווניק וולאסאָוו.

(ארכיוו פון „רעוואָליוציע און אויסערלעכער פּאָליטיק“).

פראָלעטאריער פון אלע לענדער פאראייניקט זיך!

# סטאטוט

## פון דעם האָמלער האנטווערקערישן ארבעטער-פאריין.

אויסגאבע פון דעם האָמלער קאָמיטעט פון דער רוס-לענדישער סאָציִאל-דעמאָקראטישער ארבעטער פארטיי.

1. מיר, ארבעטער-געזעלן פון אלע האָמלער האנטווערקערישע ווארשטאטן, פאראייניקן זיך אין איין פעסטן פארבאנד צו קעמפן מיט אונדזערע עקספּלואטאטערן-באלעבאטים פאר דער פארבעסערונג פון אונדזער עקאָנאָמישער לאגע און צו קעמפן מיט דער זעלבסטהערשערישער רעגירונג פאר דער פּאָליטישער פ ר ײַ ה ײַ ט פון די ארבעטער־מאסן.
אונטער פּאָליטישער פרײַהײַט ווערט פארשטאנען: פרײַהײַט פון פארייַנען, פארזאמלונגען, קאסעס, שטרײַקן, פרעסע און צו באנוצן זיך מיטן רעכט צו וויילן פארטרעטער אין פּארלאמענט.

2. אונדזער האָמלער פאריין איז ניט קיין באזונדערע זעלבשטענדיקע גרופּע, נאָר ניט מער, ווי אן אָרטיקע אָפּטיילונג פון דער רוסלענדישער סאָציִאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי, וואָס האָט זיך אויסגעבילדעט פון אלע קאמפ־פארבאַנדן אין רוסלאנד פרילינג 1898 יאָר.

3. אונדזער פאריין איז מעכוייעוו אונטערצוּוואַרפן זיך די באשלוסן, וואָס ווערן אָנגענומען אף די פארטרעטער-צוזאמענפאָרן פון דער רוסלענדישער סאָציִאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי.

4. אין דער שפּיץ פון אונדזער פאריין שטייט דער האָמלער קאָמיטעט פון דער רוסלענדישער-סאָציִאל-דעמאָקראטישער פארטיי, וואָס איז געשאפן געוואָרן אין העסקעם מיט דער באשטימונג פון דעם פארטרעטונג־צוזאמענפאָר פון 1898 יאָר.

5. פונקט אזוי, ווי די באשלוסן פון דעם קאָנגרעס פון דער פארטיי זײַנען אָבליגאטאָריש פאר אלע פאריינען אין רוסלאנד, אזוי זײַנען אויך די באשלוסן פונעם אָרטיקן קאָמיטעט אָבליגאטאָריש פאר אלע מיטגלידער פון אונדזער פאריין.

6. אפ דעמ קאָמיטעט ווערנ ארופגעלייגט די פליכטנ: צו רעגולירנ די אר־בעטער-אָרגאניזאציע, צושטעלנ אומלעגאלע ליטעראטור, מיטהעלפנ אויסצוארבעטנ דעמ זעלבסטבאוווסטזיינ בא די ארבעטער, אײַנאָרדענענ, אפ וויפל דאָס איז מעגלעכ, קרײַזנ פאר זעלבסט־אנטוויקלונג אונ ד. גל.

7. נאָר דער קאָמיטעט פונ דער פארטיי האָט דאָס רעכט צו באשטימענ שטרײַקנ, צו באשטימענ די אײַנאָרדענונג פונ אגיטאציע-פארזאמלונגענ אונ פײַערונגענ, די פײַערונג פונ ערשטנ מײַ אונ ד. גל.

8. אינ דער קאָמפעטענצ פונעמ קאָמיטעט גייט ארײַנ אויכ דער שטרײַק-פאָנד, פונוואנענ עס ווערט ארויסגעגעבנ די ארבעטער, וואָס נייטיקנ זיכ, מיטלענ אינ דער צײַט פונ א שטרײַק.

9. דער שטרײַק־פאָנד ווערט צונויפגעשטעלט פונ אָבליגאטערישע צאָלונגענ פונ די ארבעטער גופע לויט זייערע מעגלעכקײַטנ נאָכ, וואָס ווערנ געזאמלט פונ צײַט צו צײַט, אונ פונ אראָפגערעכענטע פראָצענטנ פונ די האכנאָסעס פונעמ קאפיטאל פונ דער פארטיי.

10. די ארבעטער האָבנ דאָס רעכט מיטנ העסקעמ פונ קאָמיטעט פונ דער פארטיי אײַנצואָרדענענ לאָטערייעס אונ אָוונטנ לטובֿת דעמ שטרײַק־פאָנד.

11. די באשלוסנ פונעמ קאָמיטעט ווערנ געמעלדעט דורכ פראָקלאמאציעס אונ מונדלעכ.

12. אפ יעדער מיטגליד פונ דער אָרגאניזאציע ווערט ארופגעלייגט די פליכט צוצוציִענ נײַע מיטגלידער אינ דער אָרגאניזאציע, פארשפרייטנ ליטע-ראטור, איבערגעבנ גענויע יעדיִעס פונ דעמ אייגענעמ ווארשטאט אזוי, אז זיי זאָלנ אומבאדינגט דערגיינ צומ קאָמיטעט פונ דער פארטיי, אָנ־שליסנ זיכ צו א שטרײַק אינ דעמ אייגענעמ צעכ אונ מיטהעלפנ שטרײַקנ אינ אנדערע צעכנ, פינקטלעכ אויספילנ אלע פאָדערונגענ פונעמ קאָמיטעט, וואָס ווערנ צו אימ געשטעלט, אינ קיינ פאל ניט איבערגעבנ פרעמדע אונ זײַטיקע מענטשנ די סוידעס פונ דער אָרגאניזאציע אונ פארשפרייטנ נאָר אזעלכע באשטימונגענ פונעמ קאָמיטעט, וואָס ער האָט דערלויבט צו פארעפנטלעכנ.

האָמלער קאָמיטעט פונ דער רוסלענדישער
סאָציאל-דעמאָקראטישער ארבעטער-פארטיי.

מיטנ אָריגינאל ריכטיק: פונ דעמ באזונדערנ זשאנדארמענ-קאָרפוס,
פאָדפאָלקאָווניק וו ל א ס אָ ו.

(ארכיוו פונ „רעוואָליוציע אונ אויסערלעכער פאָליטיק”).

# די פאַברעכערישע פּראָפּאַגאַנדע צווישן די אַרבעטער און דאָס פאַרשפּרייטן צווישן זיי פאַרברעכערישע אופרופן

געהילפס־שעף
פון מאָלעווער
גובערניאַלער
זשאַנדאַרמערישער פאַרוואַלטונג
אין
האָמלער, ראָהאַטשאָווער
און ביכאָווער אויעזדן.

8־טער יול, 1900 יאָר.
נומ. 640
שט. האָמעל

זײַן האָכגעבורט
לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש ראַטאַיעוו

גנעדיקער הער לעאָניד אַלעקסאַנדראָוויטש!

פון די יעדיעס, וועלכע עס שטעלט מיר צו פּעריאָדיש מײַן געהיימער מיטאַרבעטער, ווײַזט זיך אַרויס, אַז אַפּ צו פירן אַן אַנטירעגירונג־פּראָפּאַגאַנדע אין דער סוויווע פון אַרבעטער־קלאַס דורך פאַרשפּרייטן צווישן זיי אומלעגאַלע ליטעראַטור, העקטאָגראַפירטע פּראָקלאַמאַציעס, דאָס זעלבע אויך דורך מינדלעכע שמועסן, עקזיסטירט אין דער שטאָט האָמעל אויך איצט אומגעזעצלעכע געזעלשאַפטן, וועלכע רופן זיך אָן קאָמיטעטן.

אין דער שפּיץ פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן שטייט דער אַזויגערופענער „האָמלער צענטראַל־קאָמיטעט", וועלכן ס'איז איבערגעגעבן די העכסטע אָנפירנדיקע ראָליע און באַשליסנדיקע שטימרעכט אין אַלע וויכטיקע פראַגן. אויסער דעם האָט אַפּ זיך דער צענטראַל־קאָמיטעט די פליכט צו זאָרגן וועגן באַקומען די נייטיקע צאָל אומלעגאַלע ליטעראַטור, אײַנהיטן זי און ווי געהעריק פאַרשפּרייטן צווישן די אַרבעטער. מיטגלידער פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט זײַנען די אײַנוווינער פון שטאָט האָמעל: 1. יאָפּע ראַסיע — ראָיסע בערקאָוו־באַריסאָווס, וועלכע איז אונטערגעזוכט געוואָרן בײַס דער ליקווידאַציע אין דער נאַכט אַפּן 2-טן אָקטיאַבער 1899 יאָר; 2. נעכאַמקין יאַנקל באָריכס, וועלכער פאַרנעמט זיך מיט געבן לעקציעס אין פּריוואַטע יידישע הײַזער; 3. גינזבורג שמערקע יאַנקלס — אַ לײַבלעכער ברודער פון דער געזוכטער מאַריע לויטן מאַן האַלפּערין און פון ראַסיע ראָזאַליע לויטן מאַן זאַלקינד, וועלכע געפינט זיך אין דער שטאָט האָמעל אונטער געהיימער אויפזיכט; 4. כײַקל אַ סטאָליער־אַרבעטער (פאַמיליע און פאָטערס נאָמען ניט פעסטגעשטעלט).

פון דער צווייטער העלפט מײַ כוידעש האַיאָר איז אין דער צאָל קאָמיטעט־מיטגלידער אויפגענומען געוואָרן דער אָנגעקומענער אין שטאָט האָמעל קאַנאָניר פון דער 5-טער באַטאַרייע 25־טער אַרטילעריע־בריגאַדע אַלטער־זאַלמען ביניאָמינס דראַפּקין, וועלכער איז אין קרעמענטשוג צוגעצויגן געוואָרן אַלס באַשולדיקטער אין מעלוכע־פאַרברעכן, וואָס איז פאָרויסגעזען דורכן 2־טן טייל פון 251 ב. געזעצן־קאָדעקס וועגן שטראָפן, און וועלכער איז דעם 23־טן פעברואַל האַיאָר, לויט דער פאַראָרדענונג פון פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט אַפּ צו באַפרײַען פון אונטער דער וואַך; אונטערגעוואָרפן אַפּ ווײַטער ביזן לייזן זײַן איניען דעם אויפזיכט פון מיליטער־שעף, און איז דעם 12־טן מײַ אָפּגעלאָזן געוואָרן אַהיים צוליב קראַנקײַט אַפּ צו פאַריכטן זײַן געזונט אַפּ איין יאָר.

דער דאָזיקער דראַפּקין האָט באַלד נאָך זײַן אָנקומען אין האָמעל באַוויזן צו אַרײַנגיין אין קרײַזל און, פאַרדינענדיק דעם פולן צוטרוי, באַוויזן צו זײַן אַפּ די פאַרזאַמלונגען פון צענטראַל־

•* ווי ס'איז באַוווסט, האָט זיך דער האָמלער קאָמיטעט ניט גערופן צענטראַלער; אַלס צענטראַל־קאָמיטעט ווערט ער באַצייכנט בלויז אין די פּאָליצייִשע דאָקומענטן. ר ע ד.

קאָמיטעט, ווו ער האָט געהאַלטן זייער אסאך רעדעס. אופווייַזנדיק די גאַנצע שוואַכקייַט פון דער האַמלער אָרגאַניזאַציע, אַרויסגעזאָגט זייערע מיינונגען און דערלאַנגט פּראָיעקן וועגן אויסבעסערן און ברענגען זי אין אָרדענונג, ביקלאַל האָט ער אין א זייער קורצער צייַט פאַרשטאַנען צו אַרויסרופן צו זיך די צוגעלאָזנקייַט פון קאָמיטעט און ווערן אין אים אַן אויטאָריטעט, אַדאַנק וואָס ס׳איז אייַנשטימיק באַשלאָסן געוואָרן אָנטרויען דראַפּקינען, אַלס א פאַלקום־דערפאַרענעם מענטשן, די הויפּט-אָנפירונג און צו פאַראָרדענען מיט אַלע איניאַנים פון צענטראַל־קאָמיטעט.

אויסער דעם האָט אַלטער דראַפּקין, אַלס אַן אויסערגעוויינלעך־ענערגישער און טיכטיקער סאָציאַל-דעמאָקראַט, צוגעזאָגט דעם קאָמיטעט, אַז ער וועט אָנעמען אַלע מיטלען אַפּ אַרייַנצודרינגען, מיטן צוועק צוצוגרייטן א באָדן פאַר זייַן טעטיקייַט, אין דער אַרבעטער-סוויווע פון דער שוועבעלעך-פאַבריק, וועלכע געפינט זיך אין פאַרשטאָט פון שט. האָמעל—בעליצע, וווּהין ער איז ווירקלעך געקומען צופאָרן פון האָמעל קלוימערשט אַפּ דאַטשע.

אויסער דעם צענטראַל־קאָמיטעט עקזיסטירן אין האָמעל נאָך צוויי, וועלכע זייַנען אָפּהענגיק פונעם ערשטן—אַן „אָרטיקער קאָמיטעט״, וועלכער ווערט צוזאַמענגעשטעלט פון פאָרשטייער פון יעדן צעך, און א „פעדעראַטיווער קאָמיטעט״—פון פאָרשטייער פון יעדער וואַרשטאַט. די מיטגלידער פון די דאָזיקע קאָמיטעטן זייַנען ניט באַוווּסט.

לויט דער פאַראָרדענונג פון צענטראַל־קאָמיטעט דאַרפן די מיטגלידער פון אַלע האָמלער קאָמיטעטן האַלטן זיך אין דער גרעסטער פאַרזיכטיקייַט, קעדיי ניט געבן קיין גרונט אַפּ צו אופדעקן אָדער וואַרפן א פאַרדאַכט אַפּ וועמען ס׳איז פון זיי, אַז זיי האָבן א שייַכעס צו דער פאַרברעכערישער טעטיקייַט. צוליב דעם האָט דער צענטראַל־קאָמיטעט אַפּ איינער פון די פאַרזאַמלונגען באַשלאָסן: 1) קיינער זאָל ניט לאָזן בא זיך אָפּן קוואַרטיר קיין אומלעגאַלע אויסגאַבעס שפּעטער פון 10 אַזייגער אינאָוונט, און אַז קיין שום סכאָדקעס, וועלכע ווערן אייַנגעאָרדנט אַפּ קוואַרטירן, זאָלן ניט געדויערן שפּעטער פון דער דאָזיקער צייַט, ווייַל עס זייַנען נאָך ניט געווען קיין פאַלן, עס זאָלן פאָרקומען אונטערזוכונגען פריִער פון 11 אַזייגער אינאָוונט; 2) אַז סייַ קאָמיטעט־מיטגלידער און סייַ אויך אַנדערע פערזאָנען, וועלכע האָבן א שייַכעס צו זייער טעטיקייַט, זאָלן באַם טרעפן זיך אין גאַס ניט נאָר ניט אָפּשטעלן זיך ריידן, נאָר אַפילע ניט באַגריסן זיך איינס מיט די אַנדערע, ווי זיי וואָלטן אינגאַנצן ניט זייַן באַקאַנט צווישן זיך.

אין רעשוס פון האָמלער צענטראַל-קאָמיטעט געפינט זיך א ביבליאָטעק אָדער, ריכטיקער, ניט קיין גרויסער סקלאַד פון אומלעגאַלער ליטעראַטור, וועלכע איז באַשטימט אַפּ צו באַקאָנען מיט איר די אַרבעטער; לויט אַלטער דראַפּקינס פאָרשלאָג איז דער סקלאַד אין די 20-טע דאַטעס פון יוני הייַנטיקס יאָר פלייַסיק דורכגעקאָנטראָלירט געוואָרן און ס׳איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן דער דאָזיגער פאַרגעלייגטער קאַטאַלאָג פון אַלע אויסגאַבעס, וועלכע האָבן זיך אַפּ אים געפונען. דערבייַ איז באַשלאָסן געוואָרן: לאָזן אָפּן סקלאַד צו 1־2 עקזעמפּליאַרן פון יעדער אויסגאַבע, די איבעריקע אָבער פאַרשפּרייטן צווישן אַרבעטער, וואָס ס׳איז אויסגעפילט געוואָרן...

... פאַרוואַלטן מיט דעם דאָזיקן סקלאַד און אָפּהיטן אים—איז אַרופגעלייגט געוואָרן אַפּ אַן אָנפאַרטרויטער פערזאָן, וועלכע איז אויסגעוויילט געוואָרן דורכן קאָמיטעט, עפּעס אַפּ איינעם א מענדל לייזערס מאַרשאָוו, וועלכער האָט, אַגעוו, וועגן קאָמיטעט זייער א נעפּלדיקן באַגריפּ, קאָן נאָר איין כייַקלען און דאָס אויך דערפאַר, וואָס דער לעצטער שטעלט צו אין סקלאַד אומלעגאַלע ליטעראַטור, וועלכע ווערט דערהאַלטן אין האָמעל דורך כייַקלס פאַרמיטלונג—רוסישע אויסגאַבעס פון קיִעוו, אויסלענדישע פון בערלין פון דעם געוועזענעם סטודענט פון יוריעווער אוניווערסיטעט פעטער וולאַדימיראָוו קאַרפּאָוויטשן, וועגן וועלכן איך האָב געהאַט די ערע צו מיטיילן דעם פּאָליציי־דעפּאַרטאַמענט דעם 14־טן מאַרט 1900 י. מיטן נומ. 297. לויט מייַן פערזענלעכער פלייַסיקער און פולשטענדיקער געהיימער רעוויזיע אין האָמלער פּאָטשט-טעלעגראַף־קאָנטאָר פון דערהאַלטענע און אַוועקגעשיקטע ביכער, איז פעסטגעשטעלט, אַז אַפּ כייַקלס נאָמען איז ניט צוגעשיקט געוואָרן ניט נאָר פון קיִעוו אָדער בערלין, נאָר אין אַלגעמיין פון ערגעץ ניט קיין איין פּאַקעט. די דאָזיקע אומשטאַנדן גיבן דעם פולן גרונט צו מעשאַער זייַן, אַז די דאָזיקע פּאַקעטן פאַר כייַקלען ווערן אַדרעסירט ניט אים פערזענלעך, אָדער זיי ווערן אינגאַנצן ניט איבערגעשיקט דורך פּאָטשט.

אַפּ צו אַרויסגעבן פון סקלאַד ביכער, צוליב זייַן וואָס מעגלעך מער פאַרזיכטיק, ווערט פּראַקטיקירט פאָלגנדיקע אָרדענונג: בייס ס׳איז נייטיק צו באַקומען פון סקלאַד א געוויסע אויסגאַבע מעלדעט דער קאָמיטעט וועגן דעם כייַקלען אָדער ער שיקט צו דעם פאַרוואַלטער מיטן סקלאַד אַן אָנפאַרטרויטע פערזאָן, דערבייַ ווערט דער לעצטער, אַלס באַווייַז, אַז די פאָדערונג שטאַמט ווירקלעך פון קאָמיטעט, מיטגעטיילט א פּאַראָל, וואָס איז אויך באַוווּסט דעם פאַרוואַלטער: „ער איז שוין

ניסאָ״, אָן וואָס דאָס בוך וועט דער לעצטער בעשומויפנ ניט ארויסגעגעבנ ווערנ. דער פּארוואַלטער דערקלערט, אז דאָס געפּאָדערטע וועט איבערגעבנ ווערנ דורכ כייקלענ, אָדער ער באשטימט דעמ געקומענעמ א צײַט אונ באַגעגנ־אָרט אפּ צומ איבערגעבנ דאָס בוך. מערסטנטייל ווו ניט איז אפנ גאס, אפנ בולוואר. נאָר בעשומויפנ ניט בא זיכ אפנ קווארטיר, אונ אפנ סקלאד געוויס ניט, ווײַל זײַנ אָרט איז אבסאָליוט קיינעמ פונ די קאָמיטעט־מיטגלידער ניט באוווּסט.

קעדיי צו אָפּהיטנ די מעגלעכסטע פּאָרזיכטיקײַט אונ קעדיי צו אויסמײַדנ די באָבאכטונג, וועלכע ס׳קענ זײַנ מיצאד די געהיימע אגענטנ פונ דער רעגירונג אונ אויכ קעדיי צו אופּהיטנ די אומלעגאלע ליטעראטור, איז לויט אלטער דראפּקינס פּאָרשלאָג באשלאָסנ געוואָרנ צו פּארשפּרייטנ זי ניט דורכ פּאנאנדערוואַרפנ. נאָר דורכ איבערגעבנ זי פונ די הענט, קעדיי ניט אונטערוואַרפנ די פּאנאנדערוואַרפער דער געפאר באמערקט צו ווערנ אונ ברענגענ דערמיט צו א דורכפאל די גאנצע זאכ אונ קעדיי אומזיסט ניט פּארשווענדנ ליטעראטור, וואָס דאָס איז אויסגעפילט געוואָרנ דעמ 27־טנ אונ 28־טנ יונ האיאָר. דערבײַ איז פּאנאנדערגעגעבנ געוואָרנ אפּ די הענט 30 עקזעמפּ־ליארנ אינ שטאָט אונ 20 צווישנ די אײַזנבאנ־ארבעטער, 11 עקזעמפּליארנ האָט מיר צוגעשטעלט מײַנ מיטארבעטער.

דאָס מאָל זײַנענ פּארשפּרייט געוואָרנ פּאָלגנדיקע אויס״נאבעס: די צײַטונג „1־טער מײַ 1900 י. מײַ־בלעטל״. בראָשורלעכ „ארויסגעגעבנ פונ פּארבאנד פונ די רוסישע סאָציאַל־דעמאָקראטנ אינ זשע־נעווע אינ 1899 י.״ די 1־טע „ווי דער מיניסטער זאָרגט זיכ וועגנ די ארבעטער״, די 2־טע „דער נײַער פאבריק־געזעצ״, די 3־טע „וואָס איז אזוינס א מעלוכע־פּארברעכער, א רעוואָליוציאָנער אונ א סאָציאַליסט״ אונ די בראָשורקעס, ארויסגעגעבנ פונ „ס. פּעטערבורגער פּארבאנד צו קעמפנ פאר דער באפרײַונג פונ ארבעטער־קלאס״, 1899 י. אונטער די טיטלענ: 1. „פּראגנ אפּ צו קלײַבנ יעדיעס וועגנ דער לאגע פונ ארבעטער־קלאס אינ רוסלאנד נומ. 4״. 2. „פּאלס פאבריק אונטער דעמ נומ.6״ אונ 3. „מאקסוועלס פאבריק אונטערנ נומ. 8״.

... פונ דעמ 2־טנ הײַנטיקנ יול כוידעש איז אינ דער צאָל מיטגלידער פונ האָמלער צענטראל־קאָמיטעט אופגענומענ געוואָרנ איינער א ייִד סאָלאָמאָנ, וועלכער געפינט זיכ אינ נאָענטע באציִונ־גענ מיט דעמ באוווּסטנ דעמ פּאָליציי־דעפּארטאמענט גריגאָרי פּאָמינ קאלאשניקאָוו. די פּערזענלעכ־קײַט פונ דעמ דערמאָנטנ סאָלאָמאָנ איז נאָכ פּינקטלעכ ניט פעסטגעשטעלט געוואָרנ. בא דער איצטיקער צײַט שרייבט דער דאָזיקער סאָלאָמאָנ,* לויטנ אופטראָג פונ קאָמיטעט, אפּ צו אוועקשיקנ אפנ פּאריזשער קאָנגרעס, אנ אויספירלעכע געשיכטע פונ דער ארבעטער־באוועגונג אינ האָמעל, וועלכע כאפּט ארומ דעמ גאנצנ פּעריאָד, פונ דעמ טאָג, ווענ די דאָזיקע באוועגונג איז אינ האָמעל אנטשטאנענ, ביז איצטיקער צײַט. אזא געשיכטע פונ דער באוועגונג פונ האָמלער אײַזנבאנ־ארבעטער שרײַבט אויכ דער מעשטשאנינ נאָטע שמועל ארנס גענזיצוויי, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרנ באמ ליקווידירנ די שטאָט האָמעל אינ דער נאכט אפנ 31־טנ מארט 1899 י., אונ דערנאָכ באפרײַט געוואָרנ פונ אונטער דעמ ארעסט. ער האָט פאר זיכ געשטעלט א ציל, געפינענדיק זיכ אינ נאָענטע באציִונגענ מיטנ ארעסטירטנ אינ דער זעלביקער צײַט טאָקער פונ האָמלער ווארשטאטנ פונ ליבאווע־ראָמנער אײַזנבאנ איוואנ איגנאטיעוו סענאטאָראָוו, דורכ דער פּארמיטלונג אונ מיט דער רעקאָמענ־דאציע פונעמ לעצטנ, צו אָרגאניזירנ א פולשטענדיק באזונדערנ קרײַזל פונ אײַזנבאנ־ארבעטער.

אויב ס׳וועט זיכ באקומענ א מעגלעכקײַט, וועל איכ פונ די אויבנדערמאָנטע „געשיכטעס״ אראָפּנעמענ קאָפּיעס.

דערצו האלט איכ פאר נייטיק צוצוגעבנ, אז דער אָפּהאלט אינ מיטיילנ די דאָזיקע יעדיעס איז פּאָרגעקומענ אדאנק מײַנ געפינענ זיכ אינ מאָלעוו אפּ צו אויספילנ דעמ פּאָסטנ פונ פּארוואַל־טונג־שעפ.

איכ בעט אָנעמענ די פּארזיכערונג אינ דער פולער אכטונג אונ טיפער איבערגעגעבנקײַט פונ אײַער געהאָרכזאמענ דינער

(אונטערשריפט).

(ארכיוו פונ „רעוואָליוציע אונ אויסערלעכער פּאָליטיק״).

---

* אינ אנדערע דאָקומענטנ פונ דער מאָלעווער זשאנדארמעריע ווערט פעסטגעשטעלט, אז דער דאָזיקער „סאָלאָמאָנ״ איז סאָלאָמאָנ צייטלינ, וועלכער איז געווענ איינער פונ די טוער אינ האָמלער קאָמיטעט אונ איז דערנאָכ פונ דעמ פּראָוואָקאטער ארויסגעגעבנ אינ פּארשיקט געוואָרנ קיינ סיביר.

# צעטל

## פון אומלעגאלע אויסגאבעס, וועלכע האָבן זיך געפונען אפן סקלאַד פון האמלער צענטראל-קאָמיטעט

| נעמען פון אויסגאבעס | |
|---|---|
| 1. דעמאָקראטישע און רעאקציאָנערע אנטוואָפענונג | 1 |
| 2. „ראבאטשעיע דיעלאָ״, אווגוסט 1 | 5 |
| 3. ווער מאכט א פּאָליטישע רעוואָליוציע | 18 |
| 4. „וופעריאָד״, א קיעווער ארבעטער-צייטונג, מיי 1899 י. נ. 6 | 33 |
| 5. לאווראָווס לעבן און טויט | 1 |
| 6. צען יאָר פון מאָראָזאָווס שטרייק | 2 |
| 7. ענגלישע ארבעטער | 1 |
| 8. דער פאבריק-געזעצ | 1 |
| 9. פּראָקלאמאציעס פון די אייזנבאן-ארבעטער | 2 |
| 10. רער געזעצ פון 2-טן יונ | 1 |
| 11. וואָס לערנט ניקאָלסקער שטרייק | 1 |
| 12. לאָנדאָנער ארבעטער-פאָנד | 1 |
| 13. די אופגאבע פון די רוסישע סאָציאל-דעמאָקראטן | 2 |
| 14. די אופגאבעס פון דער רוסישער ארבעטער-פארטיי | 1 |
| 15. א כאָלעם פארן ערשטן מיי | 1 |
| 16. ארבעטער-פאריינען | 2 |
| 17. מארסעליעזע (א בילד ביי געלייגט צו דער צייטונג „ערשטער מיי״, 1900 י., אפ דער 8-טער זייט) | 5 |
| 18. ווי דער מיניסטער זאָרגט וועגן ארבעטער | 1 |
| 19. מארט-רעוואָליוציע | 1 |
| 20. וועגן איקער פון א קאָנסטיטוציע | 1 |
| 21. דער ארבעט-טאָג | 2 |
| 22. האמלער סטאטוט פון האנטווערקערישן ארבעטער-פאריין | 1 |
| 23. באנדעראָלן (פאר העקטאָגראפירטע בראָשורן און צייטונגען) | 48 |
| 24. „ראבאָטניק״ צו איינ נומ. 4 נאָיאבער 1897 י. מיי און יונ 1898 יאָר | 3 |
| 25 און 26. „שפּיאָנ״ 1 און 50 עקז. פארשיידענע פּראָקלאמאציעס | 51 |

צוזאמען 186 עקזעמפּליארן

פון ספּעציעלן זשאנדארמען-קאָרפּוס אונטערפּאָלקאָווניק (אונטערשריפט).
(ארכיוו פון „רעוואָליוציע און אויסערלעכער פּאָליסיק״).

א קאָפּיע פון קאטאלאָג פון אומלעגאלע אויסגאבעס, וועלכע זײַנען געפונען געוואָרן אין די זאכן פון מאָלעווער מעשטשאנין שאָלעם מאָרדכעס אספּיז, וועלכער איז ארעסטירט געוואָרן אין שטאָט האָמעל אין דער נאכט אף 29־טן דעקאבער 1900 יאָר.

| | געוועז | ארויס-געגעבן | בלײַבט |
|---|---|---|---|
| אקאדעמיקער און סאָציִאליזם בעבעלס . . . . . . | 1 | — | 1 |
| פּ. לאווראָווס ביִאגראפּיע . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| „וופּעריאָד״ נומ. 7 . . . . . . . | 2 | — | 2 |
| „וופּעריאָד״ נומ. 6 . . . . . . | 7 | — | 7 |
| „ „ 8—9 . . . . . . | 2 | 2 | — |
| פראגן פאר דער פאבריק און זאוואָד . . . . | 2 | — | 2 |
| דעריינערונגען . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| דעמאָקראטישע און רעאקציִאָנערע אנטוואָפּענונג . . . | 2 | — | 2 |
| צו וואָס דארפן מיר א פּאָליטישן קאמפּ . . . | 1 | — | 1 |
| א פאָרטראָג פון די רוסישע סאָציִאל-דעמאָקראטן . . | 1 | — | 1 |
| דער געזעץ פון 2־טן יונ . . . . . . | 4 | 2 | 2 |
| די אופגאבע פון די רוסישע סאָציִאל-דעמאָקראטן . . | 1 | — | 1 |
| די גאָלדענע כאסענע . . . . . . | 2 | 1 | 1 |
| ווי לעבן און קעמפן די ארבעטער אין אויסלאנד . . | 1 | — | 1 |
| קראוזע איז ווידער געוואָרן א קעמפער . . . . | 2 | — | 2 |
| פון וואָס איינער לעבט . . . . . . | 1 | — | 1 |
| ווער מאכט א פּאָליטישע רעוואָליוציע . . . . | 2 | — | 2 |
| בלעטל פון „ראבאָטניק״ 3—4 . . . . . | 1 | — | 1 |
| „ „ „ 5 . . . . . . | 1 | — | 1 |
| „ „ „ 6 . . . . . . | 1 | — | 1 |
| „ „ „ 8 . . . . . . | 1 | — | 1 |
| בלעטל פון „ראבאָטשעיע דיעלאָ״ נומ. 1 . . . . | 1 | — | 1 |
| בלעטלעך פון קיִעווער סטודענטנשאפט . . . . | 5 | — | 5 |
| מײַ-בלעטלעך פון „ראבאָטשעיע דיעלאָ״ 900 . . . | 9 | — | 9 |
| מײַ-בלעטלעך פון „ראב. מיסל״ 900 . . . . | 1 | — | 1 |
| מײַ־בלעטלעך פון „יוזשני ראב.״ 900 . . . . | 1 | — | 1 |
| די מארט־רעוואָליוציע פון 48־טן יאָר . . . . | 1 | — | 1 |
| מאניפעסט פון דער סאָציִאל־דעמאָקראטישער פּארטיי . . | 1 | — | 1 |
| מאטעריאלן פאר . . . . . . . | 1 | 1 | — |
| אונדזער אינקוויזיציע . . . . . . | 1 | — | 1 |
| די עקנס פון פילאָסאָפיע, מארקס . . . . . | 1 | — | 1 |
| דער נײַער פאבריק־געזעץ . . . . . . | 4 | 2 | 2 |

| | געווען | ארויס־געגעבן | בלייבט |
|---|---|---|---|
| די נייע קאמפאניע קעגן סאָציאַל־דעמאָקראטן . . . | 1 | — | 1 |
| אונדזער צייט—זאמלבוך . . . . . . . | 2 | 1 | 1 צעריסן |
| וועגן איקער פון א קאָנסטיטוציע . . . . . | 5 | 1 | 4 |
| וועגן שטראָפן . . . . . . . . | 2 | 2 | — |
| פאריזשער קאָמונע . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| דער ווענדפונקט אין דער יִדישער ארבעטער־באוועגונג | 1 | — | 1 |
| צוג:ייסונג־קאָנפערענץ . . . . . . | 1 | — | 1 |
| די לאגע פון טווערער ארבעטער . . . . . | 8 | 8 | — |
| פראָקלאמאציעס פון האָמלער אייזנבאן־ארבעטער . . . | 7 | — | 7 |
| פראָטעסט פון סאָציאַל־דעמאָקראטן . . . . | 12 | 3 | 9 |
| די אָפּשטאמונג פון גרענעץ־צאָל-מילכאָמעס . . . | 1 | — | 1 געשר. |
| פראָקלאמאציע וועגן די געמישפּטע פּאָליאקן * . . . | 1 | — | 1 |
| „ראבאָטשאיא גאזעטא" 97 יאָר . . . . . | 1 | — | 1 |
| „ראבאָטשעיע דיעלאָ" נומ. 1 . . . . . | 4 | 1 | 3 |
| " " " 2—3 . . . . . | 5 | 5 | — |
| " " " 4—5 . . . . . | 7 | 4 | 3 |
| „ראבאָטשעיע דיעלאָ אין רוסלאנד" . . . . . | 5 | 5 | — |
| ארבעטער־בלעטל נומ. 2 . . . . . . | 2 | — | 2 |
| די אנטוויקלונג פון וויסנשאפטלעכן סאָציאַליזם . . . | 1 | 1 | — |
| דער זעלבסטמאָרד פון ליוד. סאוויצק. . . . . | 1 | — | 1 |
| זאמלבוך פון מאטעריאַלן . . . . . . . | 1 | 1 | — |
| סאָציאַל־דעמאָקראט II . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| " " III . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| " " IV . . . . . . . | 1 | 1 | — |
| פרידריך ענגעלס וועגן רוסלאנד . . . . . | 1 | 1 | — |
| פאלס פאבריק . . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| מאקסוועלס פאבריק . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| בראָניק פון לויפנדיקן לעבן . . . . . . | 1 | — | 1 געשר. |
| וואָס לערנט ניקאָלסקער שטרייק . . . . . | 1 | — | 1 |
| שאכטיאָרן . . . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| שפּיאָן . . . . . . . . . | 1 | — | 1 |
| עקאָנאָמישע לערע פון קארל מארקס . . . . | 1 | 1 | — |
| „יוזשני ראבאָטשי" נומ. 1 . . . . . | 1 | — | 1 |
| צען יאָר פון מאָראָזאָווס שטרייק . . . . | 2 | 1 | 1 |
| 18־טער ברומער פון לויִ באָנאפארט . . . . | 1 | — | 1 |
| סטאטוטן פון פּראָפעסיאָנעלע פאריינען . . . . | 8 | 6 | 2 |

מיטן אָריגינאל ריכטיק — אונטערפּאָלקאָווניק וו ל א ס אָ וו.
(ארכיוו פון „רעוואָליוציע און אויסערלעכער פּאָליטיק")

* אין 1900 האָט מען אין ווארשע פארמישפּעט צום טויט 9 פּוילישע ארבעטער דערפאר, ווייל זיי האָבן דערהארגעט 3 שפּיאָנען. דער צאר האָט באגנעדיקט די דאָזיקע פארמישפּעטע און פאר־ביטן דעם טויט־אורטייל אפ קאטאָרזשנע ארבעט, איינעם אפ 20 יאָר און 8 אפ 15 יאָר. וועגן דעם מישפּעט האָבן פארשיידענע רעוואָליוציאָנערע אָרגאניזאציעס ארויסגעלאָזן פּראָקלאמאציעס. אין דעם צעטל ווערט אָנגעוויזן אפ איינע פון די דאָזיקע פּראָקלאמאציעס.

אין דער זעלבער „דיעלע״ וועגן דעם האָמלער קאָמיטעט האָבן מיר געפֿונען א רוסישע איבערזעצונג פֿון א טייל פֿון עדעלשטאטס באקאנטער ליד „אין קאמף״, וועלכע מע האָט אָפּגענומען דעם 29־טן דעקאבער, 1900, בייס מע האָט אונטערגעזוכט די ארעסטירטע דאָבע ב. גאָלדינ. די איבערגעזעצטע פינף פערזן פֿון ליד איז פֿון עמיצן א ביסל איבערגעארבעט געוואָרן און שטעלט מיט זיך פֿאָר א מוסטער, וויאזוי מע פלעגט אין יענער צייַט אין פֿארשיידענע ווארִיאנטן זינגען דאָס דאָזיקע בארימטע ליד און אויך, וויאזוי די יִדישע ארבעטער פלעגן ביכלאל ענדערן די לידער פֿון ווינטשעווסקי, עדעלשטאט און באָושאָווער, דערפֿאר ווייַל אין יענער צייַט פלעגן די לידער איבערגעגעבן ווערן פֿון מויל צו מויל און פלעגן פֿארשריבן ווערן לויט ווי מע פלעגט זיי זינגען אין דעם אָדער יענעם געגנט.

מיר ברענגען דעם פֿולן טעקסט פֿון עדעלשטאטס ליד פֿון זייַן באנד געזאמלטע לידער און די איבערגעזעצטע פינף פערזן, וועלכע מיר האָבן געפֿונען אין דעם ארכיוו פֿון דער זשאנדארמעריע.

# אין קאמף

מיר ווערן געהאסט און געטריבן,
מיר ווערן געפּלאָגט און פֿאַרפֿאָלגט—
און אלעס דערפֿאר, ווייַל מיר ליבן
דאָס אָרעמע שמאכטנדע פֿאָלק.

מיר ווערן דערשאָסן, געהאנגען,
מע בארויבט אונדז דאָס לעבן און רעכט
דערפֿאר ווייַל מיר עמעס פֿארלאנגען
און פֿרייַהייַט פֿאר אָרעמע קנעכט.

אָבער אונדז וועט ניט דערשרעקן
געפֿענגעניש און טיראנייַ,
מיר מוזן די מענטשהייַט דערוועקן
און מאכן זי גליקלעך און פֿרייַ.

שמידט אונדז אין אײַזערנע קייטן,
ווי בלוטיקע כײַעס אונדז רײַסט,
איר וועט אונדזער קערפּער נאָר טויטן,
אָבער ניט אונדזער הייליקן גײַסט!

* * *

טיראַנען, איר קענט אים ניט טויטן,
דאָס איז אַן אומשטערבלעכע בלום,
זײַנע שמעקנדע, פלאַמענדע קווייטן
בליִען שוין איצט אומעטום!

זיי בליִען אין דענקענדע מענטשן,
וואָס ליבן גערעכטיקײַט, ליכט,
אַליין די נאַטור טוט זיי בענטשן,
צום קאַמף, צו די הייליקע פליכט.

באַפרײַען די אָרעמע שקלאַפן,
וואָס שמאַכטן אין הונגער און קעלט
און פאַר דער מענטשהײַט באַשאַפן
אַ פרײַע, אַ ליכטיקע וועלט.

ווי עס זאָל ניט גיסן קיין טרערן,
ניט פליסן אומשולדיקע בלוט,
און מענטשן, ווי גלענצנדע שטערן,
שײַנען מיט ליבע און מוט.

* * *

איר קענט אונדז דערמאָרדן, טיראַנען!
נײַע קעמפער וועט ברענגען די צײַט—
און מיר קעמפן, מיר קעמפן ביז וואַנען
די גאַנצע וועלט וועט ווערן באַפרײַט.

Л. 185.

Копия перевода с еврейской песни, обнаруженной в вещах, взятых при обыске в г. Гомеле в ночь на 29-е декабря 1900 г. у мещанки Добы Берковой Голдиной.

№ 1.

Нас презирают и гоняют,
Нас преследуют и бьют;
Это все за то, что мы любим
Рабочий народ,
Бедный рабочий народ.

№ 2.

Нас расстреливают, вешают,
Нашу жизнь отбирают незаконно;
Все это за то, что мы домогаемся
Свободы для бедных рабов,
Свободы для бедных рабов.

№ 3.

Нас заковывают в железные кандалы,
Как дикие звери, они нас терзают.
Вы можете умерщвлять лишь наши тела,
Но отнюдь не святой наш дух.

№ 4.

Тираны. Вы нас не убьете,
Мы все составляем собою один бессмертный цветок
С огненными лепестками,
Который горит и пылает повсюду,
Который горит и пылает повсюду.

№ 5.

Он захватывает и содержит тех людей,
Девиз которых—любовь и справедливость;
Сама природа благословит их
Бороться за священный долг,
Бороться за священный долг.

Примечание переводчика. Рифма на еврейском языке соблюдена.
С подлинным верно подполковник (подпись).

# וועגנ דעמ באריכט פונ וויטעבסק

„דער קאמפ פונ די וויטעבסקער ארבעטער" שטעלט מיט זיכ פאָר א באריכט, וועלכער איז דערשינענ אפ רוסיש אינ 1898 אינ א באזונדער ביכעלע אינ אויסלאנד, ווי א בײַלאגע צומ צווייטנ נומ. „ראבאָטשעיע דיעלאָ" *. אינ די ארכיוונ פונ מארקס־ענגעלס־לענינ־אינסטיטוט האָבנ מיר געפונענ א יידישנ מאנוסקריפט פונ דעמ דאָזיקנ באריכט. אָבער אינ דעמ יידישנ מאנוסקריפט פעלט דער אָנהייב פונ באריכט ביז פונקט 5. דעריבער ווערט דער אָנהויב פונ באריכט געגעבנ לויט אנ איצטיקער איבערזעצונג, מיט דער איצטיקער אָרטאָגראפיע, אונ דאָס ווײַטערדיקע פונ באריכט ווערט געגעבנ אינ דער אָרטאָגראפיע אונ מיט דעמ סטיל, ווי ער איז דאנ געשריבנ געוואָרנ.

אינ דעמ דאָזיקנ באריכט ווערט געגעבנ א גענוי בילד וועגנ דער שטרײַק־באוועגונג, וועלכע איז פאָרגעקומענ איו וויטעבסק אינ 1897 יאָר פאר א 12-שאָיִקנ ארבעט-טאָג. אָבער וועגנ פּאָליטישנ קאמפ ווערט גערעדט זייער ווייניק. כוץ דעמ זײַנענ אינ באריכט פאראנ א ריי ניט קיינ ריכטיקע דערקלערונגענ וועגנ געוויסע פראגנ: צומ בײַשפּיל, אינ אָנהייב באריכט ווערט דערקלערט, אז „מיטנ וווּקס פונ דער אינדוסטריע אונ קולטורעלע פאָדערונגענ פונ אונדזער (וויטעבסקער — רעד.) בורזשואזיע זײַנענ געוואקסנ די אפּעטיטנ פונ דער בורזשואזיע אונ צוזאמענ מיט דעמ האָבנ זיכ באוויזנ גאנצ בוילעטע מאָטיוונ אפ צו פארגרעסערנ דעמ ארבעט-טאָג". דער דאָזיקער אבסורד איז אפילע געוועזנ אָפּגעדרוקט אינ דער בײַלאגע פונ „ראבאָטשעיע דיעלאָ". אינ דעמ באריכט איז אויכ קיינ וואָרט ניט דערמאָנט וועגנ דעמ אָנטייל פונ די ניט־יידישע ארבעטער אינ דער שטרײַק־באוועגונג, כאָטש אינ דער כראָניק וועגנ די ארעסטנ, וואָס ווערט געבראכט אינ באריכט, ווערט אָנגעוויזנ, אז אויכ רוסישע ארבעטער זײַנענ געווענ ארעסטירט פארנ באטייליקנ זיכ אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג. אינ וויטעבסק, פונקט ווי אינ אלע אנדערע שטעט, זײַנענ גלײַכ אינ אָנהײַב פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג די ארבעטער פונ אלע פעלקער געגאנגענ האנט בא האנט אינ קאמפ קעגנ צאריזמ אונ קאפּיטאליזמ.

---

* „ראבאָטשעיע דעלאָ", א ס.־ד. אָרגאנ פונ „פארבאנד פונ רוסישע סאָציאל־דעמאָקראטנ" ארויסגעגעבנ פונ אפּרעל 1899 י. ביז פעווראל 1902 י. 12 נומערנ אונטער דער רעדאקציע פונ ב. קריטשעווסקי, פּ. טעפּלאָוו אונ איוואנשינ. „ראבאָטשעיע דעלאָ" האָט אָפּגעשפּיגלט די אָפּאָרטוניסטישע שטרעמונג אינ די רייענ פונ די רוסישע סאָצ.־דעמ. אונ איז געשטאנענ אפ די פּאָזיציעס פונ „ע ק אָ נ אָ מ י ז מ".

## רוסלענדישע סאָציִאַל־דעמאָקראַטישע אַרבעטער־פּאַרטיי

### פּראָלעטאַריִער פונ אַלע לענדער, פאַראייניקט זיכ!

# דער קאַמפּ פונ די וויטעבסקער אַרבעטער פאַר א בעסערנ לעבנ

(א קאָרעספּאָנדענצ פונ וויטעבסק)

דער פאַרגאַנגענער [1897] יאָר האָט זיכ אָפּגעצייכנט אינ לעבנ פונ אונדזער שטאָט מיט א גאַנצ נייַער, פאַר די איינוווינער, דערשיינונג.

א גאַנצע ריי שטרייַקנ, סייַ אינ די קליינע וואַרשטאַטנ, סייַ אינ די מער באַדייַטנדיקע פאַבריקנ; באַזונדערס גרויסע שטרייַקנ בא די בוי־אַרבעטער; אייניקע דעמאָנסטראַציעס, בא וועלכע די אַרבעטער האָבנ אַרויסגעוויזנ קלאַסנבאַוווסטזייַנ אינ זייערע רעדעס וועגנ דער עקאָנאָמישער אונ פּאָליטישער לאַגע פונ אַרבעטער־קלאַס, — דאָס אַלצ האָט געמאַכט א קאָלאָסאַלנ אייַנדרוק אַפּ אַלע שיכטנ פונ דער באַפעלקערונג. די דאָזיקע פאַקטנ האָבנ אַרויסגערופנ אַסאַכ סימפּאַטיע צו דער באַוועגונג צווישנ די סאַמע ברייטסטע אַרבעטער־מאַסנ, געגעבנ די באַלעבאַטים צו פאַרייניקנ זיכ אַפּ קעגנשטעלנ זיכ די שטרעבונגענ פונ די אַרבעטער. עס האָט אייַנגאַנצנ צעטומלט די אָרטיקע זשאַנדאַרמעריע, וועלכע האָט בא אונדז אַרויסגעוויזנ א באַזונדערע פלייַסיקייַט. מע האָט שוינ ניט געקענט צווייפלענ, אַז די דאָזיקע דערשייַנונגענ זייַנענ ניט קיינ פּאַשעטע צופעליקייַטנ, נאָר אַז די אַרבעטער־באַוועגונג האָט דאָ געפונענ א צוגעפּאַסטנ באָדנ אונ האָט געלאָזנ טיפע וואָרצלענ.

אונ בעעמעס, נאָר אונדזערע אָרטיקע ציִעניסטנ קאָנענ באַוווסטזיניק אָדער אומבאַוווסטזיניק פאַרמאַכנ די אויגנ אַפּ די דאָזיקע אַלע דערשייַנונגענ, שרייַענ וועגנ דער סאָלידאַריטעט פונ אַלע ייִדנ אונ קוקנ פונ אויבנ אַראָפּ אַפּ די „פילאָזאָפנ" (אַזוי רופנ זיי די באַוווסטזיניקע אַרבעטער), וועלכע ווייַזנ זיי אָנ מיט רעכט, אַז די אַלטע גוטע צייַטנ, ווענ מע האָט געקאָנט ריידנ וועגנ דער סאָלידאַריטעט פונ אַלע ייִדנ, איז שוינ לאַנג אַוועק אויכ פאַר אונדזער, כאָטש אינדוסטריִעל ניט אַנטוויקלטער שטאָט. אומגעפער, פונ דער צייַט, ווענ מע האָט אָנגעהויבנ אַרויסשיקנ די ייִדנ פונ מאָסקווע אונ אַנדערע צענטראַלע ערטער, אונ טיילווייַז אונטער דער ווירקונג פונ די דאָזיקע פאַסירונגענ (האָבנ זיכ באַוויזנ פרייַע קאַפּיטאַלנ), האָט זיכ אינ דער אינדוסטריע פונ

אונדזער שטאָט אָנגעהויבנ צו אָנמערקנ א גאנצ שטארקע אופלעבונג. אדאנק די נײַע נאָכפראגנ פונ די דערפער אונ קלײנע שטעטלעכ, האָבנ די פריִערדיקע האנטווערקערײַענ, וועלכע האָבנ געפירט א קלעגלעכע עקזיסטענצ, אָנגעהויבנ זיכ פארברייטערנ סײַ אינ צאָל אונ סײַ אינ גרייס פונ די ווארשטאטנ, אונ עס אנטשטייענ א ריי מאנופאקטור- אונ קלײנע פאבריקנ, ווי פאפיר, טאבעק, קאָנפעקטנ, קאָנדיטערײַענ, שפאקולנ־פאבריק, טריוואקס, אײל, זייפ, קאכל-זאוואָדנ אונ אנדערע מיט א צאָל ארבעטער פונ 30 ביז 200 מענטשנ. אונ טער דער ווירקונג פונ די נײַע נאָכפראגנ האָט באקומענ א נײַעמ אויסזענ די מעלאָכע פונ די פאָסאדטשיקעס, שטעפער. די שוסטער-ארבעט פאר די קראָמענ האָט אָפגענומענ בא די פריִערדיקע מײַסטערס זייער זעלבשטענדיקײַט. ס'האָט זיכ פארגרעסערט די צאָל ארבעטער אונ די צאָל ווארשטאטנ. די באלעבאטימ זײַנענ געוואָרנ פארמיטלער צווישנ די ארבעטער אונ קראָמענ. אינ שלאָסערײַ־פאכ האָבנ זיכ באוויזנ אזעלכע ווארשטאטנ, וועלכע מאכנ אקער-אײַזנס (פלוגנ פאר די קראָמענ. אינ שנײַדערײַ־פאכ הייבנ אָנ שפילנ אנ אָנגעזעענע ראָליע די קראָמענ פונ פארטיקע קליידער אונ דאָס נייענ ביליקע קליידער פאר די פויערימ אונ פאבריק-ארבעטער (די אזויגערופענע טאנדעט־ארבעט).

מיטנ וווקס פונ דער אינדוסטריע אונ קולטורעלע פאָדערונגענ פונ אונדזער בורזשואזיע זײַנענ געוואקסנ די אפעטיטנ פונ דער בורזשואזיע אונ צוזאמענ מיט דעמ האָבנ זיכ באוויזנ גאנצ בוילעטע מאָטיוונ אפ צו פארגרעסערנ דעמ ארבעט-טאָג. אונ ווירקלעכ, ביזנ אָנהייב פונ דער באוועגונג האָבנ אינ אלע פאכנ געהערשט אומדערטרעגלעכע ארבעט-באדינגונגענ. נאָר אינ געציילטע ווארשטאטנ האָט מענ געארבעט 14—15 שאַ א טאָג; אינ דעמ גרעסטנ טייל האָט מענ געארבעט 17—18 שאָ א טאָג אונ מער. צו ארבעטנ גאנצע נעכט איז געווענ א געוויינלעכע דערשײַנונג בא די שנײַדער אונ מאָדיסטקעס. פרײַטיק פלעגט מענ קומענ צו דער ארבעט אפ עטלעכע שאָ פריִער ווי געוויינלעכ, אונ שאבעסצונאכט פלעגט מענ שטענדיק ארבעטנ אָנ געצאָלט, וויפל דעמ באלעבאָס האָט זיכ געגלוסט.

מיט סכירעס איז די זאכ ניט געווענ בעסער. דער לוינ אינ די פאכנ, אינ וועלכע עס זײַנענ געווענ באשעפטיקט פרויענ, איז געווענ זייער נידעריק, פונ 2 ביז 3 רובל א כוידעש, אונ זייער אינ זעלטענע פאלנ האָט ער דערגרייכט ביז 15—16 רובל. אָבער געוויינלעכ איז דער געהאלט געווענ פונ 8 ביז 10 רובל א כוידעש. די באלעבאטימ האָבנ געקוקט אפ די ארבעטער, ווי אפ בעהיימעס, מיט וועלכע מע קענ זיכ באגיינ, ווי זיי ווילנ, באליידיקנ מיט ווע־טער אונ מײַסימ: די ארבעטער פלעגט מענ שלאָגנ אונ זידלענ אונ פאר דעמ קלענסטנ פראָטעסט פלעגט מענ ארויסוואָרפנ אפנ גאס. באזונדערס האָבנ די דאָזיקע רעכטלאָזע לאגע געפילט די לערנ־ייִנגלעכ, וועלכע עס איז אויסגעקומענ צו לײַדנ סײַ פונ די באלעבאטימ אונ זייערע מישפאָכעס אונ סײַ אפילע פונ די געזעלנ. דאָס אלצ האָבנ די אונטערדריקער געטאָנ אומבאשטראָפט, ביפראט נאָכ, אז זייער ניט זעלטנ האָבנ די ארבעטער אליינ זיכ באמיט טאָג שאָדנ זייערע כאווײרימ, האָפנדיק, אז מיט דעמ וועלנ זיי געפינענ כיינ אינ די אויגנ פונ די באלעבאטימ.

די אזויגערופענע „ארבעט אפ אריבעריאָגנ“ איז געווענ אינ פולנ גאנג בא די היגע ארבעטער, וועלכע האָבנ פלײַסיק רײַכ געמאכט די באלעבאטימ

און צום שאָדן פון דעם אייגענעם געזונט, צום שאָדן פון די אינטערעסן פון די אייגענע כאווירים און אויך זייערע אייגענע אינטערעסן.

די סיסטעם פון „איבעריאָג-ארבעט" האָט געהערשט אין די פאכן פון שטיק-ארבעט. קיין קולטורעלע פאָדערונגען איז בא די מאסן אינגאנצן ניט געווען. קיין בוך האָט מען צווישן די מאסן אינגאנצן ניט געזען, און די אר-בעטער, וואָס האָבן יאָ געלייענט, האָבן געמוזט אויסשטיין די סאמע ערגסטע באליידיקונגען. אין סאָף 1897 יאָר האָבן זיך אָנגעהויבן איינציקע פאלן פון פּראָטעסט קעגן דער עקזיסטירנדיקער לאגע. די ערשטע אין דעם הינזיכט זײַנען בא אונדז געווען די שלאָסערס. אין 1898 האָט די באוועגונג שנעל ארומגעכאפּט קימאט אלע פאכן. איין שטרײַק האָט געפאָלגט נאָך א צווייטן. פריִער פון אלץ האָט זיך דער קאמף אָנגעהויבן קעגן די איבערשאָען-ארבעט און דערנאָך איז קימאט אומעטום ארויסגעשטעלט געוואָרן די פאָדערונג צו פארקירצן דעם ארבעט-טאָג ביז 12 שאָ (ארײַנגערעכנענדיק א 2־שאָיִקן איבע-רײַס אף אָנבײַסן און מיטיק). צוזאמען מיט דעם — טיילווײַז אונטער דער ווירקונג פון דעם קאמף פאר פארקירצן דעם ארבעט-טאָג, און טיילווײַז גאנץ אומאָפּ־הענגיק — האָט מען אויך אָנגעהויבן צו פאָדערן העכערן די סכירעס. די דאָ-זיקע גאנץ באשיידענע געזעצלעכע פאָדערונגען פון אונדזערע ארבעטער האָבן די באלעבאטים ניט באגעגנט מיט אזא גוטהארציקייט. ווי עס דערציילן אונדז אונדזערע ראבאָנים, מאגידים און ציִעניסטן, וועלכע ווילן מיט אלע קויכעס אײַנריידן די ארבעטער, אז די באלעבאטים זאָרגן זיך וועגן זיי, ווי וועגן זייערע אייגענע קינדער, און אז דעריבער דארפן אלע ייִדן אָן אונטערשייד לעבן בעשאָלעם צוליב די אלגעמיינע נאציִאָנאלע אינטערעסן.

וועגן דעם מיטגעפיל פון די באלעבאטים צו דער לאגע פון די ארבעטער קען מען אורטיילן, צום בײַשפּיל, פון דער אָנשווילעכער מעלדונג, וואָס דער טאבעק־פאבריקאנט קאָלבאנאָווסקי האָט געמאכט איינעם פון זײַנע אר-בעטער.

„מיר איז זייער נוצלעך—האָט קאָלבאנאָווסקי געזאָגט—אז איר זאָלט לעבן שלעכט, אז איר זאָלט זײַן אָרעם, אז איר זאָלט דארפן אָנקומען צו מיר. דעמלט וועל איך אײַך קענען צאָלן ווייניקער סכירעס. און אויב עמעצער פון אײַך וועט קראנק ווערן, וועל איך אף זײַן אָרט קריגן צען אנדערע..." און נאָך א פעסטער און פאראקשנטער קאמף האָט געקענט צווינגען דעם דאָזיקן פאברי־קאנט און אנדערע באלעבאטים זיך אונטערגעבן. ניט קוקנדיק אף אלע זייערע פארזוכן צו פארייניקן זיך אין אייניקע פאכן (ווי, צום בײַשפּיל, אין מעבל-פאך האָבן די באלעבאטים געגרינדעט א קאסע פאר קעגנזײַטיקער הילף אף צו קעמפן קעגן די ארבעטער אין צײַט פון א שטרײַק), ניט געקוקט אף דער גרויסער גרייטקײַט פון דער אָרטיקער פּאָליציי און דער זשאנדארמעריע קומען זיי צוהילף אין דער צײַט פון שטרײַקן און אפילע בא יעטווידער איינ-צלנעם צוזאמענשטויס מיט באזונדערע ארבעטער.

אונדזערע באלעבאטים האָבן גיך פארשטאנען און אָפּגעשאצט די קרוויווישע געפילן צו זיי פון דער זשאנדארמעריע, און קימאט אלע האָבן זיך פארוואנדלט און פרײַוויליקע שפּיאָנען, אויסנוצנדיק אפן סאמע גראָבסטן אויפן זייער לאגע. דראָען און שרעקן די ארבעטער מיט דער פּאָליציי—איז געוואָרן א געוויינט-לעכע זאך בא די באלעבאטים. קעדיי ניט דערצאָלן זייער לוין אין פאל פון

דעם קלענסטנ פראָטעסט, לויפנ גלײַך די באַלעבאַטימ צו דער פּאָליציי אונ מעלדנ, אז זייערע ארבעטער „בונטעווענ“ זיכ. די סאמע קלענסטע געזעצלעכע מעלדונג פונ אנ ארבעטער דראָט אימ פּאָליציי־צירקל אונ טורמע. אונ די פּאָליציי האָט זיכ בעעמעס א נעמ געטאָנ אפּ דערציִענ אינ דעמ גײַסט אונדזערע באַלעבאַטימ. ווי נאָר אינ דעמ אָדער יענעמ ווארשטאט ווערנ ארויסגעשטעלט די אָדער יענע פאָדערונגענ, האגאמ דאָס מעג נאָר נעגייע זײַנ אייניקע ארבעטער, הייבט זיכ גלײַכ אָנ א געלאפּ פונ דער זשאנדארמעריע אונ שפּיאָנענ, וועלכע האָבנ אונטער דער ווירקונג פונ דער „שטארקער נאָכפראגע“ זיכ דאָ גאנצ שטארק אנטוויקלט, באזונדערס פרײַוויליקע. שטארק פלײַסט זיכ דער נאטשאלניק פונ דער שפּיר־אָפּטיילונג לעוויצקי מיט צוויי יידישע נאָכשפּירער. די לעצטע לאָזנ פּאָשעט די ארבעטער ניט לעבנ. גאנצע טעג אונ נעכט קריכנ זיי אומ איבערנ שטאָט, גייענ ארײַנ אינ די דירעס פונ די ארבעטער, מאכנ ווילקירלעכע אונטערזוכונגענ, אונ ווענ זיי געפינענ אפילע א לעגאלנ ביכל, הויבנ זיכ אָנ ענדלאָזיקע פארהערנ, נײַע אונטערזוכונגענ א. ד. גל. *

און דאָס מאכט מען סיי מיט ערוואקסענע, סיי מיט קינדער, זייער אָפט גנב'ענען זייא זיך בייא נאכט אונטער די פענסטער, עפענען אויף די לאַדענס, הערען צוא אונטער דער טיר, שיקען נאכטוועכטער אויף קווארטיר א. א. וו. פלעגט דורכגיין איבערין גאסס אימיצער אָרעם געקליידעט, וואָס מ'האָט איהם געקענט אָנעהמען פאר אן ארבייטער (ס'האָט געמעגט זיין אויך א 10—12 יאָה־ריגער אינגעל) און האָט ער נאָך געהאט א העזה צו טראָגען א ביכעל, אזויא האָט ער באלד ריזיקירט ארייַנצופאללען אין אוטשאסטאָק אויף א דאָפּראָס אָדער איבערהויפּט צוא האָבען אי'נ'עסק מיט דער פּאָליציע, היינטיגען זוממער האָט מען דערמיט באזונדערס שמארק פראקטיקירט. יוסקע פּאָדווארניק, איינער פון דיא טיפּיחשנע בעשיצערס פון דער רוסישער סאמאָדערזשאווע (אללײנהער־שאפט), א גראָבער יונג, אביעם־ארץ, א פּאסקודניאק, אנ'אידעל א שפּיאָן, פלעגט וויא א ווילדע חיה חאפּען יעדערען וואָס האָט געטראָגען א ביכעל און איהם סטראשען מיט טורמע און סיביר. מעהר פון אלץ האָט די פּאָליציע און דיא זשאנדארמעריע אכטונג געגעבען אויף'ן „דוואָריאנסקי סאָד“, דעם געוויינליכען שפּאצירגאנג פון אונזערע ארבייטער. דאָ שוויבעלט און גריבעלט שטענדיג פון שפּיאָנעס און זשאנדארמען; און הגם דיא ארבייטער פיהרען זיך דאָ אויף אויף'ן שטילסטען אופן, האָבען דיא זשאנדארמען גיט איין מאָהל זייא ארויסגעיאָגט פון דאנען, כדי זייא אויפצורייצען, האָבען אוועקגענומען בייא זייא אללע שווארצע שטעקענס און אוועקגעשיקט אין פּאָליציע אלס א מאטעריע־לען בעווייז, האָבען זייא אויסגעסליעדעוועט און קיין רוה ניט געלאָזען. מיט דיא ארעסטירטע האָט מען זיך אויך בעסער ניט בעגאנגען: מ'האָט זייא גע־שלאָגען, ניט געגעבען עססען, אבי נאָר ארויסצוקריגען בייא זייא דיא נייטיגע פּאָקאזאניעס. מיט דיא מיידלעך האָבען זייא זיך ערלויבט דיא פּאסקודנעסטע זאכען... מעהר פון אלץ ליידען פון זייא דיא פּאָדנאזאָרגע. צוא עטליכע פּאָד־נאזאָרנע קומט דיא פּאָליציע יעדען טאָג אין וועלכע צייט זיא ווילל זיך, גאָר

* פונדאנענ אָנ אונ ווײַטער גייט דער באריכט לויטנ אָריגינאל

אָן יעדען בעדארף, גלאט אזויא. דער היגער זשאנדארמסקער פּאָדפּאָלקאָווניק— זיין כשרער נאָמען איז פּאָטולאָוו, א נאטשאלניק, וואָס איז טאקי גאנץ ווערט צוא האָבען אזא סוויטע פון זשאנדארמען און שפּיאָנען, א גראָבער יונג, א פּאסקודנער שארלאטאן און א פּיאניצע, האָט ניט איין מאָל ארויסגעוויזען געגען דיא ארבייטער אזא מין עזות און אונפארשעמטקייט, וואָס ס׳איז גאָר ניט געהערט געוואָרען. אז די ארבייטער האָבען פארענטפערט זייערע פּאָדערונ־גען און האָבען זיך דערביי פערופען אויף׳ן זאקאָן האָט ער ווילדערהייט אָנגע־הויבען צו טופען מיט די פיס און געשריען: „דעם זאקאָן דארף איך וויססען ניט איהר". אויף א 15 יאָהרעדיגע מיידעל, וואָס האָט געטראָגען עססען פאר אנ׳ארעסטירטע, האָט ער ארויפגעשלעפּט א גאנצע דיעלע, האָט זיא אָפּגעגע־בען פאָר נאדזאָר, האָט זיא געשלעפּט יעדען טאָג אויף דאָפּראָס, האָט איהר געסטראשעט, האָט צוא איהר געשיקט זיינע בעהעלפערס און צום סוף האָט ער זיך ארויסגעוויזען וויא אנ׳אמתער באשיצער פונעם זאקאָן, פון דער פאמי־ליע און פון אלע אנדערע מעשים טובים. ער האָט זיך איין מאָל ארויסגעשיקט פון זיין קאבינעט אלע זשאנדארמען און האָט ביים דאָפּראָס דעם 15 יאָהרעדיגען מיידעל אָנגעבאָטען זיא זאָל ווערען זיין סאָדערזשאנקע און האָט זיך דערבייא צוא איהר צוגעטשעפּעט מיט אזויגע פּאסקודנע פּאָרשלעגע, אז דיא אָרעמע מיידעל איז קוים לעבעדיגערהייד ארויסגעשפּרונגען פון זשאנדארמסקער אופּראוו־לעניע. ס׳איז פאראן צו פיל ביישפּילען פון אזא מין הפקר, אז מע זאָל זייא אללע קענען בעשרייבען. אָט אין אזעלכע צושטענדע האָבען דאָס געמוזט אונזערע ארבייטער פיהרען דעם קאמפף מיט זייערע בעלי-בתים און בעשיצען זייערע זאקאָנע רעכטע אָנטגעגען דיא בעשיצערס פון יעדעס אונרעכט. און חאָטשע עס זיינען פיל שוועריגקייטען און הינדערנישען געשטאנען אין וועג, האָט דאָך דיא אר־בייטער־בעוועגונג צו פיל פרוכט געטראָגען, אז מען זאָל גאָר קענען זיין אין ספק, אז עס וועט ווייטער אויך אזויא געלינגען. פריהער וויא אלץ מוז מען אָבמערקען, אז נור נאָך אין זעלטענע מאסטערסקאיעס הערשען נאָך דיא אלטע ארבייטס־בעדינגונגען, ווייל כמעט אומעדום, אפילו אין אזוינע מאסטערסקאיעס וועלכע די בעוועגונג האָט גאָר ניט באריהרט, איז איצטער דאָ א פעסט איינ־געשטעלטער ארבייטסטאָג. פרייטאָג קומט מען צו דער ארבייט ווי געוויינלעך, שבת [אינאָוונט] ארבייט מען נישט, די [איבערשאָען־ארבעט] איז גאנץ אָפּגעשאפט. מיט א פּאָר אויסנאמען דויערט דער ארבייטסטאָג ניט לענגער אלס 13—14 שעה, אין א סך מאסטערסקאיעס ארבעט מען 12 שעה. דערבייא האָט מען פעסטגעשטעלט פאר מיטאָג און רוהע $1\frac{1}{2}$—2 שעה, בעת פריהער האָט מען געמוזט עססען אין מי־טען דער ארבייט. דער לוין האָט זיך דערבייא אויך אויפגעהויבען אויף 30—100 פּראָצענט און ווערט אומעדום ארויסגעצאָהלט אין א פעסטגעזעצטער צייט, בעת פריהער האָט זיך דאָס פארצויגען אויף גאנצע חדשים, בעזונדער בייא דיא פרויען-ארבייט. בעזונדערס גוט האָט די בעוועגונג געווירקט אויף׳ן פערהעלטניסס פון דיא ארבייטער צוא איינאנדער. אָנשטאָט פון דעם פריהערען אָפּטען קאמפף צווישען זיך טרעט מעהר און מעהר ארויס ביים פּאָלק, אפילו בייא דיא וואָס ס׳האָבען ניט טהייל גענומען אין דער בעוועגונג—דער באוואוסט-זיין פון זייערע אלגעמיינע קלאססען-אינטערעססען. און אונטער דער איינוויר-קונג פון די פארבעססערטע מאטעריעלע לעבענס-בעדינגונגען און פון דיא נייע ערשיינונגען וועלכע דער קאמפף האָט מיט זיך מיטגעבראכט, הויבט זיך אָן

אונזער ארבייטער אויפצוחאַפּען אויך פונם גייסטיגען שלאָף. א גרויסער נאָכפראַג נאָך ביכער אין דיא פערשיעדענסטע וויססענצווייגען פון יונג און אלט וועו״ט איצט בעמערקט אפילו איז דיא צוריקגעבליבענע מאסטערסקאיעס.

די טשינאָווניקעס פון זייער זייט און די אָבשטשעסטווענע שטאָט־איינריכטונגען * (אופּראַוועס), האָבען מיט זייער אריינמישען זיך אין דעם שטרייט פון דיא ארבייטער מיט זייערע בעלי-בתים זייער פיל געהאָלפען צו ערקלערען אונזערע ארבייטער א סך זאכען, וועלכע זייא האָבען ביז אהין ניט געקענט פערשטיין. פאר אונזער ארבייטער ווערט אלץ קלאָרער און קלאָרער זיינע פּאָליטישע רעכטלאָזיגקייט (וואָס האָט ניט קיין רעכט) און פון דערפון פאָלגט דער קלאָרער בעוואוסטזיין פון זיינע קלאססען-אינטערעססען און א בעשטימטער פערהעלטניסס צוא פילע פאָרגענגען פונם פּאָליטישען לעבען. דאָס בעווייזט דיא סימפּאַטיע (מיטגעפיל) מיט וועלכע אונזערע ארבייטער בעגריסען די ארבייטער בעוועגונג אין אנדערע שטעדט פון רוססלאנד און פון אויסלאנד, און דער גרויסער אָנפראג אויף ניעליעגאלנע ליטעראטור, בעזונדערס אויף צייטונגען. זייער פּאָליטישע דערציהונג האָבען דיא ארבייטער בעוויזען דורך עטליכע מאססענדעמאָנסטראציעס.

היינטיגען זוממער, אז דיא זשאנדארמעס מיט דער פּאָליציע און מיט דער פּאָזשארנע קאָמאנדע האָבען אָנגעהויבען ארויסצויאָגען דיא ארבייטער פונם אומגליקליכען „דוואָריאנסקי סאָד״ האָבען בייא 200 ארבייטער דעמאָנסטראטיוו ארויסגעגאנגען פונם סאָד, האָבען דורכגעגאנגען דיא זאמקאָווע גאסס, האָבען געמאכט אנ׳הקפה פאָרבייא דעם אָקרוזשנאָי סוד ארום דעם גאנצען קווארטאל, וואָס ליגט ביים סאָד און זיינען אריינגעגאנגען אין סאָד פון דער אנדערער זייט. אין שטאָדט האָט מען דערפון א סך געשמועסט און אויף דיא ארבייטער האָט עס געמאכט דעם בעסטען איינדרוק. בעזונדערס גוט איז בייא אונז געלונגען דיא בעגלייטעכטס פון די רעקרוטען. אין דעם טאָג, וואָס מ׳האָט זייא אוועקגעשיקט האָבען זיך אויפגעקליבען אויף׳ן וואָקזאל ביז 200 ארבייטער און האָבען געפייערט דיא אָברייזע פון זייערע חברים. מ׳האָט געהאלטען רעדעס איבער דיא ארבייטלאגע, איבער זייער פארהאלטען צום מיליטאריזמוס, מ׳האָט געזונגען רעוואָליוציאָנערע ארבייטערלידער, מ״האָט געמאכט א לחיים פיר דיא ארבייטער בעוועגונג—און דעם אלגעמיינען „אורראַ״ האָבען מיט חשק אונטערגעחאפּט אללע קלאססענבעוואוסטע ארבייטער-רעקרוטען, וואָס זיינען אָנגעקומען פון אנדערע שטעדט. זעהר בעלערט און אינהאלטספּאָלל זיינען געוועזען דיא פערזאממלונגען (אסיפות) לכבוד דעם 1 מאי און אנדערע יום־טובים. אללעס אין אללעם גענומען, אז מען נעהמט דעם סך הכל פון דער גאנצער בעוועגונג און פארגעססט נור ניט, אז זיא האָט זיך אָנגעהויבען אין גאנצען פאר 1¹/₂ יאָהר, קענן מען זיך נאָר פרייען אויף דעם שנעללען אוספיעך און דיא רייכע פרוכט, וואָס זיא האָט מיט זיך געבראכט און מ׳קען גאנץ געוויסס זאָגען, אז קיין תחבולה פון דער רעגירונג וועט דיא בעוועגונג ניט קענען איינהאלטען. אים געגענטהייל מיט זיין גראָבען אריינמישען זיך מאכט דיא רעגירונג דיא בעוועגונג פיל הארבער, טרייבט דיא ארבייטער צום פּאָליטישען קאמפף און העלפט דערמיט צום ארויסארבייטען פונם קלאססענבעוואוסטזיין און פון פארטייאינ-

---

* בעזונדערס האָט זיך געסטארעט דיא רעמעסליענע אופּראווע, דעריבער זעה ווייטער.

טערעססעןביים המון-עם, ארבייטענדען פאָלק (אין דיא ברייטעסטע פאָלקס־שיכטען). דיא גרעסטע סטאַראַניעס פון דיא זשאַנדאַרמען אויפצורייצען דיא רוססישע ארבייטער אנטקעגען זייערע אידישע חברים האָבען געקענט געלינגען נאָר אין אָנהויב פון דער בעוועגונג. צום קלאָרערען כאַראַקטעריזירונג פון אונזער בעוועגונג ברייגען מיר דאָ דיא מעהר טיפּישע פאַקטען פון דער קאַמפּפסכראָניק (געשיכטע), נאָך דיא בעזונדערע מלאכות.

שלאָסערײַ.

ביז צום אָנפאַנג פון דער בעוועגונג האָט דער ארבייטסטאָג געדויערט 14 שעה מיט א פּויזע פון 2 שעה. פרייטיג האָט מען אָנשטאָט 6 געמוזט קומען 4 אזייגער אין דערפריא. אפילו שבת צו נאַכטס האָט מען געמוזט קומען צו דער ארבייט. אָפט האָט מען געארבייט איבער דיא געוויינליכע צייט (איבער־צייט) ביז 3—4 אזייגער פריעמאָרגענס. בייא אזא לאַנגען ארבייטסטאָג האָט דער לוין זיך בעוועגט צווישען 4—7 רובעל א חודש. באַגאַנגען האָט מען זיך מיט דיא ארבייטער גראָב. דיא בעלי-בתים פלעגען זיך אונטערשטעלען צו שלאָגען דיא ארבייטער. דער ערשטער שטרייק איז פאָרגעקומען בייא דיא שלאָסערס אין דעצעמבער 1897. אין דער אקער־אייזען מאַסטערסקאַיע פון קורביטש האָבען דיא ארבייטער—10 מאַנן—געפאָדערט ביים בעל-הבית דיא פאַרקירצונג פון ארבייטסטאָג אויף 12 שעה. דער שטרייק האָט געדויערט 3 וואָכען און איז ניט געלונגען. קורביטש האָט געקריגען ארבייטער (קריסטען און אידען), וועלכע ער האָט געצאָהלט זעהר טהייער חאָטשע זייא האָבען גאָר ניט געקענט אויספיהרען דיא ארבייט. דער שטרייק האָט איהם גאַנץ רוהינירט. צוא דערזעלבען צייט מיט דיעזעס האָט פאַססירט א שטרייק אין אַנ׳אַנדער אקער־אייזען מאַסטערסקאַיע (בייא ראַפּאָפּאָרט) אויף פאַרן 12 שעה׳דיגען ארבייטסטאָג. דיזען שטרייק וועלכער ס׳האָט געדויערט 3 וואָכען איז אויך ניט געלונגען: דער בעל הבית האָט געקריגען רוססישע ארבייטער פון דיא אייזענבאַהן־וואַרשטאַטען. 6 ארבייטער זיינען געוועזען אַרעסטירט אין דעם שטרייק און האָבען אָבגעזעססען א חודש. גלייך נאָך דיזע שטרייקען, אים אָנהויב 1898, איז דער ארבייטססטאָג צום טהייל דורך פאָדערונג פון דיא ארבייטער, צום טהייל פון דיא בעלי-בתים אליין פאַרקירצט געוואָרען אין 3 מאַסטערסקאַיעס אויף 12 שעה. פסח האָט איינער פון דיזע בעלי-בתים (סטערנין) געפאָדערט דיא ארבייטער זאָלען ווידער ארבייטען 13 שעה. דיא ארבייטער האָבען דערויף געענטפערט מיט א שטרייק אין וועלכען ס׳האָבען טהיילגענומען 16 לעהראַיינגלאַך און 2 פּאָדמאַסטעריעס. אלע סטראַשוּנקעס זיינען געוועזען אומזיסט און נאָך 3 טעג האָט ער זיך געמוזט אונטערגעבען (דער גאַלאָווא פון דער רעמעסלענע אופּראַווע, צו וועמען סטערנין האָט זיך געווענדעט אום הילפע, האָט אים גענייטיגט (?!) נאָכצוגעבען. אויף דיא פאָדערונג פון דיא ארבייטער, איז אין 2 מאַסטערסקאַיעס (איינע פון זייא געהערט קורביטשן), דער ארבייטסטאָג געקירצט געוואָרען אויף 1 שעה.

אין יולי איז דער ארבייטסטאָג אין איין מאַסטערסקאַיע אויף די פאָדערונג פון די ארבייטער פאַרקירצט געוואָרן אויף 12 שעה (פריהער האָט מען דאָרט געארבייט 16 שעה); אין אנדערע מאַסטערסקאַיעס האָט דער בעלי-הבית אליין איינגעפיהרט א 12 שעהידיגען ארבייטסטאָג, אָבער אין אָקטאָבער, אז

דער סעזאָן איז אריבער, האָט ער אָנגעהויבען צו פאָדערן אז דיא ארבייטער זאָללען ארבייטען 13 שעה. 2 פאָדמאסטעריעס און 6 לעהריונגען האָבען באלד אוועקגעוואָרפען דיא ארבייט. געבליבען זיינען 3 פאָדמאסטעריעס און 6 לעהר־יונגען. דער שטרייק האָט געדויערט 2 וואָכען און האָט זיך געענדיגט מיט'ן נצחון פון בעל־הבית. דעם 26 אָקטאָבער האָט סטערנין ווידער געפאָדערט, אז מ'זאָל בייא איהם ארבייטען 13 שעה. 1 פאָדמאסטעריע און 12 לעהריונגען האָבען ניט גזוואָלט פאָלגען דיזער פאָדערונג און זיינען ניט געקומען צוא דער ארבייט (ס'זיינען געבליבען 1 פאָדמאסטעריע און 1 לעהריונג). דעם 28 בייא דער נאכט איז 1 פאָדמאסטעריע (ברוך) ארעסטירט געוואָרן; אָבער ניט דאָס, ניט דיא אללע סטראשונקעס פון דער רעמעסלענע אופראווע און דער פאָליציע (מען האָט זייא עטליכע מאָהל גערופען צום זשאנדארמסקע פאָלקאָווניק) האָבען ניט געקאָנט העלפען, מ'האָט זיך פעסט געהאלטען. אזויא האָט די מעשה גע־דויערט 1½ וואָכען. כדי מאכען א סוף און צו צעברעכען דיא „עקשנות" פון דיא לעהריונגען, האָט דער רעמעסלענע גאָלאָווא באשלאָססען זייא צו שמייסען מיט ריטער. אללע געהעריגע הכנות (פאָרבערייטונגען) זיינען שוין געווען גרייט און נור דיא מאמעס, וואָס זיינען געקומען צולייפען, האָבען מיט מיה געראטעוועט זייערע קינדער פון אָט אזא מין פאסקודנעם ווילדען משפט. אים נאָוועמבער האָבען די לעהריונגען דאָך געמוזט ביסלעכווייז גיין צו דער אר־בייט (עטליכע האָבען אויסגיהאלטען מעהר פון 3 וואָכען). דעם 21 פעברואר 1899 האָט זיך אין דער אקער-אייזען־מאסטערסקאיע פון קורביטש ווידער אָנגע־הויבען דיא ארבייט און ער האָט געמוזט באפרידיגען די פאָדערונגען פון דיא ארבייטער—און איינפיהרען א 12 שעה'דיגען ארבייטסטאָג. דער לוין האָט זיך איצט אומעדום אויפגעהויבען ביז 8—20 רובל א חודש אָנשטאָט פון דיא פריער־דיגע 4—17 רובעל.

## מעבעל־סטאָליארעס.

ביז דעם אָנפאנג פון דער באוועגונג האָט דער ארבייטסטאָג בייא דיא סטאָליארעס געדויערט פון 15 ביז 16 שעה. אָפט האָט מען געארבעט דיא גאנצע נאכט אדורך, און מ'האָט דערפאר אפילו א גראָשען מעהר לוין ניט געקרי־גען. א בעשטימטע צייט פאר א פויזע האָט גאָר ניט עקסיסטירט. מיטטאָג פלעגט מען עססען אין די מאסטערסקאיעס בייא דער ארבייט. אין עטליכע מאסטער־סקאיעס איז געווען זעהר אין גאנג לעקציאָן־ארבעט (שנעלערקייט). דיא בעסטע סטאָליארעס האָבען ניט פארדינט מעהר וויא 3—4 רובעל א וואָך. דיא שכירות פלעגט מען ניט אקוראט אויסצאָהלען און א טהייל פון דיא שכירות פלעגען די בעלי-בתים איינהאלטען בייא זיך. דיא לאגע פון דיא לעהריונגען איז נאָך געווען פיל ערגער: זייא האָבען אויסגעשטאנען ניט נור פון דיא בעלי־בתים, נור פון דיא פאָדמאסטעריעס אויך, זיי האָבען געמוזט טאָהן אללע שמוציגע ארבייט. אז מ'האָט זיך אָנגעהויבען צוא אָבזאָגען פון דיא שטיק־ארבייט און האָבען פארקירצט דעם ארבייטסטאָג אף 14 שעה. איין בעל-הבית האָט אפילו פראָבירט אָביאזעווען דיא ארבעטער דורך ביכלאך און א 14 שעה־דיגען טאָג מיט 1 שעה פויזע—האָט זיך אָבער דערשראָקען פאר א שטרייק און האָט זיך געמוזט אָבזאָגען פון זיין בעגעהר. דאָס איז געווען (געשעהן) א פאָר וואָכען פאר פסח 1898. נאָך פסח האָבען דיא ארבייטער אין דער זעלבען מאס־

טערסקאַיע גאָר אָן איבעריגע טענות אָנגעהויבען אוועקגיין צום וואַרעמעס (מיטאָג, אָנבייסען) אויף א שעה אהיים. אויף'ן דריטען טאָג האָט זייא דער בעל-הבית אָבגעזאָגט. אויף זייער אָרט (פלאַץ) האָט מען קיינעם ניט דערלאָזען. דענסמאָל האָבען די בעלי-בתים געמאכט אַנ'אסיפה און האָבען בעשלאָסען צוא אָביאווען אללע ארבייטער דורך ביכלאך, אז זייא זאָללען ערפיללען פאָלגענדע בעדינגונגען: דער ארבייטסטאָג דויערט פון 6 אזייגער פרימאָרגענס ביז 6 אזייגער אָוועגד מיט 1½ שעה פויזע; פאר יעדען פארזאממטען טאָג קומט א שטראָף ביז 3 רובל; דער ארבייטער דארף זיך אָבזאָגען 2 וואָכען פאָרויס; דער בעל-הבית גיט ארויס יעדעם אוועקגעהענדען ארבייטער אנ'אטעסטאט. יעדער בעל-הבית, וואָס נעהמט צוא אנ'ארבייטער אָן אנ'אטעסטאט צאָהלט שטראָף פון 10 ביז 20 רובעל. זייא האָבען באשטימט א טערמין פונים 1 מאי ביז'ן 1-טען יוני, אין וועלכען ס'האָבען געמוזט איינגעפיהרט ווערען דיא ביכלאך פאר דיא ארבייטער. אין פאלל אז דיא ארבייטער. וועללען ניט וועלען פאָלגען דעם באשלוסס פון דיא בעלי-בתים מוזען זייא צאָהלען א שטראָף פון 20 ביז 25 רובעל. אויף דיזען באשלוסס האָבען דיא ארבייטער געענטפערט אויך מיט א פארזאממלונג און האָבען באשלאָססען צוא נעהמען דיא ביכלאך נור אונטער דיא פאָלגענדע באדינגונגען: דער ארבייטסטאָג דויערט פון 6 פרימאָרגענס ביז 6 אָוענדס מיט א 2 שעה'דיגע פויזע; דיא שכירות ווערט אויסגעצאָהלט יעדע וואָך; עס ווערט פון דיא ארבייטער קיין שטראָף ניט געפאָדערט; פאר א פארזאממטען טאָג רעכענט מען אָפּ פונקט אזויא פיל וויא ס'קומט אויס נאָך דעם לוין. אז מע וועט אין א פאָר מאסטערסקאַיעס אָבזאָגען דיא ארבייטער—זאָלל מען גלייך פאָדערן אין אללע מאסטערסקאַיעס דיא ביכלאך אונטער דיא אויבנגעשריבענע באדינגונגען.

דעם 1 יוני האָט איין בעל-הבית אָבגעזאָגט 5 ארבייטער. באלד האָבען 25 פאָדמאסטעריעס און 10 לעהריונגען אוועקגעוואָרפען דיא ארבייט. דער שטרייק האָט שוין געדויערט 5 וואָכען און דיא פאָליציע האָט נאָך דערפון גאָר ניט געוואוסט. אז דער פאָליצמייסטער האָט זיך אם ענדע דערפון דערוואוסט האָט ער באלד געשיקט רופען דיא בעלי-בתים און האָט פארשריבען אללע ארבייטער. גלייך דערנאָך האָט מען ארעסטירט וואו מ'האָט נאָר געקענט קריגען, אויפ'ן גאסס אָדער אין דער היים, 40 מאנן, צווישען וועלכע ס'זיינען געוועזן 10 גאָר פון אנדערע מלאכות. דער פאָליצמייסטער האָט זייא געהייסען נעהמען ביכלאך און האָט אללע, אהוץ 7 מאנן, ארויסגעלאָזען. דיא ארבייטער זיינען דאנן געגאנגען אין דיא רעמעסלענע אופּראווע און האָבען געפאָדערט ביים גאָלאָווא ער זאָלל זייא דורכלייענען דעם אוסטאוו (דיא דיניב) פון געווערבע-אונטערנעמונג (רעמעסלענע זאוועדעניעס). דער גאָלאָווא האָט פראָבירט דורכצולאָזען דעם ארטיקעל (סטאַטיא) 481 איבער דעם 12 שעה-דיגען ארבייטסטאָג, אָבער דיא ארבייטער האָבען איהם דערבייא געחאפּט און ער האָט געמוזט דורכלייענען דיעזען ארטיקעל (סטאַטיא). דיא בעלי-בתים האָבען דענסמאָלט געוואָלט אָבגרייסען 4—5 רובעל א חודש, אָבער די ארבייטער האָבען ניט מסכים געווען (ניט איינגעוויליגט) און אזויא איז קיין אחדות ניט געוואָרען. דיא 7 ארעסטירטע איבערגעבליעבענע ארבייטער זיינען ארויסגעשיקט געוואָרען אין זייער געבורטסאָרט. זייא האָבען אָבער באלד זיך אהער צוריקגעקעהרט. נאָר איינער איז אונטערוועגנס קראנק געוואָרען, מ'האָט אָבער

דערויף ניט געאכטעט און איהם געגויט צו גיין דיא גאנצע צייט צוא פוס. ער האט דאס ניט אויסגעהאלטען, האט נאך געקריינקט 2 וואכען און איז געשטארבען. אים סעפטעמבער האבען דיא ארבייטער פארט געוואונען דעם שטרייק. א סך בעלי־בתים האבען באוויליגט א 12 שעה'דיגען ארבייטסטאג. דער ארבייטסלויהן איז געשטיגען אום 2 רובעל א חודש. ס'זיינען אבער נאך געבליעבען אויך אזוינע מאסטערסקאיעס וואו מ'ארבעט מעהר וויא 12 שעה א טאג. א סך ארביי־טער געהען נאך ארום עד היום אן ארבעט, ווייל קיינער וויל זיי ניט נעהמען.

## פאסאדטשיקעס.

דער ארבייטסטאג האט געדויערט ביז צום אנפאנג פונם קאמפף פון 6-5 פריה־מארגענס ביז 8—9 אוועננד מיט $1\frac{1}{2}$ שעה פויזע; דיא שטרייקען אין אנדערע ערטער האבען דערשראקען דיא בעלי-בתים און אין יולי 1898 האט מען אנ־געהויבען אין אללע מאסטערסקאיעס (אחוץ איינע) ארבייטען צוא 12 שעה א טאג. אים אסיען (הערבסט) האבען אבער דיא בעלי־בתים אן געהויבען צוא פאדערען, אז דיא ארבייטער זאללען ארבייטען מעהר וויא 12 שעה א טאג. אין דער מאסטערסקאיע, וואו דער בעל־הבית האט פריהער פאר אללע גע־פאדערט דיא פארלייגערונג פונ ארבייטסטאג, האבען דיא ארבייטער אוועק־געווארפען דיא ארבייט. נאך לאנגע רייזען האט דער בעל-הבית ארא־געבראכט פון קאלוגע 3 קריסטליכע ארבייטער, וועלכע ס'האבען זיך גענומען צוא דער ארבייט אונטער דיא אלטע בעדינגונגען. א גאנץ גלייכע פאדערונג האט ארויסגערופען א שטרייק אין א צווייטער מאסטערסקאיע. דיא ארבייטער האבען פערלארען 3 טעג און האבען געמוזט איינוויללינגען אויף א 13 שעה'דיגען ארבייטסטאג. אין א דריטער מאסטערסקאיע האט דער בעלי־הבית אומזיסט זיך געסטארעט צוא פארלייגערען דעם ארבייטסטאג, נאך א 5 טאגיגען שטרייק האט ער געמוזט נאכגעבען, געמוזט פארגרעסערען דעם לויהן און באצא־לען פאר די פארזאממטע צייט. אין גורעוויטש'ס האמבורגער מאסטערסקאיע האט אויסגעבראכען א שטרייק וואס האט זיך געצויגען 2 וואכען. די ארביי־טער האבען אויסגעפיהרט. אין 2 חדשים ארום האט אין דער זעלבען מא־סטערסקאיע אויסגעבראכען א נייער שטרייק, וואס האט געדויערט גאנצע 2 חדשים. אין יאנואר פון היינטיגען יאהר האט איין בעל-הבית געשטעללט זיינע ארבייטער דיא פאדערונג זייא זאללען ארבייטען בייא איהם 14 שעה א טאג. דיא ארבייטער—6 מאנן—האבען אוועקגעווארפען דיא ארבייט. דער שטרייק ציעט זיך נאך עד היום.

די באוועגונג אין אונזער מלאכה (האנדווערק) האט איינגעווירקט אויף עטליכע קליינע שטעדטלאך. וואס ליעגען ארום, מ'ארבעט איצט דארט אויך נאר 12 שעה א טאג. דער לויהן האט זיך דארט אויך אין $1\frac{1}{2}$ מאל פאר־גרעסערט.

## שניידערײ.

אין דער שניידעריי זיינען בעשעפטיגט ביז 130 מאנן; אויף יעדער מאס־טערסקאיע קומט אויס פון 2 ביז 10 ארבייטער, מייסטענס צוא 5. דער ארבייטס־טאג האט געדויערט פון 6—7 פריהמארגענס ביז 11—12 ביינאכט. דערצוא האט מען נאך 2 מאהל א וואך געמוזט ארבייטען גאנצע נעכט אדורך. דער

לויהן איז געווען (געשטאנען) פון 3 ביז 5 רובעל א וואָך. דיא ארבייטסבאַ־דינגונגען זיינען דיא גלייכע, סיי בייא די וואָס האָבען געארבעט פון שטיק סיי בייא דיא וואָס האָבען געארבעט פון וואָך. אינגלאַך פון 13 ביז 17 יאָהר האָבען פאר דיא זעלבע ארבייט געקריגען פון 15 ביז 50 רובעל אין 2 יאָהר. פאר פּאַטשינקעס, ס'האָבען געקענט זיין וויפל ס'וויל, האָט מען קיין האַלבען גראָשען באזונדער נים געקריגען. דיא בעוועגונג האָט זיך אָן געהויבען בייא דיא שניידער נאָך פאר פסח 1897. צוא א שטרייק איז אין דער גאנצען צייט געקומען נאָר אין דער מאסטערסקאיע פון באָרערין, אוואו ס'האָבען געארבעט 6 מאנן. פאר פסח 1898 האָבען דיא ארבייטער געפאָדערט לויהן פאַרגרעס־סערונג.

אין דער באוועגונג האָבען טהיילגענומען מעהר וויא 100 מאנן. ס'האָט זייא געלונגען אָבצושאפען דיא נאכטארבעט, פעסטצושטעללען א 14 שעהדי־גען ארבייטסטאָג און זיך אָבצוזאָגען פון די פּאַטשינקעס. דיא ארבייטער וואָס האָבען געארבייט פון שטיק, האָבען בייא דער פארקירצונג פונם ארבייטס־טאָג גאָר נים פארלאָרען, ווייל דיא טאקסעס האָבען זיך אין דערזעלבען צייט פארגרעססערט, וויא מ'קען זעהן פון דער פאָלגענדען טאבעללע:

| | ביז צום אָנהויב פונם קאמפף | איטצט |
|---|---|---|
| א פינדזשאק . . . . . . | 1.25 רובל—1.75 רוב. | 1.75 ר. — 2 רובל |
| א וויזיטראָק . . . . . . | 2 ״ 2.25 ״ | 2.50 ״ —2.75 ר. |
| א סורדעט (איבערראָק) . . | 2.25 ״ — 3 ״ | 3 ״ —3.25 ר. |
| אנ'הערבסטפּאלטא . . . . | 2.50 ״ — 3 ״ | 3 ״ |
| א פאָר הייזן מיט א וועסט . . | 50 ״ 70 ״ | 70 ״ —90 |

דער וואָכענלויהן האָט זיך אויפגעהויבן פון 4 ביז 4.50—5 רובעל, דיא אינגלאַך קריגען איצט פון 30 ביז 60 רובעל פאר 2 יאָהר. דיא לעהראינגלאַך, האָטשע זייא האָבען פריהער אָבגעמאכט מיט דיא בעלי־בתים, האָבען זיך אויך דערשלאָגן צוא א לויהן־פארגרעססערונג פון 5 ביז 10 רובעל.

בייא דיא פריהערדיגע ארבייטסבעדינגונגען איז געווען 'אסאך מייסטערלאך, וואָס האָבען זיך באגאנגען נור מיט איין לעהרנאינגל; איצט נאָך דער פאר־גרעססערונג פונם לויהן און דער פארקירצונג פונם ארבייטסטאָג האָבען זייא געמוזט אויפהערען צוא עקסיסטירען.

## שטעפּערייִ.

ביז צום אָנפאנג פון דער באוועגונג האָט בייא דיא שטעפּערס דער ארבייטס־טאָג געדויערט פון 13 ביז 16 שעה און אין דער סעזאָנצײַט פלעגט מען אָפט ארבייטען גאנצע נעכט אָן א גראָשען שכר דערפאר. דער ארבייטלויהן פון דיא שטעפּערס וואָס ארבייטען אויפ'ן מאשין איז געווען 6—7 רובעל א וואָך און פון דיא ארומקלעפּערס 4—5 רובעל. דיא ארבייטער און באזונדערס דיא לעהר־אינגלאַך האָבען געמוזט פארטראָגען דיא גראָבסטע בעהאנדלונג פון דיא בעלי־בתים, דיא לעהראינגלאך האָט מען אָפט אפילו געשלאָגען פאר יעדע קלייניג־

קייס. אָנהויב מערץ 1898 האָט אויסגעבראָכען א שטרייק אין דער מאסטער־סקאיע פון רייגבארט. דער בעל־הבית האָט פארלאנגט צוא 10 רובעל פון יעדען און דיא ארבייטער האָבען אוועקגעוואָרפען דיא ארבייט. ער האָט געמוזט מסכים זיין אויף זייערע פאָדערונגען: 1) אויסצאָהלען דעם לויהן יעדע וואָך 2) מוסיף זיין צו 3 רובעל א חודש. ענדע מערץ האָט פאסירט א שטרייק אין דער מאסטער-סקאיע פון קאהאן צוליעב דעם פאָלגענדעם פאלל: דער בעל-הבית האָט פאָר-געשלאָגען אז מען זאָלל ארבייטען 13 שעה (פון 7 ביז 8) מיט 2 שעה פויזע. דיא ארבייטער האָבען דערצו מסכים געווען. ס׳האָט זיך אָבער דערנאָך ארויס-געוויזן, אז דער בעל־הבית האָט יעדע 5 פארזאממטע מינוטען פארעכענט פאר א גאנצע שעה. די ארבייטער האָבען געוואָרפען די ארבעט, 7 וואָכען האָט געדויערט דער שטרייק. דער בעל-הבית האָט געמוזט נאָכגעבען און באפרידי-גען דיא פאָרערונגען פון דיא ארבייטער: 1) פארקירצען דעם ארבייטסטאָג ביז אויף 13 שעה 2) מוסיף זיין אויף דיא שכירות צוא 2 רובעל א חודש 3) ניט אָברעכענען איבריגע געלד פאר דעם פערזוימען.

נאָך דעם האָבען פאססירט שטרייקען נאָך אין א פאָר מאסטערסקאיעס. מ׳האָט געפאָדערט א 11 שעהדיגען ארבייטסטאָג און א לויהנפערגרעססערונג אויף 2—3 רובעל א חודש. דיא פאָדערונגען זיינען אומעדום באפרידיקט געוואָרען. נאָך׳ן סעזאָן האָט זיך אין א פאָר מאסטערסקאיעס ווידער איינגעשטעללט א 14 שעה׳דיגער ארבייטסטאָג.

## מאליארעס.

דיא מאליארעס מוזען זייער אָפט ארבייטען אויף דיא דעכער אין ברענענדע היצען. דיא בעלי-בתים וויללען זייז אפילו ניט געבען קיין שטריק זיך צוצו-בינדען, חאָטשע דיא ארבייטער האָבען דאָס ניט איין מאָהל געפאָדערט. קען מען זיך נאָך דעריבער וואונדערען אז ס׳הערט זיך פון פערשידענע סיבות וואָס טרעפט זיך מיט דיא מאליארעס. דער סעזאָן דויערט בייא דיא מאליא-רעס 2—3 חדשים (יוני־אווגוסט), דער ארבייטסטאָג האָט געדויערט 14 שעה; אָנבייסען (ווארעמעס) פלעגט מען עססען אין מיטען ארבייט, א פויזע האָט ניט עקסיסטירט. דיא ארבייטער דינגט מען דאָ אויף דער בירזשע יעדען זונטיג. ענדע יולי, א וואָך נאָך דעם שטרייק פון די טשעסליארעס, האָבען דיא מא-ליארעס געפאָדערט א 12 שעה׳דיגען ארבייטסטאָג. אין 2 טעג ארום האָבען דיא קלענערע פאָדריאטשיקעס נאָכגעגעבען. אים משך פונם גאנצען שטרייק האָבען די זשאנדארמען און דיא שפיאָנעס-בעלי־בתים וויא פארס׳מטע מייז ארומגעפלייגען איבער דער בירזשע חאפען דיא הויפט-בונטאָווששיקעס, אָבער אללע האָבען זיך זייער רוהיג אויפגעפירט. מ׳האָט ארעסטירט 2 מאנן, איינער איז א זוהן פון א פאָדריאדטשיק, אויף וועלכן ס׳האָט זיין אייגענער פאָטער געמס׳רט. נאָך אנ׳איינוואָכעדיגען שטרייק האָבען אללע ארבייטער געמוזט זיך צוריק נעהמען צוא דער ארבייט אונטער דיא אלטע בעדינגונגען.

## טשעסליארעס און סטאָליארעס.

די בעססטע צייט פאר דיא טשעסליארעס דויערט אין גאנצען 4 חדשים אין יאָרה. דאמאָלס קריגען זייא בייא א 14—15 שעה׳דיגען טאָג פון 6 ביז 7 רובעל

א וואָך. אין דער איבריגען אויסערסעזאָנע צייט גייען א סך ארום ליידיג. דער לוין פאלט ביז 3—6 רובל א וואָך. ענדע יולי האָט צווישן דיא טשעסליארעס אויסגעבראָכען א שטרייק אין וועלכען ס'האָבען טהיילגענוממען פיעל מעהר ארבייטער וויא אין אללע פריהעריגע שטרייקען אין אונזער שטאָדט. גאנץ פריע האָט זיך פארזאממעלט א גרויסע קאָמפּאניע ארבייטער אויף דער בירזשע (אויפ'ן מארק). באלד האָבען אָן געהויבען אָן צוקומען נאָך נייע און נייע קאָמפּאניעס ארבייטער און דיא באגייסטערונג צווישען דעם פארזאממעלטען פאָלק האָט אלץ מעהר און מעהר געוואָקסען. ס'איז אראָפּגעקומען דער זשאנ-דארמסקי פּאָלקאָווניק בכבודו בעצמו מיט זיין אדיוטאנט און מיט א סוויטע פון זשאנדארמעס און שפּיאָנעס וועלכע ס'האָבען וויא פארסמטע ארום געפלייגען צווישען דיא ארבייטער און האָבען צוגעהערט אלץ וואָס דיא ארבייטער האָ-בען גערעדט. אויך דער פּאָליצמייסטער איז אראָבגעקומען מיט א גאנצע שייקע פון פּאָליצייסקע. דיא ארבייטער האָבען זיך געהאלטען רוהיג און מיט קוראזש און האָבען פעסט געפאָדערט א 12 שעה'דיגען ארבייטסטאָג. די פּאָליציע און דיא זשאנדארמעריע האָבען זיך מורא געהאט פאר א בונט און האָבען גאָר ניט געוואָלט טאָהן. אויף'ן ערשטען טאָג האָבען זיך דיא בעלי-בתים ניט גע-וואָללט אונטערגעבען און דיא ארבייטער האָבען זיך רוהיג צוגאנגען אהיים. אויפ'ן צווייטען טאָג האָט זיך אָבגעשפּילט דיא אייגענע מעשה. דיא ארבייטער האָבען זיך געהאלטען מיט אחדות און האָבען פעסט גישטאַנען אויף זייערע פאָדערונגען. דיא בעלי-בתים האָבען אָנגעהויבען נאָכצוגעבען. אויף'ן דריטטען טאָג האָבען שוין געארבעט 150 מאנן, גאָר בייא 50 מאנן זייגען נאָך ארומגע-גאנגען ליידיג... 3 וואָכען שפּעטער, אז דער סעזאָן האָט זיך שוין געקאָנשטעט, האָ-בען דיא ארבייטער אָן געהויבען צוא פארלירען אלץ וואָס זייא האָבען פריהער גע-וואונען: דער ארבייטסטאָג האָט זיך ווידער פארלייגגערט, מ'האָט אָן געהויבען ארבייטען פון 8 פריהמאָרגענס ביז 10—11 בייא נאכט. איצטער (לעת עתה) ארבעט מען פון 8 ביז 8, דערבייא האָט זיך אביסל דער לויהן פארגרעססערט פון 3 אויף 3½—4 רובעל א וואָך.

### שניידערקעס.

אין אונזער שטאָדט ארבייטען ביז 200 שניידערקעס. א געוויינליכע מאסטער-סקאיע בעשטייט אויס 8—10 ארבייטערקעס. ביז צום אָנהויב פונם קאמפף האָט דער ארבייטסטאָג געדויערט 16 ביז 18 שעה אָהן פויזע און אין דער סעזאָנצייט פלעגט מען ארבייטען דיא גאנצע נעכט. דער לויהן איז געוועזען זייער קליין. דיא בעלי-בתים פלעגען זיך מיט זייא באגיין אויף'ן גראָבסטען אויפן. דיא פאָדערונג פון א 12 שעה'דיגען ארבייטסטאָג האָבען די שניידערקעס צום ערשטען מאָל ארויסגעשטעלט אין אויגוסט 1898 אין דער מאסטערסקאיע פון פעסיע (17 מיידלאך.) אום צו פארמיידן א שטרייק האָט דיא בעלי-הבית'טע נאָך איינגע אומבעשלאָסענקייט באפרידיגט זייערע פאָדערונגען. דער אוספיעך האָט געווירקט און ס'האָט געלונגען איינצופיהרען א 12 שעה'דיגען ארבייטס-טאָג נאָך אין 15 מאסטערסקאיעס, אוואו עס ארבייט ביז 110 מיידלאך ($^1/_3$ פון זייא איז אָרגאניזירט). דעם 13־טען יאנואר פונם היינטיגען יאָהר האָט דיא בעל-הבית'טע פון איין מאסטערסקאיע (10 מיידלאך) געוואָלט אומקעהרען דיא אלטע ארבייטסבעדינגונגען. דיא ארבייטערקעס האָבען אוועקגעוואָרפען דיא

ארבייט, און אין א וואָך ארום האָט דיא בעל-הבית'טע נאָכגעגעבען. אויך דער לויהן האָט (דאנק דעם קאמפף) זיך פארגרעסערט: בייא דיא עלטערע מייסטער-קעס פון 7—11, בייא דיא מיטלערע — פון 6 ביז 9, בייא דיא יונגערע פון 4 ביז 7 רובעל א חודש. ס'איז דאָ מאסטערסקאיעס אוואו עס ארבעטען אפילו 25 מיידלאך, איטצט איז דער לויהן געשטיגען ביז 8—20 רובעל א חודש, אַנשטאָט דיא פריהערדיגע 4—17 רובעל.

### הוטמאכערקעס.

דיא ארבייטסבאדינגונגען זיינען געווען זייער שלעכט. אין סעזאָנצייט האָט מען געארבייט נאָכאנאנדער טאָג און נאכט. דיא מייסטערקעס האָבען געקריגען ביז 8 רובעל א כוידעש דיא פּאָדמייסטערקעס ביז 3 רובעל א חודש. דיא וואָס האָבען געהאט טיש בייא דיא בעל-הבתים זיינען געשטאָרבען פון הונגער, מ'האָט זייא גאָרניט געגעבען עססען. דאנק דער בעוועגונג איז דיא נאכט ארבייט אין סעזאָנצייט גאנץ אָבגעשאפט געוואָרען, דער לויהן האָט זיך 2 מאָל פארגרעססערט, מ'באגייט זיך מיט זייא פיל בעססער.

### נייטערקעס.

פריהערע ארבייטסבאדינגונגען זיינען געווען: אנ'ארבייטסטאָג פון 16 שעה, דעם לויהן (3—7 רובעל א חודש) פלעגט מען דיא מייסטערקעס קיינמאָל ניט אקוראט אויסצאָהלען. דאנק דער באוועגונג האָט זיך דער ארבייטסטאָג פאר-קירצט ביז אויף 12 שעה, דער לויהן האָט זיך 2 מאָהל פארגרעססערט.

אָנהויב זומער 98 האָט אין דעם קאָרסעטפאבריק פון ווייַלער, אוואו ס'אר-בייטען 30 מיידלאך פאססירט א שטרייק. מ'האָט געפאָדערט אנ'ארבייטסטאָג פון 12 שעה. דיא ארבייטערקעס האָבען אויסגעפיהרט דעם שטרייק.

אים דעצעמבער 98 האָט פאססירט א שטרייק אינ דעם גילזענפאבריק פון מירקין אוואו ס'ארבעטען 20 מיידלאך. דער בעל-הבית האָט זייא געוואָלט גע-בען נייע ארבייט (פארמאכטע גילזען) דיא ארבייטערקעס האָבען געפאָדערט: 1) א לויהן פארגרעססערונג פון 5 קאָפּ. אויף א טויזענד און 2) אנ'אקוראטנע אויסצאָהלונג יעדע וואָך (פריהער האָט מען אָפט איינגעהאלטען דעם לויהן גאנצע חדשים'ווייז). דער שטרייק האָט געדויערט 1 וואָך, דיא ארבייטערקעס האָבען אויסגעפיהרט.

### טאבאקפאבריק פון קאָלבאנאָווסקי.

אין דער טאבאקפאבריק פון קאָלבאנאָווסקי ארבייטען 90—100 מאנן (ביז 25 מאנספערזאָנען, 20 קינדער און 40 מיידלאך). באזונדערס שווער און אונ-געזונד איז דיא ארבייט אין דער אָבטיילונג אוואו מ'טריקענט דעם טא-באק, פונ'ם טאבאק-שטויב קריגען דיא ארבייטער אָפט דיא טשאכאָטקע. אין דער סאָרטירונג און טריקענאָבטיילונג איז דער לויהן פון 3 ביז 4 רובעל א וואָך, אין דיזע אָבטיילונגען ארבייטען צום גרעססטען טהייל מאנספערזאָנען אין דער טאבאקאָבטיילונג הערשט שיעור ארבייט (לעקציאָנסארבייט) און דער לויהן בעוועגט זיך צווישען 2 ביז 2,50 בייא מאנספערזאָנען, צווישען 1 ביז 1.35 בייא מיידלאך און צווישען 40 ביז 45 קאָפּיקעס בייא קינדער. דער בעל-הבית פלעגט זיך מיט זיינע ארבייטער זייער גראָב בעגיין. מעהר פון אלע

האָבען פארביטערט דעם לעבען דיא אָפטע שטראָפען. אין דער טאבאקאָבטיי-
לונג דויערט דער ארבייטסטאָג 12 שעה מיט א שעה פויזע, אין אנדערע אָב-
טיילונגען גיט מען $1\frac{1}{2}$ שעה אויף מיטאָג עססען און רוהע. אָפט פלעגט מען
נאָך פון דער פויזע אָברייסען א 10 אָדער א 20 מינוט. ס׳האָט ניט עקסיס-
טירט קיין שום ארבייטערצימּמער און מ׳האָט געמוזט עססען דעם אָנבייסען
(ווארעמעס) צוזאממען מיטן טאבאקשטויב. פון ווענטיליאציע איז קיין זכר ניט
געווען. אים זוממער 1898 האָט דער בעל-הבית געוואָלט פארקלענערן דיא
טאקסע כדי צוא פארגרעססערן דיא אויסארבעטונג, דערצוא האָט ער נאָך
אָבגעזאָגט איין ארבייטער, וועלכער האָט א קלאפּף געגעבען זיין ליבלינג
וואָס איז געווען שולדיג אין דעם איינפיהרען פון דיא נייע ארבייטסבעדינ־
גונגען. קיינער פון דיא ארבייטער האָט ניט געוואָלט פארנעהמען דיא שטעללע
פון זייער אָבגעזאָגטען חבר; דערפאר האָט דער בעל-הבית זייא אללע—7 מאנן—
אָבגעזאָגט. דאָס איז געווען פרייטיג. אויף דער אנדערער וואָך האָט דער בעל-
הבית געדונגען פראָסטע טאָגארבייטער אויף דער שטעללע פון דיא אָבגע-
זאָגטע. דאָס האָט שטארק אויפגערעגט דיא ארבייטער און זייא האָבען גע־
סטראשעט דעם בעל-הבית, אז באם ער וועט ניט צוריקנעהמען אללע אָבגע-
זאָגטע חברים, וועללען זייא אוועקווארפען דיא ארבייט. דער בעלי-הבית האָט
דערפון אפילו ניט געוואָלט וויססען. אללע פאקערס (40 מאנן) האָבען דענס-
מאָל אוועקגעוואָרפען דיא ארבייט. דעם אייגענעם טאָג האָט דער פאבריקאנט
געשיקט רופען דיא ארבייטער. זייא זיינען געקוממען און האָבען געשטעללט
פאָדערונגען: 1) פאר דיא, וואָס פאקען אכטלאך זאָלל דיא אויסארבייטונגסצאָהל
פארקלענערט ווערען און דערבייא זאָלל דיא טאקסע פארגרעססערט ווערען
2) פרייטיג און זונטיג ווען מ׳ארבייט ווייניגער זאָלל מען ניט דארפען ארביי-
טען נאָך דער נאָרמע, זאָנדערן וויא פיל יעדער וועט קענען 3) דער ליבלינג
פון בעל-הבית זאָלל ארויסגעיאָגט ווערען פון דער פאקאָפּטיילונג 4) אָבזאָגען
דיא טאָגארבייטער 5) צונעהמען צוריק דיא אָבגעזאָגטע ארבייטער. אללע פאָ־
דערונגען זיינען באלד באפרידיגט געוואָרען. דיא זשאנדארמעס האָבען זיך
דערוואוסט פונם שטרייק, אז ס׳האָט שוין אלץ געוועזען רוהיג. מ׳האָט אראָב-
געשיקט דעם פאבריק-אינספּעקטאָר. דיא ארבייטער האָבען איהם דערציילט
זייערע ארבייטבעדינגונגען; ער האָט זייא געזאָגט, אז דער בעל-הבית און ער,
דער אינספּעקטאָר זאָרגען פאר זייא וויא פאר אייגענע קינדער און איז מיט
דעם אוועקגעגאנגען ניט אקוקגעבענדיג אפילו אויף דער פאבריק. אין דער
זשאנדארמעריע אָבער האָט ער געמסרט אללע ארבייטער, וואָס האָבען זיך
בייא איהם בעקלאָגט. באלד האָט מען ארעסטירט 2 מאנן. איינעם האָט געמסרט
דער אינספּעקטאָר, דעם צווייטען האָט דער בעל־הבית ארויסגעשטעלט פאר
דעם הויפּט־בונטאָוושטשיק. דאָס האָט שטארק צורייצט דיא ארבייטער און נאָר
מיט גרויסע מיה האָט מען זייא געקאָנט איינהאלטען זייא זאָללען נאָך עפּעס
ניט אָנמאכען. א סך ארבייטער האָט מען געשלעפּט אין דיא זשאנדארמסקע
אופּראוולעניע אויף דאָפּראָס, וועלכער ס׳האָט געדויערט כמעט 2 חדשים. דיא
ארבייטער האָבען זיך געהאלטען בייא דעם דאָפּראָס אויסגעצייכענט. אין א קור-
צער צייט האָט מען אויסגעבויט אמאָהל אן׳ארבייטערצימּמער און פארגרעס-
סערט אום $\frac{1}{2}$ שעה דיא פויזע פאר דער טריקענאָבטיילונג. ס׳איז אראָבגעקומען
אמאָהל א דאָקטער, וועלכער ס׳האָט כמעט אללע ארבייטער ערקלערט פאר קראנקע.

בלעכערס.

דיא ארבייט געדויערט געוויינלעך 14—16 שעה א טאָג אָן שום פויזע. געגעסען האָט מען אין דער מאסטערסקאיע אין מיטען דער ארבייט. אָפט פלעגט מען ארבייטען גאנצע נעכט און דערפאר קיין גראָשען ניט קריגען. דער פאר-דינסט האָט זיך בעוועגט צווישען 4 ביז 10 רובעל א חודש. אים יולי האָט דיא ארבייטער געלינגען צוא פארקירצען דעם ארבייטסטאָג ביז אויף 13 שעה און אָנהויב ווינטער האָט מען אין 7 מאסטערסקאיעס אָנגעהויבען צו ארבייטען 12 שעה.

## קרבנות פון דעם צארישען דעספאָטיזמוס.

אין דעצעמבער 1897 האָט מען ארעסטירט 6 ארבייטער. זייא זיי-נען געזעסען א חודש און דערנאָך האָט מען זייא ארויסגעלאָזען.

אין יאנואר 1898 האָט מען ארעסטירט מ. גורעוויטש. מ׳האָט איהם אוועקגעשיקט אין פעטערבורג. ער איז אָפגעזעסען אין „קרעסט״ 11 חדשים און איז ארויסגעלאָזען געוואָרען פאַר גאדזאָר אויף 2 יאָהר אין דווינסק. שאליט וואָלף איז אָבגעזעסען 1 חודש.

## דעם 16 אפריל ארעסטירט:

אוסישקין חצקעל (צום צווייטען מאָהל), שאליט וואָלף א שלאָססער (2־טען מאָהל), מ. מעזשעוועצקי א שלאָססער, באראָן חיים א בערשטער, טערמאן לאציע א הוטמאכערקע, איידעל א נייטערקע. מעזשעוועצקי און גורעוויטש האָט מען ארויסגעלאָזען ביזן סוד אים 1899-טען יאָהר. אין דער זעלבען נאכט האָט מען נאָך ארעסטירט צוויי ברידער שלאָססערס: אהרן און אברהם ראָש, נאָך 3 טעג האָט מען זייא ארויסגעלאָזען.

אין יוני ארעסטירט: מענדעל כאַם א שלאָססער (2-טען מאָהל), לייב איטשע חאוזער (א שלאָססער, מ׳האָט ביי איהם געפונען נעלעגאלע ליטעראַ-טור), גרשון תאנין א שלאָססער. תאנין האָט מען אים נאָוועמבער ארויסגעלאָזען ביז׳ן סוד. אים יוני ביי דעם שטרייק פון די מעבעל־סטאָליארעס האָט מען ארעסטירט 40 מאנן. זייא זיינען אָבגעזעססען 1 טאָג. 7 פון זייא האָט מען אוועקגעשיקט מיטן עטאפ אין זייער געבורטסאָרט (איינער פון זייא איז געשטאָר-בען אין וועג). ענדע יוני האָט מען ארעסטירט דעם סטאָליאר שמיון און דעם טשעסליאר שלמה, זייא זיינען אָבגעזעססען 10 וואָכען און פארשיקט געוואָרען אין א קליינע שטעטל מאָהלעווער גובערניע.

אים יולי א סטודענט פון דער מאָסקווער אוניווערסיטעט, באָריס צייט-לין, א שלאָססער אהרן ראָש (צום 2-טען מאָהל); צייטלין האָט מען נאָך 5 חדשים ארויסגעלאָזען ביז צום סוד; דער שלאָססער יוסף באנק האָט אָבגעזעססען 6 וואָכען און איז פארשיקט געוואָרען אויף 1 יאָהר אין זיין געבורטסאָרט. 4 מעבעל-סטאָליארעס, 2 האָט מען פארשיקט אויף 2 יאָהר אין אָרשע, דיא אנדערע 2 האָבען אָבגעזעססען 5 חדשים און דאנן האָט מען זייא אָבגעגעבען פאַד גאדזאָר; פון דער טאבאק-פאבריק—מענדעל עפשטיין און זרח ליבערקין. זייא האָבען אָבגעזעססען 5 חדשים. און ארויסגעשיקט געוואָרען; 2 מאליארעס האָבען אָבגעזעססען 5 וואָכען.

אויגוסט ארעסטירט:

א טשעסליאר מענדעל, האָט אָבגעזעססען 10 וואָכען איז ארויסגעשיקט אויף 2 יאָהר; דעם 19-טען 2 טשעסליארעס: נח און וועלוועל, האָבען אָבגע־זעססען 6 חדשים, זיינען אויף 1 יאָהר ארויסגעשיקט; א טשעסליאר פיאָדאָר (א קריסט) האָט אָבגעזעססען 6 וואָכען; 2 סטאָליארעס—בישקע און אורע (בעווייבט) באפרייט נאָך 4 חדשים ביזן סוד.

סעפטעמבער. 1 פּאָסאדטשיק, האָט אָבגעזעססען 2 וואָכען.

אָקטאָבער. איידעל שעוועלעווא (אינטעליגענטקע); אלעקסאנדער טרא-נאָווסקי (2־טער מאָהל) (א פּאָדנאדזאָרנער אינטעליגענט); ברוך א שלאָססער, באפרייט אין נאָוועמבער.

אין דער נאכט וואָס מ'האָט ארעסטירט טראנאָווסקי'ן האָט מען געמאכט 9 אָביסקעס בייא היגע אינטעליגענטען. אין דעם משך פון דער גאנצען בעוועגונג זיינען געווען א מאססע אָביסקעס, מאססען און איינצעל-ארעסטען אויף 2—3 טעג.

# וועגנ איבערזיכט פונ דער אָכראנקע איבער דער רעוואָליו-ציִאָנערער באוועגונג אינ ווילנער, מינסקער, גראָדנער אונ קאָוונער גובערניעס

די זשאנדארמעריע פלעגט צוזאמענשטעלנ אונ אָפדרוקנ איבערזיכטנ וועגנ די „וויכטיקסטע אויספאָרשונגענ ווענג מעלוכע-פארברעכער" פאר איר אייגענעמ געברויכ. אינ דעמ איבערזיכט פאר דעמ יאָר 1897 איז פאראנ א קאפיטל, אינ וועלכנ עס ווערט באלויכטנ די רעוואָליוציִאָנערע באוועגונג אינ ווילנער, מינסקער, גראָדנער אונ קאָוונער גובערניעס. האגאמ דער דאָזיקער איבערזיכט איז צוזאמענגעשטעלט געוואָרנ אינ גײַסט פונ דער זשאנדארמעריע, פונדעסטוועגנ שטעלט ער מיט זיכ פאָר א גרויסנ היסטאָרישנ אינטערעס אונ דערגאנצט די באריכטנ, וועלכע זײַנענ פובליקירט געוואָרנ אינ יענער צײַט אינ די רעוואָליוציִאָנערע אונטערערדישע אויסגאבעס.

דער דאָזיקער איבערזיכט איז אינטערעסאנט מיט דעמ, וואָס אינ אימ ווערט בוילעט באוויזנ, אָז אינ דער רעוו. באוועגונג אינ ווײַסרוסלאנד אינ די 90-קער יאָרנ זײַנענ געווענ ארײַנגעצויגנ די ארבעטער פונ אלע פעלקער, אז מע האָט ארויסגעלאָזנ ליטעראטור אפ רוסיש, פויליש אונ ייִדיש, אז מע האָט גערופנ צו אייניקײַט די ארבעטער פונ אלע פעלקער אינ קאמפ קעגנ די באלעבאטימ אונ דער רעגירונג.

דער איבערזיכט איז אויכ אינטערעסאנט מיט דעמ, וואָס דאָ ווערנ אָנגעוויזנ די אָנטייל-נעמער פונ דער באוועגונג. די נעמענ פונ די אָנטײל־נעמער באווײַזנ מיט דער גאנצער קלאָרקײַט, אז אינ דער רעוואָליוציִאָנערער באוועגונג פונ יענער עפּאָכע האָבנ גענומענ אנ אָנטייל ארבעטער פונ אלע פעלקער.

צו דעמ דאָזיקנ איבערזיכט, ווי צו אלע אנדערע דאָקומענטנ פונ דער אָכראנקע, וואָס מיר דרוקנ אינ דעמ בוכ, דארפ מענ זיכ באציִענ זייער קריטיש. אָבער אינ הינזיכט פונ פעסט-שטעלנ דאטעס אונ פאקטנ, האָבנ די דאָזיקע דאָקומענטנ א גרויסע באדײַטונג.

דער איבערזיכט איז אינ 1928 י. פארעפנטלעכט געוואָרנ אינ דער רוסישער אויסגאבע פונ אונדזער ארבעט „די רעוו. באוועגונג אינ ווײַסרוסלאנד". אינ ייִדיש דרוקט עס זיכ צומ ערשטנ מאָל.

---

# איבערזיכט פונ די ווינכטיקסטע אויספאָרשונגענ איבער די איניאָנימ וועגנ מעלוכע-פארברעכנס פארנ 1897 יאָר *

## ערשטער קאפיטל

צומ סאָפ פונ 1896-טנ יאָר האָבנ זיכ אינ ווילנער, מינסקער, גראָדנער אונ קאָוונער גובערניעס אָנגעהויבנ שטרייַקנ. צומ אָנהייב האָבנ זיי געטראָגנ א פרידלעכנ כאראקטער און פלעגנ זיכ ענדיקנ אינ א קורצנ טערמינ. נאָר דערנאָכ האָבנ זיכ אינ ווילנער גובערניע אָנגעהויבנ פארשפרייטנ צווישנ די ארבעטער געדרוקטע אונ העקטאָגראפישע אופרופנ, דער „סטאטוט פונ דער ארבעטער-קאסע” אונ פארשיידענע רוסישע, פוילישע אונ יידישע בראָשורנ אונ זשורנאלנ מיט א רעוואָליוציאָנערנ אינהאלט.

אינ די דאָזיקע אויסגאבעס, פונ וועלכע אייניקע זייַנענ ארויסגעגעבנ געוואָרנ פונ „ארבעטער-פארבאנד”, זייַנענ די ארבעטער גערופנ געוואָרנ צו פייַערנ דעמ ערשטנ מייַ, אייַנאָרדענענ שטרייַקנ, פאָדערנ אנ אכטשאָיקנ ארבעט־טאָג, א העכערונג פונ ארבעטלוינ אונ פאָליטישע פרייַהייַט, צומ קאמפ מיט די באלעבאטימ-עקספלואטאטערנ אונ מיט דער רעגירונג, צו אייניקייַט צווישנ די קריסטלעכע אונ יידישע ארבעטער, צו שאפנ קאסעס אפ צו אָרגאניזירנ אנ אלגעמיינעמ ארבעטער־שטרייַק פונ אלע פאכנ, ווענג גרינדנ איינ פארייַנ, ווו אלע וועלנ קעמפנ איינער פאר אלעמענ אונ אלע פאר איינעמ. אינ די אויסגאבעס ווערנ גלייַכצייַטיק אָנגעוויזנ די נוצנ, וואָס זייַנענ דערגרייכט געוואָרנ דורכ די שטרייַקנ.

אונטערנ אייַנפלוס פונ דער דאָזיקער אגיטאציע, פונ איינ זייַט, אונ, פונ דער צווייטער, צוליב דער לייַכטקייַט פונ די רעפרעסיעס פארנ אָנטייל אינ די שטרייַקנ, האָט זיך בא די אָנפירער פונ די שטרייַקנ באקומענ אנ אייַנדרוק, אז זיי שטעלנ מיט זיך פאָר א קויעכ, מיט וועלכנ ס'איז אנ אומזינ צו פירנ א קאמפ. די שטרייַקנ זייַנענ געוואָרנ אָפטער. פארלירנדיק ביסלעכווייַז דעמ כאראקטער פונ אלגעמיינע פארברעכנס, ווערנ זיי שוינ ארויסגערופנ ניט

* א צעטל פונ אויספאָרשונגענ, וועלכע ס האָבנ געמאכט די זשאנדארמערישע פארוואלטונגענ איבער מעלוכע־פארברעכנס פארנ 1897 י. ס-פעטערבורג, דרוקערייַ פונ אינערנ-מיניסטעריומ. 1902 י.

דורכ דער אָרעמער מאטעריִעלער לאגע פונ די ארבעטער, נאָר, אזוי צו זאָגנ, קינסטלעכ — צוליבנ שטרעבנ פונ די אגיטאטערס אומבאדינגט שאפנ אנ ארבעטער-באוועגונג.

די אויספאָרשונגענ, וואָס מיר האָבנ אָנגעהויבנ באצייַטנס, האָט פעסטגעשטעלט, אז פונ אָנהייב זייַנענ די שטרייַקנ אייַנגעאָרדנט געוואָרנ אינ באזונדערע ווארשטאטנ, אומאָפהענגיק איינע פונ דער אנדערער, און די אגיטאטערס האָבנ זיכ באנוגנט נאָר מיט דעם, וואָס זיי האָבנ אונטערגעהעצט די ארבעטער — צו דערשלאָגנ זיכ א פארקירצונג פונ ארבעט-טאָג, א העכערונג פונ ארבעטלוינ און א העפלעכע באציִונג מיצאד די באלעבאטימ. דערבייַ האָט מענ די ארבעטער רעקאָמענדירט: ניט אָנקומענ אפ די ערטער פונ די אָפגעזאָגטע ארבעטער, ניט אָפלאָזנ ביליקער זייער ארבעט און ניט פארטרעטנ א כאווער, מיט וועמעס אופירונג דער באלעבאָס איז צוליב עפעס ניט צופרידנ, ביז וואנענ דעם דאָזיקנ כאווערס פאָדערונגענ וועלנ ניט באפרידיקט ווערנ.

דערנאָכ האָט זיכ דער כאראקטער פונ דער באוועגונג שארפ געענדערט: די פארשטרייַקטע ארבעטער פונ איינ פאכ האָבנ אָפנ אָנגעהויבנ פאָדערנ בא די ארבעטער פונ אנדערע פאכנ, אז זיי זאָלנ זיכ אָנשליסנ צו דער אלגעמיינער באוועגונג. די עצעם פאָדערונגענ זייַנענ געוואָרנ ברייטער: מע האָט ניט דערלאָזנ אָננעמענ ארבעטער פונ אנ אנדער שטאָט, מע האָט ניט דערלויבט אויסארבעטנ סכוירעס פונ אנדערע פאבריקנ. די מער ענערגישע אגיטאטערס האָבנ זיכ אָפנ באוויזנ אפ די זאוואָדנ און אינ די ווארשטאטנ מיט אופרופנ אינ די הענט און האָבנ געפאָדערט, אז מע זאָל אָפשטעלנ די ארבעט, און בא די באלעבאטימ האָבנ זיי געפאָדערט באפרידיקנ די פאָדערונגענ פונ די ארבעטער, דראָענדיק די און יענע אינ פאל, אויב מע וועט ניט פאָלגנ, מיט קלעפ און אפילע מיט טויט. די דאָזיקע דראָונגענ זייַנענ דערנאָכ דורכגעפירט געוואָרנ אינ לעבנ. און גאָר אינ א קורצער צייַט ארום זייַנענ פונ די באלעבאטימ און ארבעטער אָנגעקומענ אסאכ מעלדונגענ, אז מע האָט זיי דערלאנגט קלעפ, דערבייַ זייַנענ די קלעפ, ניט זעלטנ זייער שווערע, דערלאנגט געוואָרנ ניט פונ איינצלנע פערזאָנענ, נאָר פונ גאנצע מענגעס, וועלכע זייַנענ געוועזנ באוואָפנט מיט שטעקנס און שטיינער. די אָנפאלנ פלעגנ פאָרקומענ פונ הינטער א ווינקל און אָפנ אינ מיטנ העלנ טאָג אָפנ מיטנ גאס. אינ די ווארשטאטנ, וועלכע פלעגנ ניט ווארפנ די ארבעט צומ טערמינ, וואָס די שטרייַקער האָבנ באשטימט, פלעגט מענ אויסברעכנ די שויבנ און באגיינ קאָלערליי גוואלדטאטנ.

אָט אזא האנדלונג פונ די שטרייַקער האָט אזוי אָנגעשראָקנ די באלעבאטימ פונ די ווארשטאטנ, אז אנדערע פונ זיי זייַנענ אויס מוירע געווענ געצווונגענ נאָכצוגעבנ די ארבעטער-פאָדערונגענ, נאָכ וואָס עס זייַנענ אינ די ווארשטאטנ און זאוואָדנ פאנאנדערגעוואָרפנ געוואָרנ אופרופנ, אינ וועלכע ס'איז אייַנגעשמועסט געוואָרנ די ארבעטער, אז אדאנק דעם שטרייַק האָבנ די באלעבאטימ געהעכערט דעם ארבעטלוינ.

אינ דער זעלבער צייַט האָט זיכ בא די ארבעטער געשאפנ א שטרעבונג צו אָרגאניזירנ געהיימע קרייַזלעכ און בא זיי קאסעס אפ צו העלפנ די שטרייַקער. דערבייַ פלעגט מענ געלט באקומענ דורכ זאמלונגענ צווישנ די ארבעטער, וואָס פלעגנ אָפט דורכגעפירט ווערנ מיט גוואלדטאטנ און שאנטאזש.

די מיטגלידער פונ קרייזלעכ פלעגנ זיכ צונויפזאמלענ אפ סכאדקעס, ווו מע פלעגט ארומריידנ דעמ כאראקטער פונ די ווייטערדיקע האנדלונגענ מיצאד די שטרייקער.

קעדיי צו ליקווידירנ די אנטשטאנענע ארבעטער-באוועגונג אונ ווי ווייט מעגלעכ גיכער ווירקנ אפ די שולדיקע, זיינענ בא די געהעריקע זשאנדאר־מעריע-פארוואלטונגענ געמאכט געוואָרנ אויספאָרשונגענ, וועלכע האָבנ פעסט-געשטעלט א ריי פערזאָנענ, וואָס האָבנ א שייכעס צו דער באוועגונג.

## די ארבעטער־באוועגונג אינ ווילנער גובערניע

אינ דער צווייטער העלפט פונ 1896 יאָר זיינענ די שטרייקנ אינ סמאָר-גאָנ, אָשמענער אויעזד, אונ דערהויפט אינ ווילנע, געוואָרנ קימאט א טעגלעכע דערשיינונג. די באוועגונג האָט ארומגעכאפט קימאט אלע פאכנ: די מוליער, די לעדער-ארבעטער, די בעקער, די שערער, די ארבעטער פונ די לעדער-זא-וואָדנ אונ שוסטער־ווארשטאטנ.

אינ פרילינג 1896 יאָר האָבנ די ארבעטער פונ די לעדער-זאוואָדנ, די יידנ: יודל קרעמער, עליאָקום מאלקינ, לייבע גילמאנ אונ יעווסטאפי קראוועצ (ער הייסט אויכ סטאניסלאוו גאָפמאנ) אָנגעהויבנ אָרגאניזירנ א שטרייק אפ סאדאָווסקיס זאוואָד, אויסנוצנדיק דעמ פאל מיטנ ארבעטער ברודני, וועלכער איז אָפגעזאָגט געוואָרנ פונ דער ארבעט. דער שטרייק האָט זיכ אָבער ניט איינגעגעבנ. אינ אווגוסט כוידעש איז פאָרגעקומענ א שטרייק אפ סוצקאָווערס זאוואָד, וועלכער האָט געדויערט 6 וואָכנ. דעמ 22־טנ סענטיאבער זיינענ דער־האלטנ געוואָרנ יעדיעס, אז הינטער דער אייזנבאנ-ליניע איז באשטימט גע-וואָרנ א פארזאמלונג פונ די ארבעטער אפ די אָרטיקע לעדער-זאוואָדנ. די פארזאמלונג האָט געהאט דעמ ציל צו שאפנ א הילפ-פאָנד פאר די ארבעטער אפ דער צייט פונ די אלגעמיינע שטרייקנ. אפנ אָרט פונ דער סכאָדקע האָט מענ געכאפט עטלעכע ארבעטער אונ דערביי האָט יודל קרעמער גענומענ באגראָבנ אינ דרערד עפעס א זאכ. ס'האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז דאָס איז א העפט, אינ וועלכער מע האָט פארשריבנ די געלט, וואָס איז געזאמלט גע-וואָרנ אפ שטיצע פאר די ארבעטער אינ דער צייט פונ ארבעטלאָזיקייט. נאָכ דעמ האָט זיכ דער שטרייק פארענדיקט.

די דורכגעפירטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז דער שטרייק איז געווענ אָרגאניזירט פונ די אויבנדערמאָנטע פערזאָנענ, וועלכע האָבנ געהערט צו א געזעלשאפט, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרנ אינ סמאָרגאָנ מיטנ ציל צו דערשלאָגנ זיכ דורכ שטרייקנ א פארקירצונג פונ ארבעט־טאָג אונ א העכע־רונג פונ ארבעטלוינ. די געזעלשאפט האָט געהאט א קאסע אפ צו שטיצנ די שטרייקער, וועלכע פלעגנ וועכנטלעכ באקומענ צו פינפ רובל.

ס'איז קיינ צווייפל, אז די דאָזיקע געזעלשאפט איז אָרגאניזירט געוואָרנ אונטער דער ווירקונג פונ פאָליטיש ניט־זיכערע פערזאָנענ. די ווייטערדיקע אויספאָרשונג האָט עס פולקאָמ באשטעטיקט אונ ס'איז קלאָר געוואָרנ, אז די געזעלשאפט האָט געהאט א ביבליאָטעק פונ אומלעגאלע אויסגאבעס. די דאָ־זיקע אויסגאבעס האָט געלייענט אונ פארשפרייט צווישנ די ארבעטער דער אָר-טיקער לערער ל י י ב ע ל ע ו י נ, וועלכער איז אנטלאָפנ, איידער ס'האָט זיכ

אָנגעהויבן די אויספאָרשונג. די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט זײַנען געווען דירעקט פארבונדן מיט די פּערזאָנען, וואָס האָבן איינצײַטיק אָנגעפירט מיט דער אנטירעגירונג־באוועגונג, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין ווילנע. די אויס־פאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז א געוויסער סטאניסלאוו, וועלכער האָט געטראָגן די צונעמענישן „יעזערסקי" און „אָקוליארניק", וועלכער האָט זיך שפּעטער אדויסגעוויזן אלס דער אדלמאַן סטאַניסלאַוו טרוסעוויטש, איז צוויי מאָל געקומען אין סמאָרגאָן אין דער באגלייטונג פון ווילנער ארבעטער פון די אָרטיקע לעדער-זאוואָדן, קעדיי צו אונטערשטיצן די אנטשטאנענע באוועגונג.

אין פעברואר 1897־טן יאָר האָט מען טרוסעוויטשן פארהאלטן. בא אים האָט מען געפונען א געשריבענעם פּראָיעקט פון אן אופרוף צו די ארבעטער פון די ווארשטאטן בא דער ס.-פּעטערבורגער-ווארשעווער אײַזנבאַן, אז זיי זאָלן פאָרזעצן די אומרועס, וועלכע האָבן זיך טאקע אָנגעהויבן אין יאנואר 1897־טן יאָר אין ווילנע אין די אויבנאָנגערופענע ווארשטאטן.

גלײַך נאָכדעם איז אין ווילנע און אין די אומגעגנטן, אָנהייבנדיק פון 18-טן אפּרעל הארט ביזן 15־טן אווגוסט, פארשפּרייט געוואָרן א גרויסע צאָל אופ-רופן אין נאָמען פון דער ליטווישער סאָציאל-דעמאָקראטישער פּארטיי און ארבעטער פארבאנד, וועלכע האָבן גערופן די ארבעטער פון פארשיידענע פאכן צו אן אלגעמיינעם שטרײַק.

אונטער דעם אײַנפלוס פון דער דאָזיקער אגיטאציע האָבן די ארבעטער אָנגעהויבן צו באגיין גוואלדטאטן בענעגייע די ארבעטער, וועלכע האָבן זיך ניט אָנגעשלאָסן צום שטרײַק.

דעם 18־טן אפּרעל איז פארהאלטן געוואָרן דער ארבעטער וויאיטשלאוו באלצעוויטש, וועלכער האָט געקלעפּט אופרופן וועגן פײַערן דעם ערשטן מײַ. דעם 11 יוני איז בײַם דער אונטערזוכונג באַם שוסטער־ארבעטער מענדל גאר-בא געפונען געוואָרן א „ראבאָטשי ליסטאָק" פאר אפּרעל 1897 און דער „סטאטוט פון דער ארבעטער-קאסע". דעם 3-טן יול האָבן די ארבעטער פון די פארשיידענע זאוואָדן, וועלנדיק באקומען פון די באלעבאטים א העכערונג אפן ארבעטלוין און א פארקירצונג פון ארבעט-טאָג, באשלאָסן דערקלערן א שטרײַק.

איינער פון די ארבעטער, קאסטעצקי, האָט זיך ניט אונטערגעוואָרפן דער פאָדערונג פון די כאוויירים און האָט פאָרגעזעצט די ארבעט אפ מענקעס לעדער-זאוואָד. אפן צווייטן טאָג 9 אזייגער אינאָוונט, ווען קאסטעצקי האָט זיך אומגעקערט אהיים פון דער ארבעט, איז אים באפאלן א גאנצע מענגע ארבעטער, וועלכע זײַנען געווען באוואָפנט מיט איין סאָרט שטעקנס, דערלאנגט אים קלעפּ און צעבראָכן אים די ביין פון דער לינקער האנט און געמאכט איי־ניקע ווונדן אין קאָפּ. פון די אָנפאלער זײַנען פארהאלטן די ארבעטער אָסיפ שע־מיס (ער הייסט אויך שומסקי) און קאזימיר באָרוווקא. אפן זעלביקן אויפן זײַנען באגאנגען געוואָרן א ריי גוואלדטאטן מיצאד די ארבעטער ריבאקאָוו, קאָזלאָווסקי, לעאשקאָ און אסאכ אנדערע. ס'זײַנען ניט געשוינט גע-וואָרן אפילע קינדער. עס איז געווען באשלאָסן אָנשלאָגן דעם לערן-ייִנגל, וועל־כער האָט געארבעט אין ווארשטאט באם שוסטער לאכינסקי. דער לעצטער איז אָבער אויס מוירע פון ווארשטאט ניט ארויס, דאן האָבן די אָנפירער פון שטרײַק אָנגעשריבן א דראָונג-בריוו זײַן פאָטער, וועלכער איז געקומען פון קיִעווער

ובערניע אונ צוגענומענ ווײַנ זונ. ענדלעכ, איז דעם 3־טנ סענטיאַבער 1897־טנ יאָר, 9 אזייגער אינאָוונט, אפ זשמודער גאס אינ דער שטאָט ווילנע געמאכט געוואָרנ אנ אָנפאל אפנ מעשטשאנינ יאָסל כוואָלעס, לויט דער פראָפעסיע א קוימענקערער־כוואָלעס איז באגאָסנ געוואָרנ מיט אָלים, אונ ווי די מעדיצינישע אונטערזוכונג האָט פעסטגעשטעלט, האָט ער אינגאנצנ פארלאָרנ זײַנ רעכטע אויג אונ אויכ די לינקע אויג איז בא אימ געוואָרנ שוואכער. אויסער דעם איז בא אימ אָפּגעבערענט זײַנ רעכטע באק אונ די רעכטע זײַט פונ האלדז. דערבײַ איז פארהאלטנ געוואָרנ דער שליאָסער־שילער מייער צוקער, וועלכנ מע האָט געכאפּט אפנ אָרט פונ פארברעכנ.

די אויספאָרשונג, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ צוזאמענהאנג מיט דעם, האָט פעסטגעשטעלט, אז די אָנגעוויזענע ארבעטער־באוועגונג האָט זיכ אָנגעהויבנ אונטער דער ווירקונג פונ זײַטיקע פארברעכערישע עלעמענטנ, וועלכע האָבנ אָרגאניזירט צווישנ די ארבעטער אונ האנטווערקער פונ די קליינע זאוואָדנ, פאבריקנ אונ ווארשטאטנ א ריי געהיימע קרײַזלעכ. יעדער קרײַזל האָט געשטרעבט פארייניקנ די ארבעטער אָדער האנטווערקער פונ איינ פאכ אונ דערשלאָגנ זיכ א העכערונג פונ ארבעטלוינ אונ פארקירצונג פונ דער צאָל ארבעט־שאָענ דורכ אָרגאניזירנ ארבעטער־קאסעס, דורכ אײַנגאָרדענענ שטרײַקנ אונ דורכ פארשפרייטנ אנטשפרעכנדיקע פארברעכערישע אויסגאבעס. צווישנ די פערזאָנענ, וואָס האָבנ אָנגעפירט מיט דער פארברעכערישער פראָפּאגאנדע אונ אגיטאציע, איז געשטאנענ, ווי ס׳איז געזאָגט געוואָרנ אויבנ, דער אדלמאנ סטאניסלאוו טרוסעוויטש, וועלכער האָט אָנגעקניפּט פארבינדונגענ אינ דער ארבעטער־סוויווע אונ האָט זיכ נאָענט צוגויפגעקאָמפּאנירט מיט די ארבעטער באָלעסלאוו יאצקעוויטש אונ וויטאלי וואָיטקעוויטש. פונ 1895־טנ יאָר האָט ער אײַנגעאָרדנט אינ די בײַשטאָטישע וועלדער זווערינעצ אונ זאקרעט אונ אויכ אפ ספּעציעלע פאר דעם געדונגענע דירעס אינ ווילנע ארבעטער־פארזאמלונגענ, אפ וועלכע מע האָט געפירט די אויבנבאשריבענע אגיטאציע. אונטער דער ווירקונג פונ די דאָזיקע פערזאָנענ זײַנענ פאָרגעקומענ די אומרוענ אינ די ווארשטאטנ פונ ס. פעטערבורג־ווארשעווער אײַזנבאנ, אויכ בא זייער מיטווירקונג האָבנ אייניקע קרײַזלעכ באוויזנ אפ אזויפיל צו אויספאָרמירנ זיכ, אז זיי האָבנ אויסגעטיילט פונ זייער אייגענער סוויווע פירער פונ דער ארבעטער־באוועגונג, וועלכע האָבנ שוינ דערנאָכ זעלבשטענדיק אגיטירט לעטויוועס די שטרײַקנ. מיט א באזונדער אייניקײַט האָבנ זיכ אויסגעצייכנט: 1) די ארבעטער־קרײַזלעכ פונ די שוסטער־ווארשטאטנ אונ לעדער־זאוואָדנ, 2) פונ די מוליארעס, 3) פונ די שערער אונ 4) פונ די קוימענקערער.

1) די ארבעטער־קרײַזלעכ פונ די שוסטער־ווארשטאטנ אונ לעדער־זאוואָדנ האָבנ אָרגאניזירט א באזונדער „שלאָג־אָטריאד“, וועלכער איז געווענ ספּעציעל באשטימט אפ צו שלאָגנ די אָנגעמערקטע קאָרבאָנעס. דער אָטריאד איז געווענ אָרגאניזירט אזוי, אז אינ אימ זײַנענ ארײַנ פערזאָנענ, וואָס זײַנענ ניט געווענ באקאנט דעם קאָרבנ. אפ אזא אופנ, אויב מע האָט געדארפט שלאָגנ שוסטער, האָט מענ אינ באשטאנד פונ אָטריאד ווערבירט שליאָסער אונ לעדער־ארבעטער, אָדער פארקערט.

די באוועגונג צווישנ די שוסטער־ארבעטער אינ משך פונ די יאָרנ 1896—1898 איז פאָרגעקומענ איינצײַטיק אינ ווילנע אונ אינ איר פאָרשטאָט פּאָפּלאווע.

די שטאָטישע באוועגונג האָט ארומגעכאפּט די שטרײַקנ פונ די גרויסע שוסטער־אונטערנעמונגענ פונ לאכינסקי אונ קאָסאָווסקי אונ אייניקע קלײנע ווארשטאטנ. אינ פּאָפּלאווע זײַנענ פאָרגעקומענ שטרײַקנ בא די שוסטער דאווידאָוויטש, סאָבאָלעווסקי אונ ליפּינסקי.

די אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט, אז די אָרגאניזאטערס פונ די שטרײַקנ אינ די שוסטער־ווארשטאטנ זײַנענ געווענ די ארבעטער: אלעקסאנדער בירינטשיק, אָווסיי ווינִיק, מענדל גארב, אָסיפּ אלעכנאָוויטש, קאָנסטאנטינ בארטאָשעוויטש, אָסיפּ מיקשא, קאָנסטאנטינ אונ פעליקס לאוורינאָוויטש אונ אלעקסאנדר אדאמאָוויטש. אינדערשפּיצ פונ דער ארבעטער־באוועגונג אפ די לעדער־זאוואָדנ זײַנענ געשטאנענ וולאדיסלאוו וואסילעווסקי, באָלעסלאוו אסוליעוויטש, אנטאָנ וואָיטקעוויטש, וולאדיסלאוו זשוקאָווסקי, סטעפאנ וואָלאָשקעוויטש, סטאניגילאוו רולקאָווסקי אונ קאזימיר רינקעוויטש. ענדלעכ, זײַנענ אינ דעמ שלאָג־אָטריאד ארײַנ די דערמאָנטע רולקאָווסקי, אסוליעוויטש. וואָלאָשקעוויטש, רינקעוויטש, אנטאָנ וואָיטקעוויטש, וויקענטי בירינטשיק, גארב, בארטאָשעוויטש, אלעכנאָוויטש, באלצעוויטש, ווינִיק, מיקשא, באָרוּוקא, שעמיס און אויכ אבעל רודאשעווסקי, כאִימ באָיארסקי, קאָנסטאטינ טיכאָנאָוו, קאָנסטאנטינ קעלבאָווסקי אונ מיכאִיל בירַאנשטיק.

די אויספאָרשונג האָט אויכ פעסטגעשטעלט, אז די פארברעכערישע באוועגונג אינ סמאָרגאָנ האָט זיכ פארשטארקט אדאנק טרוסעוויטשעס אײַנפלוס. טרוסעוויטש איז מיטנ האָזיקנ ציל צוויי מאָל געפאָרנ אהינ זומער פונ 1896־טנ יאָר אינ דער באגלייטונג פונ די ארבעטער באָלעסלאוו יאצקעוויטש אונ סטאניסלאוו וואָלאָשקעוויטש. קומענדיק צו די ארבעטער, האָט ער זיי אײַנגערעדט אָרגאניזירנ שטרײַקנ אונ ארבעטער-קאסעס. אינ אווגוסט פונ 1896־טנ יאָר, ווי ס'איז שוינ אויבנ געזאָגט געוואָרנ, איז אָרגאניזירט געוואָרנ א שטרײַק אפ סוצקאָווערס פאבריק אונ אינ הארבסט 1897-טנ יאָר זײַנענ געווענ פאלנ פונ גוואלדטאטנ, אינ וואָס ס'איז קלאָר געוואָרנ די שולד פונ דעמ אויבנדערמאָנטנ יודל קרעמער.

2) די טעטיקײַט פונ קרײַזל בא די מוליארעס האָט זיכ ארויסבאוויזנ אינ א ריי אומרוענ, וואָס זײַנענ פאָרגעקומענ אינ יול 1897-טנ יאָר אינ פארשיידענע פונקטנ פונ ווילנע אונטער דעמ אײַנפלוס פונ פארברעכערישע פראָקלאמאציעס, וואָס זײַנענ ארויסגעלאָזנ געוואָרנ דעמ 19-טנ יול דעמ זעלביקנ יאָר אינ נאָמענ פונ א געזעלשאפט, וואָס רופט זיכ אָנ „ליטווישע סאָציאל־דעמאָקראטיע“. די מוליארעס, וואָס האָבנ זיכ אָנגעשלאָסנ צו דער אלגעמײנער באוועגונג, האָבנ אָנגעהויבנ אָנעמענ מיטלענ אפ צו פארײניקנ זייערע כאווײרימ אונ ארויסרופנ זיי צו א קאמפ מיט די בויער, ארויסשטעלנדיק צו די לעצטע אנ אלגעמײנע פאָדערונג—פארקלענערנ דעמ ארבעט-טאָג פונ 14 אפ 12 שאָ. די העצע אונ זיי דראָונגענ האָבנ געבראכט צו דעמ, אז די מוליארעס, א טייל מיטפילנדיק דעמ אינהאלט פונ די פאָדערונגענ, אונ די איבעריקע—אויס מוירע, האָבנ געוואָרפנ דעמ 28־טנ יול די ארבעט פונ אָנהייב אפ די גרויסע, אונ דערנאָכ אויכ אפ די ווייניקער באדײַטנדיקע ביניאָנימ, מיט וואָס זיי האָבנ געצוווּנגענ די בויער נאָכגעבנ זייערע פאָדערונגענ.

א מער טעטיקנ אָנטייל אינ דער באוועגונג פונ די מוליארעס האָבנ גענומענ די ארבעטער: וואָריסט ליסאָווסקי, צעזארי מאטוסעוויטש אונ

קאָנסטאַנטין בעדקאָ, וועלכע האָבן זיך דערלויבט דראָען די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו שטרײַקן, ניט נאָר מיט ווערטער, נאָר אויך דעם אַר-בעטער יאַטקאָווסקין מיט אַ מעסער, און דער אַרבעטער אַדאַם זמיטראָק-מאַר-צינקעוויטש האָט פֿאַרשפּרייט די אויבנגעבראַכטע פּראָקלאַמאַציעס.

3) אין דער שפּיץ פֿון קרײַזל בײַ די שערער זײַנען געשטאַנען די שערער־אַרבעטער: הירש יאָפּע, צאַלקע פּרוזשאַן, לייבע סטאָליאַרסקי, וועלכע האָבן מיטן אָנטייל פֿון די אַרבעטער מיכאיל קינסבערג, בערקע בויגל און מיכל ביג אײַנגעאָרדנט סכאָדקעס פֿון די שערער-אַרבעטער אין פּרוזשאַנס דירע. דערנאָך דורך פֿאַרשיידענע דראָונגען אָנגערעדט צו אָר־גאַניזירן אַ שטרײַק פֿון אַלע שערער אין ווילנע.

4) די אויספֿאָרשונג וועגן פֿאַרוואונדן דעם קוימענקערער כוואַלעס האָט פֿעסטגעשטעלט, אַז אין דעם דאָזיקן פֿאַרברעכן האָט זיך באַטייליקט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע קוימענקערער, וועלכע זײַנען צוגעשטאַנען צו די אַלגעמיינע אומרוען צווישן די ווילנער אַרבעטער פֿון פֿאַרשיידענע פּראָפֿעסיעס. די באַוועגונג צווישן די ווילנער קוימענקערער האָט זיך אָנגעהויבן נאָך אין 1896-טן יאָר. אין אָנ-הייב פֿון 1897-טן יאָר האָט זיך פֿון די קוימענקערער אויסגעטיילט אַ קרײַזל, אין וועלכן ס'זײַנען אַרײַן אַלס אָרגאַניזאַטאָרס: די ברידער דאָוויד און מוישע רובין, יאָסל און בערקע מילייקאָווסקי, שלוימע קליאַטשקאָ, אַבראַם בערמאַן, מענדל פּערקין, שמועל קאָפּעליאָוויטש, שלוימע טאָפּאַז, איצעק כאָכאָם, מוישע ליפּ, הירש טורעץ און אַנדערע. אין דער שפּיץ פֿון קרײַזל איז געשטאַנען בערמאַן. לויטן פּלאַן, וואָס די אויבנאָנגעוויזענע פּערזאָנען האָבן צוזאַמענגעשטעלט, קעדיי צו זיכערן די אינטערעסן פֿון די קוימענקערער, איז באַשלאָסן געוואָרן דעם פֿאַרדינסט צעטיילן צווישן אַלעמען גלײַך, ניט מאַכנדיק קיין אונטערשייד צווישן די קוימענקערער-באַלעבאַטים און קוימענקערער־אַרבעטער. בײַ אַזעלכע באַדינגונגען האָט יעדער קוימענ-קערער געדאַרפֿט זען מיטהעלפֿן, אַז די באַלעבאַטים פֿון די הײַזער זאָלן הע-כערן דעם פּרײַז פֿאַרן רייניקן די קוימענס. ביז דער לעצטער צײַט האָבן די דאָזיקע אויפֿגאַבע אויסגעפֿילט נאָר אַן אומבאַדײַטנדיקע גרופּע קוימענקערער, דער גרעסטער טייל באַלעבאַטים האָבן געפֿונען, אַז דאָס איז קעגן זייערע אינטערעסן. קעדיי צו צווינגען זיי צו אָנשליסן זיך צום דאָזיקן פּלאַן, האָבן בערמאַן, פּערקין און די איבעריקע אויסגערעכנטע פּערזאָנען געסטאַרעט זיך אוועקשטעלן די יעניקע, וועלכע האָבן זיי ניט מיטגעפֿילט, אין אַזאַ לאַגע, אַז זיי זאָלן ניט קענען אויספֿילן די היסכײַוועסן, וועלכע זיי האָבן אָפּ זיך גענומען. צוליב דעם צוועק האָבן זיי געשטערט, אַז די מײַסטערס זאָלן העלפֿן איינע די צווייטע, און זיי האָבן פֿאַרבאָטן די טאָג־אַרבעטער פֿאַרדינגען זיך אָפּ אַרבעט, שלאָגנדיק די יעניקע, וועלכע פֿלעגן זיי ניט פֿאָלגן, צווישן זיי אויך דעם אַרבעטער כוואַלעס, וועלכער איז געווען אויסגעשריבן פֿון דווינסק. דאָס האָט געבראַכט צו דעם, אַז די מײַסטערס-קוימענקערער כוואַלעס, ווילקער און אַנדערע האָבן געמאָלדן אין דער פּאָליציי וועגן קוימענקערער־שטרײַק, צוליב וואָס ס'זײַנען אַרעסטירט געוואָרן: בערמאַן, פּערקין און בערקע מיליי-קאָווסקי און איינציקע אַנדערע פֿון די אויבנאָנגעוויזענע פּערזאָנען. דאַן האָבן די פֿאַרבליבענע אָפּ דער פֿרײַ מיטגלידער פֿון קרײַזל באַשלאָסן נויקעם זײַן זיך אָן די, וואָס האָבן געמאָלדן. אַלס ערשטער קאָרבן איז אָנגעמערקט געוואָרן

כוואָלעס. ס'איז באַשלאָסן געוואָרן אויסברענען אים די אויגן. דער פּלאַן פון אָנפאַל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן בא דאָוויד רובינען אין דירע מיטן אָנטייל פון מוישע און יאָסל מילייקאָווסקי. אויסער די לעצטע האָבן אין דער צוגרייטונג פון אָנפאַל גענומען אן אָנטייל קליאַטשקאָ, טאָפּאַז, עליע באָרבול, יאַנקל זעליקעוויטש, וועלכע האָבן אײַנגערעדט צוקערן נעמען אַפ זיך אויספילן דעם געפּלאַנטן פאַרברעך.

צוליב די פאַקטן, וועלכע זײַנען קלאָר געוואָרן פון דער אויספאָרשונג, זײַנען די אויבנאָנגערופענע און א ריי אַנדערע פּערזאָנען, וואָס זײַנען אופגעדעקט געוואָרן אַלס אָנטיילנעמער פון דער פאַרברעכערישער באַוועגונג, צוגעצויגן געוואָרן צום פאַרהער אַלס באַשולדיקטע.

---

נאָך אין 1894־טן יאָר האָט זיך אין מינסק צווישן די אַרבעטער פון אַלע פאַכן אָרגאַניזירט א געהיימע געזעלשאַפט, וועלכע האָט געהאַט דעם ציל אַרויסרופן אומרועען צווישן די אַרבעטער, פאַרשפּרייטן א סינע צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים, העלפן די אַרבעטער צו שטרײַקן, קעדיי צווינגען די באַלעבאַטים פאַרקלענערן די אַרבעט־שאָען, פאַרגרעסערן דעם אַרבעטלוין און ביכלאַל ענדערן די לוין־באַדינגונגען. די געזעלשאַפט איז זיך ביסלעכווײַז אַזוי צעוואַקסן און פאַרברייטערט איר אַרבעט-ספער, אַז זי האָט זיך צעטיילט אַף באַזונדערע קרײַזלעך לויט די פאַכן, מיט א באַזונדערן אָנפירער אין יעדער קרײַזל. די קרײַזלעך האָבן געהאַט אַן אַלגעמיינע פאַרוואַלטונג און זײַנען געווען ענג פאַרבונדן צווישן זיך. מע פלעגט זיך צונויפקלײַבן אַף אַלגעמיינע פאַרזאַמלונגען אין פאַרשיידענע ערטער, דערהויפּט אין די טיי־הײַזער. זומער פלעגט מען זיך פאַרזאַמלען אין וואַלד. די קרײַזלעך פלעגן האָבן באַזונדערע קאַסעס, וואָס פלעגן אַרײַנטראָגן דאָס געלט אין דער הויפּט-קאַסע, פלעגן אײַנאָרדענען אַף די פאַבריקן און וואַרשטאַטן פון זייער פאַך שטרײַקן איבער דער קלענסטער סיבע: פלעגט אָפּזאָגן זיך דער באַלעבאָס צו פאַרקירצן דעם אַרבעט־טאָג, אָדער העכערן דעם אַרבעטלוין, אָפּזאָגן פון דער אַרבעט א פאַרשולדיקטן אַרבעטער, אָדער צונעמען אַן אַרבעטער פון אַן אַנדער שטאָט— גלײַך פלעגט אײַנגעאָרדנט ווערן א שטרײַק, און אַלע אַרבעטער פלעגן זײַן פאַרפליכטעט צו וואַרפן די אַרבעט.

די שטרײַקן פלעגן דערבײַ אויסגעהאַלטן ווערן אַפן כעזשבן פון דער קאַסע. די, וואָס פלעגן ניט פאָלגן און פלעגן אָפּזאָגן זיך צו אויספילן די דאָזיקע פאָדערונג, פלעגן מיט גוואַלד געצוווּנגען ווערן דורך די אָנפירער פון דער געזעלשאַפט. אַרײַנרײַסנדיק זיך מענגעסווײַז אין די וואַרשטאַטן, פלעגן זיי צעשלײַדערן די אינסטרומענטן און מיט גוואַלד צווינגען וואַרפן די אַרבעט, צעשלאָגנדיק די, וועלכע פלעגן ניט וועלן פאָלגן. אַרבעטער פון אַנדערע שטעט פלעגט מען באַזאָרגן מיט געלט און מיט גוואַלד אַרויסשיקן פון שטאָט, די לערן־ייִנגלעך פלעגט מען צונעמען צו זיך אַהיים און ניט אַרויסלאָזן פון שטוב, ביז עס פלעגט זיך ניט ענדיקן דער שטרײַק. אויסער א ריי פאַלן פון שלאָגן, איז פאָרגעקומען פאָלגנדיקער צופאַל פון צעשעדיקן, וואָס איז אַרויסגערופן געוואָרן אַלס נעקאָמע־אַקט מיצאַד די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט. דער איניען איז אַנטשטאַנען לויט דער מעלדונג, וואָס איז געמאַכט

געוואָרנ דעמ 27־טנ יונ 1896 יאָר דורכ דעמ מעשטשאנינ אבע ראָלניק. גלײַכ פונ אָנהייב נאָכ דער דאָזיקער מעלדונג, ווענ ס׳זײַנענ לויט דער אָנווײַזונג פונ דעמ מעשטשאנינ ראָלגיק, געמאכט געוואָרנ די הויז-זוכונגענ בא אייניקע מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט, איז ראָלניק דעמ 8־טנ אפרעל 1897 יאָר אינ גאס באטאָג אָבגעגאָסנ געוואָרנ מיט אָלימ, וואָס ס׳האָט צעשעדיקט זײַנ פאָנעמ אונ לינקע אויג. די שולדיקע פונ דעמ דאָזיקנ אָנפאל זײַנענ ניט אנטדעקט געוואָרנ. נאָר אפנ פארהער האָט ראָלניק באוויזנ, אז נאָכדעמ ווי ער איז געקומענ צומ ערשטנ מאָל מיט זײַנ מעלדונג, אונ לויט זײַנ מעלדונג זײַנענ געמאכט געוואָרנ הויז־זוכונגענ, האָבנ אימ פארשיידענע פערזאָנענ מאסרע געווענ, אז ער זאָל זיכ היטנ, ווײַל סע גייענ אומ קלאנגענ, אז איינער פונ די פערזאָנענ, וועלכע שטייענ אינ דער שפיצ פונ דער געזעלשאפט—דער מעשטשאנינ א י צ י ק וואָ ל י נ מיט זײַנ קאָמפאניע—האָבנ באשלאָסנ נעמענ פונ אימ נעקאָמע. דעריבער פלעגט ער אינאָוונט אינ ערגעצ ניט גיינ אונ דעמ 8־טנ אפרעל איז ער אוועק אינ שטאָט, ווײַל ער האָט ניט גערעכנט, אז דער אָנפאל זאָל געמאכט ווערנ אינמיטנ טאָג. אלס באשטעטיקונג פונ דעמ אז דער אָנפאל איז געמאכט געוואָרנ פונ מיטגלידער פונ דער פארברעכערישער געזעלשאפט, וואָס האָט זיכ געשאפנ אינ מינסק, קאָנ דינענ אויכ דאָס, וואָס נאָכנ אָנפאל איז צו ראָלניקנ געקומענ וואָלינס מוטער אונ צוגעזאָגט געבנ געלט, אויב ער וועט ליקווידירנ דעמ איניענ, אונ אויב ער וועט ניט געבנ קיינע באווײַזנ קעגנ וואָלינענ אונ אנדערע פירער פונ דער געזעלשאפט. אזעלכע פירער זײַנענ געווענ איצקע וואָלינ, לייבע (ער הייסט אויכ אבראמ) קארפ, טעוול־לייב גראפ אונ רובינ אײַנבינדער.

די אָנפירער פונ באזונדערע קרײַזלעכ זײַנענ געווענ—בא די שלאָסער: לייזער טורעצקי, בערקע זויבערג, אבראמ בערזנער (ער הייסט אויכ מערסאָנ) איטשע גאָלדשמידט (ער הייסט אויכ ווילענסקי), העסל גאָלדמאנ, אראָנ גאטאָווסקי; בא די שוסטער: הענדל ראטשקאָווסקי, מיכל ייִצכאָקס קאפלאנ, עליע יאראָשעוויטש־מאָלטשאדצקי (ער הייסט אויכ מאליאטסקי), יאנקל פײַנ, אבראמ רובינ, שמועל ראָגענבאָגעל, אײַזיק וואָראָניק, יאָסל סרעבניק, מאָרדוכ גראָבאָוו (ער הייסט אויכ גראב), סאמויִל כייפעצ, בענציִענ גאָלוב; בא די שנײַדער: לייבע אָס, ביניאָמינ פײַווישעוו, בערקע בוסלאָוויטש, שאָלעמ האנטמאנ (דער קאסיר פונ קרײַזל), גערשנ האנטמאנ, איזראיִל ציקלינ, בענציִענ קאפיליעוו, יאנקל קוסעלטשיק; בא די בלעכער: איציק רובענטשיק, טעוול (ער הייסט אויכ כאיִמ) ציווינ, אבראמ קראסניק; בא די וויפ־ארבעטער: יאנקל נאָטקינ אונ שמועל גאָלוב, וועלכע ווערנ צוגעצויגנ אלס באשולדיקטע אינ דעמ דאָזיקנ איניענ.

---

אינ אווגוסט 1897־טנ יאָר איז אינ דער שטאָט פינסק אנטדעקט געוואָרנ אנ ענלעכער געהיימער ארבעטער-קרײַזל. די מיטגלידער פונ קרײַזל האָבנ זיכ געשטעלט אנ אופגאבע ארויסרופנ א סינע צווישנ די ארבעטער אונ באלעבאטימ אונ דערשלאָגנ זיכ, אז מע זאָל אויסבעסערנ די לאגע פונ די ארבעטער. מיט דעמ ציל האָבנ זיי אָרגאניזירט א קאסע, אײַנגעאָרדנט פארזאמלונגענ, אפ וועלכע מע האָט געלייענט סאָציאל־רעוואָליוציאָנערע ווערק. אינ דער

שפּיץ פון דעם דאָזיקן קרײַזל זײַנען געשטאַנען די אָרטיקע מעשטשאַנעס מאָטל און שמועל גרינפעלד. בא װעמען אין דירע ס'פלעגן פאָרקומען די פאַרזאַמלונגען. קעדײ צו פאַרגרעסערן די מיטלען פון דער קאַסע, האָט מען בא יעדן מיטגליד פון קרײַזל גענומען 5 קאָפּיקעס א װאָך, דערבײַ זײַנען די אַרבעטער געצװונגען געװאָרן אַרײַנצוטרעטן אין קרײַזל און אַרײַנטראָגן דעם אײַנגעשטעלטן אָפּצאָל.

דעם 11־טן אױגוסט 1897 י. איז אין שנײַדער־װאַרשטאַט פון באָרוך מילער אָנגעקומען דער געקומענער פון דאָרף זשאָלקין אַרן גאָלדמאַן. דעם זעלביקן טאָג איז ער אָפּגעשטעלט געװאָרן פון צװײ אים אומבאַקאַנטע ייִדן, װעלכע האָבן אים געפרעגט, צי ער איז שױן לאַנג אָנגעקומען אין פּינסק, און מי־טײלנדיק, אַז בא זײ עקזיסטירט צװישן די אַרבעטער א קאָמפּאַניע, װאָס פון אירע מיטגלידער װערן געזאַמלט 5 קאָפּ. א װאָך, האָבן זײ געפאָדערט, אַז אױך ער זאָל זיך צו איר פאַרײניקן. ער האָט צוגעגעבן, אַז יעדער װאָך, אין די שאַבאָסים, קומען בא זײ פאָר אין װאַלד פאַרזאַמלונגען פון אַלע אַרבעטער און דאַן װערט אַרײַנגעטראָגן דאָס געלט. װען גאָלדמאַן האָט זיך אָפּגעזאָגט אַרײַנצוטרעטן אין דער קאָמפּאַניע, האָט אײנער פון די דערמאָנטע ייִדן, װעל־כער האָט זיך אַרױסגעװיזן אַלס אװראָם אַבעל קאָװזאַל, ער הײסט אױך גאָבז, געדראָט, אַז אים װעט זײַן שלעכט און מע װעט אים שלאָגן. אין עטלעכע טעג אַרום, שפּעט אינאָװנט, װען גאָלדמאַן איז געזעסן באַם הױז-טױער, איז צו אים צוגעקומען אײנער פון די אַרבעטער פון מילערס שנײַדערײַ, װעלכער האָט זיך אַרױסגעװיזן אַלס שמערקע שרײַבמאַן און פאַרלײגנדיק אים צו גײן שפּאַצירן, פאַרפירט אים אין א שטיל געסל, װוּ אַף גאָלדמאַנען האָבן זיך א לאָז געטאָן אומבאַקאַנטע אים מענטשן, װאָס צװישן זײער צאָל איז געװען אױך דער דערמאָנטער קאָװזאַל, אַרײַנגענומען אים אינמיטן דער מענגע, אַװעק־געלײגט אַף דער ערד און דערלאַנגט אים קלעפּ מיט די פױסטן און מיט די פיס, דערבײַ האָט מען אים פאַרשטאָפּט דאָס מױל. נאָכן פרײַ װערן פון זײ האָט ער אױפגעהױבן א געשרײ, װאָס האָט אַרױסגערופן פון די שכײנעסדיקע הײַזער מענטשן, װעלכע האָבן אים אַװעקגעטראָגן אין מילערס הױז.

אױסער די אױבנדערמאָנטע גרינפעלדס, װאָס בא זײער אונטערזוכונג האָט מען געפונען רעװאָליוציאָנערע אױסגאַבעס, זײַנען צו דעם פאַרהער איבער דעם דאָזיקן איניען צוגעצױגן געװאָרן די אױבנדערמאָנטע: קאָװזאַל, שרײַב־מאַן און אױך דער מיטגליד פון דעם דאָזיקן קרײַזל פּושקאָ־קלאָפּאָוך, ער הײסט אױך פּושקין. דער לעצטער איז צוגעצױגן געװאָרן צוליב דעם, װאָס עס זײַנען געװען ייִדיעס, אַז ער האָט געפירט דעם בוך, אין װעלכן ס'פלעגן פאַרשריבן װערן די זאַמלונגען אין אַרבעטער-קאַסע.

צוליב די שטרײַקן, װעלכע פלעגן אָפּט אַנטשטײן אין 1897 י. אין שטאָט ביאַלאָסטאָק און זײַן אױעזד צװישן די אַרבעטער פון די אָרטיקע פאַבריקן, איז פאַרשטאַרקט געװאָרן די אױפפּאַסונג אַף זײ מיצאַד דער פּאָליצײ; דערבײַ איז באַמערקט געװאָרן, אַז דער װעבער װאָלף מענקעס, װעלכער האָט פריִער געאַרבעט אַף ראָזענבלאַטס פאַבריק, האָט אױפגעהערט צו אַרבעטן נאָך פאַר פּײסעך, און ניט האָבנדיק קײן באַשטימטע באַשעפטיקונג, האָט ער זיך שטענדיק אַרומגעדרײט צװישן די אַרבעטער, װעלכע פלעגן אַף די פאַבריקן אָפּשטעלן די אַרבעט. אין דער זעלביקער צײַט איז באַקומען געװאָרן א ידיעה,

אז מענקעס לײענט פאר די ארבעטער עפּעס בלעטלעך, און אין דער צײַט, װען אין שטעטל האָראָדאָק, ביאַלאָסטאָקער אױעזד, איז אױסגעבראָכן אין יונג 1897 י. א שטרײַק, איז ער אַהין געפאָרן מיטן צװעק צו אופהעצן די ארבע־טער. צוליב דעם איז דעם 20-טן היַינטיקן יונג 1898 י. מענקעס ארעסטירט און צוגעצױגן געװאָרן צום אָנגעהױבענעם פארהער איבער דעם דאָזיקן איניען. באם אונטערזוכן זײַנען בא אים געפונען געװאָרן: א שטיקל פּאפּיר מיט א טעקסט אין דער רוסישער שפּראך און א האלבער בױגן פּאפּיר מיט א מאנוסקריפּט אין דער ייִדישער שפּראך. אין דעם רוסישן מאניסקריפּט איז אָנגעװיזן געװאָרן אפ דער נײטיקײַט צו ארױסגעבן א געזעץ, װעלכער זאָל אײַנשטעלן אן אר־בעט-טאָג פון 7 אזײגער אינדערפרי ביז 7 אזײגער אינאָװנט מיט א שאַיִכן איבערײַס אפ מיטיק און א האלבשאָיִכן אפ פרישטיק; דער איבערגעזעצטער ייִדישער טעקסט אָבער האָט זיך ארױסגעװיזן אלס אן אופרוף צו די ארבעטער פון שטעטל האָראָדאָק װעגן דעם דערמאָנטן שטרײַק. אױסדריקנדיק פרײד איבער דעם דאָזיקן פאל, דערקלערט דער אװטער פון אופרוף, װעלכער איז אָנגעשריבן מיט מענקעסעס האנטשריפט, די נוצן פון אזעלכע שטרײַקן, װעלכע בעסערן אױס די לאגע פון די ארבעטער און רעקאָמענדירט די װײַטערדיקע פארײני־קונג פון די ארבעטער אפ צו קעמפן מיטן קאפּיטאל דורך שטרײַקן.

---

אין אָקטיאבער 1897 י. זײַנען אין דער מערהײַט פון די שנײַדער־, װײַס־צײַג-נײטערנס- און אנדערע װארשטאטן אין דער שטאָט ברעסט־ליטאָװסק אנט־שטאנען שטרײַקן, װעלכע זײַנען געװען באגלײט מיט גװאלדטאט-האנדלונגען בענעגײע די ארבעטער, װעלכע האָבן זיך ניט אונטערגעװאָרפן די פאראָרדע־נונגען פון די שטרײַקער, און האָבן געדױערט אין אײניקע װארשטאטן 3 װאָכן.

דער פארהער האָט פעסטגעשטעלט, אז אין שטאָט ברעסט־ליטאָװסק האָבן זיך אין יאָר 1895 אָנגעהױבן אומרוען צװישן די ארבעטער, װעלכע האָבן אין 1897 י. אָרגאניזירט א געזעלשאפט, װאָס האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו אָרגאניזירן אין די װארשטאטן שטרײַקן און אנטװיקלען פײַנטלעכע באציִונ־גען צװישן די ארבעטער און די באלעבאטים. מיט דעם צװעק זײַנען אײַנגע־אָרדנט געװאָרן סכאָדקעס אפ דער קװארטיר בא די ארבעטער אװראָם סטאָק־לישסקי, ער הײסט אױך סטאָקלינסקי און סטאָקליץ, בא מענדל טאטארטשיק, לײבע הולניק, שימאָװ, לײב בארלאסאָװ און שײנע ראָזענבאום, און זומער הינטערן שטאָט אין װאלד. די, װעלכע זײַנען געקומען אפ די דאָזיקע סכאָד־קעס אלס אָנפירער, זײַנען אָרטיקע ייִדישע לערער: יאָסל איזביצקי, אװראָם לע־װין, אָװסײ סארנע, כאיִם גאָלדאצקי און אױך די מער אנטװיקלטע ארבעטער: נאכמען ליטװאק, יאנקל גריגבערג, און די דערמאָנטע הולניק, טאטארטשיק, סטאָקלישסקי און דאָװיד טײַץ—פלעגן לערנען די פּראָסטע ארבעטער ניט אָנער־קענען די עקזיסטענץ פון גאָט, ניט פאָלגן דער מאכט, פלעגן זײ דערקלערן, אז אלע מענטשן זײַנען גלײַך, אז ס'דארפן ניט זײַן ניט קײן רײַכע, ניט קײן אָרעמע, ניט קײן פאבריקאנטן, ניט קײן ארבעטער, און אז דאָס פארמעגן אין דער מעלוכע דארף זײַן פארטײלט גלײַך. דערבײַ פלעגן געלײענט װערן פארבאָ־טענע װערק, װי דער „ארבעט-טאָג", „פון װאָס אײנער לעבט" „די ארבעטער־

פראגע און די מאָדערנע געזעצגעבונג אין דײַטשלאַנד" (די דאָזיקע אויסגאַבעס זײַנען געפֿונען געוואָרן בײַס דעם אונטערזוכונג בא ראָזענבאומען, לעווינען און עסטער סאַרנען). צום סאָף, פֿלעגט מען לערנען די אַרבעטער צו האַנדלען געמיינזאַם, איינמוטיק, אײַנאָרדענען שטרײַקן, דערבײַ האָט מען צוגעזאָגט צו אויסהאַלטן די אָרעמע אפן רעכענונג פֿון דער קאַסע, וועלכע איז טאַקע אָרגאַניזירט געוואָרן.

אפ די דאָזיקע פֿאַרזאַמלונגען זײַנען אויסגעאַרבעט געוואָרן פֿאָלגנדיקע אָבליגאַטאָרישע פֿאַר אַלע אַרבעטער קלאָלים: 1) די אַרבעט אין אַלע וואַרשטאַטן דאַרף אופֿגעהערט ווערן 9 אזייגער אינאָוונט, 2) קיינער טאָר ניט פֿאַרנעמען דעם אָרט פֿון אַן אָפּגעזאָגטן אַרבעטער, 3) קיינער טאָר ניט אָנקומען אין אַ וואַרשטאַט, ווו די אַרבעטער־וואַרפֿער האָבן דערקלערט אַ שטרײַק און 4) אַרבעטער פֿון אַנדערע שטעט טאָרן ניט אַרבעטן אין בריסט־ליטאָווסקער וואַרשטאַטן. אַלס רעזולטאַט פֿון די דאָזיקע סכאָדקעס זײַנען טאַקע אַנטשטאַ-נען די דערמאָנטע שטרײַקן, וואָס אין זייער צײַט האָבן די אַלע אויבנאָנגערו-פֿענע פֿאַרזאָגנען זיך געפֿונען אין דער מענגע אַרבעטער-שטרײַקער און אונטער-געהאַלטן די אַנטשטאַנענע אומאָרדענונגען. טעגלעך 9 אזייגער אינאָוונט פֿלעגן אַלע אַרבעטער זיך צונויפֿקומען אפן שטאָטישן בולוואַר, ווו זיי פֿלעגן אויס-גערופֿן ווערן און פֿונוואַנען זיי פֿלעגן זיך פֿאַנאַנדערגיין אהיים לויט אַ ספּע-ציעלן פֿײַף. דערבײַ זײַנען די פֿירער פֿון די שטרײַקער געווען: סטאָקלישסקי, וואָס איז מער באַוווּסט אין דער אַרבעטער־סוויווע אונטער דעם נאָמען לייזער, און טײַץ, וועלכע האָבן זיך גערופֿן ווילנער שטרײַק-אינסטרוקטאָרן, און אויך די דערמאָנטע ליטוואַק, הולניק, טאַטאַרטשיק, פֿײַוול טרייביטש. זיי האָבן אכטונג געגעבן, אַז די אַרבעטער זאָלן אויספֿילן די געבראַכטע קלאָלים, האָבן געצוווּנ-גען די באַלעבאַטים ווידער אָנעמען די אַרבעטער, וועלכע זיי האָבן אָפּגעזאָגט. בא דעם מינדסטן ברעכן די קלאָלים מיצאַד די אַרבעטער פֿלעגן זיי אַראָפּקומען אין דער שפּיץ פֿון אַ קאָמפּאַניע און פֿלעגן זיך באַטייליקן אין די גוואַלדטאַטן איבער די ניטפֿאָלגער.

צו דער צאָל מיטגלידער פֿון דער דאָזיקער געזעלשאַפֿט האָבן אויך געהערט יענטע-ביילע פֿאָדאָלעווסקי, לייע איזביצקי, וועלכע האָט אגיטירט אין די ווײַס-צײַג-נײַטערנס-וואַרשטאַטן, ריווקע ראָזאָווסקי, סאָרע פֿישמאַן, ציפּע סקאָנאָווער ראָקשאָן, יאָכע בורשטיין, נאָסן גרינשטיין, סימכע גאָלדפֿאַרב, יאַנקל קראַוועצקי ער הייסט אויך לענדער, וועלכע ווערן צוזאַמען מיט די אויסגערעכנטע אויבן פֿערזאָנען צוגעצויגן צו דעם דאָזיקן פֿאַרהער אַלס באַשולדיקטע.

---

דעם 17־טן יול 1897 יאָר איז אין דער שטאָט קאָוונע אפן פּלאַץ לעבן מיליטע-רישן קלויסטער פֿאַרהאַלטן געוואָרן אַן אומבאַוווּסטער מענטש, וועלכער האָט זיך אָנגערופֿן אַלס אַדלמאַן עדמונד זשעבראָווסקי, און האָט, באַווײַזנדיק זיך אפּ טילמאַנס פֿאַבריק, אָנגערעדט די אַרבעטער צו אַ שטרײַק און צו אַ בונט קעגן דער רעגירונג, פֿאַרשפּרייטנדיק צווישן די אַרבעטער פֿאַרשיידענע ביכ-לעך. באַם אונטערזוכן דעם פֿאַרהאַלטענעם, וועלכער האָט זיך אין דער ווירק־לעכקײַט אַרויסגעוויזן אַלס דער אַדלמאַן פֿון ווילנער גובערניע פֿעליקס עדמונדאָוו דזערזשינסקי, זײַנען געפֿונען געוואָרן אַ גרויסע צאָל נאָטיצן, אויסצוגן און

אויסשניטן פון דערלויבטע און אומלעגאלע צײַטונגען וועגן שטרײַקן, נאָרמי-רונג פון ארבעט-טאָג און ביכלאל וועגן דער ארבעטער-פראגע.

באַם פארהער איז פעסטגעשטעלט געוואָרן, אז אין אָנהייב זומער 1897 י. זײַנען אָנגעקומען אין שטאָט קאָוונע פעליקס דזערזשינסקי און דער שוסטער-שער געזעל יאָסיף אָלעכנאָוויטש. די דאָזיקע פערזאָנען האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַקאָגען און ארײַנטרעטן אין באַציִונגען מיט ארבעטער פון פארשיידענע פאבריקן און שוסטער־ווארשטאטן, און פון אָנהייב, קעדיי צו געווינען פאר זיך צוטרוי און אופגעלייגקייט, האָבן זיי פאַנאנדערגעגעבן זיי אפ צום לייענען פאר־שיידענע וויסנשאפטלעך־פאָפולערע ביכער, און נאָכדעם, לויט דער מאָס פון דער באַקאַנטשאפט מיט זיי, האָבן זיי אָנגעהויבן אָנריידן, איבערהויפּט די יונגע ארבעטער, צו אײַנאָרדענען שטרײַקן אפ די פאבריקן און אין די האנטווער-קערײַ-אונטערנעמונגען מיטן צוועק צו צווינגען די באַלעבאטים פארגרעסערן דעם ארבעטלוין און פארקלענערן די צאָל ארבעט-שאָען. אין דער זעלביקער צײַט האָט פעליקס דזערזשינסקי אָנגעהויבן דורכפירן צווישן די ארבעטער רע-וואָלוציִאָנערע אידייען, אָנווײַזנדיק, אז אויב די שטאָטישע ארבעטער וועלן זיך בונטעווען, וועלן זיך אופהייבן אויך די דאָרף־לײַט און דאַן וועט מען לײַכט זיך קענען אָפּפארטיקן מיט דער רעגירונג און גרינדן א רעפּובליק, ווי אין די צאָפן־אמעריקאנער פאריייניקטע שטאטן. דערבײַ פלעגן דזערזשינסקי און אָלעכנאָוויטש, קעדיי באַקוועמער צו באַהאנדלען די דאָזיקע פראגן, אײַנאָר־דענען סכאָדקעס הינטערן שטאָט, און קעדיי מער צו פארפעסטיקן די אידייען, וואָס זיי האָבן פארשפּרייט, פלעגן זיי לייענען פאר די ארבעטער די פארבאָ־טענע בראָשורן דער „פעטער דיאטלאָוו“, „די שווארצע קראָ“, „וואָס איז געווען און וואָס וועט זײַן“ און די סאמע זיכערע פון זיי האָבן זיי געגעבן לייענען בראָשורן מיט א רעוואָליוציִאָנערן אינהאלט.

דער רעזולטאט פון אזא פארברעכערישער טעטיקײַט פון די אָנגערופענע פערזאָנען איז געווען דאָס, וואָס אייניקע ארבעטער זײַנען פארפירט געוואָרן פון די אידייען, וואָס מע האָט זיי געפּריידיקט, און האָבן אָנגעהויבן פאָדערן פון זייערע כאָזיירים צו אָפּשטעלן די ארבעט און אײַנאָרדענען שטרײַקן, און די, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו אננטערוואָרפן זיך דער דאָזיקער פאָדערונג, האָט מען לויט דער אייצע פון דזערזשינסקין און אָלעכנאָוויטשן, געדראָט מיט קלעפּ און אפילע מיט מאָרד. מיט דעם האָבן זיי טאקע געצוווּנגען אייניקע ארבעטער צו אָפּזאָגן זיך פון דער ארבעט און האָבן ארויסגערופן א שטרײַק, וואָס האָט געדויערט צוויי וואָכן אין פארבערעזקיס שוסטער-ווארשטאט. ס'איז געמאכט געוואָרן א פּרוּוו צו אײַנאָרדענען אזא שטרײַק אויך אין זאלעס-קיס שוסטער-ווארשטאט. דזערזשינסקיס און אָלעכנאָוויטשעס מיטהעלפער אין דער זאך פון אָרגאניזירן שטרײַקן זײַנען געווען: אָנופרי געווענדסקי (בא וועלכן מע האָט בײַס דער אונטערזוכונג געפונען דעם אומלעגאלן זשורנאל „ספּראווא ראבאָטניטשאַ“ („די ארבעטער-זאך“), מיכאיל פעדאָראָוויטש און וולאדיסלאוו קורשיס. די אלע אָנגערופענע פערזאָנען זײַנען צוגעצויגן געוואָרן צו דעם דאָזיקן פארהער אלס באַשולדיקטע.

# בײַלאגעס

В январе 1898 г. был арестован М. Гуревич, отправлен в Петербург, просидел в кресте 11 месяцев и выпущен под надзор полиции на 2 года; Шалыт Вульф просидел 1 месяц.

В апреле 16-го арестованы:

Усискин Хацкель (во второй раз). Шалыт Вульф, слесарь (во второй раз). Межевецкий Пейсах слесарь. Барон Хаим, щетинщик. Терман Родя, модистка, и Эйдля, швейка.—Межевецкий и Гуревич выпущены до суда в 1899 г.—В ту же ночь арестованы два брата—слесаря: Арон и Авраам Ром, через 3 дня их выпустили.

В июне арестованы: Мендель Бас, слесарь (во второй раз), Лейба-Ице Ховзей, слесарь—нашли нелегальную литературу. Гершен Ханин, слесарь. Ханин выпущен в ноябре до суда. В июне же, во время стачки мебельщиков, арестовано 40 человек, просидели 1 день; 7 из них отправлены этапом на родину (один умер на пути). В конце июня арестованы столяр Симон и плотник Шлема, просидели 10 недель и высланы на 3 года в маленькое местечко Могилевской губернии.

В июле арестованы: студент москов. университета Борис Цейтлин и слесарь Арон Ром (во второй раз). Цейтлин выпущен через 5 месяцев, до суда. Слесарь Иосиф Банк просидел 6 недель и выслан на 1 год на родину. Четыре мебельщика: двоих из них выслали на 2 года в Оршу, другие просидели 5 месяцев и выпущены под надзор. С табачной фабрики—Мендель Эпштейн и Зорех Либуркин просидели 5 месяцев, затем высланы. Два красильщика просидели 5 недель.

В августе арестованы: плотник Мендель, просидел 10 недель, выслан на 2 года. 19 августа два плотника—Неух и Вельвель, просидели 5 месяцев, сосланы на 1 год. Плотник Федор (русский), просидел 6 недель. Два столяра—Бекша и Ича (женатый), через 4 месяца освобождены до окончания дела.

В сентябре арестован один посадчик, просидел 2 недели.

В октябре арестованы: Эйдля Шевелева, интел. Александр Трановский (во второй раз), интел., быв. под надзором. Слесарь Борух, выпущен в ноябре. В ночь ареста Трановского были произведены девять обысков у местных интеллигентов.

За все время движения было множество арестов среди интеллигентов и рабочих; происходили частые массовые и единичные аресты на 2-3 дня.

Издание Союза русских социал-демократов.
Женева.

Типография „Союза“ Geneva, Chemin de la Cluse, №7.
1899

до 45 коп. у малолетних. Отношения со стороны хсзяина к рабочим были грубые. Частые штрафы донимали более всего. Рабочий день в упаковочном отделении—12 час. с 2 час. перерывом, а в других отделениях полагается всего $1^1/_2$ часа на обед и отдых. Часто были урывания от отдыха по 10 и 20 минут. Рабочей комнаты не было. Обед приходилось есть вместе с пылью. Вентиляции почти никакой не было. Летом 1898 г. хозяин хотел уменьшить расценок и увеличить норму выработки. К тому же хозяин рассчитал одного рабочего, который ударил его любимца, способствовавшего появлению новых условий. Никто из рабочих не хотел заменить уволенного товарища, и хозяин всех, не согласившихся исполнить его требование, рассчитывал, рассчитал всего 7 человек. Это было в пятницу. В начале следующей недели хозяин нанял чернорабочих, вместо рассчитанных. Все рабочие стали волноваться и угрожать уходом с фабрики, если не будут возвращены товарищи. Хозяин стоял на своем, тогда все упаковочное отделение (40 чел.) покинуло фабрику. В тот же день хозяин послал за рабочими. Они пришли и выставили требования: 1) чтобы была уменьшена норма выработки для упаковщиков восьмушек и увеличен расценок, 2) чтобы по пятницам и воскресеньям, когда меньше работают, работали не по норме, а кто сколько сможет, 3) удалить из упаковочного отделения любимца хозяина, 4) рассчитать чернорабочих, 5) принять обратно уволенных рабочих. Все требования были тотчас удовлетворены. Жандармы узнали о стачке, когда все было уже спокойно. Был прислан фабричный инспектор. Рабочие ему рассказали об условиях труда, а тот им толковал, что хозяин и он, фабричный инспектор, пекутся о них, как о детях. Он ушел, не осмотрев даже хорошо фабрики, и донес в жандармское управление на рабочих.

Вскоре было арестовано 2 человека, один по доносу фабричного инспектора, другого выдал хозяин, как главного бунтовщика. Поднялось снова волнение, и рабочих с трудом удержали от решительных действий. Многих рабочих таскали в жандармское управление на допросы, которые продолжались около 2 месяцев. Рабочие вели себя во время допросов прекрасно. Вскоре была выстроена рабочая комната и прибавлено $^1/_2$ часа для отдыха в сушильном отделении. Явился также и доктор, который нашел почти всех рабочих больными.

**Жестянники** работали обыкновенно 14-15 часов в сутки без отдыха. Обедали в мастерской за работой. Часто работали целую ночь без прибавочной платы за это. Заработная плата колебалась от 4 до 15 руб. в месяц. В июле рабочим удалось сократить день до 13 часов, а при наступлении зимы в 7 мастерских стали работать 12 часов.

---

Для дополнения картины рабочего движения в Витебске приводим хронику арестов.

В декабре 1897 г. арестовали 6 рабочих, просидели 1 месяц.

**Портнихи.** В нашем городе работают до 200 портних. Обыкновенная мастерская состоит из 8—10 работниц. До начала борьбы рабочий день продолжался от 16—18 час. без перерыва, а во время сезона работали по целым ночам. Плата была чрезвычайно низкая. Отношение со стороны хозяев было самое грубое. Требование 12 час. раб. дня впервые раздалось среди портних в августе 1898 г. в мастерской Песи (17 девушек). Хозяйка, во избежание стачки, после некоторого колебания удовлетворила их требование. Под влиянием такого успеха без особых усилий удалось ввести 12-час. рабочий день в 15 мастерских, в которых работают до 110*) девушек (треть из них организованные, среди остальных велась лишь агитация).

13 января этого года в мастерской г-жи Тверской (10 девушек) хозяйка сделала попытку вернуть прежние условия работы. Работницы бросили работу, а через неделю хозяйка уступила. Благодаря борьбе с хозяевами, плата повысилась у старших мастериц от 7 до 11 руб., у средних—от 6 до 9 руб., у младших—от 4 до 7 руб. в месяц. Теперь плата поднялась до 8—20 руб. в месяц, вместо прежних 4—17 руб.

**Модистки.** Условия труда были самые плохие. В сезонное время работали беспрерывно и днем, и ночью. Мастерицы получали до 8 руб. в месяц, подмастерицы до 3 руб. Тех, которые жили у хозяев морили, голодом. Благодаря движению, ночные работы во время сезона совершенно прекратились, плата повысилась вдвое, обращение значительно улучшилось.

**Белошвейки.** Прежние условия труда были: день—16 час. плата мастерицам 3—7 руб. в месяц выдавалась очень неаккуратно. Благодаря движению рабочий день сократился до 12 час., плата повысилась вдвое.

В начале лета 1898 г. на корсетной фабрике Вейлеха, где работает 30 девушек, произошла стачка. Требовали 12-час. рабочего дня. Стачка окончилась победою работниц.

В декабре 1898 г. произошла стачка на Гильзовой фабрике Миркина, где работает 26 девушек. Хозяин предложил новую работу (закрытые гильзы). Работницы потребовали: 1) прибавки по 5 коп. на 1000 и 2) вместе с этим аккуратной выдачи жалования каждую неделю (раньше удерживали жалованье в продолжение нескольких месяцев). Стачка продолжалась одну неделю и окончилась полной победой работниц.

**Табачная фабрика Калбановского.** На табачно-махорочной фабрике работает 90—100 ч. (до 35 взрослых мужчин, 20 малолетних и 40 девушек). Особенно тяжела и нездорова работа в сушильном отделении, где рабочие часто наживают чахотку от табачной пыли. В сортировочном и сушильном отделениях заработная плата от 3-х до 4 руб. в неделю. В этих отделениях работают преимущественно мужчины. В упаковочном отделении заведена урочная система, и плата колеблется от 2 руб. до 2 руб. 50 к. у мужчин, от 1 руб. до 1 руб. 35 к. у девушек и от 40 коп.

*) Есть мастерские, где работают даже 25 девушек.

тить рабочий день до 12 час., 2) прибавить 2 руб. жалования в месяц и 3) не высчитывать лишнего за прогул.

После этого произошли стачки еще в некоторых мастерских с требованием 12-час. рабочего дня и повышения платы на 2-3 руб. в месяц. Везде эти требования были удовлетворены. После сезона в нескольких мастерских установили 14 час. рабочий день.

**Красильщики.** Красильщикам часто приходится работать на крышах под палящими лучами солнца. Хозяева, несмотря на требование рабочих, не дают им даже веревок, которыми они могли бы привязать себя, и потому неудивительно, если приходится слышать о несчастных случаях с красильщиками. Сезон у красильщиков продолжается 2-3 месяца (июнь—август). Рабочий день продолжался 14 час.; обедали во время работы; отдыха не было никакого. Наем рабочих происходит здесь на бирже каждое воскресенье. В конце июля, неделю спустя после стачки плотников и белых столяров, красильщики потребовали 12 час. рабочего дня. Через два дня мелкие подрядчики сдались. Во все время стачки на бирже (на рынке) бегали жандармы и хозяева-шпионы, стараясь словить главных бунтовщиков. но все рабочие вели себя очень спокойно; арестовали 2-х человек, одного сына подрядчика по доносу его же отца. После недельной стачки рабочим пришлось начать работу на старых условиях.

**Плотники и столяры.** Самое горячее время у плотников длится всего около 4 месяцев в году. Тогда при 14-15-час. рабочем дне они получают от 6-7$^1/_2$ руб. в неделю. В остальное несезонное время многие не имеют работы; плата падает до 3—5 руб. в неделю. В последних числах июля среди плотников вспыхнула стачка, которая превзошла по числу принявших в ней участие рабочих все прежние стачки в нашем городе. Рано утром огромная толпа плотников собралась на бирже. По мере того, как прибывали все новые группы рабочих, воодушевление среди собравшейся массы все более и более возрастало. Явился жандармский начальник с ад'ютантом, с жандармами и шпионами, которые рыскали в толпе, прислушиваясь к тому, что говорили рабочие. Приехал также полицеймейстер с целой шайкой полицейских. Масса держалась спокойно и мужественно. Она энергично требовала 12 час. раб. дня. Полицейские и жандармы, опасаясь бунта, не прибегали к решительным мерам. Хозяева в первый день не сдались, и рабочие спокойно разошлись по домам. На второй день повторилось то же самое. Масса держалась единодушно и твердо стояла на своем требовании. Хозяева начали поддаваться. На третий день уже работали 150 человек. Около 50 человек ходили еще без работы... Когда недели 3 спустя сезон приходил уже к концу, рабочие стали терять то, что им удалось завоевать: рабочий день начал удлиняться,—снова начали работать от 8 час. утра до 10-11 час. вечера; теперь работают от 8 до 8 час. Вместе с тем повысилась несколько и заработная плата, с 3 до 3$^1/_2$-4 руб. в неделю.

**Портные**. В портняжном ремесле насчитывают до 130 рабочих. На мастерскую приходится от 2-х до 10-ти рабочих, большей частью по пяти человек. Рабочий день обыкновенно продолжался от 6-7 час. утра до 11-12 час. ночи, причем около двух дней в неделю приходилось работать всю ночь напролет. Заработная плата была от 3-х до 5-ти руб. в неделю. Все эти условия труда были приблизительно одинаковы как для работавших поштучно, так и нанятых на сроки. Подростки от 13-17 лет при той же продолжительности рабочего дня получали от 15 до 50 руб. за 2 года. За переделки, сколько бы их не приходилось производить, особо не платили. Среди портных движение началось еще с пасхи 1897 г. За все время до стачки дошло дело только в мастерской Борера перед пасхой 1898 г. где работало 6 человек. Рабочие потребовали повышения платы. В движении приняло участие более 100 человек. Рабочим удалось уничтожить ночную работу, установить 14-час. рабочий день и отказаться от бесплатных переделок. От сокращении рабочего дня работавшие поштучно ничего не потеряли, так как одновременно повысились расценки, как это видно из следующей таблицы:

| За | До начала борьбы | Теперь |
|---|---|---|
| Пиджак . . . | 1.25 к. — 1.75 к. | 1.75 к. — 2.00 к. |
| Визитку . . . | 2.— — 2.25 к. | 2.50 к. — 2.75 к. |
| Сюртук . . . | 2.25 к. — 3.— | 3.— — 3.25 к. |
| Осеннее пальто . . | 2.— — 2.25 к. | 2.50 к. — — |
| Зимнее пальто . . | 2.50 к. — 3.— | 3.— — — |
| Брюки и жилет . . | 50 к. — 70 к. | 70 к. — 90 к. |

Понедельная плата поднялась с 4 руб. 50 к.—5 руб. Подростки получают теперь от 30 руб. до 88 руб. за 2 года. Ученики, несмотря на заключенные раньше условия, добились прибавки от 5 до 10 руб. При прежних условиях труда было много мелких хозяев, обзаводившихся только одними учениками; теперь же, благодаря повышению заработной платы и сокращению рабочего дня, эти мастерские прекратили свое существование.

**Заготовщики**. До начала движения среди заготовщиков рабочий день продолжался от 15-16 час., а в сезонное время работали часто по ночам без особого вознаграждения. Рабочая плата работающих при машине была от 6 до 7 руб. в месяц, а склейщиков до 4-5 руб. Рабочие, а особенно ученики, должны были сносить самое грубое обращение со стороны хозяев; учеников часто даже били за каждую мелочь. В начале марта 1898 г. в мастерской Рейтбарти вспыхнула стачка. Хозяин принужден был согласиться на следующие требования: 1) выдавать плату еженедельно, 2) прибавить по 3 руб. в месяц. В конце марта в мастерской Кагана произошла стачка по следующему поводу. Хозяин предложил работать 13 часов (7 до 8) с 2-х час. отдыхом. Рабочие согласились. Но оказалось, что хозяин каждые просроченные 5 минут засчитывал за целый час. Рабочие прекратили работу. Стачка продолжалась 7 недель. Хозяин должен был уступить и удовлетворить требования рабочих: 1) сокра-

ских рассчетные книжки с вышеупомянутыми условиями. 1-го один хозяин отказал пяти рабочим. Тогда 25 человек подмастерьев и 10 учеников прекратили работу. Стачка продолжалась уже пять недель, а полиция о ней и не знала. Когда наконец это дошло до полицмейстера, он потребовал хозяев и переписал всех рабочих. Вскоре было арестовано 40 человек,—кто на улице, кто у себя дома,—в том числе 10 рабочих из других ремесл. Полицмейстер велел (!?) рабочим взять хозяйские книжки и выпустил их, задержав однако семерых. Рабочие явились в ремесленную управу и потребовали, чтобы голова прочел им устав о ремесленных заведениях. Голова пытался пропустить ст. 431 о 12-тичас. рабочем дне, но рабочие уличили его в этом, и он принужден был прочесть эту статью. Тогда хозяева захотели сбавить рабочим от 4-х до 5-ти руб. в месяц. Рабочие слышать не хотели об этом, и соглашение на этот раз так не состоялось. 7 человек, оставшихся под арестом, были препровождены этапом на родину. Вскоре они вернулись обратно в Витебск, но не все. Один из них заболел во время этапа; несмотря однако на болезнь, его заставили все время идти пешком. Он не вынес этого истязания и, проболев две недели, умер.

В сентябре мебельщики выиграли стачку. Многие хозяева согласились на 12-тичас. рабочий день. Заработная плата повысилась на 2 руб. в месяц. Но остались еще и такие мастерские, где работают более 12-ти час. в день. Многие рабочие ходят еще и теперь без работы, потому что их не хотят брать на работу.

**Посадчики.** Рабочий день до начала борьбы длился от 5-6-ти часов утра до 8-9-ти час. вечера с $1^1/_2$ час отдыхом. Происходившие в других местах стачки испугали хозяев, и в июле 1898 г. во всех мастерских стали работать по 12-ти час. в день (кроме одной). Осенью хозяева стали требовать, чтобы работали больше 12-ти час. В мастерской, где хозяин раньше других потребовал удлинения рабочего дня, рабочие бросили работу. Хозяин после долгих поездок достал 3-х русских рабочих из Калуги, которые принялись за работу на старых условиях. В другой мастерской такое же требование хозяина вызвало также стачку; рабочие, потеряв три дня, принуждены были согласиться на 13-ти час. рабочий день. Еще в одной мастерской хозяин тщетно пытался удлинить рабочий день и после 5-тидневной стачки уступил, увеличил заработную плату и уплатил за прогульное время. В гамбурской мастерской Гуревича произошла стачка, длившаяся 2 недели и кончившаяся победой рабочих. Месяца через два там вспыхнула новая стачка, длившаяся около 2-х месяцев. 12-го января настоящего года в одной майстерской хозяин заявил рабочим требование, чтобы у него работали 14 час. в день. Рабочие в числе 6-ти человек бросили работу. Стачка еще не окончена в настоящее время. Движение в нашем ремесле отразилась на некоторых маленьких окрестных городках, где теперь работают 12 час. в день. Плата за время борьбы повысилась в $1^1/_2$ раза.

арестован: несмотря на это и несмотря на угрозы ремесленной управы и полиции*), стачечники держались стойко. Так продолжалось недели $1^1/_2$. Тогда ремесленный голова решил прибегнуть к розгам чтобы сломить „упорство“ учеников. Уже были сделаны надлежащие приготовления, и только прибежавшим мастерам с трудом удалось спасти своих детей от такой гнусной и дикой расправы. В ноябре ученики принуждены были мало по малу приступить к работе (некоторые продержались больше 9 недель). 21 февраля 1899 г. в плуговой мастерской Крубича возобновилась работа,—он принужден был удовлетворить требование рабочих и согласиться на 12-часовой рабочий день. Теперь плата везде поднялась до 8—20 руб. в месяц, вместо 4—17 руб.

